STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06073

SHABES, YONTEF UN VOKH IN MEDINES YISROᵃL

Jacob Botoshansky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שבת־יום־טוב און וואָך
אין מדינת ישראל

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Jacob Botoshansky

JACOB BOTOSHANSKY

Sábado - Fiesta y Días Habiles en Israel

(SHABES-IOMTOW UN WOJ IN ISRAEL)

Impresiones de 2 viajes

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

Buenos Aires, 1958

INDUSTRIA ARGENTINA

הילע געצייכנט פון לעאָן פּאַך

דאָס פּאַפּיר פאַר אָט דעם בוך האָבן געגעבן פאָלגנדיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס:

ייִדישע קהילה — מאָנטעווידעאָ.

בעסאַראַבער ל״לפאַרבאַנד — סאַנטיאַגאָ, טשילע.

בעסאַראַבער ל״ל־פאַריין אין אַרגענטינע.

די קרעדיט־קאַסעס:
„פלאָרעסטאַ“, „וויזשאַ לוראָ“ און „וועלעז סאַרספּיעלד“.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון אָט די פריינט:

דזשאָן קאָמאַראָווסקי — ניו־יאָרק.

אַלעקסאַנדער מיילעכזאָן און ישראל פּאָליאַק — סאַנטיאַגאָ, טשילע.

משה ראַבינאָוויטש — קאָרדאָבאַ.

יעקב לאַמשטיין — מאָטעווידעאָ.

אין בוענאָס איירעס: מ. אַבזאַץ, ל. אַלטמאַן, סימאָן אָרנשטיין, דוד הירש, מ. ווינאָגראַד, מ. ווײַנטרויב, א. בערמאַן, ג. הערטהיים, מ. זילבערט, ס. מאַטראַכט, ל. נעמיראָווסקי, חיים סטיר, מאַריאַנאָ פעלדשטיין, א. פאַבריקאַנט, אייזיק פורמאַן, אהרון פּאַטליס, אַלפרעדאָ קאָרן, באָריס קנאָבל, יחזקאל רובינשטיין, י. שבח, רפאל שאַלקאָוויטש און מאַרקאָס שלימאָוויטש.

אינהאַלט

I — אין דער אייניאָריקער יידישער מדינה:

אַ הקדמה צו באַהאַלטענע מאמרים — 9
פליענדיק און אַנקומענדיק — 11
געלבלום און „צנע״ — 19
דאָס ערגסטע, וואָס איך האָב געזען... — 24
צווישן „גרינע״ און געלע הערשט נישט קיין אידיליע, אָבער... 35
קלמן האָט דערציילט און כרמלה לעבט — 39
עקיר החדשה און איגזים — נסים פון „גרינע״ — 46
אַ קאַפּיטאַן ווייזט אונדז ווי יידן קומען — 56
זכרונות און פאַקטן — 62
רביים און אַפּיקורסים פאַרן קיין באר שבע — 65
...ביחידות איז נאָך שווערער — 70
קריה און כנסת — 79
אין מיניסטעריום פאַר רעליגיעס — 87
אליעזר קאַפּלאַן דערקלערט די פינאַנצן און דערזאָגט נישט — 94
גאָלדע מאירסאָן רעדט וועגן בויען — 101

II — צום אַכטן יאָרטאָג און אויף דעם נייַנטן יאָר:

מ׳האָט זיך געגרייט און ניט גערעדט — 111
בצאת ישראל ממצרים — 117
פונקט ווי אין דער פרשה בשלח — 126
דריי מאָמענטן — דריי עיקרים — 136
לאָמיר אָנהייבן מיט סדום — 139
אילת — אַ בליענדיק ווינקל אין מדבר און נאָך עפּעס — 147
די שטאָט פון אברהם אבינו, די הויפּשטאָט פון נגב — 157
אַ שמועס מיטן נשיא פון מדינת ישראל יצחק בן צבי — 169
אַ חתונה אין עין השלושה — 176

אין אַ דאָרף פון אַלטע לייט — — — — — — — — — — — — — — 182

אַרגענטינער יידישע קינדער באַוואַכן מדינת ישראל אין סאַמע לייבן־פּיסק — — — — — — — — — — — — — — — 193

דאָס בלימל פון לכיש און די אייביקע געשיכטע פון א״י — 198

אויף די ברענענדיקע חורבות פון וואַרשע אין ישראל — — 210

פייערפליגן אין שרון — — — — — — — — — — — — — 219

אַ קבר, וואָס רעהאַביליטירט די גבירים — — — — — — — 229

אַ פאָלק באַוואָפנט זיך, אַרבעט, זינגט און טאַנצט — — — — 236

שבת אין ישראל איז די כלה — — — — — — — — — — — 245

הייליקע קריסטלעכע ערטער — — — — — — — — — — — 254

די פונקען פון ירושלים — — — — — — — — — — — — 263

זיידע, האָק נישט קיין טשייניק — — — — — — — — — — 276

די טרוקענע ביימער האָבן געערדט — — — — — — — — — 284

שלום־משוגעת און שעפּעלע־קאָמפּלעקס — — — — — — — 293

צווישן טויטע, וואָס זיינען לעבעדיק — — — — — — — — 303

אַ וואונדער, וואָס מען באַשרייבט נישט — — — — — — — 312

אַ שפּאַציר איבער יפו־דזשעבעליע — — — — — — — — 322

אין עקוועלט פון אַ קאַבאַרעטל אין רמת גן און אין מיט־וועלט 331

„די ערד און דער הימל, די טייכן, די בערג און דער ים זיינען אונדזער לעבן" — — — — — — — — — — — — — 340

יידיש אין מדינת ישראל — — — — — — — — — — — — 348

יידיש האָט נישט בלויז פאַרוויינטע אויגן אין ישראל — — 358

דער 24סטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין ירושלים — — — 366

I

אין דער אייניאָריקער ייִדישער מדינה

אַ הקדמה צו באַהאַלטענע מאמרים

אַ קורץ שטיק צייט, פאַר פּסח התשטי"ז (1956) האָב איך, דער מחבר פון אָט דעם בוך, זיך אויפגעהויבן מיט אַן עראָפּלאַן און געפלויגן דורך פאַרשידענע אַמעריקעס און ניו־יאָרק און דורך שטיקער אייראָפּע קיין ישראל. געפלויגן אַהין בין איך צום דריטן מאָל. צום ערשטן מאָל בין איך געפלויגן אַהין אין מאַי 1948 — התש"ח — און איך בין אַהין אָנגעקומען אין טאָג פון 13טן מאַי — ד' אייר — איין טאָג איידער מען האָט פּראָקלאַמירט די מדינה און איך האָב געהאַט דעם גרויסן כבוד און דאָס גרויסע גליק ביי־צוזיין אין תל אָביבער זאַל פון דיזנגאָף־מוזיי די הכרזה פון מדינת ישראל און צו זיין שוין אין אונדזער מדינה די גאַנצע צייט פון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה און איך האָב דאָס אַלץ באַשריבן אין מיין בוך „בראשית פון מדינת ישראל", וואָס איז דערשינען אין צוויי בענד אין יאָר 1949. צום צווייטן מאָל בין איך געפלויגן קיין מדינת ישראל אין יאָר 1949 און איך בין דאָרט געווען אַ קנאַפּע צוויי חדשים.

צום ערשטן מאָל האָב איך מער ווי אַלץ געפילט יום־טובדי־קייט אין מדינת ישראל. די פּראָקלאַמירונג איז געווען אַ געמיש פון כל נדרי און שמחת תורה. און אַפילו ווען עס איז געווען תשעה באָב, ווען יחידים האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער און דער כלל האָט פאַרלוירן געוויסע פּאָזיציעס און באַזונדער אַלט־ירושלים, איז דער טרויער אויך געווען אַ יום־טובדיקער. עס איז ניט געווען קיין טרויער אויף חורבן, נאָר אַ טרויער פון בויען, וואָס זאָגט צו פרייד. זאָל אייך ניט קלינגען ווי קיין גוזמא, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז די מלחמה גופא, איז געווען — יום־טובדיק... די קנאַלן פון אונדזע־רע געווערן און פון אונדזערע קוילן, וואָס איז די ערשטע צייט געווען ניט געניגנדיק, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ מאַנגל אין דעם, בעת דער שונא האָט דאָס געהאַט צופיל, אויך דאָס דאָזיקע קנאַלן האָט געהאַט אין זיך מוזיק. צום צווייטן מאָל האָב איך געטראָפן כמעט בלויז וואָכעדיקייט. עס האָט געגעבן אַ קום אַן אַ גרויסע עליה אויף אַמאָל און סאיז שווער געווען זי קולט צו זיין און דער

טרויער פון די ליידן איז געווען גרעסער ווי די פרייד פון בויען. איך בין געווען אין לאַגערן פון שארית הפליטה אין איטאַליע. איך האָב געזען אין אַ לאַגער פון טשינע טשיטאַ (קינאָ־שטאָט) ביי רוים פליטים לעבן אין אַזאַ נויט און אין אַזאַ מאַנגל אין קלענסטן ביסל אינטימיטעט, אַז פאַר חיות וואָלט דאָס געווען צו־שווידערלעך. און דאָך האָבן מיר יענע לאַגערן ניט אַזוי פאַרצווייפלט געמאַכט, ווי עס האָבן מיך יאושדיק געמאַכט די לאַגערן אין מדינת ישראל. אין איטאַליע איז דאָך געווען סוף פון חורבן, בעת אין ישראל האָט דאָך געדאַרפט זיין אָנהייב פון בויען. איך האָב געזען אין לאַגער פון פּרדס חנה אַזאַ מענטשלעכע נויט, וואָס האָט צערודערט ביז אין די טיפסטע טיפענישן. דאָרט זענען געווען אַלע זיבן אָפּטיילונגען פון גיהנום, אינייניעם מיט דער אַכטער אָפּטיילונג. איך האָב געזען אויך דעמאָלט אַ סך גרויסקייט און העלדישקייט און דערהויבנקייט. איך האָב מיינע זעענישן און איבערלעבונגען באַשריבן אין „די פּרעסע", אין דער ב. איירעסער יידישער צייטונג, מיט וועלכער איך בין פאַרבונדן זייט 1923 און אין פאַרשידענע אויסגאַבן אין פאַרשידענע אַמעריקאַנער און אייראָפּעיִשע לענדער און ווען איך האָב באַמערקט, אַז ווען די מאמרים, וואָס שילדערן די ליידן רעדט מען מער ווי וועגן די דאַזיקע, וואָס שילדערן דעם העראָיִזם און די פרייד, האָב איך די איינדרוקן פון דער צווייטער ישראל־נסיעה ניט געוואָלט פאַרעפנטלעכן אין קיין בוך. איך האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט מיך אָננעמען פאַר אַ מרגל, וואָס איז מוציא דבה אויף דער מדינה און דאָס דאַזיקע איז פאַר מיר פשוט געוואָרן אַ פּאַניק. האָב איך אויף אַ צייט דן געווען בגניזה מיינע מאמרים וועגן דער צווייטער נסיעה.

און איצטער, ווען נאָך זיבן יאָר, האָב איך ווידער געמאַכט אַ נסיעה קיין ישראל און איך האָב דאָרט געזען אַזעלכע זעענישן, וואָס האָבן מיר כסדר געהאַלטן אין איין דערמאָנען אין דעם הזורעים בדעה ברנה יקצורון (די וואָס זייען מיט טרערן, וועלן שניידן מיט געזאַנג) און וואָס האָבן מיר ניט אויפגעהערט צו זאָגן און זינגען: **פאַר דעם צער איז געקומען נחת**, האָב איך אַרויסגע־נומען די באַהאַלטענע מאמרים פון 1949 און איך גיב זיי ווי ליידן, וואָס מען דערציילט אין פריידן, אונטער דעם נאָמען „אין דער איין יאָריקער מדינה", אונטער וועלכן איך האָב זיי בשעתם פאַרעפנט־לעכט.

פליענדיק און אנקומענדיק

געזאָלט האָבן מיר אָנקומען צום מ צ ע ד (פאַראַד) פון ערשטן י ו ם ־ ה ע צ מ א ו ת, אָבער מיר האָבן פאַרשפּעטיקט, בכדי נישט געהרגעט צו ווערן און מיר האָבן ערשט געדאַרפט זיין גאַנצע דריי טעג אין צ י ר י ך. האָבן מיר אין אָט דער שווייצאַרישער שטאָט אָפּגענומען גרוסן וועגן דעם דורכגעפירטן יום־העצמאות, וואָס איז נישט געלונגען, ווייל עס איז צו דעם דאָזיקן פאַראַד געקומען אַ סך מער מענטשן, אויף צוויפל מען האָט זיך גערעכנט. שטאָט אַ פערטל מיליאָן זענען געקומען גאַנצע פיר הונדערט טויזנט. נישט שטענדיק איז ברוב עם הדרת מלך. אַמאָל מאַכט צופיל עולם ערגער די שמחה. אַזש קיין ציריך האָט געגרייכט דער וויץ, אַז בן־גוריון איז אַזוי בייז געוואָרן פאַר דער שלעכטער אָרגאַניזאַציע פון יום־העצמאות־פאַראַד, אַז ער האָט אויסגעשריען מיט צאָרן:

„איך האָב פון דאַנען אַרויסגעטריבן די מיצרים,
איך האָב אַרויסגעטריבן די סיריער,
איך האָב אַרויסגעטריבן דעם לעגיאָן
און איך וועל נאָך אַרויסטרייבן די יידן אויך...״

די ישראל־יידן קענען נישט נאָר זיך פאַרטיידיקן, נאָר זיי קענען אויך מאַכן וויצן.

האָבן מיר זיך באַרויקט, וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן צו קומען צום גרויסן יום־טוב און מיר זיינען אַוועק קיין באַזעל אָנקוקן דעם קאַסינאָזאַל, וווּ עס איז פאַרגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס.

מיר זיינען אַריינגעפאַלן קיין באַזעל אין דער צייט פון אַ גרויסער אויסשטעלונג. אייגנטלעך איז דאָס געווען אַ פעריע, וואָס האָט דערמאָנט אין אַמאָליקן לייפּציקער יאַריד. מען האָט פון אַ זייטיקן בליק געקענט כאַפּן, אַז איראָפּע פּרוווט זיך אויפבויען מיט דער הילף פון לעצטן געשריי פון דער ציוויליזאַציע. און מ׳האָט געקענט זען, אַז עס וועט נאָך זיין אַ מענטשלעך לעבן אין איראָפּע, עס וועלן נאָר נישט לעבן די דאָזיקע, וואָס זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן.

די מעגלעכקייטן צו בויען זיינען קאָלאָסאַלע.

— אין צען מינוט קען מען אויסבויען אַ גאַנץ הויז — שרייט איי־נער.

איך פרעג זיך אין געדאַנק:

— און וויפל טויזנטער הייזער קען מען צעשטערן אין צען מינוט? פאַר וועמען בויט זיך אייראָפּע אויף? פאַר דעם מענטשנס לעבן, צי בכדי צו שטילן דעם הונגער פון אַטאָמישע און אַנדערע באָמבעס...

דער יאַריד האָט פון באַזעל געמאַכט אַן אַנדער שטאָט. איך געדענק זייט שטענדיק אַן די דאָזיקע שטאָט, ווי אַ פאַרשלאָפענע און אַ געגעצ־דיקע און היינט זע איך זי אַן אויפגעוועקטע, אַן אומרויקע, אַ שטורמישע. טראַמווייען, אָמניבוסן, אויטאָס לויפן, פליען און קלינגען. קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען, שענקלעך זיינען איבערפולט. מען דערלאַנגט נישט קיין שטאַרק געשמאַקע עסנס און געטראַנקען און אַפילו נישט קיין שטאַרק פרישע זאַכן.

קאַלטע געטראַנקען זיינען וואַרעם.

הייסע געטראַנקען זיינען קאַלט.

נאָר אויפן בוידעם אַ יאַריד... עס הייבט מיר זיך אָן אויסוויייזן, אַז ס'איז נישט אין באַזעל אַ יאַריד. מיר פאָרן צו מיט אַ ציטער צום קאַ־סינאָ. איך בעט אַ דערלויבעניש צו באַקוקן דעם זאַל, וווּ עס איז פאָרגע־קומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס. מען ווייסט ביים אָנהייב נישט, וואָס איך מיין. ערשט ווען איך זאָג „דער יודען־קאָנגרעס", כאַפּט מען זיך און מען ענטפערט אונדז זייער העפלעך, אַז כאָטש ער איז איצ־טער געשלאָסן, וועט מען אים אונדז ווייזן. די העפלעכקייט איבערשטייגט אַלע גרענעצן.

— ווייסן זיי, אַז פופציק יאָר נאָך „דעמאָלט" איז יענער פראָקלאַ־מירטער אידעאַל פאַרווירקלעכט געוואָרן, צי מען ווייסט, אַז פאַר דעם העפלעכן ווייזן וועלן מיר גיבן אַ טרינק־געלט?

— זיי ווייסןביידע זאַכענישן...

...און אָט איז דער היסטאָרישער זאַל, וווּ הערצל האָט פראָקלאַמירט דעם אידעאַל פון אַ יידישער מדינה. אַ געוויינלעכער קאָנצערט־זאַל אין אַ מיטעלער שטאָט. אַ קליינע גאַלעריע, אַ גאַנץ היפּשער פּאַרטער און אַ גרויסע בינע. כמעט אַ טעאַטער־בינע. פאַראַן פּלאַץ פאַר אַ ריזיקן אָר־קעסטער. אויף דער בינע ערשט אַ העכערונג מיט אַ שטענדער. אַ פּלאַץ פאַר אַ דיריזשאָר, אָדער סאָליסט. דאָ איז געשטאַנען הערצל. דאָס איז

הערצלס באַרג־סיני. עס דערמאָנען זיך מיר היינעס ווערטער: „ווי קליין ביסטו, באַרג סיני, ווען משה שטייט אויף דיר!״ און עס גלוסט זיך פּאַ־ראַפראַזירן און זאָגן: „ווי קליין ביסטו, קאַסינאָ־זאַל, ווען הערצל שטייט אויף דיר״. איך הער אָט דאָ דאַכט מ׳יר, נאָך אַן אָפּקלאַנג פון הערצלס קול און אין דער זעלביקער צייט פאָרן יידן פון אַלע עקן וועלט אין דער ידישער מדינה אַריין... צענדליקער טויזנטער פאָרן, מיליאָנען טראַכטן וועגן פאָרן...

...און אָט פאָרן מיר שוין אַליין אויף קיין ישראל! מיר זיצן אין אַ גרויסן עראָפּלאַן, וואָס פירט אונדז גלייך פון צירך קיין לוד. ער שטייט בישט אין ערגעץ. צען שעה דורכאַנאַנד פליט ער. דאָס איז דער לענגסטער פלי, וואָס מיר האָבן געהאַט. און דאָ און דאָרט אַ גאַנץ שווערלעכער פלי. איבער די אַלפּן פליט מען און ס׳איז זייער הויך. די לופט איז שיטער. אייניקע זיינען גאַנץ בלייך, נאָר דער קליינער, פיר־יאָריקער יאַט, וואָס הייסט אויף יידיש נח און אויף שפּאַניש ענריקע, נאָר ער איז נישט בלייך.

— וואָס זשע וועסטו טאָן, נח־ענריקע אין ישראל, אַז דו קענסט נישט קיין העברעיש?

— מיין טאַטע וועט אויסלערנען און דערנאָך וועט ער מיך אויס־לערנען.

שווער איז געוואָרן ערשט אין דער פרי. דריי אַזייגער איז געוואָרן טאָג. דאָ איז שוין געווען פינף. מיר האָבן שוין ווידער פאַרלוירן צוויי שעה. איך האָב צופעליק צוויי זייגערס, זע איך, אַז בעת דאָ איז שוין פינף פאַרטאָג, איז אין בוענאָס־איירעס ערשט עלף ביינאַכט. די נאַכט איז מען אָפּגעשלאָפן אין עראָפּלאַן גאַנץ גוט, אָבער פאַרטאָג איז גע־וואָרן אַ שטורעם. מיר האָבן שוין געהאַט געזונגען לידער. אַ יונגער לאַב־דאָנער רב מיט אַ רביצן האָבןביידע שיין געזונגען און אַלע האָבן מיט־געהאָלפן. און פלוצים אַ שטורעם. צו גרינג ווילט איר אַריינקומען קיין ארץ־ישראל — זאָגט דער שטורעם.

און ער שאָקלט דעם עראָפּלאַן.

צוויי שעה איידער מיר זיינען אַריינגעפלויגן קיין לוד איז געוואָרן דער ירגזון אין דער לופטן; דער שטורעם איז געווען אויפן ים און ער האָט זיך איבערגעגעבן דער לופט און דער עראָפּלאַן האָט זיך געוואָרפן אַלציינס ווי עס וואַרפט זיך אַ שיף, ווען ס׳איז אַ גרויסער שטורעם. כמעט אַלע פּאַסאַזשירן זיינען געווען בלייך; אייניקע זיינען טאַקע געוואָרן גרין;

ווער ס׳האָט מער און ווער ס׳האָט ווייניקער מורא געהאַט, אָבער געציטערט האָבן אַלע; עס האָט געדרייט אין בויך, אין די קישקעס, עס האָט געגרייכט ביז צום האַרץ, ווו ס׳האָט געגאַגט אַ נישט־גוטקייט און עס האָט געוואָרגן ביים האַלדז.

— וויל אונדז דער אייבערשטער נישט אַריינלאָזן קיין ארץ־ישראל?

— פאַרוואָס?

— דער בעל־שם איז געפאָרן, ווען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז געווען אין גלות, היינט איז אַ דריטל יידיש פאָלק אין גלות אויסגעהרגעט און די אַנדערע צוויי דריטל זיינען אויפן וועג קיין ישראל. ווער עס פאָרט שוין, ווער עס גרייט זיך, ווער עס טראַכט צו פאָרן...

און דער שטורעם האָט טאַקע אויפגעהערט. אפנים, אַז דער אייבערשטער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט פאַרוואָס צו שטערן יידן אַריינצוקומען אין זייער לאַנד אַריין...

די לופט איז געוואָרן רויק.

די מענטשן זיינען געוואָרן רויק.

איך האָב נישט פאַרוואָס צו פאַרשווייגן, אַז די באַהאַנדלונג אויף דעם עראָפּלאַן, וואָס האָט אונדז געפירט פון ציריך קיין לוד איז געווען ערגער, ווי די באַהאַנדלונג אויף דעם פריערדיקן עראָפּלאַן. מיר זיינען געפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן פון דער אַפריקאַנישער געזעלשאַפט „דרור“. איין באַדינער איז דאָרט קוים געווען. ער האָט זיך ביים אָנהייב געוויזן און דערנאָך איז ער פאַרשוווּנדן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, ווייל ער האָט גאָרנישט געהאַט צו געבן, אַפילו נישט אַביסל וואַסער. עס איז בפועל ממש געווען אַ סקאַנדאַל. מענטשן איז נישט גוט געוואָרן און ס׳איז נישט געווען מיט וואָס זיי צו איינגעצן די שלייפן. שוין אָפּגערעדט, אַז קיין טרונק וואַסער איז נישט געווען. מענטשן האָבן געהאַט קאָפּווייטיק, זיי האָבן איינגענומען אַספּירין און האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו פאַרדייען דעם מעדיקאַמענט. דער פּילאָט איז געווען אַ גלענצנדיקער, דאָס פירן דעם עראָפּלאַן איז געווען נישט ערגער ווי משהס פירן די יידן איבער דעם ים, אָבער מענטשן זיינען דאָך אויך מענטשן, נישט נאָר פּאַסאַזשירן...

...און אָט זיינען מיר אין לוד. גראַד זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ טאָג פון אַ „חמסין“ (כאַמסין) און די טרוקענע היץ האָט געאַרבעט מעשים און זי האָט זיך גענומען צו הילף אַ הייסן ווינט... מאָלט אייך: אין בוע־

נאָס־איירעס קען אַמאָל אַ שלאָג טאָן אַ היץ אָן אַ „חמסין" אויף אַ צען טעג, וואָס זאָל זיין אַ סך ערגער, אָבער אין בוענאָס־איירעס קלאָגט מען זיך נישט. די היץ האָט מסתמא אַלע מענטשן געמאַכט נערוועז. די באַאַמטע פון היפשן עראָדראָם אויך. מען האָט אונדז געהאַלטן אין עראָפּלאַן, ווען ער איז שוין געשטאַנען, מער ווי מען האַלט פּאַסאַזשירן אין יעדן אַנדערן עראָדראָם אין דער גאַנצער וועלט. מסתמא פעלט אַביסל פּראַקטיק.

(די „אל על" עראָפּלאַנען האָבן היינט ברוך השם אַ פּערפעקטע באַדינונג).

...און אָט ווידער אויף דעם ארץ־ישראל־באָדן. ווידער גלוסט זיך מאַכן אַ „שהחיינו" און ווידער גלוסט זיך קושן די ערד. אָבער מיר לעבן דאָך נישט אין קיין פּאָעטישע צייטן און עס קומט אַ סעריע פון פּראַזאַישע זאַכן. מען רעווידירט די פּעסער, מען דעקלאַרירט געלט, מען רעווידירט די קעסטלעך. און עס איז באַשערט געווען צו ווערן באַלד דער עדות פון אַ פּיינלעכן קאָנפליקט, וועלכן איך געפין ווידער נישט פאַר נייטיק צו פאַרשווייגן. איינעם פון די אַרגענטינער פּאַסאַזשירן רעווידירט פּונקט אַ ספרדי. רעדט ער נאָר העברעיִש און ענגליש. קיין שפּאַניאָליש אויך נישט. ענגליש אויך נישט זייער גוט. און דער אַרגענטינער רעדט נישט קיין העברעיִש און ענגליש רעדט ער אויך נישט גוט. מאָנט ער איינעם, וואָס קען יידיש. אין ניו־יאָרק וואָלט מען אין אַזאַ פאַל באַלד צוגעשיקט איינעם, וואָס קען יידיש. אַפילו איינעם, וואָס קען כינעזיש, וואָלט מען אויך געשיקט. אין לוד איז צוגעקומען איינער, וואָס קען זייער שלעכט יידיש און זייער שלעכט דייטש און געפינען האָט ער פאַר נייטיק צו ריידן דווקא דייטש און דערקלערט האָט ער, אַז דאָ טאָר מען איבערהויפּט נישט ריידן קיין יידיש, דאָ דאַרף מען ריידן העברעיִש.

— און אַז מ'קען נישט, דאַרף מען נישט רעווידירן די פּעקלעך?

און דער שעף אַליין האָט זיך אַריינגעמישט. אַ פּוילישער ייִד און גערעדט האָט ער דייטש און ער האָט אַנטוויקלט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע טעאָריע. פאַראַן, האָט ער געזאָגט, דריי אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַכן, ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש; יידיש איז „נישט קיין אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, קען מען דאָ נישט ריידן..." האָב איך גענומען שרייען מיט מיין קול און נישט מיט מיין קול און אי אויף יידיש, אי אויף העברעיִש, אַז

„אַ בראָך צו די יאָרן, אַז אין ערעדראַם פון דער ייִדישער מדינה מוז מען מיטן צאָל־אַמט־באַאַמטן ריידן היטלערס שפּראַך, אָבער נישט די שפּראַך פון די מיליאָנען ייִדישע קדושים". די באַאַמטע האָבן זיך דערשראָקן פאַר מיינע באַנומענע קולות און עס איז געוואָרן שטיל און מיר זיינען אַלע אַוועקגעפאָרן פון ערעדראַם מיט אַ שטיקל ווייטיק ביים האַרצן.

איך האָב דאָס דערנאָך דערציילט דעם „שר העליה" (מיניסטער פאַר אימיגראַציע) ה' משה שאַפּיראַ, וואָס איז אויך אינערן־מיניסטער און ער האָט צוגעזאָגט די זאַך צו דערליידיקן און איך גאַראַנטיר אייך, אַז פון היינט אָן און ווייטער, וועט שוין ייִדיש זיין אַ גלייכבאַרעכטיקטע און ווילגענומענע שפּראַך אין ייִדישן צאָלאַמט פון ייִדישן ערעדראַם אין לוד...

בכדי צו דאַרפן אויסמיידן זיך נאָכאַמאָל אומקערן זיך צו דער שפּראַכן־פּראַגע, וואָס איז יאָ און נישט אַ פּראָבלעם אין מדינת ישראל, וועל איך דאָ באַלד באַמערקן, אַז אַ שלעכטע באַציִונג צו ייִדיש איז פאַראַן ביי די נידעריקסטע באַאַמטע. זיי מיינען עד־היום, אַז ייִדיש איז טריפה. די נידעריקע באַאַמטע וועלן בדאי ריידן אַ שלעכטן דייטש, אַבי נישט חלילה קיין ייִדיש. די דייטשע ייִדן האָבן וואָרשיינלעך באַווירקט די נידעריקע באַאַמטע צו ריידן דייטש, כאָטש זייער אַ סך דייטשע ייִדן באַמיען זיך צו ריידן ייִדיש. די העכערע באַאַמטע ריידן מיט פאַרגעניגן ייִדיש און טאַקע אַ גוטן ייִדיש. די מיניסטאָרן און זייערע סעקרעטאָרן ריידן אַ ייִדיש — אויף ייִדישע אַקטיאָרן אין ניו־יאָרק געזאָגט געוואָרן. חיים וויצמאַן, בן־גוריון, דוד רמז, יוסף שפּרינצאַק, אליעזר קאַפּלאַן, משה שאַפּיראַ, הרב י. ל. מיימון (פישמאַן) און נאָך און נאָך מיניסטאָרן ריידן ייִדיש, אַז ס'איז אַ מחיה.

(מער האָבן מיר דעמאָלט נישט געהאַט אַזעלכע סקאַנדאַלן און היינט צו טאָג איז יענע באַציִונג צו ייִדיש פאַרשוווּנדן).

ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין תל־אביב איז אונדז דער פאַרדרוס אַריבער; מיר זיינען געפאָרן אין ישוב און ביי פעלדער, מיר האָבן געזען צעשאָסענע אַראַבישע דערפער און צעשעדיקטע ייִדישע ישובים, וואָס בויען זיך ווידער אויף; מיר האָבן געזען לעכער און אויפרייסן פון אַלערליי כלי־זיין און מיר האָבן געזען, ווי אַלץ באַוועגט זיך ווי אין אַ מוראַשניק. מיר האָבן געזען ציווילע און מיליטערלייט. מיר האָבן געזען ווי מען בויט אויף דאָס דאָזיקע, וואָס די מילחמה האָט צעשטערט און ווי

מען שטייט אויף דער וואָך, גרייטע נישט צו דערלאָזן, אַז דאָס לאַנד זאָל ווידער קענען באַפאַלן ווערן און מיר האָבן געזען ווי מען בויט נייע און נייע ישובים און מיר זיינען אַריינגעדרייט געוואָרן אין לאַנד אַריין, ווו עס קומען פאָר די גרעסטע ניסים. געזאָגט האָט מען אונדז, אַז אין לאַנד האָט זיך געשאַפן אַ געגראַמט ווערטל, אַז ס׳איז

אַריבער די עפּאָכע פון די ניסים

און ס׳איז געקומען די צייט פון מסים. (מיסים, שטייער).

אָבער מיר האָבן געזען, אַז די ניסים האָבן נאָך נישט אויפגעהערט. אַ פאָלק קערט זיך אום אין זיין לאַנד אַריין און קערט זיך אום צו שווע־רע ליידן און שווערער אַרבעט און האָפט, גלויבט, בויט און זינגט.

אַלע פּאַרדרוסן זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון די הערצער און מיר זיינען אַריין קיין ארץ מיט ריינע און גוטע יידישע הערצער און מיט גוטע ווילנס. אַלע אַנדערע אַרגענטינער מיטפאָרער האָבן נישט געפונען קיין פּלאַץ אין די האָטעלן אין תל־אביב און זיי האָבן געמוזט פאָרן אין דערבייאיקן גאָרטן־שטעטל „רמת גן״, איך איינער האָב געקראָגן אַ צי־מער אין דעם האָטעל „ירדן״, ווו איך בין איינגעשטאַנען ערשט צוריק מיט 10 חדשים. דער זכות פון שוין האָבן געווען אין מדינת ישראל איז מיר בייגעשטאַנען.

דער פּאַראַיאַריקער צייטונגס־פאַרקויפער מיינער פון גאַס בן־יהודה —עק „קרן קימת״, דאָס נידעריקע יידעלע מיטן קמץ־בערדל, האָט מיר באַלד דערלאַנגט אַ גאַנץ פּעקל צייטונגען און איך האָב אים באַצאָלט אַריבער 20 פּיאַסטער, וואָס מיינט אין אַרגענטינער געלט אַריבער זעקס פּעזאָס. איר פאַרשטייט, אַריבער זעקס פּעזאָס פאַר עטלעכע צייטונגען. איך האָב באַלד דערפילט, אַז ישראל איז נישט נאָר אַ טייער לאַנד, נאָר אַ לאַנד אין וועלכן ס׳איז טייער, איבערהויפּט, ווען מען קומט מיט אַר־גענטינער געלט...

איך האָב זיך דערפרייט מיט מיין צימער, ווי מיט אַ טרונק וואַסער אין דער וויסטע. איך האָב געמאַכט אַ דוש מיט אַזאַ פאַרגעניגן, גלייך ווי איך וואָלט געווען אין וועג, כאָטש אַ חודש. און איידער איך האָב זיך אומגעקוקט בין איך שוין געווען אין שטאָט און געקלונגען צו באַ־קאַנטע. אַזוי גרינג רעדט זיך אַרויס „געקלונגען״. עס איז דאָך שווער צו בויען דאָס לאַנד ישראל און דאָס פאָלק ישראל (וואָס ס׳איז שווערער? ביידע זיינען שווערער!), אָבער צו ריידן אין תל־אביב אין טעלעפאָן איז

כמעט נאָך שווערער... אָבער איך האָב געקלונגען און מ'האָט צו מיר גע־קלונגען; און איך בין געווען אין קאָפּע־הייזער און גערעדט מיט מענטשן.

און ווו איך בין געווען, האָב איך געפילט, אַז איך געפין זיך אין אַ מדינה, וואָס איז שוין אַלט אַ יאָר. פאַראַיאָרן האָט מען זיך נאָך געפרייט מיט דער מדינה. אַ מדינהלע אַ קינד פון אַ טאָג, צוויי, אַ וואָך, אַ חודש... היינט איז עס שוין אַ מדינה פון אַ יאָר מיט אַ שמ'ץ אַריבער און מ'האָט שוין טענות און מען קריטיקירט. יעדן איינעם ווייזט זיך אויס, אַז ער וואָלט געמאַכט בעסער...

און איך דערפיל באַלד, אַז ווען מען וואָלט געוואָלט צו־שטאַרק מקריב זיין דעם אַרבעטער, וואָלט מען געקענט מאַכן ס'זאָל זיין בעסער פאַרן גאַנצן לאַנד, אָבער די רעגירונג האָלט נישט, אַז דער אַרבעטער אַליין דאַרף ברענגען קרבנות. און עס איז פאַראַן אַ צד, וואָס וואָלט גע־וואָלט, אַז דער אַרבעטער זאָל ברענגען נאָך ווייניקער קרבנות... די רע־גירונג געפינט זיך אין דער מיט און דעם מיטלסטן וויל מען דאָך שטענ־דיק שלאָגן פון ביידע זייטן —

קיינער לייקנט אָבער נישט, אַז עס בויט זיך.
קיינער לייקנט נישט, אַז דער וואָגן רירט זיך.

קיינער לייקנט נישט ,אַז די מדינה איז אין איין יאָר עלטער גע־וואָרן אויף אַ סך יאָרן...

געלבלום און „צנע"

צוויי נעמען האָב איך געהערט ביים אָנקומען קיין תל־אביב, מיט־וואָך דעם 18טן מאַי 1949 און די דאָזיקע צוויי נעמען האָב איך דערנאָך געהערט אין די ווייטערדיקע טעג אויך: „א. געלבלום" און „צנע".

— א. געלבלום איז אַ נאָמען און „צנע" (צענאַ) וואָס איז?

וועגן דעם דערצייל איך.

א. געלבלום איז אַ נאָמען פון אַ זשורנאַליסט, אַ מיטאַרבעטער פון „הארץ"; איר ווייסט דאָך געוויס, אַז אין נאָרד־אַמעריקע האָבן זיך צוריק מיט אַ יאָר באַרימט געמאַכט צוויי ווערק, וואָס שילדערן אַ יענקישן זשורנאַליסט, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ נעגער. אַ. געלבלום האָט נישט נאָר אָנגעשריבן אַזאַ ווערק, נאָר ער האָט זיך טאַקע פאַרשטעלט פאַר אַן „עולה" (אָלע — ערשט־אָנגעקומענער) און ער האָט אַ שטיק צייט גע־לעבט אין אַ „בית עולים" (אימיגראַנטן־הויז); ער האָט געשילדערט אָפן און אויפריכטיק און רעאַליסטיש דאָס לעבן פון די „עולים" און ווי אַזוי זיי ווערן באַהאַנדלט און ער האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע און אויך אַ דיסקוסיע וועגן דעם, צי ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט גע־שריבן די סעריע אַרטיקלען, אָדער נישט.

קיינער לייקנט נישט, אַז די „עולים" האָבן אויסצושטיין קאָלטס און וואָרעמס. גרינג וועלן זיי זיך נישט אַריינאַרבעטן אין לאַנד אַריין. דאָס פּראָבלעם פון „קליטה" (קליטאַ — אַריינגעזאַפּט ווערן) איז דאָס פּראָבלעם פון דעם יידישן פאָלק, וואָס ווערט אויפגעבויט אין אייגענעם לאַנד. אין אַנדערע לענדער איז „קליטה" אויך אַ שווער פּראָבלעם פאַר אימיגראַנטן. (ווער געדענקט נישט ווי די ערשט־אָנגעקומענע יידן קיין אַרגענטינע, האָבן יאָרנלאַנג זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין לעבן אַריין און געוואָלט אַנטלויפן?) אין א"י אַליין האָבן די אָנגעקומענע צוריק מיט פערציק, דרייסיק, צוואַנציק און צען יאָר אויף זיך גאַנץ גוט אָנגעליטן. וואָס מען האָט נישט איבערגעלעבט און וואָס מען האָט נישט איבערגע־פּאַקט און געמאָזלט? און קיינער לייקנט נישט, אַז ספּעציעל אין די „בתי עולים" ליידן די אימיגראַנטן שווער, אָבער מען האַלט, אַז נישט אַלץ

דאַרף מען דערציילן. און ס׳איז טאַקע אַ פראַגע, צי איז די אויפגאַבע פון אַ זשורנאַליסט אַלץ צו דערציילן, צי דאַרף ער אַמאָל אויפדעקן צוויי טפחים און פאַרדעקן איינעם.

איך האָב א. געלבלומס סעריע אַרטיקלען באַלד איבערגעלייענט און איך געפין דאָך נישט פאַר נייטיק איבערצודערציילן, וואָס ער האָט געשריבן. ווען איך שרייב אָט די שורות, האַלט איך שוין נאָך דעם באַזוך אין אייניקע „בתי עולים״ אין „פרדס חנה״, וו עס געפינען זיך אַריבער צוואַנציק טויזנט אימיגראַנטן און איך געפין פאַר נייטיק צו שרייבן, וואָס איך האָב געזען, ווי ש ט אַ ר ק עס זאָל מיר נישט ווי טאָן. אײַבערגעבן וועל איך פון געלבלומען, זיין צעטיילן די עולים אויף דריי קאַטעגאָריעס. פאַראַן אימיגראַנטן אשכנזים, ספרדים און מערב־אַפריקאַנער. די אשכנזים קומען פון אַלע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. זיי קומען צום מערסטן פון די לאַגערן און זיי זיינען צעבראָכן און נערוועז. זיי האַלטן, אַז פאַר זייערע גרויסע ליידן קומט זיי שוין אַ לוין. עס וועט נישט גרינג אָנקומען גאַנץ צו מאַכן אָט־אָ־די צעבראָכענע מענטשן כלים. די בעסטע עולים זיינען די ספרדים פון יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע און טערקיי. זיי זיינען געזונט, רויִק און זיי קומען גרייט צו אַרבעטן און צו ברענגען קרבנות. זיי אַרבעטן באַלד און די פרויען העלפן זיי צו; די פרויען פוצן זיך און זוכן זיך צו מאַכן שיין ביי די שווערסטע באַדינגונגען. די ערגסטע קאַטעגאָריע זיינען די עולים, וואָס קומען פון מערב־אַפריקע — מאַראָקאָ, אַלזשיר, אא״וו. זיי זיינען צו גאַרנישט צוגעגרייט. זיי קענען נישט קיין שום מלאכה, זיי זיינען נישט קיין אינטעלעקטואַלן. זיי זיינען קנאַפּע ייִדן. מען פייניקט זיי און זיי אַנטלויפן אין זייער לאַנד און זיי וואַרטן, אַז מען זאָל זיי באַלד באַגליקן און אַפילו אָפּגילטן.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַפריקאַנער זיינען אַרויס מ׳ט אַ פּראָטעסט קעגן געלבלומען און עס איז נישט מיין אויפגאַבע דאָ צו פּסקענען, צי געלבלום האָט די פאַרבן געמאַכט צו־געדיכט, צי נישט. איין זאַך איז דאָ קלאָר: דער קיבוץ גלויות אין פאַרשיידנאַרטיקער און עס פעלט נישט קיין שווערער עלעמענט און גרינג וועט זיך נישט בויען דאָס פאָלק און דאָס לאַנד. מען וועט דאָ מוזן אויפבויען אויף זאַמדן אַ פּרוכטבאַר ייִדיש לאַנד און אויך פון אַלערליי פסולתן וועט מען דאַרפן אויפבויען אַ ייִדיש פאָלק.

און נאָך מער ווי מען הערט דעם נאָמען געלבלום, הערט מען דאָס וואָרט „צנע״. דאָס וואָרט איז פון „צנעה״, וואָס מיינט באַשיידנקייט.

אָדער צניעות. „הצנע לכת" מיינט: גיי באַשיידן. די רעגירונג האָט איינ־געפירט אַ באַשיידן עקאָנאָמיש לעבן, וואָס זי האָט אָנגערופן „צנע" (לייען צענאַ). ביז איצטער האָט מען אַלץ געקראָגן פאַר געלט. דער רייכער האָט געקראָגן גאָר אַ סך, דער אָרעמער — ווייניקער, אָדער טאַקע גאָרנישט. די רעגירונג ראַציאָנירט דורך „צנע" די שפּייז און די קליידער. מען קריגט קופּאָנעס און פאַר זיי קריגט מען שפּייז און קליידער. נאָר ברויט קריגט מען אָן נומערן. מילך, פלייש, אייער, שיך, אָנצוגן אאַז"וו קריגט מען שוין נאָר פאַר „נומערן". אין ענגלאַנד האָט דער דאָזיקער סיסטעם עקזיסטירט אין דער צייט פון דער מילחמה. דער סיסטעם הייסט „א ו י ס ט ע ר י־ ט י" און ער איז דער היפּוך פון „פּראָספּעריטי".

ווען איך שרייב אָט־די שורות, בין איך צוויי וואָכן אין לאַנד און די „צנע" איז איינגעפירט געוואָרן אין זעלביקן טאָג, ווען איך בין אָנגעקו־מען. מ׳קען שוין מאַכן אַ שטיקל סך־הכל (אגב: אין פּרט פון אַ סך שפּייזן האָט די „צנע" דערגרייכט מער וויפל זי האָט צוגעזאָגט. זי האָט געגעבן מער אייער, מער קעז אא"וו. אין פּרט פון פלייש האָט זי צוגעהונקען און געגעבן ווייניקער, אָבער דער אָנפירער מיט „צנע" — דער מיניסטער פאַר באַשפּייזונג, דער געוועזענער קאָמענדאַנט פון ירושלים, בערנאַרד דזשאָ־זעף (דב יוסף) און זיין דירעקטאָר יעקב פּיקער גאַראַנטירן, אַז גאָר אין גיכן וועט זיין אַזוי פיל פלייש וויפל מען האָט צוגעזאָגט). און דער סך־הכל איז: די רייכע זיינען ווייניקער צופרידן מיט „צנע", ווי די אָרעמע. און דאָס דאָזיקע מיינט צו זאָגן, אַז „צנע" האָט אין זיך אויך אַ גרונט פון סאָציאַלן יושר.

די אויפגאַבע פון „צנע" בלייבט אָבער נישט נאָר ביי דער גערעכ־טער פאַרטיילונג פון שפּייז און קליידער, זי גייט ווייטער. „צנע" וויל ביליקער מאַכן דאָס לעבן און במילא אויך די אַרבעט און אַזוי אַרום שאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר עקספּאָרט. צוליב דעם, וואָס דאָס לעבן איז אין ישראל מוראדיק טייער, נעמט דער אַרבעטער זייער טייער פאַר זיין אַרבעט און מ׳קען דערפאַר נישט פאַרקויפן קיין מאַראַנצן און ווין, ווייל די קאָנקורענץ פון בראַזיל, פראַנקרייך און איטאַליע איז גרויס. „צנע" וועט ביליקער מאַכן דאָס לעבן, וועט מען קענען ביליקער מאַכן די אַר־בעט, וועט מען קענען קאָנקורירן.

פאַרשטייט זיך, אַז די גאָר רייכע קריגן אויך אין דער עפּאָכע פון

„צנע“ וואָס זייער האַרץ גלוסט, אָבער פאַר זייער טייער. דאָס נייטיקסטע קריגן אַלע און פאַר לוקסוס באַצאָלט מען.

קעגן צנע זיינען אַלע רעכטע פאַרטייען (כאָטש אייניקע פון זיי זיינען דאָך אין דער רעגירונג) און אויך די לינקע אָפּאָזיציע, די מפ״ם. די רעכטע ווילן: דעמאָקראַטיע און פרייהייט אויפן געביט פון דער עקאָנאָמיק. זיי ווילן אַ פרייהייט פאַר אימפּאָרט — זאָל זיין אָן דעוויזן! זיי וועלן זיך שוין אַן עצה געבן — און טאַקע פאַר ספּעקולאַציע. און די מפּ״ם איז נישט קעגן דעם עצם פּרינציפּ פון צנע, נאָר זי וואָלט געוואָלט אַ שטאַרקערן עקאָנאָמישן קאָנטראָל און אַ געוויסן שפּאַן צו סאָציאַליזם.

נישט אין אַלץ איז „צנע“ געווען אַ דערפאָלג ביים סאַמע אָנהייב. „צנע“ האָט אָפּגעשאַפט טייערן שאָקאָלאַד און זי האָט געשאַפן אַ סטאַנדאַריזירטן שאָקאָלאַד. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער חילוק צווישן פּראָסטערן און בעסערן שאָקאָלאַד באַשטייט נאָר אין דער אַרבעט; ביי פּראָסטערן אַרבעט מען ווייניקער. קומט אויס, אַז צוליב דעם, וואָס מען האָט אָפּגעשאַפט בעסערן שאָקאָלאַד, זיינען עטלעכע הונדערט אַרבעטער געבליבן אָן אַרבעט. ווארשיינלעך וועט מען מסתמא דאָ עפּעס נאָכגעבן און מען וועט מאַכן אויך טייערן שאָקאָלאַד פאַר די דאָזיקע, וואָס קענען צאָלן. ווארשיינלעך איז עס נישט דער איינציקער טעות, אָבער באַזונדערע טעותן זיינען נאָך נישט קיין באַווייז, אַז די גאַנצע זאַך טויג נישט.

איך האָב די טעג געלייענט אין „הארץ“ אַן אַרטיקל פון אַלטן העברעישן שרייבער משה סמיליאַנסקי, וועלכער קריטיקירט דעם פאַקט, וואָס צוליב „צנע“ האַלט מען די קימפּעטאָרנס אין די מאַטערניטעטן נאָר פינף טעג. ער האַלט, אַז ס׳איז נישט גענוג. אַיי, ביי פעלאַכן (אַראַבישע פויערים) ליגט מען נאָר דריי טעג? שטרעבן דאָך ייִדן נישט צו ווערן קיין פעלאַכן... דאָקטוירים אָבער האַלטן, אַז פינף טעג איז גענוג.

פאַרשטייט זיך, אַז עס פעלן נישט קיין וויצן וועגן „צנע“, אין ארץ ישראל מאַכט מען מער וויצן ווי אין דער גאַנצער וועלט. קלאָגט זיך אַ ייִד, אַז פאַר „צנע“ האָט ער זיין ווייב נישט געקענט אַרומנעמען אַפילו מיט ביידע הענט און היינט נעמט ער זי גרינג אַרום מיט איין האַנט... און אַן אַנדער ייִד זאָגט, אַז ער מוז קלענער מאַכן דאָס לעכל פון דער וואַנע, ווייל זיין שוויגער איז אַזוי דאַר געוואָרן, אַז זי קען אַרויסרינען... די מערסטע וויצן מאַכט מען וועגן רעדנער און רעדעס, מען זאָגט און מען שרייבט, אַז מען האַלט לענגערע רעדעס ווי „צנע“ וואָלט געדאַרפט דער־

לויבן. דער קלאַסישער וויץ איז אַז די איניציאַלן פון „צנע" זיינען: „צרות נשים עבריות" (צרות פון ייִדישע פרויען).

נאָך אַ קלאַסישער וויץ איז אַט דער דיאַלאָג צווישן דעם דירעקטאָר פון צנע דוב יוסף און בן־גוריון:

דוב יוסף: איך עס בלויז, וואָס צנע דערלויבט און איך פיל זיך גוט.

בן־גוריון: פאַרוואָס רעדסטו נישט העכער?

דוב יוסף: איך האָב קיין כוח נישט...

— איר ווילט וויסן, צי „צנע" וועט זיין אַ דערפאָלג?

— בכדי דאָס צו וויסן, וועט איר דאַרפן וואַרטן כאָטש אַ יאָר. איך האָב אייך דערוויל נאָך געוואָלט דערציילן, אַז אין מדינת ישראל איז הימל און ערד און „צנע" און אַז מ'ען פרעסט זיך נישט איבער אין דער יידישער מדינה. די אַלע, וואָס ווילן פאַרלירן וואָג, דאַרפן זיך דורכפאָרן אַהער און ערשט נישט עסן אין האָטעלן און רעסטאָראַנען, ווייל פאַר טור־ריסטן איז „צנע" גאַנץ נאָכגיביק. מען בויט די ייִדישע מדינה, מער זינגענדיק ווי פרעסנדיק...

דאָס ערגסטע, וואָס איך האָב געזען...

מען מוז נישט דערציילן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין די לאַגערן פון די „עולים", ווי דאָס האָט געטאָן דער שוין דערמאָנטער זשורנאַליסט אַהרן געלבלום, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן „עולה", אָבער מען דאַרף אויך נישט שווייגן וועגן אָט דעם פיינלעכסטן פון די פיינלעכע שוועריקייטן אין דער יִדישער מדינה, וואָס האָט ווייטיקן פון וואַקסן, וועלכע זיינען אפשר שווערער ווי די ווייטיקן פון געבוירן. (חבלי לידה)

יעדער בר־שכל פאַרשטייט, אַז דאָס שווערסטע איז דאָס איינאָרדע־נען די ניי־אָנגעקומענע. אין איין יאָר זיינען אָנגעקומען 230 טויזנט נייע „עולים". 35 פראָצענט אימיגראַציע פון דער פריערדיקער באַפעלקערונג. און גיי און געפין פאַר אַלע שטיבער און אַרבעט. מענטשן ווילן „ברויט מיט חלום", איז חלום דאָ גענוג; אָבער ברויט... 61 טויזנט נפשות זיי־נען אין די לאַגערן. און אַלע מאָל קומט צו. מען נעמט אָבער אַרויס, גלייכט זיך אויס. 170 טויזנט האָט מען שוין מער אָדער ווייניקער באַ־זעצט. זיי וועלן ערשט איצטער דאַרפן קעמפן און שוין אוודאי שווער אַרבעטן, אָבער — ווי האָט מיין מאַמע געזאָגט צו מיין עלצטער שוועסטער, ווען זי איז געגאַנגען צו קינד מיט איר ערשטלינג: „טאָכטער, ווען איך בין געגאַנגען צו קינד מיט דיר, האָט מיר אויך ווי געטאָן..." דאָס גרויסע פּראָבלעם זיינען די מענטשן אין די לאַגערן.

לאָמיך אייך אויסמאָלן אַ לאַגער. אָט האָב איך גענומען אַן אויטאָ און כ׳בין געפאָרן קיין „פרדס חנה", ווו עס געפינט זיך דער גרעסטער „עולים"־לאַגער. אַריבער צוואַנציק טויזנט נפשות געפינען זיך דאָרט. אי־בערגעפאָרן „פתח תקוה", איבערגעלאָזט „חדרה" און אָט זיינען מיר ביים באַרג כרמל און מיר פאָרן צו „זכרון יעקב" צו און מיר זיינען אין „פרדס חנה", ווו עס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער ענגלישער מיליטערישער לאַ־גער. צעוואָרפענע הייזקעס ליגן אונטער דער גרויסער זון און פּרעגלען זיך ממש. מען האָט די הייזער געבויט נישט ריכטיק און זיי ליגן נישט צו די ווינטן מיט די טירן און פענצטער און זיי האָבן צו גלייכע דעכער,

וואָס גליען זיך לייכט אָן. איז הייס אין די דאָזיקע שטיבער. אָבער נאָך הייסער איז אין די פּאַלאַטקעס (געצעלטן). דאָרט קען מען בייטאָג נישט איינזיצן און מען מוז גיין זוכן קילע פּלעצער און — ס׳איז גוט... דער גרויסער לאַגער האָט פיר אָפּטיילונגען. יעדער אָפּטיילונג האָט אַ באַזונדער ביוראָ, אַן עס־צימער, אַ קלוב, אַ שפּיטאָל. אין אַלע אָפּטיילונגען איז אין די גאַסן נאָך געגנוג ריין, ווערליק אין אַזאַ פּלאַץ. אינעווייניק אין די שטיבער איז ווייניקער ריין.

אין די געבויטע הייזער וווינען די מער מזלדיקע, די דאָזיקע, וואָס זיינען געקומען פריער. און אויך דאָ איז ווייט פון צו זיין ריין. אין אייניקע הייזער זיינען פאַראַן ריזיק־גרויסע צימערן און דאָרט וווינען צו צוואַנציק נפשות. אַ פאַמיליע פון אַ פּאָר מענטשן אין איין ווינקל, אַן אַנדער פאַמיליע אין אַ צווייטן ווינקל, איינע אין אַ דריטן, איינע אין דער מיט... איין חדר און 6 וווינונגען פון 6 פאַמיליעס. און ביי איין פאַמיליע ווײנט אַ קינד און ביי אַ צווייטער פאַמיליע וויל דאָס קינד דווקא לאַכן, אָבער ס׳הערט ווײנען, ווײנט עס מיט. און דער ריח פון שווייס און פון רעצעפּטן און פון טרויער זעצט אין נאָז אַריין און אין געמיט אַריין.

פאַרטאָפּלט דאָס, פאַרפּילפאַכט און איר האָט דאָס לעבן אין די געצעלטן. ניין, ס׳איז גאָר קיין גלייכן נישט. ס׳איז אַ דערשטיקעניש. ס׳איז קיין פּאָדלאָגע נישטאָ, איז אַ בלאָטע דאָרט, וווּ עס איז נישטאָ געגנוג זאַמד. די זאַמד איז שוין דאָ אַ ברכה. און פליגן און פליגעלעך בייסן. און אין דער לופטן זיינען פאַראַן כוואַליעס פון פליגעלעך. זיי קענען דאָך אַרויספליען אויף דער פריי, קריכן זיי דווקא אין דער שטיקעניש אַריין.

אין די גאַסן זיינען פאַראַן בעל־מלאכות. אייניקע האָבן ווינקלען אין שטיבער, אַנדערע זיצן פּשוט אויף דער גאַס. אָט זיצט אַ שוסטער און קלאַפּט אַריין אַמאָל אין אַ יובל אַ פלעקל. ער איילט זיך נישט. ער וויל דרימלען? די זון קלאַפּט אים אין קאָפּ אַריין. איך פּרוּוו זיך צונויפריידן מיט אים. ער איז פון אַלזשיר. אַ ספרדישער ייִד. ער קען שוין נישט קיין שפּאַניאָליש. ער רעדט פראַנצויזיש און אַראַביש. איך רייד זיך מיט אים אַביסל צונויף אויף פראַנצויזיש. ער איילט זיך נישט, זאָגט ער, ווייל ער האָט ווייניק אַרבעט. ער וויל לענגער האַלטן די אַרבעט, ווייל ער וויל האָבן אַן אילוזיע, אַז ער איז נישט איבעריק. דער וואָס האָט אים געגעבן

די אַרבעט, איילט זיך אויך נישט. דאָ איילט זיך קיינער נישט, ווייל עס איז נישטאָ צו וואָס.

און דער גאָט פון יידיש האָט מיר באַלד באַצאָלט און מיך צוגע־שיקט צו אַ צווייטן שוסטער, וואָס איז אַ פוילישער ייד. ער קומט פון לאַגערן און ער איז דאָך געבליבן מיט דעם זאַפטיקן פוילישן יידיש. און ער זאָגט דאָס זעלביקע: נישטאָ צו וואָס צו איילן זיך.

— דאָס ערגסטע איז, וואָס מען ווייסט נישט, וואָס שפּעטער וועט זיין. איך בין געקומען אַהער, ווייל איך וויל אַרבעטן, לעבן, נוצלעך זיין זיך און דעם לאַנד און דאָ זיץ איך ווי אין לאַגער אין דייטשלאַנד.

— נישט בעסער ווי דאָרט?

— אפשר ערגער אויך. דאָרט זיינען געווען בעסערע וווינונגען.

— אָבער דאָ זיינען דאָך די באַאַמטע יידן.

— די „פקידים"? (באַאַמטע אויף העברעיש). אוודאי יידן, אָבער נישט אַלע גוטע יידן. פאַראַן גענוג שלעכטע. און אפשר קען מען זיי אויך נישט באַשולדיקן. זיי האָבן נישט מיט וואָס צו העלפן, ווערן זיי פאַר־האַרטעוועט. ס'איז זיי אויך נישט גוט...

און דאָס זעלביקע האָט מיר געזאָגט איינער, וואָס האָט געאַרבעט שניידעריי און געלייגט אַ לאַטע און איינער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט מאַראַנצן און צוקערקעס. אַלע האָבן געשריגן דעם אייביקן „עד מתי?"

איך האָב זיך געפילט ווי אַן אַריינגעצויגענער אין אַ לאַבירינט אַריין. איך האָב זיך אַריינגעדרייט אַלץ מער און מער אין פאַרכישופטן קרייז אָן אַן אַרויסגאַנג. אָט בין איך אין אַ גרויסן באַראַק, וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן עס־צימער. עס פילט זיך דער ריח פון יידיש עסן. איך קוק זיך צו צום עסן, וואָס מען נעמט אַרויס ביי די פענצטער־לעך. אַ פולער טעלער סוף פון געמיז, אַ טעלער לאָקשן און אַן איי. עס שמעקט פריש. איך מאַך דורך אַ געוויסע פּראָצעדור און קריג אַ צעטל און עס אויך דעם זעלביקן מאָלצייט, וואָס אַלע. נישט שרעקלעך. מ'קען לעבן. דאָס שרעקלעכע איז דער „מאין יבוא עזרי"? אויף וועלכן עס קומט קיין ענטפער נישט. איך זע אַ יידן און צווישן אונדז פאַרבינדט זיך אַ שמועס; איך הייב אָן:

— איר האָט אַ פאַך?

— ניין, געווען אַ סוחר.

— ווו?

— פריער אין פּוילן, דערנאָך אין די לאַגערן.

— און?

— און דאָס ערגסטע איז, וואָס איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר וועט זיין.

— אין יענע לאַגערן האָט איר געוווּסט?

— יאָ! דאָרט האָב איך געוווּסט! איך האָב געוווּסט, אַז איך בין צוליב מילחמה און אַז אָדער די מילחמה וועט מיך איבערקומען, אָדער איך וועל זי איבערקומען.

— נאָר די מילחמה?

— די מילחמה מיינט שוין היטלער אויך. אָדער איך וועל איבער־לעבן היטלערן, אָדער היטלער וועט מיך איבערלעבן. האָב איך געשטרעבט אים צו איבערלעבן. דאָ צו וואָס זאָל איך שטרעבן?

איך האָב מיט יענעם ייִדן גערעדט לענגער ווי מיט אַנדערע. איך האָב ביי אים געוואָלט וויסן, וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען ער גייט איצט אויף צוריק און עס האָלט ביים אָנהייב קריג און ער ווייסט, וואָס עס וועט פאָרקומען, וואָס וואָלט ער געטאָן.

— אוודאי געפאָרן אַהער — האָט ער מיר געענטפערט.

און איך האָב דערנאָך שוין אָנגעווענדט אָט־אָ־דעם סיסטעם פון אויספרעגן אין די שמועסן מיט אַ סך און קיין איינער האָט נישט געענט־פערט, אַז ער וואָלט נישט געפאָרן אַהער. די זאַך איז געוואָרן קלאָר:

פאָרן מוז מען נאָר אַהער און דאָ איז מוראדיק שווער.

עס איז שווער פאַר יעדן איינעם. עס איז באַזונדער שווער פאַר אַ מיטליאָריקן מענטשן, וואָס האָט נישט קיין פאַך און נישט קיין קאַפּי־טאַל און נישט גענוג פיזישן כוח צו ווערן אַ שוואַרץ־אַרבעטער. דאָס לאַנד בויט זיך מיט אַזאַ רעזשים, וואָס דערלאָזט נישט צו קיין ספּעקו־לאַציע און זיך נעמען האַנדלען אָן גאָרנישט, איז דאָ נישט קיין אויסוועג און עס וועט נישט גיבן קיין מעגלעכקייט צו לעבן. און מען דאַרף אַזעל־כע מענטשן באַהאַנדלען מיט מילדקייט פון געדאַנק און געפיל. מען דאַרף זיך דערטראַכטן זיי צו מאַכן נוצלעך און זיי צו גיבן דערפילן, אַז זיי זיינען נישט איבעריק. איז ווי אַזוי מאַכט מען עס?

און פאַרגעסט נישט, אַז די אַלע מענטשן פון דעם מין קומען פון די לאַגערן און זיי זיינען נערוועז און צעשרויפט. זיי האָבן איבערגעלעבט היטלערן, אָבער — פרעגט נישט ווי אַזוי. שטעלט אייך פאָר ווי אַזוי עס

וועט אויסזען אַ מענטש, וואָס וועט קעמפן עטלעכע יאָר דורכאַנאַנד מיט אַ ווילדער חיה און וועט באַדראָעט ווערן אַלע מינוט צו צעריסן ווערן. דאָ איז געווען נאָך ערגער. מען האָט געקענט געברענט און געבראָטן ווערן לעבעדיקערהייט.

און אויב איר מיינט, אַז דאָס זיינען די שווערסטע מענטשן אין די לאַגערן, מיינט איר נאָך נישט ריכטיק. פאַראַן פון די אַזיאַטישע און אַפּריקאַנישע לענדער אַן אַ שיעור אַלטע לייט און קאַליקעס. אַ לאַנגע צייט האָבן די אַלע לענדער נישט אַרויסגעגעבן קיין געזונטע און יונגע מענטשן, אָבער אַלטע, קראַנקע און קאַליקעס האָט מען געגעבן „מוט" צו פאָרן. איז וואָס האָט געקענט די יידישע מדינה טאָן מיט אָנגעקומענע בלינדע, טויבע, שטומע און האַלט־געליימטע — צוריק שיקן?

און עס זיינען פאַראַן „עולים" פון די אַפריקאַנער לענדער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דאָס שווערסטע פּראָבלעם. אַ סך מיטליאַריקע זיינען פאַראַן צווישן זיי. זיי קענען קיינס נישט קיין פאַך. זיי זיינען געווען קליינע סוחרים און גאַסן־הענדלער און מען לאָזט זיי היינט נישט לעבן. זיינען זיי געקומען אין דער יידישער מדינה אַריין. זיי האָבן דאָך אַ יידישע מדינה. עס שטעקט אַ כישוף אין די צוויי ווערטער „מדינת ישראל". מענטשן קומען אַהער אָוועקגעבן זייערע לעבנס פאַר אָט־די צוויי כישוף־ווערטער; און עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס קומען זיין קעסט־קינדער ביי דער „מדינת ישראל". און זיי האָבן אַ גוטע תירוץ:

— מען שלאָגט זיי אין די אַלטע היימען און מען לאָזט זיי נישט לעבן.

און עס קומט זיי אַ פּלאַץ אין דער יידישער מדינה! מען דאַרף דאָך אַהער ראַטעווען די אַלע יידן, וואָס מען שלאָגט און מען לאָזט נישט לעבן! אָבער ווי אַזוי מאַכט מען, אַז זיי זאָלן נישט נאָר האָבן אַ פּלאַץ, נאָר זיי זאָלן זיין אויפן פּלאַץ? ווי מאַכט מען, אַז זיי זאָלן נישט סתם פאַרלאַנגען לוין פאַר דעם יחוס פון ווערן געשלאָגן?

איך בין דערנאָך געווען אין נאָך לאַגערן. איך בין געווען אין דעם צווייטן גרויסן לאַגער אין באר יעקב, ווו עס געפינען זיך אַריבער צען טויזנט „עולים". באר יעקב געפינט זיך נישט אין צפון־זייט פון „ישראל" (ווו עס געפינט זיך „פּרדס חנה") נאָר אין דרום־זייט. דאָרט איז נאָך אַ סך הייסער. דאָרט קען מען אין די פּאַלאַטקעס נישט איינזיצן דעם גאַנצן בייטאָג און ווו צו באַהאַלטן זיך איז נישטאָ. איך בין געגאַנגען

איבער די הייזער און געצעלטן פון „באר יעקב" און איך האָב זיך דער־מאָנט, אַז דער באַרימטער פראַנצויזישער ראָמאַנען־שרייבער פּיער בענואַ האָט אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „באר יעקב", אין וועלכן עס ווערט דערציילט אַן עקזאָטישע געשיכטע מיט אַן אָריענטאַלישער ליבע און מיט אַן עראַ־טישער אַוואַנטורע פון טויזנט און איין נאַכט. ווי אַנדערש דער קאָש־מאַרנער לאַגער האָט זיך צעוויקלט פאַר מיינע אויגן, כאָטש ליבעס ווערן דאָ אויך געוויס געפירט.

דאָס פאַנטאַסטישע „באר יעקב" איז די אַכטע אָפּטיילונג פון גיהנום. און אין אָט דער אָפּטיילונג האָב איך געהערט איבערהויפּט שרייען אַפרי־קאַנישע ייִדן. אויף פראַנצויזיש האָבן זיי געשריען. איינער האָט געהאַט אַ טענה למאי מען גיט אים נישט קיין דינערע דעק פאַר זיין קינד. די דעק, וואָס מען האָט אים געגעבן, איז צו גראָב און דאָ איז אַזוי הייס.

— און אינגנאַצן אַן אַ דעק?

— בייסן די פליגלעך!

און דער אַפריקאַנער ייִד, וואָס זיין גאַנצע ייִדישקייט באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס מען שלאָגט אים, האָט געשריען:

— דאָ העלפט מען נישט קיין ייִדן, נאָר דייטשן...

עס קומט אויס ביי אַ דעם אַפריקאַנישן ייִדן, אַז אַלע אַנדערע ייִדן, וואָסריידן דייטש, דייטשמעריש און ייִדיש,זיינען גאָר — דייטשן...

איך האָב אין „פרדס חנה" און אין „באר יעקב" געהאַט עטלעכע טרויעריקע סורפּריזן. איך האָב דאָרט געטראָפן אַלטע באַקאַנטע אין אַזאַ לאַגע, אַז מיר האָט זיך געגלוסט רייסן די האָר פון קאָפּ. איך האָב זיך באַהערש און דאָס דאָזיקע נישט געטאָן, נאָר איך האָב דערפילט, אַז איך זע דאָ מענטשן, וואָס טרינקען זיך און מען מוז אויסשטרעקן זיי ריכטיק די האַנט און איך האָב פון דעם אַרויסגעדרונגען אָט־וואָס: איך האָב געהאַט צו טאָן מיט יחידים, האָב איך נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ און איך האָב פאַר זיי געטאָן דאָס ריכטיקע, די באַאַמטע אָבער האָבן צו טאָן מ'יט צענדליקער טויזנטער און דערצו מיט אַ סך, וועלכע מ'קען נישט העלפן, בלייבן זיי אָפּט מאָל שטיין און פלאָנטערן זיך און טאָפּטשען זיך אויף אַ פלאַץ.

— און דער אויסוועג?

— דער אויסוועג איז אויסער דעם, וואָס מען דאַרף האָבן אַ סך געלט, דאַרף מען אויך האָבן אַ סך געדולד און אַ סך ליבע צו קענען

העלפן די „עולים" זיך איינאָרדענען. עס קען זיין, אַז ס'איז נייטיק אַ ספּעציעלער סאָרט „חלוצים", וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט די „עולים". די דאָזיקע חלוצים זאָלן דורכמאַכן אַ באַזונדער צוגרייטונג, אַ „הכשרה", אין וועלכער עס זאָל אַריינגיין אַ לימוד פון מענטשן־קענטעניש בכלל און פּליטים־קענטעניש בפרט, ווי אויך קענטענישן פון געבן ערשטע מעדיצי־נישע הילף. אַ ניט־צוגעגרייטער אָנגעשטעלטער מיט ערגערע אָדער אַפילו בעסערע קוואַליטעטן טויג נישט אַהער און ליידער זיינען די מערסטע „פּקידים" דאָ דורכשניטלעכע...

איך האָב געהאַט נאָך איין סורפּריז דאָ: איך האָב געטראָפן מיינעם אַ העלד פון אַ סך פעליעטאָנען אין „באר יעקב". „דאָס יינגל פון אַלמאַ־סען" (שפּייז־קראָם) רוף איך אים. איך האָב אים קיינמאָל נישט אָנגע־רופן ביים נאָמען, רוף איך אים איצטער אויך נישט. אַזוי פיל לויפן קיין „ישראל", האָט ער איבערגעלאָזט אַ שטעלע און ער איז אויך געלאָפן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז שווערער אַרבעטן ווי ער אַרבעט אין בוענאָס־איירעס, קען מען שוין נישט, איז פאַרוואָס זאָל ער נישט אַרבעטן פאַר דעם אייגענעם לאַנד? האָט ער אַ טעות געהאַט. ער האָט זיך נישט פאַר־געשטעלט, אַז אין אונדזער לאַנד זיינען נישטאָ גענוג דירות און אַז מען קען אַמאָל נישט האָבן ווו צו שלאָפן און מ'זאָל מוזן זיין אין אַ לאַגער. דאָס „יינגל" פון „אַלמאַסען" איז אַלט 42 יאָר און ער איז צו אַלט צו אַריינגיין אין אַ קיבוץ און ער שאַצט ריכטיק אָפּ די לאַגע: „צו קומען אַהער, זאָגט ער מיר, דאַרף מען אָדער זיין יינגער ווי איך, אָדער האָבן אַ פאַך, אָדער האָבן אַביסל קאַפּיטאַל". ער איז נישט פאַרביטערט, אָבער ס'איז אים נישט גוט.

און ער איז נישט דער איינציקער אַרגענטינער, וואָס איך האָב דאָ באַגעגנט פאַרלוירענע און טרויעריקע. איך האָב געטראָפן געוועזענע סאָל־דאַטן, וואָס האָבן נישט ווו די קעפּ אַוועקצולייגן און איינער פון זיי האָט אַ פאַך אויך. ער איז אַ סטאָליער. ער זאָגט, אַז ער איז אַן אַרבעטער ביי צו־פּיין מעבל, וועלכע מען אַרבעט נישט צוליב „צנע". געוועזענע סאָל־דאַטן וואָלט מען געדאַרפט פאַרזאָרגן כאָטש מיט אַ געלעגער. איך האָב, דאַכט מיר, געלייענט אַ מעלדונג, אַז דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן וועט די רעגירונג פאַרזאָרגן מיט אַרבעט, אָבער צוויי דעמאָביליזירטע האָבן זיך מיר דאָך געקלאָגט אויף אַרבעטלאָזיקייט. מען דאַרף וויסן, אַז פאָרן קיין „ישראל", מיינט נישט פאָרן טאַנצן אַ הורא. און ס'איז נייטיק צו רע־

אָרגאַניזירן די „עולים״־לאַגערן, אַז די ליידן זאָלן גרייכן ביז מינימום. איך האָב מורא, אַז אויף אייניקע געביטן שטייגן זיי ווייט אַריבער דעם געמוזטן מינימום.

נישט גענוג גוט אָרגאַניזירט איז די מעדיצינישע הילף, וואָס מען גיט די דערוואַקסענע און שוין אוודאי די קינדער. די היגיענישע באַדינגונגען זיינען, נאַטירלעך, ווייט פון גוט. די שפייזן זיינען נישט גענוגנדיקע (כאָטש די פרישקייט ווערט אָפּגעהיט) און זיי העלפן אויך נישט צו צום געזונט. זיינען פאַראַן מער קראַנקע, ווי אין שטאָט, נישט צווישן „עולים״. און דאָקטוירים זיינען נישט פאַראַן גענוג און מעדיקאַמענטן זיינען פאַראַן נאָך ווייניקער. און בעטן זיינען אויך נישט פאַראַן גענוג. ליידט מען מער וויפל מען וואָלט באַדאַרפט. איך קען נישט פאַרגעסן אין „באר יעקב״ אַ מיידל, וואָס איז געלעגן אין אַ בעט און זיך געקאַרטשעט פאַר ווייטיק. אין „צימער״ זיינען געווען בעטן פאַר אַ דרייסיק מענטשן, אַרומגעדרייט האָבן זיך זעכציק מענטשן, איך האָב זיך אויך געדרייט אין דער מיט און איך בין זיך געווען גרייט צו פאַרשעלטן, וואָס איך בין אַ שרייבער, נישט קיין דאָקטער. און דאָס מיידל האָט זיך געקאַרטשעט און שטיל און טיף געקרעכצט. אין מיין אַנוועזנהייט האָט עס געדויערט אַ קנאַפּע שעה און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פריער און ס׳איז פאַרצויגן געוואָרן שפּעטער. ווי לאַנג ס׳האָט געדויערט, ווייס איך נישט, אָבער מער וויפל ס׳האָט באַדאַרפט. מען האָט נישט געפונען קיין דאָקטוירים. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אייניקע פון די דאָקטוירים זיינען דאָ צו ביוראָקראַטיש. אייניקע פון זיי רעכענען זיך מער מיט זייערע התחייבותן ווי מיט די נויטן פון די אימיגראַנטן. דער מיניסטער פאַר געזונטהייט ה׳ משה שאַפּירא (וואָס איז אויך מיניסטער פאַר „עליה״ און פון אינערן) האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דאָקטוירים ווערן פאַרמאַטערט פון דעם, וואָס זיי האָבן נישט גענוג מעדיקאַמענטן.

עס האָט שוין געהערשט אַן עפּידעמיע אויך אין די לאַגערן. די עפּידעמיע רופט מען דאָ מיט דריי נעמען. די אָנגעשטעלטע רופן זי „שלשול״, (שילשול) ווי זי הייסט אויף העברעיש און אויף אויף יידיש, די רוסישע יידן רופן זי „פּאָנאָס״, און די אַנדערע יידן רופן זי „דעזינטעריע״; ווען עס וואָלטן דאָ געווען אַרגענטינער יידן, וואָלטן זיי די קראַנקייט גערופן „דיאַרעאַ״. און די דאָזיקע קראַנקייט האָט געקאָסט אַ סך קרבנות. עס זיינען געשטאָרבן אַ סך קינדער. מער וויפל עס וואָלט געדאַרפט, ווען עס

זיינען פאַראַן בעסערע היגיענישע באַדינגונגען, בעסערע שפּייז און מע־דיצינישע הילף. אייניקע עלטערן האָבן רעוואָלטירט. מאַמעס האָבן גע־שריען: „קיין ארץ ישראל האָב איך געדאַרפט קומען צו באַגראָבן דאָס קינד...“ און עס זיינען שוין געווען פאַלן, ווען עלטערן האָבן געשלאָגן דאָקטוירים. און אפשר זיינען ביידע נישט שולדיק — נישט די דאָקטוי־רים, וואָס האָבן נישט געקענט ראַטעווען און נישט די מאַמעס, וואָס האָבן געשלאָגן. ווי ביי אַ ריכטיקער טראַגעדיע איז דעמאָלט געווען שולדיק נישט דער מענטש, נאָר דער גורל... איך האָב דערהערט דעם „המבלי אין קברים במצרים?“

פאַרביטערטע מענטשן האָבן מיר דערציילט: אַ פרוי איז געגאַנגען צו־קינד אין „פרדס חנה“, האָט מען געזוכט אַ דאָקטער, איז נישט געווען. פאַרוואָס? ס׳איז געווען שבת... צום גליק האָט זיך געפונען אַן עלטערע פרוי פון בולגאַריע, אַ באַבע, און זי האָט גענומען דאָס קינד. איך האָב געפאָרשט און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז שבת איז פאַראַן ווייניקער מעדיצינישע הילף, ווי אין דער וואָכן. דאָס דאַזיקע איז אַן אַבסורד. טויזנט מאָל וועל איך מודה זיין, אַז די מענטשן, וואָס גייען אַרום די „עולים“, קענען מער ווי פאַרמאַטערט ווערן. משה רבינו האָט דאָך אויך פאַרלוירן דאָס געדולד... אָבער פונקט אַזויפיל מאָל וועל איך שרייען: אַ סך אַנגע־שטעלטע „וואָלטן געדאַרפט אַרויסווייזן מער ליבע און געדולד צו די „עולים“ און די דאָקטוירים דאַרפן דאָס דאָזיקע אַוודאי און אַוודאי באַ־ווייזן“.

פאַראַן אַן אמתע מעשה וועגן אַ באַרימטער „ווינגייט־נאַכט“ אין תל־אביב. (אַז ווינגייט איז געווען אַן ענגלישער אָפיציר, וואָס איז געווען אַן עכטער יידן־פריינט און וואָס האָט גענומען זייער ערנסט דאָס פאַר־טיידיקן ארץ־ישראל קעגן די אַראַבער, ווייסן געוויס אַלע לייענער, און זיי ד אַ ר פ ן דאָס וויסן. זיין פרוי און זיין זון זיינען אין ישראל און זיי זיינען אומגעהייער באַליבט אין לאַנד). אין יענער נאַכט האָבן יידן באַקומען אַ ידיעה, אַז אַ שיף מיט „עולים“ דערנענטערט זיך צום תל־אביבער פּאָרט; די ענגלישע מאַכט האָט זיך געגרייט צו כאַפּן די שיף און צוריקשיקן די עולים. האָט די יידישע יוגנט בלאָקירט דעם פּאָרט און נישט צוגעלאָזט די ענגלישע מאַכטהאָבער און אַראָפּגענומען די „עולים“. אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט. די ענגלענדער האָבן ביים אָנהייב געשאָסן; און צוויי קרבנות זיינען טאַקע

געפאַלן: אַ מיידל און אַ בחור. וועגן דעם מיידל האָט מען געזאָגט, אַז זי איז די שענסטע אין לאַנד. וואָס עלטערן האָבן איבערגעלעבט אין יענער נאַכט, קען מען זיך פאָרשטעלן. דאָס איז געווען אַ הערלעכקייט פון „קדושה". עפּעס האָט עס אויך דערמאָנט אין דעם לויפן אין ים אַריין פון די ייִדן אין מצרים. פאַר די „עולים", וואָס קומען היינט קיין „ישראל", דאַרף מען אַ סך „ווינגייטער נעכט" און טאַקע טעג אויך. מען וועט נישט קענען באַווייזן, אַז דאָס קומען קיין „ישראל" זאָל זיין אָן בלוט און טרערן, מ'דאַרף טאָן אַלצדינג צו מאַכן ווייניקער בלוט און טרערן. און באַווייזן דאַרפן דאָס דאָזיקע נישט נאָר די ייִדן פון ארץ־ישראל, וואָס טראָגן אויס די גאַנצע לאַסט פון קריג — ער האָט נאָך נישט אויפגעהערט — און ברענגען אים די שווערסטע קרבנות און וואָס טראָגן אויס די גאַנצע לאַסט פון שווערע שטייערן צוליב דעם קריג און צוליב דעם שטענדיקן פאַר־גרעסערן די צאָל ייִדן, נאָר אויך די ייִדן פון דער גאַנצער וועלט. איך וועל מאַכן דעם פּשוטסטן פאַרגלייך: אַ לאַסט, וואָס עס דאַרפן טראָגן דריי פערד, קען נישט טראָגן איינס; און אַז מען וועט די גאַנצע לאַסט דאָך אַרויפלייגן אויף איין פערד, וועט עס צוזאַמענברעכן, וועט עס מעגן זיין ווי נאָכגעביק און געדולדיק. דעם שווערן עול פון ברענגען נייע און נייע הונדערטער טויזנטער „עולים" קיין „ישראל" און זיי דאָרט אָב־סאָרבירן, קענען נישט טראָגן נאָר די ארץ־ישראל־ייִדן אַליין. די צאָל פון די איינגעאָרדנטע איז 650 טויזנט און זיי האָבן שוין אויף זיך 250 טויזנט „עולים" און די צאָל וואַקסט. יעדן טאָג קומען אַריין נייע און נייע עולים; שיפן קומען פון אַלע עקן וועלט, כאָטש זיי געפינען שטערונגען. שיפן קומען און ברענגען אַלערליי ייִדן, געזונטע און קראַנקע, יונגע און אַלטע, צוגעפּאַסטע און נישט צוגעפּאַסטע און די ייִדישע מדינה קען קיין סעלעקציע נישט מאַכן און קען נישט עפענען די טויערן פאַר איינע און פאַר אַנדערע פאַרמאַכן. און נאָך „עליה" מוז קומען די „קליטה". (לייענט: „קליטאַ" מיטן טאָן אויפן לעצטן טראַף און לערנט זיך אויס דאָס דאָזיקע וואָרט. עס מיינט קולט (קוילעט) זיין, אַריינגעמען און אַבסאָרבירן. עס מ'יינט צופּאַסן צום לעבן און אַריינגעמען אין דעם). און אויב ייִדן פון דער גאַנצער וועלט האָבן נישט גענוג געהאָלפן דער „עליה", וועט זיין אַ פאַר־ברעכן און עס וועט חלילה געשען אַן אומגליק, אויב זיי וועלן נישט העלפן אין דער פולער מאָס דער „קליטה". די „בתי עולים" (אימיגראַנטן־היי־זער) אין „ישראל" זיינען — די אַכטע אָפּטיילונג פון גיהנום. איך ברענג

אייך דעם יאָמער פון אָט־דעם גיהנום. „איך האָב אים איינגעזאַפּט אין זיך". איך ברענג אייך דעם יאָמער פון אַ מיידל אין „באר יעקב", וואָס קאָרטשעט זיך פאַר ווייטיק און קריגט נישט קיין מעדיצינישע הילף. איך ברענג אייך דעם יאָמער פון קינדער, וואָס זיינען געשטאָרבן אין „פּרדס חנה", „בית לוד", „באר יעקב" אא"וו פון שילשול און דאָס געוויין פון די עלטערן ביי זייערע קברים... הייזער דאַרפן ייִדן בויען אין „ישראל"! אַ סך הייזער! וואָס מער הייזער עס וועלן זיין, אַלץ ווייניקער וועלן „עולים" דאַרפן זיין אין דער אַכטער אָפּטיילונג פון גיהנום... מיר דאַרפן קענען אַרויפגיין איניינעם מיט די בלוטנדיקע „עולים" אין דער ייִדישער מדינה אַריין.

צווישן „גרינע" און געלע הערשט נישט קיין אידיליע, אָבער...

פון די ערשט־אָנגעקומענע בין איך אַוועק אַקוראַט מיט אַזאַ שטי־מונג, מיט וועלכער איך האָב דערוואַרט צו אַרויסקריגן פון זיי:

ס׳איז שווער און ביטער.

און ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל; ס׳איז באַזונדער שווער,

ווייל מ׳קומט פון אָ שווער און געפּערלעך „לעבן",

ווו מ׳האָט געחלומט פון עפּעס בעסערס,

אָבער — וואָס זאָל מען טאָן?

אין די לאַגערן איז ערגער.

אין מערב־אייראָפּע לעבט מען פון היינט אויף מאָרגן,

קיין איבערמאָרגן איז דאָרט נישטאָ.

אין מיזרח־אייראָפּע איז נישט לייכטער ווי דאָ,

ס׳איז אפשר נאָך שווערער —

און קיין ייִדישע צוקונפט איז נישטאָ.

דאָ וועט מען כאָטש בויען פאַר זיך.

— און אַמעריקע?

— אַלע קענען אַהין נישט אַריין און דאָרט איז ערשט נישט מער ווי אַ פּיל צו קאַפּוויטיק, אָדער אַ פּלאַסטער אויף אַ מכה, וואָס קומט פון אַ קראַנק בלוט. דאָרט הייסט ווייטער בויען גלות און אַרויסרופן שנאה און זיך נישט פאַרזיכערן קעגן אַ טרעבלינקע־מעגלעכקייט, הלוואַי זאָלן מיר אַלע ליגן זאָגן...

אין „פּרדס חנה" האָב איך געטראָפן אַ זייער טרויעריקע מאַמע, וואָס איז געקומען פון די לאַגערן. זי האָט פאַרלוירן אַ קינד פון זעקס יאָר. ס׳איז געשטאָרבן פון דיזענטעריע און זי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז געקומען פון נישט גענוגנדיקער שפּייז, שלעכטער לופט און מאַנגל אין דער ריכטיקער מעדיצינישער הילף. און ווייסט איר, וואָס די דאָזיקע מאַמע האָט מיר געזאָגט? אָט־וואָס:

— מיין שוועסטער איז שוין צוואַנציק יאָר אין לאַנד און זי האָט אין דער מלחמה פאַרלוירן אַן אַכצן־יאָריקן זון, אַ צאַברע, זי איז טרויע־

ריק, מיין שוועסטער, און שטאָלץ. זי האָט געגעבן אַ קרבן אַ העלד דעם לאַנד. בין איך אויך שטאָלץ און טרויעריק. איך האָב אויך געגעבן אַ קרבן דעם לאַנד. דאָס לאַנד האָט געדאַרפט מיין שוועסטערס קרבן און ס'האָט געדאַרפט מיין קרבן. מיר דאַרפן קומען אַהער און צאָלן דעם פּרייז, וואָס מען מאָנט ביי אונדז. מיין זון איז נישט אומגעבראַכט געוואָרן אין קיין גאַז־קאַמער, ער איז אומגעקומען אין אַ לאַגער אין יידישן לאַנד, ווייל עס פעלן דאָ דירות, מעדיקאַמענטן אא״וו. מיין שוועסטערס זון איז אפשר אומגעקומען, ווייל עס איז דאָ נישט פאַראַן קיין גענוג געווער.

און אין דערמאָנטן לאַגער האָט מיר אַ ייד דערציילט אַ וויץ, וואָס גייט אום אין ישראל. אַ ייד איז אָנגעקומען קיין תל־אביב, האָט ער גע־זאָגט צום שאָפער: „פירט מיך אין דער יידישער געגנט"... און ער האָט צוגעגעבן:

— אַנו, דערציילט דעם וויץ ביי אייך אין בוענאָס־איירעס? קיינער וועט פון אים נישט לאַכן. אין ניו־יאָרק איז שוין גאָר אַ יידישע שטאָט, האָט זי שוין אויך יידישע און נישט־יידישע געגנטן. דאָ איז עס נישטאָ. עס איז אַלץ יידיש.

...און מיין וועג איז איצטער געווען צו די איינגעזעסענע. איך האָב געדאַרפט וויסן ווי אַזוי זיי פילן זיך. אויף זיי ליגט דאָך אַ שווערער יאָך. מען האָט אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אין לאַנד, איינגעפירט „צנע" און פאַרקלענערט די שפּייז און פאַרשווערט דאָס קריגן די שפּייז. און מען האָט בכלל שווערער געמאַכט דאָס לעבן. עס איז אומעטום ענ־גער. עס איז שווערער צו קריגן אַ פּלאַץ אין אויטאָבוס און מען דאַרף לענגער שטיין אין דער ריי ביז וואַנען מען קריגט אַ פּלאַץ צום שטיין. און ביים באַקומען אַלע לעבן־מיטלען דאַרף מען שטיין לענגער אין דער ריי. און אין די שפּיטאָלן און די אָפּטיילונגען פון דער קראַנקען־קאַסע איז אויך שווער צוצוקומען צום פּסוק. פאַראַן שפּיטאָלן, ווו מען קען נאָך דער שווערסטער אָפּעראַציע נישט בלייבן מער ווי אַ פּאָר טעג. אין די שפּיטאָלן זיינען פאַראַן ספּעציעלע צימערן, ווו מען פּראַוועט אַ ברית. איצטער פוסטעווען אָט־די צימערן, ווייל קיין קימפּעטאָרן ליגט נישט ביז די אַכט טעג. די בריתן פּראַוועט מען שוין אין דער היים. (פאַר־שטייט זיך, אַז די ברית־צימערן פאַרוועגדט מען שוין אויף עפּעס). אין אייניקע שפּיטאָלן באַדינט מען 80 פּראָצ. „עולים" און נאָר צוואַנציק פּראָצענט איינגעזעסענע.

אוודאי ווייזן די איינגעזעסענע אַרויס מידקייט. זיי ווייזן דאָס אַרויס סיי אין די שטעט און שטעטלעך — און סיי אין די דערפער, „מושבים" און קיבוצים. און זיי האָבן פון וואָס מיד צו זיין. פאַראַן דערפער און קיבוצים, וואָס ווייסן נישט פון רו־טעג צוליב דער אויסערגעוויינלעכער לאַגע. אין אייניקע קיבוצים האָט מען שבת־רו איין מאָל אין צוויי וואָכן. און דאָך פּראָטעסטירט מען נישט. עס זיינען געווען מאַניפעסטאַציעס פון די „עולים", אָבער ס'איז נישט געווען קיין מאַניפעסטאַציע פון די איינ־געזעסענע, אַז מען זאָל אָפּשטעלן די אימיגראַציע. פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן פאַרשיידענע מיינונגען און זיי דענקען, אַז די רעגירונג האַנדלט נישט ריכטיק און אַז זיי וואָלטן דאָס געמאַכט בעסער; עס זיינען אָבער לחלוטין נישט פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָלן זאָגן, אַז דערווייל זאָל זיין גענוג! זאָל מען אַביסל אָפּשטעלן און זיך פאַרפעסטיקן.

בן־גוריון איז אַרויס מיט אַ פּלאַן צו איינאָרדענען „עולים" ביי די קיבוצים; מען דאַרף וויסן, אַז די קיבוצים האָבן סיי ווי נישט נאָר די אייגענע מיטגלידער; זיי האָבן גרופּעס פון „הכשרה", וואָס זיינען גרייט צו גיין אויף זייער ערד און שאַפן נייע קיבוצים און זיי האָבן סתם אי־מיגראַנטן, וואָס זיי דאַרפן געבן פּלאַץ און שפּייז. דאָך וויל בן־גוריון, אַז מען זאָל באַזעצן נעבן די קיבוצים נייע הונדערטער מישפּחות, וואָס זאָלן קריגן אַרבעט און זיי זאָלן דערפאַר באַקומען אַ לוין און דאָס איבעריקע וועט דערווייל געבן די רעגירונג און די אַגענץ. און אויב אַ סך זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן בן־גוריונס פּלאַן, איז עס נישט געווען, ווייל מען וויל נישט האָבן נעבן זיך קיין „גרינע", נאָר ווייל זיי זיינען בכלל קעגן דער ליניע פון דער רעגירונג. די מפ"ם האָט אין די קיבוצים די מערהייט און זי האָט דאָרט דעם אָנשפּאַר אין איר קאַמף קעגן דער רעגירונג, וואָס זי זוכט, ווי אַן אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי, כסדר צו קאָמפּראָמעטירן. און עס ווייזט אויס, אַז עס וועט גאָרנישט העלפן און בקרוב וועלן נייע צענד־ליקער טויזנטער ווינען נעבן די איינגעזעסענע אַגראַרע ישובים און דאָרט אַרבעטן און קריגן אַ זין אין לעבן.

אַ בולטער באַווייז, אַז די איינגעזעסענע זיינען גרייט אויף אַלע הנחות פאַר די „עולים" און צו ברענגען קרבנות פון זייער זייט, איז גע־ווייזן געוואָרן אויף דער „ועידה" פון דער „הסתדרות"; „ועידה" מיינט אַ קאָנפערענץ, אין אַמעריקע רופט מען דאָס „קאָנווענשאָן". ס'איז דער יער־לעכער צוזאַמענפאָר. די „ועידה" (לייענט: וועידאַ מיטן טאָן אויף דער

לעצטער זילבע) איז דאָס פּלאַץ, ווו עס קומען פאַר די שווערסטע קאַמפן צווישן רעכטס און לינקס. די צוויי הויפּט־פּונקטן איבער וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען די שטרייטן צווישן רעכטס און לינקס, זיינען געווען: 1) אַנשליסן זיך אין רעכטן, אָדער לינקן פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, צי בלייבן נייטראַל און 2) דערלויבן שטיק־אַרבעט, אָדער נישט. די מפ״ם איז געווען קעגן שטיק־אַרבעט, ווייל ס׳איז קעגן סאָציאַליזם, אָדער ווייל דער סאָציאַליזם איז שטענדיק קעגן שטיק־אַרבעט, די מפא״י איז געווען פאַר און זי האָט געהאַט די מערהייט און עס איז היינט דערלויבט שטיק־אַרבעט. דאָס האָט די מערהייט געבראַכט אַ קרבן נישט נאָר דעם סאָציאַליזם, נאָר די אייגענע אינטערעסן לטובת די „עולים״. עס איז אויסער יעדן ספק, אַז די שטיק־אַרבעט וועט זיין אַ גרויסע הילף פאַר די ערשט־אָנגעקומענע, וואָס זיינען גרייט אויף אַלץ, אַבי אַרבעטן און וואָס האָבן אַזויפיל אַרבעט ביים איינאָרדענען זיך, אַז קיין פולן טאָג קענען זיי אינדרויסן נישט אַרבעטן.

איך וויל בשום אופן נישט שאַפן דעם איינדרוק, אַז עס הערשט אַ פולשטענדיקע אידיליע אין ישראל, און אַז די גרינע מיט די געלע לעבן אַזוי ווי עס וועלן לעבן דער וואָלף מיטן שעפעלע אין דעם סוף פון די טעג, לויט דער וויזיע פון ישעיהו; „גרינע״ האָבן גענוג טענות צו „געלע״ אין „ישראל״ און פאַרקערט. און קיינער איז נישט בלויז צדק. ביי די צאַברעס אַנטוויקלט זיך אַן איבערטריבענער שטאָלץ. מען וואָלט זיי געדאַרפט אַלע טאָג אויפקלערן, אַז כאָטש די שווערסטע קרבנות גיבן די דאָזיקע, וואָס ווינען אין לאַנד, ברענגען אויך קרבנות די דאָזיקע ייִדן, וואָס ווינען אויסער ישראל און אַ געוויסן חלק האָבן אויך זיי. און מען וואָלט כסדר געדאַרפט פאַרעפנטלעכן ציפערן, וואָס זאָלן דערציילן וועגן דעם ווי גרויס ס׳איז דער חלק און בלוט, וואָס ס׳האָבן געגעבן נישט צאַברעס און פרייוויליקע, וואָס זיינען ספּעציעל געקומען אין לאַנד אַריין קעמפן מ׳יטן שונא. אָבער עס איז אויסער יעדן ספק, אַז די גרייטקייט צו טראָגן דעם עול פון די ניי־אָנגעקומענע איז ביי די איינגעזעסענע נישט קיין קליינע און אַז דער אַלטער ישוב אַרבעט בשום אופן נישט גרינגער, ווי די ישובים פון די „עולים״, וואָס בויען זיך מ׳יט שוויים, בלוט און געזאַנג. גאַנץ „ישראל״ איז איצטער אַ מזבח, אויף וועלכן מ׳ברענגט קרבנות פון שוויים און בלוט און מען הערט נישט אויף צו זינגען ביים ברענגען די קרבנות.

קלמן האָט דערציילט און כרמלה לעבט

פאַרנאַכט איז איבער דעם גאַנצן קיבוץ „שחרית" אַריבער אַ שאָרך, געבראַכט פון אַ ווינטל און אַלע האָבן דעם שאָרך נאָכגעזאָגט און זיי זיינען געוואָרן אומרויק.

— חבר קלמן איז געקומען!

דער דאָזיקער שאָרך איז געלאָפן פון „משרד" (ביוראָ) ביז צום שטאַל, פון דאָרט צום הינערשטייג און אין פעלד אַריין און ער איז אַוועק ווייטער און ער האָט דערגרייכט אין פּרדס און איז אָנגעקומען אין דער פאַבריק פון ציגל און אין דער וועשעריי. די מערסטע האָבן נאָכגעזאָגט: „קלמן... געקומען..." אַנדערע האָבן געענטפערט נאָר מיט אַ טיפן „אוי".

קלמן איז אָנגעקומען אומדערוואַרט. קיינער האָט זיך אויף אים נישט געריכט. ער האָט יאָ געשיקט אַ בריוו, אָבער עס איז געווען מילחמה־צייט און כאָטש געפאָרן איז מען אויך שווער, זיינען בריוו געגאַנגען נאָך שווערער. און אַזוי ווי ער האָט אין זיין ווינונג נישט געטראָפן זיין חברטע כרמלה, איז ער געגאַנגען אין „משרד" אַריין פרעגן ווו זי אַרבעט. גייענדיק אַזוי, האָט ער אַ קלער געטאָן, אַז דאָס צימער זעט עפּעס נישט אויס „בסדר", עס איז צו שטאַרק צוגערוימט און אַלץ איז אויף דעם פּלאַץ. כרמלה האַלט זיך און דאָס צימער שטאַרק ריין, אָבער נישט צו שטאַרק אין דער אָרדענונג. אין ביוראָ האָט מען אים געזאָגט, אַז זיין יונג ווייבל געפינט זיך אין אַ ווייטערן קיבוץ, וווהין מען האָט זי געשיקט מיט אַ געוויסער שליחות.

דער ערשטער געדאַנק איז ביי קלמנען געווען זיך צו לאָזן לויפן. ער וועט זיך שוין אַרויסכאַפּן אויף אַ פּאָר אויטאָס און ער וועט אָנקומען אַהין. אָבער ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט פאַר זיין ווילדקייט און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און ער האָט גערעדט וועגן אַלץ, אויסער וועגן זיין ווייבל.

אַ בחור פון אַ יאָר דרייסיק איז קלמן געווען, אָבער אויסגעזען האָט ער נישט מער ווי פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק און נאָר ווען ער האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און זיך פאַרטראַכט, האָט ער אויסגעזען לויט

זיינע ריכטיקע יאָרן. ער איז געקומען אין קיבוץ אַריין פון אַ הכשרה אין בעסאַראַביע, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר זעכצן. בלאָנדע האָר האָט ער געהאַט און אַ ווייס, ליכטיק פּנים. די אויגן זיינע זיינען געווען העל־בלוי און די בלויקייט האָט פון זיי געדונען ווי פון מיטן־טאָגעדיקן פרי־לינג־הימל. דאָס פּנים איז אים גיך אָפּגעבערנט געוואָרן און עס איז גע־ווען שוואַרץ, שיעור נישט ווי ביי אַ תימנער. און די ווייסע האָר מיט די העל־בלויע אויגן זיינען געווען ווי אַ סתירה צו זיין ברוין פּנים און דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ סך חן. און ער האָט טאַקע „אויסגעכאַפּט" דאָס שענסטע מיידל פון קיבוץ, וואָס איז נאָך דערצו געווען אַ צאַברע און אַ גאָר שטאָלצע דערצו. זי פלעגט אַמאָל זאָגן, אַז זי וועט קיין „חוץ־לארצדיקן" חבר נישט נעמען און חברים האָבן זיך מיט איר דערנאָך כסדר גערייצט און זי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן בכלל נישט געוווסט פון קיין בושה און זי האָט זיי פאַרמאַכט און שטיל אַ שעפּטשע געטאָן:

— קלמן...

דער דאָזיקער נאָמען איז געווען אַ תירוץ פאַר אַלע און פאַר אַלץ. וואָרעם אַלע האָבן געהאַלטן קלמנען פאַר אַן אויסערגעוויינלעכן בחור. געהאַט האָט ער נייגונגען צו שרייבן שירים און יודעי־חן האָבן אים פאָ־רויסגעזאָגט אַ צוקונפט אַלס דיכטער, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז ארץ־ישראל דאַרף מער אַרבעט ווי שירים און ער האָט „צעבראָכן די פעדער". און ער איז אין עלטער פון אַ פאַר־און־צוואַנציק יאָר געוואָרן „מזכיר" (סעקרעטאַר) פון קיבוץ און אייניקע מאָל האָט ער שוין דורכגעפירט שווע־רע מיסיעס אויסער דעם קיבוץ און מען האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין געווען אי אינערן־, אי אויסערן־מיניסטער פון „שחרית"!

און ווען ירושלים איז באַלאַגערט געוואָרן נאָך דעם 29טן נאָוועמ־בער 1947, האָט מען קלמנען געשיקט אַהין, ווייל ער האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע מיליטערישע פעיִקייטן... קלאַנגען זיינען דערגאַנגען, אַז ער איז כסדר געווען אין פייער, ער האָט געקעמפט מיט אומגעהייערן מסירת־נפש סיי פאַר דער אַלטער און סיי פאַר דער נייער שטאָט.

נאָך פאַר דער וועטשערע האָט מען געמאָלדן, אַז דער קיבוץ וועט האָבן אַ באַגעגעניש מיט קלמנען. און כאָטש אַלע חברים און חברות זיינען געווען פאַרמאַטערט און פאַרהאָרעוועט פון דער מילחמה און זיי האָבן לאַנג נישט געהאַט קיין שבת־רו און זיי האָבן געהאַט צענדליקער שעה

דעפּיציט אין שלאָפן, זיינען די מערסטע נישט געגאַנגען זיך אָפּנעמען דאָס ביסל פאַרדינטע רו, נאָר זיי האָבן איבערפולט דעם „חדר־האוכל" (עס־צימער) און אייניקע פון זיי זיינען צוליב מאַנגל אין פּלאַץ געבליבן שטיין אויף די פיס, וואָס זיינען זיי געווען פול מיט ווייטיק.

דאָס גרויסע עס־צימער האָט געהאַט ביי די פענצטער און ביי די טירן געדיכטע שוואַרצע פאַרהאַנגען, וואָס האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין ברעקל שיין אין דרויסן אַרויס, דער שונא האָט דעמאָלט געלויערט מיט טויזנטער אויגן, בכדי צו קענען אויסלאָדן די באָמבעס פון די פליענדיקע מלאכי־המוות אַראָפּ, כאָטש עס איז כלומרשט געווען וואָפנשטילשטאַנד. און כאָטש די טירן און די פענצטער זיינען געווען אַזוי געדיכט פאַרהאַנגען, האָט מען אָנגעצונדן קוים אַ פּאָר לעמפּלעך. די שיין איז געווען אַ קנאַפּע און אַ פאַרשלאָפענע און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע צימער קוקט אַזוי מיד אויף די מענטשן, ווי מיד די מענטשן, קוקן אינעווייניק אין זיך אַריין. די פאַרהאָרעוועטע יונגע און מיטליאָריקע מענער און פרויען האָבן געמאַכט אַ גרויסע אָנשטרענגונג איבער זיך נישט צו גענעצן און בכלל צו באַזיגן די מידקייט און דערפון זיינען זיי געוואָרן נאָך מער מיד, אָבער קלמן האָט באַלד באַזיגט אַלעמענס מידקייט. ער איז אַליין געווען די גאַנצע צייט אין סאַמע פייער און נישט איין מאָל איז זיין לעבן געהאַנגען אויף אַ האָר. ער האָט אָבער גאָרנישט דערציילט וועגן זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און ער האָט נאָר דערציילט וועגן כלל און געוואָלט מען זאָל דערזען און דערפילן ווי אַזוי דאָס איז געשען. ער האָט געקענט זיין אַ רעדנער; ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג, האָט ער אָנגעצונדן הערצער מיט זיינע רעדעס, אָבער ער האָט נישט געוואָלט ריידן ווי אַ רעדנער. ער האָט געוואָלט דערציילן אַזוי ווי אַ ברודער צו ברידער. ער האָט באַמערקט, אַז ער וואָלט זיך געפילט בעסער, ווען ער שטייט נישט אַזוי־אַ אויבנאָן, נאָר ער זעצט זיך אַנידער און אַלע רינגלען אים אַרום. און אין דעם איז נישט געווען קיין פּאָזע, ער האָט דאָס טאַקע געמיינט. ער האָט גערעדט ווי דער פּשוטער חבר קלמן, וואָס האָט גראָד וואָס צו דערציילן. ריידנדיק האָט ער אַריינגעקוקט אַלעמען אין די אויגן אַריין. יעדער האָט געפילט זיין בליק אין זיך און ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז קלמן רעדט נאָר צו אים. און אַ דאַנק דעם האָט יעדער פאַרלוירן די מידקייט און ער איז געוואָרן וואַך. די העברעיִשע ווערטער, וואָס זיינען אַרויס פון זיין מויל, זיינען געווען די פּשוטקייט אַליין. קיין איין

מליצהדיק וואָרט נישט, איין געפּליגלטע פּראָזע און דערפאַר טאַקע איז יעדעס וואָרט געווען אָנגעזעטיקט מיט בילד און געפיל און יעדע פּראָזע האָט געהאַט אַ געדאַנק.

פאַר די אויגן איז אויסגעוואַקסן די שטאָט ירושלים מיט אַלע אירע שטעטלעך און פאַרשטעטלעך און מיט אַלע אירע אַלטע געדרייטע און נייע גלייכערע גאַסן און געסלעך. עס איז אויסגעוואַקסן די אַלטע שטאָט מיט אירע קרומע געסלעך און היילן און מיט אירע הייליקע פּלעצער, וואָס אַ סך האָבן פאַרשמוצט. עס האָט אויסגעוואַקסן די העלקייט פון טאָג, וואָס מאַכט דעם איינדרוק גלייך דער הימל וואָלט זיך מיט דער ערד אויסגעמישט און די ציטערדיקע נאַכט־פינצטערניש, וואָס פאַלט אַראָפּ פּלוצים, ווי אַ שוואַרצער אָדלער וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט און אַלץ פאַרדעקט מיט ריזיקע פליגלען. און עס האָבן אויסגעוואַקסן די געפילן, וואָס אַלע ייִדן האָבן צו ירושלים — די נישט פרומע, נישט ווייניקער ווי פרומע. עס איז אויסגעוואַקסן אַ גרויס בילד פון יענעם פרייטיק־פאַרנאַכט, 19 טעג אין אייר, צוויי וואָכן נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער ייִדישער מדינה, ווען די אַלטע און הייליקע שטאָט איז געפאַלן. עס איז געווען — האָט קלמן געזאָגט — אַ י"ט אייר, וואָס האָט דערמאָנט אין תשעה־באָב.

און דער רעדנער איז נישט געבליבן נאָר ביי די שילדערונגען פון יענעם פאַרצווייפלטן קאַמף, נאָר ער האָט אויך געמאָלן די דערוואַכונג, וואָס איז געקומען נאָך יענעם קלאַפּ, אַלטע ייִדן מיט ווייסע בערד זיינען געוואָרן ווי לייבן. אינטים האָט ער גערעדט און דערציילט און ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס עס איז געלונגען די נייע שטאָט צו אָב־האַלטן און עס איז קלאָר געוואָרן די כוונה פון קלמנען: ער האָט נישט געוואָלט סתם באַפרידיקן די נייגעריקייט פון זיינע צוהערער, נאָר ער האָט זיי געוואָלט לערנען אַ פּרק אין סטראַטעגיע. עס איז שוין געווען אין דער צייט פון צווייטן וואַפנשטילשטאַנד און אַלע האָבן מורא געהאַט, אַז עס איז נאָך זייער ווייט פון שלום און אַז מילחמה קען זיך צו יעדער צייט באַנייען און דער קיבוץ שחרית איז געלעגן אין סאַמע פייער פון צוויי פראָנטן; סיריער און טראַנסיאָרדאַניער האָבן געלויערט אויף אים און „תכסיסי מילחמה" האָט מען נאָך געדאַרפט לערנען.

וואָס לענגער קלמן האָט גערעדט, אַלץ ווייניקער מיד זיינען די צו־הערער געוואָרן און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אַלע האָבן זיך געפילט, גלייך זיי אַליין וואָלטן געווען בעת די שלאַכטן אין דער אַל־

טער און בייער שטאָט. און דער איינדרוק איז געווען, אַז נישט מען הערט אויס אַ רעדע, נאָר מען באַטייליקט זיך אין שלאַכטן, ווו יעדער פאַלשער שפּאַן קען זיין פאַטאַל און דערפאַר גיט מען אויסערגעוויינלעכע אַכטונג און מען איז וואַך.

ווען דער רעדנער האָט פאַרענדיקט, האָט קיינער נישט אַפּלאָדירט, אָבער מיט די בליקן האָט מען אויסגעדריקט אַזאַ צופרידנקייט און דאַנק־באַרקייט, וואָס האָט אַ סך מער ווערט געהאַט ווי אַפּלויזן, אָוואַציעס.

אייניקע חברים האָבן געבעטן, מען זאָל זיי דערלויבן צו שטעלן פראַגן. און כאָטש אַלץ איז געווען קלאָר און אַלע האָבן שוין באַלד גע־דאַרפט אויפשטיין, זיינען אַלע געבליבן. עס איז נישט געווען צו דער־קענען, אַז מען וויל די זאַך ציען און פאַרציען. מען פרעגט נישט טאַקע, ווייל מען האָט וואָס צו פרעגן, נאָר מען וויל עס זאָל זיך נישט ענדיקן, און פון צייט צו צייט האָט איין חבר זיך איבערגעקוקט מאָדנע מיט אַ צווייטן און אַ מענטש מיט אַ געניט אויג האָט געקענט באַמערקן, אַז איינער פאָדערט ביים צווייטן, אַז ער זאָל ריידן און פרעגן. עס האָט שוין פשוט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מען וויל נאָך און נאָך פאַרהאַלטן דעם רעדנער.

איין חבר, דער עלצטער פון קיבוץ, האָט גענומען אַ וואָרט און ער האָט נישט געשטעלט קיין פראַגע, נאָר ער האָט דערציילט איינדרוקן פון זיין ערשטן באַזוך אין ירושלים. ער האָט דערציילט וועגן באַגעגענישן מיט אַלערליי פּערזענלעכקייטן און וועגן זיינע שפּאַצירן איבער פאַרשיי־דענע גאַסן און געסלעך. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער רעדט סתם אין דער וועלט אַריין, אָבער ער האָט זיך סוף־כל־סוף דערגרעדט צו אַ טעמע, וואָס האָט אַלעמען פאַרכאַפּט. ער האָט דערציילט ווי אַזוי ער איז געגאַנגען אַזוי פאַרטראַכט און ער איז אַריין אין אַן אַראַביש געסל. עס איז געווען אין אַ צייט, ווען עס איז שוין געווען געפערלעך פאַר אַ ייִדן צו גיין אין אַן אַראַבישער געגנט. אין די יידישע געגנטן האָבן זיך אַראַבער ארומגעדרייט פראַנק און פריי און קיינער האָט זיי נישט אָנגע־רירט און זיי איז נישט איינגעפאַלן, אַז עס קען אים עפּעס געשען. אָבער פאַר אַ ייִדן איז דעמאָלט שוין געווען אַ גרויסע סכנה צו געפינען זיך איינער אַליין צווישן אַראַבער.

עס איז געווען פאַרנאַכט; די פינצטערקייט איז אַראָפּגעפאַלן פּלוצ־לינג פון דעם הויכן הימל און זי איז געבליבן אַ רגע הענגען אויף די

בערג און זי איז דערנאָך באַלד אַראָפּ אויך אין דער נידער. און אויס־געזען האָט די פינצטערקייט אַזוי ווי אַ רויב־פויגל, וואָס קלייבט זיך עמיצן צו פאַרצוקן. און ביי די נידעריקע שטיבלעך זיינען אומעטום גע־זעסן אַראַבער און זיי האָבן געקוקט מיט מער רויבערישקייט ווי די נאַכט. זייערע אויגן האָבן געברענט מיט שנאה און מיט מאָרד־תאווה. אים האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד ווי ער וועט געבן נאָך עטלעכע שפּאַן, וועט ער זיין אויף אַ יידישער גאַס, אָבער וואָס מער ער איז געגאַנגען, אַלץ טיפער איז ער געזונקען אין דער אַראַבישער געגנט. עס איז אים אויסגעקומען, אַז ער איז אַריין אין אַ לאַבירינט און ער לויפט אַהין און צוריק און על פּי שכל דאַרף ער טרעפן צו דער טיר און געטראָפן האָט ער דווקא אין אַ פאַרשפּאַרטער וואַנט... עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין דער וועלט זיינען פאַראַן נאָר אַראַבער.

די דערציילונג האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן איינדרוק, אָבער קלמן האָט דערפילט, אַז מיט עפּעס נאַרט מען אים דאָ. נישט אומזיסט האָט מען אים דאָ פלוצים אַנידערגעזעצט דערציילן מעשות, ווען עס איז דאָ אַזויפיל אַרבעט, און ער האָט אַריינגעקוקט אַלעמען אין די אויגן אַריין און געזאָגט:

— איך בין דאָך שוין נישט קיין יינגעלע, וואָס דערציילט איר מיר מעשות? איך קום איצטער פון ירושלים, וו עס זיינען שוין אינגאַנצן נישטאָ קיין אַראַבער און עס וועלן נישט זיין אויך און אַז עס וועלן יאָ זיין, וועלן זיי זיין אַזוי, אַז מען וועט נישט מורא האָבן פאַר זיי... זאָגט מיר, וואָס האָט געטראָפן מיט כרמלהן?

אַלע זיינען בלייך געוואָרן. אייניקע פרויען האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. נישט פאַרלוירן זיך האָט דער „סבא" (זיידע) פון קיבוץ. ער האָט אָפן, מוטיק און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין געזאָגט:

— כרמלה איז שוין נישטאָ. געווען אַן איבערפאַל פון די סורים און זי האָט אונדז פאַרטיידיקט העלדישער פון אַלע. זי האָט פאַרטיידיקט אַזוי ווי קלמנס חברה.

— אַזוי ווי כרמלה — האָט קלמן פאַרריכט.

— אַזוי ווי כרמלה — האָט דער „סבא" צוגעגעבן — און זי איז געפאַלן.

קלמן האָט געציטערט מיטן גאַנצן לייב און לעבן און ער האָט אויס־

געהערט. די בלויע אויגן זיינע האָבן געטריפט מיט פייער און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף פּרטים.

די מערסטע חברים און חברות זיינען אַוועק. געבליבן זיינען עטלעכע אינטימע פריינט. מען האָט געמאַכט נאָך טונקעלער און מען האָט גערעדט וועגן כרמלהן. מען האָט דערציילט וועגן איר און מען האָט געזונגען לי־דער, וואָס זי האָט ליב געהאַט צו זינגען. עס איז געוואָרן אַ מין „קום זיץ" *). דער טרויעריקסטער, שענסטער און גרעסטער „קום זיץ" אין קיבוץ. געזונגען האָט מען, געטאַנצט — נישט...

*) „קום זיץ" רופט מען אַן אינטימע שפּעטע נאַכט־פאַרווייל ונג אין אַ קיבוץ. געווײנלעך פראַוועט מען אַ „קום זיץ" נאָך אַ לעקציע, אַ קאָנצערט, אָדער אַ פאָרשטעלונג.

עקיר החרשה און איגזים — נסים פון „גרינע“

אַנדערש זעט אויס אין די קיבוצים און מושבים פון די נייע „עולים“. דאָ איז די אַנשטרענגונג אַ בשותפותדיקע, אַ קאָלעקטיווע. דאָ קלאַפּט זיך נישט באַזונדער ערגעץ אַ האַמער. דאָ הייבן זיך לאָפּעטעס און אַ סך האַמערס אינאיינעם. דאָ גייט אַן אַ מילחמה מיט דער ערד און מיט דער גאַנצער רויקייט פון דער נאָך נישט באַהערשטער סביבה. דאָ זעט מען ענדערונגען און אויסזען פון אַרום נישט נאָר פון טאָג צו טאָג, נאָר אויך פון שעה צו שעה. איך בין געווען אין איינעם אַ מושב פון אימיגראַנטן איין מאָל און אין זעקס טעג אַרום בין איך דאָרט געווען ווידעראַמאָל, האָבן די הייזער אויסגעזען ביים צווייטן מאָל אַנדערש, זיי זיינען געוואָרן ריי־נער און די פעלדער האָבן אויסגעזען אַנדערש — באַאַרבעט. אין אַן אַנ־דער נייעם קיבוץ בין איך געווען אַ גאַנצן טאָג און איך האָב אים פון אין דער פרי ביז פאַרנאַכט נישט דערקענט. ביים אַנקומען איז געווען מיסט, ביים אַוועקפאָרן איז שוין נישט געווען.

אין די קיבוצים, וואָס ווערן געשאַפן פון די דעמאָביליזירטע סאָל־דאַטן, ווערן אויפגעטאָן וווּנדער. יינגלעך און מיידלעך גייען אַרויף אויף מדבריות און זיי גיסן שווייס אין דער זאַמדיקער ערד אַריין און עס ווערט ישוב און עס נעמט וואַקסן און עס נעמט בליען. און די יינגלעך און מייד־לעך קרעכצן נישט. זיי אַרבעטן כמעט פונקט אַזוי שווער, ווי די ייִדן אין מצרים און עס געשעט נישט דער „ויאנחו מרוב עבודה“ — זיי זיפצן נישט פון פיל אַרבעט, נאָר זיי זינגען און טאַנצן. זיי וואָלטן על פי שכל געדאַרפט זיין מיד פון צופיל אַרבעט און זיי זינגען און טאַנצן אַ הורע. קוקסט זיך צו צו אַן אויפגייענדיקן קיבוץ און דו קלערסט זיך, אַז אַט־אָ־די אַרבעט איז מער הערא:זם ווי — די מילחמה. בעת דער מילחמה, איז דאָך געשטאַנען אַנטקעגן אַ שונא. איין נישט געהעריקע אויפמערק־זאַמקייט און דאָס אייגענע לעבן איז פאַרשפּילט. מען האָט טאַקע גע־קעמפט פאַר „מולדת“ (מאָלעדעט — געבורטלאַנד), אָבער מען האָט דאָך געמוזט אָפּהיטן דאָס אייגענע לעבן. דאָ שטייט מען נישט אין קיין סכנה און דאָך רוט מען נישט אַ רגע.

איך האָב זיך צוגעקוקט אין עטלעכע קיבוצים אַזעלכע צו דער אַר־בעט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט איך זע אַרבעטן אַ פּאָר הונ־דערט יונגעלייט, נאָר איך הער שפּילן אַן אָרקעסטער. און דער וווּנדער איז געווען, וואָס אַלע זיינען זייער דאָך נישט געווען איבערגעניט. זיי זיינען דאָך געווען אין צענדליקער פלעצער, ווער עס האָט געאַקערט, ווער עס האָט גע־האַקט שטיינער, ווער עס האָט געצויגן שטריק פּאָר אַ געצעלט, ווער עס האָט געוואַשן וועש, ווער עס האָט געקאָכט, ווער עס האָט אַריבערגעפירט זאַכן פון איין אָרט צום צווייטן; און דאָך איז געווען איין ריטם אין דער גאַנצער אַרבעט, גלייך אַ דיריזשאָר וואָלט געשטאַנען מיט אַ כישוף־שטע־קעלע און געוויזן דעם ריטם.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין אַ קיבוץ פון נאָרד־אַמעריקאַנער, וואָס הייסט „גשר זיו" (די בריק פון לויטערקייט). אַמעריקאַנער יאַטן און יאַטעכעס, וואָס האָבן זייער אַמעריקאַנישקייט נישט פאַרלוירן. זיי גייען אָנגעטאָן, אַזוי ווי מען גייט אָנגעטאָן אין די נאָרד־אַמעריקאַנער זומער־פלעצער. פאַראַן צווישן זיי יינגלעך און מיידלעך — שיינהייטן און פאַראַן פּיקאַנטע און עקזאָטישע. פאַראַן טיפּן, וואָס דערמאָנען אין קינדער פון געוויסע פילמען. אייניקע זיינען קליינענדיק, אַנדערע רויטלעך. אַ סך פון די יינגלעך און פון די מיידלעך רויכערן. מיר דאַכט, אַז די מיידלעך רויכערן מער פון די יינגלעך. און ווי זיי האָבן דאָס געאַרבעט אין דער פאַרלאָזטער געגנט אין מערבדיקן גליל! זיי געפינען זיך אין אַ גאַנץ אי־זאָלירטן פּונקט. דער קיבוץ הייסט „גשר זיו", ווייל ביים צוקומען צו אים מוז מען אַריבערפאָרן אַ בריק. די דאָזיקע בריק איז פאַרטיידיקט געוואָרן טאַקע פון די זעלביקע יאַטן און יאַטעכעס און זיי האָבן דאָרט געהאַט פינף קרבנות. איך בין אין אָט דעם קיבוץ געווען איניינעם מיט צוויי נאָרד־אַמעריקאַנער, וואָס האָבן געבראַכט גרוסן פון אייגענע צו אַ סך חברה האָבן אָפּגענומען גרוסן, אָבער די אַרבעט האָט זיך אַ רגע נישט אָפּגעשטעלט. זי האָט געקלונגען און געזונגען, די אַרבעט, כאָטש די פּיקאַנטע מיידלעך האָבן די ציגאַרעטן פון די מיילער נישט אַרויסגענומען.

דער גרעסטער וווּנדער זיינען די קאָלאָניעס פון די גאָר נייע „עולים". מענטשן וואָס קומען פון לאַגערן זיינען צעשרויפט און צערודערט און זיינען, דאַכט זיך, נישט צוגעגרייט צו קיין שווערער אַרבעט. זיי זיינען נישט גרייט דערצו נישט פסיכיש און נישט פיזיש. און פונדעסטוועגן זאָלט איר זען ווי מען אַרבעט. אַן אָפּשטעל און אַן אויפהער אַרבעט מען.

מיר זיינען געווען אין אַ „מושב“, וואָס איז נישט לאַנג געגרינדעט גע־וואָרן פון 72 פאַמיליעס, צום מיינסטנס טשעכאָסלאָוואַקישע. יונגע פאָר־פאָלקן מיט קליינע קינדער, ווער מיט איין קינד, ווער מיט צוויי, ווער שוין קיין עין־הרע מיט דריי, כאָטש דאָס עלצטע קינד איז דאָ נישט על־טער פון פינף יאָר. זיי האָבן דערווייל נאָר אַ קינדער־גאָרטן, ווייל פאָר קיין שול זיינען נאָך קיין קינדער נישטאָ. „מיר האָבן נאָר קליינוואַרג, האָבן זיי אונדז געזאָגט, קיין גרויסוואַרג נאָך נישט“. מיר האָבן אָבער גוט געזען, אַז וועגן יעדן פון די קליינע קינדער פון דאַנען קען מען מיט זיכערקייט זאָגן: „זה הקטון גדול יהיה“. אייניקע יאָטן און יאָטעכעס פון אַ יאָר און אַנטדערטהאַלבן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט העמדלעך, וואָס האָבן זיי נישט צוגעדעקט וויפל מ׳דאַרף. און זיי האָבן געלאַכט. אַפילו ווען זיי זיינען געווען, איך בעט איבער אייער כבוד, פאַרסמאַרקעט, האָבן זיי געלאַכט. איך האָב גאָרנישט געזען קיין וויינענדיקע קינדער אין יע־נעם ווינקל.

דער „מושב“ געפינט זיך אין דרום, נישט ווייט פון רמלה, אין אַן אַראַביש דאָרף, וואָס הייסט „עקיר החדשה“ (אַקיר האַכאַדאַשאַ). קיין הע־ברעישן נאָמען האָט נאָך נישט דאָס יידישע דאָרף. ביי די אַראַבער איז ער געווען פאַרפעסטעט. די פליגן האָבן ממש אויפגעגעסן. היינט איז שוין ריין אין די שטיבער און אַרום די שטיבער און קיין פליגן זיינען שוין באַלד נישטאָ. און די פעלדער זיינער פאַראַקערט און פאַרזייעט; און עס זיינען פאַראַן יונגעביימער, וואָס מ׳האָט ערשט פאַרפלאַנצט. שטייגן מיט הינער זיינען שוין פאַראַן גאָר פיינע, קיין שטאַל איז נאָך נישטאָ. יעדע פאַמיליע האָט דאָ דערווייל נאָר איין בהמה: אַ ציג. די ציגן זעען אויס, אַזוי ווי גאָט האָט זיי געבאָטן. זיי האָבן בערד און זיי מעקען, קוועטשנדיק זיך. מילך גיבן זיי. „נישט צו פאַרזינדיקן“, זאָגן די ווייבער. מ׳יין חבר און לאַנדסמאַן דער דיכטער אפרים אויערבאַך, מיט וועמען איך בין געווען אינאיינעם אין „עקיר החדשה“, האָט זיך צוגעכאַפּט צו אַ ציג און איך האָב געכאַפּט אַ קינד אויף די הענט און אַזוי האָט מען אונדזביידע פאָטאָגראַפירט. ווער ס׳האָט בעסער געמאַכט — זאָגט אַליין. אַ ציג איז זייער גוט, אָבער אַ קינד איז נאָך בעסער...

די שטיבער זיינען פעסטע און זיכערע אין „עקיר החדשה“. אפנים אַז דאָ האָבן געוווינט רייכערע אַראַבער. די אָפּגעזונדערטע הייף קריכן באַרג אַרויף. ארץ־ישראל האָט אַן אַ שיעור מער בערג־שיפועים ווי פלאַכ־

לאַנד. מען דאַרף נאָר קענען בויען און זייען און פלאַנצן אַזוי, אַז זון און שאָטן זאָלן ברענגען נאָר נוצן און גאָר קיין שאָדן נישט. זייען זייעט מען שוין און פלאַנצן פלאַנצט מען שוין ווי מען דאַרף, אָבער דאָס שוין גע־בויטע קען מען נישט איבערמאַכן. די נייע געביידעס ווערן שוין געבויט אַזוי, אַז זון, שאָטן און ווינט זאָלן זיי ברענגען נאָר נוצן. אַמאָל האָט דער מענטש געדינט דער זון, היינט קען מען שוין „איינשפאַנען" די זון, אַז זי זאָל דינען דעם מענטשן.

אין יעדן הויף זיינען פאַראַן דריי פאַמיליעס. זיי האָבן נישט ווייט די שטייגן און די ציגן. דער סעקרעטאַר פון מושב האָט אונדז באַגלייט און דערקלערט און דערציילט, אַלע אַנדערע האָבן געקוקט אויף אונדז און געטאָן די אַרבעט. קיין רגע האָבן זיי זיך נישט אָפּגעריסן פון דער אַרבעט.

— פאַרוואָס אַרבעט איר אַזוי?

— פאַר זיך. פאַר אונדז אַלע.

— ווען איר דאַרפט איצטער אויסקלייבן ווהין צו פאָרן, ווהין וואָלט איר געפאָרן, אַהער, צי קיין אַמעריקע?

— אַהער, נאָר אַהער. אונדז טוט באַנג, וואָס מיר זיינען נישט גע־קומען פריער, אָבער ס'איז נאָך נישט שפּעט חלילה. מיר זיינען יונג. קומ'ט אין אַ יאָר אַרום, וועט איר זען, וואָס דאָ וועט זיין.

און איך האָב געוווּסט, אַז ס'איז אמת. מיט אַ יאָר צוריק זיינען געווען אַ סך וויסטע ערטער, וואָס היינט בליען זיי שוין. מיט פערציק יאָר צוריק איז דאָ אַלץ געווען וויסט.

מיר זענען אָוועקגעפאָרן און דער ריטם פון דער אַרבעט איז אונדז נאָכגעגאַנגען. מיר האָבן געפילט, ווי מען רוט נישט אויף איין רגע. אַ ריטם פון אַרבעט, וואָס דערמאָנט אין אַן אָרקעסטער, כאָטש מען אַר־בעט נישט אינאיינעם, נאָר אין שטוב, אין פעלד, אין גאָרטן און אין פאָלקס־הויז. מען מאַכט שוין איין מאָל אַ פאָלקס־הויז דאָרט. מען האָט מיך איינגעלאַדן צו קומען אַהין האַלטן אַ רעדע אין אַ האַלב יאָר אַרום אין ייִדיש און אין אַ יאָר אַרום אין העברעיִש...

איך האָב אייך געהייסן אַראָפּוואַרפן אין „נגבה" די שיך, בעת ס'איז געווען נעגבאָגראַד. וואַרפט איצטער אויך אַראָפּ די שיך. שעל נעליך מעל רגלך... איך גיי באַשרייבן איגזים. אַן אַראַביש דאָרף, וואָס טראָגט נאָך דעם אַראַבישן נאָמען „איגזים". אין די כרמל־בערג געפינט זיך עס. נישט

ווייט פון „זכרון יעקב״ געפינט עס זיך. די געגנט הייסט „שומרון״ (אַמאָל האָבן מיר געזאָגט „שוימרוין״, היינט זאָגט מען „שאָמראָן״). די נביאים, וואָס האָבן געוואָלט אַ מאָראַליש לעבן, האָבן נישט געהאַט קיין גרויס הנאה פון אָט דעם ווינקל. מען האָט דאָ געזינדיקט מאָראַליש און נאַציאָנאַל. מאַפּוס צווייטער בעסטער ראָמאַן נאָך „אהבת ציון״ (די ליבע צו ציון) הייסט: „אשמת שומרון״ (די זינד פון שוימרוין). ווען אַראָבער האָבן דאָ געלעבט, האָבן זיי אויך געזינדיקט, איבערהויפּט קעגן יידן.

שיין איז די געגנט נאָר ווי שיין געגנטן קענען זיין אין „ישראל״. מיר זיינען געפאָרן צווישן בערג, וואָס קייטלען זיך. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ פּאַלאַץ, וואָס געפינט זיך אויף אַ שפּיץ פון אַ באַרג און מען האָט מיר דערציילט אַ גאַנצע געשיכטע וועגן אַן עפענדי, וואָס האָט דאָ געהאַלטן זיין געליבטע, וואָס שטאַמט פון איראַק. ווען פּיער בענואַ וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער אָנגעשריבן אַ סענסאַציאָנעלן ראָמאַן, אַזוי ווי ער האָט אָנגעשריבן פון „באר יעקב״ (יעקבס ברונעם). איך האָב זיך פאַרקוקט מער אויפן באַרג ווי אויפן פּאַלאַץ. מעשות וועגן עפענדי און זייערע געליבטע ווען פון דאַנען אַנדערע שעפּן. מיט שעפּל קען מען זיי שעפּן.

דער צופאַר צו איגזים איז ביי אַ וועלדל פון איילבירטן (מאַסליינעס) ביימער. די דאָזיקע ביימער האָבן אַ באַזונדער שיינקייט. זיי האָבן קיילעכדיקע קעפּ, שיעור נישט ווי מענטשן. און בלויז זיינען די קעפּ און עפּעס ווי פון פליוש. ווייך, בלויע, פליושענע קעפּ; עס דאַכט זיך, אַז מען האָט זיי בריהש פריזירט. און אַ ריח האָבן זיי נישט אַזוי אַ פּעטן ווי אַ פּיקאַנטן. דער ריח גיט דיר אַ טשיפּע, אַלציינס ווי דו וואָלסט געהאַלטן אַ מאַסלינע אין מויל. איך האָב נישט געוווסט, וואָס צו טאָן: קוקן אויף דעם וועלדל, צי אָטעמען זיין ריח.

און פאַרנדיק אַזוי ביים איילבירט־וועלדל, וואָס ליגט אויפן שפּיץ פון אַ נידעריקן באַרג און צופוסנס פון אַ העכערן באַרג און קלערנדיק, אַז דאָ וועט אַמאָל זיין אַ פּרעכטיק זומער־פּלאַץ, האָב איך געפילט אַ גלעט פון אַ פריש ווינטל און דער אויטאָ אונדזערער האָט זיך אַריינגעשניטן צווישן צוויי בערג און ער האָט זיך געגנומען שאָקלען אויף אַ שמאָלן וועג, אַ זאַמד. מיר זיינען נישט געווען זיכער, צי דער וועג פירט קיין איגזים, צו פרעגן איז נישט געווען וועמען. פלוצים האָבן מיר דערזען אַ יונג פּאַרפּאָלק. אַ שיינע יונגע פרוי, אַ שיינער יונגערמאַן. ער

מיט אַ קינד אויף די הענט.ביידעריידן אַ יידיש פון קאַרפּאַטן־רוסלאַנד. זיי גייען קיין איגזים, מיר זיינען אויפן ריכטיקן וועג. עס איז נאָך אַ פּאָר מינוט פאָרן און אַ פּאָר צענדליק מינוט גאַנג. זיי גייען צו פריינט, וואָס וווינען שוין דאָ, זיי אַליין זיינען נאָך אין לאַגער. מיר האָבן זיי געוואָלט ביידע אַריינגעמען אין אויטאָ. דער שאָפער האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז מיר זיינען צופיל און דער אויטאָ וועט נישט גיין. מ׳קען אַריינגעמען נאָר איינעם פון ביידע. מאַן און ווייב האָבן זיך איבערגע־קוקט. דער מאַן איז נישט געווען צופרידן, וואָס זיין ווייב זעצט זיך אַריין צווישן אַ כאָפּטע מענער. זי האָט גענומען דאָס קינד און זיך אַריינגע־זעצט אַ צופרידענע. עס איז געווען הייס און דער וועג איז געווען אַ שווערער. איך האָב געזען ווי ער האָט אויסגעטאָן דעם קאַפּעליוש און אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקע.

און מיר זיינען געפאָרן צווישן די צוויי בערג. דער וועג האָט אויס־געזען ווי אַן אויסגעשניטענער. מען איז אַריין אין פעלזיקן באַרג אַריין און אים דורכגעשניטן און געמאַכט אַ וועג. עפּעס האָט דאָ אַלץ גע־אָטעמט מיט גבורה. מען האָט דערקענט, אַז דאָס איז אַן איזאָלירטער פונקט, וואָס קען באַפאַלן ווערן און מ׳קען אים דאַרפן פאַרטיידיקן מיט גרויסער העלדישקייט.

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ פּלאַץ וווּ מ׳האָט נישט געקענט ווייטער פאָרן. דער באַרג אַרויף איז געווען אַ צו שיפּועדיקער און דער אויטאָ וואָלט געפאַלן אויף צוריק. דערצו זיינען געווען גריבער אינדערמיט און בערגלעך. פון ביידע זייטן האָבן די בערג זיך געצויגן מלכותדיק אַרויף. אונדז זיינען אַנטקעגן געקומען צוויי סאָלדאַטן. זיי ריידן נישט „עברית״, נישט יידיש, נישט קיין שום אייראָפּעישע שפּראַך. זיי זיינען דרוזן און זיי דינען אין ישראלס אַרמיי. ווי אַזוי זיי ריידן זיך צונויף מיט די זעכ־ציק יונגע יידישע פאַמיליעס פון טשעכיע, ווייסט איין גאָט. אָבער די בויער פון נייעם ישוב האָבן אונדז פאַרזיכערט, אַז מען לעבט גוט מיט זיי. ביידע זיינען קאַפּראַלן און זיי האָבן זייערע „גראַדן״ פאַרדינט. זיי זיינען געטריי און איבערגעגעבן און ס׳איז זיי טאַקע בעסער ווי ביי די ענגלענדער־אַראַבער. זיי האָבן נישט ווייט זייערס אַ דאָרף און מען קלייבט זיך צו זיין גוטע שכנים.

די זאַנע איז אַ מיליטערישע (וועלכע זאַנע איז דאָ נישט קיין מילי־טערישע? דער שונא וויל פּאַקן אומגעריכט, מוז מען זיין וואַך) דער קאָ־

מענדאַנט איז אַ פראַנצויזישער ייִד. דעם גראַד סרן (סערען — קאַפּיטאַן) האָט ער. ער איז, מאָלט אייך, אַ סך מער פראַנצויז ווי ייִד. ער רעדט פראַנצויזיש און ער קען אויך אַראַביש. ער האָט געדינט אין אַפריקע. ער איז אויך געווען אין פרעמדן־לעגיאָן אין שפּאַניע און ער רעדט אַ גאַנץ גוטן שפּאַניש. און ער האָט ליב ארץ ישראל און ער האָט, זאָגט ער, דער־הערט דאָס קול פון זיין אייגן בלוט.

ער קען יעדן שטיין
און יעדער שטיין קען אים.
ער האָט דאָ ליב יעדן שפּאַן
און יעדער שפּאַן האָט אים ליב.
די געדעכטע ייִדישע מלחמה האָט אים צוגעצויגן.
די ייִדישע מדינה האָט אים כישוף געטון.

„ווי קען זיין, זאָגט ער, אַ ייִדישע מדינה און איך זאָל איר נישט דינען?״

— און וואָס קענסטו „עברית״?

— „שלום״ און נאָך עפּעס.

— און פון ייִדישקייט וואָס ווייסטו?

— „שמע ישראל״ און...

יאָ, מער נישט! דאָס איבעריקע זאָגט ער שוין אויף פראַנצויזיש. אַלעס זינגט אין אים, ווען ער זאָגט: „זשע סואי זשיף״ (איך בין אַ ייִד) און די אויגן ברענען אים.

מ'ען דערציילט וועגן אים, אַז אַלע אין דער געגנט האָבן אים ליב. די ייִדן און די דרוזן. דאַרף ער דריי מענטשן צו דער אַרבעט, קומען דרייסיק.

ער איז אַ ייִד
און וועט האָבן ייִדישע קינדער.
דער כוח פון דער ייִדישער מדינה.

מיר שפּאַנען באַרג־אַרויף. ביי די זייטן שטיינער, אַרומגערינגלט מיט פעסטע פּלויטן. שטיינער אין די בערג. אַרום איז נאָך ווייט נישט געווען ריין. מענער און פרויען אַרבעטן. זיי לויפן אַרום, זיי שטייען אויף אַ פלאַץ, קיין האַנט שטעלט זיך נישט אָפּ. אַ מוראַשניק איז אַ גאַרנישט קעגן זייער טאַראַראַמעדיקער אַרבעט. איך באַמערק אגב אַ מוראַשניק און איך פאַרקוק זיך. אויך דאָרט גייט אָן אַ פיבערדיקע אַרבעט.

— וואָס האָבן די מוראַשקעס, אַ קיבוץ, צי אַ מושב?

איך פרעג און דער עולם לאַכט און פאַרטראַכט זיך. שלמה המלך האָט דאָך געהייסן זיך לערנען ביי די מוראַשקעס, פאָלגט מען?

מיר קוקן זיך צו צו די איינוווינער. זעכציק יונגע פאָרלעך זיינען זיי. די מערסטע זיינען מיט קינדער. אייניקע פון די מענער זעען אויס עלטער פון די פרויען. אין די לאַגערן האָט מען זיך צוגעטוליעט. מיידלעך האָבן נישט געהאַט קיין טאַטעס און אַ חתן איז געווען אַ טאַטע אויך. אַט טוליעט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַ קינדיש מיידל צו אַ פעסטן, כמעט מיטליאָריקן מאַן. זי זעט אויס ווי אַ באַרג־ציג, זי דאַרף זיך אויפהייבן און אַרויפשפּרינגען אויף די בערג, אָבער זי האַלט זיך נעבן אים. זיי דערציילן אַליין, אַז זי איז אַלט 19 יאָר און ער — 39. קיין „עברית״ קען קיין איינער נישט, יידיש ריידן זיי אַלע. אַ געדייטשמערטן יידיש, אַ פרעמדלעכן. פון פרומער יידישקייט ווייסן זיי אַביסל. אַלע זעען זיי אויס געזונט, אָבער אויך נערוועז. אַלע זיינען זיי שיין. צווישן די פרויען זיינען פאַראַן שיינהייטן. אייניקע וואָלטן באַשיינט האָליווּד.

איך האָב דעם איינדרוק, אַז אַ סך פון די פרויען זיינען קריסטלעכע. איך דערקען וועלכע ס'האָט נאָר שיינקייט און וועלכע עס האָט אויך יידישן חן. דאָ ווערן זיי אַלע יידישע. איין זון באַקט זיי אויס, איין גורל פאַרייניקט זיי, איין קאַמף פירן זיי פאַר לעבן קעגן טויט. דאָ קען מען אָדער לעבן ווי אַ ייד, אָדער שטאַרבן.

איך קוק זיך צו צו די פּנימער, צו די הענט, צו די פיס. מוראדיק צעביסן פון פליגלעך זיינען זיי. ווי מיליאָנען שטופּלען וואָלטן זיי גע־האַט. אָדער גאָר בלאַטערלעך און פרישטשעקעס! אייניקע קלאָגן זיך, אַז צוליב די מאָסקיטן קענען זיי נישט אַרבעטן, אַנדערע באַרויקן: די מאָס־קיטן וועלן אויפהערן בייסן, מיר וועלן אויפהערן פילן, מען וועט זיך צו־געוווינען.

מיר גייען נאָך אין מיסט, דערציילן זיי אונדז, אַז פריער מיט זעקס וואָכן איז מען דאָ געגאַנגען אין מיסט ביז אין בויך. זיי האָבן גענוג אויס־גערייניקט. די שטיבער ווייזן זיי אונדז. איך האָב געזען אַראַבישע שטי־בער און איך קען אָפּשאַצן, וואָס זיי האָבן דאָ געטון. פון מיסטקאַסטנס האָבן זיי געמאַכט מענטשלעכע וווינונגען. אַך, ווען זיי וואָלטן געהאַט „מאָסקיטעראָס״, האָבן זיי נישט. עס איז דאָ ערגערס. וואַסער איז ניטאָ. פערטהאַלבן קילאָמעטער פון דאַנען איז דאָ וואַסער. מען דאַרף פאָרן מיט

דעם איינציקן אויטאָ פון „מושב“ נאָך וואַסער און מען קען נישט ברענ־גען גענוג. און עלעקטריק פעלט. פיר קילאָמעטער פון דאַנען איז דאָ עלעק־טריק. דאָס ערגסטע איז דער מאַנגל אין וואַסער. גיט אונדז, זאָגן זיי, וואַסער און איר וועט זען, ווי דאָ וועט ווערן אַ גן־עדן. זיי טוען אַלץ איניינעם. זיי רייניקן די הייזער, מאַכן זיך אַביסל מעבל, קאָכן, וואַשן, רייניקן די גאַסן, בויען אַ קינדערגאָרטן, בויען אַ פאָלקסהויז. אַ פרעב־ליסטקע האָט מען זיי שוין צוגעזאָגט שיקן. און טויזנט מאָל דאָס זעלבי־קע, ווי אַ געזאַנג און אַ געבעט:

וואַסער, וואַסער...

און די לאָפּעטע רוט נישט און דער לאָם רוט נישט און דער פּיאַש רוט נישט און דער בעזעם רוט נישט און די האַק רוט נישט און די זעג רוט נישט און קיין האַנט רוט נישט.

קיין איין האַנט רוט נישט.

— וואָס פאַרבינדט אָט די אַלע מיט יידישקייט?

— איין חלום: נישט מורא האָבן פאַר קיין אוישוויץ...

און אָט דערפאַר וועלן זיי ליידן און האָרעווען און זיך לאָזן בייסן פון מאָסקיטן.

וואָס איז אַ מאָסקיט קעגן אַ נאַצי?

אַן אומשולדיק באַשעפעניש איז דאָך אַ „מאָסקיט“...

איך האָב באַמערקט, אַז פאַרנט פאַר די מערסטע שטיבער וואַקסן בלומען. איך האָב אָפּגעשטעלט אַ יונגע פרוי און ביי איר שטום גע־פרעגט:

— בלומען?

און זי האָט מיר דערציילט, אַז זי שפּאָרט אָפּ אַביסל פון דעם וואַ־סער פאַר באָדן זיך און זי באַשפּריצט די בלומען. און זי האָט מיר גע־זאָגט:

„איך מוז דאָך מאַכן ס'זאָל מיר זיין אַביסל לעבעדיקער אויף דעם האַרצן“...

און די אַרבעט האָט ווייטער געקלאַפּט ווי אַן אָרקעסטער.

און די בלומען האָבן געטרונקען וואַסער און געלאַכט פון דער זון און געבליט.

און אַלץ אַרום האָט געתפילהט:

וואַסער, וואַסער, וואַסער — — —

די מענטשן, די באַשעפענישן, די הימלען, בערג —
אַלע האָבן געבעטן וואַסער.
און די מענטשן האָבן געאַרבעט.
געאַרבעט ווי מען זינגט אין אַ געזאַנג.
און נאָכגעשריען האָבן זיי אונדז:
קומט אַ חודש נאָך דעם, וואָס עס וועט זיין וואַסער...

איך געדאַנק האָב איך אַראָפּגעוואָרפן די שיך. דער אויטאָ איז אַוועקגעפאָרן. אין דריי שעה אַרום בין איך אַן אויסגעבאָדענער, אַן אָפּגעפרישטער געזעסן אין „כסית“ (תל־אביבער ליטעראַרישע קאַפע) מיט קאָלעגן שרייבער און גערעדט און זיך געהיצט און געהערט און דערציילט וויצן און הנאה געהאַט פון דער פולסטער ציוויליזאַציע. אָבער דאָס האַרץ איז מיר פאַרבליבן אין פרימיטיוון איגזים, אין דעם שניט צווישן צווי בערג. געפילט זייערע ליידן פון די מאָסקיטאָס, דעם דורשט פון די פעלדער און פון די מענטשן נאָך וואַסער און איך האָב נישט געקענט פאַרגעסן די דאַזיקע ווונדערלעכע ייִדישע שיינהייט מיט די טיפע אויגן, וואָס האָט אָפּגעשפּאָרט וואַסער פון באָדן זיך פאַר די בלומען, בכדי עס זאָל איר זיין „לעבעדיק אויף דעם האַרצן“ — — — —

אָט אַזוי זעט אויס די „קליטה“!
אָט אַזוי לעבט מען זיך אַריין.
מען געבוירט אַ לאַנד
און מען קריגט עס ליב ווי אַ קינד.

די דאָזיקע, וואָס מיינען, אַז עס איז שוין פאַר זיי דאָ אַ לאַנד „ישראל“, דאַרפן נישט פאָרן אַהער. פאָרן דאַרפן די דאָזיקע, וואָס זיינען בכוח צו געבוירן מיט זייער שווייס און בלוט אַ „לאַנד“.

...און איך, מיינע לייענער, ברענג אייך דעם קרעכץ פון קראַנקן מיידל אין „באר יעקב“, וואָס קריגט נישט קיין הילף און איך ברענג אייך די בלומען פון איגזים, פון הייליקן איגזים.

אַ קאַפּיטאַן ווייזט אונדז ווי יידן קומען

די מדינה איז גרעסער געוואָרן אין משך פון דעם ערשטן יאָר פון איר עקזיסטענץ. אין תנ״ך האָט מען גערעדט וועגן „דן ביז באר שבע״ — דן איז געווען דער ווייטסטער פונקט אין צפון און באר שבע — דער ווייטסטער פונקט אין דרום. היינט זינגט מען „ממטולה עד הנגב״. מטו־לה איז דער ווייטסטער פונקט אין צפון, ווייטער ווי דן, און דער נגב האָט אַ סך ווייטערע פונקטן ווי באר שבע. אברהם אבינוס שטאָט גע־פינט זיך אייגנטלעך ביים אָנהייב פון נגב.

און איך האָב געמאַכט אַ שפּאַציר פון טעג און נעכט איבערן לאַנד פון מטולה ביזן נגב, כאָטש עס איז פאַראַן אַ מיליאָן וויצן וועגן דעם, וואָס דאָס לאַנד איז קליין. אַוודאי איז עס נישט גרויס, אָבער אָט שלינגט דער אויטאָ 100 און 120 קילאָמעטער אַ שעה און ער פאָרט טעג און נעכט און מיר זיינען נאָך נישט פאַרטיק.

און געזאָגט האָט מען אַמאָל, אַז מער ווי 200 טויזנט יידן וועלן אַהער נישט אַריין און אָט זיינען שוין פאַראַן אַריבער 900 טויזנט יידן און דאָס לאַנד איז נאָך נישט באַזעצט און עס איז נאָך גענוג וויסט. און דער מאָמענט, ווען עס וועט זיין אַ מיליאָן יידן אין ישראל, איז אַ שפּאַן די ווייט. איך קען נישט שרייבן פּינקטלעך וויפל יידן עס זיינען היינט פאַראַן אין לאַנד, ווייל אָט איצטער אַ גייט אַריין אַ שיף מיט עטלעכע הונדערט עולים אין חיפה. און ביז וואַנען איר וועט לייענען אָט־אָ דעם בריוו, וועלן שוין האָבן אַריינגעקומען נאָך אַזויפיל שיפן...

און דו גיסט זיך אַ פרעג:

— פאַרוואָס לויפט מען אַזוי אַהער?

— אַזוי גוט איז דאָ?

און דו ענטפערסט זיך אַליין:

— ווער זאָגט, אַז עס איז גוט? ס׳איז שלעכט! ס׳איז שווער! פאַראַן אַ סך לענדער, וווּ ס׳איז היינט שווער און שלעכט, אָבער אַזוי שווער ווי דאָ, איז זיכער נישט אין קיין סך לענדער. און מען לויפט דאָך. מען לויפט ברענגען קרבנות, בכדי מען זאָל אויפהערן זיין אַ שטענדיקער קרבן.

און איך בין געגאַנגען זען ווי אַזוי ייִדן קומען אָן אין דער אייגענער מדינה. נישט איך בין אַליין געגאַנגען, נאָר מען האָט מיך געפירט. אַ ייִדישער שיפסקאַפּיטאַן האָט מיך געפירט. אויף העברעיִש הייסט ער „רב החובל", און ער איז טאַקע אַן אמתער קאַפּיטאַן. ער איז אַ טיפּ פון אַ ים־וואָלף. ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קאָלאָניע — ער איז אַ געבוי־רענער אין ארץ ישראל און עס האָט אים געצויגן צום ים. ער איז אַ הויכער, אַ ברייטביינערדיקער. ער זעט בפּועל ממש אויס ווי אַ ריז. און ער האָט אַ מילד, בלאָנד פּנים, וואָס שמייכלט מיט קינדישקייט. איך פרעג אים ווי אַזוי עס הייסט אויף העברעיִש אַן אַדמיראַל און ער זאָגט מיר „קברניט" (קאַבאַרניט); איך האָב דאָס וואָרט „קברניט" געלערנט אין דער גמרא נאָך איידער מען האָט געחלומט וועגן אַ ייִדישער מדינה. איך מאַך אים אַ קאָמפּלימענט און איך זאָג אים, אַז ער וועט זיין אַ קאַבאַרניט, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און ער זאָגט: „עס וועט נאָך לאַנג דויערן".

זיין נאָמען איז לישאַנסקי. די באַרימטע ישראל־מאָלערן בתיה לי־שאַנסקי איז זיינע אַ קרובה. און זיין פאָטער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע אין דער ייִדישער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע „נילי" בראש מיט אינזש. אַראָנאָוויטש בעת דעם ערשטן וועלט־קריג.

מיר שפּאַנען איבער קליינע שיפלעך און באַרזשעס. דער קאַפּיטאַן זאָגט: „אַמאָל זיינען דאָס געווען אונדזערע קריגסשיפן"... פון אַנטקעגן קוקן אויף אונדז אַנדערע קריגסשיפן, וואָס זעען אויס ווי וואָלקנקראַצער קעגן כאַלופּקעלעך. איך הייב אויף די אויגן און זע שיפן מיט אַזעלכע נעמען ווי „הערצל", „נגבה", „יציאת אייראָפּע", „תל חי". די גרעסטע שיף איז „נגבה". אַ פּרעכטיקע שיף! נישט „קווין מערי", אָבער — חיפה איז דאָך אויך נישט ניו־יאָרק. דעם גרעסטן ציטער רופט אַרויס ביי מיר די שיף „יציאת אייראָפּע". מען זעט נאָך אָן די אויפשריפט „עקסאָדוס" מיט לאַטיינישע אותיות. דאָס איז די שיף, וואָס האָט צוריקגעפירט די ייִדן פון דאַנען, ווייל בעווין האָט אַזוי געוואָלט. דאָס איז די שיף, וואָס מען האָט אין איר געפּייניקט באַפרייטע פון די לאַגערן אויס דעם חסד פון אַ סאָציאַליסטישן מיניסטער. דאָס איז די שיף, וואָס האָט אויסגע־מישט די ייִדישע פּיין און די ענגלישע שאַנד און זיי ביידע געפירט אי־בער דער וועלט.

זי איז שוין פאַרלאַטעט און פאַריכט די שיף, וואָס וועט פאַרבלייבן

ווי אַ נאָמען פון אַ טראַגיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון טראַגישסטן פאָלק. מען לאַטעט און פאַריכט אַ סך שיפן. אייניקע פאַנצערט מען, אַז קיין גוט אויג זאָל זיי נישט שאַטן. מיר פאָרן מיט אַ קליין מאָטאָר־שיפל און מיר קוקן אויף די גרויסע שיפן. מיר באַטראַכטן שיף ביי שיף. אייניקע זעען שוין נישט אויס אינגאַנצן ניי. איין שיף אָבער וועט שוין קיינמאָל ניי נישט ווערן און גאַנץ אויך נישט. אַ שברי כלי פון אַ שיף... צעבראָכענע שטיקער, וואָס זיינען צווישן זיך נאָך קוים באַהעפט. דאָס איז — דאָס גאַנצע לייב און לעבן אין מיר גיט אַ ציטער — די „פּאַטריאַ"... איר געדענקט געוויס די שיף „פּאַטריאַ", וואָס איז געזונקען געוואָרן ביי חיפה און האָט געקאָסט 800 מענטשלעכע קרבנות.

אָט אַזוי שטייען זיי פאַרזשאַווערטע די שטיקער אייזן, וואָס האָבן אַמאָל געבילדעט די שיף „פּאַטריאַ" און זיי וואַרעמען זיך אויף דער זון און ווערן אַלץ מער און מער פאַרראָסטעט. אונטער זיי ריזלט נאָך, דאַכט זיך בלוט, כאָטש דער ים איז אַזוי גרויס... און אפשר שעמט זיך די זון צו קוקן אויף די שטיקער פון דער דאָזיקער געוועזענער שיף.

שיפן, שיפן און שיפן. אַ לאַבירינט פון שיפן. אַ קיבוץ גלויות פון שיפן. געקויפטע שיפן; געשענקטע שיפן, איינגענומענע שיפן... יאָ, אויך איינגענומענע שיפן. אויף די מערסטע הענגען שוין ייִדישע פאָנען, אויף אייניקע נאָך נישט. מען דינגט זיך נאָך. זיי זיינען נאָך נישט אינגאַנצן אייגענע... אָבער עס שאַפט זיך שוין אַ געוויסע גאַנצקייט. אַזאַ גאַנצקייט ווי אין — גאַנצן לעבן... ייִדן פון אַלע עקן וועלט, שיפן פון אַלע עקן וועלט.

דער קאַפּיטאַן רופט אַרויס אַ ספּעציאַליסט און מיר פאָרן צו צו אַ היפּשער קריגסשיף און יענער דערקלערט גענוי די פונקציע פון יעדן טייל פון דער מאַשין. איך באַמערק, אַז ביי די הענטלעך זיינען שוין פאַראַן העברעיִשע אויפשריפטן, ווי: קדימה, אחור, מלא, רגיל, עצור — פאָרויס, צוריק, פול, געוויינלעך, איינגעהאַלטן. די שפּראַכן מישן זיך — ייִדיש און העברעיִש, העברעיִש און ייִדיש...

אַ ייִדישער קאַפּיטאַן,
אַ ייִדישער שיפס־אָפיציר,
דערקלערן אַ ייִדישן זשורנאַליסט
די פונקציע פון אַ ייִדישער קריגסשיף.
— און ישעיה הנביא, וואָס זאָגט ער?

— מסתמא זאָגט ער, אַז ווען מען וועט האָבן קריגסשיפן וועט דער פרידן אויך זיין זיכערער...

און דער אייגנאַרטיקער שפּאַציר האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שפּאַציר אין פּאַרט קעגן אַ שיף מיט עולים, וואָס האָט געהאַלטן אין אַריינקומען. די שיף איז געווען פול מיט עולים. דער פּאַרט איז געווען פול מיט אַרבעטער און מיט קרובים, וואָס האָבן געוואַרט. די שיף האָט זיך דערנענטערט אַלץ מער און מער און מען האָט אָפּגעצוימט מיט אַ האַרטן שטריק דעם נאָענטסטן שטח צום ים און מען האָט נישט געלאָזט אַריבערשפּאַנען די גרענעץ. אין דער אַלטער היים האָבן דאָס געטאָן גויים, וואָס האָבן זיך געבייזערט און געשאָלטן אויף רוסיש און וואָס האָבן אויסגעלאָזט דעם גאַנצן כעס צו ייִדן. דאָ האָבן די אַרבעט געטון ייִדן און געבייזערט האָבן זיי זיי זיך אויף העברעיִש און אויף ייִדיש. בייזערן מוז מען זיך, ווען מען טוט אַזאַ אַרבעט.

...און די שיף האָט זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט. אַלע פּאַסאַזשירן זיינען געווען אויפן דעק. מענער, פרויען, קינדער. אַ סך פרויען. אַ סך מער ווי מענער. און פרויען זיינען גרינגער אויפן וויינען ווי מענער. האָט מען טאַקע געהערט וויינען. איבערהויפּט האָבן געוויינט עלטערע פרויען און גאָר יונגע מיידלעך. מאַמעס האָבן שוין נישט געהאַפּט צו זען זייערע קינדער און מיידלעך האָבן שוין נישט געהאַפּט צו זען זייערע חתנים. און אַז זיי האָבן זיי יאָ געזען, האָבן זיי זיך צעוויינט.

די פּאַסאַזשירן האָבן געזונגען די התקוה.
די אָפּוואַרטער האָבן קוים געהאָלפן.
אין ישראל זינגט מען נישט צו אָפט די התקוה.
מען זינגט שוין דאָ אַנדערע לידער.

אויך נישט אַלע פּאַסאַזשירן האָבן געזונגען. אַ דריטל פון די פּאַסאַזשירן האָבן געזונגען. צוויי דריטל האָבן געקוקט אויף זיי און געשוויגן. מיט קנאה געקוקט, ווייל זיי האָבן נישט געקענט. אויך די דאָזיקע, וואָס האָבן געזונגען, האָבן נישט צו גוט געקענט. זיי האָבן אָדער שלעכט געזונגען די מעלאָדיע, אָדער שלעכט די ווערטער, אָדער — ביידע.

און ווען די שיף איז שוין געשטאַנען, האָב איך געקענט זיך צוקוקן גרינטלעכער צו די פּאַסאַזשירן און הערן זייערע שפּראַכן. דאָמינירט האָט פּויליש. גראָד פּויליש. די פּוילישע ייִדן זיינען געקומען פון די לאַגערן, אייניקע פון זיי האָבן שוין געפעלט יאָרן פון פּוילן און זייער שפּראַך איז

נאָך אַלץ פּויליש. זיי קענען אויך דייטש, האַלטן זיי, אַז עס איז שוין שענער צו ריידן פּויליש ווי דייטש. און ייִדיש קענען די מערסטע נישט. די יונגע אַוודאי נישט. זיי שטרענגען זיך אָן צו ריידן ייִדיש און קענען נישט. (און איך האָב זיך דערנאָך איבערצייגט, אַז פּוילישע ייִדן העלפן דאָ צו די דייטשע ייִדן צו פאַרשפּרייטן דייטש און מאַכן פון דייטש — אַ סנאָביזם!) און ביי די זייטן פון דער שיף זיינען געווען עקזאָטישע מזרח־ייִדן. ייִדן פון טערקיי, מאַראָקע, אַלזשיר. אייניקע פון זיי ריידן נאָך שפּאַניאָליש און די דאָזיקע זיינען נאָך שטיקלעך ייִדן. אַנדערע ריידן שוין נאָר טערקיש, אָדער נאָר פראַנצויזיש.

איך האָב אומישנע אויסגעפּרווט עטלעכע פון זיי און נישט אַלע האָבן געקענט זאָגן „שמע ישראל"... נישט נאָר וויסן זיי נישט ווער אחד העם איז, נאָר אַפילו הערצלס נאָמען איז נישט אַלע באַקאַנט. אויך משה רבינו קענען נישט אַלע...

— וואָס ציט זיי אַהער?

— וואָס שטויסט זיי אַהער?

— מ'עט שלאָגט זיי און מען טרייבט זיי.

— און עס ציט זיי די ייִדישע מדינה.

— האָט מען אַמאָל אויפגעהערט שלאָגן אָט די ייִדן?

— כמעט קיינמאָל נישט.

— און דאָך זיינען זיי אַזוי ווייניק ייִדן.

ווען מען שלאָגט זיי נישט צען יאָר,

ווערן זיי אינגאַנצן אויס ייִדן!...

— עס רעדט זיך אַזוי!

איך האָב נישט געקענט אַוועקגיין. און אַז איך בין שוין אַוועקגעגאַנגען, בין איך אַריין אין אַ „צריף" (באַראַק) וווּ מען האָט רעווידירט געפּעק און דאָקומענטן פון אַ שיף, וואָס איז אַריינגעקומען פריער מיט אַ פּאָר שעה. די דאָזיקע שיף האָט געבראַכט נאָר אָריענטאַלישע ייִדן. איך האָבן זיך מיט אַ סך פון זיי צונויפגערעדט אויף שפּאַניאָליש, אָבער נישט מיט אַלע. אייניקע פון זיי האָבן געהאַט ביכער אויף שפּאַניאָליש. נישט מיט קיין ייִדישע אותיות, נאָר מיט לאַטייניש. וועלטלעכע ביכער, ראָמאַנען, קוריאָזע מעשיות. „שמע ישראל" האָבן ווייניק געקענט, „התקוה", נאָך ווייניקער.

כמעט שוין קיין ייִדן נישט

און קערן זיך אום.
אַ מאָדנער שיבת ציון.
ייִדן קומען פאַר צוויי זאַכן:
עס איז געפאַלן אַ שרעק פון אומקום!
עס איז געקומען אַ בשורה פון אַ ייִדישער מדינה.
ייִדן לויפן אין זייער מדינה אַריין!

זכרונות און פאַקטן

דערווייל איז, זע איך, אַנאָנסירט אַן אָוונט צום אָנדענק פון דר. קאָ־האַן בערנשטיין, דער אַמאָליקער פירער פון די ציוניסטן אין בעסאַראַביע. עס איז געוואָרן צוואַנציק יאָר זייט ער איז אין אַ יידישער קאָלאָניע אין קרים אָוועק אין דער אייביקייט אַריין. ער איז געווען אַן אייגנאַרטיקער ציוניסטישער מנהיג פון דער הערצל־עפּאָכע. ער האָט געהערט צום הערצל־נאָרדוי־טיפּ. ער האָט נישט געקראָגן קיין יידישע דערציִונג און ער האָט שוואַכלעך גערעדט יידיש און אַ לשון־קודש וואָרט האָט ער טאַקע נישט געקענט אַרויסזאָגן. און טאַקע דאָס דערווייטערט וועדן פון יידיש־קייט האָט אין אים אַ פייער אָנגעצונדן. ער איז געווען פול מיט בענק־שאַפט נאָך דעם, וואָס מען האָט ביי אים צוגענומען. ער איז געווען אַ ראַ־דיקאַלער און פּראָגרעסיווער מענטש. ער האָט געהאַט כמעט סאָציאַליסטי־שע געדאַנקען. ער האָט אין ארץ ישראל איבערגעלעבט די זעלביקע טראַגע־דיע, וואָס די מערסטע אַלטע ציוניסטן האָבן איבערגעלעבט. עס איז פאַר אים קיין פּלאַץ נישט געווען. ער איז דעמאָלט אָוועק אין יידישן ראַיאָן פון ראַטנפאַרבאַנד און ער האָט אַ שטיקל צייט פּראַקטיצירט אין קרים און איז געגאַנגען דעם אייביקן וועג, אַ פאַרבענקטער און אַ טרויעריקער. זיין טרייסט איז מסתמא אין די לעצטע מינוטן געווען, וואָס זיין טאָכ־טער — מרים קאָהאַן־בערענשטיין — איז פאַרבליבן אין לאַנד פון זיינע חלומות און זי איז דאָרט אַן אָרגאַניש איינגעוואָרצלטע. זי איז אַ רעזשי־סאָרשע, אַ רעציטאַטאָרשע און אַ שוישפּילערין. זי איז דווקא שוין אַן אייגענע אין העברעיִש און זי לעבט זיך אויך אויס אין אַ זאַפטיקן, פאָלקס־טימלעכן יידיש.

איך בין געפאָרן אויף דעם געדענק־אָוונט פאַר קאָהאַן־בערענשטיין. דאָס איז עפּעס געווען אַ פאָר אויף צוריק מיט אַ סך יאָרן. דער אָוונט איז פאָרגעקומען אין זאַל פון קרן קיימת, וואָס איז פול געווען מיט בע־סאַראַבישע יידן. אַ סך פון די אַנוועזנדיקע האָב איך געקענט אין קעשע־נעוו און אין אַנדערע בעסאַראַבישע שטעט. אייניקע האָב איך געקענט מיט שוואַרצע און העלע בערד און איצטער זיינען זיי ווייס. אין אַ גע־

וויסער מאָס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין אין דער ציוניסטישער שול „יבנה“ אין אדעס אין יאָר 1911 ־ 12. איך האָב געהערט דאָס זעל־ביקע רוסיש און ייִדיש, וואָס דאָרט. דאָס העברעיִש איז געווען אַנדערש. דעמאָלט האָט מען עס גערעדט אשכנזיש און היינט רעדט מען עס ספרדיש. אויך אָנגעטון איז דער עולם דאָ געווען אַביסל אַנדערש — אין אדעס האָט מען אין יענער צייט נישט געטראָגן קיין אָפענע העמדער, ווי מען טראָגט איצטער אין תל־אביב. דערפאַר אָבער האָט מען דעמאָלט גע־טראָגן רוסישע העמדלעך, געשפּיליעט אין אַ זייט.

די געדאַנקען האָבן מיך אַוועקגעטראָגן קיין אדעס, קיין קעשענעוו, קיין בענדער, איזמאַיִל, קיליע... די יאָרן זיינען געלאָפן אויף צוריק. די רעדנער האָבן אויך געדרייט אויף צוריק די יאָרן. אָנגעפירט מיטן אַקט האָט דער יונגער און ענערגישער בעסאַראַבישער יאָט יצחק קאָרן, וואָס איז סעקרעטאַר פון דער גרויסער אָרגאַניזאַציע „ארגון מושב העובדים“ און מיטגליד אין „ועד הפועל“ (עקזעקוטיוו) פון דער הסתדרות. גערעדט האָבן י. קלינאָוו, דער פּרעזידענט פון קרן קיימת אין ישראל קמיני (קאַ־מיני) און דער העברעיִש־ייִדישער דיכטער פון בעסאַראַביע יעקב פיכ־מאַן. מרים קאַהאַן־בערענשטיין, די טאָכטער פון דערמאָנטן, האָט גע־לייענט דעם פאָטערס אַ בריוו, וואָס פאַרמאָגט אַ סך ווייט־זעעוודיקייט און זאָגט אָן דעם דאָזיקן אַרבעטער־רעזשים, וואָס ווערט אין לאַנד איינ־געפירט! און צום שלוס האָט אַ וויאָלאָנטשעליסט געשפּילט בעסאַראַבער חסידישע מעלאָדיעס. מיר האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז נישט נאָר מען דערמאָנט ד״ר קאַהאַן־בערענשטיין, נאָר ער לעבט נאָך.

און ס׳איז שוין געווען די צווייטע נאַכט אין דער אייניאָריקער ייִדי־שער מדינה און מיר האָט זיך נישט געשלאָפן. איך בין געוואָרן אויפגע־הייטערט. דער מלאך, וואָס לאָזט נישט, אַז לעבן זאָל פאַרגעסן ווערן, האָט געמישט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל.

גאָט מיינער, איז עס טאַקע געשען?

בין איך טאַקע אין דער ייִדישער מדינה, וואָס איז שוין אַלט גע־וואָרן אַ יאָר?

— פאַרוואָס האָט עס קאַהאַן־בערענשטיין נישט דערלעבט ?

— ווער זאָגט, אַז ער האָט עס נישט דערלעבט? ער האָט עס אין אַ געוויסער מאָס דאָך דערלעבט. אָט איז דאָך דאָ זיין טאָכטער...

— און מיין טאַטע און מיין מאַמע?

— יאָ. זיי האָבן עס אויך דערלעבט. אָט בין איך דאָך דאָ. און ווער בין איך, אַז נישט זיי?

...און מיין טאַטע, וואָס האָט געהייסן אברהם, איז דאָך געווען אַזאַ געטרייער נאָכפאָלגער פון אברהם אבינו. ער איז געווען דער גרעסטער מכניס־אורח אין שטעטל און אויף זיין מצבה האָט מען אָנגעשריבן, כאָטש די מצבה האָט מען פאַרשוועכט אינאיינעם מיט נאָך אַ סך יידישע מצבות און זי איז נישטאָ. די „מערת המכפלה" מיט אברהם אבינוס קבר פון צוריק מיט טויזנטער יאָרן איז נאָך דאָ און מיין טאַטנס מצבה פון צו־ריק מיט 27 יאָר איז שוין נישטאָ...

...און פלוצים אַ נייע פרייד. דער בעסאַראַביש־יידישער דיכטער אפרים אויערבאַך, מ'יט וועלכן איך האָב אין ניו־יאָרק זיך ממש פאַרברי־דערט, איז דאָ. מיר צעקושן זיך אַזוי, אַז עס דאַכט זיך ישראל קושט אונדז און מיר קושן ישראל — — —

— פרויקע.

— יאַנקל...

— מ'יר פאָרן מאָרגן אינאיינעם קיין באר שבע.

רביים און אַפּיקורסים פֿאָרן קיין באר שבע

מען דערציילט, אַז ווען דער יאַבלאָנער רבי האָט געבראַכט אַ גרו־פּע חסידים קיין ארץ ישראל און ער האָט דאָ געגרינדעט דעם „כפר־חסי־דים" איז אחד העם שוין געווען אַביסל עובר־בטל און איבערהויפּט איז ער געווען אַ שברי כלי, וואָס האָט זיך רעכט נישט געקאָנט רירן, אָבער ווען מען האָט אים דערציילט, אַז חסידים האָבן געגרינדעט אַ דאָרף און זיי אַרבעטן דאָרט אײַנגעם מיט זייער רבין, האָט ער געמאַכט אַזאַ באַ־וועגונג, וואָס האָט געוויזן, אַז ער וויל אַהין לויפֿן.

אין דער צייט, וואָס איך פֿעל פֿון דער ייִדישער מדינה, האָט די ייִדי־שע אַרמיי פֿאַרנומען אַ סך נײַע פּונקטן; דאָס לאַנד איז היפּש גרעסער געוואָרן. עס איז נאָך נישט אַזוי גרויס, ווי עס קומט דעם ייִדישן פֿאָלק, אָבער אַזוי קליין ווי עס איז געווען, איז עס נישט. איך בין קיינמאָל אַזוי גרויס נישט געווען ווי אחד העם, דערפֿאַר אָבער בין איך נאָך נישט, ברוך השם, אַזאַ שברי כלי ווי ער איז געווען אין די לעצטע יאָרן און ווען איך האָב דערהערט, אַז מען פֿאָרט קיין באר שבע, האָב איך באַלד געמאַכט אַזאַ זשעסט, וואָס האָט געוויזן, אַז איך וויל פֿאָרן.

אין געמיט האָט אויפֿגעטויכט איין פּסוק און אַ צווייטער און אַ דריטער. אַ פּסוק וועגן אברהם אבינו, וואָס האָט דאָרט געגראָבן ברוני־מער, אַ פּסוק וועגן דעם, אַז יעקב אבינו איז אַרויסגעגאַנגען פֿון באר שבע און איז געגאַנגען קיין חרן.

טאָקע דאָס זעלביקע באר שבע?

געלערנט וועגן דעם האָב איך צוריק מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר.

געשען איז עס מסתמא צוריק מיט מיליאָנען יאָרן.

און דאָך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך אַליין האָב געגראָבן יענע ברונימער און אַז איך וועל קומען אַהין, וועל איך דערקענען די ברוני־מער און איך וועל אַפֿילו טרעפֿן די לאָפּעטע מיט וועלכער מיר האָבן גע־גראָבן די ברונימער...

...און מען קלאַפּט אין טיר בײַ מיר.

— ווער?

— אַ שאָפער פון משרד הבטחון (זיכערקייט־דעפּאַרטאַמענט) ביים קריגס־מיניסטעריום.

— וואָס איז?

— ער איז מיך געקומען פירן קיין באר שבע.

זאָגט דעם אמת, ווען אייך וואָלט עמיצער געזאָגט, אַז ער קומט פון יידישן קריגס־מיניסטעריום אייך פירן קיין באר שבע, וואָלט איר נישט געגלייבט, אַז ס'איז אַ חלום?

אָבער איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, האָט עס דאָך נישט געקענט זיין קיין חלום.

און דער אויטאָ יאָגט זיך שוין מיט מיר און מיט נאָך דריי יידן אויפן פּרעכטיקן „כביש" אויפן וועג קיין באר שבע. אַ גריכישער ייד מיט אַ זון און מיט אַ שנור. זיי ריידן פראַנצויזיש צווישן זיך און מיט מיר ריידן זיי שפּאַניש. דער שאָפער איז אַ טשערנאָוויצער, ער שטאַמט פון דער שטאָט פון דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ און ער איז שוין אַ פּאָר יאָר אין לאַנד, אָבער מיט העברעיש איז ער נאָך היפש צעקריגט. מען דערציילט, אַז אַ פּרוי, וואָס האָט בשום אופן נישט געקענט אויס־לערנען קיין העברעיש, האָט געזאָגט אויף זיך:

איך האָב אַן אייזערנעם קאָפּ,
העברעיש קען אין אים נישט אַריין.

דער שאָפער האָט אויך אַן אייזערנעם קאָפּ צו העברעיש, רעדט ער ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש און מיט מיר רעדט ער רומעניש.

ריידן מיינע מיטפאָרער:
צווישן זיך פראַנצויזיש,
מיט מיר שפּאַניש
און דער שאָפער רעדט מיט מיר רומעניש.
און מיר פאָרן קיין באר שבע.

דער אויטאָ איז אַ גלענצנדיקער. ער שניידט דעם וועג און האָט קפיצת הדרך. אָט זיינען מיר אין „יעזור" און אָט אין „בית דגון". צוריק מיט 10 חדשים איז מען דאָ נישט געפאָרן מיט קיין זיכערקייט. היינט איז מען שוין דאָ זיכער. אומעטום — יידן. און דאָס ביסל אַראַבער, וואָס מען זעט, איז פרידלעך, שטיל און געדולדיק. פּונקט אַזוי פרידלעך ווי די אייזלען אויף וועלכע זיי זיצן ווי עפּעס נישט אויף לעבעדיקע זאַכן. אַזוי

זיצן קינדער אויף הילצערנע פערד. די אייזלען רירן זיך קוים, קוים. דער אויטאָ לויפט און די אייזלען בלייבן שטיין אויף אַ פלאַץ.

מיר זיינען אין נגבה.

דאָס האַרץ גיט אַ ציטער.

דאָס העראָישע נגבהגראַד.

ס'איז צוריק אויפגעבויט.

אַלע שטיבער קוקן אַרויף.

מיט שטאָלץ קוקן זיי צו די בערג, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין אַראַבישע הענט.

היינט זיינען זיי אין יידישע הענט.

געלאָזט צעשאָסן האָט מען נאָר דעם וואַסערטורעם.

זאָל בלייבן אַ זכר!

די אַרגענטינער גרופע באַוויז איך נישט איינצאָנצן צו זען. ווער ס'איז נישטאָ ווייל ער איז ביי דער אַרבעט, ווער ס'איז אַוועקגעפאָרן. עס קומען מיר אַנטקעגן דריי אַרגענטינער חברה: אריה בורשטין, חווה קאָרנפעלד און שמעון כהן. זיי ווייזן מיר ווי אַזוי מען האָט פאַרשאָטן די קאַנאַלן און ווי אַזוי די גאַנצע אַרבעט ווערט געטאָן און זיי בעטן ביי מיר אין נאָמען פון אַלע, יידישע און שפּאַנישע ביכער. מיט העברעיִש ראַנגלען זיי זיך נאָך. זיי ריידן שוין ביסלעכווייז, אָבער לייענען איז שווער.

און די מאַשין יאָגט. אָט גייט אַ וועג רעכטס קיין עזה. דאָס דאָזיקע וואָס מען וויל גיבן דער יידישער מדינה איינעם מיט דריי הונדערט טויזנט אַראַבער. איך קוק זיך אַרום און איך גיב זיך חשבון, אַז מען דאַרף דאָ נישט לאָזן די ערד צו בלייבן צו לאַנג ליידיק. ערד דאַרף מען דאָ באַזעצן...

מיר באַגעגענען אַן אויטאָ מיט רביים, יידן מיט שוואַרצע און מיט רויטע בערד. מיר דערוויסן זיך, אַז דער הוסיאַטינער רבי איז דאָ צו גאַסט און דער טשאָרטקאָווער און דער זלאָטאָפּאָליער און נאָך אַ רבי באַגלייטן אים. און מיר דערוויסן זיך, אַז ביים טשאָרטקאָווער רבין וועט איינגיכן זיין אַ חתונה. די טאָכטער זיינע וועט חתונה האָבן מיט אַ תימנער בחור מיט וועלכן זי האָט געלערנט איינעם אין דער גימנאַזיע „תלפיות״. דער רבי האָט נישט געוואָלט איינשטימען צום שידוך, אָבער עס האָט אים נישט געהאָלפן. ער האָט געמוזט צוהעלפן צו דער באַהעפטונג פון „קיבוץ גלויות״.

די רביים פאָרן צו גאַסט צו אברהם אבינו...

עפּעס אַריבער דריי שעה האָט געדויערט די רייזע און מיר זיינען שוין געווען אין באר שבע.

אין דריי שעה אָפּגעפאָרן טויזנטער יאָרן.

— און וואָס איז באר שבע, מיינט איר?

— אַ קליין אַראַביש שטעטל.

נאָך היפּש צעשאָסן פון דער מלחמה מיט די עגיפּטער.

אַמאָל וועט עס זיין די הויפּטשטאָט פון נגב.

דערווייל האָט עס אַ הונדערט יידישע משפחות.

דער רב פון באר שבע קומט אַנטקעגן די רביים און ער קלאָגט זיך פאַר זיי, אַז מיט איינפירן כשרות גייט אים נאָך צו שווער. אַפילו אַ שטרענג כשרן רעסטאָראַן האָט ער נישט געקענט איינפירן. איך פּרוּוו זיך אַריינמישן און איך זאָג, אַז אין מדינת ישראל איז אַלץ כשר, אָבער די רביים קוקן אויף מיר איראָניש. איך לאָז זיך נישט און איך זאָג:

— דער זיידע אונדזערער, דער גרויסער מכניס־אורח אברהם אבינו, וועט דאָ שוין עפענען אַ כשרן רעסטאָראַן.

דערוויס איך זיך, אַז איך בין נישט אַזוי אָריגינעל, מען האָט שוין וועגן דעם גערעדט און געזונגען אַפילו. מ'האָט פאַרנומען באר שבע, האָבן יאָטן דאָ געטאַנצט אַ „הוירא" און זיי האָבן געזונגען אימפּראָוויזאַציעס וועגן דעם, וואָס דאָ וועט טון אברהם, וואָס יצחק און וואָס יעקב...

דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די געפאַלענע יידישע העלדן איז נישט געשטילט געוואָרן און מען האָט שוין געטאַנצט.

איך האָב אין תל־אביב שוין געטראָפן אַ באַקאַנטן, וואָס זיין זון איז געפאַלן אין באר שבע און איך האָב זייענדיק אין דעם ווייטן פרעמדן און אַזוי אייגענעם שטעטל דאָך געפילט אַ פרייד.

די ליפּן מיינע האָבן געזונגען „ויצא יעקב מבאר שבע".

אינעווייניק אַריין געזונגען.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. צוויי מעטשעטן האָבן געשניטן אין הימל אַריין מיט צוויי דינע האַלבע לבנות.

די מעטשעטן זיינען פאַרלאָזט פון די אַראַבער.

אַ יידישע קאַזאַרמע געפינט זיך אין זיי...

...און אָט זיינען מיר ביי די באַרימטע ברונימער — אברהם אבינוס ברונימער זאָלן דאָס זיין. אַפילו לויט דעם ראַציאָנאַליסט שמעון דובנאָוו

קומט אויך אויס, אַז אברהמס זיין אין באר שבע איז היסטאָריש באַ־גרינדעט.

...אין דער ביבל ווערט ארץ ישראל באַצייכנט פון דן ביז באר שבע. צוריק מיט 10 חדשים בין איך געווען אין דן, אָבער באר שבע איז נאָך געווען אין פרעמדע הענט. און איצטער בין איך אין באר שבע...

בין איך שוין געווען פון דן ביז באר שבע.

און פון אַברהם אבינוס ברונעם געטרונקען וואַסער.

סיי־ווי טרינק איך אַ לעבן לאַנג פון אָט דעם ברונעם...

און מיר דאַכט זיך, אַז מיין באַקאַנטער, דער טרויעריקער טאַטע פון געפאַלענעם זון זאָגט מיר מיט טרערן און מ׳יט אַ מין פרייד:

פון דן ביז באר שבע...

...ביחידות איז נאָך שווערער

מיר האָבן אַריינגענומען אין יידיש דאָס וואָרט „עליה", ווען מיר אַריינגעמען אויך דאָס וואָרט „קליטה". מיר וואָלטן מסתמא געקענט געפינען אַ וואָרט פאַר דעם אין יידיש, אָבער מיר וואָלטן סיי־ווי דאָס געדאַרפט באַגלייטן מיט דעם דערמאָנטן ארץ ישראלדיקן טערמין. „קליטה" קומט נאָך „עליה" און איז דער המשך דערפון. „עליה" איז נישט קיין פרעמד וואָרט אין יידיש — צו דער תורה האָט מען געהאַט אַן עליה. היינט איז מען „עולה לישראל" פונקט ווי מען האָט אַמאָל „עולה לתורה" געווען. „קליטה" איז אין יידיש נישט קיין היימיש וואָרט, כאָטש די דאַזיקע, וואָס נוצן זיך מיט אַ סך העברעיזמען, שרייבן „קולט" (קוילעט) זיין, ווען זיי ווילן זאָגן „אַבסאָרבירן". „קליטה" מיינט: אַריינגענומען ווערן, אַבסאָרבירונג. אימיגראַנטן (עולים) ווערן אויס אימיגראַנטן, ווען זיי ווערן אַבסאָרבירט. דער דרויסנדיקער פראָצעס איז אַ פשוטער: מען קריגט אַ דירה און אַרבעט, ווערט מען אַריינגעלעבט אין לאַנד און לעבן אַריין און מען ווערט אויס עולה. מיר וועלן פון צייט צו צייט פאַרבייטן דאָס וואָרט „קליטה" אויף אַריינלעבן זיך צוליב סטיליסטישע טעמים.

אין די לאַגערן געפינען זיך 61 טויזנט „עולים". אין אַ פּאָר שעה נאָך דעם, ווי אָט די שורות ווערן געשריבן, וועלן זיין 62 טויזנט, ווייל עס וועט אַריינקומען אַ שיף מיט נייע עולים, אָבער אין צוויי מאָל אַ פּאָר שעה אַרום וועלן ווידער זיין 61 טויזנט, ווייל טויזנט וועלן איבערגיין צו „קליטה". איז געוועגדט אויך אין אונדז, ס'הייסט אין אַלע יידן פון אויסער ארץ ישראל, אַז די מאַשין זאָל קלאַפּן און ס'זאָל קענען אַריין און אַרויס...

אין משך פון דעם ערשטן יאָר יידישע מדינה זיינען אין לאַנד אַריין אַ דורכשניט פון 20 טויזנט נפשות אַ חודש. אַז אַריבער 60 טויזנט זיינען אין די לאַגערן, זיינען שוין קנאַפּע 180 טויזנט אַרויס פון די לאַגערן און אַריבער צו „קליטה".

— איז וואָס טוען די דאָזיקע, וואָס הייבן אָן אַריינגעלעבט ווערן?

— אין די שטעט און שטעטלעך טרעפט מען אָן אַ שיר מענטשן,

וואָס קענען קיין איין וואָרט העברעיִש נישט. מען טרעפט זיי אַלס קעל־נער און קעלנערשעס אין די רעסטאָראַנען, אַלס אַרבעטער און אַרבע־טערנס אין די פֿאַבריקן, אַלס פֿאַרקויפֿער אין די קראָמען, אַלס אָנגע־שטעלטע אין די בענק און אַפֿילו אין די מיניסטעריומס. אַז דו רעדסט צו זיי העברעיִש, קוקן זיי דיך אָן טרויעריק און דו דערפֿילסט שוין, אַז דו דאַרפֿסט צו זיי ריידן יידיש, אָדער — דייטש. און ווען זיי גיבן דיר אַן ענטפֿער אויף העברעיִש און גיבן דיר אַ זאָג צוויי ווערטער מיט זיבן גרייזן, ווייסטו שוין אַוודאי, אַז זיי זיינען עולים, וואָס הייבן זיך אָן איינ־לעבן. אייניקע פֿון זיי זאָגן דיר גלייך: „איך בין נישט לאַנג אין לאַנד און איך קען נישט קיין עבֿרית“.

איז זייער גרינג פֿאַר איינעם וואָס קען העברעיִש צו דערוויסן זיך אין איינס און צוויי ווער עס איז דער גרינער, וואָס דאַרף זיך אויסגרינען. אָבער ווען איינער קען נישט קיין העברעיִש, קען ער יאַקאָס אויך דערקע־נען „גרינע“. זיי זיינען אַביסל אַנדערש געקליידט און זיי האָבן אַן אומ־רויִק אויסזען. די דאָזיקע, וואָס וווינען אין לאַנד זייט יאָרן, האָבן איבער־געלעבט אַ שווערע „קליטה“ און זיי האָבן איבערגעלעבט אַ וועלט־מלחמה און אַ סך געשלעגן מיט אַראַבער און ענגלענדער און אַ מלחמה מיט אַראַבער און באָמבאַרדירונגען, אָבער זיי פֿאַרמאָגן פֿאָרט נישט די דאָזיקע אומרויִקייט, וואָס די ערשט־אָנגעקומענע פֿאַרמאָגן. אַפֿילו די דאָ־זיקע עלטערן, וואָס זיי האָבן פֿאַרלוירן די קינדער, פֿאַרמאָגן טרויער, טיפֿן, געצוימטן טרויער, אָבער נישט קיין שרעק. זיי גייען מיט אַזאַ זיכערקייט אויף גאָטס ערד ווי קיין שום ייד אין דער וועלט גייט נישט.

און אַז ס׳איז גרינג צו דערקענען אַ גרינעם, קען מען דאָ מיט אים אַ שמועס טון און זיך נאָכפֿרעגן. אָבער גרינג קומט דאָס דיר נישט אָן. פֿאַראַן אַן אויסגעשפּראָכענער דרך־ארץ פֿאַר דער מדינה און מען דריקט נישט אויס אָפֿן און מוטיק די אומצופֿרידנקייט. נישט מ׳האָט מורא, נאָר מען האָט אַזאַ געפֿיל פֿון דאַרפֿן אַביסל שווייגן. און אַז דו טרעפֿסט אָן אויף אַ קלוגן „גרינעם“ — און דאָס פּאַסירט גאַנץ אָפֿט, ווייל קיין צו־פֿיל יידישע נאַראָנים זיינען פֿאָרט נישטאָ — ענטפֿערט ער:

— קיינער איז דאָך נישט שולדיק, וואָס איך האָב זיך געמאַכט גרוי־סע אילוזיעס. איך האָב געמיינט, אַז דאָס לאַנד איז שוין אויסגעבויט און עס וואַרט אויף מיר אַ פּלאַץ מיט אַלדאָס גוטס דערפֿאַר, וואָס איך האָב געליטן ביי היטלערן.

אין אַ שטעטל איז מיר אויסגעקומען נעכטיקן אַ נאַכט אין אַ האָטעל, ווו עס זיינען געווען ווייניק געסט און דער פּאַרטיער, וואָס איז אויך געווען דער קעלנער, האָט געהאַט צייט מיט מיר צו שמועסן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט מיר נעבן האָטעל, אונטער אַ בוים, וואָס מען זאָגט, אַז ער איז אַלט אַריבער דריי הונדערט יאָר, און ער האָט מיר געזעדט וועגן זיין לעבן. אַ בחור פון דרייסיק יאָר איז ער. עפּעס האָט אים נישט געצויגן אין אַ קיבוץ, ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם צו־קאָלעקטיוון לעבן דאָרט. איז ער אַוועק אין שטעטל אַריין, לעבט ער דאָ, עסט ער, שלאָפט ער. נו, איז וואָס? ווו זשע איז דאָס לעבן. פאַראַן גאָר יונגע מיידלעך דאָ, גייען זיי מיט יונגע בחורים. אַמאָל קומט אַ טעאַטער, האָט ער קיין צייט נישט צו גיין. און דערצו איז דאָס טעאַטער אין עברית און ער פילט עס נישט געגוג. ער גייט אַמאָל אין קינאָ, זען אַ פילם. אָפטמאָל קומט אַ רעדנער, איז אויך דאָס אייגענע. ער פילט נישט גענוג די שפּראַך. כאָטש די לעצטע צייט קומען אויך יידישע רעדנער. ער האָט געחלומט פון אַן אַנדער לעבן. און ער גיט אַליין צו: „איך האָב זיך געמאַכט אילוזיעס. היינט פאַרשטיי איך, אַז אַ לעבן ווערט נישט געשאַפן מיר נישט, דיר נישט, פון היינט אויף מאָרגן".

אין אַן אַנדער שטעטל האָב איך געטראָפן אַן אַלטע באַקאַנטע, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי איז גרינג אַריבער פון עליה צו קליטה און זי האָט זיך איינגעאָרדנט. אַן אונטעליגענטער מענטש, קען שפּראַכן, האָט זי גרינג געקראָגן אַרבעט און אַ סביבה. און דאָך איז זי אויך נישט צופרידן. זי האָט אַ שוועסטער, וואָס איז שוין דרייסיק יאָר אין לאַנד, האָט זי דאָ געליטן פון פיבער, האָט געאַרבעט 18 און 20 שעה אין מעת־לעת, האָט געליטן דורכפאַלן און געוויינט אויף יעדן נישט געראָטענעם שנים און זיך געפרייט מיט יעדן געראָטענעם און פרייט זיך ביז היינט מיט אַ בוים און מיט אַ בלימל. יעדער שפּאַן איז מיין שוועסטער אַזוי נאָענט און אייגן, האָט מיר מיין באַקאַנטע געזאָגט, ווי מיר איז נישט געווען קיין שום שפּאַן אין דער וועלט. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נאָר אַזוי קען מען זיך אַריינלעבן אין אָט דעם לאַנד, אַנדערש האָט קיין זין נישט".

און מיר איז איינגעפאַלן אַ מאָדנער געדאַנק, געבוירענע אין ישראל רופן דאָס לאַנד „מולדת", וואָס מיינט געבורערן, אָדער טאַקע פּשוט קימפעטאָרן און במילא מאַמע, אָבער די דאָזיקע, וואָס זיינען געקומען אַהער יונגערהייט און קינדווייז און האָבן געשוויסיקט, געפיבערט, געבלוטיקט

און געבויט און האָבן געהאַלטן אין איין האַנט אַ פּיאַש מיט אַ בוך און אין דער צווייטער אַ רעוואָלווער, זיי האָבן אַ רעכט צו רופן דאָס לאַנד „ילד" — קינד. דאָס לאַנד איז זייער קינד. זיי האָבן דאָס געבוירן, גע־כאָוועט און געהאָדעוועט מיט ווייטיק, שלאָפלאָזיקייט, בלוט און זיי האָבן באַקומען שכר אַזאַ מין פרייד, וואָס אַ ייד האָט שוין צוויי טויזנט יאָר נישט געהאַט. פאַר זיי איז ארץ ישראל נישט דאָס געבורטסלאַנד, נאָר דאָס קינד־לאַנד.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן קלענערע פּרעטענזיעס און זיי זיינען צו־פרידן מיט דעם עצם קענען לעבן, אַרבעטן, אָטעמען, האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, דאָס מינימאַלסטע אין שפּייז און קליידער און אַ סביבה. צו דעם עלעמענט קומט צו דער פאַקט, וואָס מען איז אין אייגענעם לאַנד און מען האָט נישט פאַרוואָס צו ליידן פון אַ אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס. אַוודאי פעלן נישט אַזעלכע, וואָס ווייזן צו שטאָלץ אַרויס, אַז זיי זיינען דאָ געבוירן, אָדער זייער לאַנג און אַז זיי האָבן דעם גרויסן חלק; און אַוודאי וואָלט מען געדאַרפט געבן די צאַברעס און אַלטע בויער אַ דער־ציִונג אין אָט דעם פּרט און זיי אויסלערנען נישט צו אַרויסווייזן אָט דעם שטאָלץ, טאָקע פאַר דעם ווווילזיין פון לאַנד און פאָלק. אָבער מ׳קען נישט זאָגן, אַז צאַברישער און כמו צאַברישער שטאָלץ רופט אַרויס אַ אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס ביי די עולים. ער רופט ביי זיי אַרויס נאָר פאַרדרוס. די ערשטע אָנגעקומענע ווייזן אָן, און נישט שטענדיק אָן רעכט — אַז ביי די צאַברעס פעלט איידלקייט. זיי לאָזן שוין צופיל הערן דאָס וואָרט „חמור" (כאַמאָר — אייזל); געוויינלעך ריידן די צאַברעס בראַ־דעריש, אָבער חמור זאָגן זיי מיט אַ שאַרפער רייש, אָדער טאָקע מיט גאַנצע דריי שאַרפע ריישן. די דערהערסטע פּלוצים אין אויטאָבוס „חמוררר"... די עולים האָבן געמאַכט אָט־אַ דעם וויץ, וואָס דריקט אויס פאַרדרוס און ווילן זיך קילן דאָס בלוט: אַ מאַמע זאָגט, אַז ביים אָנקו־מען אין לאַנד, האָט איר ייִנגעלע נישט געקענט קיין איין וואָרט העברעיִש און עס האָט באַלד אויסגעלערנט די נייטיקסטע דריי ווערטער: „בבקשה" (ביטע), „סליחה" (אַנטשולדיקט) און „תודה רבה" (אַ גרויסן דאַנק). היינט קען דאָס ייִנגעלע שוין גוט העברעיִש, כמעט ווי אַ צאַברע, און טאָקע דערפאַר האָט עס די ערשטע דריי ווערטער פאַרגעסן און נוצט זיי קיינ־מאָל נישט...

איך וועל זיך נישט אונטערנעמען צו זאָגן ווי לאַנג די „קליטה"

וועט געדויערן אין די שטעט. ווארשיינלעך וועט זי געדויערן זייער לאַנג. דער עקאָנאָמישער רעזשים איז אַזאַ, וואָס רופט אַרויס אומצופרידנקייט אי ביי די לינקע סאָציאַליסטן, אי ביי די אַלגעמיינע ציונים און רעוויזיאָניסטן. די ערשטע ווילן מער סאָציאַליזם. די צווייטע און דריטע ווילן מער עקאָנאָמישע פרייהייט און מעגלעכקייט זיך צו אַרויפאַרבעטן. און איך בין איבערצייגט, אַז קיין צו גרויסע מעגלעכקייטן זיך אַרויפצואַרבעטן וועט מען אין די גרויסע שטעט נישט האָבן און די ניי אָנגעקומענע, וואָס האָבע נישט קיין קאַפּיטאַל, וועלן אַ לאַנגע צייט האָבן ערגערע דירות, ווי די אַלט איינגעזעסענע. ביז וואַנען עס וועלן זיין גענוג דירות פאַר אַלע און עס וועלן אויפהערן ספּעקולאַציעס מיט הייזער — מען צאָלט זייער אַ גרויסן שליסל־געלט פאַר אַ דירה — וועט נאָך זייער לאַנג געדויערן, סיידן — עס וועט קומען אַ מאָמענט, ווען די רעגירונג וועט אַנדערש באַהערשן די לאַגע.

מ׳קען אויך נישט ריידן וועגן גלייכע איינלעב־מעגלעכקייטן פאַר אַלע אין שטאַט. אַרבעטער און אָנגעשטעלטע לעבן זיך גיכער איין. זיי האָבן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע אין דער „הסתדרות״, וואָס באַגלייט זיי אין ליידן און נויט און גיט זיי פרייד־מעגלעכקייטן. פרומע אימיגראַנטן לעבן זיך אויך נישט שווער איין. אין ארץ־ישראל איז שבת — שבת און יום־טוב — יום־טוב, און זיי קריגן אַ מעגלעכקייט צו היטן דאָס דאַזיקע יידישקייט, וואָס זיי האָבן ליב. אין נאָרד־אַמעריקע און אין אַרגענטינע, דאַרף מען זיין אַ העלד צו היטן שבת, כשרות און צו דאַווענען און מען דאַרף ממש ברענגען אַ קרבן צו טראָגן אַ באָרד. דאָ איז די פרומע יידישקייט לעגאַליזירט. זי איז אַזוי זיכער מיט זיך, אַז זי וויל אַזש ווערן באַלעבאָס אויף די דאַזיקע, וואָס זיינען נישט פרום און עס שאַפן זיך קאָנפליקטן. (עס וועט וועגן דעם אויסקומען צו ריידן באַזונדער). צום ווינציקסטן לעבט זיך דאָ איין דער מיטלקלאַס־ייד, וואָס איז יאָ, אָדער נישט געווען אַ ציוניסט אין דער אַלטער הייט און דער זין פון לעבן איז ביי אים עד־היום זיך אַרויפצואַרבעטן. עס וועט דאָ נישט הערשן אַזאַ רעזשים, וואָס זאָל געבן אַ מעגלעכקייט זיך צו אַרויפאַרבעטן מיט די בלויזע פינגער. די דאַזיקע וואָס האָבן קאַפּיטאַל וועלן אים קענען קאָנסערווירן און פאַרגרעסערן, אָבער מאַכן נייעם קאַפּיטאַל פון גאָרנישט, וועט מסתמא קענען נאָר אַ גאָר אויסנאַם־מענטש מיט גרויסן סוחרישע פעיִקייטן, אָדער מיט אַ גרויסן מזל...

איך האָב געזען די שטאָטישע „קליטה" אין אַלע טיילן פון לאַנד און אויך אין די ניי־געשאַפענע ישובים, וואָס געפינען זיך אין די שטעט און דערפער, וואָס אַראַבער האָבן פאַרלאָזן. נישטאָ נאָך קיין צו גרויסער נחת ביי אַט דער „קליטה", עס איז בעסער ווי אין לאַגער. עס איז אַ בעסערע דירה, אַ ריינערע, אַ היגיענישערע. עס איז פאַראַן שאָטן און מ'האָט וווּ צו זיצן און זיין ווען עס איז צו הייס. עס איז פאַראַן בעסערע שפייז און מער מעדיצינישע הילף. (אין אייניקע ערטער פאַרכאַפּן די „גרינע" די שפּיטאָלן און 85 פּראָצענט פון „סערוויס" (באַדינונג) גייט פאַר זיי און נאָר 15 פּראָצענט גייט פאַר די איינגעזעסענע.

ביים פּאָרט אין חיפה, אין דער גאַנצער שטאָט יפו זעט מען שוין מענטשן מיט אַ שמייכל און מיט אַן אָנזאָג פון רויקייט, אָבער אַביסל ליידיק ביי די הערצער איז זיי. עפּעס פעלט. און אַז איינער גיט אַ זאָג, אַז ער וווינט אין אָדם הראשונס געצעלט, וואָס דאָס מיינט: אין אַ זייער פּרימיטיווער דירה, זאָגט ער עס שוין מיט אַ שמייכל. עס איז נאָך פאַראַן איראָניע, אָבער נישט סאַרקאַזם.

איך האָב געכאַפּט שמועסן מיט „גרינע" אין חיפה, יפו, עפולה, זכרון יעקב, פּתח תקוה און נאָך אַנדערע שטעטלעך און פרייע דערפער. איך בין ספּעציעל געפאָרן אָנקוקן אייניקע נייע פרייע שטעטלעך און דערפער, ס'הייסט: אַזעלכע וואָס האָבן נישט קיין דיסציפּלינירטן עקאָנאָמישן רעזשים ווי אין אַ קיבוץ, אָדער כאָטש אַ מושב. מיר האָבן איין מאָל געמאַכט אַ רייזע, וואָס די הסתדרות האָט אונדז אָרגאַניזירט. דער דיכטער אפרים אויערבאַך און איך זיינען מיר געווען די געסט, באַגלייט האָבן אונדז די בעסאַראַבער יצחק קורן (אַן אָרגאַניזאַטאָר און אַ פּובליציסט) און דער דיכטער ל. קופּערשטיין. דער „מורה דרך" איז געווען אין נאָמען פון דער הסתדרות דער חבר עזריאל. מיר זיינען געווען אין אייניקע אַזעלכע שטעטלעך און דערפער. אָפּגעשטעלט האָבן מיר זיך אין אַ געוועזן אַראַביש שטעטל אין דרום, וואָס הייסט ראמלא, וווּ עס וווינען אַ פּאָר הונדערט נפשות, וועלכע האָבן נישט לאַנג פאַרלאָזט די לאַגערן.

ראמלא איז דאָס וואָס הייסט אַ „מושבה", אַ שטעטל אָן אַ אַנגעהעריקייט צו אַ באַשטימטער אָרגאַניזאַציע. די איינוווינער טוען דאָ, וואָס זייער האַרץ גלוסט: „איש הישר בעיניו יעשה". ווער עס מסחרט, ווער עס אַרבעט. פאַראַן בעלי־מלאכות, וואָס אַרבעטן ביי יענעם און אַזעלכע, וואָס אָרדענען זיך אין קליינע וואַרשטאַטלעך. אייניקע האָבן אַביסל

אייגענעם קאַפּיטאַל, אייניקע באַקומען רעגירונגס־שטיצע, איבערהויפּט דורך דעם מיניסטעריום פאַר סאָציאַלער הילף (סעד) וואָס אין זיין שפּיץ שטייט דעם גערער רבינס איידעם ר׳ יצחק מאיר לעווין. עס איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז די מערסטע איינוווינער זיינען דאָ נישט קיין סאָציאַליסטיש־געשטימטע, וואָס זיינען גרייט צו אַ קאָלעקטיוויסטישן לעבן. פאַראַן דאָ אַזעלכע וואָס לויט זייער כאַראַקטער זיינען זיי „מזרחים" און זיי ווילן פירן אַן אַלטמאָדיש פרום לעבן. דאָס שווערסטע פּראָבלעם איז געלייזט: אַ דירה האָט מען. און נאָך אַ פּראָבלעם איז געלייזט: אַ שול פאַר קינדער איז פאַראַן. אייגנטלעך זיינען פאַראַן צוויי שולן, איינע, אַ גרעסערע, פון דער הסתדרות, און איינע אַ קלענערע, פון „מזרחי". אין לאַנד זיינען אייגנטלעך פאַראַן דרייערליי שולן: 1) הסתדרות־שולן, מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם אַרבעטער־כאַראַקטער; 2) סתם שולן, וואָס זיינען נאָר נאַציאָנאַל און זיינען אין אַ היפּשער מאָס אַלגעמיין־ציוניס־טיש און 3) מזרחי־שולן, אין וועלכע עס ווערט געגעבן פולע וועלטלעכע בילדונג, אָבער עס ווערט געלערנט דאַווענען און בכלל רעליגיע און אין וועלכע סיי די לערער, סיי די תלמידים, טראָגן יאַרמעלקעס. אין ראמלא האָט די הסתדרות־שול אַ גרויסע צאָל קינדער און די מזרחי־שול אַ קלע־נערע צאָל שילער, כאָטש מער עלטערן ציט עס צו מזרחי. די קינדער ציט עס צו דער הסתדרות. קינדער ציט דאָ צו אַ לעבן פון אַרבעט! נישט אומ־זיסט וואַקסט דאָ די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, דער „העובד הציוני".

פאַראַן אין ראַמלאַ אַ גאַנץ פיינע פּראָפעסיאָנעלע שול (בית הספר מקצועי). די דאָזיקע שול האָט אַזויפיל קינדער, וויפל זי קען אַריינעמען. ווען זי וואָלט געהאַט מער פּלאַץ, וואָלט זי געהאַט מער קינדער. פאַקטיש וואָלטן אַלע קינדער פון שטעטל געוואָלט לערנען אַ מלאכה. זיי זעען פאַר זיך נישט קיין אַנדער צוקונפט ווי אַלס אַרבעטער. די פּראָפעסיאָ־נעלע שול, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַ לערער אַ פאַכמאַן, וואָס הייסט (נאָך! ער וועט וואַרשיינלעך בייטן זיין נאָמען) טאַבאַקסבלאַט, האָט צוויי אָפּטיילונגען: סטאָליערײ און שלאָסערײ. די איינריכטונגען זיינען נישט קיין רייכע, אָבער מאָדערנע. די לערע איז אַן אינטענסיווע. אין די שטעט־לעך אין דער אַלטער היים האָט מען געלערנט סטאָליערײ עטלעכע יאָר. עס האָט גענומען אַ יאָר, ביז מען האָט אָנגעהויבן עפּעס ווייזן דעם יינגל און דערווייל האָט ער געטראָגן וואַסער, געוויגט דאָס קינד או״וו. פון

שלאָסעריי איז אָפּגערעדט. אין פינף יאָר האָט מען קוים עפּעס אויסגע־לערנט. דאָ ווערט מען אין זעקס חדשים נישט קיין שלעכטער סטאָליער און אין אַ קנאַפּ יאָר אַ נישט שלעכטער שלאָסער. מען וואָלט געדאַרפט עפּענען נאָך אָפּטיילונגען, אָבער עס פעלן נאָך כלים. לערער וואָלט מען שוין געפונען.

און אָט־אָ־דאָ שטעקט דאָס גוטע פון דער מושבה פאַר עולים. די קינדער וואַקסן נישט סתם אין דער וועלט אַריין. זיי וועלן עפּעס קענען! זיי וועלן האָבן אַ פאַך און אויך אַ געוויסע אַלגעמיינע בילדונג. מען לערנט אין דער פראָפעסיאָנעלער שול אויך אייניקע נייטיקע לימודים און נאַ־טירלעך — עברית.

די צוקונפט פון די עלטערן איז דאָ נישט קיין באַשטימטע. ווען מען איך האָב אַ פרעג געטאָן ווי מען לעבט, האָט מען מיר געענטפערט, אַז „וויַיט גייט מען נישט אַוועק" און מען האָט צוגעגעבן: „מ'איז דאָך דאָ נישט לאַנג!" אַנדערע האָבן אויך צוגעגעבן: מ'וועט סיי ווי נישט וויַיט אַוועקגיין. מען איז אַהער נישט געקומען רייך ווערן, נאָר לעבן!" ווער עס וועט אַרבעטן ביי יענעם, ווער עס וועט אַרבעטן אין אַן אייגן וואַר־שטאַטל, אין אַ שטיקל פעלד, ווער ס'וועט עפענען אַ קרעמל, ווער עס וועט אַריין צו יענעם אין אַ קרעמל, ווער ס'וועט זיין אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק, אין אַן אָרגאַניזאַציע, אין דער פּאָסט. מען האָט דאָך דאָ אַ פּאָסט אויך. אָט שטייט זי טאַקע דאָרט. ביי דער טיר איז אָנגעקלאַפּט אַ מזוזה, אַ פּאָסט מיט אַ מזוזה. איר שטעלט אייך פאָר אַזאַ מין זאַך? צום ערשטן מאָל האָב איך פלוצים באַמערקט, אַז די פּאָסט האָט אַ מזוזה אין ראַמלאַ, דערנאָך האָב איך געזען, אַז אומעטום איז אַזוי. עפנטלעכע אינסטיטוציעס האָבן אַלע מזוזות.

איך הער אַ וויץ וועגן מזוזות. אַ סופר האָט געבראַכט אין שטאָט אַריין מזוזות און מגילות. די מזוזות האָט ער אַלע פאַרקויפט. די מגילות — קיין איינע נישט. האָט אים איינער אַ פיקוח געגעבן אַן עצה צו צע־שניידן די מגילות אין שטיקער און מאַכן פון זיי מזוזות. האָט ער אַזוי געטאָן. אין אַ צייט אַרום מאַכט מען אַ רעוויזיע פון די מזוזות. טרעפט מען ביי אַ ייִדן פאַרשאַנדאָסאָן (פרשנדתא) אין דער מזוזה, ווערט אַ גע־טומל: המנס זון אַנשטאָט „שדי"... זוכט מען אין אַ צווייטער מזוזה, געפינט מען גאָר וואַיזאָסען (ויזתא), טרייסט זיך דער ערשטער: „אַז דער שכן קען קושן ויזתאן, מעג איך קושן פרשנדתאן..."

אָבער — חיצן אין אַ זייט! די „קליטה“ אין די שטעט און שטעטלעך גייט מיט אַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ. נישטאָ קיין בשותפותדיקע אַרבעט, איז נישטאָ קיין אימפּעט און קיין ריטם. אַנדערש גייט עס צו אין קאָלעקטיווירטע ישובים, ווו עס איז פאַראַן ריטם, מאַרש און די אַרבעט זינגט...

קריה און כנסת

די דייטשע קאָלאָניע „שרונה״, וואָס איז געוואָרן די שטאָט, אין וועל־כער עס געפינט זיך די פּרעזידענץ פון דער ישראל־רעגירונג און פון אַלע מיניסטעריומס, און וואָס הייסט היינט „קריה״ (קיריא — מיטן טאָן אויף דעם לעצטן טראָפּ), האָב איך באַשריבן דעמאָלט, ווען מען האָט דאָרט אָנגעהויבן איינאָרדענען די מיניסטעריומס. זי איז אין משך פון די צען חדשים, וואָס איך האָב געפעלט, געוואָרן אַ גרעסער, אַ סטאַבילער. די גאַסן האָבן געקראָגן נייע נעמען, די שטיינערנע בנינים האָבן באַקומען הילצערנע „קינדער״. די נעמען פון די גאַסן זיינען זייער פּשוטע, מען זאָל זיי געדענקען לייכט: „רחוב אלף״, רחוב בית״, אאַ״וו. די הילצערנע בנינים זיינען גאַנץ באַלעבאַטיש געמאַכט און זיי האָבן אַ פּנים פון היי־זער. מען זעט אויך אַ סך מער טעלעפאָנישע און טעלעגראַפישע דראָטן, ווי מען האָט געזען, ווען די מלוכה איז ערשט געבוירן געוואָרן.

פאַראַן אַ שטאַרקע אַנדערשקייט אין דעם אויסזען פון דער „קריה״; עס איז דאָ גאָרנישט ענלעך צו אַן אַנדער שטעטל אין לאַנד. אוודאי איז די אַנדערשקייט פאַראַן אין דעם סאַמע אורשפּרונג. דייטשן האָבן געבויט אַנדערש ווי ייִדן. אָבער די אַנדערשקייט שטעקט נישט נאָר אין די בנינים און אין דעם סדר פון די גאַסן. די מענטשן זיינען דאָ אַנדערש געקליידט. אין גאַנצן לאַנד, איבערהויפּט אין די שטעטלעך און דערפער, וועט איר זעלטן זען אַ מענטש מיט לאַנגע הויזן, ווען עס גיבן אַ שלאָג די היצן. אין ישראל וועט מען נישט קענען זאָגן איינעם: „איך געדענק דיך נאָך, ווען דו האָסט געטראָגן קורצע הייזלעך״: דאָ טראָגן זיבעציק יאָריקע לייט אויך קורצע הויזן. אין דער קריה וועט איר זייער זעלטן טרעפן איינעם אין קורצע הויזן. נישט נאָר די מיניסטאָרן און זייערע סעקרעטאָרן טראָגן לאַנגע הויזן, נאָר אויך די קלענסטע אָנגעשטעלטע קומען אַהער נישט מיט קיין קורצע הויזן. מען זעט דאָ מער פאַרמאַכטע העמדער מיט קראַ־וואַטן ווי אין גאַנצן לאַנד. מיידלעך און פרויען גייען אין אַ סך ערטער אָנגעטאָן אַזוי ווי אין אַנדערע לענדער גייט מען נאָר אויף דאַנסעס און איבערהויפּט ביי פליאַזשעס, אין קריה גייען די מערסטע פרויען אָנגע־

טאָן גאָר סטאַטעטשנע און זייער אַ סך טראָגן אַפּילו לאַנגע אַרבל און אויב נישט קיין זאָקן, איז סאָקעטן.

די גאַנצע האַלטונג איז אין דער קריה סטאַטעטשנע און באַלעבאַ־טיש און עס איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס. עס קומען אַהער דיפּלאָמאַטן פון אַ סך לענדער. דו פאָרסט מיט אַ באַשיידענעם אויטאָ, אָדער דו וואַרטסט אויף אַן אויטאָבוס, גיט דיר אַ לויף דורך ביי דער נאָז אַן עלע־גאַנטער אויטאָ מיט אַ הערב פון אַ גרויסער מדינה און דו ווייסט, אַז עס איז פאַרבייגעפאָרן אַ מיניסטער אָדער אַ גענעראַל־קאָנסול. מען זעט אין דעם ישראלדיקן „וואַשינגטאָן" אַ סך גייסטלעכע פון אַלע רעליגיעס. פאַרשטייט זיך, אַז מער פון אַלץ זעט מען רבנים און ראַביים, אָבער מען זעט אויך גייסטלעכע פון מאָכמעדאַנישן גלויבן און פון אַלע קריסטלעכע גלויבנס. פאַרשטייט זיך, אַז מער פון אַלץ זעט מען אין קריה זשורנאַ־ליסטן. זיי באַלאַגערן אַלע מיניסטעריומס און לעכצן נאָך אַן אינטערוויו און לאָקערן אויף די מיניסטאָרן און דערקוטשען זייערע סעקרעטאָרן און סעקרעטאַרשעס, אָבער צוליב די זשורנאַליסטן וואָלט מען זיך נישט אויפּ־געפירט אַזוי סטאַטעטשנע און זיך נישט אָנגעטאָן אַזוי סאָליד, וואָרום זיי אַליין טוען זיך אויך נישט אָן צו סאָליד. אַז איר וועט זען אין קריה מענטשן מיט קורצע הייזלעך, אָדער מיט אַזעלכע ספּאָרט־קליידער, וואָס זיינען אַ מיט צווישן אַ פּיזשאַמע און זומער־קאָסטיום, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס זיינען זשורנאַליסטן.

נישט פאַראַן קיין צו־גרויסע באַוועגונג פון מענטשן אין די גאַסן פון דער מדינה־שטאָט. מען פאָרט דאָ מער ווי מען גייט. און אויב מע זעט שוין דאָ מענטשן, שטייען זיי אין רעדלעך פאַר די מיניסטעריומס. מען זעט זייער אָפט קעלנערס מיט גלעזער טיי אויף טאַצן. מען טרינקט אין גאַנץ ארץ־ישראל אַ סך טיי און ווען עס קומט אַ חשובער גאַסט אין אַ ביוראָ אַריין, בעמט מען אים אויף מיט טיי און דווקא אין אַ גלאָז. ייִדן פּילן אין אַ גלאָז טיי אַ בעסערן טעם, ווי אין אַ קריגל טיי.

אין „קריה" זעט מען פּראָפּאָרציאָנעל מער מענטשן מיט יאַרמעלקעס ווי מען זעט אין אַנדערע שטעט (אויסער, נאַטירלעך, ירושלים, צפת און טבריה, וווּ מען זעט אַ סך ייִדן מיט בערד און פאות און קאַפּאָטעס). אין די מיניסטעריומס, וואָס זייערע מיניסטאָרן זיינען רעליגיעזע ייִדן, טראָגן די אָנגעשטעלטע יאַרמעלקעס; און גאַנצע פינף מיניסטעריומס — פון די דרייצן — זיינען ביי פרומע אין די הענט, כאָטש פרומע מיניסטאָרן

זיינען פאַראַן נאָר דריי. משה שאַפּיראָ, דער פּועל־המזרחי, האָט גאַנצע דריי מיניסטעריומס אונטער זיין רשות — „עליה", געזונטהייט און הי־גיענע און אינערן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיניסטעריום פאַר רעליגיעס האָט אַ רעליגיעזן מיניסטער — דאָס איז מיין לאַנדסמאַן, דער מאַרקו־לעשטער ייִד און געוועזענער אונגערער רב ר' י. ל. פישמאַן, וואָס הייסט היינט „מיימוני" און דער מיניסטער פאַר סאָציאַלער הילף („סעד" אויף העברעיִש) איז נישט קיין אַנדערער ווי דעם גערער רבינס איידעם, וואָס רופט זיך אַזוי באַטעמט איטשע מאיר לעווין, אַז מען זאָל דערפילן זיין פוילישן אָפּשטאַם. כאָטש עס איז אַ גרויסע מאָדע אויף בייטן די נעמען, וואָלט מסתמא קיינער נישט געוואָלט, אַז דער מיניסטער פאַר סאָציאַלער הילף זאָל נישט הייסן איטשע מאיר.

אין קריה זעט מען, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אָן אַ שיעור זשור־נאַליסטן. דער חלום איז צו קריגן אַ שמועס מיט אַ מיניסטער. אייגנט־לעך האָבן די מיניסטאָרן נישט וואָס צו זאָגן די זשורנאַליסטן, ווייל דאָס דאָזיקע, וואָס זיי דאַרפן און מעגן זאָגן, הערט מען ביי זייערע פרעסע־קאָנפערענצן און אין זייערע עקספּאָזעס אין „כנסת" (פּאַרלאַמענט). עס האָט נאָך איין מאָל נישט פּאַסירט, אַז אַ ישראל־מיניסטער זאָל גיבן אַ דערקלערונג אַ זשורנאַליסט, וואָס זאָל אָנאַרבעטן אַ סענסאַציע און דאָך יאָגן זיך די זשורנאַליסטן נאָך די מיניסטאָרן, ווייל סתם באַשרייבן אַ ייִדישן מיניסטער איז נאָך אויך אַ סענסאַציע. די ייִדישע מדינה האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו זיין אַ סענסאַציע. האָבן גענומען מענטשן, וואָס זיינען קיינמאָל נישט געווען קיין מיניסטאָרן און בכלל קיין מלוכה־לייט און זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ רעגירונג מיט מיניסטעריומס און „עס קלאַפּט". מען שטעלט צו פלענער דעם פּאַרלאַמענט, יענער דיסקוטירט זיי און וואַרפט זיי אָפּ, אָדער נעמען זיי אָן און זיי קערן זיך אום אין די מיניסטעריומס אַריין און ווערן אַריינגעפּירט אין לעבן אַריין און עס פאַר־טשעפּעט זיך נישט און מען מאַכט נישט קיין צו־שווערע טעותן.

און אַזוי ווי די מיניסטאָרן ווייסן, אַז די זשורנאַליסטן לויערן אויף זיי צוליב סענסאַציע־זוכענישן, מיידן זיי אויס אינטערוויוען ווי ווייט זיי קענען נאָר. אָבער זשורנאַליסטן געהערן נישט צו די דאָזיקע, וואָס לאָזן זיך נאַרן און זיי כיטרעווען אַריבער. עס זיינען שוין פאַראַן אַרטיקעו זשור־נאַליסטלעך, וואָס מאַכן אַ שטיקל „ביזנעס" פון דעם קענען צוקומען צו אַ מיניסטער, אָדער זיי זוכן דורך אַזאַ „געפעליקייט" אַ שטיקל „דזשאָב".

„איך וועל דיך אַריינפירן צו אַ פּאָר מיניסטאָרן און דו קויף ביי מ׳יר אַ פּאָר אַרטיקלען״; פאַרשטייט זיך, אַז די שווערסטע זאַך איז צו קויפן אַרטיקלען אין ישראל פאַר אַן אַרגענטינער בלאַט אין דער צייט, ווען פאַר אַ פונט דאַרף מען באַצאָלן דרייסיק פעזעס און פאַר אַן אַרטיקל דאַרף מען באַצאָלן כאָטש אַ צען פונט. האָב איך טאַקע געהאַט זייער ווייניק הילף ביים צוקומען צו אַ מיניסטער און איך האָב זיך געדאַרפט דורכשלאָגן מיט אייגענע כוחות. אַביסל הילף האָב איך געדאַרפט קריגן אין דעם לאַטיין־אַמעריקאַנישן דעפּאַרטאַמענט ביים אויסערן־מיניסטעריום, וואָס ווערט אָנגעפירט פון משה טוב. גראָד איז דער אָנפירער פון דע־פּאַרטאַמענט דעמאָלט נישט געווען אין לאַנד און די הילף האָט מיר גע־קענט גיבן נאָר זיין זייער סימפּאַטישע סעקרעטאַרשע, אַ ווייכע און אַ קיילעכדיקע און אַ פיין שמייכלענדיקע, וואָס שטאַמט פון אַ סקאַנדינאַ־ויש לאַנד און רעדט אַ פיינעם, פון בוך אַרויסגענומענעם שפּאַניש. און זי האָט מיר צו־פּיל נישט געקענט העלפן. איך האָב דורך איר באַקומען אַן אינטערוויו מיטן פינאַנץ־מיניסטער אליעזר קאַפּלאַן און ערשט נאָך דעם, וואָס א. ש. יוריס, וועלכער איז אויסער דעם, וואָס ער איז יוריס, אויך טובס אַ שוואָגער, האָט אינטערוועניִרט.

איך שטעל זיך אָפּ אויף דעם מאָמענט, ווייל איך וויל טאַקע באַטאָ־נען, אַז אין ישראל הייבט זיך אָן אַנטוויקלען אַ מין ביוראָקראַטיזם, וואָס איז מער ווי גויִש — ער איז טעמפּ און ער ברענגט שאָדן. טעמפּע ביוראָקראַטן מאַכן נישט נאָר קיין חילוק צווישן אַ מענטשן און אַ מענטשן, נאָר זיי קלייבן זיך נישט פונאַנדער וועגן דער וויכטיקייט פון די מענטשן און זייערע פאָדערונגען. אַ מיניסטער קען זיין שטאַרק פאַרנומען פאַר אַ זשורנאַליסט, וואָס זוכט בלויז סענסאַציעס און ער דאַרף און טאָר נישט זיין פאַרנומען פאַר אַ זשורנאַליסט, וואָס קומט פון אַ גרויסן יידישן ישוב, וועלכער וואַרט אויף זיינע אינפאָרמאַציעס. מיר איז אויסגעקומען צו אָנטרעפן אויף אַזאַ טעמפּקייט פון אייניקע ביוראָקראַטן, אַז איך האָב זיי אַזש געזאָגט, אַז ווען יידן ווערן גויים, ווערן זיי די ערגסטע גויים. א. ש. יוריס, וואָס האָט אַ פּאָר מאָל געפילט מ׳יין גערעכטן פאַרדרוס, האָט מיך איינמאָל געטרייסט מיט אַ זייער ביטער וואָרט. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן „אַן אַנדער ישראל״, פונקט ווי עס איז געווען אַ פּרווו צו איבערצייגן, להבדיל, אַז עס איז דאַ „אַן אַנדער דייטשלאַנד״. אוודאי איז געווען אַביסל איבערטריבנקייט אין דעם. איך וועל באַלד דאָ דערקלערן,

אַז די מערהייט פון די ישראל־ביוראָקראַטן זיינען דווקא פאַרשטענדלעכע מענטשן, אָבער עס זיינען פאַראַן מער טעמפּע ביוראָקראַטן, ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין ביי ייִדן, און מיר וועט דערלויבט זיין צו באַהויפּטן, אַז די פאַרגוויישטע ביוראָקראַטן זיינען דאָס „אַנדערע ישראל" און די ריכ־טיקע ייִדן זיינען דאָס ריכטיקע ישראל.

און אַז עס האַנדלט זיך שוין וועגן ביוראָקראַטן, וועל איך ליידער מוזן באַמערקן, אַז עס זיינען פאַראַן מער אומפּעיִקע אָנגעשטעלטע וויפל עס וואָלטן געדאַרפט זיין אין דער ייִדישער מדינה. באַהיט זאָלט איר ווערן צו דאַרפן אַריינגיין אין אַ באַנק אַריין אויסבייטן אַ פּאָר דאָלאַרן אויף פונטן. אין ווייניקער ווי אַ שעה וועט איר דאָס נישט מאַכן, סיידן אַ פּריינט וועט אייך אויפמערקזאַם מאַכן און וועט אייך לערנען צו גיין מאַכן אַזאַ אָפּעראַציע אין אַ פּריוואַטער באַנק. דאָרטן וועט אַזאַ אָפּעראַ־ציע געדויערן צוואַנציק מאָל ווייניקער ווי אין אַן אָפּטיילונג פון אַ מלוכה־באַנק. מיר איז צוויי מאָל אויסגעקומען צו וועקסלען געלט אין אַן אָפּ־טיילונג פון דער אַנגלאָ־פּאַלעסטינע באַנק און איך האָב זיך געזאָגט: „גאָט זיי דאַנק, וואָס מען האָט נישט געפּירט אַזוי שלעכט די מילחמה..." זאָל שטענדיק זיין אין דער ייִדישער מדינה גוטע סאָלדאַטן און אָפיצירן און שלעכטע באַנק־אָנגעשטעלטע, איידער חלילה פאַרקערט.

איך האָב באַוויזן צו האָבן שמועסן מיט די מערסטע מיניסטאָרן, טיילווייז אין דער קריה און טיילווייז אין „כנסת". פאַר אַ זשורנאַליסט איז דער כנסת נישט ווייניקער אינטערעסאַנט ווי די קריה; ער איז אַ פּאַרלאַמענט מיט פּאַרלאַמענטן גלייך און ער איז דאָך אַנדערש. ער איז אַ פּאַרלאַמענט פון אַן ערשט געוואָרענער מדינה. נעבן וואָס פאַר אַ פּאַר־לאַמענט שטייען קליינע יאַטן און יאַטעכעס און מאַנען אויטאָגראַפן, אַזוי ווי זיי טוען דאָס ביי די טויערן פון כנסת? און זיי טוען דאָס מוראדיק צודרינגלעך און איר קענט זיך פון זייערע הענטלעך נישט אַרויסדרייען. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען האָט אין פּאַרלאַמענט פאַרלאַנגט, מען זאָל די חברה נישט צולאָזן צום פּאַרלאַמענט, ווייל זיי נעמען צופיל צייט אַוועק ביי די דעפּוטאַטן און מיניסטאָרן. איך קען פּערזענלעך עדות זאָגן וועגן דעם ווי לאַנג עס נעמט דאָס אונטערשרייבן פאַר די אַלע יאַטן, וואָס שטייען אינדרויסן. איך האָב געמוזט אונטערשרייבן פאַר אַ פּאָר צענדליק חברה און זיי האָבן זיך נישט באַגניגנט מיט דעם אונטערשרייבן אַליין. איך האָב זיי געמוזט דערקלערן ווער איך בין און צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי

איך געהער. פריער האָב איך זיי געפּרוּווט בלאָפן, אָבער עס איז מיר נישט געגאַנגען. זיי קענען אַלע מיניסטאָרן און אַלע דעפּוטאַטן... האָב איך זיי אויסגעזאָגט דעם אמת, אַז איך בין אַ זשורנאַליסט פון אַרגענטינע, זייענען זיי חלילה נישט אַנטוישט געוואָרן און זיי האָבן ערשט געמאָנט אויטאָגראַפן.

פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען פאַראַן צענדליקער וויצן וועגן די יאַטן, וואָס מאָנען אויטאָגראַפן. אין ישראל גייט נישט אָן קיין וויצן. דער פּאָפּולערסטער וויץ איז, אַז מנחם בעגין האָט באַמערקט, אַז אַ יאַטל קומט שוין צו אים אפשר דאָס זעקסטע מאָל נאָך אַן אויטאָגראַף און ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס דאָס איז. האָט יענער געענטפערט, אַז די חברה האַנדלען צווישן זיך מיט די אויטאָגראַפן און דער פּרייז איז „צען בעגינס פאַר איין בן־גוריון". וואַרשיינלעך האָט דעם דאָזיקן וויץ געמאַכט נישט קיין רעוויזיאָניסט...

וועגן פאַרלאַמענט אַליין גייט אָן אַזאַ וויץ: אַ יינגל האָט געהערט דורכן ראַדיאָ די דעבאַטע אין כנסת און ער האָט געהערט אַ רויש און אַ טומל און אַ קריגעריי, האָט ער געפרעגט:

— וואָס איז דאָרט אַזאַ רעש? די „גננת" (פּרעבליסטקע) איז אַרויסגעגאַנגען?

דער כנסת געפינט זיך ביים ברעג פון ים. ער איז איבערגעמאַכט געוואָרן פון אַ קינאָ און ער איז דאָך אַ גאַנץ אימפּאָזאַנטע געביידע. אוודאי וועט מען דעם ריכטיקן פאַרלאַמענט ערשט בויען און נישט אין תל־אביב, נאָר אין ירושלים. אָבער עס איז שיין אַזוי צו קוקן פון ברעג ים אויף דעם פאַרלאַמענט און אויף דער יידישער פאָן, וואָס פלאַטערט איבער אים.

אָט ווי מען האָט איבערגעמאַכט פון אַ קינאָ, איז עס געוואָרן אַ פאַרלאַמענט מיט אַ היפּשער צאָל צימערן פאַר מיניסטאָרן און קאָמיסיע־באַראַטונגען און פראַקציע־זיצונגען און קולואַרן, ווו זשורנאַליסטן יאָגן זיך נאָך מיניסטאָרן און פאַרטיי־פירער. און עס זיינען פאַראַן צימערן מיט טעלעפאָנען און שרייב־מאַשינקעס פאַר זשורנאַליסטן און אַ רעסטאָראַן מיט אַ בופעט, און מען קריגט אין בופעט גאַנץ געשמאַקע עסנס און נישט טייער און — כשר. די רעוויזיאָניסטישע צייטונג האָט שוין אַפילו געהאַט טענות למאי מען גיט נישט קיין קאַווע מיט מילך נאָך אַ פליישיקן עסן

און זי האָט פאָרגעלייגט צו מאַכן צוויי רעסטאָראַנען — אַ כשרן און אַ טריפהנעם און די מזרחי־צייטונג האָט געענטפערט מיט אַ ירגזון.

אין בופעט זעט מען אַלע דעפּוטאַטן און די מערסטע מיניסטאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז די מיניסטאָרן האָבן ווייניקער צייט צו זיצן און זשור־נאַליסטן לאָזן זיי נישט איינזיצן, אָבער זיי ווייזן זיך דאָ פּאָרט. די גרעס־טע סענסאַציע איז דאָ נאָך אַלץ בן־גוריון, אָבער פאַר אויסלענדער איז נאָך בעגין אויך אַ סענסאַציע. און די פרויען־דעפּוטאַטקעס זיינען דאָ אויך סענסאַציעס. פּראָפּאָרציאָנעל זיינען דאָ פאַראַן מער פרויען דעפּו־טאַטקעס ווי אין דער גאַנצער וועלט. עפּעס מער ווי צען פּראָצענט. די גרעסטע סענסאַציע איז, נאַטירלעך, גאָלדע מאירסאָן, וואָס איז ביז נישט לאַנג געווען אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע און איצטער איז זי מיניסטער פאַר אַרבעט. אָבער אויך די הויכע, דיקלעכע און אימפּאָזאַנטע שושנה פּערסיק, וואָס פאַרטרעט אַלגעמיינע ציונים, רופט אויפמערקזאַמקייט. זי איז די טאָכטער פון אַ ייִדן, וואָס איז אַמאָל געווען באַרימט. ער האָט געהייסן הילל זלאַטאָפּאָלסקי און איז געווען אַ ציוניסטישער מנהיג און אַ טיפּ פון אַ מנחם מענדל געמישט מיט אַן איידאָפּעיִשן ברעזע־טיגער און זי איז געווען די שנור פון איינעם פון די רייכסטע ייִדן אין רוסלאַנד. איך דער־מאָן זיך אין איר מאַנס ברודער, וואָס האָט אויך געהייסן פּערסיץ און איז אין בוענאָס־איירעס געווען אַ שטיק צייט אַ קעלנער אין אַ רעסטאָראַן, וואָס האָט געהייסן „שמענדריק" און איז דערהויבן געוואָרן פאַר זיין טויט צו דער מדרגה פון אַ שדכן. שושנה פּערסיץ איז אַ באַרימטע פאַרלעגערן פון העברעיִשע ביכער און זי איז בשעתו געווען אַ מעצענאַטקע און זי פאַרמאָגט דעם פּאָטערס קראַפט און טעמפּעראַמענט. נעבן שושנה פּערסיץ אימפּאָנירן די מפא"י־דעפּוטאַטקעס, די קליינינקע און רירעוודיקע בעבאַ אידלסאָן מיט דעם אויסזען פון אַן עכט־ייִדישער „פּעטיט פאַם" און די געשטרעקטע יהודית שמחונית, וואָס איז אַ שלאַנקע אַמעריקאַנערן מיט ייִדישן חן.

די סענסאַציעס צווישן די דעפּוטאַטן געהערן דאָ אויך צוויי אַראַבי־שע דעפּוטאַטן מיט טערקישע פעסקעס... זיי ריידן נישט און פאַרשטייען נישט קיין העברעיִש און זיי זיצן אויס אַלע זיצונגען. איינער רעדט פראַנ־צויזיש און דער צווייטער ענגליש און ווען מען פרעגט זיי עפּעס, ענטפערן זיי, אַז זיי זיינען צופרידן מיט דער ייִדישער מדינה און אַז די אַראַבער דאַרפן נאָך אַ סך לערנען ביי די ייִדן.

דער פּאַרלאַמענט גופא. דער זיצונגס־זאַל מאַכט אַן איינדרוק. אויף דער טריבונע איז פאַראַן איין שטול פאַר דעם „יושב ראש" און נידעריקער אַביסל צוויי שטולן פאַר די סגנים (סגאַנים — וויצעס). פאַראַן אויך איין פּלאַץ פאַר דער רעגירונג, ווי אין אַ געריכט איז פאַראַן פּלאַץ פאַר דעם באַשולדיקטן. די מלוכה זיצט שטענדיק אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. און אַרום דעם פּלאַץ פאַר די רעגירונגסלייט זיינען פאַראַן צוויי מאָל צו פיר רייען פון ביידע זייטן און יעדע ריי האָט צו פערצן פּלעצער. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז די דעפּוטאַטן רינגלען אַרום און היטן אָפּ די מיניסטאָרן... ביי דער וואַנט זיינען פאַראַן פּלעצער פאַר זשורנאַליסטן און אויבן איז פאַראַן אַ טאָפּלטע גאַלעריע מיט ערטער פאַר חשובע געסט, זשורנאַליסטן און סתם פאָלק.

מען זעט איין בילד אין יידישן פּאַרלאַמענט: הערצלס. און עס שוועבט הערצלס גייסט אין דעם דאָזיקן זאַל, וואָס רופט זיך כנסת. עס איז דער פּאַרלאַמענט פון דעם „יודענשטאַט", וואָס הערצל האָט אויסגע־פיבערט מיט זיין בלוט און פאַר אים אָוועקגעגעבן זיין לעבן.

— וועלן די פּראָטאָקאָלן פון כנסת פאַרבלייבן ווי די וויכוחים אין דער כנסת הגדולה?

— ווארשיינלעך, דאָ ווערט געמאַכט געשיכטע.

פּ. ס. — אַלע ווייסן, אַז די רעגירונג געפינט זיך שוין זייט לאַנג אין ירושלים און די כנסת האָט זיך שוין אויך אַהין אַריבערגעצויגן, אָבער איך האָב געפונען פאַר נייטיק צו לאָזן אָט די באַשרייבונג ווי זי איז, טאַקע, ווייל ס'איז שוין „אַ מעשה פון אַמאָל".

אין מיניסטעריום פאַר רעליגיעס

אויב איר זענט אַן אַבערגלויבערישער און איר האָט מורא, אַז אַ גלח זאָל אייך נישט אַנטקעגנקומען, זאָלט איר צום מיניסטעריום פאַר רעליגיעס, וואָס געפינט זיך אויף דער גאַס „אלף", אין אַ באַשיידן צווייטשטאָקיק הויז, נישט גיין, ווייל דאָרטן קומט אייך אָפט אַנטקעגן איינער, אָדער מערער גלחים.

אָט איך אַליין האָב געטראָפן ביים אַריינגיין אין מיניסטעריום פאַר רעליגיעס צוויי גלחים און בפירוש פּראַוואָסלאַווגע מיט בערד, צעפּ און גרויסע צלמים פאַרנט און איינער פון זיי איז דערצו געווען באַוואַקסן מיט אַ גאַנץ היפשן בויך, וואָס קוקט אַרויף. ער האָט מיך דערמאָנט אין אַלעקסאַנדער בלאָקס זאָג: „ער קוקט מיטן בויך אויף דעם פאָלק".

ווי כיטרע פוקסן האָבן ביידע אויסגעזען, אָבער איינער האָט געהאַט אַ גאָר ברענענדיקן אויסדרוק, וואָס האָט דערציילט וועגן אַ סך מענטשלעכע און מענערישע שוואַכקייטן און ליידנשאַפטן. ביי דער סאַמע ערשטער באַגעגעניש מיט דעם רב דעם מיניסטער, האָט ער מיר דערציילט, אַז איינער פון די צוויי גלחים איז אַ גריכישער און ער האָט אַ גרויסן נאָמען אין אָריענט. ער איז אין דער צייט פון דער מלחמה געווען אין גריכנלאַנד און אפילו אין מצרים און ער האָט זיך אויפגעפירט נישט זייער קאָרעקט, אָבער געגנוג כיטרע, אַז מען זאָל אים נישט כאַפּן ביי דער האַנט און מען האָט אים אַריינגעלאָזט צוריק אין לאַנד אַריין. — מיין פּרינציפּ איז — זאָגט מיר דער מיניסטער — איז וואָס מער טאָלעראַנץ צו די פאַסטוכער פון אַלע רעליגיעס. אָבער איצטער האָט ער שוין געוואָלט איך זאָל אים צופיל דערלויבן.

— וואָס האָט ער געוואָלט?

— ער האָט געוואָלט אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין מצרים.

— וואָס זשע האסטו אים געענטפערט?

— איך האָב אים געענטפערט אָט אַזוי: זאָג מיר, קאָלעגע, מיר וואָלט מען דערלויבט צו פאָרן קיין מצרים? איז פאַר וואָס זשע ווילסטו מער רעכט פון מיר? דו וואָלסט געקענט פועלן אַ דערלויבעניש אויך פאַר

מיר אַריינצופאָרן אין פאַרוקס לאַנד? האָט ער געענטפערט „ניין”, האָב איך אים געזאָגט, אַז אויב אַזוי, וועט ער מוזן אָפּלייגן דאָס פאָרן, ביז וואַנען מיר וועלן זיין אין גוטע באַציִונגען מיט עגיפּטן און אַלע בירגער פון ישראל וועלן אהין קענען פאָרן. און איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין די פּאָליטישע תורה פון אונדזער מיניסטעריום, וואָס דריקט זיך אויס אין צוויי געבאָטן פאַר דעם איצטיקן מאָמענט:

אַ פולע פרייהייט און די גאַנצע טאָלעראַנץ פאַר רעליגיע, באַגרענעצטע פרייהייט און קאָנטראָל פאַר רעליגיעזער פּאָליטיק.

די באַגעגעניש מיט די גלחים האָט מיך פאַרשלעפּט אויף פאַרויס. דער אמת איז, אַז נישט באַלד ווי איך בין אַריינגעקומען אין מיניסטעריום אַריין, האָט מען מיך אַריינגעלאָזט צום מיניסטער; אויסער די גלחים האָט דער „שר הדתות” נאָך געהאַט אַ דעלעגאַציע פון, להבדיל, רבנים און איך האָב געהאַט צייט זיך דורכשמועסן מיט די סעקרעטאַרן און זיי באַקוקן. עס האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַריין דער פאַקט, וואָס אין אָט דעם מיניסטעריום זיינען פאַראַן ווייניקער מיידלעך ווי אין אַלע אַנדערע מיניסטעריומס. אָבער אינגאַנצן אָן מיידלעך איז נישט פאַראַן. עס איז דאָ אַ געוויסע אַרבעט, ווי סטענאָגראַפיע אַ שטייגער, וואָס נאָר פרויען קענען באַווייזן. איך האָב באַמערקט צוויי סעקרעטאַרשעס און גאַנץ מאָדערנע, זיי זיינען נאָר אַביסל מער באַדעקט ווי אין אַנדערע מיניסטעריומס. זיי טראָגן האַלבע, אָדער גאַנצע אַרבל און זאָקן.

די סעקרעטאַרן טראָגן אַלע יאַרמעלקעס. אייניקע פון זיי האָבן גאַנצע, אָדער האַלבע בערדלעך. פאַראַן גילוחים אויך צווישן זיי. איך דערמאָן זיך ביאַליקס אַ שפּאַס וועגן העברעיִשן שרייבער ר׳ בנימין, וואָס איז געוואָרן אַ פרומער ייִד און זיך פאַרלאָזט אַ באָרד. ער האָט געזאָגט, דער גרויסער דיכטער, ר׳ בנימין האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, מען זאָל נישט זען, אַז ער איז גילוח... פאַראַן פרומע יונגעלייט, וואָס זיי אַרט נישט, אַז מען זעט זייער גילוחישקייט.

די סעקרעטאַרן ריידן צווישן זיך העברעיִש, אָבער די ספרדישע הברה הינקט ביי אייניקע. זיי פאַלן דאָ און דאָרט אַריין אין אשכנזיש. איך פרעג זיי, צי עס איז שווער זיך צוצוגעוווינען, ענטפערט מיר איינער, אַז עס וואָלט נישט געווען שווער, ווען זיי וואָלטן נישט גערעדט אַשכנזיש. עס פירט זיך, אַז אשכנזים דאַווענען מיט דער אשכנזישער הברה און דערפאַר איז פרומע ייִדן שווער צו באַנוצן זיך מיט צוויי דיאַלעקטן. און

איינער באַמערקט מיר שוין אויף יידיש, אַז אַנשטאָט „שווער צו זיין אַ ייד" וואָלט מען געדאַרפט זאָגן: „שווער צו זיין אַ פרומער ייד". די דאָזיקע אשכנזישע יידן, וואָס קענען העברעיש פון פריער און דאַווענען נישט, איז גרינגער זיך צוצוגעוווינען צו דער ספרדישער הברה.

דער מיניסטער הרב י. ל. מיימון, — פישמאַן האָט מיך אויפגענומען וואַרעם און פריינטלעך, מיט בעסאַראַבישער הכנסת־אורחימדיקייט און אַ האַרציקן יונגן שמייכל אויף דעם קלוגן פנים מיט דעם ווייסן בערדל. איך זאָג אים, אַז פאַר די צען חדשים, וואָס איך האָב אים נישט געזען, האָט ער באַוויזן צו אויפטאָן גרויסע זאַכן און ער האָט אויך באַוויזן זיך צו בייטן דעם נאָמען. איך פרעג אים, צי עס איז נישט פאַראַן עפּעס אַ ברכה אויף דעם משנה השם זיין און ער לאַכט האַרציק אַזן ער זאָגט, אַז ער איז פון שטענדיק איבערצייגט, אַז ער ציט זיין יחוס פון רמב"ם, פון מיימאָניד, הייסט עס. ער האָט אויך באַוויזן דערפאַר. און דער נאָמען פישמאַן איז גענומען פון דעם איבערזעצן „מיימון" אויף „וואַסערער" און אין וואַסער זיינען דאָ פיש. און איצטער איז געקומען דער פּראָצעס פון „מחזיר די עטרה ליושנה זיין"...

דער יונג־אַלטער רב, וואָס האָט געהאַט דאָס מזל צו מאַכן די „שהחיינו" אויף דער „הכרזה" פון דער יידישער מדינה, דערמאָנט מיר, אַז איך בין ביי אים צוגאַסט ערב שבועות און ער לאַדט מיך איין צו זיך קיין ירושלים אויף שבועות. ער וווינט אין ירושלים און ער האָפט נאָך צו קענען האָבן זיין מיניסטעריום אין ירושלים. ער זאָגט מיר צו נישט נאָר גרינס אויף שבועות, נאָר אויך מילכיקע בייגעלעך, וואָס וועלן האָבן אי דעם ריכטיקן בעסאַראַבישן טעם, אי טאַקע אַן ארץ־ישראלדיקן טעם אויך. און ער זאָגט מיר:

— מעגסט אַריינשרייבן צו דיינע נישט־פרומע יידן מיינע רייד, אַז שבועות איז דער סימבאָלישסטער יום־טוב פאַר אונדזער מדינה. שבועות פאַראייניקט תורה און לאַנד. אום שבועות ברענגט מען ביכורים, די פּראָדוקטן פון לאַנד. אונדזער לאַנד וועט אויסגעלייזט ווערן אויף דעם גרונט פון דער תורה. מיר וועלן זיין אַ מוסטער פון „אמונה" און פון „אמונה"־טאָלעראַנץ.

פּאַק איך ביים וואָרט טאָלעראַנץ און איך זאָג אים:

— מען רעדט זייער שטאַרק, אַז די פרומע יידן האָבן אַן אַרויסווייזן אומטאָלעראַנץ צו די נישט־פרומע!

— מיט וואָס? — שמייכלט דער מיניסטער — ווען מען לאָזט מען נישט צו דאַוונען? ווען מען שטערט מען אַפילו צו רויכערן אום שבת, כאָטש איך האַלט, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט נישט צו רויכערן בפרהסיה. די נישט־פרומע וואָלטן אויך געדאַרפט זיין טאָלעראַנט צו די פרומע און נישט צו פאַרשווערן זייערע הייליקסטע געפילן.

פרווו איך אָנהאַלטן דעם שמועס אויף אַט דער טעמע און איך זאָג אים, אַז מען פאַרלאַנגט אַזאַ עקסטרעמען אָפּהיטן שבת, וואָס קען שטערן דעם גאַנג פון מדינה־לעבן.

— פון וואַנען קומסטו? — פרעגט ער מיך.

— פון אַרגענטינע.

— און ווו ביסטו געווען אין אייראָפּע?

— אין דער שווייץ.

— זאָג זשע מיר מיט דער האַנט אויפן האַרצן, זעט אויס אין דער שווייץ זונטיק ווייניקער שבתדיק, ווי אונדזער שבת?

— די נייטיקסטע אַרבעט ווערט דאָך געטאָן.

— ביי אונדז ווערט זי אויך געטאָן.

— איר ווילט דאָך שטערן די באַנען זאָלן גיין אום שבת.

— אין אייניקע ערטער אין דער שווייץ און נאָך אין אַ סך אַנדערע לענדער אין אייראָפּע גייען אויך נישט קיין באַנען אום זונטיק.

— האַלטסטו, (מיר ריידן העברעיִש, ריידן מיר בלשון „דו") אַז מען וועט אין דער ייִדישער מדינה דאַרפן שבת גויים אויף צו קענען טאָן די נייטיקסטע אַרבעט?

— אָ, ניין! צו דעם וועט עס נישט קומען. מיר זוכן וועגן. אין איי־ניקע פרומע קיבוצים טוט יעדער איינער אַביסל אַרבעט און קיינער ווערט נישט אָנגעשטרענגט. מ'קען אָבער טאָן אַביסל אַרבעט און אָפּטאָן אַ סך „אבֿ מלאכות" און לויטן דין נישט מחלל שבת זיין... מיר זוכן וועגן. בשעת מילחמה האָבן מיר דערלויבט צו טאָן יעדע אַרבעט אום שבת. מיר ווילן אָפּהיטן שבת און מיר ווילן, אַז דער שבת זאָל אונדז אָפּהיטן. פאַר־שפּילן חלילה אַ מילחמה צוליב שבת וועלן מיר נישט.

איך מאַך דעם מיניסטער פאַר רעליגיעס אויפמערקזאַם אויף די אום־רוען, וואָס עס קומען פאָר אין ירושלים (זיי זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען און האַלטן נאָך איצטער אָן) אין די קינאָס. די פרומע ייִדן ווילן נישט, אַז די נישט־פרומע זאָלן גיין אום שבת אין קינאָ. פאַר נישט־פרומע איז

דער קינאָ, זאָג איך אים, אַ גאַנץ פיינער „עונג שבת", ענטפערט ער מיר:

— די אומרועון מאַכן נישט סתם פרומע ייִדן, נאָר ווילדע פאַנאַטי־קער, וואָס זיינען קעגנער פון דער ייִדישער מדינה. דאָס זיינען די עט־לעכע צענדליק „נטורי קרתא" (נעטורע קאַרטא, היטער פון די מויערן) וואָס זיינען קיינמאָל ביז אין פאַראַיאַריקן קריג נישט געשלאָפן פון יע־נער זייט מויערן פון דער אַלטער שטאָט. זיי ווילן צוריק אין דער אַלטער שטאָט פאַר ייִדן פרייז. בדאי זאָלן אַלע ייִדן בלייבן אָן אַ מדינה, אַבי זיי זאָלן קענען שלאָפן צווישן די מויערן. זיי האָבן אין טאָג פון דער פראָקלאַמירונג פון דער ייִדישער מדינה געפראַוועט טרויער. פינף טעג אין אייר איז ביי זיי געוואָרן אַ נייער מין „תשעה באב"... זיי גייען זיך קלאָגן אויף אונדז און אונדז פאַרמסרן צו די אויסלענדישע אַמבאַסאַ־דאָרן און זיי דערציילן, אַז מיר זיינען די אומטאָלעראַנטע. זיי זיינען צו קליין אין צאָל, אַז זיי זאָלן זיין אַ פּראָבלעם.

— האַלטסטו, אַז זיי זיינען נישט גערעכט מיט זייערע איבערפאַלן אויף די קינאָס?

— איך האַלט נישט פון קיין איבערפאַלן. עס איז נישט קיין סיס־טעם דאָס איבערפאַלן. אָבער צו־שטאַרק שטערן די געפילן פון די פרומע ייִדן אין ירושלים דאַרף מען נישט און מען טאָר דעם שבת דאָרט נישט צוגעבן קיין וואָכעדיקן אויסזען. מ'קען געפינען אַן אויסוועג, מען דאַרף נאָר איינגיין דערויף, אַז צווישן ייִדן דאַרף הערשן דער מעגלעכסטער שלום, ווייל מיט די שכנים זיינען מיר נאָך אין מילחמה. צווייערליי מיל־חמות פירן אין דער ייִדישער מדינה איז צופיל לוקסוס. אי אַ מילחמה מיט די שכנים, אי אַ מילחמה מיט זיך אַליין, דאָס איז צופיל...

— אַמאַי — באַמערק איך אים — קריגן זיך די פרומע ייִדן אַליין צווישן זיך. די מזרחים זיינען נישט שוה בשוה נישט מיט די „פועלי מזרחי" און נישט מיט די „אגודת ישראלניקעס".

— און נישט מיט די מזרחים אַליין — באַמערקט מיר דער מיניס־טער מיט אַ טרויעריקן שמייכל. האָסט דאָך געוויס געלייענט, אַז עס איז געקומען צו אַ געוויסער שפּאַלטונג צווישן די מזרחים אַליין. און איבער קלייניקייטן קומט עס פאָר. מען שפּאַרט זיך וועגן קלייניקייטן אין דער צייט, ווען מען דאַרף אויפטאָן אַזעלכע גרויסע זאַכן. מיר זיינען ברוך השם אויף דעם וועג צו אויפטאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס זאָלן פאַרגאָפן די

גאַנצע וועלט און דאָ קריגט מען זיך איבער „דיקדוקי עניות". אָבער עס וועט אם ירצה השם זיין גוט.

איך פּרוּוו ריידן וועגן כשרות און איך לייג אויס די טענות פון די נישט־פרומע ייִדן, וואָס פאָדערן, אַז מען זאָל אַריינברענגען אין לאַנד אַריין כשר פלייש פאַר פרומע און נישט־כשר פאַר נישט־פרומע.

— ווילסטו — זאָגט ער מיר, אַז מיר זאָלן זיין אין אַ מדינה, וואָס זאָל ברענגען טריפה פלייש.

— ביי אַנדערע פעלקער איז אָפּגעטיילט מלוכה פון שטאַט.

— ייִדן זיינען אַנדערש... דו ווילסט, אַז די מדינה זאָל זיין אַ טריפהנע און מיר זאָלן זיין באַטייליקט אין איר.

איך וואָלט געקענט שטעלן נאָך אַ סך פראַגן. די פראַגע פון חתונה, קינדער, אאַ״וו וועלן נאָך פאַרשאַפן אומרו דעם לאַנד. אָבער, אין וואָסאַראַ לאַנד זיינען אַלע מענטשן פון איין געדאַנק. אין וואָסאַראַ לאַנד זיינען נישט פאַראַן קיין אינערלעכע קאָנפליקטן און קאַמפן?

— וואָס פאַר אַ שטעלונג וועט איר האָבן צו ממזרים?

— דו ווילסט — זאָגט דער מיניסטער מיט ברען — אַז איך זאָל דיר ענטפערן אַנדערש ווי אין דער תורה שטייט? די בעסטע זאַך איז נישט צו שטעלן פריער קיין פראַגן און איבערלאָזן פאַר דעם לעבן אַליין. דו מיינסט אַז ווען חתן־כלה וואָלטן זיך אַנידערגעזעצט פאַר דער חתונה און גענומען באַטראַכטן אַלע פּראָבלעמען פון צוזאַמענלעבן און אָננעמען וועגן זיי אַלע באַשלוסן, וואָלטן זיי נאָך חתונה געהאַט? די דיסקוסיע אַליין וואָלט דאָך געדויערט יאָרן און יאָרן. לאָמיר דערווייל חתונה האָבן ווי גאָט ברוך הוא האָט געבאָטן און האָבן קינדער און דערנאָך וועט מען שוין זען...

איך בין אַוועקגעגאַנגען פון הרב י. ל. מיימוני, דעם מיניסטער פאַר רעליגיעס אין דער ייִדישער מדינה, מיט דער איבערצייגונג, אַז די אַלטע ייִדישע אמונה וועט נאָך אין ישראל פאַרשאַפן אַ סך „טראָבל", ווי מען זאָגט אין נאָרד־אַמעריקע און מסתמא אויך בייז בלוט. איך בין אָבער אויך אַוועק מיט אַ געוויסער באַרויִקטקייט, ווייל איך האָב זיך איבערצייגט, אַז די פרומע ייִדן אַליין וועלן שטענדיק אויך זיין געשפּאָלטן צווישן זיך אין פאַרשידענע ריכטונגען און זיי וועלן קיינמאָל נישט גיין אינגאַנצן געאייניקט און דערפאַר וועט אַלץ זיין געבויט נישט אויף שטרענגקייט, נאָר אויף הסכם. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז הרב פיש־

מאַן געהער צו די טאָלעראַנטסטע צווישן די פרומע ייִדן און ער האַלט נישט, אַז „יקוב הדין את ההר" (דער דין זאָל לעכערן דעם באַרג). און אַזעלכע פרומע ייִדן זיינען פאַראַן אַ סך אין לאַנד.

דער פרומער מיניסטער האָט מיך באַגלייט און זיך וואַרעם געזעגנט מיט מיר און ער האָט מיר צום סאַמע סוף געזאָגט, אַז די אייניקייט פון „תורה" און „ארץ" וועט דאָ נאָך אם ירצה השם באַווייזן וואונדער.

פּ. ס. — הרב י. ל. מיימון איז שוין אַ מאַן פון אַריבער שמונים עד מאה ועשרים און ער איז שוין מער נישט מיניסטער, אָבער דער שמועס מיט אים האָט די פרישקייט נישט פאַרלוירן.

אליעזר קאַפּלאַן דערקלערט די פינאַנצן און דערזאָגט נישט

דער שם פון אליעזר קאַפּלאַן, דעם פינאַנץ־מיניסטער פון ישראל, איז: אַ מוראדיק־ערנסטער, אָן אַ חוש פאַר הומאָר און אינטימיטעט. איך האָב דעם דאָזיקן איינדרוק נישט געהאַט בעת מיין האַלב־שעהדיקן שמועס מיט אים אין אַ באַזונדערן צימער פון כנסת. דער פעסטער, הויכער מאַן אין די לעצטע פופציקער, מיט דעם ברוינעם פנים, הויכן שטערן און טיפער ליסענע האָט אויף מיר געקוקט ערנסט און אַפילו שטרענג, אָבער נישט בייז. די באַשטעלונג פאַר מיר איז געווען אויף פינף, צוגעקומען בין איך צו אים מיט 20 מינוט פריער, האָט ער מיר געקוקט אין די אויגן אריין און געזאָגט:

— איז דאָך נאָך נישט פינף.

קיין שמייכל האָט ער דערביי נישט געגעבן. ער האָט מיר, אַפנים, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז חשבון איז אַן ערנסטער ענין און אַז ציפערן רופן נישט אַרויס קיין שמייכל. און ער איז אַוועק מיט דער מאַטעמאַטישער פראַזע אויף די ליפן. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט שוין איצטער פאַרשווינדן און איך וועל אים דאַרפן ווידער אַמאָל זוכן אין די לאַבירינטן פון קריה און כנסת און איך וועל ווידער דאַרפן זוכן פּראָטעקציע. און איך האָב טאַקע געזען, ווי מען איז אים באַפאַלן פון אַלע זייטן. אָבער — צו דער ריכטיקער צייט האָט ער זיך פּרעזענטירט און ער האָט געפונען אַ פּאַסיקן פּלאַץ און איך האָב אין אָט־אָ־דער פּינקטלעכקייט דערפילט דעם פינאַנציסט. וועלן אַנדערע זיך פונאַנדערקלייבן אין דער גרויסקייט פון קאַפּלאַנען דעם פינאַנציסט, איך האָב ביי דער סאַמע ערשטער באַגעגעניש דערפילט זיין אָרגאַניזירטקייט און פּינקטלעכקייט.

די ערשטע העפלעכקייט־ווערטער האָבן מיר געביטן אין העברעיש, דעם שמועס האָבן מיר געפירט אין יידיש. גערעדט האָט ער אַ ליטווישן יידיש, אַ קלאָרן און אַ לויטערן, אַ יידיש פון איינעם, וואָס קען לכל הפחות זייער גוט די שפּראַך פון אונדזער פיינער פּובליציסטיק. ביי די מערסטע, וואָס האָבן געקראָגן דערציונג אין דייטשלאַנד און זיינען דאָרט

רייף געוואָרן, פילט זיך די השפעה פון דייטש. קאַפּלאַן איז אין זיין דיס־ציפּלין נישט פריי פון דייטשער השפעה. אין דער שפּראַך אָבער איז ער דורכויס פריי פון אַט דער השפעה.

איך האָב דעם פינאַנץ־מיניסטער היפּשלעך באַטראַכט. איידער איך האָב אים געשטעלט פראַגן. איך האָב זיך אַזש אַביסל דערפילט פריקרע, גלייך איך וואָלט באַטראַכט אַ קרבן. איך האָב באַמערקט אַ מידקייט אין זיינע אויגן. אַ יידישע מידקייט. אַזאַ מידקייט ווייזן אַרויס יידן, וואָס זאָרגן וועגן פּרנסה. און יענע זאָרגן דאָך נאָר וועגן דער אייגענער פּרנסה, בעת אליעזר קאַפּלאַן טראָגט אויף זיך דעם עול פון פּרנסה פון אַ גאַנץ לאַנד. און עס איז דאָך קיין סוד נישט, אַז לעצטנס האָט ער באַזונדערע שוועריקייטן. די „צנע", וואָס מען האָט איינגעפירט אין לאַנד (אין ענג־לאַנד הייסט אַזאַ רעזשים אויסטעריטי) איז געוואָרן אַ באַזונ־דערע שוועריקייט פאַר דעם פינאַנץ־מיניסטעריום. צוליב דעם, וואָס מען פאַרקלענערט דאָס קאָנסומירן, פאַרקלענערט מען אויך די שטייערן און מען דאַרף דווקא פאַרגרעסערן און בפירוש אויף אַנדערהאַלבן מאָל אַזוי פיל. דעם כעלמער רב וויל מען אָפּזאָגן און ער מאָנט אַ הוספה. דער פי־נאַנץ־מיניסטער מוז פאַרגרעסערן די שטייערן, רעדוצירט מען אים די קאָנסומאַציע פון שפּייז און קליידער.

איך וויל ביים פינאַנץ־מיניסטער זיך דערוויסן דעם חשבון פון לאַנד, אָבער נישט אויף אַלץ ענטפערט ער. ווען עס האַנדלט זיך וועגן זאַכן, וואָס דאַרפן געשען, גיט ער אַ זאָג: „איך בין נישט קיין נביא". אָבער ער שווייגט אויך, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קעגנוואַרט. איך שטעל אים די ערשטע פראַגע:

— ווי גרויס איז דער מלוכה־ביודזשעט?

— איך וועל אייך ענטפערן מיט אַ שווייגן.

— ווען מען מיר שוין זאָגן אין דער אָפּאָזיציע.

אַ שמייכל פון זיין זייט.

— וויפל פּראָצענט — פרעג איך אים — פעלן צו קענען דעקן די הוצאות פון מלוכה־אַפּאַראַט, מילחמה און עולים?

— וויפל פּראָצענט וועל איך אייך נישט זאָגן. איך וועל אייך אָבער זאָגן, אַז פאַר דעם ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט האָבן מיר גענוג פון אונדזערע שטייערן; מיר האָבן אונדזערע שטייערן פאַרגרעסערט.

— און עפעקטיוו געמאַכט?

— און עפעקטיוו געמאַכט.

— טראָץ דער „צנע״?

— טראָץ דער „צנע״. פאַר דער מילחמה, וואָס מיר האָלטן אויס, כאָטש ס׳איז כלומרשט פרידן, פעלט אונדז אויס אַ טייל און פאַר די עולים פעלט אויס אינגאַנצן.

דער דאָזיקער ענטפער מאַכט מיר קלאָר די סיטואַציע. די איינגעזעסענע יידן אין ארץ־ישראל דאַרפן פאַר זיך גאָרנישט. זיי דאַרפן נאָר פאַר דער עליה. די מילחמה פירן זיי אויך נאָר צוליב דער עליה, און דאָס דאָזיקע מאַכט מיר קלאָר, אַז קאַמפּיינען וועט מען דאַרפן פירן פאַר ישראל נאָך אַ פּאָר יאָר נאָר, דערנאָך וועט דער ישוב ווערן אַ „חי נושא את עצמו״.

— צום נייטיקסטן דאַרף מען היינט אין לאַנד?

— הייזער.

— וועלכע סיסטעמען?

— מען וועט עס שוין אויסגעפינען. מען וועט עס אויספּרוּוון. אַט פּרוּווט מען „טריילאָר״־הייזער, שטיבער, וואָס זיינען אויף רעדער און מען קען זיי אַוועקפירן. היינט קען מען מאַכן אַ גאַנץ שטעטל אויף רעדער נעבן אַ קיבוץ און מאָרגן עס אַוועקפירן. מיין פאַך איז נישט דער סיסטעם, נאָר די פינאַנצן.

— אָבער — באַמערק איך אים — יידן באַקלאָגן זיך, אַז די רעגירונג גיט נישט קיין מעגלעכקייט צו פאַרדינעןביים בויען.

— זי גיט נישט קיין מעגלעכקייט — ענטפערט ער — צופיל צו פאַרדינען. קיין לאַנד אויף אַ ספּעקולאַציע־רעזשים וועלן מיר נישט אויסבויען. אוודאי איז שווער צו פאַרדינען. די אַרבעט איז טייער, דער בוי־מאַטעריאַל איז טייער. אָבער מיר מאַכן פאַרלייכטערונגען. אַט זיינען צוויי הויפּט־פאַרלייכטערונגען: א) מיר באַפרייען די נייע הייזער אויף אַ משך פון 5 יאָר פון אַ סך שטייערן און ב) מיר באַפרייען די אימפּאָרטירטע בוי־מאַטעריאַלן פון שטייערן. אַ נאָרד־אַמעריקאַנער גרופּע קאַפּיטאַליסטן נעמט זיך אונטער צו פאַרביליקן דעם בוי־סיסטעם צוליב מעכאַניזאַציע און סטאַנדאַריזאַציע. און עס קען זיין, אַז עס וועט געשען אַ גאַנצע רעוואָלוציע אויף דעם געביט פון בויען הייזער אין ישראל.

— אָבער וואָס איז מיט יידן, וואָס זיינען גרייט צו אינוועסטירן זייער קאַפּיטאַל אין לאַנד אומבאַשטימט?

— זיי קריגן דיווידענדן.

— און קענען זיי אַרויספירן?

— זיי קענען ביז 10 פּראָצענט פון די דיווידענדן אַרויספירן יער־לעך פון לאַנד אין וואַליוטע, אָבער זיי וועלן נאָך 15 יאָר מעגן אַרויס־פירן דעם גאַנצן קאַפּיטאַל. צוויי מאָל אַרויספירן קען איך נישט דער־לויבן...

— און פאַרוואָס קלאָגן זיך קאַפּיטאַליסטן, אַז מען צווינגט אויף זיי אַרויף די „הסתדרות" אַלס שותף?

— וועגן אַרויפצווינגען איז נאָך אַ פראַגע, אָבער וואָס איז עס פאַר אַן אומגליק צו האָבן אַרבעטער אַלס שותפים צו גרויסע אונטערנעמונגען? מען מיידט דאָך דורך דעם אויס קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. מיר בויען דאָס לאַנד אַביסל אַנדערש. עפּעס האָבן מיר געלערנט...

און צום צווייטן מאָל האָט מיר קאַפּלאַן באַטאָנט, אַז מען בויט דאָס לאַנד נישט פאַר ספּעקולאַציע און נישט פאַר קיין ספּעקולאַנטן. מען וויל ביי קיינעם נישט צונעמען דעם קאַפּיטאַל, מען פאַרזיכערט דאָס פּריוואַט אייגנטום, אָבער די אַפּעטיטן דאַרפן זיין געצוימט. איך פרעג אים:

— פאַרוואָס הערשט דאָ אַזאַ הויכע וואַליוטע?

— וואָס הייסט אַ הויכע וואַליוטע? פינאַנציעל איז נישטאָ קיין הויכע און קיין נידעריקערע וואַליוטע. דער דאָלער איז אייגנטלעך אַ הע־כערע וואַליוטע ווי דער פונט.

— אָבער דאָס לעבן איז דאָך טייער.

— יאָ, זייער טייער, אָבער נישט צוליב דער וואַליוטע. ווען דאָ וואָלט געהערשט דער דאָלער־סיסטעם, וואָלט מען פאַר אַלץ געדאַרפט צאָלן אַ סך דאָלאַרן.

— ווען וועט ביליקער ווערן?

— איך בין פון דער נאַטור נישט פון די נביאים און איך האָב נישט ליב קיין פאַרויסזאָגונגען, אָבער עס גייט דערצו.

— וועט דאָס לאַנד קענען אַריינברענגען גלייכגעוויכט דורך עקס־פּאָרט?

— געוויס. מיר וועלן עקספּאָרטירן אָראַנזשן, ווייַן, די פּראָדוקטן פון ים המלח. באַזונדער פּאָטאַש. און ביי אונדז וואַקסט אַ גרויסע כעמישע אינדוסטריע. מיר וועלן מיט דער כעמישער אינדוסטריע גיך זיין אויף דעם מאַרק.

— און וואָס דענקט איר וועגן האַנדלס־מעגלעכקייטן מיט אַרגענ־טינע?

— מיר טוען פאַר דעם דאָס בעסטע. מיר שיקן אַ האַנדלס־פאַר־שטייער. מיר ווילן פריינטשאַפט מיט אַרגענטינע און מיר דאַרפן פלייש פון דאָרט. האָפנטלעך וועלן מיר אויך עפּעס האָבן פאַר אַרגענטינע.

— אָבער די אַרגענטינער פּעזאָ האָט דאָ אַ סך אַ קלענערע קויף־ווערט ווי עס איז איר רעאַלער ווערט.

— דאָס איז — דערקלערט מיר דער מיניסטער — צוליב אַ קאַמף צווישן נאָרד־אַמעריקע און אַרגענטינע. מיר קענען זיך דאָ גאָרנישט אַריינמישן.

— און רעכענען טייערער די פּעזאָ?

— קענען מיר אויך נישט. מיר האָבן דאָך נישט פון וואַנען צו דער־לייגן. און קיין וואַליוטע האָבן מיר דאָך אוודאי נישט. מיר קענען דאָך נישט גיבן פאַר דער פּעזאָ מער וויפל מיר קענען קריגן פאַר איר.

די סיטואַציע ווערט מיר גאַנץ קלאָר. די שוועריקייטן פון די פי־נאַנצן שטאַמען פון דער פּערמאַנענטער עליה און פון דעם מוזן שטיין מיליטעריש אויף דער וואַך. ווען די עליה פון די דאָזיקע, וואָס האָבן גאָר־נישט, וועט אויפהערן, וועט אויפהערן די נויט און קיין קאָמפּיינען וועט מען נישט דאַרפן האָבן. אינוועסטירן קאַפּיטאַל וועלן יידן דאַרפן נאָך אַ לאַנגע צייט און זיי וועלן באַקומען מעגלעכקייט צו פאַרדינען, אָבער נישט צו ספּעקולירן. דאָס שותפות מאַכן מיט די אַרבעטער איז נישט קיין גע־צוווּנגענע זאַך, אָבער אַ רעקאָמענדירטע און עס וועט קלענער מאַכן די קאָנפליקטן צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. וואָס שייך אַרגענטינער יידן, קענען זיי דאָך אינוועסטירן קאַפּיטאַלן, כאָטש די פּעזאָ איז געפאַלן אין איר ווערט אויף דעם מאַרק. און עס האָבן שוין אייניקע אַרגענטינער יידן אַריינגעלייגט קאַפּיטאַלן און עס טוט זיי נישט באַנג. די דאָזיקע, וואָס ווילן צופיל פאַרדינען, וועלן אויסקלייבן צווישן זייערע יידישע געפילן און זייער געלט־גייציקייט.

— האָט איר עפּעס צו זאָגן די אַרגענטינער יידן?

דער פינאַנץ־מיניסטער האָט מיר וואַרעם אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און ער האָט געציילט ווערטער:

— מיר האָבן גענומען אויף זיך אַן אויפגאַבע, וואָס קיין שום פאָלק און קיין שום מדינה האָט נישט גענומען. מיר האָבן גענומען בויען אַ רע־

גירונג אויף די חורבות פון אַן אַלטן רעזשים און דערצו בעת אַ קריג. און די קריגס־באַדינגונגען זיינען ביז היינט נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן. מען דאַרף אויסהאַלטן אַ פולע אַרמיי, אַלציינס ווי קריגס־צייט. ווען ענגלאַנד האָט געפירט דעם צווייטן וועלט־קריג, האָט זי באַקומען פון די אַליאירטע 50 פּראָצענט פון די מילחמה־הוצאות. די גרויסע ענגלישע אימפּעריע. מיר האָבן ביז איצטער באַקומען 30 פּראָצענט פון די קריגס־הוצאות. מיר, די דאָזיקע, וואָס האָבן געבויט אויף חורבות. דערצו האָבן מיר פאַרגרע־סערט די באַפעלקערונג אויף 35 פּראָצענט אין משך פון איין יאָר. וויפל איינוווינער האָט אַרגענטינע?

— לערך 16 מיליאָן.

— שטעלט זשע אייך פאָר, אַז ס׳זיינען איצטער אַריינגעקומען קיין אַרגענטינע פינף מיליאָן איינוווינער. ניינציק פּראָצענט פון סערוויס אין די שפּיטאָלן גייט פאַר די עולים, און מיר בעטן נישט ביי די אַרגענטינער ייִדן, אַז זיי זאָלן העלפן דער רעגירונג, מיר פאָדערן אָבער ביי זיי, אַז זיי זאָלן העלפן די נייע אָנגעקומענע ייִדן, וואָס זיינען דאָך אויסער אַלע־מען אויך זייערע אייגענע.

— אוודאי אייגענע. אַלע אַרגענטינער ייִדן האָבן דאָ ברידער, שוועס־טער, עלטערן, קינדער.

— דאָס איז דער חוב פון אַלע ייִדן. טיילווייז העלפן אויסהאַלטן די מילחמה און טיילווייז די עליה. און פּערזענלעך וואָלט איך געזאָגט אַלע ייִדן, אַז אונדזער עקזיסטענץ דאָ איז אַן עקזיסטענץ־פראַגע פאַר אַלע ייִדן פון דער גאַנצער וועלט. איך האָב דאָס דאָזיקע אַמאָל געזאָגט צו אַ סך דייטשע ייִדן און צו ייִדן אין דייטשלאַנד, האָבן זיי מיך אַזוי דערשטוינט אָנגעקוקט. איך וואָלט געזאָגט ייִדן דאַרפן נישט זיין קיין נאַראָנים, האָב איך מורא, אַז עמיצער זאָל זיך נישט פילן באַליידיקט. איך ווייס אַפילו נישט, צו זאָגן, אַז ייִדן דאַרפן האָבן שכל וועט נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ טאַקטלאָזיקייט.

— איר מעגט זאָגן ווי איר פאַרשטייט. איך וועל איבערגעבן אייער געדאַנק און איך וועל אייך נישט צעקריגן מיט די ייִדן. איך פּערזענלעך וואָלט געזאָגט: „ייִדן דאַרפן נישט זיין קיין טיפּשים און קיין אידיאָטן“.

— אַ זשורנאַליסט מעג ריידן ווי ער פיל, אַ מיניסטער מוז ריידן פאָרזיכטיק. איך וויל אָבער זאָגן די אַרגענטינער ייִדן, אַז זיי זאָלן פאַר־זיכערן זייערע קאַפּיטאַלן אין ארץ־ישראל. האָט מען אויף מיר געקוקט ווי

אויף איינעם, וואָס דאַרף קיין נאַר נישט זיין. הײַנט דאַרף מען שוין נישט האָבן קיין צופיל מוט אַזוי צו ריידן. הײַנט זיינען דאָס שוין נישט קיין רייד פון איינעם, וואָס מען קוקט אויף אים מיט חשד.

און דער פינאַנץ־מיניסטער פון ישראל, אליעזר קאַפּלאַן, האָט זיך מיט מיר וואַרעם געזעגנט און ער האָט מיר אַפילו געגעבן אַ קלאַפּ אין פּלייצע און איך האָב געפילט, אַז אַרגענטינער ייִדן דאַרפן דעם קלאַפּ אין פּלייצע פאַרדינען.

פּ. ס. — אַ קורץ שטיקל צייט נאָך דעם, וואָס אָט דער שמועס איז דערשינען, איז קאַפּלאַן שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע...

גאָלדע מאירסאָן רעדט וועגן בויען

וואַרשיינלעך איז זי איינע פון די גאָר געציילטע פרויען־מיניסטערס אין דער וועלט. וואַרשיינלעך וועט זי אין נאָענטן אָריענט אויף גאָר לאַנג בלייבן די איינציקע פרוי אין אַזאַ הויכן אַמט.

— אפשר וועט קומען אַ גרויסער שטורעם איבער דעם נאָענטן אָריענט, פרעגט איר.

— עס איז דערווייל נישטאָ ווער עס זאָל אים מאַכן. ווי פלעגט מען זאָגן אויף באַרדיטשעווו: „ס'איז אַזאַ שטאָט, אַז ווען מען וויל שוין אויס־בייטן אַ פינפערל, איז נישטאָ דאָס פינפערל." ווען עס וואָלט שוין היינט געווען אַן איבערקערעניש אין נאָענטן אָריענט און מען וואָלט אין אַלע לענדער פון גאָטס נביא מחמד געגעבן גלייכבאַרעכטיקונג, וואָלטן זיי דאָס נישט גענומען און ס'וואָלטן נישט געווען קיין פרויען, וואָס וואָלטן גע־קענט פאַרנעמען אויך אפשר קלענערס ווי אַ מיניסטער־אַמט. עס וואָלטן אַוועקגעגאַנגען יאָרן, ביז וואַנען די פרוי וואָלט זיך דאָרט אַביסל אַנט־וויקלט.

פאַראַן „פרומע יידן אין ישראל, וואָס קוקן קרום אויף דעם, וואָס פרויען באַטייליקן זיך אַזוי אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן, אָבער עס העלפט זיי נישט. עס איז אַזאַ נאַטירלעכער לעבנס־שטראָם, אַז מ'קען זיך אים נישט אַנטקעגנשטעלן. בן־גוריון וויל איינ־פירן גלייכן מיליטער־פליכט פאַר פרויען ווי פאַר מענער און די „מזרחים" מיט די אגודת ישראלניקעס שטעלן זיך קעגן און עס וועט זיי נישט העלפן.

גאָלדע מאירסאָן איז די פּאָפּולערסטע פרוי אין ישראל. וואַרשיינ־לעך קאָנקורירט מיט איר אין פּאָפּולאַריטעט איין פרוי, אָבער נישט קיין פּאָליטיקערן, נאָר אַ שוישפּילערן. דאָס איז חנה ראָווינאַ, די ערשטע שוי־שפּילערן פון דער „הבימה". אָבער אין די לעצטע פיר יאָר ווען אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט קונסט און קולטור איז אין ישראל אַוועק אויף דעם צווייטן פּלאַן און דאָס ערשטע פּלאַץ האָט פאַרנומען די פּאָליטיק און דער קאַמף, איז גאָלדע מאירסאָן געבליבן די פּאָפּולערסטע. וואַרשיינלעך זיי־נען צווישן מענער אויך נישט פאַראַן קיין סך מער פּאָפּולערע פון איר.

די פּאָפּולערע זיינען בן־גוריון און שרת־שערטאָק און איך האָב מורא, אַז מער נישט.

איך האָב געפּרווווט פרעגן זייער אַ סך מענטשן אין ישוב:

— אין וואָס באַשטייט דער כוח פון גאָלדע מאירסאָן?

און די ענטפערס האָבן כמעט אַלע געהאַט איין נוסח:

— זי פאַרמאָגט אויפריכטיקייט, איבערצייגונגס־קראַפט, פּשוטקייט, ענערגיע און ווילן. זי ווייסט שטענדיק, וואָס זי וויל איצטער און זי ווייסט שטענדיק, וואָס דאָס לאַנד דאַרף.

פון אייגענער צוקוקונג האָב איך באַמערקט, אַז זי פאַרמאָגט אַ זעל־טענע פלעקסיביליטעט. זי איז אַ געבוירענע אין רוסלאַנד, אַ דערצויגענע אין נאָרד־אַמעריקע און שטייט שוין אַ פערטל יאָרהונדערט אויף דער וואַך אין ארץ־ישראל. צווישן רוסישע און מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן בכלל איז זי אַן אייגענע, צווישן אַמעריקאַנער איז זי אַן אַמעריקאַנערן און אין ארץ־ישראל איז זי אַוודאי אַן אייגענע. זי זעט אויס אַפילו ווי אַן אָריענטאַ־לישע. זי איז מיטן אויסזען אַ ספרדיש־ייִדישע פרוי, אויב נישט אַ תימנערן. אַמאָל דוכט זיך דיר, אַז זי וואָלט אפשר געדאַרפט אויסזען אַביסל אַנ־דערש. און זי וואָלט געקענט אויסזען אַנדערש, ווען זי גיט זיך אַביסל מער אָפּ. זי וואָלט וואַרשיינלעך געקענט זיין אַביסל וויניקער באַלייבט און די אָנווענדונג פון אַ מינימום קאָסמעטיק וואָלט איר צוגעגעבן אַ מאָ־דערנערן אויסזען. וויל זי וואַרשיינלעך דווקא אויסזען נאַטירלעך און זי וויל, אַז די נאַטור זאָל נישט איבערגעאַנדערשט ווערן און זי האָט סיי ווי איר פרויען־חן. זי צינדט זיך אָן אַמאָל אויך אַלס פרוי און קריגט איר שעמעוודיקן רייץ. איך האָב איר אַמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז זי האַלט זיך גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ ווייבל פון צוואַנציק יאָר, האָט זי מיר גע־זאָגט:

— נו, אדרבא, טעלעגראַפירט קיין אַרגענטינע, אַז גאָלדע מאירסאָן איז אַלט צוואַנציק יאָר.

עס איז אַ מערקווירדיקע זאַך, ווי מיט גאָלדע מאַירסאָן רעדט מען צום ווינציקסטן וועגן פרויען־רעכט. זי איז אַ מנהיג אין לאַנד, אָבער נישט ספּעציעל קיין פרויען־מנהיג. עס זיינען פאַראַן פרויען־פּראָבלעמען אין לאַנד, אָבער מיט זיי גיבן זיך אָפּ אַנדערע פרויען אפשר נאָך מער מענער.

— אַז אַ פּאָר־פּאָלק צעגייט זיך אין אַ קיבוץ, קומט אים דערנאָך אָן גרינגער דאָס לעבן, ווי איר.

— מסתמא. ס׳איז טאַקע זיכער אַזוי! אָבער דאָס לעבן וועט דאָס איבערמאַכן. דאָס לעבן אַליין לייזט דאָ פּראָבלעמען, ווי די זון און די לופט אַליין היילן געוויסע קראַנקייטן.

אייניקע רופן גאָלדע מאירסאָן די „זשאַנאַ ד׳אַרק" פון ישוב. אָבער קיינער וועט נישט דערציילן וועגן אַ באַזונדער מאָמענט, ווען גאָלדע האָט אַ פיר־געטאָן די מאַסן מיט זיך. זי איז שטענדיק געווען פון די פירערס אָבער צום מערסטן איז זי דאָס געווען אין קאַבינעט און אין זאַל, אָבער נישט אין גאַס. זי איז באַלד געוואָרן אַן אויבנאָן־מענטש. געקומען פון ב.־אַמעריקע אַ באַשיידענע פּועלי־ציון־טוערן, אַ געוועזענע לערערן און גע־געבן אַ וואַקס אויס. און מער ווי פריער האָט זי אויסגעוואַקסן, ווען זי האָט געדאַרפט פאַרהאַנדלען מיט די ענגלישע מאַכטהאָבער, ווען שערטאָק, אָדער בן־גוריון אַליין האָבן דאָס נישט געקענט טאָן. די ענגלישע מאַכטהאָבער זיינען געפּלעפט געוואָרן פון דער חכמה, טאַקט און נאַטירלעכער האַלטונג פון דער ייִדישער פירערן. אייניקע זאָגן, אַז זיי האָבן אין איר געזען אַ קומענדיקע ייִדישע קעניגן און זיי האָבן אַ שוואַכקייט צו פרויען־קעניגנס. זיכער איז, אַז גאָלדע מאירסאָן האָט בריהש דורכגעפירט אירע דיפּלאָמאַ־טישע מיסיעס אויך ווייל זי איז אַ פרוי. עס וואָלט געווען אַן איבעריקע פילאָזאָפיע דאָס גריבלען זיך, צי ווען זי וואָלט געווען אַ מאַן און זי וואָלט געהאַנדלט פונקט אַזוי ווי זי האָט געהאַנדלט, וואָלט זי געהאַט דעם זעל־ביקן דערפאָלג. זיכער איז, אַז דאָס ווייבערישע אין איר, איז נישט גע־בליבן אָן ווירקונג. מען האָט אין די שבנותדיקע לענדער פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן דער „געפערלעכקייט" פון די ייִדישע פּאָליטיקער און מען האָט דערציילט זייער אַ סך לעגענדעס וועגן דער ייִדישער פרוי, וואָס איז אַ נביא׳טע.

גאָלדע מאירסאָן איז געווען די ערשטע ישראל־אַמבאַסאַדאָרשע אין מאָסקווע. און אויך אַרום דעם האָבן זיך געשאַפן לעגענדעס. זי האָט גע־האָלפן מיטאַמאָל אויפוועקן די ישראל־געפילן ביי די סאָוועטישע ייִדן. די ישראל־מדינה אַליין האָט דאָס געטאָן, אָבער דער פאַקט, וואָס ס׳איז גע־קומען אַ פרוי אַ מיניסטער, האָט איבערגעפילט די מאָס. ייִדן האָבן איר אין מאָסקווע געקושט דעם זוים. זי שווייגט טאַקטיש וועגן דעם, אַנדערע דערציילן, אָבער אַמאָל כאַפּט זי זיך אַרויס מיט אַזאַ וואָרט ווי: „וואַסאַראַ

פאַרבענקטע און פאַרגלויבטע ייִדן ס׳זיינען נאָך פאַראַן אין ראַטנפאַר־באַנד״.

היינט איז גאָלדע מאירסאָן מיניסטער פאַר אַרבעט אין ישראל, אָבער זי פאָרט אַלע מאָל אַוועק אין אַן אַנדער דיפּלאָמאַטישער מיסיע. אייניקע האַלטן, אַז זי פאָרט שוין צו־אַפּט און דאָס דאַזיקע מוז ווירקן אויף דעם גאַנג פון איר מיניסטעריום. איז וואָס זאָל מען טאָן, אַז קיינער קען נישט אויסלאַנד און אַזוי אויסגלייכן אַ סיכסוך און אַזוי אויפהייבן אַ שטימונג פאַר אַ קאַמפּיין ווי זי? מען זאָגט, אַז זי ווירקט אויך מיט איר באַשיידנ־קייט. זי פירט זיך לחלוטין נישט אויף מיניסטער־מעסיק. מען גיט אַ מורמל, אַז ישראל־פאָרשטייער לעבן צופיל אין לוקסוס. (וואָרשיינלעך איז מען נישט תמיד גערעכט). וועגן גאָלדען קען מען דאָס נישט זאָגן. און גאָלדע האָט די גרויסע מעלה, וואָס זי איז אַ גאַנצערע, אַ נישט איינזייטיקע ייִדישקע. זי האַלט נישט ווי בן־גוריון, אַז מען דאַרף גייסטיק אַלץ האָבן פון ס׳ניי. זי האַלט נישט פון אַריבערשפּרינגען איבער דורות, זי האַלט פון המשך. זי ווייזט אָפן אַרויס איר ליבע צו ייִדיש און צו דער ייִדישער ליטעראַטור, כאָטש בכלל איז זי אַ בן־גוריוניסטקע.

עס איז נישט גרינג צו „פּאַקן״ גאָלדען. זי איז ווי אַ ווינטשפּינגערל. אָט איז זי דאָ און אָט איז זי נישטאָ. קומסט צו צום „משרד לעבודה״ — אַרבעט־מיניסטעריום — באַקוקסט די דריי פיינע שטיינערנע געביידעס, וואָס דאָס מיניסטעריום פאַרמאָגט, באַקענסט זיך דאָ און דאָרט מיט אַ סעקרעטאַר, אַ סעקרעטאַרשע, האָסט דעם איינדרוק, אַז עס זיינען דאָ פאַראַן ווייניקער סעקרעטאַרשעס ווי אין אַן אַנדער מיניסטעריום. וואָר־שיינלעך האָט גאָלדע, ווי יעדע פרוי, מער צוטרוי צו דער מענערישער אַרבעט, ווי צו דער פרויען־אַרבעט, כאָטש עס איז דאָך זיכער ,אַז עס זיינען פאַראַן אַרבעטן, וואָס מענער וועלן זיי קיינמאָל נישט מאַכן אַזוי גוט ווי פרויען. געוויס גיט זיך גאָלדע אַפילו נישט קיין חשבון וועגן דעם, אַז עס אַרבעטן ביי איר אין מיניסטעריום מער מענער ווי פרויען. און דו גייסט אַריין אין דעם מיטלסטן הויז אויף „רחוב ד׳ ״, באַקוקסט די צי־מערן אין אונטערשטן שטאָק. ווייסע ווענט אָן בילדער. אין אַנדערע מי־ניסטעריומס איז שוין דאָ און דאָרט פאַראַן אַ בילדל, אַ פּייזאַזשל. דאָ נישט. חוץ הערצלס בילד האָב איך אין דעם גאַנצן אַרבעט־מיניסטעריום נישט געזען קיין איין בילד. און גאָלדע האָט דיר כמעט צוגעזאָגט צו זיין אין יענער און יענער צייט. און אַ סעקרעטאַר איז זיכער, אַז זי איז דאָ

אין איר צימער. און זי איז נישטאָ. זי איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אָט ערשט געווען.

— און וווּהין איז זי אַוועקגעגאַנגען?

— אינני יודע... קיינער ווייסט נישט.

און איך האָב זי אומצייליקע מאָל אַזוי געטראָפֿן אין כנסת און ביי דעם קאָנגרעס פֿון דער הסתדרות, און שטענדיק אַזוי איז זי אָט געווען און אָט איז זי פֿאַרשוווּנדן. אָט האָב איך אָנגעהויבן אַ שמועס און אָט איז זי שוין נישט געווען. צייטונגען האָבן אַ פּאָר מאָל געשריבן, אַז מען וואָלט געדאַרפֿט נישט לאָזן דעם אַרבעט־מיניסטער אַזוי פֿיל אַרומפֿאָרן און אויב זי מוז אַרומפֿאָרן, זאָל אַן אַנדערער פֿאַרנעמען איר פּלאַץ און זי זאָל זיין דער אַרומפֿאָרנדיקער ייִדישער מיניסטער אין אויסלאַנד. און וואַרשיינלעך וואָלט מען אַפֿילו אין אַזאַ פֿאַל געדאַרפֿט אַביסל צוקאָווען גאָלדען צום פּלאַץ, בכדי צו קענען אַמאָל האָבן מיט איר אַ שמועס.

און ענדלעך האָב איך זי געכאַפּט אויף אַן אָנהייב שמועס אין קרית מאיר, ווען מען האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פֿון „ליעסין־הויז“ און איך האָב פֿאַרענדיקט דעם שמועס ביים צוזאַמענפֿאָר פֿון דער הסתדרות. וועגן אַ סך זאַכן האָט זי נישט געוואָלט ענטפֿערן. זי האָט געזאָגט, אַז וועגן איר טעטיקייט אין מאָסקווע האָט זי שוין דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט צו דערציילן.

— און אויב זי האָט עפּעס נאָך נישט דערציילט?

— וועל איך עס איצטער אויך נישט דערציילן.

און איך האָב איר געענטפֿערט פּונקט אַזוי שמייכלענדיק, ווי זי האָט צו מיר גערעדט, אַז זי איז פֿון דער נאַטור דער היפּוך פֿון אַ דיפּלאָמאַט און זי וואָלט געוואָלט ריידן פּשוט און האַרציק, אָבער די דיפּלאָמאַטיע פֿאָדערט עפּעס אַנדערש.

און ווען איך האָב געוואָלט ריידן וועגן ייִדיש אין ארץ־ישראל, האָט זי מיר געזאָגט:

— עס איז נישט נייטיק צו ריידן וועגן דעם. איך האָב ליב ייִדיש און איך זאָג עס אויס, אַנדערע האָבן ליב און זאָגן נישט אויס. איך גלייב גאָרנישט, אַז עס זיינען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן נישט ליב ייִדיש. אפֿשר זיינען פֿאַראַן פֿאַנאַטיקער. די שפּראַך פֿון דער מלוכה און פֿון דער צוקונפֿט איז העברעיִש.

— און ייִדיש וואָס פֿאַר אַ פּלאַץ וועט פֿאַרנעמען?

— דער גאַנג פון לעבן וועט עס שוין ווייזן. היינט איז דען דאָ ייִדיש נישט לעבעדיקער ווי אין אַמעריקע?

— אָבער...

— דערווייל איז גענוג וועגן דעם. איך בין דאָך אַרבעטס־מיניסטער. איך קען דיר דערציילן וועגן אַרבעט. דאָס לאַנד דאַרף אַרבעט. אַ סך אַר־בעט. העבודה היא חיינו. די אַרבעט איז אונדזער לעבן.

— וואָסערע אַרבעט? — פרעג איך און איך פיל, אַז זי האָט מיך לייכט באַזיגט און אַריבערגעפירט דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע.

— אַלע אַרבעטן. ערד־אַרבעט, פאַבריקן־אַרבעט. מען דאַרף באַזעצן דאָס לאַנד. מען דאַרף עס באַאַרבעטן. אייניקע ריידן וועגן סעלעקציאָנירן עליה, אָפּשטעלן אימיגראַציע. דאָס איז אַבסורד. מען דאַרף ייִדן אַהער, וואָס מער ייִדן. מיר קענען זיך נישט דערלויבן דעם לוקסוס פון לאָזן ערד נישט באַאַרבעט. אַז די ערד וועט נישט זיין באַזעצט, וועט מען זאָגן: גיט זי אַוועק די אַראַבער. מיר דאַרפן באַזעצן, באַאַרבעטן.

— און דירות?

— אַט־אָ־דאָס איז אונדזער פּראָבלעם. און טאַקע דערפאַר דאַרף מען ביי אונדז בויען הייזער. אַ סך הייזער, וואָס מער הייזער. די גאַנצע קליטה, דאָס אַריינלעבן די עולים, איז פאַרבונדן מיט אַרבעט און מיט הייזער. די עולים דאַרפן האָבן ווו צו אַנידערלייגן די קעפּ און ווו צו אַרבעטן.

— וויפל מענטשן אַרבעטן איצטער ביי בוי־אַרבעט?

— אַכט טויזנט.

— איז עס אַ סך צי ווייניק?

— אין אַן אַנדער לאַנד איז עס מסתמא אַ סך, ערגעץ אַנדערש איז געוויס אַ סך, ווען 9 פּראָ־מיל פון דער באַפעלקערונג אַרבעטן ביי בויען הייזער, אין אַזאַ ניי־לאַנד ווי אונדזערס, איז עס ווייניק. ביי אונדז וועלן אינגיכן אַרבעטן צווישן 13 און 15 טויזנט מענטשן ביי בוי־אַרבעט. און ערשט וועט מען ברענגען פאַרטיק געגאָסענע אַרבעט, כאָטש נישט אַלע גיבן זיי די געהעריקע רעזולטאַטן. זיי האָבן די מעלה, וואָס זיי האָבן נישט מורא פאַר קיין שריפה. זיי זיינען געגאָסן פון אַזאַ מעטאַל, וואָס ברענט נישט. און נאָך אַ מעלה האָבן זיי: זיי זיינען נישט פאַרענדיקט. מען בויט זיי אַזוי, אַז די איינוווינער אַליין וועלן זיי קענען פאַרגרעסערן. עס וועלן קומען בעסערע צייטן, וועט מען מאַכן גרעסער די דירות. עס וועלן צו־

קומען קינדער. סיי ווי איז דאָס גאַנצע סיסטעם פון בויען הייזער ביי אונדז — פאַנטאַסטיש. ווען איינער וואָלט נאָר פריער מיט צען יאָר געווען באַשריבן אונדזער היינטיקן הייזער־בוי וואָלט דאָס געווען אַן אוטאָפּיע...

און גאָלדע מאירסאָן רעדט מיט אימפּעט און זי זאָגט מיר, אַז דאָס טוען מוז אין לאַנד געמאַכט ווערן נאָך מיט מער אימפּעט ווי דאָס ריידן. מען מוז אויסזוכן אַזאַ סיסטעם פון בויען, וואָס געדויערט נישט לאַנג. צענדליקער טויזנטער נפשות געפינען זיך אין די לאַגערן. מען מוז זיי אַרויסנעמען פון דאָרט. מען דאַרף האָבן דירות. וואָס מער דירות. מען דאַרף באַזעצן טויזנטער מענטשן נעבן די אַגראַרע ישובים. מען ווייסט נאָך נישט ווי אַזוי זיי וועלן אַרבעטן, אָבער זיי וועלן שוין אַרבעטן. דער עיקר דירות. אין משך פון יוני דאַרפן אויסגעבויט ווערן דירות פאַר צען טויזנט נפשות.

(דער דאָזיקער שמועס איז געפירט געוואָרן אָנהייב יוני, געשריבן און פאַרעפנטלעכט ווערט ער אין יולי און איך האָב געהאַט צייט צו איבערקאָנטראָלירן און זיך איבערצייגן, אַז עס איז געשען: עס זיינען דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן אין יוני חודש דירות פאַר צען טויזנט נפשות).

דאָס איז דער כוח פון ישראל! דאָרט ווערן ווערטער טאַטן. ערגעץ אַנדערש נעמען ייִדן אָן רעוואָלוציעס, אָבער פון „וכך היה אומר" ביז „וכך היה עושה" געדויערט אַזוי פיל.

— וועט דאָס זיין גענוג?

— אָ, ניין. מען דאַרף אויסבויען דערווייל נאָך 15 טויזנט וווינונג־איינהייטן. (אַן איינהייט האָט פּלאַץ פאַר פיר נפשות). — און עס וועלן דאָך קומען נאָך און נאָך טויזנטער און הונדערטער טויזנטער ייִדן. און דירות פאָדערן אַנדערע אַרבעטן. מען דאַרף צו די דירות בויען שאָסייען, וועגן. אַלצדינג איז דאָך ניי. און מען דאַרף איינפירן עלעקטריק, וואַסער. מען וועט דאַרפן איינגיכן נאָך 200 טויזנט אַרבעטס־טעג פאַר שאָסייען און 90 טויזנט אַרבעטס־טעג פאַר עפנטלעכע אַרבעטן. און ווו זיינען שולן? מען דאַרף אויסבויען שולן און קינדער־גערטנער. און שולן דאַרף מען באַלד מאַכן גוטע. דאָ קענען נישט זיין קיין שום פשרות. פאַראַן גענוג פּראָבלעמען אינעווייניק אין די שולן.

איך פּרווו אַרויספירן גאָלדען אויף אַ שמועס וועגן די אינערלעכע ענינים פון די שולן. איך וויל איר דערמאָנען, אַז לערער דערציילן וועגן

דעם, וואָס די קינדער פון די איינגעזעסענע ווילן עפּעס אַנדערש לערנען און די קינדער פון די עולים ווילן עפּעס אַנדערש. די ערשטע ווילן על פּי רוב זייער ווייניק וויסן וועגן גלות און די צווייטע ווילן זיך נישט שיידן מיט זייער טרויער און זיי ווילן וויסן, וואָס ס'איז געשען מיט זייערע עלטערן און פאַרוואָס דאָס איז געשען, אָבער זי זאָגט מיר:

— מיר ריידן וועגן אַרבעט, וועגן בויען. מען וועט דאָ דאַרפן מי־ליאָנען אַרבעטס־טעג. מיליאָנען. מיר ריידן דאָך וועגן נייע 300 טויזנט עולים. עס איז פאַר זיי דערווייל פאַראַן דער גוטער ווילן אונדזערער און די איבערצייגונג, אַז מען דאַרף זיי האָבן. דאָס איז אַלץ. און מען דאַרף דירות און שאַסייען און אַרבעט און שולן פאַר קינדער און שפּייז. אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז דער מיניסטעריום פאַר אַרבעט האָט דאָ די שווערסטע אַרבעט, — אָבער לאָמיך נישט איבערטרייבן: אַלע מיניסטע־ריומס האָבן די שווערסטע אַרבעט. די גאַנצע מדינה האָט די שווערסטע אַרבעט. דאָס ייִדישע פאָלק קען...

— פאַרלייכטערן די אַרבעט?

— דאָס קען מען נישט. גרינגער וועט זי נישט ווערן. פאַרווירקלעכן די אַרבעט קען מען העלפן. מאַכן עס זאָל זיין ליים אויף צו מאַכן ציגל. מיר בויען דאָ פּיתום מיט רעמסס פאַר זיך, פאַר אַלע ייִדן, פאַר דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק, עס איז די צייט פון אַרבעט. — — —

פּ. ס. — גאָלדע מאירסאָן, וואָס הייסט היינט שוין מ א י ר, איז היינט אויסערן־מיניסטער. אין 1949 האָב איך פאַרלאָזט ישראל מיט איר וואָרט: „עס א י ז ד י צ ײ ט פון אַרבעט..."

II

צום אַכטן יאָרטאָג
און אויף דעם נײַנטן יאָר

מ׳האָט זיך געגרייט און ניט געערדט

(הקדמה צו די איינדרוקן פון דער דריטער נסיעה)

...און אַט פלי איך פון ב. איירעס איבער די אַמעריקעס דורך ניו־יאָרק און אייראָפּע צום דריטן מאָל קיין ישראל. עס איז סוף אדר. אין דעם דרומדיקן טייל פון אַמעריקע איז סוף זומער, אין צפונדיקן טייל איז סוף ווינטער. אומעטום, ווו דער עראָפּלאַן לאָזט זיך אַראָפּ, טרעף איך יידן. אין סאַנטיאַגאָ, דער הויפּטשטאָט פון טשילע, אין לימאַ, דער הויפּטשטאָט פון פּערו, אין גוואַיאַקיל, אַ שטאָט אין עקוואַדאָר, אין פּאַנאַמאַ, אין מיאַמי־פלאָרידאַ. און אַלע ריידן וועגן מלחמה. אין ישראל האַלט דאָס ביי אַ מלחמה. די דאָזיקע יידן, וואָס ווייסן, אַז איך בין געווען אין 1948, די גאַנצע צייט פון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, זאָגן מיר קלוימערשט מיט אַ חכמה, אַז ווען איך פאָר, האַלט דאָס ביי קריג. איך פאַרזיכער, אַז ווען איך וואָלט געוווסט, אַז מיט מיין ניט־פאָרן וועל איך אויסמיידן מלחמה, וואָלט איך געבראַכט דעם קרבן און ניט געפאָרן קיין מדינת ישראל, כאָטש דער הויפּט־חלום פון מיין לעבן איז היינט צו טאָג צו פאָרן וואָס אָפטער קיין ישראל און זיין דאָרט וואָס לענגער...

און דאָס יידישע לעבן גופא איז אויך די פלעצער ניט אַזוי איי, איי. שטיקער ווערן דערפון אָפּגעריסן און עס ווערט פון טאָג צו טאָג איינגעשרומפּענער. מען פאַרלירט קינדער דורך געמישטע חתונות, מען פאַרלירט דעם לעבן־שטייגער, מען פאַרלירט דאָס לשון. די יידישע געפילן ווערן ניט קעלטער, אָבער דאָס לעבן גופא ווערט יאָ קעלטער. די אַלטע מעשה דערציילט אַן אורח האָט אַמאָל אין אַ שבת געבעטן ביי דער באַלעבאָסטע אַ גלעזל וואַרעמס, האָט זי אים געענטפערט, אַז דער טשאָלנט איז ניט געראָטן און מער ווי אַ קאַלט גלעזל טיי האָט זי אים ניט צו געבן, האָט דער אורח געענטפערט: „זאָל זיין אַ קאַלט גלעזל טיי, אַבי אַביסל וואַרעמס״.

דאָס לעבן גופא ווערט אין אַ סך לענדער אַ קאַלט גלעזל טיי פאַר אַביסל וואַרעמס. מען פאַרלירט שטיקער לעבן אָן אַ מלחמה און מען רעדט רק וועגן אַ מלחמה אין ישראל...

און ווער זאָגט, אַז אויף די פּלעצער איז קיין מלחמה ניט פאַראַן עס איז פאַראַן אַ מלחמה פון דער אַסימילאַציע, וואָס רייסט שטיקער. אַלץ הייסט אַ מלחמה... דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן אויף די פּלעצער איז געגליכן צו יענעם ייִדן, וואָס דער אָקס האָט אים אָנגעשטויסן מיט די הערנער און געכאַפּט אויף זיך פונקט אום שבת און ער שרייט: „ייִדן, ראַטעוועט מיך, איך פאַר אום שבת". יאָ, מען געפינט זיך ביים אָקס אויף די הערנער און מען פאָרט אום שבת. ניטאָ קיין שבת און קיין יום טוב אין ייִדישן לעבן פון אומעטום. און דאָס דאָזיקע איז דאָס שווידערלעכסטע.

און די גרויסע טרייסט האָב איך געפונען אין דעם, וואָס אין ישראל האָב איך געטראָפן אַזאַ שבת און אַזאַ יום טוב, וואָס שרייען אַריבער מיט ליכטיקייט און פרייד די שווערסטע דאגות פון וואָך. און איך וואָלט זייער געוואָלט אַנטקעגנשטעלן די ניט שבת יום טובדיקייט פון די תפוצות קעגן שבת יום טוב אין ישראל, אָבער צוויי מלאָכות אויף אַמאָל איז ניט די ריכטיקע שליחות. אפשר וועט איך נאָך זוכה זיין אַרויסצוגעבן אַ ספר וועגן דעם ייִדישן לעבן אין די אַמעריקעס, וועלכע איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל אויסגעמאָסטן. אין אָט דעם בוך וועל איך דערציילן בלויז וועגן שבת־יום טוב און וואָך אין מדינת ישראל.

בשעת אַ שריפה אין אַ שטעטל האָבן ייִדן געראַטעוועט וואָס ווער סהאָט זיך געלאָזט. איינער האָט געראַטעוועט אַ ספר תורה, אַ צווייטער אַ ספרים שאַפע, אייניקע האָבן געראַטעוועט קינדער. איינער אַ ייִד, דווקא אַ חלוש, האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט געראַטעוועט פּערל די אַלמנה. האָט מען אים געפרעגט:

— ר' איציק, ווי אַזוי האָט איר דאָס געקאָנט באַווייזן איר זענט אַזאַ שוואַכער און פּערל די אַלמנה איז אַזאַ דיקע און זי וויגט אויף דעם צווייטן שטאָק?

האָט ר' איציק געענטפערט מיט אַ דין קול:

— איך בין געגאַנגען צוויי מאָל...

זאַכן וואָס מקען ניט באַווייזן מיט איין גאַנג, מוז מען מאַכן

אין צוויי. איצטער איז דער גאַנג צו דערציילן, וואָס איך האָב גע־
זען אין ישראל אין פרילינג און זומער התשט״ז.

פליען מיר איבער אַמעריקעס. קומט מען אָן קיין ניו־יאָרק.
רעדט מען מיר דאָרטן אויך וועגן מלחמה. אין ניו־יאָרק ווייסט מען
פּינקטלעך ווען די מלחמה וועט אָנהייבן אין ישראל. קרובים און
קרובות באַדויערן מיין פרוי און מיין זון. און ווען איך זאָג זיי, אַז
מיין פרוי איז שוין אין ישראל און זי וואַרט שוין דאָרט אויף מיר,
באַדויערט מען אונדז שוין ביידע. מען באַדויערט אונדז ביידע, ווען
איך קום אָן און נאָך מערער באַדויערט מען אונדז אין צען טעג
אַרום, ווען איך פלי שוין מיטן טאַקע מיטן עראָפּלאַן פון דער ישראל
געזעלשאַפט „אל על״. ביים געזעגענען „ווייסט״ מען שוין ממש
גענוי, ווען די מלחמה וועט אויסברעכן. איך האָב געדאַרפט אָנקו־
מען קיין לוד איין טאָג פאַר ערב פסח און „מען״ איז געווען זיכער,
אַז ווען איך וועל אַראָפּגיין, וועל איך שוין זען פייער און רויך און
איך וועל שוין הערן שיסן.

און דער עראָפּלאַן הייבט זיך ברוך השם ניט ערגער, ווי אַ
ניט יידישער עראָפּלאַן. אייניקע האָבן אַמאָל אָנגערופן דעם „אל
על״ אירא̇ניש „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן״. יידן קענען פון
זיך חוזק מאַכן ערגער ווי שונאים. ווי שטאַרק מיר האָבן אַמאָל אין
לידלעך אויסגעלאַכט די „גבורי ישראל״ און דערציילט, אַז איינער
זאָגט דעם צווייטן:

— טאַ קריך זשע פריער דו,
— ניין, קריך זשע פריער דו!
— איך קריך, נאָר האַלט מיך צו,
רבונו של עולם, הוראַ!

דער „אל על״ עראָפּלאַן הייבט זיך אויף און פליט. און ס׳איז
שוין איין מאָל געפלויגן. און אַלץ אין מיר ווערט מנוחהדיק, כאָטש
ביים אויפהייבן זיך אין אַ פליער פילט מען שטענדיק אַ דריי אונ־
טערן האַרצן און אַ בענקשאַפט נאָך דער מאַמע ערד, הגם מיר
האָבן זייט אַזויפיל יאָרן ערד, וואָס איז על פי רוב אַ שטיף־מאַמע.
מיר זענען טאַקע אין דער לופטן, אָבער מיר פילן זיך עפּעס ווי
אויף דער ערד. מיר זענען שוין אין ישראל. אַפילו דער שפּראַכ־
געמיש איז אויך ישראלדיק. מען רעדט ענגליש און עברית און אַז

מען גייט אַריבער צו יִדיש רעדט מען שוין מער ווי אַלץ אין יִדיש. און די „האָסטעסעס", די באַלעבאָסטעס פון „אל על" עראָפּלאַן, וואָס זענען די ריכטיקע גראַציעס און האָבן דעם אמתן יִדישן חן, וואָס ריידן אַן אַ שיעור לשונות, ריידן יאָקאָס מאַמע לשון אויך. אייניקע ריידן יִדיש בפועל ממש און אַנדערע ריידן דייטש פאַריִדישט. זיי זענען אָדער טעכטער פון דייטשע יִדן, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געלערנט דייטש.

יאָ געפלויגן און געשטויגן. דער אָדלער פליט און ער שטעלט זיך אָפּ ערגעץ אין מיטן אַטלאַנטיק אויף אַ קינסטלעך אינדזל. ווו דער „פויגל" אַליין טרינקט נאַפט און די פאַרשווינגען טרינקען וואַרעמע קאַווע און פאַרבייסן מיט זעמל. און דו פילסט, אַז דו פליסט און דו פאַרגעסט, אַז דו פליסט און דו כאַפּסט זיך אויף און דו ווייסט ניט, צי חלומט זיך דיר, אַז דו פליסט אין ישראל עראָפּלאַן פון דער פירמע „אל על" קיין מדינת ישראל, צי דאָס איז טאַקע די ווירקלעכקייט. אָבער אָט שטייען מיר אין בריסל, אין דער הויפּטשטאָט פון בעלגיע און איך דערמאָן זיך אין חברים, וואָס איך האָב דאָרט געזען אין 1923, 1925, 1930, 1935. אַ סך יידישע שרייבער, וואָס זענען דערנאָך אומגעקומען אויף שטעגן און וועגן צווישן בערלין און — מאָסקווע... און אָט זענען מיר אין אַטען — אין דער הויפּטשטאָט פון גריכנלאַנד, ווו איך האָב אַזויפיל „באַקאַנטע" פון אַמאָל. די חכמי אתונא, סאָקראַטן, פּלאַטאָנען, אַריסטאָטעלן און וועמען ניט און דער עראָפּלאַן פון „אל על" פליט ווייטער. אומעטום נעמט ער אַן נאָך און נאָך פּאַסאַזשירן. אַרויסגעפלויגן פון ניו-יאָרק זענען מיר אַכצן פּאַסאַזשירן, קיין לוד זענען מיר אָנגעקומען זיבעציק. יִדן זענען געלאָפן אַהיים אויף פּסח. עס זענען אָבער געפלויגן אויך ניט יִדן מיט אונדז. אַ יונגע פרוי אַ קריסטלעכע מיט אַ קינד אויף די הענט, איז געפלויגן מיט אונדז פון ניו-יאָרק ביז בריסל, ווייל איר מאַן, וואָס געפינט זיך אין בעלגיע, האָט דווקא געוואָלט, אַז זי זאָל פליען מיט אַ ישראל-עראָפּלאַן. יִדן קריגן אַ שם פון גוטע „לופט-מענטשן", אָבער פון אַ נייעם מין. צוויי יונגע קאַטוילישע גלחים זענען געפלויגן פון ערגעץ אין מיטן אַטלאַנטיק ביז לוד. די קאַטוילישע גייסטלעכע זאָגן, אַז זיי זענען צופרידן, וואָס יִדן האָבן געקראָגן זייער לאַנד. איי, זיי גלייבן נאָך ניט ריכ-

ביים אָנקומען מיטן „על אל״ קיין לוד. — פון רעכטס צו לינקס: ג. תמיר, י. אייזנבערג, מרים לערער־באָטאָשאַנסקי, יעקב באָטאָשאַנסקי, משה רון, יצחק רימון און יוסף טכאָרניצקי.

טיק? עס וועט קומען, זאָגן זיי, אַ צייט, ווען אַלע וועלן גלייבן אַל־ציינס. צווישן די פּאַסאַזשירן זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס בעטן זיך אויף דער פעדער, סיי פאַר אַ שמייכל און סיי פאַר פּאַטאָס. אָט איז אַ ייד, וואָס האָט האָטעלן אין ישראל, ווייל אין מיאַמי פלאָ־רידאַ האָט ער געמאַכט גוט ביי דעם פאַך. ער האָט אַ שוואַכקייט צום שיינעם מין פון אַלע עלטערס, אויסזענס און פּראָפעסיעס. אַן אַקטריסע פון „הבימה" זאָגט ער, אַז ער האַלט פון אַלע פרויען און מער ווי פון אַלע פון אַקטריסעס. אַ דענטיסטקע זאָגט ער, אַז מער ווי פון אַלע האַלט ער פון דענטיסטקעס. און אַ יונגער מיליטערמאַן, וואָס פליט אַהיים אויף פסח, רופט אַרויס אַלעמענס באַוווּנדערונג. עס ווייעט פון אים מיט אַזאַ פעסטקייט און זיכערקייט, אַז ס'איז אַזש — ניט יידיש. אַ נייער יידישער שטייגער. שרייב איך דאָך דערווייל אַ הקדמה, לאָז איך איבער די פאַרשווינען. מיר זענען דאָך שוין אין ישראל, מיר פילן דאָך די דאָרטיקע לופט, ציטערט דאָס האַרץ, כאָטש איך קום אַהין אָן צום דריטן מאָל...

...און אָט גייט מען אַראָפּ אין תל אָביב און מען פרעגט דיך אויף עברית, צי דו פירסט עפּעס טריפהנע זאַכן און אַז דו ענטפערסט אויף יידיש, רעדט מען צו דיר יידיש. די אַמאָליקע צו־להכעיסדי־קייט קעגן יידיש איז פאַרשוווּנדן. און עס וואַרט אויף מיר מיין אייגענע פרוי, די יידישע שוישפּילערן מרים לערער, וואָס איז אַהער געקומען פון דרום אַפריקע און אַ גאַנצע ריי שרייבער — ח. אייזנ־בערג, א. סוצקעווער, משה רון, י. רימון און נאָך... אַ סך האָבן געמיינט, אַז איך קום מאָרגן, האָבן זיי זיך געקליבן צו קומען מאָרגן. באַזונדער האָט מיך אָפּגעוואַרט יוסף טשאָרניצקי אין נאָמען פון קרן היסוד און דער יידישער אַגענץ און י. קאָרן אין נאָמען פון פּרעזידענט פון כנסת און וויצע־פּרעזידענט פון לאַנד יוסף שפּרינ־צאַק, וועלכער האָט אים געשיקט און געזאָגט: „זאָלסט מיך פּרעס־טאַווען" (פּרעזענטירן). און איידער וואָס רעדט מען, רעדט מען.

— וועגן קריג?

— ניט געטראָפן. אין ישראל רעדט מען וועגן אַלץ, אויסער וועגן קריג. מען פילט אַן אינעווייניקסטן אומרו, אָבער מען רעדט ניט! מען גרייט זיך, אָבער מען רעדט ניט. און מען גרייט זיך אַזוי, אַז מען זאָל פאַרזיכערן, אַז עס וועט קיין קריג ניט זיין. מען דאַרף

אָבער האָבן אַ סך, אַז מען זאָל זיכער זיין, אַז עס וועט ניט זיין קיין קריג. מען דאַרף נאָך אַ זעכציק „מיגן", אַז מען זאָל זיין זיכער, אַז עס וועט קיין מלחמה ניט זיין.

ניין! מען האָט ניט געזען קיין פייער און רויך, מען האָט ניט געהערט שיסן, מען האָט ניט גערעדט וועגן קיין קריג. אויב מען האָט גערעדט וועגן פּאָליטיק, איז עס געווען וועגן נייעם קורס אין רוסלאַנד. אברהם סוצקעווער האָט גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט, אַז מען זאָל אַרויסנעמען סטאַלינען פון לענין מאַוזאָליי און אַהין אַריינלייגן טראָצקין. איך האָב געזאָגט, אַז בעסער זאָל מען אַהין אַריינלייגן כרושטשעוון און אַלע האָבן מסכים געווען מיט מיר. שפּעטער האָט מיט דעם מסכים געווען אַפילו י. זרובבל.

מען האָט וועגן קריג ניט גערעדט, אָבער אינעווייניקסטע אומרויִקייט האָט מען געפילט. איך האָב באַמערקט, אַז מיין פרוי האָט מאַזאָליעס אויף די הענט און איך האָב זיך דערוווסט, אַז זי איז געגאַנגען גראָבן טראַנשייען איניינעם מיט אַ טרופּע יִדישע אַקטיאָרן. זי איז צום ערשטן מאָל אין ישראל, ווייל זי ניט שפּילן קיין טעאַטער, נאָר אָנקוקן דאָס לאַנד. אָבער טאָן דעם חוב צום לאַנד איז זי געגאַנגען איניינעם מיט אַלע יִדישע שוישפּילער.

אין זעלביקן טאָג זענען מיר נאָך געווען אין ירושלים. דאָס ערשטע בין איך געגאַנגען אויף דעם הערצל-באַרג ווו עס געפינט זיך הערצלס קבר און די קברים פון עטלעכע טויזנט געפאַלענע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד, צווישן זיי אינפאַנטעריסטן, מאַטראָסן, אַוויאַטאָרס. ביים צוקום צו די קברים פון די מאַטראָסן — אַ מין מאָנומענט אין דער פאָרם פון אַ שיף, ביים צוקום צו די געפאַלענע אַוויאַטאָרס — זיבן קברים, וואָס בילדן די פאָרם פון אַן עראָפּלאַן, צווישן אָט די זיבן — דער קבר פון חנה סענעש, דער וווּנדערלעכער יִדישער טאָכטער, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען מיט זעלטענעם שטאָלץ און מיט פּאָעטישער הייליקייט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די יהודה-בערג, אַ ציטער געטאָן אַביסל פאַר קעלט און אַביסל פאַר הייליקייט און — אָט פיל איך, אַז איך בין אָנגעקומען פון ב. איירעס קיין ירושלים, ווו אַלצדינג דערציילט וועגן געוועזענע מלחמות און ווו קיינער רעדט ניט וועגן דער מלחמה, וואָס דאַרף קומען.

בצאת ישראל ממצרים

צו קענען זען פסח אין די פאַרשידנסטע ווינקלען און שיכטן פון ארץ ישראל, וואָלט מען געדאַרפט אָדער זיין אַ צוואַנציק פּסחן אין לאַנד, אָדער כאָטש האָבן אַ צוואַנציק פּאָר אויגן... אינגאַנצן פּראַוועט מען איין סדר אין ישראל. נישט קיין דריי, ווי אין נאָרד אַמעריקע און ביי אונדז, נישט קיין צוויי אַפילו, ווי אין אייראָפּע, נאָר אינגאַנצן איינעם. און דער סדר איז דער צענטראַלסטער מאָמענט פון דעם גרויסן פרייהייט יום טוב. און נישט אַלע פּראַוועוען אים אויף דעם זעלביקן שטייגער. ישראל איז דאָך שוין אַ קיבוץ־גלויות און יעדער „גלות" פּראַוועט דעם סדר אַנדערש. נישט אַלע אשכנזים פּראַוועוען אים גלייך. אַנדערע ניגונים זינגען ליטווישע ייִדן, אַנדערע — פּוילישע, גאַליצישע, בעסאַראַבישע און אַנדערע דייטשע ייִדן, וואָס זיינען דאָך אויך ערשט די רעכטע אשכנזים. און ווו זיינען די אַלער־ליי חסידים? חבדניקעס זאָגן און זינגען אַנדערש, די פאַרשידענע ריזשי־נער — אַנדערש, די טשערנאָבילער אַנדערש, א.א.וו. און ספרדים זיינען פאַראַן נישט בלויז צווייערליי. עס זיינען פאַראַן שפּאַניאָליש־ריידנדיקע און אַראַביש־ריידנדיקע ספרדים און די אַלזשירער, מאַראָקער און טוני־סער ריידן על פּי רוב גאָר פראַנצויזיש. און ווו זיינען די תימנער, די קורדן די בוכאַרער? און עס זיינען ערשט פאַראַן די נייע ריכטונגען אין ייִדישן לעבן, וואָס האַלטן זיך נישט פּינקטלעך ביי דער טראַדיציע און זיי פּראַ־וועון דעם סדר אויף אַן אייגענעם און אייגנאַרטיקן שטייגער און נישט נאָר זיי האַלטן זיך נישט ביי דער אַלטער הגדה, נאָר זיי שאַפן יעדעס יאָר אַ נייע הגדה, וואָס רעאַגירט פון אַ פּסחדיקן קוקווינקל און אין אַ פּסחדיקער פאָרם אויף די אַלערליי געשעענישן פון מאָמענט. און זיי זיינען דאָך פאַראַן אין אַ היפּשער צאָל אָט די ריכטונגען וואָס קומען צום שטאַרקסטן אויסדרוק אין זייערע קיבוצים. אַנדערש פּראַוועט מען אַ סדר אין די מפא"י קיבוצים, אַנדערש ביי די „אחדות העבודהניקעס", אַנדערש די „השומר הצעירניקעס" און אַנדערש אין די רעליגיעזע קיבוצים און אין די רעוויזיאָניסטישע כמעט־קיבוצים (זיי רופן זייערע קיבוצים „כפרים משותפים" — בשותפותדיקע דערפער — און זייערע עקאָנאָמישע סטרוק־

טורן זיינען אַביסל אַנדערש ווי פון די קיבוצים). אויך די רעליגיעזע קיבוצים פראַוועו נישט דעם סדר פונקט אַזוי ווי מען טוט דאָס אין אַ פרומען הויז, זיי גיבן צו נייקייטן צו דער טראַדיציאָנעלער הגדה. מען האָט מיר געזאָגט, אַז די נטורי קרתא, די ייִדישע פרומע שונאים פון דער מדינה, גיבן צו צו דער הגדה געוויסע בייזקייטן, אָבער זיי טוען דאָס בעל פה. אַ ייִנגעלע האָט דערציילט לפּי תומו, אַז ווען דער טאַטע האָט אים געשיקט עפענען די טיר פאַר אליהו הנביא, האָט ער אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל גוט אַכטונג געבן, אַז ס׳זאָל חלילה נישט אַריינקומען קיין ציוניסט להבדיל... און אַן אַנדער ייִנגל האָט דערציילט, אַז ביי „שפוך חמתך" האָט דער פאָטער צוגעגעבן אויף ייִדיש קעגן די ציוניסטן און „זייער" מדינה... אָבער די נוסחאות ביי פאַרשידענע נטורי קרתאניקעס פון דער הגדה זיינען גאַנץ אינטערעסאַנטע. פאַראַן אין זיי השפעות פון די לענדער, פון וועלכע זיי קומען, אָבער געמישט מיט ייִדישער אייגנ־אַרטיקייט.

עטלעכע מוזיקער האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי קלייבן זיך שאַפן „סדר־סימפאָניעס", וואָס זאָלן זיין מאָזאַיִקן פון די אַלע נוסחאות, מיט וועלכע מען זאָגט און מען זינגט די הגדה. וואָרום דאָס זאָגן פון דער הגדה איז אויך מיט אַ נוסח. זיי ווילן זיך אָבער נישט פאַרלאָזן אויף אַנדערע, נאָר זיי ווילן אַליין הערן דאָס אַלץ און דאָס דאַרף נעמען יאָרן און יאָרן. זיי האַלטן, אַז אַזאַ אַ סימפאָניע וואָלט געווען די גרינטלעכסטע כאַראַקטעריסטיק פון די אַלע „גלותן". זיינען ווידער פאַראַן מאָלער, וואָס זאָגן, אַז זיי ווילן שאַפן סדר־בילדער, ווייל דער אופן ווי מען זיצט און מען זאָגט ביים סדר, איז אומגעהייער כאַראַקטעריסטיש.

דאָס אַלצדינג זען און הערן, זייענדיק איין פסח אין ישראל, קען מען נישט. און דאָך קען מען אויך פון איין פסחדיקן באַזוך אין דער ייִדישער מדינה האָבן אַ פולן איינדרוק וועגן דעם, וואָס אַזוינס פסח איז אין ישראל. עס איז אַ יום טוב, וואָס פילט אָן דאָס גאַנצע זיין און וואָס זינגט אַרויס פון יעדן איינעם מיט האָפענונג אויף אמתדיקער פרייהייט לעולם ועד. עס איז אַ יום טוב, וואָס באַזינגט דעם אַרויסגאַנג פון מצריים אין פרעהס צייט און וואָס מיינט דעם אַרויסגאַנג פון אַלע מצריימס, וואָס איז טייל־ווייז שוין געשען און וואָס דאַרף נאָך געשען. און אַפילו די דאָזיקע ייִדן, וואָס האַלטן, אַז חמץ איז דער יצר הרע און מצה איז דער יצר טוב און וואָס מיינען, אַז ביים אויסרוימען (ביעור) דעם חמץ, רוימען זיי אויס

דער מחבר און זיין פרוי מרים לערער ביים אָנקומען מיטן „על אל״ אין לוד

דעם יצר הרע און ביים פאַרברענען דעם חמץ, פאַרברענען זיי אים, חלומען אויך וועגן פרייהייט. זיי חלומען פון אַ מענטשלעכער באַפרייאונג פון שלעכטן געדאַנק און פון די זינדיקע געפילן.

איך בין אָנגעקומען אויף דעם עראָדראָם פון לוד אינגאַנצן איין טאָג פאַר ערב פסח. און איך האָב אין אַלץ געפילט דעם אָנקום פון גרויסן יום טוב און איך האָב אים אומעטום געזען. מען האָט טאַקע דאָ און דאָרט געהערט אַ שאָס און מען האָט געוווּסט, אַז דאָס איז ערגעץ ביי דער גרע־ניץ — און ווו איז אין ישראל נישט קיין גרעניץ? — אָבער מען האָט אים געהערט און נישט געהערט. מען האָט געהערט ווי דער פסח קומט. דעם אמת זאָגנדיק האָט מען שוין אין דעם ווונדערלעכן עראָפּלאַן פון דער גרויסער ישראל־געזעלשאַפט געפילט דאָס אָנקומען פון פסח. דער יום טוב האָט אַרויסגעשיינט פון אַלעמענס אויגן. דער גאַנצער פּערסאָנאַל איז געווען גליקלעך צו טראַכטן, אַז ער וועט זיין פסח אין דער היים, אין מדינת ישראל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז שוין דער עראָפּלאַן אַליין, וואָס שניידט די לופט איבער די כמאַרעס, זינגט „בצאת ישראל" און ער טרייבט אַוועק די כמאַרעס, אַלציינס ווי משה רבנו האָט דעמאָלט אַוועקגעטריבן די כוואַליעס.

און איך וואָלט געזאָגט, אַז דער נוסח און תוך פון דעם „בצאת ישראל ממצרים" דעם הונדערט פערצנטן קאַפּיטל פון תהילים, וואָס איז דער צענטראַלסטער טייל פון הלל און וואָס איז אויך אין אַ גרויסער מאָס דער צענטראַלסטער טייל פון דער הגדה, האָט מיך באַגלייט אין משך פון די אַלע זיבן טעג (אין ישראל איז פסח נישט אַכט טעג, ווי אין גלות, נאָר בלויז זיבן) פסח, וואָס איך בין געווען אין ישראל. דער הימל, די זון, די לבנה, די שטערן, די ערד אין שטאָט און דאָרף, די מאכלים, די משקהס, די תפילות, די געזאַנגען, דאָס ריידן, דאָס קוקן, דאָס גיין — אַלץ איז געווען אין נוסח און אין ריטם פון בצאת ישראל... איך האָב די ווערטער געהערט און געפילט אין זייער מקור, אָבער איך וועל זיי דאָ אויסלייגן אין יהואשעס יידישער איבערזעצונג:

אַז ישראל איז אַרויס פון מצרים
דאָס הויז פון יעקב פון אַ ווילד שפּראַכיקן פאָלק
איז יהודה געוואָרן פאַר זיין הייליקטום
ישראל פאַר זיין געוועלטיקונג.
דער ים האָט דערזען און איז אַנטלאָפן,

דער ירדן האָט אָפּגעטראָטן אַהינטער,
די בערג זיינען געשפּרונגען ווי ווידערס,
די הייכן ווי יונגע שאָף.

זייענדיק אין אַ פּאָר טעג אַרום ביי דגניה, ווו דער ירדן קריכט אַריין אין ים כנרת אַריין און אויבן שפּרינגען די גולן־בערג, האָט זיך מיר ממש געגלוסט פרעגן מיט די ווערטער פון תהילים:

וואָס איז דיר, ים, וואָס דו לויפסט?
דו ירדן וואָס טרעטסטו אָפּ אַהינטער?
איר בערג וואָס שפּרינגט ווי ווידערס?
איר הייכן — ווי יונגע שאָף?

איך האָב דעם דאָזיקן ריטם און דעם תוך פון די דאָזיקע ווערטער געפילט אויף דעם "יידישן עראָפּלאַן", אין משך פון די צוויי טעג ערב פסח, אין משך פון אַלע זיבן טעג פסח און אַפילו נאָך דעם. אין משך פון ערב פסח, וואָס נעמט אָן אַ פאַנטאַסטישן פאַרנעם, האָב איך געפילט דעם "בצאת ישראל". מיר האָבן אַמאָל געלייענט די קאָמישע באַשרייבונג פון דעם "יידישן ערב פסח" ביים משכיל משה אַהרן שאַצקעס. יענער האָט געוויזן בלויז דעם חוזק פון דער זאַך און נישט קיין זכר פון דער גרויס־קייט. און ער איז נישט געווען גערעכט. געווען נישט בלויז עפּעס צום אָפּחוזקן אין דעם ווי אונדזערע באָבעס און מאַמעס האָבן אַרויסגעטריבן דעם חמץ און אַריינגעבראַכט דעם פסח. עס איז געווען אַ מורא פאַר גאָט געמישט מיט אַ גרויסער בענקשאַפט נאָך יום טובדיקייט. אין ישראל זיינען פאַראַן פלעצער, ווו דער ערב פסח ווערט געפירט בפירוש טראַדי־ציאָנעל און ער נעמט דאָך אָן אַ פאַנטאַסטישן פאַרנעם.

אוודאי וועל איך נישט באַווייזן צו שילדערן די מאָמענטן פון ביעור און פאַרברענען פון חמץ, וואָס איך האָב אַליין געזען אין פאַרשידענע פרומע קרייזן. ביי די מערסטע פרומע איז אין אָט די מאָמענטן אויך שוין געווען געמיטלעכע יום טובדיקע פריידיקייט. ביי די נטורי קרתא איז די יום טובדיקייט געווען געפּאָרט מיט בייזקייט און גיפטיקייט. איך האָב ביי זיי געזען גאַנץ פרי אַ לעצטן חמצדיקן צובייס און דאָס פאַר־ברענען דעם חמץ, האָב איך דאָרט געהערט אַזויפיל שאַרפע און שלעכטע ווונטשן קעגן "ציוניסטן און זייער מדינה", אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט די רייד איינײנעם מיט די געפילן זיינען דער דאָזיקער חמץ, וואָס

משה רון באַגריסט יעקב באָטאָשאַנסקי אין נאָמען פון העברעישן זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד

מען דאַרף פאַרברענען... און נישט נאָר פון אַלטע לייט און פון יונגע לייט, וואָס זעען אויס ווי אַלטע, האָב איך די בייזע רייד געהערט, נאָר אויך פון יינגלעך, וואָס זעען אויס פונקט ווי די משהלעך און שלמהלעך אין ביאַליקס „אונטער די גרינינקע ביימעלעך"... איך האָב געזען אַ חמץ־פאַרברענען אין פרום־מאָדערנע קרייזן, ווו חמץ איז געוואָרן אַ סימבאָל אי פון קערפּערלעכער, אי פון גייסטיקער זינדיקייט און פסח האָט גע־מיינט אַן אַרויסגאַנג סיי פון פּרעהס און סיי פון יצר הרעס מצריים...

דעם גרויסן ערב פסח האָב איך געזען און געהערט אין קאַזאַרמע. איך קען אייך ניט זאָגן ווו די קאַזאַרמע געפינט זיך. ניט פאַר שלעכטי־קייט חלילה, נאָר פּשוט, ווייל איך ווייס אַליין ניט. מען האָט מיר ניט געזאָגט ווו די קאַזאַרמע געפינט זיך און וווהין מען פירט מיך און איך האָב ניט געפרעגט, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף ניט פרעגן. אַפלאָזן די סאָלדאַטן אַהיים האָט מען נישט געקענט. אין ניו יאָרק האָט מען שוין טאָקע געוווּסט ווען די מלחמה וועט זיך אָנהייבן; אין ישראל האָט מען וועגן דעם ניט געהאַט די קלענסטע אַנונג. אָבער די סאָלדאַטן האָט מען נישט אַפּגעלאָזט אַהיים. אין ישראל געשעען כסדר ניסים, ווייל מען פאַרלאָזט זיך דאָרט ניט אויף ניסים. אין קאַזאַרמע דינען נישט־פרומע איבערנעם מיט פרומע. און דער פסח ווערט דאָרט צוגעגרייט אַזוי ווי ביי די פרומסטע פון די פרומע. און מען האָט געכשרט אין קאַזאַרמע אַלציינס, ווי מען פלעגט כשרן אין די אַלטע היימען ביי די גאָר פרומע. אפשר אַביסל מאָדערנער, אָבער אויף דעם זעלביקן אמתדיקן שטייגער. קאַזאַרמע איז — קאַזאַרמע. דאָ מוז אַלץ געמאַכט ווערן מיט דיסציפּלין. מען האָט די אַרבעט פון כשרן און שייערן איבערגעגעבן די פרומע סאָל־דאַטן. אייניקע פון זיי האָבן שוין געהאַט גאַנץ היפּשע בערד, אייניקע קליינע בערדלעך. די נישט־פרומע האָבן זיי צוגעהאָלפן און מיט דעם פולן ערנסט. איך קען אייך נישט גאַראַנטירן, אַז צווישן די דאָזיקע וואָס האָבן געשייערט זיינען נישט געווען קיין השומר הצעירניקעס, וואָס זיינען כופרים בעיקר און מאַרקסיסטן... סאָלדאַטסקע דיסציפּלין איז גילטיק פאַר אַלע. און אַכטונג געגעבן האָבן אויף דעם כשרן אָפיצירן, אויך מיט בערד. און איך האָב געזען איינעם מיט אַ קלענער בערדל, וואָס מען האָט אים גערופן „אלוף" (קאָלאָנעל) און איינעם מיט אַ גאָר גרויסער באָרד און טאָקע מיט פאות, וואָס מען האָט גערופן „רב אלוף" — גענעראַל. איך וואָלט געקענט שווערן, אַז דעם גענעראַל מיט באָרד און פאות האָט מען

גערופן „יצחק מאיר" און איך האָב אין דעם אַרויסגעהערט דעם „איטשע מאַיער" און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער שטאַמט פון די גערער חסי־דים... און אַז ווער פון די אָפיצירן איז צוגעגאַנגען צו אַ סאָלדאַט אַ קוק טאָן עפּעס און אַ פרעג טאָן, האָט יענער צונויפגעשלאָסן מיליטעריש די פיס און מיליטעריש זיך אויסגעצויגן און געענטפערט היימיש און מענטש־לעך. איך האָב דערפילט אַ פריינטלעכקייט פון די פשוטע סאָלדאַטן צו די אָפיצירן. בשום אופן איז נישט פאַראַן אַזאַ שנאה ווי עס איז בכלל פאַראַן פון סאָלדאַטן צו אָפיצירן. און דער פרומער קאַלאַנעל האָט ביי אייניקע בפירוש געפרעגט, צי זיי ווייסן דעם דין ווי אַזוי צו כשרן און צי זיי טוען דאָס על פי דין... איך האָב אַזש אַ פרעג געטאָן, צי אַז מען וועט דאַרפן שיסן חלילה, וועלן זיי דאָס אויך טאָן על פי דין און דער יונגער פרומער קאַלאַנעל, וואָס איז געגאַנגען געקליידט מיליטעריש, האָט מיר געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— אוודאי על פי דין... דער דין הייסט אונדז באַפרייען דאָס ייִדי־שע לאַנד און זיך פעדערן און הרגענען דעם, וואָס וויל דיך הרגענען.

די שפּראַך וואָס איך האָב געהערט אין קאַזאַרמע איז על פי רוב געווען העברעיִש. דאָ און דאָרט האָט מען פאַרבראַקט אַ ייִדיש ווערטל. דער אונטערטאָן איז ביי זייער אַ סך געווען ייִדיש, אָבער נישט ביי אַלע. מען האָט געקענט הערן דאָס תימנישע העברעיִש און בכלל דאָס דאָזיקע העברעיִש, וואָס האָט אַן אַראַבישן אָפּקלאַנג און איך האָב געכאַפּט אי אַ שפּאַנישע ווייכע „ליאָמעד" (למד), אי אַן ענגלישע האַרטע למד און אַ דייטשע „ז" שטאָט אַ „ס". מען האָט געפילט דעם קיבוץ גלויות אין דעם ערב פסחדיקן כשרן אין קאַזאַרמע, וואָס האָט אפשר געהאַט עפּעס גראַ־טעסקעס אויך, אָבער בכלל איז דאָס געווען אַ בילד פון גרויסן פּאַטאָס. זעענדיק ווי סאָלדאַטן רייבן די כלים און דער שוויס גיסט זיך פון זיי, האָב איך געהערט דעם „בצאת ישראל". און דערנאָך ווען איך בין מיט אַן אויטאָ געפלויגן איבער אַלע פיר זייטן פון ישראל, זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע און ווייטער „געפלויגן", האָב איך אומעטום געזען סאָלדאַטן. איי־ניקע זיינען געגאַנגען ביחידות, אַנדערע זיינען געגאַנגען גרופּנווייז, האָב איך אין זייער ריטמישן גיין געהערט דעם „בצאת ישראל". עד היום איז ביי מיר אידענטיש סאָלדאַטשינע מיט רוסיש. די ערשטע סאָלדאַטן וואָס איך האָב געקענט, זיינען דאָך געווען רוסישע. ווו איך זאָל נישט זיין, אויף וואָס פאַר אַ קאָנטינענט דאָס זאָל נישט זיין, אַז איך הער סאָלדאַטן

מאַרשירן, הער איך, דאַכט מיר, דעם רוסישן „אַט (ראַז) דוואַ" — איינס, צוויי. אין ישראל האָב איך דערנאָך שוין כסדר געהערט אין דעם מאַר־שירן פון די סאָלדאַטן דעם „בצאת ישראל ממצרים". אוודאי האָב איך געהערט זייער אַ סך מאַרשירן, פּראָפּאָרציאָנעל מער ווי אומעטום. ווען איך בין געווען ביי אַ סדר און מען האָט געעפנט די טיר פאַר אליהו הנביא, האָב איך געהערט סאָלדאַטן מאַרשירן און איך האָב געקלערט:

די סאָלדאַטן אונדזערע זיינען — אליהו הנביא.
אַלע איינציקע זיינען זיי אליהו הנביא...

יאָ, צופיל סאָלדאַטן פאַראַן אין ישראל. אַ מיליאָן מיט אַ פערטל יידישע נפשות און אַ פערטל מיליאָן סאָלדאַטן קען צו יעדער צייט מאָ־ביליזירט ווערן. יעדער פינפטער נפש איז אַ סאָלדאַט. אַ פאָלק מיליטאַ־ריזירט זיך, בכדי זיך צו באַפרייען. אַ פאָלק מיליטאַריזירט זיך קערפּער־לעך, אָבער נישט אין גייסט. דעם גרעסטן מסירת נפש ווייזט אַרויס די אַרמיי. די גרעסטע ליבע ווייזט אַרויס דאָס פאָלק צו דער אַרמיי, אָבער דער אידעאַל איז חלילה נישט מיליטאַריזם, נישט באַהערשן עמיצן, נאָר זיך באַפרייען, זיך אַליין און דאָס אייגענע לאַנד... איך קען ניט פאַרגעסן איינעם אַ סאָלדאַט אין אַ גרופּע פון סאַמע הויכע זעלנער. וואַרשיינלעך איז דאָס געווען אַן ערשטע ראָטע (קאָמפּאַניע). די אַלע בחורים זייי־נען געווען יאָטן איינס און איינס. מיר האָט זיך דערמאָנט אַ יידיש־סאָלדאַטסקע לידל, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט: „איך וועל דאָך ביי פאָניען זיין דער שענסטער אין דער ראָטע"... יעדער פון אָט די יאָטן וואָלט דאָס זעלביקע געקענט זאָגן וועגן זיך. איינער פון זיי האָט געהאַט עפּעס אַזאַ וווּנדערלעכן שמייכל, אַז ער האָט מיך צוגעצויגן ווי אַ מאַג־נעט. איך האָב אים געפרעגט ווי אַזוי ער הייסט און ער האָט געענטפערט: „אריה"... אריה — אַ לייב. איך האָב אים אַ זאָג געטאָן: „דו זעסט טאַקע אויס ווי אַ לייב, אָבער ווי אַ פריילעכער"... ער האָט זיך נאָך מער צע־שמייכלט. ער האָט געהאַט אַ צעבונדענע צונג און גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. ער האָט גערעדט צו מיר עברית און יידיש און רוסיש און פּויליש... און ער האָט אָנגעוויזן צו יענער זייט, קיין עזה צו, און געזאָגט:

— אַך, ווען בן גוריון לאָזט נאָר...

איך בין געווען גענוג נישט פּראַקטיש צו פרעגן אים, צי ער איז אַ רעוויזיאָניסט און ער האָט מיר מיט ווערטער געענטפערט, אַז אויף אַזאַ פראַגע דאַרף ער נישט ענטפערן. אָבער מיטן שמייכל האָט ער מיר,

דאַכט מיר, געזאָגט, אַז יאָ. דערנאָך האָט מיר אויך, אַ נישט רעוויזיאָ־ניסט געזאָגט, אַז מען דאַרף דאָרטן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרענדיקן... און איך האָב אין יעדן מאַרש פון די סאָלדאַטן נישט אויפגעהערט הערן דעם „בצאת ישראל ממצרים".

אַז ישראל איז אַרויס פון מצרים.

און איך האָב צומאָל געהערט דאַכט זיך, אַז בצאת מצרים מישראל... מצרים זאָל אַרויסגיין פון ישראל. עזה איז דאָך ישראל. יעדנפאַלס אַ סך, אַ סך מער ישראל ווי עגיפּטן.

און ווען מען האָט ביים סדר געהערט דעם „לשנה הבאה בירושלים", האָב איך געהערט אַ קרעכץ, אַ געזאַנג, אַ בענקשאַפט און אַ גלויבן. יאָ, אַ גלויבן, אַז דאָס אַלטע ירושלים וועט אויך זיין ישראל... אין ירושלים גופא האָט מען דעם „לשנה הבאה בירושלים" געזאָגט מיט אַ סך ברען... און אינגאַנצן פינף הונדערט מעטער איז דאָך אַהין. און אַ סך מאָל שיסט מען פון דאָרט אַזוי מערדעריש אויף אומשולדיקע מענטשן, כאָטש עס הערט זיך דאָרט נאָך עד היום ישעיהס קול וואָס רופט, אַז אין סוף פון די טעג וועט מען די שווערדן צעשטויסן אויף לאָפּעטעס... איניינעם מיטן לשנה הבאה בירושלים, האָב איך געהערט אויך אַ „בצאת מצרים מישראל" און „בצאת עמון מירושלים"...

מען דאַרף האָבן אַ גרויסן כוח פאַר ווייזיע צו קענען דערפילן, וואָס אַזוינס עס מיינט פסח אין ישראל. אַ פאָלק פייערט זיין פרייהייט, זיין אייביקן דורשט נאָך פרייהייט. אַ פאָלק, וואָס האָט אין קנעכטשאַפט ביי אַ פרעמד פאָלק דערפילט די רעכט אויף פרייהייט. אַ פאָלק, וואָס גייט שוין טויזנטער יאָרן אַרויס פון מצרים און איז נאָך אַלץ נישט אַרויסגע־גאַנגען און עס פילט איצט אַ זיכערקייט, אַז עס גייט דערצו... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז גאַנץ ישראל גייט איבער דעם ים סוף. „כוואַליעס" ווי חיות לויערן פון אַלע זייטן און עס האָט דעם גלויבן, אַז משה רבנו גייט פאָרויס, ער פירט פעסט און זיכער און ער וועט באַווייזן דעם נס... און מען פאַרלאָזט זיך ניט אויף קיין נס... מען באַוואָרנט זיך...

מיר וועט אויסקומען צו שילדערן פאַרשידענע פסח־בילדער, פּאָטע־טישע און אויך קאָמישע. מיר וועט אויסקומען צו שילדערן דאָס לאַנד, וואָס איז זיבן טעג דורכאַנאַנד געווען אַן ברויט און אייניקע האָבן דווקא געוואָלט חמץ און געווען נערוועז... איינער האָט אין אַ רעסטאָראַן צע־

בראָכן טעלער און גלעזער, ווייל מען גיט אים נישט קיין חמץ... דער באַ־לעבאָס האָט געענטפערט שטיל:

— ס'איז נישטאָ קיין חמץ אין גאַנצן לאַנד.

איך האָב געזען, ווי שביעי של פסח ביי שטערן אַרויסגיין, ווען ס'איז געוואָרן אויס פסח, זיינען יידישע קינדער איבערגעפאַלן די געשעפטן, וואָס פאַרקויפן „פעלאָפעל" — אַ צעשניטן שטיקל אַראַביש פלעצל וואָס הייסט „פיטא" און וואָס האָט אינעווייניק אַלערליי פיקאַנט־קייטן — און זיך געקוויקט מיטן חמץ. איך האָב געזען טאַנצן אום שביעי של פסח נישט בלויז יידן מיט בערד און קאַפּאָטעס, נאָר אויך מאָדערנע יידן. און אויך די פרומע יידן האָבן געזאָגט, אַז משה רבנו וועט נאָך אַ מאָל שפּאַלטן דעם ים סוף. ער וועט דאָס מוזן טאָן...

איך האָב זיך געטראָפן אין משך פון די זיבן טעג פסח מיט הונדערטער פליטים און אייניקע פון זיי האָבן דערציילט מעשות, וואָס מען וואָלט געמעגט אַריינשטעלן אין דער הגדה. איינער האָט מיר דערציילט ווי אין אַ לאַגער האָט אים אַ ייִד אַריינגעפירט צו זיך אין אַ ביינאַכט און אים דערמאָנט, אַז ס'איז צום ערשטן סדר און ער האָט אים געוויזן אַ שטיקל מצה. בעיקר איז דאָס געווען צו קוקן און אַ ברעקל האָט ער מיר געגעבן צו פאַרזוכן.

איך וועל מסתמא נאָך זוכה זיין צו באַשרייבן ברייטער דעם גאַנצן פסח אין מדינת ישראל. דאָ האָב איך געוואָלט געבן צו פילן די לייענער מיינע די פרייהייט־וויזיע, וואָס מען זעט און פילט אום פסח אין ישראל, די וויזיע פון דעם „בצאת" — פון דעם ייִדישן אַרויסגיין פון מצרים און דעם אַראַבישן אַרויסגיין פון ישראל... איך האָב אייך געוואָלט איבער־געבן דעם ריטם פון „בצאת ישראל", וואָס מען הערט אין ישראל אויך אַ גאַנץ יאָר און באַזונדער אום פסח.

פונקט ווי אין דער פּרשה בשלח

די אַנדערשקייט פון ישראל שטעקט איבערהויפּט אין דעם, וואָס די מערהייט איז אַ יידישע. און אפשר נאָך מער ווי די מערהייט. אַז דו זעסט דאָ עמיצן, מעג ער נישט אויסזען ווי אַ ייד, איז ער אין די מערסטע פֿאַלן אַ ייד, בעת ערגעץ אַנדערש פּאַסירט דאָס פאַרקערטע: טרעפסט הונ־דערטער און טויזנטער מענטשן מיט, דאַכט זיך, זיכערן יידישן אויסזען און ס׳איז נישט אַזוי. די נטורי קרתא וואַרפן שטיינער אויף די אויטאָס, וואָס פאָרן אום שבת און זיי קלערן גאָרנישט, אַז אפשר זיינען די פאָרער נישט קיין יידן.

דער שבת אין ישראל איז אַזוי יידיש, אַז ער איז אַזש נישט יידיש... אַמאָל, אַמאָל, צוריק מיט פופציק, זעכציק יאָר, פלעגן אין אַ יידיש שטעטל אין מזרח־אייראָפּע אַלע יידן אָפּהיטן שבת און אַלע געשעפטן זיינען גע־ווען פאַרמאַכט. אָבער שבת איז דאָך נישט געווען אומעטום. אין מאַרק האָבן גויים געקויפט און פאַרקויפט. די גאַסן האָבן זיך געהוידעט פון די וועגענער, וואָס זיינען איבער זיי געפאָרן און נישט איין מאָל פלעגן זיך די פענצטער פון די שילן און בתי מדרשים שאָקלען פון די פאַרבייפאָרנ־דיקע פורן און פורלעך. אין ישראל זיינען די גויים אויך יידן. קיין אָפן געשעפט, קיין פאַרקויפעריי אויף דעם מאַרק זעט מען נישט און דאָס פאַרביילויפן פון אַן אויטאָ, אָדער אַ קאַמיאָן (טראָק) געשעט זייער זעלטן. די אָמניבוסן שטייען עפּעס ווי צוגעקאָוועטע אָקסן. מאָמענטנווייז הייבט זיך דיר אָן אויסצודאַכטן, אַז ס׳איז זונטיק. אָבער זונטיק איז עס אויך נישט. אין די שטעט פון צפון און דרום אַמעריקע, פון מזרח און מערב אייראָפּע קלינגען דאָך אום זונטיק די טראַמווייען און די אָמניבוסן און די אויטאָס פייפן. אַזאַ שטילקייט, ווי דו הערסט אום שבת אין ישראל, העסטו בלויז אין דער שווייץ אום זונטיק און אויך נישט אין אַלע שטעט. דו הערסט אַזאַ שטילקייט טיילווייז אין בערן, אָבער בשום אופן נישט אין זשענעוו. לאַנג ווייזט זיך דיר נישט אויס, אַז ס׳איז זונטיק. ס׳איז פאַראַן יידישער חן און יידישע מנוחהדיקייט אין דעם ישראלדיקן שבת. פילסט, ווי די יידישקייט רעדט אַרויס פון דער גאַנצער שטילקייט און זי זאָגט:

„זעסט? ייִדישע טאַטעס, ייִדישע מאַמעס, ייִדישע זקנים, ייִדישע קינ־דער און זיי האָבן נישט מורא און זיי האָבן הנאָה אויף אַ ייִדישלעכן אופן".

און די אַנדערשקייט פון ישראל דערפילט מען אום פּסח. דו זעסט נישט אין ערגעץ קיין ברויט. אָבער טאַקע נישט פאַר קיין רפואה. אין קיין שום פענצטער נישט, אויף קיין שום טיש נישט. אין דער גאַנצער וועלט זעסטו מצה נאָר אין יידישן טייל און ערשט נישט בלויז מצה און דאָ זעסטו אומעטום בלויז מצה. אין תל אביב זעט מען מער מענטשן רויכערן אום שבת, ווי אין ירושלים. קיין ברויט זעסטו אין ערגעץ נישט עסן אום פּסח, אויסער אין די אַראַבישע דערפער און אין די עטלעכע אַראַבישע ווינקלען פון די שטעט. ביי ייִדן זעסטו ניט קיין ברויט. און דאָס דאָזיקע איז נישט אַזוי פאַר פרומקייט, ווי דערפאַר, וואָס ס'איז נישטאָ. פאַר ייִדן באַקט מען נישט קיין ברויט אום פּסח. די אָנגע־שטעלטע פון די אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס און קאָנסולאַטן קריגן ברויט, אָבער זיי זעט מען דאָך נישט אין די גאַסן. פאַראַן מסתמא גענוג ייִדן, וואָס זיינען נישט פרום און האַלטן נישט, אַז מען טאָר נישט פאַרזוכן אַלע זיבן טעג פּסח אַ שטיקל חמץ, און זיי בענקען נאָך דעם שטיקל לחם, ממש ווי אַ שיכור נאָך אַ זופּ, אָבער זיי קריגן דאָס נישט. אייניקע ווערן נערוועז פאַר חמץ־דורשט...

געווען אַ פאַל אין אַ תל אביבער רעסטאָראַן, ווען אַ ייִד האָט צע־בראָכן טעלער און שיסלען, ווייל דער באַלעבאָס האָט אים נישט געגעבן קיין ברויט. דער באַלעבאָס האָט דעם כלים־ברעכער איינגעקלאָגט און דער ריכטער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער גע־ענטפערט, אַז ער איז געווען נערוועז, ווייל ער האָט נישט געקראָגן קיין ברויט, כאָטש דער רעסטאָראַן איז נישט קיין כשרער און חזיר האָט ער יאָ געקראָגן. דער באַלעבאָס האָט די זאַך דערקלערט גאַנץ פּשוט:

— חזיר האָב איך געהאַט און ברויט נישט. חזיר קען מען דאָך האַלטן טעג און וואָכן, ברויט ווערט אַלט־געבאַקן, עס איז שוין געווען דער פער־טער טאָג פּסח און דאָס האָט פּסח ברויט פון פאַר נישט געטויגט...

איר פאַרשטייט? אַ ייִד, וואָס וויל זיין אַ גוי אין ישראל אום פּסח, קען דאָס פולשטענדיק נישט באַווייזן. מ'קען רייכערן אום שבת, עסן טריפה אַ גאַנץ יאָר, חמץ אום פּסח קען מען נישט עסן...

אוודאי איז באַזונדער אינטערעסאַנט צו זען און צו הערן ווי אַזוי

מען דאַוונט און מען פאַרברענגט אום פסח אין די פאַרשידענע געבעט־הייזער און היימישע שטיבער. אוודאי איז אויסערגעוויינלעך אינטערע־סאַנט צו הערן די ניגונים, וואָס די אַלערליי יידן זינגען אום פסח. פון אַ חבד־ניגון, מיט וועלכן מען זינגט „המעביר בניו״ ביז אַ תימנישן, אָדער גאָר אַ קורדישן ניגון, איז אַ חילוק ווי פון הימל ביז צו דער ערד, אָבער מיר איז געווען זייער אינטערעסאַנט פשוט צו קוקן ווי עס איז אומעטום פסח. ביי מיר איז קינדווייז געווען אַריינגעשלאָגן אין מוח אַריין, אַז שבת און יום טוב זעט די וועלט אויס אַנדערש, ווי אין דער וואָכן, אָבער דאָס איז געווען נאָר אין אונדזער ווינקל און דאָ, אין ישראל, זעט די גאַנצע וועלט אויס אַנדערש אום פסח...

און דער טיפסטער איינדרוק וועגן פסח איז ביי מיר דאָך פאַרבליבן פון אַ שמועס מיט אַ קיבוצניק, וואָס זעט אויס ווי פון אַ יאָר פינף, זעקס און דרייסיק. און איז איין און דרייסיק.

געווען איז עס אין אַ קיבוץ, וואָס געהער צו „השומר הצעיר״, ערגעץ אין נגב. איך בין דאָרט פאַרבליבן נעכטיקן די דריטע, אָדער פערטע נאַכט חול המועד. פאַרבליבן, ווייל איך האָב זיך פאַררעדט און ס׳איז געוואָרן שפעטלעך. די געגנט איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ געפערלעכער, מיט דער באַמערקונג, אַז ווען מען וויל, איז אומעטום אין ישראל געפערלעך און אומעטום ניט געפערלעך. דער שאָפער האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וויל שטאַרק, וועט ער מיך אָפפירן קיין תל אביב, אָבער איך האָב נישט געוואָלט צוליב אים. פאַר זיך האָב איך נישט מורא געהאַט. איך וועל זיך אייך נישט אַרויסשטעלן ווי אַ העלד, אָבער אין משך פון מיינע אַלע דריי באַזוכן אין ישראל איז ביי מיר די מורא אַוועקגענומען געוואָרן ווי מיט די הענט. איך דערקלער זיך יאָ און נישט פאַרוואָס דאָס איז געשען. אין שאָפער האָב איך דערקענט, אַז ער וויל נישט פאָרן און איך האָב מורא געהאַט, אַז אויב איך וועל זאָגן, אַז דאָס איז צוליב אים, וועט ער דווקא וועלן איינשפאַנען דעם אויטאָ, האָב איך געזאָגט, אַז איך וויל נישט פאָרן...

אין קיבוץ איז פאַרגעקומען אַ האַלב יום טובדיקער אָוונט. מען האָט וועגן עפּעס געשמועסט, מען האָט געגעבן אַ זינג און אַ טאַנץ און מען האָט אין מיר אויך נישט פאַרגעסן. מען האָט מיך געבעטן זאָגן אַ פּאָר ווערטער. מען האָט געוואָלט, אַז איך זאָל עפּעס דערציילן וועגן אַרגענ־טינער יידן בכלל, חלוצים בפרט און וועגן אַרגענטינער בכלל ובכלל. איך

האָב בעת דעם ריידן זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז איך בין פון בעסאַראַביע און אַ פּאָר פון די יאָטן און יאַטעכעס און אויך פון די רייפערע מענטשן און מענטשיכעס האָבן אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט גרעסערע אויגן. אַ פּאָר מענטשן האָבן אַ פרעג געטאָן פון וואַנען פון בעסאַראַביע און ווען איך האָב געענטפערט, האָט אויף מיר שטאַרק געקוקט נאָר איין קיבוצניק, וואָס האָט געהאט גרויסע, קיילעכדיקע, בלויע אויגן, וואָס האָבן מיר דער־מאָנט אין אַ באַקאַנטער פאַמיליע פון אַ שטעטל, וואָס איז נישט ווייט פון מיין געבוירנשטעטל. אַלע אין יענער פאַמיליע האָבן געהאַט אַזעלכע אויגן ווי ער.

ווען דער אָוונט האָט זיך געענדיקט און דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט מען דעם שאָפער אַריינגעפירט שלאָפן אין אַ צימער מיט נאָך איי־נעם און מיר האָט מען געגעבן אַליין אַ צימער. דער מאַן מיט די גרויסע, קיילעכדיקע, בלויע אויגן האָט מיך באַגלייט און זיך אָנגעבאָטן אַביסל צו בלייבן מיט מיר. מען האָט מיך געפרעגט, צי איך וואָלט געוואָלט האָבן אַ „סטען" (אַן אויטאָמאַטישע ביקס) לעבן מיין בעט. איך האָב געענטפערט, אַז מיט אַ ביקס האָב איך אַמאָל געשאָסן צוריק מיט אַ סך, אַ סך יאָרן און איך האָב אַפילו נישט שלעכט געצילט, אָבער מיט אַ „סטען" ווייס איך נישט ווי אומצוגיין און איך פאַרשטיי, אַז אויב מען וועט באַדאַרפן, וועלן זיך געפינען בעסערע שיסערס פון מיר. די זאַך האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק: די לאַגע איז אַזאַ, אַז מען לייגט פאַר אַפילו אַ גאַסט אַן אויטאָמאַטישע ביקס און פונדעסטוועגן איז מען רויִק, מען שמועסט, מען פאַרברענגט, מען גייט רויִק שלאָפן און — נו, יאָ! — יינגלעך מיט מיידלעך קושן זיך אין די ווינקלען פון קיבוץ. שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען מען קושט זיך נישט... איך ווייס נישט וויפל מענטשן עס האָבן געלייענט קריאת שמע אין יענעם קיבוץ פאַר דעם שלאָפן גיין, ביקסן אָבער און רעוואָלווערס האָבן לעבן די בעטן געהאַט אַ סך און גע־שלאָפן איז מען רויִק און געשמאַק.

ווען איך בין שוין געבליבן בלויז מיט דעם דערמאָנטן מאַן אַליין, האָב איך אים געזאָגט פון וואָס פאַר אַ שטעטל ער איז און פון וואָס פאַר אַ פאַמיליע. ער האָט זיך נישט געחידושט, האָט ער מיר געזאָגט, ווייל זיין משפחה האָט אַ סימן — מען דערקענט זי. ווען ער האָט געהערט פון וואַנען איך בין, האָט ער געהאַפט, אַז איך קען זיין משפחה, ווייל פון מיין שטאָט ביז אין זיין שטעטל איז אינגאַנצן אַ דרייסיק ווערסט און

זיין שטעטל איז געווען אַזוי קליין, אַז ווען עמיצער איז דאָרט געווען אַפילו נאָר אַ קורץ שטיקל צייט, האָט ער געקענט אַלע יידישע איינוווי־נער. האָב איך אים דערציילט, אַז איך בין דאָרט געווען עטלעכע מאָל און איינער פון זיין משפּחה איז געווען מיינער אַ חבר און איך האָב ביי אים פאַרבראַכט עטלעכע אָוונטן. ער איז געווען אַ שטאַרק באַלעזענער און כאָטש אידעיש זיינען מיר געווען היפּשלעך ווייט איינס פון אַנדערן, האָט ער ליב געהאַט מיט מיר צו שמועסן און זיך קריגן מיט מיר. איך האָב אים דערציילט ווי אַזוי ער האָט געהייסן און אים אויסגעמאָלט און איך האָב זיך דערוווסט, אַז ער איז געווען דער עלטערער ברודער פון מיין גאַסטס טאַטן.

— ווען זענט איר געווען דאָס לעצטע מאָל ביי אונדז אין שטעטל?

— דאָס לעצטע מאָל — האָב איך געענטפערט — בין איך געווען אין יאָר 1935, ווען איך בין צום לעצטן מאָל געווען אין דער היים.

— איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר ניין.

איך האָב אים אָנגעקוקט. אויב אַ יאָר ניין, איז ער איצטער אַלט אַריבער דרייסיק יאָר. ער האָט אויסגעזען אַ סך עלטער. ער האָט נישט געוואַרט, אַז איך זאָל איך דאָס זאָגן, ער האָט דאָס מיר אַליין באַמערקט. און ער האָט עס דערקלערט פּשוט:

— שטאַרקע איבערלעבונגען...

איך האָב געוווסט, אַז דאָס שטעטל האָט זיך שטאַרק אָנגעליטן. די רומענער האָבן געהאַלטן אַלע יידן פון דאָרט פאַר קאָמוניסטן. אויך די יידן מיט בערד און פאות זיינען פאַר זיי געווען באַלשעוויקעס. זיי האָבן פאַרשיקט אַ האַלב שטעטל און צוריקגעקומען איז קיין אַכטל אויך נישט. דאָס איז געווען אַרום 1926. האָט ער מיר דערציילט, אַז איך 1939 איז דער רעשט יידן פון זיין היים געווען פון די ערשטע אויף דעם פייער און פון דער פאַרצווייגטער משפּחה זיינער איז פאַרבליבן זיינס אַ גליד־שוועס־טערקינד, אַ מיידל, וואָס איז יינגער פון אים מיט אַ יאָר זעקס, אָבער ער זעט זי זייער זעלטן, ווייל זי געפינט זיך ערגעץ לעבן ירושלים און איז דערצו אַ רעוויזיאָניסטקע...

— ביי אייך אין דער משפּחה — האָב איך אים געזאָגט — זיינען געווען מזרחים און רעוויזיאָניסטן, פון וואַנען האָט זיך צו אייך גענומען אַ השומרניק?

ער האָט מיר געענטפערט שווייגנדיק און איך האָב טאַקע נישט פאַר־

שטאַנען, וואָס ער וויל מיר זאָגן. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און איך האָב זיך דערוווסט. ער איז שוין געהאַט געווען נאָך לינקער ווי אַ השומרניק. ער האָט געהערט צו משה סנֶהס חברה, אָבער ווען יענע זיינען אַוועק ביז צו כרושטשעוון, איז אים דאָרט געוואָרן קאַלט. אייניקע פון זיין משפחה האָבן די רוסן ליקווידירט, כאָטש די רומענער האָבן די מערסטע פאַרפייניקט אַלס „באָלשעוויקעס"... און אויף דעם אויער האָט ער מיר געזאָגט, אַז אים ציט איצטער אַביסל צו הפועל המזרחי.

און ער קען מיר נישט גאַראַנטירן, אַז ער וועט נישט אַוועק אין אַ פרומען קיבוץ אַריין. ער האָט מיר דאָס דאָזיקע פאַרטרויט נאָך דעם, וואָס ער האָט זיך דערוווסט, אַז איך בין אינגאַנצן אַן אומפּאַרטייאישער און אַז איך האַלט נישט די פרומע חלוצים פאַר קיין... פּאַשיסטן.

— וואָס ציט אייך צו די פרומע? די געדאַנקען האָבן זיך ביי אייך געביטן?

— ניין! די געדאַנקען זיינען, דאַכט מיר, די זעלביקע, ווי איידער איך בין נאָכגעגאַנגען סנהן, אָבער די געפילן...

— וואָס פאַר אַ געפילן?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: מיין טאַטע ציט מיך. ער הייסט מיר ווערן אַזוי ווי ער.

— ער איז געווען אַ מזרחי?

— יאָ! ער האָט געטראָגן אַ קליין בלאָנד בערדל און אַ יאַרמעלקע. און ער מאָנט ביי מיר, אַז איך זאָל אויסזען פּונקט ווי ער. ציט מיך אַזוי, אַז איך שלאָף נישט דורך די נעכט.

— גייט מען אַוועק אַהין!

— האָב איך מורא, אַז דאָרט וועל איך אויך נישט קענען בלייבן. איך בין דאָך נישט קיין פרומער. איך ווייס גאָרנישט, צי איך וועל קענען דאַווענען... און אַז איך וועל שוין יאָ דאַווענען, וועט מען מיך סיי ווי כאַפּן. מען וועט זען אין מיין גאַנצער אויפפירונג, אַז איך בין נישט פרום.

ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אים עפּעס דערציילן וועגן זיין פעטער און איך האָב אים דערציילט. אייניקע פּרטים האָבן אים אַזוי גערירט, אַז ער האָט מיך געכאַפּט קושן. איבערהויפּט האָט אים גערירט, ווען איך האָב אים דערציילט, אַז זיין פעטער פלעגט שטענדיק אונטערזינגען שאול טשערניכאָווסקיס אַ וויג־ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „נמשו צללים, דום צפרים" און ער האָט שטאַרק באַטאָנט די

ווערטער: „אל מצללי אופל תגור, אתך הן אָנכי״ — זאָלסט נישט מורא האָבן פאַר די שאָטנס פון דער פינצטערניש, איך בין דאָך מיט דיר... דאָס שטעטל איז דאָך געווען אַזאַ שלימזלדיקס, אַז פינצטערע שאָטנס האָבן דאָס שטענדיק אַרומגערינגלט...

אַ מאָדנע דיסקוסיע האָט זיך פאַרקאָכט צווישן אונדז, ווען איך האָב אים דערציילט, אַז ווען איך בין געווען צום לעצטן מאָל ביי זיין פעטער, איז אין שטוב געווען אַ יינגל פון אַ יאָר נײַן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער פעטער האָט שוין דעמאָלט געהאַט גרויסע קינדער, וואָס קיינס פון זיי איז נישט געווען אין דער היים. זיי זיינען אַלע אַוועק קיין בוקאַרעשט און קיין יאַסי. איך האָב געדענקט, אַז ס׳איז פאָרט געווען אַ קליין יינגל. אים איז איינגעפאַלן, אַז ער איז דאָס געווען און ער האָט מיר געזאָגט:

— אפשר געדענקט איר עפּעס וועגן יענעם יינגל?

— איך געדענק, אַז ער איז געווען אַ גרויסער עקשן.

— אין וואָס איז באַשטאַנען זיין עקשנות?

— אַז ער האָט עפּעס געוואָלט, האָט מען אים געמוזט געבן.

— און אַז מען האָט אים נישט געגעבן?

— האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און זיך גע־שלאָגן מיטן קאָפּ אין האַלץ אַריין און זיך אָנגעשלאָגן באַלן אויף דעם שטערן. ער האָט געהאַט קיילעכדיקע באַלן אין די ווינקלען.

ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר. ער איז עס געווען יענער עקשן. ער איז עס געווען דער איינציקער עקשן אין דער משפחה, וואָס האָט זיך געקלאַפּט מיטן קאָפּ אין דער פּאָדלאָגע. ער האָט מיר געוויזן, אַז די ווינקלען פון זיין שטערן האָבן סימנים פון קלעפּ, וואָס ער האָט זיך אַליין דערלאַנגט קינדערווייז אין זיי... אין צימער ביי מיר איז נישט געווען שטאַרק ליכטיק און ער האָט מיר געהאַלטן אין איין קוקן אין די אויגן אַריין.

— וואָס קוקט איר? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך זוך אין זיי מיין פעטערס בליק.

פּלוצים האָט ער זיך גענומען רייבן די הענט און אַרומגיין איבער דעם חדר און ער איז געבליבן שטיין און אָנגעשטעלט זיינע גרויסע, קיי־לעכדיקע, בלויע אויגן אויף מיר און זיי זיינען געוואָרן נאָך גרעסער און נאָך קיילעכדיקער און נאָך בלויער און ער האָט מיר געזאָגט:

— איר ווייסט? ווען איר וואָלט געטראָגן אַ בערדל און אַ יאַרמעל־קע, וואָלט איך אייך גערופן „אַבא״ (טאַטע).

— איר האָט מיט אייער טאַטן גערעדט העברעיִש?

— צום מיינסטן עברית, אָבער מיר האָבן אויך גערעדט יידיש און רוסיש און רומעניש.

איז וואָס זשע זאָגט איר צו דעם? — האָט ער מיך געפרעגט.

— צו וואָס?

— צו דעם, וואָס איך וואָלט אייך גערופן טאַטע?

— איך וואָלט זייער צופרידן געווען, אָבער זיך פאַרלאָזן אַ בערדל צוליב דעם, וועל איך נישט. דערצו וואָלט איך מיט אַ בערדל אויסגעזען נאָך מער אַנדערש, ווי אייער טאַטע. מיין באָרד וואָלט געווען אַ שווארצע און אייער טאַטע האָט דאָך געהאַט בלאָנדע האָר.

ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין לעבן. קיין ישראל איז ער אָנגעקומען אין 1941. ער איז דעמאָלט אַלט געווען פופצן יאָר. ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען איז צופיל צו דערציילן. ער האָט זיך געלאָזט קיין ארץ, ווען ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט שוין נישט וועמען צו זוכן. און דאָ האָט ער אין 1946 חתונה געהאַט און ער האָט צוויי קינדער. אַ יינגעלע פון אַריבער אַכט יאָר און אַ מיידעלע פון קאַרגע פינף.ביידע האָבן אַזעלכע אויגן ווי זיין משפחה.

— און די פרוי?

— מיט דער פרוי בין איך זיך צעגאַנגען.

איך האָב געשוויגן און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך פרעג אים שווייגנדיק פאַרוואָס. ער האָט נישט געוואַרט און אַליין געענטפערט.

— ווייל איך האָב דערפילט, אַז איך האָב זי מער נישט אַזוי ליב ווי איך האָב זי ליב געהאַט. אָפּנאַרן קען איך נישט. חברים האָבן מיר געוואָלט איינרעדן, אַז איך זאָל בלייבן מיט איר, זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז אַכט יאָר נאָך דער חתונה האָט קיינער נישט אַזוי ליב, ווי פאַר און באַלד נאָך דער חתונה. איך האָב זיי נישט געגלייבט. איך גלייב נישט, אַז מענטשן קענען זיך אַזוי אָפּנאַרן...

איך האָב געשוויגן. האָט ער געפרעגט:

— פאַרוואָס זאָגט איר מיר גאָרנישט?

— איך האָב מורא, אַז וואָס איך זאָל נישט זאָגן, וועט אייך נישט געפעלן, כאָטש איר ווילט מיך רופן „אבא״...

— —

מיר האָבן נאָך דעם געשוויגן אַ גאַנצע שעה. אַ גאַנצע שעה אויף־

דעם זייגער. די שטילקייט פון דרויסן האָט אַרייַנגעשריען אין צימער. מיר האָבן ביידע געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און אַז מיר האָבן זיי געעפנט און געכאַפּט מן הצד אַ קוק איינער אויף דעם אַנדערן, האָבן מיר זיך ווי אָפּגעבריט און אַוועקגענומען די בליקן און ווידער פאַרמאַכט די אויגן.

אין אַ שעה אַרום האָב איך ווידער אָנגעהויבן ריידן מיט אים. ניין, נישט וועגן צעגיין זיך מיט דער פרוי האָב איך גערעדט מיט אים. וועגן ישראל, וועגן ייִדישקייט, וועגן פּסח האָב איך גערעדט מיט אים. עס איז מיר ווידער קלאָר געוואָרן, אַז עס ציט אים צו מזרח, נישט פאַר פרומקייט, נאָר ווייל עס ציט אים צו זיין, אָדער כאָטש אויסזען ווי זיין טאַטע. ער איז דער זעלביקער השומר הצעירדיקער אַפּיקורס, וואָס פריער.

— און אין וואָס באַשטייט אייער ייִדישקייט?

— אָט אין דעם, וואָס איך בין אַ ייִד... אָט אין דעם, וואָס...

טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די גרויסע אויגן און ער האָט נישט געקענט ריידן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געוואָלט זאָגן: אין דעם, וואָס מען האָט זיין משפחה אויסגעהרגעט און ער האָט מיר אונטערגעשטראָכן, אַז א ו י ך אין דעם. אַ ייִד איז ער, ווייל ער איז געבוירן אַ ייִד. אַנדערע געדאַנקען קען מען קריגן, אָבער אַן אַנדער לייב און לעבן, אַן אַנדער האַרץ קען מען נישט אַרייַנשטעלן...

— וואָס פאַר אַ יום טוב האָט איר דאָ בעסער ליב?

— פּסח און דעם יום העצמאות.

— דעם יום העצמאות פאַרשטיי איך, אָבער פּסח פאַרוואָס?

— פּסח איז דאָס זעלביקע, וואָס דער יום העצמאות. ער איז דער סאַמע ערשטער יום העצמאות, דאָס ערשטע דערוואַכן ווי ייִדן, וואָס שטרעבן צו פרייהייט. איר אַלע, וואָס לעבט דאָרט אין גלות... זייט נישט ברוגז, וואָס איך זאָג דאָס אייך... איר קענט דאָך אַפילו רעכט נישט וויסן, וואָס ס'איז אַזוינס פּסח... דאָ פילט מען ריכטיק פּסח... דאָ...

מיר האָבן ווידער לאַנג געשוויגן. אפשר נאָך לענגער ווי פריער. און ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו ריידן. ער האָט געזאָגט:

— דאָרטן אַ — ער האָט אָנגעוויזן צו דער גרענעץ מיט מצרים — זיינען זיי דאָך... די זעלביקע, וואָס אין פּרעהס צייט. זיי האָבן דעמאָלט אונדז נישט געוואָלט באַפרייען און איצט ווילן זיי אונדז נישט לאָזן לעבן.

— זיי?

— נישט אַלע.... אַניט ווייסן אַלע, וואָס עס טוט זיך מיט זיי? איי־נער, וואָס האָט געציילטע צו זיך. ג ע צ יי ל ט ע הונדערטער, העכסטנס טויזנטער. קיין מיליאָנען נישט. און עס וועט מוזן זיין, אַזוי ווי עס איז געווען דעמאָלט. אַנדערש קאָן דאָס נישט זיין. עס קען נישט זיין בעסער און שענער און ריכטיקער ווי עס איז באַשריבן אין חומש... נאָר אַזוי וועט עס מוזן זיין! פונקט אַזוי וועט עס מוזן זיין. פונקט ווי אין דער פּרשה בשלח...

דער גלאָק פון קיבוץ האָט אויפגעוועקט אַ שטיק נגב און גערופן צו דער אַרבעט. צו דער אַרבעט, וואָס איז מלחמה און צו דער מלחמה, וואָס איז אַרבעט...

דריי מאָמענטן — דריי עיקרים

אין נאָרד אַמעריקע פרעגט מען געוויינלעך אַ גאַסט ווי אים געפעלט דאָס לאַנד. אין ישראל פרעגט מען אים, ווי ער פילט זיך.

...און ווען מען האָט מיך ווייסיך צום וויפלטן מאָל געפרעגט ווי איך פיל זיך אין ישראל, האָב איך געענטפערט:

— דער קאָפּ גייט מיר אויף רעדער.

און מען האָט מיך באַלד פאַרשטאַנען. געוווּסט האָט מען, אַז באַלד ווי איך בין געקומען קיין תל אביב און ירושלים, בין איך אַ סך מאָל „פאַרשוווּנדן" ווייל כ'בין געפאָרן קוקן. געפאָרן ביז די ווייטסטע פונקטן אין דרום — סדום און אילת — געפאָרן ביז אין ווייטסטן פונקט אין צפון — מטולה — געפאָרן קיין מערב ביז ירושלים, געפאָרן קיין מערב ביז עכו און נהריה. געפאָרן אין קיבוצים, מושבים און אין שטעט, שטעטלעך און דערפער; געפאָרן קוקן אַלערליי אַגראַר-ווירטשאַפטן, פאַבריקן, געפאָרן ביים שיין פון דער זון און אויך ביים שיין פון דער לבנה און די שטערן (אַזוי לאַנג מען האָט געלאָזט), געפאָרן אין ערטער ווו עס איז שטענדיק רו:ק און אין ערטער ווו עס איז געווען אַ רגע פריער אומרו:ק און אין ערטער, ווו מען האָט געשאָסן אַ רגע נאָך דעם, וואָס איך בין אוועק פון דאָרט. האָט מען פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך זאָג, אַז דער קאָפּ גייט מיר אויף רעדער. ווען מען זיצט 40 פון 72 שעה אויף דעם אויטאָ, דרייט זיך די גאַנצע וועלט אויך ווען די פיס גייען אויף דער ערד, אָדער ליגן אויף דעם געלעגער.

און אויך איצטער, ווען איך אָרדן מיך איין אין מוח דעם סדר פון די איינדרוקן און איך זע ווידער גייסטיק, אויב מ'קען אַזוי זאָגן, דאָס דאָזיקע, וואָס איך האָב פריער געזען פיזיש, דאַכט זיך מיר נאָך אַלץ, אַז איך פאָר. עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ איניינעם מיט דעם הימל, וואָס איך זע דורך דעם פענצטער און די שטיינערנע פאָדלאָגע, וואָס איך האָב אונטער די פיס. עס דרייט זיך מיר דאָס פאַפּיר, אויף וועלכן איך שרייב און די פעדער, וואָס איך האַלט אין דער האַנט און די האַנט אַליין דרייט זיך מיר אויך. עס דרייען זיך מיר די בערג און די טאָלן, וואָס איך וויל

באַשרייבן, די וואַדיס (ווינטער־טייכן), די אַלערליי ווירטשאַפטן, די סטראַטעגישע פּונקטן. און איך האָב עס געלאָזט דרייען. אַ קיימא לן פון דריי וואָכן האָב איך נישט געשריבן. זייט איך בין אַ שרייבער ביי יידן האָב איך אַזוי לאַנג נישט אָפּגערוט די פּעדער און די שרייבמאַשין ווי איצטער.

און פּלוצים האָב איך באַשלאָסן, אַז איך שטעל אָפּ דעם קאָפּ־דריי. איך נעם אָן דעם קאָפּ מיינעם מיטביידע הענט און איך באַפעל אים:

— דריי זיך מער נישט. טאַקע ווייטער אויף רעדער, אָבער דריי זיך נישט. וואָס די אויגן האָבן דיר געוויזן און וואָס דאָס האַרץ האָט דיר געפילט און וואָס דו האָסט געטראַכט וועגן דעם אַלעמען, וועסטו אַרויסלייגן אויף דעם פּאַפּיר.

— פאַרוואָס פּלוצים?

— דריי מאָמענטן; מאָמענט נומער איינס. איך בין צוגעקומען מיטן אויטאָ, וואָס פירט מיך אַרום, ביז דעם ווייטסטן פּונקט אין צפון — מ ט ו ל ה (מעטולאַ), ווו עס איז אָנגעשריבן, אַז ווייטער פאָרט מען ניט, ווייל ס׳איז די גרענעץ. איין שפּאַן ווייטער און ס׳איז לבנון.

מאָמענט צוויי: איך בין אָנגעקומען אין אַ פּלאַץ אין צפון, ווו מען האָט פריער אַביסל געשאָסן. טאַקע נישט מער ווי מיט צוויי שעה. און דאָרט איז פאָרגעקומען אַזאַ דיאַלאָג צווישן מיר און איינעם, וואָס איז געווען אויף דעם פּלאַץ:

— מה קרה?

— ירו.

— על מי?

— על מכונית.

— ומה?

— כלום.

די דאָזיקע צוויי, וואָס זיינען געפאָרן מיט מיר אינאיינעם, וואָס קענען נישט קיין העברעיש, האָבן געמיינט, אַז מען האָט מיר געזאָגט ווער ווייסט וואָס און איך האָב זיי קוים געקענט איבערצייגן, אַז מען האָט געשאָסן אויף אַן אויטאָ און אַז ס׳איז גאָרנישט געשען.

מאָמענט דריי: פּאַדאַינס, עגיפּטישע מערדער־זעלבסטמערדער האָבן זיך אַריינגעשמוגלט ביז אַ דאָרף און האָבן געשאָסן אויף פרויען און קינדער, האָבן געשאָסן אויף אַ קינדער־שול, אויף אַ שול צום דאַווענען. איך

בין דאָרט געווען אַ שעה נאָך דער געשעעניש. איך האָב נאָך געטראָפן הייס בלוט. אַלץ איז פול געווען מיט טרויער און טרערן. קיין שרעק האָב איך נישט געפילט.

אין די אַלע דריי מאָמענטן איז פאַראַן אַן עיקר פון ישראל: 1) דער סוף פון לאַנד איז מיט; 2) מען שיסט און מען טרעפט נישט; 3) אַז מען טרעפט, שרעקט מען זיך אַלץ נישט.

דאַרף מען אָנהייבן דערציילן.

לאָמיר אָנהייבן מיט סדום

— וואָס ווילט איר זען אין ישראל?

די דאָזיקע פראַגע האָט מיר געשטעלט איינער פון די אָנפירער פון לאַטיין אַמעריקאַנער דעפּאַרטאַמענט ביי דער יידישער אַגענץ. איך האָב אים געענטפערט:

— איך בין צום דריטן מאָל אין דער יידישער מדינה. צום צווייטן מאָל האָב איך פאַרלאָזט ישראל אין יוני 1949. איצטער איז אַפּריל 1956. איך פעל פון דאַנען קנאַפּע 7 יאָר. וויל איך זען דעם צוווּקס פון דער מדינה פאַר אָט דער צייט.

— וואָס עס איז צוגעקומען — האָט מיר דער דערמאָנטער געזאָגט — ווייסט איר דאָך: נאָכאַמאָל אַזויפיל יידן וויפל עס זיינען געווען ביז דעמאָלט און אפשר נאָך מער.

— דאָס דאָזיקע ווייס איך. איך וויל זען, וואָס עס איז צוגעקומען דער מדינה פאַר אָט די נייע הונדערטער טויזנטער צוגעקומענע און טאָקע פאַר דער מדינה אַליין. איך וויל זען די עקאָנאָמישע און די מיליטערישע דערגרייכונגען.

— אויב עס האַנדלט זיך אין ציפערן, שטייען די אָנגעשטעלטע פון ביוראָ צו אייער דיספּאָזיציע.

— ציפערן זאָגן אַמאָל יאָ דעם אמת און אַמאָל נישט. איך געהער אָבער נישט צו די דאָזיקע, וואָס אָפּערירן מיט ציפערן. דאָס דאָזיקע לאָז איך פאַר מיין אַלטן פריינט און קאָלעגע יעקב לעשטשינסקי. איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך וויל זען. דאָס דאָזיקע, וואָס איך זע אַליין, איבער־צייגט מיך.

— און די לייענער?

— איך וויל גלויבן, אַז דאָס דאָזיקע, וואָס איך זע, קען איך אַזוי ווייזן מיינע לייענער, אַז עס זאָל זיי איבערצייגן.

— מיט וואָס זשע ווילט איר אָנהייבן?

— מיט אַלצדינג איינעם קען מען דאָך נישט אָנהייבן, טאָ זאָל זיין מיט וואָס עס לאָזט זיך גאָר. עס קען אַפילו זיין מיט — סדום!

פאַרוואָס איך האָב גראָד אַרויסגערעדט אָט דעם נאָמען, ווייס איך עד היום נישט. אפשר איז דאָס געווען, ווייל מיין טייערער חבר, דער דיכטער אברהם סוצקעווער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד, וואָס האָט זיך אין אוראַלטער אויסגעצייכנט מיט די גרעסטע רשעים, האָט היינט קיין איין רשע נישט. אפשר האָט זיך מיר געוואָלט זען אַ געגנט, וואָס איז מיר פון קינדווייז אָן באַקאַנט און איך האָב עס אין דער פאַנ־טאַזיע געזען צענדליקער יאָרן בפועל ממש. עס איז מסתמא געווען אויך דערפאַר, ווייל איך ווייס, אַז סדום האָט איינעם פון די סאַמע ערגסטע קלימאַטן אין דער וועלט. עס געפינט זיך קנאַפּע 400 מעטער אונטער דעם ניוואָ פון מיטלענדישן ים. די לופט איז דאָרט מוראדיק הייס און נאַס. עס איז דאָרט מוראדיק שווער צו אַרבעטן און איך האָב געוואָלט זען ווי אַזוי מען אַרבעט דאָרט און ווי אַזוי עס זעען אויס די מענטשן, וועלכע פּראַצעווען אין אַזאַ קלימאַט.

זיינען מיר געפאָרן קיין סדום. נישט מיט דער קליינער באַן אויף דער שמאָלער ליניע, וואָס פירט אַהין די אַרבעטער, זיינען מיר געפאָרן, נאָר מיט אַן אויטאָ. מיר האָבן געהאַט אַ מין מזל, וואָס איז דאָך נישט געווען קיין מזל. אין סדום איז אַ גאַנץ יאָר הייס. אין יענעם טאָג איז גראָד געווען נישט הייס. עס איז געווען אַזוי קיל, אַז מען האָט נישט גע־דאַרפט אויסטאָן דאָס רעקל. עס איז געווען דער ערשטער טאָג חול המועד פסח. אין ירושלים איז נאָך געווען קיל און איך בין אַרויסגעפאָרן מיט אַ לייכטן מאַנטל און שטעלט אייך פאָר, אַז ביים אָנקומען קיין סדום. האָב איך אַפילו דעם מאַנטל נישט געדאַרפט אויסטאָן, אַזוי נישט־הייס איז דעמאָלט געווען. מען האָט מיר געזאָגט, אַז אַזאַ טאָג כאַפּט זיך אַרויס איין מאָל אין ווער ווייסט וויפל יאָר. איז דאָס געווען זיכער אַ מזל, ווייל דאָס באַקוקן סדום איז נישט אָנגעקומען שווער. און דאָס שלימזל איז דאָ באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב נישט געקענט זען ווי אַזוי די מענטשן זעען דאָרט אויס בעת דער אַרבעט אין אַ געוויינלעכן טאָג.

אַלע ווייסן פון חומש, אַז די מענטשן פון סדום זיינען געווען שלעכט און זינדיק און גאָט האָט די שטאָט פאַרטיליקט. און ווען מען טוט זיך דערנענטערן צו סדום, הייבט מען אָן פילן, אַז עס הענגט דאָ איבער דעם גאַנצן זיין גאָטס צאָרן. עס איז דאָ אַלץ פול מיט טויט און פאַרוויסטונג. עס איז וויסט די ערד און אַפילו דער הימל זעט אויך אויס וויסט. די ערד איז באַדעקט מיט אַ דיקן שיכט זאַמד, וואָס שמעקט מיט זאַלץ און איז

געזאָלצן. אַ שפּאַר שטיק צייט איידער מען קומט אָן קיין סדום, זעט מען נישט קיין איין לעבעדיק באַשעפעניש. נישט פאַראַן קיין פויגל אין הימל, נישט פאַראַן קיין בהמה, קיין חיה און אַפילו קיין אינסעקט אויף דער ערד. איך האָב מורא, אַז אַפילו אַ שלאַנג אויף אַ שטיין זעט מען דאָרטן נישט.

מיר פאָרן צווישן בערג. פון ביידע זייטן וועג זיינען פאַראַן בערג. זייער זעלטן זעט מען עפּעס אַ מין, וואָס דערמאָנט אין אַ געוויקס, אָדער פלאַנץ. אין גאַנצן גענומען זיינען די בערג נאַקעט. און זיי סטאַרטשען מיט זייער נאַקעטקייט אין נאַקעטן הימל אַריין. זיי זעען אויס העכער, ווי זיי זיינען, די בערג פון סדום, און עס ווייעט פון זיי מיט אַ טויט, וואָס איז שוין אַלט טויזנטער יאָרן. דו פילסט, אַז דאָ איז שוין לאַנג־לאַנג נישט געווען קיין לעבן. און מען קען נישט לייקענען, אַז די שרעקלעכע סדום בערג פאַרמאָגן אין זיך עפּעס מאַיעסטעטישעס. זיי זעען אויס ווי בערג־קעניגן, וואָס זיינען טויט. פאַראַן עפּעס גרויסעס אין דעם פּחד, וואָס ציט זיך פון זיי. זיי זעען אויס ווי פאַנטאַסטישע ריזן, וואָס זיינען גע־ליימט געוואָרן.

איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז עס איז נישט געווען הייס אין יע־נעם טאָג. נאָר קאַלט איז דאָך אויך נישט געווען. אָבער קוקנדיק אויף די וויסטע בערג איז עפּעס קאַלט געוואָרן אין יעדער אבר. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די בערג קרעכצן פאַר טרוקנקייט, אָט ווי עס קרעכצט אַמאָל אַן אַלטער קלאָץ, וואָס איז שוין צעפּוילט פאַר טרוקנקייט.

און אַזוי זיינען מיר אַריינגעקומען מיט דער אומהיימלעכקייט פון די פאַרשאָלטענע בערג אין סאַמע קאָך פון דעם נייעם און מאָדערנעם סדום.

אָט ערשט איז געווען בלויז וויסטקייט און טויט און אָט זיינען מיר אין סאַמע קאָך פון לעבן. עס באַוועגן זיך מענטשן. עס באַוועגן זיך אווי־טאָס און אויטאָבוסן. עס באַוועגט זיך אַ קליינער צוג אויף שמאָלע שי־נעס. עס באַוועגן זיך קליינע שיפלעך אויף דעם ים, וואָס הייסט אי דער געזאָלצענער ים, אי דער טויטער ים, אי דער ים פון סדום און עס באַוועגן זיך מאַשינען. מען הערט אַ רויש און אַ טומל, טאַקע אַ ווילדן ליאַרעם. אַפילו אַ טויבער קען דאָ אויך נאָך מער טויב ווערן. עפּעס, ווי מען וואָלט געוואָלט אַריבערשרייען מיט אַ לעבעדיקן טומל דעם טויט, וואָס האָט דאָ געשוויגן טויזנטער יאָרן.

און אָט הערן מיר סיגנאַלן, וואָס קומען אפשר פון אַ שופר. יעדנ־

פאַלס איז פאַראַן עפּעס אַ מעלדונג אין די דאָזיקע סיגנאַלן. און מיר דער־וויסן זיך באַלד, אַז דאָס פאַרט אַוועק פון סדום דער פּרעזידענט פון דער ייִדישער רעפּובליק, דער נשיא פון מדינת ישראל, יצחק בן צבי. ער איז דאָ געווען מיט זיין פרוי צום סדר. איך דערוויס זיך באַלד די סיבה פאַר־וואָס ער האָט דעם דאָזיקן גרויסן יום־טובדיקן מאָמענט געפּראַוועט אין סדום. די אַרבעט אַרום פּאַטאַש און אַרום די אַנדערע שטאָפן וואָס מען קריגט אַרויס פון דעם טויטן ים, קען קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט ווערן. די יונגע חברה וואָס אַרבעטן אין סדום קענען נישט אַהיימפאָרן אויף פּסח צו זייערע עלטערן. נו, איז דער נשיא, דער פאָטער פון לאַנד געפאָרן פּראַ־ווען דעם סדר אינאיינעם מיט די יאַטן, וואָס אַרבעטן אין די שווערסטע קלימאַטערישע באַדינגונגען לטובת דער מדינה.

אַלע ווייסן, אַז די הגדה, וואָס מען זאָגט ביים סדר, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „עבדים היינו" — קנעכט זיינען מיר געווען. די חברה אַרבעט אין סדום אפשר שווערער ווי עס אַרבעטן פאַרשיקטע אויף די קאַטאָרגעס, אָבער ווי קיין קנעכט פילן זיי זיך נישט. זיי פילן זיך מסתמא מער ווי פרייע מענטשן, איידער עס פילן זיך אין די פרייסטע לענדער פון דער וועלט ייִדן, וואָס פּראַווען די סדרים אין פּאַלאַצן.

דער פּרעזידענט איז אַוועקגעפאָרן. הונדערטער יאַטן האָבן נאָכגע־קוקט מיט פאַרבענקטע אויגן דעם אויטאָ, וואָס איז מיט אים פאַרשוווּנדן. און מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין דעם דאָזיקן קליינעם לאַנד, וואָס איז אַמאָל באַשטאַנען פון גאַנצע פינף לענדער און וואָס האָבן געהאַט פינף מלכים, וועלכע האָבן געפירט מלחמות פאַר זייערע „געבענטשטע" לענ־דער נאָך אין די צייטן פון אברהם אבינו.

דעם טויטן ים קען איך פון חומש און פון דער גמרא. איך ווייס, אַז ער איז דער נידעריקסטער ים אין דער וועלט. זיינע וואַסערן ווערן כסדר אויסגעדעמפּט און ווערן פאַרוואַנדלט אין זאַלץ און אין וואַלקן. פאַראַן אין דער נאָענט עטלעכע זאַלץ־בערג. אויף איינעם פון זיי איז פאַראַן אַ טייל, וואָס זעט אויס גענוי ווי אַ פרויען פיגור, און מען זאָגט, אַז דאָס איז לוטס פרוי. מען ווייסט דאָך, אַז אברהם אבינוס פּלימעניק לוט איז געווען אין סדום, בעת גאָט האָט געוואָלט פאַרטיליקן די דאָזיקע זינדיקע שטאָט און ער האָט געשיקט מלאכים, אַז זיי זאָלן אים אַרויסראַטעווען אינאיינעם מיט זיין משפּחה. מען האָט אָנגעזאָגט די געראַטעוועטע, אַז זיי טאָרן זיך נישט אומקוקן, אָבער די דערמאָנטע פרוי האָט נישט געקענט

באַהערשן איר נייגעריקייט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ און איז געוואָרן אַ באַרג זאַלץ. און דער דאָזיקער באַרג שטייט עד היום אויף אַן אַנגע־זעענעם פּלאַץ. און ווען דער שאָפער, וואָס פירט אייך אַריין קיין סדום, איז אין גוטן מוט ביים אָנקומען, זאָגט ער אייך:

— באַקענט אייך מיט מאַדאַם לוט.

די וואָלקנס, וואָס קומען אַרויס פון דעם אויסגעדעמפטן וואַסער, פליען אַוועק, אָבער אַ טייל פון זיי בלייבט איבער דעם וואַסער ווי עפּעס אַ דינער רויך.

ווערליק דער היץ און דער נידעריקייט פון סדום וואָלט דער דאָזי־קער ים שוין לאַנג געווען געדאַרפט פאַרשווינדן. זיינע וואַסערן וואָלטן שוין זייט לאַנג געדאַרפט אויסטריקנט ווערן. באַשערט אָבער גאָט די רפואה פאַר דער מכה. טאַקע ווייל סדום איז אַזוי נידעריק, ווערט דער ים אָנגעפילט מיט וואַסערן, וואָס נידערן אַראָפּ צו אים פון דעם ירדן און אַנדערע טייכן. יעדן טאָג באַקומט אַריין דער קליינער טויטער ים מיליאָ־נען און מיליאָנען ליטער וואַסער פון אויבן און דאָס דאָזיקע ראַטעוועט אים פון אונטערגאַנג.

דער געזאַלצענער ים האָט די געדיכטסטע וואַסער אין דער וועלט. דאָס וואַסער איז אַזוי שווער, אַז אַ מענטש מוז זיך האַלטן אויף איר אוי־בערפלאַך. דער שווערסטער מענטש איז אַלץ לייכטער פון אָט דעם וואַ־סער. איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אַמאָל געלערנט אין דער גמרא, אַז אין ים פון סדום איז נאָך קיינמאָל קיין מענטש נישט דערטרונקען גע־וואָרן. איינער פון די רוימישע גענעראַלן, וואָס איז געווען אין סדום נאָך דעם צווייטן חורבן, זאָל געווען האָבן אַריינגעוואָרפן געבונדענע סאָלדאָטן אין דעם דאָזיקן ים און קיין איינער פון זיי איז נישט דערטרונקען גע־וואָרן.

און טאַקע ווייל דער טויטער ים געפינט זיך אַזוי נידעריק איז ער אַזוי רייך אין פאַרשידענע שטאָפן. פון אַלע ימען אין דער וועלט נידערן אַראָפּ צו אים די שווערערע טיילן פון וואַסער. אַלע פעטקייטן פון אַלע ימען נידערן אַראָפּ אין דעם געזאַלצענעם ים. פּאָטאַש איז נישט דער איינציקער שטאָף, וואָס איז דאָרט פאַראַן אומגעהייער אַ סך. פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע שטאָפן. דער הויפּט־פּראָדוקט איז פּאָטאַש. פאַראַן פון אָט דעם שטאָף וואָס גייט איבערהויפּט אויף צו באַמיסטיקן פעלדער, גענוג אויף צו באַמיסטיקן אַ שטיק וועלט. בכדי די ערד זאָל פּראָדוצירן, מוז זי

באַמיסטיקט ווערן, אָבער דער פּאַטאַש, וואָס קומט פון סדום איז דער פּראָדוקט פון ריינער און ערלעכער אַרבעט. ער איז דער פּראָדוקט אפשר פון דער שווערסטער מענטשלעכער פּראַצע.

איינער אַ ייִד, אַ מיטלוויקסיקער, אַ בלאָנדלעכער, וואָס זיין פּנים איז שוואַרץ ווי קויל פון דער זון און וואָס רעדט עד היום אַ זאַפטיקן ליט־ווישן ייִדיש, איז דער הויפּט־פּאַרוואַלטער פון דעם „מ פ ע ל ־ ס ד ו ם" — סדום געווערק — און ער איז מיר גרייט געווען צו געבן אַ ים מיט דאַטן און ציפערן וועגן דער פּראָדוקציע פון סדום. איך האָב געפילט, אַז דאָס איז נישט נייטיק. איך האָב געזען די באַוועגונג פון די מאַשינען, פון די שיפלעך און באַרזשעס און איבערהויפּט האָב איך געזען די אָנגע־שטרענגטע אַרבעט פון דער חברה. עס איז טאַקע נישט געווען הייס אין יענעם טאָג, אָבער נעכטן איז יאָ געווען הייס און מאָרגן האָט ווידער גע־דאַרפט ווערן הייס. מען האָט געזען ווי שטאַרק מען דאַרף זיך אָנשטרענ־גען אויף צו קענען אַרבעטן דאָרט. מען האָט מיר געזאָגט, אַז די דאָזיקע וואָס אַרבעטן דאָ עטלעכע חדשים, מוזן דערנאָך רוען נאָך מער צייט וויפל זיי האָבן געאַרבעט. דאָך האָב איך נישט געזען קיין מידקייט ביי זיי. עס האָט ממש געזונגען פון זיי. עס האָט זיך געפילט אַז אינײנעם מיט דעם שוויס, וואָס קומט אַרויס פון זייערע קערפּערס, קומט אַרויס אויך אַ געזאַנג. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די טויטע בערג זינגען. זיי באַזינגען די ווונדערלעכע מענטשלעכע אַרבעט, וואָס זיי האָבן אין משך פון הונדערטער דורות נישט געזען. און אפשר זעען זיי צום ערשטן מאָל ווי מענטשן אַרבעטן. אין די אַלטע צייטן האָבן מסתמא די רשעים געלעבט פון זייער רשעות. יאָ, עס איז ריכטיק: אין אַלטן סדום זיינען נישט געווען קיין צען צדיקים. אין דעם היינטיקן סדום איז נישטאָ קיין איין רשע.

מיר האָבן באַקוקט דעם ים אַליין, די מאַשינען, די שיפלעך, די וועגן, די באַוועגונג. דער ים האָט אונדז אויסגעזען צו זיין ווי נישט פון וואַסער נאָר פון עפּעס אַ געדיכטן שטאָף. דער גאַנצער אַרום איז געווען ממש אַ בינשטאָק. און די בינשטאָקיקייט פון סדום איז פאַרטאָפּלט געוואָרן צו־ליב דעם, וואָס עס זיינען אָנגעקומען עטלעכע אויטאָבוסן מיט טוריסטן. די ישראל איינוווינער לאָזן נישט איבער דאָס באַקוקן דאָס לאַנד בלויז צו אויסלענדער. זיי ווילן דאָס אויך זען. און פּסח איז איינע פון די בעס־טע צייטן פאַר דעם אינלענדישן טוריזם. און אינײנעם מיט די עטלעכע

אויטאָס, וואָס האָבן געבראַכט אויסלענדער, זיינען געקומען מסתמא אַ פּאָר טויזנט אַרטיקע מענטשן פון בײדע מינים און פון אַלע עלטערס און זײ האָבן אָנגעפילט די לופט מיט רויש און טומל און מיט אַ ליאַרם פון בײגעריקייט. די אַרטיקע טוריסטן האָבן זיך גרינגלעך באַקענט מיט דער אַרבעט פון דעם „מפעל סדום". זײ האָבן דאָס אַזוי באַקוקט, אַז זײ וואָלטן זיך באַלד געקענט שטעלן צו דער אַרבעט און אייניקע פון זײ זיינען געווען גרייט דאָס צו טאָן.

עס איז נאָך געבליבן צו זען די הייל פון סדום. זי האָט אַ וועלט־נאָמען די דאָזיקע הייל. איך האָב שוין געזען אַ סך היילן אין די פּאַר־שידנסטע טײלן פון דער וועלט. מיר איז פאַרבליבן אַ שטאַרקער איינדרוק פון אַ הייל וואָס איך האָב געזען אין דער הויפּטשטאָט פון בראַזיל, אין ריאָ דע זשאַנעיראָ. יענע הייל הייסט „גראָטאַ דאַ פּרענסאַ" (די הייל פון דער פּרעסע) און זי פאַרמאָגט פאַנטאַסטישע פיגורן, אָבער ווייט נישט אַזעלכע, ווי די הייל פון סדום. מיר האָט זיך גענומען דאַכטן, שפּאַנענדיק פאַרזיכטיק אין דער דאָזיקער הייל, אַז איך זע דאָרט די רשעים, וואָס גאָט האָט אַמאָל אומגעבראַכט. מען מוז דאָ גיין פאַרזיכטיק, ווייל דער וועג איז זייער נישט גלייך. הונדערטער פאַקלען האָבן געברענט אין דער הייל. כמעט אַלע יוגנטלעכע האָבן געהאַט ברענענדיקע פאַקלען. און דאָך איז די הייל געבליבן פינצטער. עס איז פאַרגעקומען אַ געראַנגל צווישן אַ געדיכטער פינצטערניש און טוקנדיקע פייערן. און די פינצטערניש איז געווען שטאַרקער. די וועגווייזער האָבן דערקלערט אין עטלעכע שפּראַכן פאַרשידענע ערטער פון דער הייל, אָבער קיינער האָט זיי רעכט נישט געהערט. יעדער האָט סיי ווי אַליין באַנומען דעם דאָזיקן פענאָמען, וואָס געפינט זיך אין אַ געגנט, וואָס איז אינגאַנצן אַ פענאָמען. צוויי דריטל פון סדום געהער צו ישראל און לערך אַ דריטל צו יאַרדאַניע און געהאַט האָב איך דאָס געפיל, אַז גייענדיק אין דער הייל, געפין איך זיך אין אַ פיינטלעכן לאַנד און עס קוקן אויף מיר סטראַשידלעס און פאַנטאַסטישע באַשעפענישן.

דאָס שענסטע אין דער הייל פון סדום איז דאָס פּלאַץ, וווּ די „סטע־ליע" פאַרשווינדט און מען דערזעט דעם הימל. האַרט פאַר דעם אַרויסגיין האָט די הייל אַן אָפן פּלאַץ און מען זעט דורך דעם די קיילעכדיקע בלויע יאַרמעלקע. און עס איז געוואָרן אומגעהייער לייכט אויפן האַרצן, ווען מיר האָבן פלוצים דערפילט די פרייע לופט און דערזען דעם פרייען הימל.

פריער האָט מיר דער הימל דאָ אויסגעוויזן צו זיין אַ טויטער, איצטער איז ער געוואָרן לעבעדיק. ער האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַזוי לויטער און לעבעדיק ווי דער הימל פון אַלע אַנדערע טיילן פון ישראל.

חברה איז אַרויס מיט אַ געזאַנג פון דער הייל פון סדום און עס האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז מען זאָל זיך שטעלן טאַנצן אַ הוירע. פאַקטיש זיינען אַלעמענס באַוועגונגען ביים אַרויסגיין פון דער הייל געווען ווי פון אַ טאַנץ.

...און אָט פאַרלאָזן מיר סדום. דאָס סדום פון די אַמאַליקע רשעים און די היינטיקע צדיקים. אונדזער אויטאָ פאָרט ווידעראַמאָל אויף דעם זעלביקן כביש — שליאַך — וואָס ציט זיך צווישן די מאַיעסטעטישע בערג פון טויט און אין די אויערן האָבן מיר געקלונגען די ווערטער פון חומש: „די זון איז געווען אויפגעגאַנגען אויף דער ערד... און גאָט האָט געמאַכט רעגענען אויף סדום און אויף עמורה שוועבל און פייער... און ער האָט איבערגעקערט די דאָזיקע שטעט און די גאַנצע געגנט און אַלע באַוווינער פון די שטעט און די שפּראָצן פון דער ערד״. און איך האָב זיך געקלערט: גאָט האָט דאָ אַלץ איבערגעקערט אויף אַראָפּ און איצטער קומען יידן און קערן דאָס אַלץ צוריק אויף אַרויף. גאָט האָט געבראַכט פאַרוויסטונג און טויט. יידן ברענגען בלי̈ונג און לעבן.

אילת — אַ בלײַענדיק ווינקל אין מדבר און נאָך עפּעס

— און נאָך סדום וווהין?

— ווענדליק איך פאַרשטיי דאַרף נאָך סדום קומען אילת. פּאַקטיש הייסט דאָך סיי דער געגנט, ווו עס געפינט זיך סדום און סיי די געגנט ווו עס געפינט זיך אילת: ערבה (מדבר).

— פאַקטיש איז דאָס אַזוי. די געגנט מיטן נאָמען ערבה הייבט זיך אָן ביים ים המלח, ביי סדום און גייט אַוועק ווייטער קיין דרום, אָבער אָפיציעל הייסט סדום די געגנט פון ים המלח, אָדער פשוט „סדום" און די געגנט, ווו אילת געפינט זיך ווערט אויך אָפיציעל גערופן ערבה.

— דער צד השווה צווישןביידע איז, וואָס ביידע געפינען זיך אין מדבר און ביידע וויל ישראל אויפבויען. איז לאָגיש, אַז נאָך סדום זאָל אונדזער וועג פירן קיין אילת.

— פאָרן קיין אילת מיט אַן אויטאָ איז ווייטלעך. מען קען אַהין פליען. דאָס פליען האָט אָבער דעם חסרון, וואָס מען זעט אַלצדינג בלויז פון פייגל־פלי.

— וואָס איז דאָ צו זען אויף דעם וועג?

— אַ גרויסן טייל פון נגב.

— דעם נגב וועלן מיר סיי ווי זען און טאַקע וואָס מער.

— וואָס ווייסט איר וועגן אילת?

— וועגן אַמאָליקן אילת ווייס איך זייער אַ סך. דער דאָזיקער נאָמען ווערט שטענדיק דערמאָנט אין תנ"ך אינאיינעם מיט עציון גבר. שוין אין חומש ווערט געזאָגט, אַז ווען מען איז געגאַנגען אין דער מדבר פערציק יאָר איז מען געגאַנגען דורך דעם ערבה־וועג פון אילת און פון עציון גבר.

ווען מיר זיינען געזעסן אין עראָפּלאַן, וואָס פליט כמעט איבער דעם גאַנצן נגב, קיין אילת, האָב איך באַוויזן צו קריגן נאָך אינפאָרמאַציע וועגן דעם גאַנצן אַרום די שטאָט. אילת געפינט זיך ביי דער בוכטע, וואָס טראָגט דעם נאָמען אַקאַבאַ און איז דער שפּיץ פון מזרחדיקן טייל פון רויטן ים, וואָס הייסט אין חומש ים־סוף. זעקס קילאָמעטער ברעג פון אָט דער בוכ־

טע געהער צו יאָרדאַניע. דער איבעריקער מזרח־ברעג פון רויטן ים געהער צו סאַודי אַראַביע. און דאָרטן געפינט זיך דאָס דאָזיקע לאַנד, וואָס האָט אַמאָל געהייסן מדין, ווו עס האָט געוווינט משה רבינוס שווער יתרו. דאָרט האָט זיך משה רבינו פאַרליבט און חתונה געהאט. דער מערב־טייל פון דעם רויטן ים געהער די עגיפּטער און איז די סועץ־געגנט, דאָרט געפינט זיך די שטאָט סועץ און דער סועץ־קאַנאַל. ערגעץ דאָרט נישט ווייט זיינען די ייִדן אַריבערגע־גאַנגען דעם ים־סוף, וואָס משה רבינו האָט פאַר זיי געשפּאָלטן. אָט ווי מיר זעען געפינט זיך אילת אָן דער סאַמע מיט וועלט... די גאַנצע בוכטע אַקאַבאַ האָט ערטערווייז 14 קילאָ־מעטער אין דער ברייט. ער איז אויך זייער טיף. זיין טיפקייט גרייכט ביז טויזנט מעטער.

דורך דעם פענצטער פון דעם עראָפּלאַן האָבן מיר געזען קיבוצים. אין אייניקע ערטער זעט שוין דער נגב אויס נישקשהדיק באַזעצט, אין די מערסטע ערטער איז ער נאָך גאַנץ וויסט. מיר זיינען שוין געווען גאַנץ נאָענט צו אילת, ווען מען האָט אונדז אָנגעוויזן אויף אַ באַזעצט פּינטל, וואָס זאָל זיין שדה בוקר, ווו בן־גוריון וווינט זייט דעמאָלט, ווען ער איז אַ שטיקל צייט נישט געווען פּרעמיער מיניסטער.

פליענדיק אַזוי האָב איך זיך דערמאָנט פאַרשידענע זאַכן וועגן אילת, וואָס איז דער וויטסטער פּונקט אין דרום פון ישראל. פון דעם וויטסטן פּונקט אין צפון, פון מטולה, איז פאַראַן 450 קילאָמעטער אין דער לופט. ייִדן האָבן דאָ געלעבט אין די פאַרשידנסטע צייטן. אין די צייטן פון שלמה המלך זיינען אילת און עציון גבר געווען גרויסע פּאָרט־שטעט. עס ווערט דערציילט, אַז אין יאָר 630, צוויי יאָר פאַר דעם טויט פון מאַ־האַמעד, דעם נביא פון איסלאַם, האָבן די אַראַבער פאַרנומען אילת און געשאָנקען דאָס לעבן די ייִדישע איינוווינער פון אָט דער שטאָט, וועלכע האָבן אום שבת נישט געוואָלט גיין אויף פיש־פאַנג. איך האָב זיך אויך דערמאָנט, אַז דאָ איז פאַראַן קופּער. נאָך אין חומש ווערט געזאָגט וועגן יענער געגנט, אַז דאָס איז „אַ לאַנד, וואָס אירע שטיינער זיינען אייזן און פון אירע בערג וועסטו האַקן קופּער". פּראָפעסאָר נעלסאָן גליק, דער באַוווסטער נאָרד־אַמעריקאַנער ייִדישער אַרכעאָלאָג, האָט דאָ געהאָלפן געפינען קופּער־מינען. איך האָב זיך אויך דערמאָנט אַז נישט ווייט פון אילת איז דאָס לאַנד שעיר, אָדער אדום, ווו עס האָבן אַמאָל געלעבט די קינדער פון אונדזער פעטער עשיו. ביז צוריק מיט אַ צייט זיינען אין

יענער געגנט קיין ייִדישע ישובים אינגאַנצן נישט געווען. אַראַבישע זיי־נען אויך נישט געווען מער ווי צוויי. איינער פון זיי איז עקבה (אַקאַבאַ), אַ טראַנסיאָרדאַניש דאָרף. אין דעם ערשטן פּלאַן וועגן דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל האָט אילת נישט געדאַרפט געהערן צו מדינת ישראל. עס האָט געדאַרפט קומען אַ פּערזענלעכער אינטערווענץ פון פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן ע״ה ביי דעם נאָרד־אַמעריקאַנער פּרעזידענט טרומאַן, אַז די דאָזיקע געגנט זאָל געהערן צו דער ייִדישער מדינה.

ביי הערצלען אין זיין אוטאָפּיע „אַלטנייַלאַנד״ ווערט דערציילט, אַז אין אילת איז אויסגעגראָבן געוואָרן אַ נייער קאַנאַל וואָס פאַרבינדט דעם מיטללענדישן ים מיטן רויטן ים. אַלציינס ווי דאָס טוט דער סועץ־קאַנאַל. עס איז געווען אַ צייט, ווען די ענגלענדער האָבן זייער ערנסט געטראַכט צו בויען דאָרט אַזאַ קאַנאַל. דאָס דאָזיקע איז געווען אין יענעם מאָמענט, ווען דער סועץ־קאַנאַל האָט נאָך אינגאַנצן געהערט צו פראַנקרייך. שפּע־טער, ווען דיזראַעלי, דער ייִדישער פּרעמיער פון גרויס־בריטאַניע, האָט מיט דער הילף פון דעם ייִדישן קאַפּיטאַליסט משה מאָנטעפיאָרע אָפּגע־קויפט פאַר דער בריטישער אימפּעריע אַ גרויסן טייל פון די סועץ־אַקציעס, האָט ענגלאַנד שוין מער ניט גערעדט וועגן גראָבן אַ קאַנאַל אין אילת.

די ענגלענדער האָבן אילת צוגענומען ביי די טערקן אין יאָר 1917. אין יאָר 1932 האָבן זיי געמאַכט אילת פאַר אַ געגנט פון טראַנסיאָרדאַ־ניע און זיי האָבן דאָרטן געהאַלטן זייער מיליטערישע באַזע פאַר דעם סועץ. ווען איך שרייב איצטער אָט־אָ־די שורות, האַלט עס נישט ווייט פון דעם, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך זאָלן פאַרלירן יעדע מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן כאָטש טיילווייז דעם סועץ־קאַנאַל און מען רעדט און מען שווייגט וועגן פאַרשידענע אילת־מעגלעכקייטן. יעדנפאַלס איז איצטער אוודאי נישט שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס די מנהיגים פון ארץ־ישראל איז אַזוי געגאַנגען אין לעבן אַריין אַז אילת זאָל געהערן צו דער ייִדישער מדינה. פליענדיק מיט דעם קליינעם עראָפּלאַן פון „אַרקיע״ קיין אילת, בין איך דורכגעפלויגן טויזנטער יאָרן ייִדישע געשיכטע און צענדליקער יאָרן וועלט־פּאָליטיק. איך האָב נישט געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך פאַר אין אַ מדבר אַריין, וואָס געפינט זיך ערגעץ אין עק וועלט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך פלי אין סאַמע קאָך אַריין פון דער וועלט בכלל און דער וועלט־פּאָליטיק בפרט.

און אָט גייען מיר אַראָפּ אין אילת. מיר גייען גלייך אַרויס אויף אַ

פּאַנטאָן, עפּעס אַ בריקל אַזאַ, וואָס זעט אויס, ווי אַ לאָקאַל ביי אַ ים־שפּאַציר־פּלאַץ. מיר ווערן אַרומגערינגלט פון פאַרשידענע מענטשן. די מערהייט פון זיי זעען אויס גלייך ווי מיר. העלערע און טונקעלערע אייראָפּייער. פאַראַן אָבער אויך אַ גאַנץ היפּשע צאָל מענטשן, וואָס זעען אויס האַלב און גאַנץ שוואַרץ, אַזוי ווי די מענטשן פון אַזיע און אַפריקע. מיר הייבן זיך אָן פאַוואָליע פונאַנדערקלייבן אין די שפּראַכן, וואָס מיר הערן. מען הערט אַ היפּש ביסל עברית, אָבער די מערסטע ריידן נאָך נישט אָט די שפּראַך. מען הערט אַ סך ייִדיש. דאָ און דאָרט הערט מען דייטש. מען הערט אויך אַראַביש. און אָט הער איך אַ גרופּע מענטשן ריידן רומעניש. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס זיינען דאָרטן פאַראַן אַ סך ניי־געקומענע רומענישע ייִדן.ביים קיאָסק, ווו מען פאַרקויפט צייטונגען און זשורנאַלן, זע איך אַ סך בראָשורן אין דער רומענישער שפּראַך. צום מערסטן זיינען דאָס פּאָסציקאָלן פון דעטעקטיוו און אַנדערע סענסאַציאָנעלע נאָוועלן. איך שפּרינג אַריבער די 33 יאָר, וואָס טיילן מיך אָפּ פון רומעניע און איך רעד רומעניש. אייניקע פילן זיך באַליידיקט למאי איך האָב געזאָגט דעם פאַרקויפער אין קיאָסק, אַז מיינע רומענישע לאַנדסלייט זיינען אפנים נישט קיין גרויסע אינטעליגענטן, אויב אַזעלכע ביכלעך זיינען פאַר זיי אַ סחורה. זיי זיינען נישט שולדיק, זאָגן זיי, וואָס אין תל־אביב דרוקט מען אַזויפיל סענסאַציאָנעלן שונד אויף רומעניש. און זיי פאַרזיכערן מיר, אַז מען קויפט זייער ווייניק אָט די ביכלעך.

און איידער איך דריי זיך רעכט אַוועק פון דער ברוגזער גרופּע רומענער, וואָס די מערסטע פון זיי אַרבעטן אין דער געגנט און אַ סך טאָקע אין די קופּער־מינעס, דערהער איך, ווי מען רופט מיך ביים נאָמען און מען רעדט צו מיר שפּאַניש. אַ מיטליאָריקער מאַן, וואָס האָט געלעבט ביז צוריק מיט אַ יאָר 19 אין אַרגענטינע, האָט מיך דערקענט. אין אַרגענטינע, זאָגט ער, וואָלט ער צו מיר גערעדט ייִדיש, אָבער דאָ וויל ער זיך דורכלופּטערן די שפּאַנישע שפּראַך. און ער נעמט ביי מיר צו אַ היפּש ביסל פון דער קורצער צייט, וואָס איך האָב דאָ אויף זען דעם אַרום און ער פרעגט ביי מיר אויף ב. איירעסער זאַכן און מענטשן וואָס אַ סך פון זיי זיינען שוין לאַנג נישטאָ. מען האָט געדאַרפט זיין אַ גזלן נישט צו ענטפערן דעם דאָזיקן נייגעריקן אויף זיינע פראַגן. איך האָב אָבער אויך געדאַרפט זיין אַ גזלן אויף זיך אַליין צו פּטרן נעבן אים

אַזויפיל צייט וויפל ער האָט געוואָלט. איך בין געווען האַלב גזלן קעגן אים און האַלב גזלן אויף זיך.

און אָט רופט מען מיך ביים נאָמען שוין אָפיציעל. מען דאַרף מיר איבייִנעם מיט אַלע אַנדערע טוריסטן ווייזן דאָס דאָזיקע וואָס מען קען באַווייזן צו זען אין משך פון עטלעכע שעה. עס רופט דער בירגערמייס־טער פון אילת. ער זעט אויס צו זיין אַ גאָר יונגער מענטש. אין די סוף דרייסיקער, אָדער אָנהייב פערציקער. ער רעדט צו מיר ענגליש. ער רעדט, נאַטירלעך, אַ גוטן העברעיִש און ער רעדט אויך ייִדיש, כאָטש ער איז פון טשעכאָסלאָוואַקיע און ער האָט אין דער היים מסתמא נישט גערעדט אַזאַ ייִדיש, ווי מען רעדט אין ישראל. ער רעדט ענגליש, ווייל די מערסטע אָנגעקומענע זיינען נאָרד־אַמעריקאַנער. מיר, די אַרגענטינער, זיינען אין דער מינדערהייט. די נאָרד־אַמעריקאַנער זיינען ברוך השם אַלע ייִדיש־ריידנדיקע. די מענער דערפרייען זיך טאַקע מיט דער געלעגנהייט צו ריידן ייִדיש. די פרויען פרייען זיך ווייניקער, זיי גייען איין אויף געוויסע הנחות און מען רעדט ייִדיש און ענגליש איניינעם.

מיר קוקן זיך אַרום. אילת איז אַרומגערינגלט מיט בערג, אַלציינס ווי סדום. מען זאָגט אונדז, אַז נישט ווייט דאָרטן זעט מען דעם הר שעיר און די הרי־אדום, וואָס מיר קענען פון חומש. די בערג דאָ זיינען נישט אַזוי וויסט, ווי אין סדום, אָבער שטאַרק בליענדיק זיינען זיי אויך נישט. דאָ וואָלט יאָ געוואַקסן און געבליט, ווען עס וואָלט געווען וואַסער. פאַ־ראַן ווייניק ברונימער דאָ און די מערסטע פון זיי האָבן געזאַלצן וואַסער. פון די בערג שטראָמט דווקא זיס וואַסער און אַ סך, אָבער ביז וואַנען מען וועט איינשפּאַנען דאָס דאָזיקע וואַסער און דאָס פירן וווהין מען באַדאַרף, וועט נאָך געדויערן. אַפילו צום טרינקען און צום וואַשן זיך דאַרף מען אַמאָל ברענגען וואַסער אין טאַנקען און טאַקע פון גאַנץ ווייט.

דאָס בעסטע, וואָס מיר דאַרפן טאָן, דערקלערט אונדז דער בירגער־מייסטער, איז מאַכן אַ שפּאַציר איבער דעם רויטן ים. מיר ווייסן אַלע, אַז דער ים איז דאָרט ברייט, אָבער נישט צו ברייט און אַז ער איז די גרענעץ צווישן ישראל און יאַרדאַניע. מיר פאַרשטייען אַלע, אַז פון יענ־נער זייט קען מען שיסן. מיר איז שוין אַמאָל אויסגעקומען צו שווימען מיט אַ שיפל אויף דעם כנרת, ווען מען האָט געשאָסן. קיינער פון אונדז פרעגט נישט וועגן דעם. אָבער די ווייבער האָבן זיך נישט איינגעהאַלטן

און געפרעגט, צי מען שיסט נישט. דער בירגערמייסטער האָט זיי באַרויקט:

— אַנטקעגן דאָרטן אין עקבה ווינען נישט קיין אַראַבער, נאָר ענגלענדער. און ענגלענדער שיסן נישט סתם אין דער וועלט אַריין.

קומען מיר אָן צום שיפֿל, וואָס דאַרף מיט אונדז מאַכן אַ שפּאַציר איבער דעם רויטן ים, איבער דעם זעלביקן ים־סוף, וואָס משה רבינו האָט געשפּאָלטן, ווען ער האָט אַרויסגעפירט די יידן פֿון מצרים. דאָ אַרום אין דער מדבר, וווּ ייִדן האָבן זיך אַרומגעדרייט גאַנצע פערציק יאָר. ווי גרויס מען זאָל נישט רעכענען די מאָס פֿון דער עקבה־געגנט, האַלט זי נישט מער ווי 175 קילאָמעטער. היינט קען מען דאָס מאַכן אין אַן עראָפּלאַן אין צוויי אָדער דריי שעה. דעמאָלט איז מען געגאַנגען פערציק יאָר. מיר ווייסן, אַז ערגעץ דאָרט אַהין, איז פֿאַראַן דאָס האַלב־אינדזל סיני, וווּ עס געפינט זיך דער באַרג סיני, אויף וועלכן משה רבינו האָט געגעבן די תורה. מיט די אויגן און אַפילו מיט אַ שפּאַקטיוו קען מען דעם גורלדיקן באַרג נישט געפינען. איידער מיר גייען אַרויף אויף דעם שיפֿל, ווייזט מען אונדז אַ ריזיקן פיש, וואָס מען האָט נישט לאַנג געכאַפּט. אַ פיש, וואָס וועגט אַ פּאָר הונדערט קילאָ. דעם אמת געזאָגט, קען איך נישט דערקענען פינקטלעך, וואָס פֿאַר אַ ים־חיה דאָס איז. לויט דעם, ווי מען רופֿט אים אָן אויף העברעיִש, דאַרף דאָס זיי אַ היי־פיש, אָבער ער האָט נישט די דאָזיקע שאַרפֿע ציין, וואָס דער דאָזיקער מין פיש האָט ערגעץ אַנדערש. עס באַשטעטיקט זיך, אַז דאָס איז טאַקע אַ היי־פיש און איך זאָג די אַמעריקאַנער, אַז ער הייסט אויף ענגליש אַ „שארק". מיר ווערן אַלע נייגעריק און מיר פֿרעגן זיך נאָך, צי עס זיינען פֿאַראַן אַ סך היי־פיש אין דער געגנט. מען דערציילט אונדז, אַז נאָר צוויי מאָל אין יאָר כאַפּט מען אַזאַ פֿאַרשוויז. האָט גראָד אונדזער אָנקומען געדאַרפֿט באַצייכנט ווערן מיט אַזאַ געשעעניש. דער היי־פיש, וואָס איז געווען שטאַרק געבונדן, האָט נאָך געלעבט און ער האָט געמאָרדעוועט מיט זיך און געשאָקלט די גאַנצע געגנט אַרום זיך. אייניקע פֿון די פֿרויען האָבן זיך אַזש געשראָקן. עס איז אָבער נישט געווען, וואָס צו שרעקן זיך. דער היי־פיש איז די שטאַרקסטע און ווילדסטע ים־חיה, אָבער געבונדענערהייט איז ער נישט געפערלעך.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דעם ווילדן פיש און מיר האָבן זיך געלאָזט איבער דעם רויִקן און העל־בלויען ים מיט דער נישט גרויסער שיף,

וואָס איז געשווומען פּאַוואָליע און ריטמיש, בכדי מיר זאָלן האָבן צייט אַלץ צו באַקוקן. און מיר, האָבן געזען אַ העל־בלויען הימל און אַ נאָך מער העלן ים. איך האָב שוין באַלד געזען אַלע ימען פון דער וועלט, אָבער אַזאַ לויטערן און העלן שטיקל ים האָב איך אין ערגעץ נישט געזען. די מאַטראָסן פון דער שיף האָבן געהאַט מיט זיך אַ גרויסן שפּאַקטיוו אַריינצוקוקן אין ים אַריין. דורך אַט דעם שפּאַקטיוו האָט מען געזען אַ זאַך, וואָס מיט די בלויזע אויגן זעט מען דאָס נישט. מען האָט געזען די באַרימטע קאָראַלן פון דעם רויטן ים, וואָס האָבן אַ שם אין דער גאַנצער וועלט. זיי זעען אויס ווי בלומען, ווי ביימעלעך, ווי קנעפּ און ווי שטערן און זיי האָבן, דאַכט זיך, אַלערליי קאָלירן. די ליניעס זייערע, קיילעכ־דיקע און שפּיצעכיקע, גאָר דינע און דיקערע, זיינען פאַנטאַסטיש אין זייער האַרמאָנישקייט. דער מענטש אַליין וואָלט נאָך לאַנג געדאַרפט אַר־בעטן איבער זיך, ער זאָל קענען זיין אַזאַ קינסטלער, ווי עס איז דער ים אין יענער געגנט, וואָס האָט אַ שטענדיקע „פאַבריק" פון קאָראַלן. אַוודאי מאַכט מדינת ישראל אַ גרויסע אָנשטרענגונג צו באַזעצן אילת און דאָרט אויסבויען אַ גרויסן ישוב נישט צוליב די דאָזיקע קאָראַלן. צוליב דעם קופּער, וואָס איז דאָרט פאַראַן אין אַ סך אַ גרעסערער קוואַנטיטעט, ווי מען האָט ביז איצטער געפונען, לוינט זיך יאָ צו בויען אַ ישוב. וואר־שיינלעך זיינען דאָרטן פאַראַן אויך אַנדערע שטאָפן און מינעראַלן. עס קאָן זיין, אַז דאָרט איז אויך פאַראַן נאַפט. וויסנשאַפטלייט און סתם „טשודאַקעס" און פאַרשלעפּטע קרענק האָבן אין יענער געגנט פאַרלוירן גאַנצע לעבנס, זוכנדיק ווער ווייס וואָס. ווען מיר האָבן זיך אַזוי ריטמיש באַוועגט איבער דעם ים־סוף, האָט מען אונדז אָנגעוויזן אויף אַ הייל אין אַ באַרג אַקעגניבער, וווּ אַן ענגלענדער איז אַפּגעזעסן צענדליקער יאָרן מיט אַ גאַנצן פּערסאָנאַל און געגראָבן און — נישט געפונען. דעם סאַמע עיקר צוליב וואָס מען בויט אויס אילת איז אַלץ די מעגלעכקייט דאָרט צו האָבן אַ וועג, וואָס זאָל פאַרייניקן דעם רויטן מיטן מיטללענדישן ים און אַזיע און אַפריקע מיט אייראָפּע. און במילא האָט די געגנט אַ סטראַ־טעגישן ווערט אין יעדן מאָמענט. ווען נישט די צען קילאָמעטער ים־סוף־ברעג, וואָס געפינען זיך ביי ישראל, וואָלט צווישן עגיפּטן און יאַרדאַניע נישט געווען קיין מחיצה...

מיר זיינען נישט זאַט געוואָרן קוקנדיק אויף דעם רויטן ים, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ העלע לויטערקייט און געמיטלעכקייט, וואָס האָט ווייניק

גלייכן צו זיך. אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זעען דעם שטעקן, וועלכן משה רבינו האָט אויפגעהויבן צו שפּאַלטן אָט דעם ים. מ׳האָט אונדז געוויזן פיש, וואָס האָבן צו איין אויג און זיי זעען אויס ווי געשפּאָלטענע. יעדער פיש זעט אויס ווי אַ האַלבער. די אַראַבער רופן אים „משה־פיש", ווייל זיי האַלטן, אַז ווען משה האָט געשפּאַלטן דעם ים, האָט ער אויך געשפּאָלטן די פיש.

מען דאַרף כאַפּן אַ קוק אויף דער יבשה. קיין גרויסע שטאָט איז נאָך אילת נישט. אַ צוויי טויזנט מענטשן וווינען שוין דאָך אין יענער געגנט. פאַראַן דאָ אַלץ, וואָס איז פאַראַן אין גאַנץ ישראל. פאַראַן עטלעכע פּאַר־טייען, די הסתדרות און אירע קאָאָפּעראַטיוון „המשביר" און „תנובה". די אַגראַר־פּראָדוקטן, וואָס ווערן געבראַכט אַהער, ווערן בהסכם מיט דעם קלימאַט געהאַלטן אויף דעם ריכטיקן אופן. אויפן פּלאַץ זיינען בעיקר פאַראַנען פיש. אויך אונדז האָט מען סערווירט אַ מיטיק, וואָס זיין הויפּט־שפּייז איז געווען אַן אָרטיקער געשמאַקער, אָבער גאַנץ שווערלעכער פיש.

די בנינים, אין וועלכע עס געפינען זיך די אַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען גאַנץ מאָדערנע און זיי מאַכן דאָ אַ באַזונדער איינדרוק. אין סאַמע מיט מדבר זעט מען פּאַלאַצן. מיר זיינען איבערצייגט, אַז צענדליקער און צענ־דליקער קילאָמעטער אַרום האָבן נישט אַזעלכע הייזער. דעם גרעסטן איינ־דרוק האָט געמאַכט אויף אונדז דער בית־עם. דאָס איז אַ פאָלקס־היים, וואָס האָט אַ גרויסן זאַל פאַר רעפעראַטן און פאַר קינאָ־פאָרשטעלונגען. פאַראַן אין אים אויך קלענערע זאַלן און אַ סעקרעטאַריאַט. די זאַלן און די צימערן האָבן שוין אַ היפּש ביסל בילדער, ביוסטן און אַלערליי באַצי־רונגען. ווען מען כאַפּט אַ קוק אַרויס פון אָט דעם הויז אויף דעם גאַנצן אַרום, וואָס איז וויסט, ווערט פּשוט אַ גרויסער חידוש, וואָס דאָרט גע־פינט זיך אַזאַ פּאַלאַץ. וואַרשיינלעך האָבן אַמאָל די דאָזיקע געגנטן גע־האַט פּאַלאַצן און שייכן מיט ווילדן אַזיאַטישן לוקסוס, אָבער אַזאַ בנין פאַר די מאַסן איז דאָרט בלי שום ספק נאָך קיינמאָל נישט געווען. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דאָס דאָזיקע הויז איז אַ מתנה פון דער אַמערי־קאַנער אַרבעטערשאַפט. די אַמעריקאַנער אַרבעטער פעדעראַציע און די סי. איי. אָ. האָבן דאָס געשאָנקען.

פאַרשטייט זיך, אַז עס פעלט נישט אין אילת קיין שול און קיין קינדער־גאָרטן, וואָס האָבן די צוגעפּאַסטע בנינים און וואָס זיינען אויך די איינציקע פון זייער מין אין דער גאַנצער געגנט. אפשר האָבן די ענג־

לענדער, וואָס ווײַנען אַנטקעגן אין עקבה, אַזאַ שול, די יאָרדאַניער אין דער נאָענט און די סאַודי־אַראַבער אַביסל ווײַטער, האָבן זיכער נישט אַזעלכע שולן.

מיר זײַנען צוריק געפֿלויגן מיטן זעלביקן עראָפּלאַן קיין לוד און מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך אין געמיט איינס פֿון די גרעסטע װוּנדער פֿון מדינת ישראל: אַ בליענדיק ווינקל אין אַן אָרט, וואָס איז שוין הונדערטער יאָרן האַלב, אָדער טאַקע גאַנץ מדבר. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס מען זינגט אין ישראל אַזויפֿיל מאָל אַ ליד, וואָס באַשטייט בלויז פֿון אָט די דריי ווערטער: „העי דרומה, דרומה, לאילת" (צו דרום, צו דרום, קיין אילת). צענדליקער מאָל זינגט מען די זעלביקע ווערטער, פֿריער לאַנגזאַם און סענטימענטאַל און דערנאָך שנעל און שטורמיש: אילת איז נישט בלויז אַ בליענדיק ווינקל אין מדבר, וואָס וועט זיך ערשט צעבליען, נאָר איז אויך אַ פּלאַץ, וואָס מאַכט ישראל פֿאַר אַ וועלט־צענטער און אַ פּונקט, וואָס באַוואַכט ישראל אין דרום קעגן מעגלעכע אָנגריפֿן פֿון צוויי זײַטן.

ביים צוריקפֿאָרן איז אין דעם זעלביקן עראָפּלאַן געזעסן דער באַוווּסטער לינק־לאַבאָריסטישער ענגלישער דעפּוטאַט דר. סילווערמאַן. איך האָב דעם דאָזיקן לאַבאָריסטישן פֿירער, וואָס האָט שטאַרקע נייגונגען צו ראַטנפֿאַרבאַנד, געטראָפֿן אויף אַ סך אַלגעמיין־ייִדישע קאָנפֿערענצן און ציוניסטישע קאָנגרעסן. ער איז אויך איצטער געווען דעלעגאַט צום 24טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים. דעם מאַנדאַט האָט אים געגעבן די מפּ"ם, כאָטש ער געהערט אָפֿיציעל נישט צו אָט דער פּאַרטיי. ער געהער איבער־הויפּט נישט צו קיין שום אַנדערער פּאַרטיי, אויסער דער ענגליש־לאַבאָריסטישער. ער האַלט, אַז אין גלות דאַרפֿן נישט עקזיסטירן קיין ציוניסטישע פּאַרטייען און אַז אַלע דאָרטיקע ייִדן דאַרפֿן העלפֿן בויען מדינת ישראל. ער האָט געגומען דעם מאַנדאַט פֿון דער מפּ"ם, האָט ער געזאָגט צו דעם כנסת־פּרעזידענט שפּרינצאַק, ווייל די מפּא"י וואָלט דאָך אים אַזאַ מאַנדאַט נישט געגעבן. דר. סילווערמאַן איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שווייגנדיקער און געקוקט דורך דעם פֿענצטער. ער איז אַ קליינטשיקער, אַ דירעוודיקער, און ער פֿלעגט אַמאָל אויסזען ווי אַ מאַריאָנעטקע, הגם ער איז שטענדיק געווען אַ מענטש מיט אַן אייגענער מיינונג און מיט כאַראַקטער. איצטער טראָגט ער אַ בערדל, אַ קליין, רויט בערדל און ער זעט אויס מענערישער. כ׳האָב אים נישט געוואָלט פֿרעגן

וואָס פאַר אַן איינדרוק ער נעמט מיט פון אילת. דאָ האָט געקענט זיין נאָר איין איינדרוק און נישט קיין צווייטער.

דער עראָפּלאַן איז צוריקוועגס געפלויגן נאָך גיכער, ווי אַהינוועגס. נאָך איידער מיר האָבן זיך רעכט אומגעקוקט, האָבן מיר שוין געזען באר שבע און אַ גאַנצע ריי ישובים אין דער נאָענט. אברהם אבינוס שטאָט האָט שוין אַ היפּשע יידישע באַפעלקערונג אַרום און אַרום. דער עראָפּלאַן האָט אַלץ געצויגן קיין צפון, אָבער געזונגען האָט זיך אין גאַנצן געמיט „דרומה — צו דרום, קיין אילת".

די שטאָט פון אברהם אבינו, די הויפּטשטאָט פון נגב

די באַן האָט אַ פּייף געטאָן ווי מיט אַ שופר און זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין דרום. מיר זיינען געפאָרן צו דער דאָזיקער שטאָט, וווּ אברהם און יצחק אבינו האָבן געגראָבן ברונימער און וואָס איז אַמאָל געווען דער ווייטסטער דרום־פּונקט פון ארץ־ישראל.

אַ פּאָר מאָל אין משך פון מיין לעבן איז מיר שוין אויסגעקומען צו פאָרן אין באַנען, אין וועלכע עס זיינען געווען בלויז ייִדן. פון ניו־יאָרק קיין וואַשינגטאָן בין איך שוין אויך אַמאָל געפאָרן אין אַזאַ באַן. אין יענער באַן האָט מען געהערט בלויז ייִדיש. אייניקע פון די קאָנדוקטאָרס און די קעלנער האָבן זיך באַמיט אריינצוואַרפן אַ פּאָר ייִדישע ווערטער. און אָט פאָרן מיר אין אַן ארץ־ישראל־באַן קיין באר־שבע מיט קרן־היסוד־דעלעגאַטן פון אַלע עקן וועלט און עס איז נישטאָ קיין שום חידוש אין דעם, וואָס אַלע פּאַסאַזשירן, אינקלוסיוו די קאָנדוקטאָרן און די מאַשי־ניסטן זיינען ייִדן. אָבער שפּראַכן הערט מען דאָ מער ווי איינע און איך האָב מורא, אַז מער ווי אַ האַלב טוץ. דער אויער כאַפּט אויף העברעיִש, ייִדיש, אַראַביש, ענגליש, פראַנצויזיש און שפּאַניש. וואַרשיינלעך רעדט מען אויך רוסיש און פּויליש און טאַקע אויך דייטש.

מען דאַרף באַהערשן די געפילן און אויפהערן טראַכטן, אַז מיר פאָרן קיין באר־שבע אין אַ באַן פון מדינת ישראל. מען דאַרף אַפילו פאַרגעסן, אַז באר־שבע, וואָס איז געווען אַמאָליקע יאָרן דער לעצטער פּונקט אין דרום פון ארץ־ישראל — דאָס לאַנד פלעג פאַרצייכנט ווערן „פון דן ביז באר־שבע" — איז היינט לחלוטין נישט דער לעצטער פּונקט און דאָס ייִדישע לאַנד ציט זיך נאָך צענדליקער און צענדליקער קילאָמעטער קיין דרום ביז אילת. ווייל, ווען מען טראַכט וועגן אָט דעם אַלעמען, ווערט מען סענטימענטאַל און די אויגן קענען אַמאָל פאַרהויכט ווערן פון טרערן און מען זאָל נישט קענען זען, וואָס מען דאַרף. אָבער איין זאַך איז וועלן און איין זאַך איז קענען. די סענטימענטאַלקייט באַהערשט דיך דורך און דורך און דער זכרון מישט אויף איין בלעטל חומש נאָך דעם צווייטן. עס ווערט דאָרט דערציילט, אַז די קנעכט פון אבימלך האָבן צוגערויבט אַ

ברונעם ביי אברהם אבינו און ער האָט געמאַכט אַ פאַרוואורף וועגן דעם און אברהם האָט אָוועקגעשטעלט זיבן שאָף און ער האָט געזאָגט אבימלכן, אַז דאָס גיט ער אים פאַר דעם ברונעם וואָס ער האָט אויסגעגראָבן. און דערפאַר האָט מען דאָס דאָזיקע פלאַץ אַ נאָמען געגעבן באר־שבע. מען ווייסט נישט, צי דער נאָמען „דער זיבעטער ברונעם״ וויל זאָגן, אַז מען האָט שוין פריער געהאַט געגראָבן זעקס, אָדער ער וויל זאָגן, אַז דאָס איז פאַר די זיבן שאָף. אַביסל ווייטער ווערט דערציילט אין חומש, אַז אויף דעם זעלביקן פלאַץ האָט יצחק אויפגעגראָבן די ברונעמער, וואו זיין טאַטע אברהם האָט געגראָבן און די פלישתים האָבן זיי פאַרשטאָפּט און ווידער האָבן זיך געפונען קנעכט, וואָס האָבן געטענהט אַז די ברונעמער זיינען זייערע און אויך יצחק האָט פאַרשניטן אַ בונד מיט אבימלכן וועגן די ברונעמער. און עס קלערט זיך: ווען די היינטיקע שכנים פון ישראל, וואָלטן נישט געווען אַזוי פאַרעקשנט, וואָלטן די יידן שוין געפונען אַ מיטל צו האָבן וואַסער נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די אַראַבער...

מ׳יר פאָרן אַלץ קיין דרום. פון צייט צו צייט גיט דער „שופר״ פון דער באַן אַ פייף און ער בלייבט שטיין. און מיר זעען אַ באַקאַנטן נאָמען, אָדער פון דער היינטיקער צייט, אָדער טאָקע פון די גאָר אַלטע צייטן. עס מאַכט מיר דעם איינדרוק, אַז מיר פאָרן דורך גרר, די שטאָט, וואו עס האָט געוווינט דער דערמאָנטער קעניג אבימלך, מיט וועלכן אברהם און יצחק האָבן געהאַט וואַסער־קאָנפליקטן און געשלאָסן בונדן.

די לאַנדשאַפטן דאָ זיינען נישט אַזוי פאַרשידנאַרטיק, ווי אין אַנדערע טיילן פון לאַנד. פאַראַן דאָ מער פלאַכלאַנד ווי ערגעץ אַנדערש. פאַראַן אָבער אויך דאָ בערג און טאָלן. און מען זעט דאָ אַ סך גרינע פונקטן. עס איז דאָך ערשט דער אָנהייב פון נגב און דאָ זיינען פאַראַן אַ סך ישובים. אַהין ווייטער ווערט דער נגב שוין אַ סך מער וויסט. מיר פאָרן דורך דעם קיבוץ משמר הנגב, וואו עס זיינען פאַראַן זייער אַ סך אַרגענטינער חלוצים. עמיצער זאָגט, אַז די משמר הנגבניקעס גריסן אונדז פון ווייטן. מיר מערקן, אַז מ׳ען קוקט אויף דער באַן, וואָס לויפט פון תל־אביב קיין באר־שבע פון אַלע זייטן. זי איז נישט קיין אַלטע באַן און מען קוקט נאָך אויף איר פאַרגאַפט.

אינעווייניק אין די עטלעכע וואַגאָנען האָט מען אַזוי לאַנג גערעדט אַלערליי שפּראַכן, ביז וואַנען די מערהייט האָט גענומען ריידן יידיש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך די ענגליש־רײדנדיקע קומען גאַנץ גוט

דורך אויף מאַמע־לשון. און אַפילו ספרדים האָבן נישט געפעלט, וואָס האָבן פאַרשטאַנען יידיש. צום שווערסטן האָבן עס געהאַט די עטלעכע איטאַליענישע דעלעגאַטן, וואָס האָבן גערעדט איטאַליעניש און פראַנצויזיש געמישט. און אַז מען האָט שוין גערעדט מאַמע־לשון, האָט מען שוין געזונגען לידער און דערציילט וויצן. אויף די לידער האָט זיך נישט געקלאָגט, אַז זיי זיינען אַלט. אויף די וויצן האָט מען זיך יאָ געקלאָגט. אפנים, אַז לידער ווערן נישט אַזוי גיך אַלט ווי וויצן. און אפשר איז אויך גרינגער צו שאַפן נייע לידער, ווי צו שאַפן נייע וויצן. קיינער וואָלט נישט געזאָגט, אַז די וויצן זיינען אַזוי אַלט ווי באר־שבע, וואָס גייט שוין מסתמא אין פינפטן יאָרטויזנט אַריין, אָבער קיין יינגעלייטלעך זיינען די וויצן אויך נישט, זיי האָבן שוין גרייז־גרויע בערד, שיר־נישט ווי אברהם אבינו... די חכמות דרייען זיך דאָ אַרום די רומענער, וועגן וועלכע מען מאַכט איצטער די מערסטע וויצן אין ישראל. און מען זאָגט, אַז די רוד־מענער קוקן אַרויס, אַז עס זאָלן שוין קומען די רוסן אַהער, בכדי מען זאָל מאַכן וויצן וועגן זיי...

און אָט הערן מיר ווידער דעם „היסטאָרישן" פייף און די באַן בלייבט שטיין. אין דער הויפּטשטאָט פון נגב איז זי געבליבן שטיין. ווו זשע איז די שטאָט? מיר זיינען נאָך געבליבן עפּעס ווי אין אַ מדבר? ענטפערט מען אונדז, אַז די שטאָט איז אַביסל ווייטער. די סטאַנציע איז גאָר ביי דער זייט, אָבער מיט דער צייט וועט די שטאָט צוגעצויגן ווערן ביז צו דער סטאַנציע.

מען נעמט אונדז אויף מיט עפּעס אַזעלכע קלאַנגען, וואָס דאַרפן זיין מוזיק. איך האָב דעם איינדרוק אַז מען שפּילט דאָס ליד „ממטולה עד הנגב". מען באַגעגנט אונדז אויך מיט בלומען. צום מערסטן זיינען דאָס נישט קיין קולטיווירטע בלומען נאָר פּשוטע פעלד־בלימלעך, אָבער זיי זיינען צונויפגעבונדן אין שיינע און פאַרביקע קרענצלעך און זיי מאַכן אַן איינדרוק. קען זיין, אַז די דאָזיקע בלימלעך וואַקסן נעבן אַ ברונעם, וואָס אברהם אבינו האָט געגראָבן און יצחק האָט אים דערנאָך אויפגעגראָבן.

בלומענדיקער נאָך ווי די בלומען אַליין זיינען די דאָזיקע, וואָס ברענגען אונדז די בלומען. אַ היפּשע גרופּע פון ביידע מינים, יוגנט אייגנס און אייגנס. פאַרברענטע פּנימער און שטאַלענע קערפּערס און אויגן, אויגן, וואָס לעכערן הימלען... צווישן דער יונגער חברה זיינען פאַראַן גאָר יונגיטשקע,

אייניקע פון זיי זענען נישט אויס מער ווי 14 יאָר. און זיי אַרבעטן שוין און זיי שטייען אויף וואַך און מען מעג זיך אויף זיי פאַרלאָזן, סיי מיט דער אַרבעט און סיי מיט דער שמירה.

עס ווערט אַ געלויף. איז עפּעס געשען? האָט מען געשאָסן פון ער־געץ? אָדער געוואָרפן אַ באָמבע? אין ישראל זיינען אַזעלכע זאַכן נישט קיין נאָווינע. ניין, מען האָט נישט געשאָסן און נישט געוואָרפן קיין באָמ־בעס. מען האָט דערזען אַ מיידל פון אַ יאָר 12 מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע. אַ קינד בפועל ממש. זי זעט אויס אפשר נאָך יינגער. די תימנער זיינען נישט קיין הויכע און זי איז צווישן די איריקע אַ קליין־געוויקסיקע. אַ שטשופּלע קערפּערל, ווי עפּעס ביי אַ פייגעלע, אָבער פעסטע הענט־לעך. און צוויי אייגעלעך, וואָס בריען. זי וואַרפט זיי אין אַלע זייטן אַריין. זי איז צעטומלט פון דעם, וואָס מען שענקט איר אַזוי אויפמערקזאַמקייט און זי איז צעמישט פון די אַלע פראַגן, וואָס מען שטעלט איר. דערצו רעדט מען נאָך צו איר אין עטלעכע שפּראַכן, וואָס זי פאַרשטייט נישט. מיר דערוויסן זיך, אַז זי גייט זיך שטעלן אויף דער וואַך, ווו זי דאַרף שטיין אַ שעה, ביז מען וועט זי איבערבייטן.

— און שיסן קענסטו?

די צוויי אייגלעך אירע גיבן אַ פלאַקער:

— בטח!

געוויס קען זי שיסן. זי פילט זיך אַזש באַליידיקט פון דער פראַגע, וואָס מען שטעלט איר. ווען זי וואָלט נישט געקענט שיסן, וואָלט מען זי נישט געשטעלט אויף דער וואַך. זי ווייסט ווען און ווי אַזוי מען דאַרף געבן דעם ריכטיקן סיגנאַל, ווען עס איז נייטיק און זי קען לויפן אַזוי גיך אַזוי ווי אַן איגל, אָדער ווי אַ הירש. מיט איר איז מען זיכער. עס פעלט אַ קלייניקייט, אַז זי זאָל אונדז ווייזן, אַז זי קען טרעפן אין ציל אַריין, כמעט ווי אויף אַ האָר.

מען האָלט רעדעס אויף אַ מין קאַטעדרע, וואָס מען האָט אַוועקגע־שטעלט. עס באַגריסן אונדז פאָרשטייערס פון די פאַרשידענע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און פאַרטייען. דער בירגערמייסטער, דער ראש העיר, אַ געזונטער, אייזערנער ייִד, באַגריסט אונדז, אָנהייבנדיק אויף העברעיִש און אַריבערגייענדיק צו ייִדיש, ער רעדט אַ קרעפטיקן ליטווישן מאַמע־לשון. אייניקע ווילן אונדז איינריידן, אַז ער איז אַ גאַליציאַנער. אין ישראל, ווי אין נאָרד־אַמעריקע, ריידן אַפילו די גאַליציאַנער אויך ליט־

דער מחבר ביים
אָנקומען אין באר
שבע.

דער מחבר און יצחק
רימון און פרוי ביים
מאָנומענט פון
טרומפּלדאָר.

דער מחבר מיט דער 14־יאָריקער וועכטערן
מיט דער ביקס.

וויש. מיר הערן זיך צו צו די רעדעס אויף העלפט. מיר שטויסן זיך אָן, אַז מען דערציילט אונדז וועגן דעם, וואָס אין דער דאָזיקער שטאָט איז אויפגעטאָן געוואָרן אין די לעצטע יאָרן. דאָס מיידל פון 12 יאָר, וואָס טראָגט די ביקס אויף די פּלייצעס, ווי אַן אַלטער, האָט אונדז מער אינ־טערעסירט ווי אַלע רעדעס און ביז וואַנען מען האָט זי נישט אַוועקגענו־מען, האָבן די רעדנער מער גערעדט אין דער לופט אַריין, ווי אין אונ־דזערע אויערן אַריין.

מיר זיינען געווען צופרידן, וואָס די רעדנערס האָבן אונדז דערציילט בלויז וועגן דעם, וואָס דאָ איז געשען זייט אָקטאָבער 1948, ווען די יש־ראל־אַרמיי האָט פאַרנומען באר־שבע. ווען זיי ווילן אונדז דערציילן די געשיכטע פון די אַריבער פיר טויזנט יאָר עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער שטאָט, וואָלטן מיר אין יענעם נאָכמיטיק נישט פאַרטיק געוואָרן. באר־שבע האָט געהערט צו די רוימער. די אַראַבער האָבן דאָס חרוב געמאַכט. די טערקן, וואָס האָבן דאָס פאַרנומען אין יאָר 1880, האָבן דאָס צוריק אויפגעבויט. די ענגלענדער, וואָס האָבן דאָס פאַרנומען אין יאָר 1917, האָבן דאָס נאָך מער אויפגעבויט. אין די שלאַכטן צווישן די טערקן און זייערע פאַרבינדעטע פון איין זייט און די ענגלענדער פון דער אַנדערער זייט, וואָס זיינען אָט־אָ־דאָ פאַרגעקומען, האָבן געהאַט אַ סך קרבנות. נישט ווייט איז פאַראַן אַ בית־עולם פון ענגלישע סאָלדאַטן, צום מערסטן אויסטראַליער, וואָס זיינען דאָ געפאַלן. דרייצן הונדערט קברים זיינען פאַראַן אויף יענעם בית־עולם.

אין אַפּריל 1948 האָבן דאָ געוווינט אַ דריי טויזנט אַראַבער. כמעט אַלע מוסולמענער. אַ קליינע צאָל קריסטן צווישן זיי. זיי זיינען אַלע אַנט־לאָפן און געלאָזט דאָס שטעטל ליידיק. ווען איך בין דאָ געווען אין יוני 1949, האָבן געוווינט אין שטאָט אַ פּאָר הונדערט יידישע נפשות. מען האָט דאָ געזען זאַמד און דאָ און דאָרט אַ הייזקע. עס זיינען געווען דע־מאָלט עטלעכע רעסטאָראַנען פאַר טוריסטן, וואָס זיינען אַהער געקומען אין די טויזנטער. היינט איז שוין באר־שבע אַ שטאָט מיט אַ סך טויזנ־טער יידישע איינוווינער פון אַלע עקן וועלט, מיט אַ סך פּרעכטיק געבוי־טע הייזער, מיט גוטע האָטעלן, מיט גרויסע געשעפטן, מיט אַ הסתדרות און מיט אירע קאָאָפּעראַטיוון און מיט אַלדאָס גוטס און טאַקע מיט אַ קינאָ, וווּ מען שפּילט זייער אָפט טעאַטער, אַ היפּש ביסל אויך אין יידיש.

מען האָט מיך געוואָלט פירן אין צוויי האָטעלן, וואָס געהערן ביידע

צו אַרגענטינער ייִדן, האָב איך געזאָגט, אַז ייִדן, וואָס האָבן האָטעלן האָב איך געטראָפן געגנוג אין קאָרדאָבאַ, פּיריאַפּאָליס, אַטלאַנטיק־סיטי און ווו דען נישט? חלוצים אין די קיבוצים, אַרגענטינער יונגע מענטשן פון ביידע מינים, וואָס באַאַרבעטן העלדיש די ערד און באַוואַכן זי מיט מסירת נפש, לוינט זיך צו פאָרן אַנקוקן, אַפילו, ווען מען ריזיקירט בייצוזיין אַ שיסע־ריי, אָבער באַלעבאַטים פון האָטעלן — מוחל!

וואָס איך בין יאָ געגאַנגען אַנקוקן איז... איר ווילט געוויס טרעפן, וואָס איך בין געגאַנגען קודם כל אַנקוקן אין באר־שבע. אייניקע פון אייך מיינען געוויס, אַז איך בין געגאַנגען אַנקוקן די זיבן ברונעמער פון אברהם אבינו. מוז איך אייך אַנטוישן און דערציילן, אַז פאַראַן זיינען בלויז דריי ברונעמער אין מזרח־זייט, וואָס מען מיינט אַז אברהם אבינו האָט זיי געגראָבן. און עס זיינען פאַראַן בלויז דריי, נישט ווייל, ווי דער וויץ דער־ציילט, די רומענער האָבן די איבעריקע צוגעגנבעט, נאָר ווייל עס זיינען מער נישט געווען. און שטאַרק וואָס צו זען אין אָט די ברונעמער איז נישט פאַראַן, כאָטש מען דערקענט, אַז זיי זיינען זייער אַלט. טויזנטער יאָרן קוועלט דאָ שוין דאָס וואַסער. געגאַנגען בין איך קודם כל אַנקוקן דעם מאַרק פון באר־שבע.

אברהם אבינוס שטאָט איז אַרומגערינגלט פון אַ סך בעדואי־נער. עס לעבן דאָרט עטלעכע שבטים פון דעם דאָזיקן מדבר־פאָלק. זיי ווערן געפירט פון זייערע שייכן, וואָס עקספּלואַטירן זיי מוראדיק. אַ שייך איבער אַ שבט פון אַ פּאָר הונדערט מענטשן לעבט אין אַזיאַטישן לוקסוס און זיינע אונטערטאַנער ווערן אויסגעריסן. דעם טאָן אויף דעם מאַרק פון באר־שבע גיבן די בעדואינער. קיין שטאַרק געשמאַקן ריח פילט מען נישט אויף אָט דעם מאַרק, ווו מען פאַרקויפט צום מערסטן שאָף און בהמות. קיין קי און קיין אָקסן האָב איך דאָרט קיין סך נישט געזען, דאָ און דאָרט זעט מען אַ קו און אַן עקסל, צום מערסטן זיינען זיי שוואַרצע און זיי האָבן אַ נעבעכדיקן אויסזען. וואָס מען זעט דאָ מער פון אַלץ, זיינען אייזלען און קעמלען. אפנים אַז פון זיי קומט דער דאָזיקער ריח, וואָס האָט ווייניק גלייכן צו זיך.

אויף דעם מאַרק, ווו מען פאַרקויפט אַלערליי גרינצייגן און געמיזן, איז דער ריח שוין אנגענעמער. פאַראַן אָבער געווירצטע מזרח־מאַכלים, וואָס פאַרגייען אין דער נאָז און רופן אַרויס אַ ניסן. מען פאַרקויפט דאָ פאַרשידענע געבעקסן, אַלערליי קעזן און אַזעלכע זיסקייטן, וואָס מען זעט

גאָר אין מזרח. אַזעלכע ווייסע און גרינלעכע שטיקער, וואָס ציען זיך, אַזוי ווי גומי, און מען רופט האַלוויצאַ, אפנים, עפּעס אַן אָפּשטאַם פון כאַלוואַ. מען זעט אויך אַזעלכע געבעקסן, וואָס דערמאָנען אין אונדזער שטרודל און מען רופט זיי דאָרט באַקלאַוואַ. זיי זיינען אָנגעפילט מיט אַזויפיל זאַכעניש און די פעטקייט רינט אַזוי פון זיי, אַז עס גלוסט זיך אָפּ פון עסן אויך אַנדערע זאַכן, ווען מען קוקט אויף זיי. און די קליינע בערואי־נערלעך קוקן אויף די דאָזיקע געבעקסן, גלייך זיי וואָלטן געווען ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ מאַרצעפּאַנעס אָדער גאָר עפּעס אַ קניש פון דעם מלכס טיש...

מען האָט אונדז דערציילט, אַז אויף יענעם מאַרק פון באר־שבע פאַר־קויפט מען אויך כלהס. אַמאָליקע יאָרן פלעגט מען אויפן אָריענט פאַר־קויפן טעכטער, אַלציינס ווי בהמות. אַן אַראַבער פלעגט אַרויספירן צום פאַרקויפן אַן אייזעלע מיט קליינע אייזעלעך אָדער אַ קעמל מיט קליינע קעמעלעך און אויך צוויי טעכטער. היינט ווערן די קויף־ און פאַרקויף־אָפּמאַכן פון כלהס נישט געמאַכט אויף דעם מאַרק, נאָר אין די היימען. דער פּרעטענדענט קומט צום טאַטן פון דעם מיידל און לייגט אים פאַר כך וכך געלט, אָדער שאָף און רינדער און מען דינגט זיך. עס פעלן אָבער נישט קיין מאַרקן אין יענער געגנט, ווו מען קען קויפן אַ כלה. און מען האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אויך אין באר־שבע ווערן געמאַכט אויף דעם מאַרק אַזעלכע טראַנזאַקציעס. איך ווייס נישט, צי דאָס איז דערלויבט מצד דער ישראל־רעגירונג, אָבער מען געפינט מיטלען פאַרבייצוגיין דאָס גע־זעץ. און צופיל מישט זיך נישט די ישראל־רעגירונג אין אָט די ענינים ביי די נישט־יידן. זי האָט גענוג צרות פון די אייגענע, איבערהויפּט פון די תימנער, וואָס ווילן זיך בשום אופן נישט אָפּזאָגן פון פּילווייבעריי און ווילן נישט איינגיין, אַז מיידלעך פאַר 16 יאָר זאָלן נישט טאָרן חתונה־האָבן.

איך האָב געזען אויף דעם מאַרק אין באר־שבע, ווי בעדואינער פאַר־קויפן שאָף, קעמלען און אייזלען. איך האָב געזען ווי אַזוי מען פּרוווט אויס די קעמלען און מען מאַכט זיי קניען און זיך אויפהייבן. איך האָב געזען ווי קליינע קעמלעך, וואָס זיינען מסתמא נישט אַלט געווען מער ווי אַ פּאָר וואָכן, האָבן שוין געהאַט גאַנץ פיינע הויקערס. מאַלע, וואָס איך האָב נישט געזען אויף יענעם מאַרק. איך האָב געזען אָנהייבן פון געשלעגן, וועלכע די ישראל־פּאָליציי האָט נישט גרינג באַהערשט. צום מערסטן האָבן

דאָס דאָזיקע געטאָן דווקא נישט קיין ייִדישע פּאָליציאַנטן, נאָר בעדואי־נישע, וואָס זיינען אין דינסט ביי דער ישראל־רעגירונג און וואָס ריידן אַ זייער גוטן העברעיִש. ווי אַזוי מען פאַרקויפט אַ כלה, האָב איך נישט באַוויזן צו זען. אין אַ ווינקל האָב איך יאָ באַמערקט, ווי עס זיינען גע־שטאַנען צוויי בעדואינער, איינער אַן עלטערער און איינער אַ יונגערער און זיי האָבן גערעדט און צווישן זיי איז געזעסן אַ קליין, דאַר מיידל, מיט אַ פאַרדעקטן פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעפּייערט צוויי ברע־נענדיקע און קרענקלעכע אויגן. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מען דינגט זיך איבער דעם מיידל. מיין איינדרוק איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען זיי האָבן אויפגעהערט ריידן און אַנגעהויבן אומבאַקוועם שווייגן, ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו זיי.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג, ווען איך האָב געענדיקט באַקוקן דעם מאַרק פון באר־שבע און אויך די גרויסע און ברייטע גאַסן, וואָס זעען אויס נישט ווי גאַסן פון אַ קליין שטעטל, נאָר ווי שליאַכן, וואָס ציען אַוועק אין דער ווייטער וועלט אַריין. איך האָב אויך באַקוקט די געשעפטן און די רעסטאָראַנען און אומעטום האָב איך געזען רעדלעך פון מענטשן הערן ראַדיאָ ביי די געשעפטן און די רעסטאָראַנען. אַרום און אַרום זעט נאָך דאָ אַלץ אויס מער ווי מדבר, איידער ווי ישוב, אָבער דער ראַדיאָ גיט צו פילן די ציוויליזאַציע. און די מענטשן זיינען דאָ שטענדיק נייגעריק און זיי דערוואַרטן תמיד עפּעס נייס. זיי שרעקן זיך פאַר פאַטאַלע נייס און זיי האָפן אַז עס וועלן דערהערט ווערן גוטע בשו־רות. ביי אייניקע רעסטאָראַנען הערט מען גראַמאָפאָנען מוזיק און על פּי רוב שטעלט מען דאָ אויף פּלאַטן (רעקאָרדס, דיסקאָס) פון „ליריקס" און קופּלעטן פון ייִדישן טעאַטער. דאָס איז דאָס זעלביקע „מוזיק", וואָס מאַכט אונדז מיד אין ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס און אומעטום...

איך האָב געדאַרפט גיין אין דעם גרויסן בית־עם, ווו עס איז פאַר־געקומען דער טאָג פון קרן־היסוד און ווו מען האָט געהאַלטן רעדעס אין עטלעכע שפּראַכן און מען האָט אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון קרן־היסוד אויף אַלע פינף קאָנטינענטן. און איך האָב זיך טאַקע צו־געכאַפּט אַ פּאָר מאָל אַהין און אויסגעהערט אינטערעסאַנטע און נישט אינטערעסאַנטע דרשות. איך האָב געהערט ווייך־בוימלדיקע רייד און האַרבע קריגערייען. מיר האָט אָבער געצויגן אין שטאָט אַריין און איך

האָב געפּועלט ביי אַ שאָפער פון אַ טענדער, אַז ער זאָל מיט מיר מאַכן אַ שפּאַציר.

און צוויי זייער אייגנאַרטיקע באַגעגענישן האָב איך געהאַט. אין אַ רעסטאָראַן, וווהין איך בין אַריין כאַפּן אַ קאַלטן טרונק, ווייל אין אברהם אבינוס שטאָט איז געווען גאַנץ הייס, האָט מיך דערקענט אַ מיידל, אַ טאָכטער פון מיינעם אַן אַלטן פריינט, מיט וועלכער איך האָב זיך באַ־קענט צוריק מיט אַכט יאָר. איר פאָטער לעבט שוין נישט מער. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש און ער האָט פאַרנומען עטלעכע גאַנץ הויכע דיפּלאָמאַטישע אַמטן. און דער פאָטער האָט געהאַט אַ פאַרמעגן פון זיין אַלטער היים און ער האָט זיין פרוי און קינד נישט געלאָזט אויף דעם וואַסער. דאָס מיידל אַרבעט דאָך אין אַ פאַבריק אין באר־שבע, ווייל זי וויל לעבן פון איר אַרבעט.

דאָס מיידל האָט צו מיר גערעדט העברעיִש און רומעניש. זי פאַר־שטייט ייִדיש, אָבער זי וויל די דאָזיקע שפּראַך נישט ריידן. זי האָט מיר דערמאָנט, אַז זי האָט מיר דעמאָלט אַריינגעזאָגט, ווייל איך האָב גערעדט צופיל ייִדיש. זי איז איצטער אויך גרייט אַריינצוזאָגן יעדן איינעם, וואָס רעדט אָט די שפּראַך. איך האָב געמיינט, אַז זי איז אַ שומר הצעירניצע. אָבער זי האָט זיך מיר געאיילט צו דערציילן, אַז זי איז אַ דורכויס לינקע. קיין ייִדיש אָבער קען זי נישט פאַרטראָגן. ווי אַזוי גראַמט זיך דער עקס־טרעמער לינקיזם מיט נישט לאָזן יענעם ריידן אין זיין שפּראַך? זעט איר דאָך. זי וווינט נישט, האָט זי מיר געזאָגט, אין תל־אביב, ווייל איר מוטער לעבט אין אַ צור־רייך הויז און ווייל מען האָט זי אָפּגעזאָגט פון דער אַר־בעט. זי האָט צופיל אַגיטירט פאַר שטרייק. זי האָט גערעדט מיט אַ סך פייער און האָט געהאַט אַ קרענקלעך אויסזען. זי האָט דווקא געוואָלט פאַרבינדן מיט מיר אַ שמועס וועגן וועלט־פּאָליטיק און איבערצייגן, אַז בן־גוריון איז אַ קריגס־העצער און אַז כרושטשעוו איז ממש די טויב און דער מלאך פון פרידן. איך האָב נישט געהאַט קיין לוסט צו פאַרפּלאָנ־טערן זיך אין אַ דיסקוסיע מיט דעם דאָזיקן מיידל, וואָס האָט אויסגעזען היפּש היסטעריש, כאָטש זי האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון קולטור און פון שטאַרקער באַלעזנקייט. איך האָב אויף אַ ניט גאַנץ דזשענטלמעניש אופן איר אויסגעשטרעקט די האַנט צום געזעגענען זיך דעמאָלט, ווען זי האָט נאָך גערעדט. איך האָב דאָס געמוזט טאָן, ווייל זי האָט נישט אויפגע־הערט צו ריידן.

נישט ווייט פון דעם קאָפּע, ווו איך האָב געהאַט די באַגעגעניש מיט דער היסטעריש, קאָמוניסטישן גבירישן מיידל, האָב איך געטראָפן זיצנדיק אויף דער ערד, מיט די פיס אונטער זיך, אויף דעם אָריענטאַלישן שטייגער, אַן אַלטן תימנער ייִדן, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין האַלב־בלינד און האָט געקוקט אין הימל אַריין. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים און ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו מיר אַראַביש. איך האָב אים געזאָגט אַז אַראַביש פאַרשטיי איך נישט, ער קען מיט מיר ריידן העברעיִש. האָט ער גערעדט מיט מיר אין, האָט ער עס גערופן, לשון קודש. ער האָט מיך מער באַטאַפּט מיט די רויטע אויגן ווי באַקוקט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיט אַפּיקורסים רעדט ער נישט אין דער הייליקער שפּראַך, סיידן באין ברירה. איך האָב אים געפרעגט פון וואַנען ער ווייסט, אַז איך בין אַן אפּיקורס און פאַרוואָס ער קוקט אין הימל אַריין. ער האָט גערעדט אַ פאַרצויגענעם העברעיִש און אין גאַנצן נישט לויט דער ספרדישער הברה. זיין ריידן איז געווען כמעט ווי אין ליטווישן דיאַלעקט. ער האָט געשמייכלט ביטער און געזאָגט, אַז מען ווייסט שוין ווער עס איז אַן אַפּיקורס. און טאַקע דערפאַר וויל ער מיר נישט זאָגן, וואָס ער זוכט און וואָס ער זעט אין הימל. און ווען איך האָב אים געפרעגט, צי ער, זעט טאַקע, האָט ער מיר געענטפערט: „ברוך השם, איך זע. הלוואַי וואָלט איר אַזוי געזען, ווי איך זע!"

— וואָס־זשע פאַרט זעסטו? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך זע, צי עס וועט זיין גוט, אָדער עס וועט זיין חלילה שלעכט. און איך וויל אויך זען, ווען עס וועט קומען די ריכטיקע גאולה און ווען משיח וועט קומען.

— משיח וועט דען קומען פון הימל? — האָב איך אים געזאָגט — ער וועט דאָך קומען אויף דער ערד, רייטנדיק אויף אַן אייזל.

— קומען וועט ער פון וואַנען ער דאַרף — האָט ער מיר געענטפערט — אָבער אין הימל ווייזט מען, ווען ער וועט קומען.

— איז וואָס־זשע ווייזט דיר דער הימל? —

— ער ווייזט... דיר וועל איך דאָס נישט אַנטפּלעקן, דאָס איז נישט פאַר דיר און פאַר אַזעלכע ווי דו.

— און אברהם אבינו — האָב איך אים געפרעגט — האָסטו דאָ נאָך קיינמאָל נישט געזען?

— וואָס הייסט — האָט ער געענטפערט — איך האָב אים נישט

געזען? ער איז דאָך מיין טאַטע און ווי קען אַ זון נישט קענען זיין טאַטן?
— ווען האָסטו אים געזען?
— דו פרעג ווען איך האָב אים נישט געזען. איך זע אים שטענדיק.
איך האָב געזאָגט שלום און זיך גענומען דערווייטערן פון אים און איך האָב דאָך נישט אויפגעהערט קוקן אויף אים. אַ זעקל ביינער מיט אַ שוואַכער הויט איבערגעצויגן, אַ ווייסע באָרד און אַ פּאָר רויטע אויגן און אונטער דער רויטקייט פלאַמט אַ פייערל. דער פלאַם איז אפשר דאָס איינציקע לעבעדיקע אין אים. אין גאַנצן זעט ער שוין אויס ווי אַ מת. און די אויגן זענען קורצזיכטיק און קאַליע און זיי זעען. זיי זעען דעם הימל און וואָס דער הימל ווייזט און זיי זעען אברהם אבינו, וועגן וועלכן ביי אונדז חקרנט מען, צי ער איז געווען אַ ווירקלעכקייט, אָדער בלויז אַ לעגענדע.
ווען איך בין געווען שוין אַ היפּשן מהלך פון דעם אַלטן תימנער, האָב איך נאָך אַלץ געזען, ווי ער זיצט און ער קוקט אין הימל אַריין. טיף אין אָוונט האָט אונדזער באַן ווידער אַ בלאָז געטאָן מיטן „שופר" און גענומען פאַרלאָזן באר־שבע. איך בין געשטאַנען ביים פענצטער און גע־קוקט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע נאָך דעם אַלטן תימנער וואָס קוקט אין הימל אַריין. אין גאַנצן געמיט האָב איך דערפילט די סדרה ויצא. זי הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „ויצא יעקב מבאר שבע" יעקב איז גע־גאַנגען פון באר־שבע און ער האָט געטראָפן אָן אָרט און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, ווייל די זון איז אונטערגעגאַנגען און ער האָט געלייגט שטיינער צוקאָפּנס און דאָרטן האָט ער געזען דעם חלום וועגן דעם ליי־טער וואָס שטייט אויף דער ערד און גרייכט ביזן הימל אַריין און מלאכים גייען איבער אים אַראָפּ און אַרויף און גאָט אַליין שטעלט זיך לעבן אים און ער זאָגט אים: „איך בין גאָט, דער גאָט פון אברהם דיין טאַטן און דער גאָט פון יצחק. דאָס לאַנד ווו דו ליגסט דערויף וועל איך דיר געבן און דיינע קינדער. און דיינע קינדער וועלן זיין די שטויב פון דער ערד און דו וועסט זיך אויסשפּרייטן קיין מערב און קיין מזרח".
אונדזער באַן איז געלאָפן צו צפון, קיין תל־אביב. אין די וואַגאָנען איז מען געווען מיד און פריילעך. מען האָט מעשׂות דערציילט און לידער געזונגען און די גאַנצע זאַך איז פאַרגעקומען ווי אַ פאַנטאַזיע, אָדער אַ חלום. מען האָט דערציילט פון אַפּטער רב, אַז ער געדענקט, ווען ער איז געווען אַ שעפעלע ביי יעקב אבינו אין דער סטאַדע. אייניקע פון אונדז

האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זיינען נישט יעקב אבינוס אייניקלעך, נאָר טאַקע יעקב אבינו אַליין און מיר ליגן נאָך ערגעץ דאָ נישט ווייט מיט שטיינער צוקאָפּנס און מיר חלומען וועגן אַ לייטער, וואָס מען גייט אי־בער אים אַרויף און אַראָפּ. נו יאָ, אַראָפּ זיינען מיר שוין געגאַנגען גענוג. צייט שוין צו גיין אַרויף.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי עטלעכע סטאַנציעס. אומעטום זיינען אַנטקעגנגעקומען מענטשן. ערטערווייז זיינען די מענטשן געווען היפּש־לעך באַוואָפנט. אברהם אבינו האָט דאָ געהאַט צו פירן שלאַכטן און מלחמות. און איצטער דאַרף מען אויך גיין באַוואָפנט. ביי איין סטאַנציע האָב איך אַ פרעג געטאָן ביי איין סאָלדאַט, צי די פּאָסטעכער פון גרר, דעם קעניג אַבימלכס שלעכטע קנעכט, דערקוטשען נאָך. ער האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט, ווייזט אויס, געלערנט חומש און ער האָט פאַר־שטאַנען, וואָס איך פרעג אים. די באַן איז ווייטער געלאָפן און די פּאַ־סאַזשירן האָבן אָדער דערציילט וויצן, אָדער געזונגען. צום מערסטן האָט געזונגען די יוגנט, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַ סך אַרגענטינער, וואָס האָבן צום בעסטן גערעדט שפּאַניש. יידיש האָבן זיי גערעדט שווער־לעך און העברעיִש נאָך שווערער. ביקסן האָבן זיי געטראָגן פעסט און זיכער. לידער האָבן זיי געזונגען אין העברעיִש. מיר האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז איך זע אברהם אבינו, אַלציינס, ווי דער האַלב בלינדער תימנער האָט אים געזען אין באר־שבע. און איך האָב נאָך עד היום פאַר די אויגן סיי באר־שבע, די שטאָט מיט אַ פאַרבעפּלטער פאַרגאַנגענהייט און מיט אַן אָנהייב פון אַ ווירקלעכקייט און אַז איך האָב אויך פאַר די אויגן דעם טאַטן פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט דאָרט געגראָבן ברונעמער און טייער באַצאָלט פאַר יעדן ביסל וואַסער און האָט געקראָגן אַ צוזאָג פון גאָט אַליין, אַז פון אים וועט אַרויסקומען אַ גרויס פאָלק.

אַ שמועס מיטן נשיא פון מדינת ישראל יצחק בן צבי

דעם פּרעזידענט פון מדינת ישראל, יצחק בן צבי, האָט מען ליב אין אַלע קרייזן און שיכטן, מען רופט אים „הנשיא" (האַנאַסי — מיטן טאָן אויף דעם לעצטן טראַף) און מען ברענגט דאָס דאָזיקע וואָרט אַרויס מיט זעלטענער צאַרטקייט. אין משך פון די פינף וואָכן, וואָס איך בין אין לאַנד, האָב איך געהערט אַ סך שאַרפע רייד קעגן אַלע מלוכה־לייט, באַזונדער קעגן דעם פּרעמיער דוד בן־גוריון, דעם אויסערן־מיניסטער משה שרת און קעגן פינאַנץ־מיניסטער לוי אשכול, אָבער פון קיין איין מענטשן האָב איך ניט געהערט קיין איין שלעכט וואָרט קעגן בן־צבין. אַלע ריידן וועגן אים מיט ליבע ווי וועגן אַ מענטשן מיט טאַקט, וואָס מאַכט נישט קיין חילוק צווישן ריכטונג און וועלכער איז באמת אַלעמענס פּרעזידענט. ער איז נישט געווען קיין קאַנדידאַט פון די פרומע, דאָך ריידן זיי אויך מיט ליבע וועגן אים, כאָטש בכלל איז ביי זיי נישט גרינג אַרויסצוקריגן אַ גוט וואָרט וועגן אַ מלוכה־מאַן, וואָס איז אָפיציעל נישט קיין רעליגיעזער. די רעוויזיאָניסטן אַפילו ריידן נישט קעגן אים און זיי „שווייגן אויף אים" נישט מיט בייזקייט. און ביי זיי איז שוין אַוודאי גאָר שווער צו פועלן, אַז זיי זאָלן נישט ריידן קעגן אַ נישט־אייגענעם מענטשן...

מ'יר איז אויסגעקומען צו זען דעם נשיא ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. איך האָב אים געזען ביי דער פּאַראַדע פון יום־העצמאות. ביי דער עפענונג פון ציוניסטישן קאָנגרעס, ביי פאַרשידענע זיצונגען פון דעם דאָזיקן קאָנגרעס. ביי עפנטלעכע געלעגנהייטן דערשיינט ער אָפיציעל און עס קען דאָך אַנדערש נישט זיין. עס מ'וז דאָך אים באַגלייטן זיין סוויטע, וואָס באַשטייט פון זיין פּריוואַטן סעקרעטאַר און איין וועכטער פון פאָרנט און צוויי פון הינטן. אָבער ער בלייבט דאָך שטענדיק דער אינטימער מענטש און זיין האַרציקער שמייכל, וואָס זעט אויס אויך ווי אַ קנייטש פון טרויער, וואַרפט זיך שטענדיק אין די אויגן אַריין. אַפילו ווען מען זעט אים קוים, קוים, זעט מען זיין שמייכל. ביי דער פּאַראַדע פון יום־העצמאות, האָבן מיר אים געזען היפּשלעך פון ווייטן און מיר האָבן קוים

געקענט זען די ליניעס פון זיין פיגור און זיין פּנים, דאָך האָבן מיר געזען און איבערהויפּט געפילט זיין שמייכל. אויך ביי דער סקאַנדאַליעזער סצענע פון 24טן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען די רעוויזיאָניסטן האָבן נישט געלאָזט ריידן דעם מפ״ם־פירער י. חזן, ווייל ער האָט אָנגערופן מנחם בעגין „פושע ישראל״, איז יצחק בן־צבי געזעסן מיט אַ טרויעריקן שמייכל אויף דעם פאַרהאַרטעוועטן פּנים... ער איז צו יענער זיצונג געקומען, ווייל דער אויסערן־מיניסטער שרת האָט געדאַרפט האַלטן זיין רעפעראַט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פון מדינת ישראל און ער האָט געוואָלט און געדאַרפט צוגעבן וויכטיקייט דעם דאָזיקן רעפעראַט און ער האָט געמוזט צוקוקן, ווי די „קינדער״ האָבן זיך צוהרגעט און שווייגן און שמייכלען. און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם זעלביקן שמייכל מיט וועלכן ער איז געקומען און איז געזעסן...

איך האָב געהאַט דעם כבוד אויפגענומען צו ווערן פון דעם נשיא אין זיין רעזידענץ און זיצן און שמועסן מיט אים אַ גאַנצע שעה און אַט וועגן דעם וויל איך באַזונדער דערציילן די אַרגענטינער און אויך בראַזיליאַנער ייִדן, ווייל ער האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס צום ייִדישן לעבן אין אָט די צוויי לענדער און נאָך מער וויפיל איך האָב אים געשטעלט פראַגן, האָט ער מיך „אינטערוויואירט״.

...עס איז געווען אין אַ פּשוטן מיטוואָך צען אַזייגער אינדערפרי. מען האָט מיר געמאָלדן מיט צוויי טעג פריער, אַז דער נשיא וועט מיך אויפנעמען אינאיינעם מיט דעם דירעקטאָר פון דעם שפּאַניש־ייִדישן וואָכנבלאַט „מונדאָ איזראַעליטאַ״ און אַז איך דאַרף זיין צען מינוט פאַר דער באַשטימטער צייט ביים אַריינגאַנג צו דער פּרעזידענץ, וווּ עס וועט אויף אונדז וואַרטן אַ פאַרשטייער פון אויסערן־מיניסטעריום. כאָטש אַלץ איז צוגעגאַנגען מיט דער פולער צערעמאָניאַליטעט, אַלציינס ווי ביי אַן אויפנאַמע פון אַ פּרעזידענט פון יעדן אַנדערן לאַנד, האָב איך אָבער דאָך זיך דערלויבט מיטצונעמען מיין פרוי, נישט מעלדנדיק וועגן דעם פון פריער. ערשטנס, איז ער דאָך דער פּרעזידענט פון ישראל, וואָס איז אונדזער אַלעמענס. צווייטנס, האָב איך צוריק מיט אַכט יאָר גענומען אַן אינטערוויו ביי יצחק בן־צבי, ווען ער איז נאָך געווען אַ ציווילער בירגער. ער איז דעמאָלט געווען פּרעזידענט פון „וועד הלאומי״ (אַ מין קהילות־פאַרבאַנד), אַ באַדייטנדיקער היסטאָרישער פאָרשער און אין דער פאַרגאַנגענהייט אַפילו אַ זשורנאַליסט און איבערהויפּט איינער פון די גרינדער פון

יידישן זעלבסטשוץ אין צאַרישן רוסלאַנד, און איינער פון די גרינדער פון פועלי־ציוניזם.

...צו דער מינוט האָט אונדז אָפּגעוואַרט דער פאַרשטייער פון אויסערן־מיניסטעריום, הער פּראַטאַ, וואָס איז געווען ישראל־קאָנסול אין אַרגענטינע. ער איז אַ ספרדישער ייִד און ער האָט מיט אונדז גערעדט שפּאַניש, ווייל נישט מיין פרוי און נישט הער קיבריק ריידן עברית. דער צוגאַנג צו דער פּרעזידענץ איז אַ האַלב־אָפּיציעלער. אַ סאָלדאַט שטייט ביי דער טיר. דאָס געסל איז אַ שטילס, אַ טיפּיש ירושלימדיקס. דער פּרימאָרגן איז געווען אַ שטילער, אַ לויטערער, די ביימער האָבן קוים גערירט מיט די טונקל־בלויע קעפּ. איך האָב געפילט, ווי אַלץ אַרום זינגט אין מיר מיט אַלערליי געפילן... איך האָב דערלעבט אויפגענומען צו ווערן אין ירושלים פון דעם נשיא פון מדינת ישראל... איך האָב אָבער גוט געדענקט, אַז נישט ווייט, לערך אַ פינף הונדערט מעטער פון דאַנען, געפינט זיך די גרענעץ און אַז פון יענער זייט געפינט זיך נישט אַ שכן, נאָר אַ שונא און די פעסטונג פון שונא איז אין אַלט ירושלים, די שטאָט, וואָס דוד המלך האָט פאַרפעסטיקט און מיט וועלכער אונדזער פאָלק איז אידענטיפיצירט. אין מיר האָט דערפאַר אי געזונגען, אי געיאָמערט.

אַ פּאָר מינוט זיינען אַוועק זייט דעם מאָמענט, וואָס מיר זיינען אַריין אין הויז פון דער נשיאות ביז דער נשיא האָט זיך פּאָר אונדז באַוויזן. איך האָב געהאַט צייט צו אַרומקוקן און באַטראַכטן דעם אונטערשטן שטאָק, וואָס באַשטייט פון אַן אַריינגאַנג, אַ מיטעלן־צימער און אַ גרויסן אויפנאַם־זאַל. די ווענט זיינען אַלע העל־הילצערנע, פאַראַן בילדער אויף די ווענט, קינסטלערישע און היסטאָרישע. פאַראַן דאָ סטיל און פשטות, עלעגאַנץ און פּרימיטיווקייט. אין גרויסן אויפנאַם־זאַל איז פאַראַן אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט ביכער אין עברית, ענגליש און ייִדיש. אין די אויגן האָט זיך מיר געוואָרפן דאָס בוך פון ש. ניגער וועגן ה. לייוויק, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון קולטור־קאָנגרעס ביי אונדז אין אַרגענטינע.

...און אָט גייט אַראָפּ פון אייבערשטן שטאָק דער נשיא. עס ווילט זיך זאָגן אין עברית: „הוא יורד אלנו" — ער נידערט אַראָפּ צו אונדז. ער איז הויך; טאַקע משכמו ומעלה. צווישן די מפא"י־פירער איז ער פון די געציילטע הויכע. דער זעלביקער יצחק בן־צבי, ביי וועלכן איך האָב אין יוני 1948 גענומען אַן אינטערוויו. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַ מער פאַרהאַרטעוועט אויסזען. אויך די צייט איז דעמאָלט געווען אַ מער האַר־

טע. עס איז געווען אַ מאָמענט פון וואָפנשטילשטאַנד, ווען די וואָפן זיינען דאָך נישט געווען שטיל און ווען ירושלים האָט געהאַט ווייניק שפייז און נאָך ווייניקער וואַסער. בן־צבי איז דעמאָלט געווען געקליידט האַלב־מיליטעריש און ער האָט געהאַט בלויז אַ טרויער־קנייטש אין לענגלעכן פּנים, נישט אויך אַ שמייכל־קנייטש ווי איצטער.

אינײַנעם מיטן פּרעזידענט איז אַראָפּגעקומען אויך זיין פּריוואַטער סעקרעטאַר י. אלמוני. און ער טאַקע איז געווען דער דאַזיקער, וואָס האָט אונדז אָנגעוויזן די פּלעצער. דער נשיא האָט זיך געזעצט אויף איינעם פון די צוויי שטולן, וואָס צו דער וואַנט און מיין פרוי האָט זיך געדאַרפט זעצן לעבן אים. איך און ה' קיבריק האָבן מיר זיך געזעצט אין זיין רעכטער האַנט און דער פּריוואַט־סעקרעטאַר און דער פאַרשטייער פון אויסערן־מיניסטעריום אין דער לינקער זייט. מיר האָבן אַלע, באַטירלעך, געוואַרט מיטן אַוועקזעצן זיך ביז דער פּרעזידענט וועט זיך זעצן, אָבער בן־צבי האָט אָנגעוויזן, אַז מיין פרוי זאָל זיך פריער זעצן. ער האָט שווייגנדיקערהייט געלאָזט וויסן, אַז אַ פּרעזידענט דאַרף אויך זיין אַ דזשענטלמען...

און די ערשטע פראַגע האָט אונדז געשטעלט דער נשיא. ער האָט געפרעגט:

— אין וואָס פאַר אַ שפּראַך וועלן מיר ריידן?

איך בין געווען דער איינציקער צווישן די געסט, וואָס רעדט עברית. עס איז געבליבן, אַז די געאייגנסטע שפּראַך אין יידיש. געווען דאָך אַן אומבאַקוועמלעכקייט: דער הער פּראַטאַ, פאַרשטייער פון אויסערן־מיניסטעריום, דער ספרדי, פאַרשטייט נישט אונדזער מאַמע־לשון. מיר האָבן גערעדט יידיש און פון צייט צו צייט האָט דער נשיא אַליין אים איבערגעזעצט אונדזער שמועס אויף עברית. קיין איין רגע פון אומבאַקוועמלעכקייט האָבן מיר נישט געפילט. דער שמועס אונדזערער איז געפלאָסן פשוט און נאַטירלעך. מיר האָבן דערציילט דעם פּרעזידענט, אַז ווען מיר זיינען געווען חול המועד פסח אין סדום, זיינען מיר אָנגעקומען אויף זיינע שפּורן, ער איז נאַרוואָס געהאַט אַוועקגעפאָרן פון דאָרט און מיר האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט גראַד געפּראַוועט דעם סדר אין יענער געגנט, האָט ער אונדז געענטפערט:

— אין סדום ווערט געטאָן אַ זייער וויכטיקע אַרבעט. די פּראָדוקציע פון פּאָטאַש און אַנדערע שטאָפן איז זייער אַ נייטיקע. אָפּשטעלן די־

אַרבעט קען מען נישט אַפילו אום שבת און אום יום־טוב. אַהיים פאָרן צו די עלטערן אויף פסח האָט די חברה נישט געקענט, האָב איך פאַרטראַכטן זייערע עלטערן און איך בין געפאָרן צו זיי אויף פסח און מיר האָבן גע־פּראַוועט איינעם דעם סדר.

און מיר האָבן זיך געפילט פריי און געשמועסט. סיי איך און סיי לעאָן קיבריק האָבן מיר געשטעלט פראַגן וועגן דער פּאָליטישער לאַגע פון ישראל. מיר האָבן נישט דערוואַרט, אַז אונדז זאָל אויפגעדעקט ווערן סודות, אָבער אונדז איז קלאָר געוואָרן פון דער סאַמע אויטאָריטעטסטער קוועלע, אַז מען זאָרגט גענוג, אַז עס זאָל נישט זיין קיין סכנה. איך האָב געפרעגט דעם פּרעזידענט וויפל אמת עס איז פאַראַן אין דער באַהויפּ־טונג פון פאָסטער דאַלעס, דעם אויסערן־מיניסטער פון נאָרד־אַמעריקע, אַז ישראל דאַרף נישט באַקומען קיין געווער, ווייל די מדינה איז צו קליין. יצחק בן־צבי האָט אַ טראַכט געטאָן, האָט געקוקט אויף אונדז מיט אַ גע־וויסער אַנשטרענגונג און ער האָט באַלד צוריק באַקומען זיין שמייכל און ער האָט געענטפערט:

„פאָרמאָסאַ איז לגבי דער קאָנטינענטאַלער כינע אַ סך אַ קלע־נערע מאַכט ווי עס איז ישראל לגבי די אַראַבישע לענדער און פונ־דעסטוועגן קריגט שיאַן קאַי שעק אומגעהייער אַ סך געווער!"

די פּשטות און די וווּנדערלעכע לאָגיק פון אָט דעם ענטפער האָט אונדז דערמוטיקט. מיר האָבן געפילט, אַז אייגנטלעך האָט אונדזער שמועס מיטן נשיא געקראָגן דעם תיקון דורך אָט דעם וואָרט.

מען האָט אויף דעם ישראל־שטייגער געבראַכט טיי און געבעקס. נישט אַנדערש האָט דער כיבוד אויסגעזען ווי אין גאַנץ ישראל. דער פּרע־זידענט טרינקט נישט אַנדערש טיי ווי יעדער אַנדערער ישראלניק. פון אים וואָלט מען נישט געמאַכט דאָס באַרימטע פאָלקס־ליד וועגן דעם ווי אַזוי דער קיסר טרינקט טיי... און בעת דעם טרינקען האָט בן־צבי גע־זאָגט:

— דערציילט אונדז עפּעס וועגן אַרגענטינער ייִדן!

מיר האָבן מיט אַ קיצור נמרץ אים איבערגעגעבן דעם תמצית פון אונדזער לעבן. ווען עס האָט געהאַלטן ביי ציפערן, האָט צווישן מיר און קיבריקן „אויסגעבראָכן" אַ חילוקי־דעות. איך האַלט, אַז אין אַרגענטינע זיינען פאַראַן אַריבער אַ האַלבער מיליאָן ייִדן, הער קיבריק האַלט, אַז

עס זיינען פאַראַן פיר הונדערט טויזנט. איך האָב דערציילט, אַז אַנטי־סעמיטן האַלטן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ סך מער, האָט בן־צבי צו דעם באַמערקט:

„אַז אַ ייִד דרייט זיך אין גאַס און ער גייט אַהין און צוריק, זעט דער נישט־ייִד צוויי ייִדן אין איינעם".

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נשיא קען דאָך עפּעס פון אונדזער לעבן. ער קען דעם זשורנאַל „דווקא", וואָס שלמה סוסקאָוויטש גיט אַרויס מיט אַזויפיל גלויבן און עקשנות. ער קען אייניקע אַרבעטן פון באַלעס־לאַוו לעווין. איבערהויפּט אינטערעסירן אים זיינע פאַרש־אַרבעטן וועגן דער אינקוויזיציע. ער ווייסט וועגן די אָנשטרענגונגען צו שאַפן ייִדישע שולן אין אַרגענטינע און בכלל דרום־אַמעריקאַנער לענדער און ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די רעזולטאַטן פון די דאָזיקע אָנשטרענגונגען. מיר האָבן אים אינפאָרמירט אָביעקטיוו און מיר האָבן אים געזאָגט, אַז די קיבוצים ביי די סאַמע גרענעצן, אין וועלכע עס געפינען זיך אַ סך אַרגענטינער און בראַזיליענער, ווי אויך טשילענער און אורוגווייער, דער־ציילן היפּש וועגן דעם, ווי אַזוי עס זעט אויס דאָס ייִדישע לעבן אין אַר־גענטינע און ווי אַזוי עס ווירקט אונדזער שול. מיר האָבן אים אָנגעוויזן אַז בראַזיל גיט פּראָפּאָרציאָנעל די גרעסטע צאָל חלוצים און אַרגענטינע שטייט באַלד אויף דעם צווייטן פּלאַץ. דער פּרעזידענט האָט אונדז נישט אויפגעהערט צו „אינטערוויואירן" און ער האָט אונדז געפרעגט וועלכע עס זיינען אונדזערע קיבוצים און ווען מיר האָבן אים אויסגערעכנט איי־ניקע פון זיי, איז ער איבערגעראַשט געוואָרן.

דער נשיא האָט אונדז גערעדט מיט ליבע וועגן דעם אַרגענטינער אַמבאַסאַדאָר דר. גרעגאָריאָ טאָפּאָלעווסקי, וואָס איז אַן עכטער דעמאָ־קראַט, אַן אויפריכטיקער רעפּרעזענטאַנט פון דער בעסערער אַרגענטינע און ער קען זיין אַ גוטער ייִד אין אַזאַ פאָרם, אַז עס זאָל נישט קומען אין קיין סתירות מיט זיין אַרגענטינישקייט. איך האָב באַמערקט, אַז אַ העב־רעיִשע נאָכמיטיק־צייטונג האָט געשריבן, אַז טאָפּאָלעווסקי האָט געמאַכט אין תל־אביב ייִדיש פאַר דער דיפּלאָמאַטישער שפּראַך, האָט בן־צבי גע־זאָגט:

— דאָס איז טאַקע ריכטיק. מירביידע האָבן גערעדט ייִדיש. עברית קען ער נישט, שפּאַניש קען איך נישט. אין פראַנצויזיש בין איך שוואַך,

אין ענגליש איז ער שוואַך, איז יידיש געווען די איינציקע „רעטונג“־שפּראַך...

איך האָב באַמערקט, אַז עס איז פאַראַן אַ ווערטל, וואָס זאָגט, אַז עברית איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק און יידיש — די אינ־טערנאַציאָנאַלע שפּראַך...

דער נשיא האָט מיט צופרידנקייט אויסגעהערט דעם דאָזיקן זאָג און ער האָט נאָך מער געשמייכלט און אונדז געגעבן אָנצוהערן, אַז ביים ציו־ניסטישן קאָנגרעס פילט מען דאָס דאָזיקע באַזונדער. מיר האָבן קוים באַרירט די פראַגע וועגן קאָנגרעס און געפרעגט אויף וויפל ריכטיק עס איז די מיינונג, אַז דאָס איז דער לעצטער ציוניסטישער קאָנגרעס. אָט די מיינונג האָט בן־צבי אָפּגעלייקנט. די פּראָבלעמען, האָט ער געזאָגט, וואָס דער קאָנגרעס באַהאַנדלט איצטער, וועלן נישט געלייזט ווערן אַזוי גיך... אין די תפוצות זיינען חלילה נישט פאַראַן צופיל יידן, אָבער אין ישראל איז פאַראַן צו ווייניק.

— וואָס הייסט איר אונדז זאָגן אַרגענטינער יידן?

— אַלץ, וואָס איז דאָ געררעדט געוואָרן, איז פאַר יידן פון אַרגענ־טינע, פון בראַזיל, פון אַלע אַנדערע לענדער...

מיר האָבן טאַקע געפילט, אַז מיר האָבן נישט געמאַכט אַ סתם באַ־זוך דעם פּרעזידענט פון מדינת ישראל, נאָר אַז מיט אונדז זיינען געזעסן אין זאַל פון דער פּרעזידענץ אין ירושלים אַלע אַרגענטינער יידן און אַלע יידן פון דרום־אַמעריקע בכלל. און די אַלע יידן האָט דער נשיא געהייסן זאָגן, אַז זיי טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז די לאַגע פון ישראל איז ערנסט און במילא איז אויך ערנסט די לאַגע פון גאַנצן יידישן פאָלק... איך האָב געבעטן אַ בילד ביי בן־צבין און ער האָט מיר צוגעשיקט זיינעם אַ פּאָר־טרעט מיט דער אויפשריפט פון דעם איינעם וואָרט „ברכה“, וואָס זאָגט אַזוי פיל. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די ברכה איז נישט בלויז פאַר מיר, נאָר פאַר אַלע יידן פון דרום־אַמעריקע.

אַ חתונה אין עין השלושה

עין השלושה (לייען: „עין האַשלאָשאַ“ מיטן טאָן אויף דעם לעצטן טראַף, מיינט: דער קוואַל — אָדער דאָס אויג — פון דריי) איז אַ קיבוץ, וואָס געפינט זיך ווייט אין נגב. ביז צו דער גרענעץ מיט עזה איז פון דאָרט דריטהאַלבן קילאָמעטער. עין השלושה האָט אַ פאַרטיפיצירט בערגל, פון וועלכן מען זעט אָן דעם ים און ס׳דאַכט זיך, אַז מען קען גרייכן צו אים מיט דער האַנט, אָבער אינמיטן געפינען זיך די אַראַבער. אָט דערפאַר איז עין השלושה נישט ווייניקער מיליטערישער לאַגער ווי קיבוץ. מען איז דאָ תמיד גרייט צו קענען צו יעדער צייט אַראָפּפירן די קינדער אין גוט־צוגעגרייטן מקלט (שעלטער) אַריין און אַליין נעמען די ביקסן, דאָס מאַשינען־געווער און אַלע אַנדערע כלים. ווען מען זאָגט אין אַ קיבוץ „כלי“ (קלי — אַ „קיילע“) מיינט מען אַ שיסער.

זעקסטהאַלבן יאָר איז ער אַלט דער דאָזיקער קיבוץ. דער ערשטער בחור, וואָס איז דאָ געבוירן געוואָרן, אַ בלאָנדער, געזונטער יאַט, וואָס איז שוין באַלד אַזוי גרויס, ווי זיין מאַמעלע, איז אַלט וויפל דער קיבוץ. זיינע מיטגלידער זיינען צום מייסטן אַרגענטינער יאַטן און יאַטעכעס, פאַראַן צווישן זיי אַביסל טשילענער. צום „הנוער הציוני“ געהער ער דער קיבוץ. צו די פּראָגרעסיווע אַלגעמיינע ציונים, אָבער זיין ווירטשאַפט איז פונקט אַזאַ קאָאָפּעראַטיווע־קאָלאָניע, ווי אין די קיבוצים, וואָס געהערן צו די סאָציאַליסטישע ריכטונגען. און באַוואַכן און באַהיטן די גאַנץ ערנסטע געגנט, וואָס וואָלט געווען געפערלעך ווען מען היט זי נישט ווי געהעריק, קענען די חברה פון עין השלושה חלילה נישט ערגער, ווי די חברים פון די שכנישע קיבוצים כיסופים און ניר עם. די אַראַבער פון אַנטקעגן ווייסן, אַז אָנהייבן זיך מיט אָט דער חברה לוינט נישט...

הונדערט זעכציק נפשות זיינען פאַראַן אין עין השלושה, 134 דערוואַקסענע און 24 קינדער. די דערוואַקסענע זיינען כמעט אַלע געבוירענע אין אַרגענטינע, די קינדער זיינען אַלע געבוירן אין ישראל. פאַראַן צווישן די מיטגלידער פון אָט דעם קיבוץ יאַטן און יאַטעכעס וואָס איך קען גוט זייערע עלטערן און זיי געדענק איך אַלס קינדער. איך האָב געטראָפן אַ

טאָכטער פון אַ ייִדן, וואָס הייסט הײרמאַן און וואָס האָט ליב צו שרייבן גראַמען. פּופּעלע פלעגט מען רופן זיין טאָכטער, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידל. אין קיבוץ איז זי מיט איר מאַן און האָט שוין אַ קינד, צי טאָקע צוויי.

מען הערט מער ווי אַלץ שפּאַניש אין עין השלושה, אָבער זיי ריידן שוין אַלע אַ נישט שלעכטן העברעיִש. מיט די קינדער ריידן זיי בלויז עברית. זיי פילן אַלע דאָס בעסט צו זייער געבוירן־לאַנד אַרגענטינע, אָבער זיי זיינען שוין ישראלדיקע דורך און דורך און דער גאַנצער זין פון זייער לעבן איז אַרבעט און שמירה. אין דעם שטעקט זייער און דעם לאַנדס זיכערקייט און צוקונפט. קינדער פון באַלעבאַטישע עלטערן, אַליין ליבער־ראַל־בירגערלעך געשטימט, איז זייער מענטאַליטעט דאָך אַן אַנדערע, ווי זייערע עלטערנס און דאָס רייך ווערן האָט נישט קיין שום שייכות מיט זייערע אַספּיראַציעס. און ווייל זייער לעבן־זין איז דאָס לאַנד, די אַרבעט און שמירה, באַשטייט ביי זיי אַ חופּה פון: דער ישראל־פאָן, צוויי גרעב־ליעס און צוויי ביקסן. :

איך בין געווען אויף אַ חתונה אין עין השלושה נישט צופעליק. איך בין ספּעציעל געפאָרן אויף דער חתונה און אַט פאַרוואָס: די טאָכטער פון אַרגענטינער ייִדישן שרייבער פּ נ ח ס ב י ז ב ע ר ג האָט חתונה גע־האט אין אַט דעם קיבוץ, ווו זי און איר חתן — איצטער איר מאַן — זיינען מיטגלידער, און איך האָב געפונען פאַר נייטיק נישט צו פעלן אויף דער דאָזיקער שמחה. איך האָב געהאט אַ באַזונדער מאָטיוו בייצוזיין די דאָזיקע חתונה. פּ נ ח ס ב י ז ב ע ר ג, ווי אונדזערע לייענער ווייסן, האָט לעצטנס געוווינט אין טשילע, ווו ער איז קראַנק געוואָרן. ער איז געווען אין סכנה מיט זיין לעבן און ער האָט זיך געראַטעוועט. ער האָט אַלע שאַנסן געזונט צו ווערן, אָבער דערווייל איז ער נאָך נישט געזונט. קראַנקערהייט האָט מען אים געפירט אין ישראל און ער וווינט נישט ווייט פון תל־אביב, פון וואַנען ער איז געפאָרן אינײנעם מיט זיין פרוי — אַ ייִדישע לערערן, וואָס ווערט אַ העברעיִשע מורה — אויף דער חתונה. האָב איך געפונען פאַר מיין חוב צו זיין ביי דער חופּה און דרך אגב מוציא צו זיין אַלע ייִדישע שרייבער פון אַרגענטינע. אין ישראל איז מען שטענדיק פאַרנומען און איך בין אין יענעם זונטיק — דעם 13טן מאַי — געווען באַזונדער פאַרנומען. דערצו איז דער וועג קיין עין השלושה דורך אַ סך נישט גאָר זיכערע פלעצער. דאָך בין איך געפאָרן אינײנעם מיט

מיין פלוגית און מיט אונדז זיינען אויך געפאָרן י. הרכבי און פרוי. מאַלע, וואָס עס פּאַסירט דאָרט צומאָל אויף דעם וועג, ביי נחל עוז. ווען מען זאָל וועלן נעמען זיך שרעקן אין ישראל פאַר דעם, וואָס עס פּאַסירט, אָדער ס׳קען פּאַסירן, וואָלט מען געדאַרפט זיצן אין תל־אביב און זיך נישט רירן פון אָרט. יאָ, אין תל־אביב, נישט אין ירושלים, וואָרום אין ירושלים געפינסטו זיך אָפט נישט ווייטער ווי 100 (הונדערט) מעטער (מעטער, נישט קילאָמעטער) פון דער גרענעץ. און ווי ווייט, מיינט איר, איז געווען דער 24טער ציוניסטישער קאָנגרעס פון דער יאַרדאַנישער גרענעץ? אפשר דריי קילאָמעטער. עמיצער האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳וט מיין פאָרן אויף דער חתונה האָב איך אַזאָ מצווה, אַז אַפילו יום־כיפּור וועל איך שוין נישט דאַרפן פאַסטן. איך מוז אָבער דערקלערן, אַז כ׳האָב פאַר דער מצווה גע־האַט דעם באַלדיקן שכר. איך האָב זעלטן ווען געהאַט אַזאַ פרייד פון אַ חתונה ווי אין עין השלושה ביי דער חתונה פון דער בחורה ביזבערג מיט דעם בחור שוגורענסקי (אַ זון פון אַ מאָזעסווילער פאַמי־ליע, אַ פּראָדוקט פון דער אַרגענטינער יידישער קאָלאָניזאַציע). אַוודאי איז געווען טרויעריק צו קוקן אויף דער כלהס קראַנקן טאַטן, ווי ער גייט שווער און רעדט שווער. חתן־כלה האָט מען געפירט צו דער חופּה, דער כלהס טאַטן האָט מען געדאַרפט פירן. אָבער אויך ער האָט געשיינט. ס׳האָט אויף אים גערוט די שכינה ממש און ס׳האָט פון אים געשטראַלט די פרייד. נאָך די אַלע איבערלעבונגען, נאָך דעם שווערן פאַרקראַנקט ווערן, פירן די בת־יחידה צו דער חופּה. און ווו? אין ישראל. אין אַ קיבוץ, ווו די חופּה באַשטייט פון דער פאָן פון מדינת ישראל און פון צוויי גרעבליעס און צוויי ביקסן. מ׳קען זיך פאָרשטעלן אַ מער פאַנטאַסטישע געשעעניש? פון פוילן דורך דייטשלאַנד קיין אַרגענטינע און טשילע און קראַנקערהייט קיין ישראל צו דער חופּה פון דער בת־יחידה אין אַ קיבוץ ביי דער גרענעץ מיט עזה, נישט ווייט פון מדבר סיני, ווו מ׳שה רבינו האָט געפירט די יידן פון מצרים? און אַ גרעסערע פרייד קען מען זיך פאָרשטעלן? שלום עליכם איז געווען שטאַרק גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט: „צו וואָס ראָמאַנען, אַז דאָס לעבן אַליין איז אַ ראָמאַן"...

מיר זיינען אַרויסגעפאָרן מיט אַ ספּעציעלן אויטאָ פון תל־אביב האַלב איינס און אָנגעקומען זיינען מיר קיין עין השלושה אַרום דריי אַזייגער. אויף אַ מרחק פון אַריבער 150 קילאָמעטער געפינט זיך דער קיבוץ פון דער גרויסער שטאָט. אויף דעם וועג האָבן מיר געטראָפן באַקאַנטע מענטשן

און באַרימטע פּערזענלעכקייטן. מיר האָבן געטראָפן געוועזענע מיניס־טאָרן און קינפטיקע מיניסטאָרן און דעפּוטאַטן. אין ישראל איז עס אַ גע־וויינלעכע דערשיינונג. אַביסעלע געבלאָנדזשעט האָבן מיר אויך. אונז צו־שטאַרק בלאָנדזשען טאָר מען דאָ נישט, ווייל איין שלעכטער פאַרבלאָנ־דזשען און מיר זיינען שוין ביי אונדזערע „פריינט״, וואָס זיינען די פריינט פון אונדזערע „פריינט״...

און אַט זיינען מיר אין קיבוץ, וואָס איז, דאַכט זיך, אַ מיליטערישער לאַגער און אַ קאַזאַרמע, און איז דאָך יום־טובדיק אויפגערוימט, כאָטש די אַרבעט גייט נאָך אָן. מען הערט קלאַפּן מיט האַמערס, מען זעט הייבן אַלערליי אַרבעט־כלים, מען זעט יונגעלייט און יונגע מיידלעך זיך באַ־וועגן און ווימלען. מען יאָגט זיך דאָ ווי מוראַשקעס. מיר האָבן זיך באַלד געטראָפן מיט דער כלה און מיט דעם חתן. די כלה — אַ רירעוודיקע, פול מיט חן, ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך. קענסטו נעמען פאַר אַ מוסטער צו ווייזן, וואָס אַזוינס עס מיינט ייִדישער חן. דער בחור, אַ הויכער, אַ גליי־כער ווי אַ סאָסנע, אַ שאַטענער, אַ שיינענדיקער, טאַקע אַ „בחור פאַר זיך״.ביידע שיינען און ביידע כאַפּן זיך קושן מיט אונדז. זיי זיינען טאַקע מיט די אייגענע, די כלה האָט דאָ ביידע עלטערן, די זיידע־באָבע פון דער מאַ־מעס צד און דער חתן האָט דאָ בלויז דעם פאָטער; זיי האָבן דאָך דאָ אַלע חברים פון קיבוץ, וואָס זיינען ברידער און שוועסטער, אָבער עס רירט זיי דאָך, וואָס מיר זיינען געקומען. איך בין אַ בוענאָס־איירעסער ייִדישער שרייבער, אַ פאָרשטייער פון דער כלהס טאַטנס קאָלעגן, י. הרכבי איז אַ פאָרשטייער — אין יענעם מאָמענט — נישט בלויז פון מפא״י, נאָר פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען. איז די פרייד פון חתן־כלה מיט אונדז גרויס. און דער כלהס מאַמע פרייט זיך און פנחס ביזבערג, דער כלהס טאַטע, זעט שוין נישט אויס קראַנק. ער זעט אויס, ווי איין שטיק פרייד.

און דער גאַנצער קיבוץ ווערט פול מיט פרייד. פאַראַן ייִדן פון שכנישע קיבוצים. אַרגענטינער ייִדן. איינער איז אַ ייִד פון קרוב לשמונים און ער העלפט נאָך פירן די ביכער אין שכנישן מפ״ם־קיבוץ גן־שמואל. פאַראַן ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין אַרגענטינע צוריק מיט דרייסיק יאָר.

מיר דערזען ייִדן מיט קאַפּאָטעס און בערד. איינער פון זיי איז אַן עלטערער, אַ שיינער ייִד מיט אַ גרויער באָרד, אויסגעפּוצט גאָר יום־טובדיק. ער איז דער כלהס מאַמעס טאַטע. ער איז געווען מוהל אין סאַנ־טיאַגאָ־טשילע און ער האָט אויף זיין געוויסן קיין עין־הרע דריי טויזנט

געמלטע טשילענער יאַטן. ער גיט חופּה וקידושין און ער שיינט. און זיין פלונית, אַ לעבעדיקע ייִדענע, שטראַלט גאַר.

— שוין געגעבן אַמאָל חופּה וקידושין אונטער אַ חופּה פון אַ פאָן, צוויי גרעבליעס און צוויי ביקסן?

— ס׳ערשטע מאָל היינט...

נעבן דעם אַלטן מוהל, דעם זיידן פון דער כלה, זיינען פאַראַן נאָך אַ פּאָר ייִדן מיט בערד און קאַפּאָטעס. גאַר יונגע מענטשן. זיי זיינען אויך אויסגעפּוצט. און איך קוק אויף דער יוגנט פון קיבוץ און אויף די עט־לעכע פרומע ייִדן, וואָס זיינען געקומען אויף דער חתונה. די ערשטע אָנ־געטאָן אין העמדלעך מיט קורצע, אָדער לאַנגע הייזלעך, מער אויפגעדעקט, ווי פאַרדעקט, די צווייטע איינגעהילט. צוויי וועלטן. און דאָך איז פאַראַן אַ פאָדעם, וואָס ציט זיך צווישן ביידע. און די יוגנט שטייט מיט דרך־ארץ ביי דער חופּה. די פרויען פאַרדעקן די קעפּ מיט טיכלעך, די מענער פאַר־דעקן די קעפּ מיט היטלען, יאַרמעלקעס, נאָזטיכלעך אָדער נאָר מיט די הענט.

עס איז געווען קרוב צו האַלב פינף, ווען מען האָט אַרומגעדרייט די כלה זיבן מאָל אַרום דעם חתן. אַ מיידל דאַרף זיך דרייען זייער לאַנג אַרום אַ בחור, ביז זי קריגט אים און אַז זי האָט אים שוין, דאַרף זי זיך דרייען זיבן מאָל אַרום אים אונטער דער חופּה. די יאַטן און יאַטעכעס, סיי די דאָזיקע וואָס האָבן זיך שוין געדרייט אונטער דער חופּה, סיי די דאָזיקע, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט געדרייט, האָבן זיך צוגעקוקט און צוגעהערט. צו וואָס מען דאַרף דאָס, האָבן זיי נישט שטאַרק פאַרשטאַנען, אָבער דרך־ארץ האָבן זיי אַרויסגעוויזן פאַר דעם אַלעמען. מיר איז שווער געווען צו פאַרשטיין, ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז אָט די חברה זאָלן איבער־לאָזן די גוט־איינגעפּונדעוועטע היימען פון זייערע על פּי רוב פאַרמעג־לעכע עלטערן און קומען אַהער און לעבן דיסציפּלינירט און כמעט־מילי־טאַריזירט. דעם גאַנג פון לעבן קען מען נישט שטענדיק פאַרשטיין, אָבער פּשוט זיינען די זאַכן נישט. פאַראַן גענוג יוגנטלעכע ביי אונדז, וואָס ווילן נישט לעבן אויף קיין פרעמדע קערפּערס.

...אונטער דעם גרויסן, פרייען, קיילעכדיקן, אומענדלעכן הימל, וואָס האָט נאָך געברענט מיט אַ גרויסער זון, וואָס האָט גענייגט צו פאַרגיין, זיינען געשטאַנען געדעקטע טישן מיט אַלערליי סאַנדוויטשן, זיסע גע־בעקסן, ביר און אַלערליי פרוכט־זאַפטן. און אונטערהאַלטן די הערצער

און אַ הונדערט מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן זינגען. מיר איז אויסגעקו־מען צו זיצן לעבן מיידלעך פון מאַראָקע, אייניקע אויסגעאיידלטע, אַנ־דערע פּראָסטלעכע. קיין עברית האָבן זיי נישט גערעדט. זייער שפּראַך איז אַראַביש און טיילוויַיז אויך פראַנצויזיש און אין פראַנצויזש בין איך מיט זיי דורכגעקומען. זיי האָבן אַרויסגעוויזן דאַנקבאַרקייט פאַר דעם, וואָס איך אינטערעסיר זיך מיט זיי. אין לאַנד געפינען זיי זיך אַ פּאָר חדשים. זיי גיבן זיך חשבון, אַז די קיבוצניקעס זיינען בעסער דערצויגענע און מער געלערנטע פון זיי און זיי זיינען צופרידן וואָס מען וויַיזט זיי נישט אַרויס קיין גאווה. זיי געפעלט דאָס לעבן פון שווערער אַרבעט, אָבער עס גע־פעלט זיי דערוויַיל געדאַנקלעך. אָרגאַניש דאַרפן זיי זיך ערשט צוגעוווי־נען דערצו. דאָס לעבן איז אַ גוטער לערער.

...די זון האָט געניַיגט אַראָפּ. מיר האָבן געדאַרפט צוריקפאָרן קיין תל־אביב. דער שאָפער, אַן אָנגעשטעלטער אין אַ קאָמפּאַניע פון טאַקסיס, האָט זיך געאיילט. די פרויען האָבן זיך אויך געאיילט. עס איז אַ געגנט, ווו ס׳איז בעסער צו פאָרן ווען ס׳איז ליכטיק. מיר האָט זיך נישט געגלוסט אַוועקפאָרן. די גאַנצע חברה האָט זיך ערשט צעשמחהט און איז געווען גרייט צו זינגען און טאַנצן און דער הימ׳ל, די ערד, די ביימער און דער ים דאַרט האָבן זיך געקליבן מיטזינגען. די ווירטשאַפט האָב איך נישט באַוויזן צו זען, די פּאַרטיפּיצירטע זאַנג האָב איך געזען, — מעז מעג זיך פאַרלאָזן אויף איר און דער חברה. מיר האָבן געזען דאָס צימער פון חתן־כלה, ס׳האָט געוויַיעט מיט ליבע פון דעם, מיט קולטור און מיט יידישער געטריַישאַפט. מיר האָבן געקושט חתן־כלה, מיר האָבן געקושט אַ סך קינדער און אַוועק. — — — דאָס געזאַנג איז אונדז נאָכגעגאַנגען. דער גליקלעכער פּנחס ביזבערג און זיין פרוי זיינען געפאָרן מיט אונדז. מיר האָבן די גאַנצע צייט געהערט זינגען. ווען מיר זיינען האַלב ניין אַזייגער אין אָוונט אָנגעקומען קיין תל־אביב, איז מען געווען איבערגע־שראָקן. דער ראַדיאָ האָט נאַרוואָס דערציילט, אַז מען האָט געהאַט גע־שאָסן אויף אַן אויטאָ און מען האָט געמיינט, אַז מען האָט געשאָסן אויף אונדז.

אויף אונדז האָט מען נישט געשאָסן, נאָר געזונגען...

אין אַ דאָרף פון אַלטע לייט

חדרה (כעדעראַ) איז איינע פון די עלצטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. מען האָט זי אָנגעהויבן בויען אין 1890. זי געפינט זיך אין שרון, נישט ווייט פון ים. מען האָט באַצאָלט אַ טייערן מענטשן־פּרייז פאַר איר. געווען דאָרט זומפּן, פולע מיט מאַלאַריע־מיקראָבן און מען האָט זיך געגוג אָנגעקרענקט און מען איז גענוג אָנגעשטאָרבן, ביז וואַנען מ׳האָט די געגנט אויסגערייניקט און אויסגעלופטערט מיט דער הילף פון אַן עוקאַליפּטן־וואַלד. היינט לעבן אין חדרה, וואָס געפינט זיך אויף דעם סאַמע כביש (שאָסיי) חיפה־תל־אביב, אַ צוועלף טויזנט נפשות, אויב נישט מערער. קומסט אַריין קיין חדרה, נעמט מען דיר דערציילן אין פריידן וועגן אַמאָליקע ליידן. דער ישוב האָט זיך אָנגעהויבן מיט צען נפשות, וואָס האָבן געהאַט שטיבלעך ווי גריבלעך, אַ קליין שילעכל, און אַ צימערל פאַר אַ תלמוד־תורה. און אויף דעם בית־עולם ווייזט מען דיר קברים און קברים פון מאַלאַריע־קרבנות; אָבער אויך קרבנות פון אַראַבישע פּיילן און קוילן פעלן דאָרט נישט. אַלע דאָרטן דערמאָנען דוד שמעוניס אַ שיר וועגן חדרה, וואָס זאָגט, אַז עס איז נישט קיין צייט צו קלאָגן און אַז באַערן דעם אָנדענק פון די קדושים דאַרף מען מיט אַרבעט און מיט פרייד. און ווען מען זעט, אַז דו איילסט זיך און דו ביסט שוין גרייט אַריין אין אויטאָ און צו פאָרן ווייטער, זאָגט מען דיר:

— פאַרגעסט נישט צו זיין אין שער־מנשה, אַ צוואַנציק מינוט פאָרן פון דאָרט.

— וואָס אַזוינס איז פאַראַן איז שער־מנשה?

— אַמאָל איז דאָרט געווען אַ מיליטערישער לאַגער. אין 1948 האָבן דעם דאָזיקן לאַגער פאַרנומען אונדזערע און היינט איז דאָרט...

— וואָס איז דאָרט היינט?

— איר וועט פאָרן, וועט איר שוין זען.

פאָרן מיר קיין שער־מנשה. איך פאָר אָפּ אַ צוואַנציק מינוט און איך כאַפּ אַ קוק אויף דער מאַפּע, וואָס איך פיר מיט זיך. לויט דער מאַפּע, דאַרפן מיר באַלד שוין זיין אין יאַרדאַניע... לאַכט ער, דער שאָפער:

— טאָקע נישט ווייט דאָ עבר־הירדן. אָבער אָ פינף קילאָמעטער פעלן נאָך. און אָט איז שוין טאָקע שער־מנשה. ווען מיר פאָרן נאָך אַ ביסל, ווען מיר שניידן דורך אָט דעם טאָל און דאָס עוקאַליפּטוס־וועלדל, וואָלטן מיר אָנגעקומען צו דער יאַרדאַנישער גרענעץ.

איך האָב נישט געפרעגט דעם שאָפער, וואָס איז אַזוינס שער־מנשה און ער האָט מיר נישט געזאָגט. דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט און איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן. דאָס פּלאַץ גופא מאַכט דעם איינדרוק אַ ביסל פון אַ לאַגער און אַ ביסל פון אַ דאָרף. שטיבער, שטיבלעך. אַ נישט גרויס קאַפּעהויז, נישט קיין גרויסע געשעפטן, אַ פאַבריק ראַזיר־שטוב, אַ שול, אַ קינאָ. דאָס איינציקע, וואָס וואַרפט זיך מיר אין די אויגן, איז: מען זעט בלויז אַלטע מענער און פרויען. אַ זעכציק־יאָריקער איז דאָ אַ יונגער־מאַנטשיק. מען זעט ייִדן פון אַלערליי מינים, ייִדן מיט און אָן בערד. אייניקע פון די דאַזיקע, וואָס האָבן נישט קיין בערד, זעען אויס עלטער, ווי די דאַזיקע, וואָס האָבן יאָ בערד. מען זעט אָן די גאַנצע צעקנייטשט־קייט פון די פּנימער. פאַראַן אַזעלכע, וואָס טראָגן קליינע בערדלעך, צו־געשוירענע און צוגעפּראַוועטע. זייער אַ סך אַרבעטן. אייניקע אַרבעטן אין די פעלדער און גערטנער פון אַרום. איך האָב שוין געזען אַ פּאָר הונ־דערט מענער און פרויען און נישט קיין איין ייִנגערן מענטשן. ביז איצ־טער דער ראַזירער געווען דער איינציקער מיטליאָריקער. אַ סך פון די אַלטע לייט ריידן ייִדיש, אָבער איך האָב געהערט ריידן אויך פּויליש, רו־סיש, דייטש, רומעניש, אַראַביש און פראַנצויזיש. דאָס אויסזען איז אויך פאַרשידן. מען דערקענט תימנישע, ספרדישע און אשכנזישע. צווישן די לעצטע זעען די דייטשע ייִדן אויך אויס אַנדערש. זיי זיינען מער אָפּגע־היט און געפּוצט.

— קיין מושב זקנים — זאָגט איך צום שאָפער — איז דאָס נישט, אָבער קיין יונגעלייט זיינען דאָ נישט פאַראַן און קיין מיטליאָריקע אויך נישט. וואָס־זשע איז דאָ?

— מען רופט דאָס שאַנגרי־לאַ.

— דאָס לעגענדאַרע פּלאַץ, וווּ מען ווערט פון אַלט יונג?

— לערך אַזוי. עס איז אַ דאָרף פאַר אַלטע לייט. עס איז געגרינ־דעט געוואָרן נאָך אין 1948. די באַוווּסטע אָרגאַניזאַציע „מלבן", וואָס האָט אייניקע גרויסע מושב זקנים'ס אין לאַנד, פירט אָן מיטן דאָרף.

— זי האַלט דאָס אויס?

— יאָ. זי האַלט דאָס אויס, אָבער עס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז די אַלטע לייט העלפן צו מיט אַרבעט. ווער עס קען נאָר עפּעס אַר־בעטן, זיצט נישט מיט פאַרלייגטע הענט. אין ביוראָ וועט מען אייך געבן די גאַנצע אינפאָרמאַציע. אָט דאָרטן איז די ביוראָ.

— דאָרטן? וועל איך טאַקע נישט אַריינגיין אַהין. די אַלטע לייט וועלן מיר שוין אַליין דערציילן, וואָס דאָ קומט פאָר.

און איך שטעל טאַקע באַלד אָפּ אַ יידן, וואָס קערט־צו פאַר אַ הויז און איך פרעג אים פון וואַנען ער איז. שטעלט ער אַוועק דעם בעזים, שפּאַרט זיך אָן אויף אים, טרייסלט זיך אָפּ מיט אַ פּאָר פינגער דאָס קליי־נע רויטלעכע בערדל זיינס, וואָס איז האַלב־גרוי און ער פרעגט מיך צוריק פון וואַנען איך בין. מאַך איך נישט קיין לאַנגע שהיות און איך דערצייל פון וואַנען איך בין, ווו איך האָב פריער געוווינט און ווו איך וווין איצ־טער און וועגן וואָס איך בין געקומען אין לאַנד אַריין. און איך זאָג אים, אַז פאַר אים איז נישט אַזוי וויכטיק צו וויסן נאָך פּרטים וועגן מיר, אָבער מיר איז יאָ וויכטיק צו וויסן ווער איז דאָ פאַראַן און ווי אַזוי מען לעבט דאָ. ענטפערט ער מיר אַז פון בעסאַראַביע, איז ער אויך, אָבער פון אַן אַנדער געגנט ווי איך און אַז ער איז מיר גרייט צו דערציילן אַלצדינג בכבוד גדול, אָבער קיין סך איז סיי ווי נישטאָ וואָס צו דערציילן. און ער קוקט מיר אַזוי אין די אויגן אַריין און ער ווייזט מיר, אַז אין זיינע אויגן איז נאָך פאַראַן אַ פייערל און ער זאָגט מיר:

— וועגן אַלע איינעם איז נישטאָ קיין סך וואָס צו דערציילן, אָבער יעדער איינער קען באַזונדער דערציילן מעשות, וואָס וואָלטן געדאַרפט געדויערן גאַנצע טעג און נעכט און מיט וועלכע מען וואָלט געקענט אָנ־שרייבן גאַנצע ביכער.

— דערציילט מיר דערווייל — זאָג איך אים — דאָס ביסל, וואָס איר האָט צו דערציילן וועגן אַלע איינעם.

— אַלע איינעם זיינען מיר דאָ עלטערע מענטשן...

— ווי אַלט?

— דער אָנהייב איז זעכציק און מען גייט אַרויף. פאַראַן איינער אַ ייד, וואָס איז שוין היפּש אַריבער הונדערט אויך. און אַ ניינציק־יאָריקער ייד איז דאָ פאַראַן, איז ער נאָך אַ מענטש מיט אַלע חושים און ער שטייט נאָך אויף שמירה אויף. ער האַלט וואַך ווען מען דאַרף. און ער איז אַ קאַוואַליר אויך. ער כאַפּט אַ שפּאַציר מיט אַ זיבעציק־יאָריקער יפת־תואר

און ער שענקט איר נאָך אַ בלימל און קויפט איר גלידה (אייז־קרעם).

— פון וואַנען זיינען די אַלע ייִדן דאָ?

— פון וואַנען נישט? פון אַלע ייִדישע גלותן. די מערסטע זיינען אַהער געקומען פון די לאַגערן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען פון תימן און פון מאַראָקע. די מערהייט באַשטייט פון אונדזערע ייִדן, וואָס ריידן מאַמע־לשון און כאַפּן אַריין אַ לשון־קודשדיק וואָרט אויף דעם אַלטן שטייגער. כן, אדוני (יאָ, מיין הער!).

— וויפל זענט איר דאָ פאַראַן?

— ווער ווייסט? צוריק מיט אַ פאָר יאָר זיינען מיר שוין געווען אַ אַכט הונדערט; היינט זיינען מיר מסתמא אַ סך מערער. טאָקע אַ סך מערער ווי טויזנט.

— און ווי אַזוי לעבט איר דאָ? אין אַלגעמיינע שלאָפצימערן באַזונדער?

— די חתונה־געהאַטע וווינען, ווי דער שטייגער איז.

— פאַראַן אַ סך חתונה־געהאַטע?

— אַ היפּש ביסל.

— געקומען חתונה־געהאַטע?

— ניין. די מערסטע האָבן דאָרט פאַרלוירן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט אין לעבן. זיי האָבן פאַרלוירן די ווייבער, די קינדער. זיי האָבן דאָ חתונה־געהאַט. איר טרעפט דאָ אַכציק־יאָריקע מענער ,וואָס האָבן חתונה געהאַט פאַר זעכציק־ און זיבעציק־יאָריקע ווייבער און פאַרקערט אויך — ייִנגערע מענער האָבן חתונה פאַר עלטערע ווייבער, אַבי זיי זיינען געזונט און ביי די געדאַנקען.

— און די נישט חתונה־געהאַטע ווי אַזוי וווינען?

— צו דריי אין אַ צימער.

— און עסן וווּ עסט איר?

— פאַראַן עס־צימערן אין שער־מנשה.

— וויפל זיינען פאַראַן עס־צימערן?

— זעקס, צי זיבן.

— מען קען זיי אָנקוקן?

— אַט דאָרט...

און מ׳יר כאַפּן אַ קוק סיי אין אַ צימער פון אַ פאָר־פאָלק, סיי אין אַ צימער פון דריי מענער, אָדער פון דריי ווייבער. די ווייבער זיינען ברוגז

למאַי מען גייט אַרום אַזוי־אַ מיט מענער און מען פרעגט נישט. זיי זשע־גירן זיך און שעמען זיך און ברוגזלען זיך אַלציינס ווי יונגע ווייבער. מיר באַקוקן אויך אַ פּאָר עס־צימערן. עס איז אומעטום ריין און עס שמעקט. אין די וווינונגען פון די אשכנזים איז אַן אַנדער ריח ווי אין די וווינונ־גען פון די ספרדים.

מיין לאַנדסמאַן וויל זיך אומקערן צום בעזים, אָבער איך לאָז אים נישט. דאָרטן אָ איז פּאַראַן אַ ככר (קיקאַר—סקווער), טאָ וועלן מיר זיך אַנידערזעצן און שמועסן. איך זאָג אים, אַז אויב מען וועט אים אָפּרעכע־נען פּאַר דער צייט, וואָס ער אַרבעט נישט, וועל איך אים באַצאָלן. ער נעמט דאָס אָן פּאַר אַ שפּאָס און ער זאָגט מיר, אַז פּאַקטיש איז דאָ קיי־נער נישט געצוווּנגען צו אַרבעטן און די מערסטע אַרבעטן מער וויפל זיי דאַרפן און וויפל מען פאַרלאַנגט ביי זיי. עס איז געוואָרן אַ מין ליידנ־שאַפט ביי אַלע צו אַרבעטן.

זיצנדיק שוין אונטער אַ בוים, דערציילט מיר דער דאַזיקער ייד, אַז ווען מען איז אָנגעקומען אַהער איז דאָ געווען וויסט און טרויעריק. די טויטע, ס׳הייסט די דאָזיקע, וואָס זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן אין די לאַגערן און אין די געטאָס, זיינען דאָ מערער אַרומגעגאַנגען ווי די לעבן־געבליבענע. מען האָט זיי ממש געזען אויף שריט און טריט. די אַלטע לייט זיינען געזעסן און געלעגן און געוויינט. און ערשט זיינען געווען גליקלעך די דאָזיקע, וואָס האָבן געקענט וויינען. יענע וואָס זיינען גע־בליבן מ׳יט טרוקענע אויגן, האָבן נאָך מערער איבערגעלעבט.

— היינט — באַמערק איך — זעען די מענטשן נישט אויס אַזוי טרויעריק.

— איר זענט גערעכט. דאָס לעבן איז שטאַרקער פון טויט. אַפילו ביי אַלטע לייט, וואָס האָבן פאַרלוירן די קינדער. מיר האָבן אַזוי לאַנג געוויינט און געקלאָגט, ביז וואַנען מיר האָבן אויפגעהערט. מ׳יר זיינען ביסלעכווייז געקומען צו זיך און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

— וואָס פאַר אַן אַרבעט?

— אַלע אַרבעטן! אָפּרייניקן די פעלדער, בכדי צו קענען פאַרזייען.

— וואָס פאַרזייט איר?

— קאַרטאָפל וואַקסן דאָ אַ סך.

און מיר גייען טאַקע באַלד אַוועק און מיר קוקן אָן אַ קאַרטאָפל־פעלד, ווו עס אַרבעטן עטלעכע צענדליק אַלטע לייט. אייניקע זעען אויס

שוין טיפע זקנים. און זיי אַרבעטן נישט צעקראָכן. זיי אַרבעטן מיט פעסטקייט און אַפילו מיט אַ געוויסן ריטם. מיר דאַכט זיך, אַז אייניקע זינגען זיך אונטער. איך הער זיך בעסער צו. מען הערט פאַרשידענע חסידי־שע ניגונים, נוסחאות פון דאַווענען, גוישע לידער אין פאַרשידענע שפּראַכן, יידישע לידער. איך האָב דעם איינדרוק אַז איך הער אויך דעם — אינ־טערנאַציאָנאַל. מיר הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז איך זע דאָס נישט טאַקע אין דעם לעבן, נאָר אין אַ פילם. עמיצער האָט געמאַכט אַ קונץ און ער האָט געמאַכט אַ בילד פון דער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן פון אַלטע יונ־געלייט אָדער יונגע אַלטע לייט. און איך דערפיל, אַז דאָס איז ישראל — אַ לאַנד וואָס צווינגט צו אַרבעטן. אַ לאַנד, וואָס ווייזט, אַז יידן, יונג און אַלט, מאַן און פרוי, קענען און ווילן אַרבעטן.

און איך געזעגן זיך אויף דערווייל מיט מיין לאַנדסמאַן, וועלכער קערט זיך אום צום בעזים און איך טשעפּע זיך צו צו אַ צווייטן און צו אַ דריטן. איינער וואָס טראָגט אַ האַרטן קאַפּעליוש און האָט אַ קמץ־בערדל, וואָס איז פּונקט אַזוי שוואַרץ, ווי גרוי, איז אַ ליטוואַק און ער וויל מיר דווקא ווייזן דעם וויינגאָרטן. ער האָט אים ליב, דעם וויינגאָרטן, ווייל אין דער היים האָט ער אַזאַ מין זאַך נישט געזען פאַר די אויגן. ער האָט ליב צו זען ווי אַזוי די גרינע צווייגן כאַפּן אַרום די סלופּעס און דרייען זיך אַרום זיי. ער האָט ליב צו זען ווי אַזוי די וויינטרויבן ווערן פון טאָג צו טאָג אַנדערש. זיי זיינען פריער גרין, דערנאָך ווערן זיי ראָ־זעווע, דערנאָך רויטלעך און דערנאָך ווערן זיי גאָר שוואַרץ. די זון וואַ־רעמט זיי. זי איז דאָ אַזוי גרויס, די זון. אין דער ליטע האָט ער קיינמאָל אַזאַ זון נישט געזען. וואַקסן טאַקע דאָרט נישט קיין וויינטרויבן. האָט מען דאָרט געמאַכט קידוש אויף ראָזשינקע־וויין. קיין גרויסע וויינטריב־קער איז ער דאָ אויך נישט געוואָרן, אָבער אַ גוטער וויינפלאַנצער וועט ער נאָך אי״ה ווערן. ער איז נאָך יונג, קיין אַכציק יאָר נישט אַלט און ער געפינט זיך דאָך אין אַ פּלאַץ, וווּ מען ווערט יינגער.

אַ ייד מיט אַ גאַנצער באָרד, שוין כמעט אַ ווייסע, האָט מיר דווקא געוואָלט ווייזן די פלוימען־ביימער. און ער האָט אויסגעפּירט. ער האָט זיי מיר געוויזן און זיי געגלעט. די אייגענע באָרד און די ביימער האָט ער געגלעט. אין דער היים, האָט ער מיר דערציילט, איז ער גאָר נישט געווען „ביגאָטיש״ (אַפּנים פרום), ער איז דאָס געוואָרן אין ארץ־ישראל, זאָגט ער, ווייל ער האָט דאָ דערזען, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

דאָרט האָט ער דאָס נישט געזען. און איידער וואָס־ווען, ווישט ער זיך די אויגן. ווען ער וואָלט דאָרט אַזוי דערזען גאָט, ווי דאָ, וואָלטן זיינע קינדער געקומען אַהער און זיי וואָלטן נישט אומגעקומען...

— דאָ זיינען דאָך אויך אומגעקומען קינדער?

דער ייִד האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן און ער האָט אַ טרייסל געטאָן די באָרד און עטלעכע ביימלעך:

— דאָ זיינען קיין קינדער נישט אומגעקומען. די, וואָס זיינען דאָ געפאַלן זיינען אויפגעקומען און מיט זיי איז אויפגעקומען די ייִדישע מדינה. איר פאַרגלייכט דאָס אומקומען פון דאָרטן מיטן „אומקומען" פון דאַנען?

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין דער אַלטער היים איז דער ייִד געווען גענייגט צום „בונד", כאָטש ער איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער ייִד, וואָס איז געגאַנגען אין שיל אַריין. וואָס מען האָט שוין, זאָגט ער, דאָרטן געוווּסט... אַמאָל האָבן ייִדן געהאַט נביאים וואָס האָבן געוואָרנט. מען האָט זיי טאַקע נישט געפאָלגט, אָבער זיי האָבן געוואָרנט. אין אונדזער צייט האָט מען נישט געוואָרנט...

— אייניקע האָבן יאָ געוואָרנט.

— מיט צו שוואַכע שטימען...

אַ פוילישער ייִד, וואָס איז אויך געווען אַ בונדיסט אין דער היים, און טאַקע, ווי ער אַליין זאָגט, אַן אמתער בונדיסט, גיט זיך דאָ אָפּ ביי די באַנאַנעס. ער האָט ליב צו אַרבעטן ביי זיי. ער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז באַנאַנעס וואַקסן טאַקע; ער איז געווען זיכער, אַז מען מאַכט זיי אין אַ פאַבריק... ער האָט אויך פאַרלוירן די קינדער, אָבער ער גלייבט פאָרט, אַז ס'איז דאָ איין גאָט אומעטום. צוויי זין זיינע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין אושוויץ, אָבער איינער איז געפאַלן ביים אויפשטאַנד אין געטאָ. ער איז געפאַלן אַזוי גרויס, ווי די דאָזיקע, וואָס זיינען דאָ אויפגעקומען... אָבער, אַז ייִדן מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד, דאָס האָט ער זיך איבערצייגט דאָ. אָן אַ לאַנד זיינען מיר יאָ אַ פאָלק און נישט קיין פאָלק. מיר פלאָנטערן זיך צו פיל...

איך האָב געפּרוּווט פאַרבינדן שמועסן מיט די פרויען. עס איז צוגעגאַנגען שווערער. כאָטש מען האַלט, אַז פרויען זיינען באַריידעוודיק. זיי האָבן געענטפערט אויף פראַגן, מיט נישט־זיכערקייט און חשד. איין פרוי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וויל טאַקע נישט אַריינגעשטעלט ווערן אין

בלאָט — מען האָט איר שוין דערציילט, אַז איך בין אַ שרייבער — מען באַרעדט זי געננג דאָ, ווייל זי נישט, אַז מען זאָל ערגעץ אַנדערש אויך וויסן פון איר.

— וואָס באַרעדט מען זי?

— למאַי איך האָב חתונה געהאַט. שוין געוואָרן דריי און זיבעציק יאָר און חתונה געהאַט. דעם מאַן פאַרלוירן, די קינדער פאַרלוירן און חתונה געהאַט... גלייך מיט מיין איצטיקן מאַן ריידן מיר וועגן עפּעס אַנ־דערש ווי וועגן אונדזערע קינדער די פאַרלוירענע... אַמאָל ריידן מיר אויך וועגן דעם, וואָס גאָט זיי דאַנק, עס ווערט כאָטש דאָ אַ לעבן...

— איר האָט געזען דאָס לאַנד?

— אַ ביסל געזען און אַ ביסל שטויס איך זיך אָן. אַז מיר דאָ אַר־בעטן אַזוי, ווי אַזוי זשע אַרבעטן שוין די יינגערע?

די יידענע האָט מיר איינגערוימט אַ סוד:

— מענער באַריידן אונדז נישט אַזוי, ווי די ווייבער. מען פאַרגינט נישט און מען האָט גלאַט ליב צו ריידן.

איין יידענע האָט רק געוואָלט, אַז איך זאָל זען בלוזעס, וואָס זי אַרבעט אויס.

און איך בין געגאַנגען זען. טאַקע שיינע בלוזעס. איך פרעג זי, צי זי האָט געקענט די אַרבעט פון דער היים אַרויס און זי ענטפערט מיר, אַז זי האָט נישט געקענט, נאָר געדענקט; זי האָט זיך דאָ אָנגעהויבן דער־מאָנען ווי מען מאַכט דאָס. און איך האָב געזען גאַנץ שיינע טעפּיכער. און ווידער דאָס אייגענע. די „צוציקעס" האָבן זיך אַלע דאָ אויסגעלערנט אַרבעטן. טישטעכער מאַכט מען דאָ איינע אין דער וועלט.

אין קליינעם קאַפע־הויז זיינען געזעסן די אַלטע יונגעלייטלעך און געשמועסט. עס זיינען געזעסן צוויי פאַרלעך אויך. מען האָט מיר איינ־געריומט אַ סוד, אַז זיי האָבן נאָך נישט חתונה געהאַט, אָבער, אַז גאָט וועט וועלן, וועט איינגיכן זיין איין חתונה און אַ צווייטע. די בייגונג צו ריידן וועגן סעקס־ענינים און צו רכילותעווען איז דאָ אַלציינס ווי ביי יונגע. מען טרעפט אויך פאַרלעך שפּאַצירן אַרויס דעם דאָרף. איך בין אומישנע אַריין אין קינאָ און דאָרט געזעסן אַ ביסל און איך האָב געהערט שושקען זיך ביי די ליבע־סצענעס און איך האָב געזען ווי מענער און פרויען האַלטן זיך ביי די הענט.

שער־מנשה איז ביי מיר פאַרבליבן ווי אַן עכטע ישראל־דערשיינונג:

אַלטע לייט און נישט קיין מושב זקנים. אַלטע לייט, וואָס האָבן אַלץ פֿאַר־לוירן און זיי גלויבן דאָך אין לעבן. זיי האָבן נישט פֿאַרגעסן אינגאַנצן, וואָס מיט זיי איז פֿאָרגעקומען. אייניקע פֿון זיי האָבן אויף גיך דערציילט וועגן זייערע איבערלעבונגען און זיי האָבן דערציילנדיק, זיך געביטן. גע־וואָרן פּלוצים עלטער און געבראָכענער... מ׳וואָלט געקענט אָנפֿילן ביכער מיט זייערע איבערלעבונגען און זייערע ראַנגלענישן מיטן טויט. די מער־סטע האָבן געזאָגט, אַז ווען זיי וואָלטן געוווסט, אַז זייערע אייגענע זיינען אומגעקומען, וואָלטן זיי אָפּגעלאָזט הענט און פֿיס.

מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז די אַלע מענטשן זיינען אַהער געקומען מוראדיק דערשלאָגן און זיי האָבן אַלע געמיינט, אַז דאָ דאַרפֿן זיי נישט מער ווי וואַרטן אויף דעם סוף. זיי דאַרפֿן נאָך אַ ביסל אויסקלאָגן זייער לעבן און בעטן גאָט, אַז ער זאָל זיי ברענגען דעם סוף. זיי זיינען אַלע געווען פּאַסיוו, אָן ווילן. זיי זיינען מער געלעגן, ווי געזעסן. פֿון אַרומ־גיין איז שוין אָפּגערעדט. און עס איז געווען אַ גליקלעכער געדאַנק זיי איינצורעדן, אַז זיי זאָלן פּרוּוון אַרבעטן. לויט ווי זיי האָבן דערציילט, האָבן זיך צו זיי באַוויזן אויך אייניקע גאָרדאָניסטן, וואָס האָבן זיי גע־לערנט, אַז דער גאַנצער זין פֿון לעבן איז אַרבעט. די גלויביקע האָבן זיי געזאָגט, אַז אַרבעטן איז דאָ מער עבודה פֿאַר גאָט אַליין, ווי דאַוונען. די סאָציאַליסטן האָבן זיי געזאָגט, אַז אַרבעטן הייסט גרייכן דעם אמתן אי־דעאַל און די ציוניסטן איז דאָך אָפּגערעדט, אַז זיי דאַרפֿן פֿאַרשטיין, וואָס עס מיינט אַרבעט אין אייגענעם לאַנד. זיי האָבן זיך דערוווסט וועגן אַ. ד. גאָרדאָן, וואָס איז אַהער געקומען שוין אַן עלטערער מענטש, מיט אַ גרויעלעכער באָרד און דווקא מיט אַ קאַפּאָטע. ער האָט אַליין געאַרבעט און געלערנט אַנדערע אַרבעטן. דאָס בעסטע איז געווען, וואָס מען האָט זיי געלערנט אַרבעטן נישט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר דעם פֿאָלק און דעם לאַנד און פֿאַר דער מענטשהייט בכלל. ווען מען וואָלט זיי געווען געזאָגט אַז די אַרבעט וועט זיי העלפֿן, וואָלט דאָס נישט געווירקט. זיי וואָלטן גע־ענטפֿערט, אַז זיי זיינען שוין סיי ווי פֿאַרפֿאַלן. טאַקע דורכדעם, וואָס מען האָט ביי זיי געמאָנט אַרבעט פֿ אַ ר ד ע ר ז אַ ך, האָבן זיי דערפֿילט, אַז זייער לעבן קען האָבן אַ זין. און זיי האָבן געפֿאָלגט און ס׳איז געוואָרן אַ פֿיבער פֿון אַרבעט, און זיי זיינען געוואָרן מוטיקער, שטאַרקער און טאַקע פּשוט יינגער. איינער אַ ייִד, וואָס איז אַ מציאה אַן אַכציקער, האָט מיך אָנגענומען ביי אַ לאַץ און מיר געזאָגט:

— איר הערט? ווען איר וואָלט דאָ געווען צוריק מיט אַכט יאָר און איר קומט איצטער ווידעראַמאָל, וואָלט איר אונדז נישט דערקענט. מיר זיינען פאַר די אַכט יאָר יינגער געוואָרן אויף צוואַנציק. און פון וואָס מיינט איר?

— פון וואָס?

— נאָר פון דער אַרבעט.

— פון דער אַרבעט אין פעלד?

— נישט נאָר אין פעלד און אין הויף. אין שטוב אויך. אייניקע פון אונדז, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוווסט, וואָס אַרבעט איז, זיינען דאָ געוואָרן גאַנצע בעלי־מלאכות. מיר מאַכן דאָ מעבל און בלעכענע כלים און ווייבער מאַכן שטריקערייען און זיי נייען... אייניקע פּרווון מאָלן און סקולפּטירן. מיר האָבן דאָ אַלע בעלי־מלאכות. און אייגענע חזנים האָבן מיר און שוחטים און אַ רב...

— נאָר קיין מוהל נישט — גיט אַ צווייטער זיך אַ חכמה.

ווייזט זיך אַרויס, אַז ס׳איז פאַראַן אַ מוהל אויך. ס׳איז נישט לאַנג דאָ געווען אַ ברית ביי אַ יונגען אַנגעשטעלטן, וואָס וווינט דאָ איביינעם מיטן ווייב, האָט מען געדאַרפט זען וואָס פאַר אַ שמחה עס איז געווען. מען האָט אויסגעזונגען אַלערליי לידער, מען האָט געזונגען אויסער יידיש און העברעיש — פּויליש, רוסיש און רומעניש. און אַ מאַראָקאַנער האָט געזונגען פראַנצויזיש אויך. און מען האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אַ יונג פּאַר־פאָלק, וואָס האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט — ער אַן אַכציקער און זי שוין אויך אַריבער זיבעציק, — און מען האָט זיי געווונטשן, אַז מען זאָל אינגיכן קומען צו זיי אויף אַ ברית...

מיר האָט זיך געוואָלט הערן, וואָס פאַראַ לידער מען האָט געזונגען. איך בין געווען זיכער, אַז איך וואָלט דאָ געקענט עפּעס פאַרצייכענען פון יידישן פאָלקלאָר. איין אַלטיטשקער האָט טאַקע אַ זונג געטאָן אַ לידל, וואָס איך האָב קינדווייז געהערט אין אַ בעסאַראַביש שטעטל, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט דאָס דאָרטן געמאַכט, ווען ס׳איז געשען אַן אומגליק מיט אַ מיידל, אָבער דער שאָפער האָט מיך געצומען אונטער־איילן. ס׳האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די מערדערישע פּ אַ ד אַ י ן־איבערפאַלן און מיר זיינען אינגאַנצן פינף קילאָמעטער פון דער יאַרדאַ־נישער גרענעץ... איך האָב געפּרווט פרעגן אַ פּאָר אַלטע חברה־לייט, צי זיי האָבן נישט מורא צו זיין אַזוי נאָענט ביי דער גרענעץ, האָבן זיי גע־

לאַכט. זיי האָבן נאָך אויף עפּעס צו האָפן, אָבער נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן. אין ישראל האָט מען נישט מורא. אויף דעם ישראלדיקן הימל, אויף דער ישראלדיקער ערד איז אָנגעשריבן: „אל תירא״ — זאָלסט נישט מורא האָבן...

איך בין אַוועקגעפאָרן פון שער־מנשה אַ צעפּיבערטער און איך האָב געפילט, אַז נישט נאָר אין די נייע קיבוצים מיט די יוגנטלעכע, האָט זיך מ'יר אַנטפּלעקט ישראל אין איר גאַנצן תוך, נאָר אויך אין שער־מנשה, אין דאָרף פון די אַלטע יונגעלייטלעך האָב איך דערזען און דערפילט דאָס אמתע ישראל. די טאַטעס געבן דאָ אַ תיקון זייערע אומגעבראַכטע קינדער — — —

ישראל מאַכט פון אַלט יונג.

אַרגענטינער יידישע קינדער באַוואַכן מדינת ישראל אין סאַמע לייבן-פּיסק

איך רייס איבער דעם סדר פון מיינע איינדרוקן וועגן מיין היי־יאָ־ריקער בליץ־נסיעה איבער ישראל און איך באַשרייב אַ קיבוץ פון אַרגענ־טינער יידישע קינדער מיטן נאָמען בחן (לייען: באַכאַן, מיטן אַקצענט אויף דער ערשטער זילב), ווייל איך בין איבערגעלאָדן מיט געפילן און עמאָציעס פון באַזוך אין דעם דאָזיקן קיבוץ און איך פיל אַ דראַנג צו זינגען און צו וויינען אינאיינעם און איך ווייס נישט, וואָס פריער צו טאָן און אַ גאַנץ לעבן בין איך זיך נוהג, אַז ווען איך וויל זינגען און וויי־נען — שרייב איך...

אין בליענדיקן שרון (שאַראָן) ליגט דעם קיבוץ בחן, וואָס איז נאָך קיין צוויי יאָר נישט אַלט. אויף אַ בערגל ליגט ער און ער געפינט זיך אין שמאַלסטן פּאַס פון ישראל, ווו פון איין גרענעץ צו דער צווייטער איז נישט קיין סך מער ווי אַ 15־16 קילאָמעטער. בחן געפינט זיך ביי דער סאַמע גרענעץ מיט עבר־הירדן, אַ קאַצן־שפּרונג פון דער גרויסער יאַרדאַ־נישער שטאָט טול־כרם. (לייען: קאַרעם, מיטן אַקצענט אויף דער ער־שטער זילב).

— וואָס מיינט ביי דער סאַמע גרענעץ?

— ביי דער סאַמע גרענעץ מיינט, אַז די חברה דאָרט אַרבעט אין אַ טאָל, וואָס ליגט שטאַרקע 20 מעטער (נישט קילאָמעטער!) פון טראַנס־יאַרדאַניע.

אין דעם אַרום קומען אָפט פאָר איבערראַשונגען און קליינע געשלעגן, אין קיבוץ אַליין איז שוין זייט לאַנג נישט פאָרגעקומען קיין געשלעג, אָבער ווען מען גייט אַקערן, זייען, שניידן און פלאַנצן, נעמט מען מיט אַ וואָך מיט ביקסן, בכדי זיכער זאָל זיין זיכער.

דאָס וואָרט בחן געפינט זיך אין ישעיה און זאָל מיינען אַ פעסטונג, אַ וואַך־טורעם און אַן אָבסערוואַטאָריע־טורעם אינאיינעם. עס איז אַ נאָמען, וואָס איז זייער צוגעפּאַסט צו דער פּאָזיציע, ווו דער קיבוץ געפינט זיך.

געגרינדעט דעם דאָזיקן קיבוץ האָט אַ חלוצישע אָרגאַניזאַציע, וואָס

רופט זיך למרחב (לאַמערכאַוו) און איז אומפּאַרטייאיש. פאַראַן ביי איר די געזונטע שטרעבונג צו אויסמיידן פּאָליטיק אין דער אַרבעט פון בויען און באַוואַכן דאָס לאַנד, אָבער ווייל אַלץ איז אין ישראל נאָך געבויט אויף פּאַרטיי־יסודות, קומט אָן דאָס בויען אַן אומפּאַרטייאישן קיבוץ — שווער. די פּאַרטיי־קיבוצים האָבן אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן, אַן אומפּאַרטייאישע דאַרף הענגען אין דער לופטן. עס האָט בלויז די שטיצע פון סוכנות און דאָס דאָזיקע איז נישט גענוג. דער קיבוץ בחן געפינט זיך בפועל ממש ביים לייב אין מויל. ער פילט אויס אַן אויסערגעוויינלעכע פונקציע. ער פאַרהאַלט און צוימט די אַראַבער ביי דער סאַמע גרענעץ און ווען ער וואָלט געהערט צו איינעם פון די זרמים (זראַמים — שטרעמונגען), וואָלט מען זיך מיט אים געצאַצקעט און אַזוי איז ער אויסערגעוויינלעך פאַר־איינזאַמט!

בחן געפינט זיך אויף אַ בערגל, וואָס איז 82 מעטער איבער דעם ניוואָ פון מיטללענדישן ים. די געגנט איז אַ וווּנדערלעכע. זי געהער צו די שענסטע בערגיק־טאָליקע פלעצער אין ישראל, זי האָט נישט ווייט דעם ים, די ערד איז אַ פּרוכטבאַרע, וואַסער האָט זי אויך. וואָס מען זייט דאָ — וואַקסט און מאַראַנצן וואַקסן און וויינטרויבן וואַקסן און פאַר עופות און בהמות איז דאָ פּאַשע. און גרינצייג פעלט נישט. און היסטאָ־רישע רעמיניסצענצן פעלן דאָ אויך נישט. אויף דעם סאַמע בערגל־שפּיץ זיינען פאַראַן רעשטן פון בנינים פון דער רוימישער און ביזאַנטישער עפּאָכע. פאַראַן ברונעמער פון די אַלטע צייטן. פאַראַן אַזאַ מין איילערריי פון שטיין, וואָס איז אַלט פערצן הונדערט יאָר. פאַראַן רעשטן פון אַ מאָ־נאַסטיר פון נאָך פאַר די צלם־טרעגער. ווען מען שטייט אויף דעם דאָ־זיקן באַרג־שפּיץ איינינעם מיט דער ענטוזיסאַטישער יוגנט פון בחן, ווערט מען יונגער אויף אַ פּאָר צענדליק יאָר און עלטער אויף אַ סך הונדערטער יאָרן. מען שוועבט ממש אין אייביקייטן. און די אייביקייט פון אַרום איז דאָ אַזוי גרין, אַז דאָס אויג זעטיקט זיך נישט.

און אַז דו קוקסט אַראָפּ, זעסטו דעם טאָל, וואָס איז אַ צוואַנציק מעטער ווייט פון דיר, וווּ די יוגנט אַרבעט אונטער אַ וואַך. אויבן איבער דעם טאָל איז פאַראַן די לעצטע שטוב אין מדינת ישראל, וואָס געהער גראָד צו אַן אַראַבער, וועלכער ווינט טאַקע אין איר. אַ פופצן מעטער פון אָט דעם הויז געפינט זיך אַ צווייט הויז, וואָס ליגט שוין אין יאַר־דאַניע. און אין אָט דעם הויז לעבט אַ זון פון דעם דאָזיקן אַראַבער. צו

אין אַרגענטינער קיבוץ בחן

דער מחבר, זיין פרוי, יצחק רימון און אַ קיבוצניק.

אויפן באַרג פון קיבוץ.

דער מחבר, זיין פרוי, לעאָן קיבריק, אַלפרעדאָ קאָרן און 2 קיבוצניקעס.

ווען עס געהער דאָס לעצטע הויז אין ישראל. דער מיליטערישער קאָ־מאַנדאַנט פון קיבוץ גייט פון צייט צו צייט צו ביז צום לעצטן הויז און כאַפּט דאָרט אַ קוק... על פי יושר וואָלטן אין לעצטן הויז פון ישראל געדאַרפט וווינען אַ ייִד, על פי דעם דעמאָקראַטישן אייגנטום־געזעץ מוזן דאָרט וווינען די אַראַבישע באַלעבאַטים... אָט־אָ־די איבערטריבענע דעמאָ־קראַטיע מאַכט נאָך געפערלעכער דאָס לעבן און אַרבעטן אין בחן.

— וויפל יונגעלייט זיינען פאַראַן אין בחן?

— 50 יאַטן און יאַטעכעס. צוועלף פּאָרלעך און 26 אומפאַרהייראַטע.

— פון וואַנען זיינען זיי?

— פון אַרגענטינע. צום מייסטן פון בוענאָס־איירעס און קאָרדאָ־באַ. יונגע יאַטן און יאַטעכעס, געזונטע, חנעוודיקע, שיינע, האַרציקע. זיי אַרבעטן אַלע שווער. זיי אַרבעטן זייער אָפט 18 שעה אין מעת־לעת. ווען זיי קענען אַרבעטן ווייניקער אַביסל, איז עס פאַר זיי אַ גליק. זיי קענען דעמאָלט לייענען, לערנען.

— און ווער זיינען זיי?

— דווקא נישט קיין קינדער פון אָרעמע. איך האָב געטראָפן ביי דער אַרבעט אַ קליינע, רירעוודיקע יאַטעכע, אַ רוחישע, אַ זאַפּטיקע, אַ חנעוודיקע, אַ טעכטערל פון אַ דאָקטער אין אַ שטעטל לעבן קאָרדאָבע. זי הייסט עסטעלאַ קאַפּלאַן. אַנגעטאָן דאָרפיש, פאַרהאָרעוועט און שיינט. איך האָב דאָרט געטראָפן אַ טעכטערל פון דר. רינסקי, דעם סעקרעטאַר פון דער דאַיאַ*. זי איז ערשט זעקס וואָכן אין לאַנד און אין קיבוץ, ביי דער אַרבעט אויף אַ בערגל האָב איך זי געטראָפן. אַ קרעפּטיקע, אַ שיינ־שטראַלנדיקע, אַ פאַרמאַטערט־צופרידענע. איך שאַץ דר. רינסקיס געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט אין דאַיאַ, אָבער דאָס האָבן אַזאַ טעכטערל אין בחן, איז זיכער גרעסער ווי יעדע אַנדערע טעטיקייט... צו די 49 אַרגענטינער יאַטן און יאַטעכעס איז אין בחן צוגעשטאַנען אַ יוגאָסלאַווישער ייִדישער יונגערמאַן, אַ פּראָפעסאָר אין מאַטעמאַטיק, וואָס לעבט דאָרט מיט זיין פרוי און מיט אַ טעכטערל פון אַ קנאַפּ יאָר. ער האָט אויסגעלערנט אַ גוטן שפּאַניש, טיטאָס לאַנדסמאַן. ער טראָגט אַ באָרד, האָב איך געמיינט אַז ער איז אַ פרומער, אָבער ער איז דאָס נישט. ער טראָגט די באָרד, בכדי,

* רעפּרעזענטאַנץ פון אַרגענטינער יידנטום.

האָט ער מיר געזאָגט, איינצושפּאָרן יעדן טאָג 10 מינוט אַרבעט. און צען מינוט מיינען דאָ זייער אַ סך. פאַראַן אַכט קינדער אין קיבוץ. ס'עלצטע איז נאָך קיין אַנדערהאַלבן יאָר נישט אַלט. ווען איר וועט לייענען אָט די שורות, וועלן שוין מסתמא זיין 9 קינדער, ווייל ווען מיר זיינען דאָרטן געווען, האָט איין קיבוצניצע, די שוועסטער פון ב. איירעסער דר. טאַ־באַקמאַן, באַקומען קימפּעט־ווייען. דאָס דאָזיקע איז פאַר מיר געווען סימ־באָליש, דער גאַנצער קיבוץ האָט נאָך געבורט־ווייען...

— וואָס אים פעלט?

— אַ פּאָר מאַשינדלעך פאַר דער אַרבעט. אַ מעכאַנישער וואַרשטאַט (טאָזשער). עס קען אַמאָל קומען דערצו, אַז צוליב אַ קלייניקייט, צוליב אַ געפּלאַצט שטיקל גומי, זאָל מען דאַרפן גיין פיר קילאָמעטער אַהין און 4 צוריק, בכדי עפּעס צו פאַרריכטן...

— און וויפל דאַרף מען האָבן פאַר די מאַשינדלעך און דעם מעכאַ־נישן וואַרשטאַט?

— אַ דריטהאַלבן טויזנט ישראל־פונט. אַ פופציק טויזנט פעזעס.

קיין איבערפלוס פון שפּייז איז נישט פאַראַן. די חברה האָבן צו הונ־דערט גראַם פלייש אַ חודש. זיי וואָלטן געדאַרפט האָבן כאָטש נאָך צו הונדערט גראַם, אָבער עס קאָסט צו טייער...

איך בין געווען אין בחן אַ פּאָר שעה. געפירט האָט מיך אַהין אַן אויטאָ פון דער בוי־געזעלשאַפט „ראַסקאָ", וואָס דער פּאַרזיצער פון פּאַריי־ניקטן קאַמפּיין אין אַרגענטינע, אַלפרעדאָ קאַרן, האָט געפועלט. געפאָרן בין איך אַהין אינאיינעם מיט דעם דירעקטאָר פון „מונדאָ איזראַעליטאָ", ה' לעאָן קיבריק און מיין פלונית מרים לערער. באַגלייט האָט אונדז טאַקע דער דערמאָנטער ה' קאַרן, וואָס איז צו די אידעאַליסטישע און העלדישע קינדער פון בחן אַ פאָטער ממש. מיר האָבן געזען די אָנגעשטרענגטע אַר־בעט אין קיבוץ. פאַראַן שוין אַ היפּשער לול (שטייג) און רפת (רעפּעט — שטאַל). די הינער זיינען צום פאַרקויפן, פאַר דעם אייגענעם געברויך — נישט. פאַר דער קימפּעטאָרן וועט מען מסתמא מאַכן אַן אויסנאַם און אָפּקאָכן אַ יאַיכל פון עוף... און ווי די יאַטן און יאַטעכעס זיינען צופרידן און גליקלעך.

אונדז האָט זיך געגלוסט זינגען און וויינען קוקנדיק אויף בחן. איך האָב געפילט, ווי עפּעס קוועטשט מיך אין האַלדז. איך האָב געפילט, אַז פאַר אונדז, אַרגענטינער ייִדן, איז אַ זכיה צו האָבן אַזעלכע קינדער,

וואָס זיינען שומרי ובוני ישראל. און איך האָב זיך געשעמט, וואָס אַ מאַנגל פון 50 טויזנט פעזעס נעמט ביי זיי צו איבעריקע הונדערט שעה אַ חודש.

גראָד פרייטיק זיינען מ׳יר געווען אין בחן. ס׳האָט זיך געפילט דער ערב שבת. די חברה האָבן געענדיקט אַרבעטן און האָבן אונדז אַלץ געוויזן און דערציילט. דער קיבוץ איז אומפּאַרטייאיש. צו די כנסת־וואַלן האָבן זיי געגעבן רעדנער פון אַלע ריכטונגען. געשטימט האָבן 40 פּראָצענט פאַר מפא״י, 30 פאַר לאחדות העבודה און דרייסיק פאַר מפ״ם. צווישן זיך דיסקוטירט מען וועגן פּאָליטיק. דער קיבוץ געהער צו אַלע אַרגענטינער ייִדן. ער איז אונדזער אַלעמענס שטאָלץ און אונדזער אַלעמענס פרייד.

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען אונדזער אויטאָ האָט זיך געאיילט אונדז אַוועקצופירן. דער באַשיידענער עס־צימער האָט שוין שימערירט און געשטראַלט מיט שבת. מיר האָבן געטרונקען אַ לחיים אין לייען־צימער לעבן דער ביבליאָטעק. מיר זיינען אַוועקגעפאָרן דערמוטיקט, עמאָציאָנירט, שטאָלץ און גליקלעך. מיר פעלט ברוך השם קיינמאָל קיין ווארט נישט און איצטער פיל איך, אַז דאָס שווייגן וועט זיין מער ווי גערעדט...

דאָס בלימל פון לכיש און די אייביקע געשיכטע פון ארץ-ישראל

אין חדר האָט מען געזאָגט „לאָכיש" מיטן אַקצענט אויף דעם ערשטן טראָף, אין ישראל זאָגט מען „לאכיש" און מיטן אַקצענט אויף דעם לעצטן טראָף.

אין חדר האָבן מיר געלערנט וועגן אַ שטאָט לכיש, אין ישראל האָבן מיר דאָס אָנגעקוקט ווי אַ געגנט לכיש, אַ גובערניע, אָדער ווי פּוילישע ייִדן זאָגן: אַ „וואָיעוואודסטוואָ".

ווען מען האָט מיר געמאָלדן, אַז מיר פאָרן אָנקוקן לכיש, האָב איך דעם שאָפער, וואָס איז אויך אַ געלערנטער וועגווייזער, געזאָגט:

— די שטאָט לכיש עקזיסטירט שוין נישט זייט דעם חורבן. זי איז דעמאָלט אָפּגעווישט געוואָרן און זי ווערט זייט דעמאָלט מער נישט דער־מאָנט.

דער שאָפער האָט געקוקט פאַרנדיק אויף מיר און שווייגנדיק מיר געגעבן צו פילן, אַז ער גלייבט נישט, אַז איך ווייס נישט וועגן די אויס־גראָבונגען, וואָס מען האָט אין די יאָרן 1932־1935 געמאַכט אין יענער געגנט און איך האָב אים אָנערקענט, אַז איך האָב געלייענט פּראָפעסאָר טאָרטשינס אַן אַרבעט וועגן יענע אויסגראָבונגען, איך וועלכער עס ווערן געבראַכט בריוו, וואָס דער מיליטערישער קאָמאַנדאַנט יאוש האָט באַקו־מען פון אַנדערע קאָמאַנדאַנטן בשעת דעם חורבן פון ערשטן בית המקדש. יענע בריוו באַשטעטיקן געוויסע דערציילונגען פון „ירמיהו" און עס ווערט אין זיי דערמאָנט, אַז איינער אַ נביא האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז יהודה וועט פאַרלירן די מלחמה מיט אשור און בבל.

— לכיש — זאָגט מיר דער וועגווייזער, וועלכער זעט, אַז מיט גע־שיכטע וועט ער מיך נישט איבעראַשן — איז היינט אַ מחוז, אַ באַצירק, וואָס האָט אַ גרויסן סטראַטעגישן ווערט און האָט אַ גרויסע צוקונפט. די געגנט האָט 800.000 דונאַם.

אין געדאַנק גיב איך מיר אַ לייג איבער, אַז דאָס זיינען אַכציק טויזנט העקטאַר. אין אַרגענטינע, אָדער אַפילו אין קלענערן אורוגוויי, איז

דאָס אַ קלייניקייט, אָבער אין ישראל איז דאָס געננוג טאַקע אַפילו פאַר אַ גובערניע.

פאָרן מיר קיין לכיש און איבער לכיש, די פעלדער זיינען דערווייל נאָך אַלע וויסט. דאָ און דאָרט זעט מען אַ שטיקל ישוב, אָדער אַן אָנהייב פון אַ ישוב און אַ באַאַרבעט שטיקל פעלד, נאָר אינגאַנצן גענומען איז דערווייל לכיש אַ דערמאָנונג פון אַמאָל און צוקונפט־געזאַנג. אָבער אַזוי ווי צוקונפט קען אין ישראל זיין כמעט מאָרגן, אָדער העכסטנס אין אַ יאָר, צוויי, אַרום, זע איך אויך די צוקונפט פון לכיש, נישט בלויז די פאַרגאַנגענהייט.

אַז לכיש האָט אַ סטראַטעגישן ווערט, ווייס איך. פאָרגעקומען אַזוי פיל מלחמות אין דער שטאָט לכיש, וואָס איז געווען אַ פעסטונג, איז דאָך דאָס אַ באַווייז, אַז זי האָט זיך געפונען אויף אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פּאָזיציע. און די לאַנדקאַרטע ווייזט דאָס דאָזיקע אויך. לכיש געפינט זיך אויף דעם וועג פון יהודה קיין מצרים. דאָ אַרומער איז סנחריב, דער מלך פון אשור, געגאַנגען אויף מצרים, וואָס איז דעמאָלט געווען אין פולער ירידה און רבשקה, דער פאָרשטייער פון אשור, האָט דאָס אָנגערופן „קנה רצוץ" — אַ צעבראָכענער שטעקן... הלוואַי אויף איצטער געזאָגט געוואָרן.

פאָרן מיר און די געשיכטע, די אייביקע יידישע געשיכטע פאָרט אונדז נאָך. פסוקים לויפן מיר נאָך. אָט שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס צענטע קאַפּיטל פון ספר „יהושוע". דאָרטן ווערט דערציילט ווי אַזוי יהושוע האָט באַלאַגערט די שטאָט לכיש און גאָט האָט זי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון ישראל און יהושוע האָט זי באַצוווּנגען מיט דעם שאַרף פון דער שווערד אויף דעם צווייטן טאָג פון דער באַלאַגערונג. (אַלציינס ווי דאָס איז געשען שפּעטער מיט עזה און סיני) און עס ווערט טאַקע טרויעריק פון דעם, וואָס מען האָט געמוזט נוצן די שאַרף פון דער שווערד, אָבער עס ווערט פריילעך פון דעם אָפּגעהאַלטענעם נצחון, כאָטש דאָס דאָזיקע איז דאָך געשען שוין אַזוי לאַנג.

עס גייען אָבער נאָך נישט בלויז פריילעכע פסוקים. עס גייען נאָך טרויעריקע אויך. ס'דערמאָנט זיך מיר אמציה, דער קעניג פון יהודה, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אין דער מלחמה מיט אדומען און ער האָט זיך דווקא געוואָלט פאַרמעסטן אין מלחמה מיט יהואש, דעם קעניג פון ישראל, וואָס איז געווען זייער שטאַרק. אמציה האָט געשיקט זאָגן

יהואשן: „לאָמיר זיך אָנקוקן אין פּנים" (ס'הייסט אויף דעם שלאַכטפעלד) און דער קעניג פון ישראל האָט אים געענטפערט מיטן משל, אַז דער דאָרן האָט געשיקט צום צעדערבוים זאָגן, אַז ער זאָל אים געבן די טאָכ־טער פאַר אַ ווייב צום זון און דער צעדערבוים איז געגאַנגען און צעטראָטן דעם דאָרן... און ער האָט אים טאַקע באַלד געגעבן דעם נמשל: האָסט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער אדום, האַלט זיך מיטן כבוד און רייץ נישט מיטן בייז, ווייל דו וועסט פאַלן אינייִנעם מיט יהודה. און יהואש האָט טאַקע באַזיגט אמציהן, ווײַלכער איז אַנטלאָפן קיין לכיש און מען האָט אין ירושלים געשלאָסן אַ בונט קעגן אים און מען האָט געשיקט נאָך אים קיין לכיש און אים דערהרגעט... און „טרייבנדיק אַזוי די פּסוקים, וואָס גייען מיר נאָך, הייבט זיך מיר אָן דאַכטן, אַז אָט־אָט וועט דאָס געשען אין אונדזער צייט און מנחם בעגין וועט פאַרכאַפּן אַ טייל פון ישראל און עס וועלן ווערן צוויי מלוכות...

לכיש אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס אַכצנטע קאַפּיטל פון מלאכים ב' גייט מיר אויף אין זכרון און סנחריב, דער מלך פון אשור, אַ מין נאָסער פון יענער צייט, אָבער מיליטעריש אַ בעסער אָרגאַניזירטער, האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער די שטעט פון יהודה און האָט איינגענומען לכיש און פון דאָרטן האָט ער געשיקט זיינע שליחים צום קעניג חזקיהו אַז ער זאָל זיך אונטערגעבן און יענער האָט רעזיגנירט אויף אַ שענדלעכן אופן. ער האָט אים געשיקט זאָגן: „חטאתי, איך האָב געזינדיקט, קער זיך אָפּ פון מיר, וואָס דו וועסט אַרויפלייגן אויף מיר, וועל איך טראָגן". און סנחריב האָט זיך נישט געזשאַלעוועט. ער האָט זיך געהייסן געבן דריי הונדערט צענטער זילבער און דרייסיק צענטער גאָלד און חזקיהו האָט אַרומגעהאַקט די גאָלדענע ביישטידלעך פון בית המקדש און אַרומגעשיילט די ווענט, וואָס זיינען געווען איבערגעצויגן מיט גאָלד און ער האָט דאָס אַלץ אַוועקגעגעבן סנחריבן. וואָס די רעוויזיאָניסטן פון יענער צייט האָבן געזאָגט דערויף, ווערט נישט דערציילט, אָבער מיינט נישט, אַז דעמאָלט זיינען נישט געווען קיין רעוויזיאָניסטן. צום גליק האָט סנחריב נישט איינגענומען ירושלים. ישעיה האָט פאַרויסגעזאָגט, אַז „אין דער דאָזיקער שטאָט וועט ער נישט קומען" און אַ מלאך האָט אין איין נאַכט אויסגע־הרגעט הונדערט פינף און אַכציק טויזנט נפשות און סנחריב איז אַהיים געקומען אַ געשלאָגענער און זיינע אייגענע צוויי זין האָבן אים דערהרגעט.

ווו נעמט מען היינט אַזעלכע מלאכים? אויך נבוכדנאצר, וואָס האָט איינ־גענומען ירושלים, איז פריער געגאַנגען אויף לכיש.

צום לעצטן מאָל ווערט דערמאָנט אין תנ״ך די שטאָט לכיש אין „נחמיה״, ווו עס ווערט דערציילט ווי אַזוי די ייִדן האָבן זיך אומגעקערט פון בבל קיין ירושלים. יענע „עולים״ האָבן אויפן וועג געלאַגערט אין לכיש און אין אירע פעלדער. זינט דעמאָלט איז לכיש געבליבן בלויז אין דער פאַרגאַנגענהייט. און די אויסגראָבונגען, וואָס זיינען, ווי געזאָגט, גע־מאַכט געוואָרן אין די דרייסיקער יאָרן, די געפונענע בריוו, די שאַרבנס מיט די העברעיִשע אויפשריפטן האָבן היפּש באַשטעטיקט די מעשות פון תנ״ך. דאָרטן זיינען געפונען געוואָרן אויך אַ סך ייִדישע שטעמפּלען פון יענער צייט.

איך האָב געזאָגט דעם נהג (נעהאַג: שאָפער), אַ יעקישער ייִד, וואָס רעדט שוין נישט שלעכט ייִדיש און רעדט אַ גוטע אָפיציעלן העברעיִש און זאָגט אויף אַ גענעראַל — „גענעראַל״ און אַליין הייסט ער נאָך דווקא פּ א ו ל, אַז אייגנטלעך האָב איך שוין געזען זייער אַ סך אין לכיש און ער האָט געקוקט מאָדנע אויף מיר און ער האָט זיך אַנגעשטויסן, אַז איך האָב געבלעטערט דעם דאָזיקן תנ״ך, וואָס איך האָב אין מוח און אין האַרצן.

מיר האָבן געזען דאָס פּלאַץ, ווו די אויסגראָבונגען זיינען געמאַכט געוואָרן און אייניקע חורבות, וואָס זיינען טיילווייז רעסטאַוורירט גע־וואָרן בעת דער אויסגראָב־אַרבעט און מיר האָבן געזען די רעשטן פון דעם איינציקן טויער, וואָס די אַלטע שטאָט לכיש האָט געהאַט און די צוויי טירן זיינען. מען זעט אין יענער געגנט רעשטן פון כלים און הייזער, וואָס זיינען שוין מסתמא אַלט אַ דריי טויזנט זעקס הונדערט יאָר.

דאָס אַלטע לכיש זעט מען אַביסל אויף דער ערד און בעיקר אין זכרון. דאָס נייע לכיש איז שוין דאָ אין דער ווירקלעכקייט. באַאַרבעטע פעלדער, פאַבריקלעך, שולן, באַוואָסערונג. יאָ, אָבער קודם כל מוז מען גיין זען רבקהן, וואָס איז די מאַמע פון לכיש.

— וואָס פאַר אַ רבקה? די מאַמע רבקה, דאָס ווייב פון יצחקן און די מאַמע פון יעקב אבינו און עשיו הרשע?

— איר מאַן הייסט גראָד מרדכי. זייער פאַמיליע איז גובער. מס־תמא האָט איר געהערט וועגן איר.

— געהערט, אוודאי. געלייענט ביי לייוויקן אויך.

— ביי לייוויקן?

— נו, יאָ. ער האָט וועגן דער דאָזיקער רבקה גובער, וואָס האָט פריער געוווינט אין כפר וואַרבורג און האָט פאַרלוירן אירע צוויי זין אין דער מלחמה, אָנגעשריבן אַ ליד מיטן נאָמען „צוויי זילבערנע בעכער״.

און אָט זיינען מיר טאַקע שוין ביי רבקה גובער אין איר קליינעם שטיבל, וואָס איז דער צענטער פון לכיש און וואָס איז פול מיט בילדער און ביכער און איז עפּעס מער מוזיי און ביבליאָטעק ווי אַ פּריוואַטע שטוב. און אָט רעדט שוין מיט אונדז רבקה, אַ טרויעריק־שמייכלענדיקע, אַ שווייגנדיקע. זי רעדט שווייגנדיקערהייט. סתם נעמען און ריידן קען זי נישט. אַ מיטלוועקסיקע, וואָס זעט אויס אי העכער, אי נידעריקער ווי זי איז און זעט אויס נישט בלויז טרויעריק. איר שמייכל איז נישט בלויז אַן איבערגעקערטע טרער. אַז מען וועט אָפּזיצן אַ שטיקל צייט, וועט זי געוויס ריידן פון זיך אַליין. סיי ווי ליגט אויף דעם טיש און אויף די ראַפטן אַ גאַנצע ביבליאָטעק וועגן איר. ווער האָט דען נישט געשריבן וועגן איר, אויף העברעיִש, יידיש און אויך אין אַנדערע שפּראַכן? אַ גאַנ־צע ליטעראַטור וועגן איר אין ענגליש. און אָט איז לייוויקס אַ ליד און עס דערציילט אַזוי פּשוט:

צוויי זילבערנע בעכער, אויף זיי אויסגעקריצט
די נעמען פון צוויי אומגעקומענע ברידער.
געוועזן אַ ישראל־מלחמה. און איצט?
די שטילקייט פון נאָך נישט געזונגענע לידער.

די בעכער האָט רבקה אין זכר פון אירע צוויי זין אפרים און צבי. איינער געווען אַלט זיבעצן יאָר און דער צווייטער צוואַנציק. ביידע זיינען אַוועק אין מלחמה און ביידע זיינען געפאַלן:

די מאַמע וואָלט קענען די בעכער די צוויי
ביז איבער די ברעגן פאַרטרינקען מיט טרערן,
זי וויל אָבער בעסער להיפוך איר ווי,
זיי זאָלן דעם יום־טוב פון פסח געהערן.

זי וויל, זאָגט דער דיכטער, אַז ווען אליהו קומט צו פאַרהייליקן יידן, נאָך דעם, וואָס זיי זיינען אַזוי פאַרשוועכט געוואָרן, זאָל ער פאַרזוכן „נישט טרערן, נאָר ווייַן פון אירע צוויי קינדערס געהייליקטן בעכער״. זי באַהאַלט די טרערן און זיי שטראָמען אַרויס, ווען קיינער זעט נישט

און אויך דעמאָלט בעט זיביים גראָז און ביים בוים, וואָס באַשאָטענען איר הויז, מחילה פֿאַר איר צער און טרויער.

דאָס גראָז און דער בוים זיינען שותפים צום צער
און אויך צום נסיון צום אויפֿקלאָגן העכער,
נאָר אַלע פֿאַרנעמען דעם מאַמעשן גזר,
נישט טרערן, נאָר ווײַן פֿאַר צווי זילבערנע בעכער.

און אין סאַמע תוך זיינען דאָך די טרערן און דאָס בלוט געוואָרן ווײַן. די מדינה איז אַ פֿאַקט, אַ בנין של קיימא. אין לכיש ווערט דאָך אויך אַ ריכטיקער באַצירק, אַ מחוז, אין מדינת ישראל. און אַ קיבוץ גלויות איז דאָך אויך שוין פֿאַראַן אין לכיש. ייִדן פֿון פּוילן, ליטע, אוקראַינע, בעסאַראַביע, גאַליציע, רומעניע, דייטשלאַנד און פֿראַנקרייך בויען די געגנט און אַ ביסל ייִדן פֿון צפֿון־אַמעריקע און מערער פֿון דרום־אַמעריקע. און ייִדן פֿון תּימן, וואָס זיינען דורך און דורך ייִדן און ייִדן פֿון מאַראָקע, וואָס זיינען שוין געוועזן פֿאַרגויאישט ביז גאָר, בויען די לכישער גובערניע און בויען זיך אַליין איבער. רבקה, די מאַמע פֿון לכיש, פּרוּווט לאָכן און זי טוט אַלצדינג צו ווייזן, אַז זי פֿרייט זיך. פֿאַראַן, זאָגט זי, אייניקע צבראַס, וואָס האַלטן זיך צו־שטאָלץ לגבי די נייע עולים, אָבער אין לכיש פֿאַרלירן זיי די צבֿרא־גאווה זייערע. אַלע אַרבעטן דאָך מיט מסירת נפֿש. אַנו, לאָמיר טאַקע אַ פּאָר טאָג צו זען, ווי מען אַרבעט דאָ.

און מיר גיבן אַ פֿאָר און מיר זעען ווי מען אַרבעט. האַלב נאַקעט, עס גיסט זיך דער שווייס און מען אַרבעט. זינגען זינגט מען שוין צום מייסטן העברעיִש, ריידן רעדט מען אויף אַלע שפּראַכן. מיר הערן נישט בלויז ייִדיש, און רוסיש און פּויליש און רומעניש און דייטש, נאָר אויך פֿראַנצויזיש און אַראַביש און שפּאַניאָליש.

שטעל איך אָפּ אַ בחור און פֿרעג אים, ווי אַזוי ער פֿילט, ענטפֿערט ער מיר, אַז ער טראַכט נישט וועגן דעם. דאַכט זיך מיר, אַז איך דאַרף אים מער נישט פֿרעגן, ווייל איך צערודער אים, לויפֿט ער מיר נאָך און ער זאָגט מיר:

— עטלעכע קליינע ישובים זיינען מיר דאָ. פֿאַראַן איינזאַמקייט, איזאָלירטקייט. אַ פֿילם, אַז מיר זעען, אַ קאָנצערט, אַז מיר הערן, זיינען מיר אויך ווייניק. עס פֿעלט אין קליינעם זאָל דער „ברוב עם"... אָבער מיר פֿילן אַ זין אין אונדזער לעבן. מיר שטייען דאָ אויף אַ שלאַכט־

פעלד. מיר פאַרגיסן דאָ נישט קיין בלוט, נאָר שווייס און עס איז דאָך אַ שלאַכטפעלד. מיר שלאָגן זיך דאָ מיט דער נאַטור, מיט די ווינטן, מיט דער זון, מיט דער פאַרלאָזנקייט. און מיר זיינען זיכער, אַז מיר וועלן זיגן. קומט אַהער אין אַ יאָר אַרום, וועט איר זען, וואָס דאָ וועט זיין. קוקט איצטער גוט אָן די אַלע שטעטלעך, וואָס הייבן אָן צו ווערן — נוקה, ניר חן, עוצם, זוהר... פיטשעגונקעלעך זיינען זיי. אַלץ אין זיי הייבט זיך ערשט אָן. דיביימער זיינען נאָך ביימלעך. די שטיבער זיינען נאָך שטיבלעך און אַמאָל דאָס אויך נישט. אייניקע באַזעצן זיך דערווייל אין געצעלטן, אין אַ ביסל פאַרמויערטע לעכער... אין אַ יאָר אַרום וועט איר דאָ גאָרנישט דערקענען. עס וועט זיין אַ ישוב, וואָס בליט און צעבליט זיך, געמויערטע הייזער וועלן האָבן געגנוג עלעקטריק, וועלן האָבן וואַסער. מיטיקצייט, ווען די זון הייבט זיך אויף הויך, וועלן מיר נישט דאַרפן זוכן קיין שאָטן אונטער אַ וואָגן...

— פון וואַנען זענט איר, חבר?

— פון וואַנען איך בין? דער ריכטיקער ענטפער איז: כ׳בין פון געטאָ און פון די לאַגערן. ווען כ׳האָב אָנגעהויבן ווערן אַ שטיקל מענטש, בין איך פריער געווען אין געטאָ, דערנאָך אין לאַגערן. עטלעכע יאָר דורכאַנאַנד האָט יעדער טאָג מיר געקענט ברענגען דעם טויט. איך האָב געהאַט מזל, איך האָב ליב געהאַט דאָס לעבן, איך בין געווען פאַרזיכטיק, איך האָב אי געקענט אָפּנאַרן אַ „פריץ“, אי געהאַט געזונטע פיס צום אַנטלויפן, האָב איך זיך געראַטעוועט. אָבער וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס געווען? אַן אויסגעבעטלט לעבן, אַן אַרויסגעריסן לעבן, אַן אויסגעגנאַרט לעבן... איך האָב געליטן פון אַ קאָמפּלעקס וואָס איז קיין קאָמפּלעקס נישט געווען, נאָר אַ פאַקט. איך האָב געליטן פון דער שרעק געהרגעט צו ווערן. און דאָס דאָזיקע האָט טאָקע געקענט ווערן. און איך בין דאָס זיבעטע יאָר אין לאַנד און אַנדערטהאַלבן יאָר בין איך דאָ און דער קאָמפּלעקס איז אַוועק. דאָ וועט מיך קיינער נישט הרגענען...

— דאָ קומען קיינמאָל נישט פאָר קיין צוזאַמענשטויסן מיט די אַראַבער?

— אַזעלכע פלעצער, ווו עס זיינען אינגאַנצן נישט מעגלעך קיין צוזאַמענשטויסן מיט אַראַבער, זיינען אין ישראל נישט פאַראַן. דער צענטער פון ירושלים געפינט זיך גאַנצע פינף הונדערט מעטער פון דער גרענעץ. אָבער וואָס פאַרגלייכט איר דאָס קענען געהרגעט ווערן דאָ מיט

דעם געהרגעט ווערן דאָרט? וואָס גלייכט איר אַ צוזאַמענשטויס מיט די אַראַבער מיט אַ זיין אונטערן שטיוול און אונטערן שפיי פון דייטש? דאָ קען דאָך זיין אַ קאַמף, אין וועלכן מ יי נ ע שאַנסן זיינען בשום אופן נישט קלענער פון ז יי נ ע. דאָ ווער איך דאָך נישט דערנידעריקט און באַליי־דיקט. און פריער, אָדער שפּעטער, וועלן מיר דאָ זיין אַזוי באַפעסטיקט, אַז זיי וועלן נישט וואַגן צו קומען אַהער. מיר דאַרפן נאָר זיין דאָ גענוג און זיי וועלן בלויז דאַרפן וויסן, אַז מיר זיינען דאָ גענוג און זיי וועלן נישט קומען אַהער. און מיר וועלן זיין אַ שוץ פאַר דעם נגב אויך. גאַנץ לכיש וועט אייגנטלעך זיין אַ מין פעסטונג. דאָ אַרומער איז געגאַנגען סנחריב אי אויף ירושלים, אי אויף עגיפּטן. און נבוכדנאצר איז דאָ אַרו־מער געגאַנגען... און ווער נישט?! אויף ירושלים וועט דאָ אַרומער קיי־נער נישט גיין און אויף מצרים וועלן מיר פון דאַנען צו יעדער צייט קענען גיין, נאָר לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן נישט דאַרפן...

איך האָב שפּעטער אָנגעטראָפן אַ צברא און איך האָב ביי אים אויך געפרעגט אויף דעם זין פון דעם אַרבעטן און לעבן דאָ, אפשר מער אַר־בעטן, ווי לעבן, אפשר מער וואָך זיין, ווי רוען... און ער האָט דעם ענט־פער מיר געגעבן פשוט:

— ווו דען זאָל איך זיין? איר קענט נישט קיין וואָרט „מולדת" (געבוירנלאַנד) און מיר קענען נישט קיין וואָרט „גלות". מיר לעבן כסדר אין מולדת, מיר וויסן נישט פון קיין אַנדער לעבן. מוז דאָך עמעצער דאָ זיין! מוז דאָך עמעצער דאָ בויען. ישראל מוז דאָך זיין אויסגעבויט.

— אַלע טראַכטן אַזוי ווי דו?

ער האָט אַ קוק געטאָן מיט אַן איראָנישן און אויך טרויעריקן שמייכל:

— אַלע? אָ, ניין. גענוג זיינען אַוועק פון דאַנען. זיי זיינען אַוועק אַהין, ווו עס איז גרינגער, ווו עס איז פריילעכער.

— בלויז עולים זיינען אַוועק, צי צבראַס אויך?

— איך, דער צברא, זאָג דיר, אַז נישט בלויז עולים. איך דער צברא זאָג דיר, אַז צווישן די עולים זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען ווערט צו האָבן אַ מולדת און פאַראַן אַזעלכע צבראַס, וואָס זיינען דאָס נישט ווערט צו האָבן... אָבער אַ סך זיינען אַוועק און אַ סך זיינען געבליבן. און דאָס איז דער וועג און די שוץ פון נגב. אַז דאָ וועט זיין באַזעצט, וועט דער נגב מוזן ווערן באַזעצט. איינגאַנצן באַזעצט וועט ער ווערן.

איך האָב געטראָפן אומצופרידענע אויך. איך האָב פון זיי נישט

געהערט אַזעלכע טענות, ווי איך האָב געהערט צוריק מיט פיר און דריי־סיק יאָר אין די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. זיי האָבן נישט גע־קלאָגט זיך, אין לכיש, אַז מען באַהאַנדלט זיי שלעכט. זיי האָבן נישט באַשולדיקט עמיצן דירעקט, זיי האָבן זיך געקלאָגט, אַז ס׳איז שווער. און ערשט זיינען צווישן זיי אויך געווען אַזעלכע, וואָס זיינען נישט געווען גרייט אַוועקצוגיין פון דאַנען. רבקה, די מאַמע רבקה, לאָזט נישט. זי האָט נישט קיין שום כוח און זי האָט דאָך אַ גרויסן כוח. זי קען געבן צו פילן, אַז דאָ וועט מוזן ווערן גוט און אַז דאָס דאָזיקע, וואָס מען טוט דאָ, איז שוין איצטער גוט. עס ווערט יעדן טאָג בעסער און זיכערער דאָס לעבן. און אַ סך מאָל רעדט זי גאָרנישט, די דאָזיקע רבקה, זי שווייגט. זי רעדט מיט די אויגן, זי רעדט מיטן קלוגן שמייכל, מיטן קינדישן שמייכל, מיטן טרויעריקן שמייכל, מיטן פריילעכן שמייכל...

— פריילעכן?

— יאָ, פריילעכן. געהאַט צוויי זין און ביידע פאַרלוירן און זי פאַר־מאָגט אַמאָל פרייד אויך. זי האָט אַ סך קינדער. אַלע דאָ זיינען אירע קינדער. די קינדער פון די שולן זיינען אירע קינדער. אייניקע פון די קינדער ווערן דערנאָך לערערס און לערערנס און זיי בלייבן רבקהס קינדער.

איינער אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט זיך געניג אויס־געהאָרעוועט אין דער יוגנט אין דערפער און אין אַ קיבוץ און איז גע־קומען אַהער לעבן דאָס רויִקע און דאָס האַרטע לעבן, האָט מיר געזאָגט:

— איר זעט אָט די שוואַכע רבקה, וואָס האָט פאַרלוירן ביידע זין? זי איז דער גורל פון לכיש... מיט דעם כוח פון די פאַרלוירענע צוויי זין בויט זי לכיש. עס ווערט דאָ געטאָן מיט אַ פּלאַן. עס זיינען דאָ פאַראַן און עס קומען אַהער אינזשיניערן און אַגראָנאָמען און כעמיקער און אַר־כיטעקטן און בויער און עקאָנאָמיקער. און זיי טוען אויף גרויסע זאַכן. אָבער אָן דער נשמה פון רבקהן, אָן די נשמות פון אירע צוויי פאַרלוי־רענע זין, וואָלט דאָ געפעלט אַן עיקר...

— און ערגעץ אַנדערש?

— אומעטום זיינען פאַראַן אַזעלכע נשמות, אומעטום זיינען פאַראַן נשמות פון געפאַלענע צבים און אפרימס, וואָס פאָדערן אַ תיקון...

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן מיט רבקהן, וועלכע האָט ערשט איצטער געוואָלט אָנהייבן צו ריידן. זי האָט אונדז געוואָלט דערקלערן דעם שכל און די נשמה פון ישראל... איך

האָב געוואָלט אַריינגיין אין ביוראָ, נעמען דאַטן, ציפערן וועגן לכיש און רבקה און אַ באַגלייטערין אירע האָט מיר געזאָגט, אַז לויט זייער מיינונג וועט דאָס מיר גאָרנישט געבן. וואָרום די ציפערן מיינען אַבסאָלוט גאָר־נישט, ווייל מאָרגן וועלן זיי שוין זיין אַנדערש, און ביז מ'יין שרייבן וועט גרייכן צו מיינע לייענער, וועט מסתמא יעדע ציפער דאָ שוין זיין אַ גע־כפלטע דריי און פיר מאָל. אַ יונגע לערערין האָט מיר געזאָגט:

— ישראל דאַרף מען כאַפּן ביים עיקר. מען דאַרף קענען דערפילן די עמאָציע, דאָס געפיל און דעם ווילן, וואָס טרייבן צו טאַט און קרבנות. ציפערן אין ישראל איז אַזאַ זינלאָזיקייט, ווי שילדערן די זון לויט איר ערשטן באַווייזן זיך אויף דעם האָריזאָנט און אויסמעסטן פּינקטלעך די וואַרעמקייט, וואָס זי גיט אין יענעם מאָמענט. אַן אַרבעט פאַר אַ בלינדן איז דאָס. מען דאַרף דאָ קענען זען, ווי די זון גייט אויף... יעדע סעקונדע גייט זי אויף...

רבקה האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן בלייבן נאָך אַ שטיקל צייט און נאָך. מיר זאָלן קוקן אויף דעם אַרום.

— קוקן? אויף דעם גרויסן הימל? אויף דער זון, וואָס פאַרגייט אַזוי גרויס? אויף דער ערד, וואָס איז צום מיינסטן נאָך אַזוי וויסט?

— יאָ, קוקן. קוקן אויף דעם ביסל בליעכץ, וואָס דאָ איז פאַראַן און דערפילן, אַז גאָר גיך וועט אומעטום בליען. קוקן אויף די מ'ענטשן, אויף די קינדער. הערן ווי זיי זינגען, ווי זיי האָפן. אין יעדן קרעכץ אין דאָך פאַראַן האָפענונג.

איך האָב פריער נישט געהאַט באַמערקט וויפל מ'ענטשן עס שטייען אויף דער וואָך מיט ביקסן אויף די פּלייצעס. אין דעם ווינקל, אין יענעם.

— געוווען אַ סך איבערפאַלן די לעצטע צייט?

— ניין, נישט געוווען, דווקא נישט געוווען. און טאַקע דערפאַר דאַרף מען גוט אַכטונג געבן. דער שונא דאָ נוצט בלויז פחדנישע מיטלען. ער זוכט איבערצופאַלן בלויז דעמאָלט, ווען ער איז זיכער, אַז ער וועט קיי־נעם נישט האָבן קעגן זיך...

די זון איז שוין געווען מער פון יענער זייט מערב, ווי פון דער זייט. און מיר האָבן שוין געמוזט פאָרן. נישט געוואָלט און געמוזט. רבקה האָט שוין געפילט אַז אונדזער אויטאָ קייקלט זיך שוין טאַקע אַוועק. און זי האָט אונדז נאָך צוגעפירט צו אַ שול. אַ חצי דאָרפישע שטוב, אַן אָנהייב פון אַ מאָדערנעם בנין. אינדרויסן אַ גערטנדל.

ס'איז געווען זומער און פאַרנאַכט דערצו. קיין לימודים זיינען נישט געווען. דאָך האָבן זיך געדרייט קינדער אַרום. זיי האָבן געבענקט איז שול אַריין. און אַ קליין דאַר מיידל האָט זיך דאָרט געדרייט מיט אַ זעלטע־נער זיכערקייט און פאַרליבטקייט. אַ שוואַרצע, אַ רירעווודיקע, אַ חנעוור־דיקע. זי האָט געקענט פונקט אַזוי זיין אַ פערצניאַריקע, ווי אַ צוואַנציק־יאָריקע. זי האָט כמעט גאַר קיין פלייש נישט געהאַט, זי האָט געהאַט ברען אין די אויגן, חן אין גאַנצן פנים און אַ זעלטענע באַוועגלעכקייט אין גאַנצן קערפּער. אַ באַוועגלעכקייט פון אַ חנעוודיק מיידל, פון עפּעס אַ חייהלע... זי האָט אָפּגעריסן אַ בלימ'ל פון דעם גערטנדל און מיר גע־געבן. און רבקה האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז פון מאַראָקע. אַ יתומה איז זי, נישט לאַנג אין לאַנד. רעדט נאַטירלעך, בעסער פון אַלץ פראַנצויזיש. רעדט שוין אָבער נישט שלעכט העברעיִש און אָט־אָט וועט זי שוין אַליין קענען ווערן אַ לערערן. דאָ איז מען אַזוי לאַנג אַ תלמיד און אַ תלמידה ביז מען ווערט אַ לערערן.

...אונדזער אויטאָ איז געלאָפן אויף דעם שאָסיי און אונדז זיינען נאָכגעלאָפן נישט בלויז פסוקים פון תנ"ך, נאָר אויך פסוקים וועגן דער נייער צייט. און איך האָב געפילט, אַז איך האָב אין משך פון עטלעכע שעה שפּאַצירט איבער פיר טויזנט יאָר יידישע געשיכטע פון בלוטיקע מלחמות און גרויסע האָפענונגען, גרויסן גלויבן...

און ווען איך בין געקומען אין האָטעל אַריין, האָב איך נישט געגנו־מען, ווי שטענדיק נאָך אַ טאָג אַרומוואַנדערן, אַ דוש, נאָר איך האָב גע־וואָלט בלייבן אָט ווי איך בין, מיטן ריח פון לכיש, מיטן טעם. אין גע־דאַנק איז מיר אויפגעגאַנגען אַ פסוק פון יהושע. די ווערטער האָבן זיך געקלאַפּט אין קאָפּ אַריין עפּעס ווי פייגל אין אַ פענצטער. „רתום המרכבה לרכשי יושבת לכיש ראשית, חטאת היא לבת ציון, כי בך נמצאו פשעי ישראל". יהואש פאַרטייטשט דאָס: שפּאַן דעם רייטוואָגן צו די לויפּפערד פון לכיש, זי איז דער אָנהייב זינד געווען פאַר דער טאָכטער ציון. די דאָזיקע ווערטער זיינען געצילט קעגן סנחריבן, וואָס האָט דורך לכיש געמאַכט דעם איבערפאַל אויף ירושלים. און איך האָב דאָס בלימ'ל פון דעם מאַראָקאַנער יידישן מיידל, דער שילערן און לערערן אַריינגעלייגט אין תנ"כל אין מיינעם, פונקט ביים דרייצנטן פסוק פון ערשטן קאַפּיטל און איך האָב זיך געזאָגט: דאָס הייַנטיקע לכיש וועט נישט זיין דער אָנ־הייב זינד פאַר דער טאָכטער פון ציון. ווען דער שונא וועט פּרוון אָנ־

גרייפן דאָ אַרומער, וועט ער ברעכן רוק און לענד. ער וועט אין לכיש טרעפן כוחות, וואָס וועלן אים חרוב מאַכן די אַרמיי, פונקט ווי אַמאָל האָבן דאָס דאָזיקע געטאָן מלאכים.

דאָס בלימל פון לכיש ליגט עד היום אין מיין תנ״כל און ווען איך כאַפּ אַ קוק אויף דעם, דערמאָן איך זיך אין לכיש, וואָס איז פאַרבליבן אין מיין געמיט ווי די אייביקע געשיכטע פון אייגענעם און אייביקן ארץ ישראל.

אויף די ברענענדיקע חורבות פון וואַרשע אין ישראל

כ״ז ניסן איז אַן אָפיציעלער טרויער־טאָג אין ישראל. די כנסת האָט אים באַשטימט אַלס דעם דערמאָנונגס־דאַטום פאַר די געטאָ־אויפשטאַנדן און בכלל פאַר די זעקס מיליאָן קדושים. קיינער לייקנט נישט, אַז דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19טן אַפּריל, אָבער יידישע יאָרצייטן ווערן געווייינלעך געפירט נישט לויט דעם אַלגעמיינעם קאַלענדאַר, נאָר לויט דעם יידישן לוח. דערצו קען דער 19טער אַפּריל אויספאַלן צום ערשטן סדר, אָדער צו שביעי של פסח און קיין טרויער־טאָג פירט מען נישט דורך אום יום־טוב.

מען פירט דורך דערמאָנונג־אַקאַדעמיעס אין ישראל אויך דעם 19טן אַפּריל. קיינער שטערט קיינעם נישט דאָס צו טאָן, אָבער מיט גרויס אינטענסיוויטעט ווערן די אויפשטאַנדן דערמאָנט אין דעם אָפיציעלן טאָג. און זיי ווערן דערמאָנט אויף אַזאַ אופן, אַז מען דערפילט זיי און מען דערזעט זיי.

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור איז דער חורבן פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום שטאַרקער פאַראייביקט און באַוויינט געוואָרן ווי אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און אַז אין די תפוצות — און מער ווי אומעטום ביי אונדז אין בוענאָס־איירעס — זייִנען דערשינען אַ סך מער ביכער וועגן דעם אומגעבראַכטן יידנטום און וועגן חורבן ווי אין ארץ־מדינת־ישראל. דאַרף דאָ אָנגעוויזן ווערן, אַז אַזוי פיל דאָקומענטן וועגן חורבן און וועגן דער גרויזאַמקייט פון די נאַציס און זייערע מיטהעלפער ווי מ׳קען געפינען אין ישראל, געפינט מען אין ערגעץ נישט און אַז אויף אַזאַ בולטן אופן ווי מען דערמאָנט דאָרט דעם אויפשטאַנד, דערמאָנט מען אין ערגעץ נישט.

אַז די דערמאָנטע דאָקומענטן געפינען זיך בעיקר אין דעם נישט פאַרענדיקטן יד ושם בנין, ווייסן געוויס אַ סך. דער יד ושם געפינט זיך ביי ירושלים, אין די יהודה־בערג, אויף דעם וועג צו הערצלס קבר. דער יד ושם איז געשאַפן געוואָרן סיי פון אַלוועלטלעכע יידישע אָרגאַניזאַציעס, סיי פון ישראלדיקע און דער בנין טראָגט אַן אָפי־

ציעלן כאַראַקטער. די כנסת האָט אָנגענומען אַ דעקרעט אים צו בויען און וואָס פאַר אַן אַפּטיילונגען ער זאָל האָבן. אָבער עס זיינען פאַראַן אויך דאָקומענטן אין אַנדערע ערטער אין ישראל און בעיקר אין דעם קיבוץ, וואָס הייסט „לוחמי הגיטאות" (געטאָ־קעמפער), וועלכער איז געבויט און באַזעצט פון די לעבנגעבליבענע וואַרשעווער געטאָ־קעמפער, צווישן וועל־כע עס געפינען זיך אַזעלכע באַרימטע ווי אַ נ ט ע ק און צביה לובעטקין.

מען דאַרף זיך טאַקע, ווי ביאַליק הייסט, אויסשמידן פון שטאָל און אייזן, קאַלט און האַרט און שטום, אַ האַרץ, בכדי צו קענען באַקוקן די אַלע דאָקומענטן, וואָס זיינען פאַראַן אין י ד ו ש ם און אין ל ו ח מ י ה ג י ט א ו ת. אַ שפּאַציר צווישן די דאָזיקע דאָקומענטן איז מסתמא ערגער ווי אַ שפּאַציר איבער אַלע שבעה מדורי גיהנום. ווען דו גייסט אין יד ושם פון ווינקל צו ווינקל און דו קוקסט בלויז און דו זעסט די 99 פּראָצענטיקע מתים, וואָס האָבן נאָך געדעכעט, ווען מען האָט זיי פאָטאָ־גראַפירט, און דו זעסט די שפּאָטישע בליקן פון די דייטשע סאַדיסטן און זייערע אַלערליי מיטהעלפער, וואָס באַגלייטן די געפּייניקטע, קלערסטו זיך, אַז אומזיסט שטעלט מען פאַר די טייוולאָנים ווי די מוסטערן פון פאַר־דאַרבענע און רשעים. די ערגסטע טייוולאָנים האָבן נאָך אַ סך צו לער־נען אין פּרק רשעות פון די „מענטשן", פון דייטשן, אוקראַאינישן, ליט־ווישן, פּוילישן און רומענישן מין. און ווידער מוז דאָ דערמאָנט ווערן ביאַליקס זאָג, אַז אַזאַ נקמה (און אַזאַ רשעות) האָט דער שטן אַליין נישט באַשאַפן.

אַז די געדענק־אַקאַדעמיעס ווערן דורכגעפירט אויף אַזאַ בולטן אופן, ווי אין ערגעץ נישט, דאַרף מען דערקלערן און דאָס דאָזיקע וועט צום בעסטן געמאַכט ווערן דורך אַ שילדערונג פון אַזאַ טרויער־אָוונט טאַקע אין דערמאָנטן קיבוץ לוחמי הגיטאות.

מען פירט דורך געדענק־אָוונטן אין גאַנצן לאַנד — אין די גרעסערע און קלענערע שטעט, אין די דערפער, קיבוצים, מושבות און אויך אין מיליטערישע לאַגערן און קאַזאַרמעס. די צענטראַלסטע טרויעריקייטן ווערן דורכגעפירט אין י ד מ'ר ד כ י אין נגב, אַ קיבוץ, וואָס טראָגט דעם נאָ־מען פון מרדכי אַנילעוויטש און אין לוחמי הגיטאות, נישט ווייט פון חיפה און פון נהלל.

די ייִדישע אַגענץ און דער קרן־היסוד, וועמענס גאַסט איך בין גע־ווען, האָבן מיר געשיקט קיין לוחמי הגיטאות. געפירט האָט מיך אַליין דער

לייטער פון לאַטיין־אַמעריקאַנער דעפּאַרטאַמענט אין קרן־היסוד, דער טאַ־לאַנטירטער און טעמפּעראַמענטפולער רעדנער יוסף טכאָרניצקי.

עס איז געווען פינף טעג נאָך פּסח. געוויינלעך איז אין יענער צייט שוין וואַרעם אין ישראל, אָבער פאַראַיאָרן, ס׳לעצטע יאָר פאַר אַן עיבור־יאָר, איז געווען אַ פריער פּסח און ס׳איז נאָך געווען קאַלט. עס זיינען שוין פריער פונדעסטוועגן געווען וואַרעמע אָוונטן. עס האָט זיך עפּעס אויסגעגעבן אַ באַזונדער קאַלטער אָוונט. אָבער געפיבערט האָט זיך נישט איבער דער קעלט, נאָר איבער דער גאַנצער זאַך, וואָס האָט געווירקט פאַנטאַסטיש.

אַזוי ווי מיר האָבן אָפט טענות צו דער ישראל־יוגנט פאַר איר אומ־באַציִונג צו אַלץ, וואָס ס׳איז געשען און עס געשעט אין די תפוצות, טאָ זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז כ״ז ניסן התשט״ז האָב איך אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי אויף דעם וועג צווישן חיפה־לוחמי הגיטאות האָבן געשטראָמט צו דער דערמאָנונג פון געטאָ־אויפשטאַנד הונדערטער יוגנטלעכע פון ביידע מינים. זיי האָבן געשטראָמט מי ברגל ומי ברכב, ווער צופוס און ווער פאַרנדיק אין דזשיפּס, קאַמיאָנען און ווער שפּאַנענ־דיק מיט דער האָפענונג צו געפינען ערגעץ אַ פלאַץ אויף רעדער. אין ישראל רופט מען דאָס „ביטרעמפּ״ — וואַגאַבונדנדיק. מען לאָזט זיך גיין צופוס און מען מאַכט מיט די הענט צו די דורכפאָרער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אין חיפה געפייערט געוואָרן דער יום העצמאות און איך האָב געזען, ווי צום פלאַץ, וווּ דער פּאַראַד האָט גע־דאַרפט פאָרקומען, האָבן געשטראָמט צענדליקער און צענדליקער טויזנ־טער מענטשן. צו דער געטאָ־דערמאָנונג האָבן נישט געשטראָמט אַזויפיל, אָבער הונדערטער, וואָס זיינען געוואָרן טויזנטער, האָבן געשטראָמט. און בפירוש יוגנטלעכע זיינען דאָס געווען. און בפירוש אַ סך צבראַס און כמו צבראַס צווישן זיי. אַן אויסטערליש בילד איז עס צו זען אויף דעם כביש (קוויש — שאָסיי) די צענדליקער און צענדליגער וועגענער פון כל המינים און די הונדערטער יאַטן און יאַטעכעס, וואָס האָבן געשפּאַנט קילאָמעטערס און קילאָמעטערס צופוס און האָבן געזוכט אַ שטיקל פלאַץ, אפשר גאָר־נישט אַזוי, ווייל ס׳איז שווער געווען צו גיין, ווי ווייל זיי האָבן געוואָלט אָנקומען אין צייט.

אין ישראל הערט מען אויף די וועגן מער זינגען ווי אין דער גאַנ־צער וועלט; אין ישראל זעט מען מער שיינענדיקע, שמייכלענדיקע און

פריילעכע פּנימער ווי אין דער גאַנצער וועלט. אָבער אין יענעם אָוונט האָט מען אויף דעם וועג פון חיפה קיין לוחמי הגיטאות נישט געהערט זינגען און מען האָט נישט געזען קיין פרייד אויף די פּנימער. די דאָזיקע, וואָס האָבן געשטראַמט צו דער טרויער־אַקאַדעמיע זיינען געווען דורכגע־נומען מיט די איבערלעבונגען און דעם אומקום, וואָס מען גייט דערמאָ־נען נישט ווייניקער ווי מיט דער קעלט פון אָוונט.

מיר זיינען געפאָרן אין אויטאָ פיר. דער מורה דרך אונדזערער, דער דערמאָנטער יוסף טכאָרניצקי, דער דירעקטאָר פון „מונדאָ איזראַעליטאַ", ה' לעאָן קיבריק, מיין ווייניקייט און מיין פלונית מרים לערער. דער אוי־טאָ איז נישט געווען קיין גרויסער, אָבער ווען הענט פון יאַטן און יאַטע־כעס האָבן זיך צו אונדז געשטרעקט פון אַלע זייטן, האָבן מיר נישט גע־קענט ביישטיין דעם נסיון און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט אַריינעמען דריי, אָבער עס זיינען אַריין פינף. דאַכט מיר צוויי יאַטעכעס און דריי יאַטן. טכאָרניצקי, וואָס האָט אַביסל פריער גערעדט מיט אַ סך התלהבות וועגן דער ישראל־יוגנט, וואָס ווייזט אַרויס אַזויפיל באַוווסט־זיין — מיר האָבן דאָס דאָזיקע נישט געקענט און נישט געוואָלט אָפּ־לייקענען און מיר האָבן זיך געקלערט, אַז די יידישע יוגנט, אַפילו די בעסטע, אין אַרגענטינע, וואָלט מסתמא אַזוי נישט געשטראָמט צו קיין טרויער־אָוונט — האָט זיך איצטער געבייזערט און דווקא גע־וואָלט, אַז צוויי זאָלן פאַרלאָזן דעם אויטאָ, אָבער אין בייזערן זיך איז געווען אַ סך ליבע. ער האָט געמאָנט דיסציפּלין. אָבער די חברה האָט געשוויגן און איז נישט אַרויסגעגאַנגען. דאָס שווייגן איז גע־ווען אַ קונסט־שטיק. און למאַי זאָל איך דאָס נישט דערציילן? מיר איז די שווייגנדיקע עקשנות געווען געפעלן בעסער, ווי ווען זיי וואָלטן געווען געהאַנדלט דיסציפּלינירט. אין ישראל איז נייטיק עקשנות לכל הפּחות נישט ווייניקער ווי דיסציפּלין.

מיר האָבן זיך געוואָלט דערוויסן ווער די חברה זיינען. קיין ספרדים און תימנער זיינען אויף אונדזער גורל נישט אויסגעפאַלן, זיי זיינען אַלע געווען אשכנזים. צוויי האָבן ביסלעכווייז גערעדט יידיש, אַנדערע צוויי האָבן גערעדט זייער ווייניק, אָבער פאַרשטאַנען און איינער האָט כמעט אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען. צום גוטן־אָוונט זיינען זיי דאָך געגאַנגען און זיי האָבן דאָס גיין געהאַלטן נישט פאַר עפּעס אַ דרויסנדיקן חוב, נאָר פאַר אַן אינעווייניקסטן מוז.

דער אָוונט בכלל איז געווען אַ פיינלעכער. אַ ווינט האָט געבלאָזן, די קעלט האָט דורכגענומען. שטערן זיינען געווען ווייניק אין הימל, וואָס איז געווען ווייניקער בלוי און מער קאַלעמוטנע ווי תמיד. און דאָך האָט מען אַלעמאָל געזען פאַלן אַ שטערן. ס׳האָט געווייִנט מיט דער אומהיימלעכקייט, וואָס מען דערפילט אַמאָל באַזונדער אין ישראל. בכלל איז אין ישראל פאַר אַ ייִדן היימלעכער ווי אין דער גאַנצער וועלט, אָבער אַז עס ווערט אַמאָל דאָרט אומהיימלעך, נעמט דיך אַרום אַ פּיין, אַז דיר גלוסט זיך שרייען: „הימלען, עפנט די טויערן פון רחמים״. און אין יענעם אָוונט האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ אומהיימלעכקייט.

די פייערן פון די ישובים, וואָס מיר האָבן פאַרבייגעשניטן, האָבן נישט פאַרטריבן די פּיין. די איינציקע טרייסט איז געווען דער ריזיקער עולם, וואָס האָט ברכב וברגל באַלאַגערט דעם וועג. און פון דעם מאָמענט, וואָס די פינף יוגנטלעכע זיינען אַריין צו אונדז אין וואָגן, איז די אומהיימלעכקייט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. זיי האָבן אויסערלעך נישט געיוגנטלעכט. זיי האָבן געהאַט ערנסטע פּנימער און מ׳האָט אויף זיי קיין שאָטן פון קיין שמ׳ייכל נישט געזען. קיין קלאַנג פון אַ געלעכטער האָט מען פון זיי אַוודאי נישט געהערט. זיי האָבן שווייגנדיק זיך צוגעהערט צום געוואָי פון ווינט. אַז מען האָט זיי עפּעס געפרעגט, האָבן זיי געענטפערט. און דאָך האָבן זיי אַריינגעבראַכט אַן אויפהייטערונג. עס איז געווען גוט צו פאָרן מיט זיי אינאיינעם. אינגאַנצן אינאיינעם. אין די תפוצות קומט אונ־דזערן אַ מענטשן זעלטן אויס אַזוי צו זיין אינגאַנצן אינאיינעם מיט יוגנט־לעכע, ווי מיר זיינען געווען אין יענעם אָוונט, אין טכאַרניצקיס אויטאָ אויף דעם וועג קיין לוחמי הגיטאות.

אין דער צייט, וואָס מיר האָבן אַלע מער געשוויגן ווי גערעדט, האָב איך אין אַלע מיינע פיבערן דערפילט, וואָס עס געשעט מיט מיר: איך פאָר צו די לעבנגעבליבענע קעמפער פון די געטאָס און געטאָ־אויפשטאַנדן צו דערמאָ־נען מיט זיי אינאיינעם דעם געטאָ־אויפשטאַנד. דאָס דאָזיקע קען געשען בלויז אין ישראל.

פאַר עפּעס, האָב איך זיך געקלערט, קען דאָך דאָס געשען בלויז אין ישראל. נו, אַוודאי דערפאַר, ווייל ס׳איז ארץ־ישראל, ס׳איז מדינת יש־ראל... אָבער מדינת ישראל איז עס דאָך אויך נישט על פי צופאַל... און איך האָב געטראַכט פון די ערשטע שומרים, וואָס זיינען דאָ אומגעקומען

אויף דער וואָך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיר פאָרן פאַרביי גבעת זייד. אפשר מאַך איך אַ טעות. ווייט פון דאָרט זיינען מיר זיכער נישט געווען. איך האָב עפּעס דערפילט דעם אָטעם פון אַלעקסאַנדער זייד, איינעם פון די גרינדער פון השומר, וואָס איז דאָ געשטאַנען איינער אַליין אין אַזעלכע אומהיימלעכע נעכט אויף דער וואַך, ווען אַרום זיינען קיין יידן נישט געווען. דאָס פלאַץ האָט דעמאָלט געהייסן „שייך אַבריק". ערגעץ אַ דאָרטן בין איך אַמאָל געווען אויף אַ בית הקברות פון שומרים־פאַרבאַנד, ווו עס רוען אויף אייביק די רעשטן פון די געפאַלענע־דערהויבענע שומרים. און עס האָבן אין מיין פיבערדיקן בלוט זיך פאַרייניקט די שומרים פון 1929 און די געטאָ־אויפשטענדלער פון 1943...

און מיר זיינען אָנגעקומען אין קיבוץ אַריין, וואָס געפינט זיך אויף אַ באַרג און האָט העכערע בערג פון ביידע זייטן. אין סאַמע מיט איז געווען אַ טריבונע, אויף וועלכער עס איז געלעגן יצחק קאַצענעלסאָנס געקלאָג פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק אויף יידיש און העברעיש. וווהין דאָס אויג האָט געכאַפּט אַ קוק, האָבן מיר געזען מענטשן. און טאָקע זייער אַ סך יוגנט. אויף דער ערד זיינען זיי געזעסן, אויף שטיינער, אויף בענק. דער ווינט האָט געבלאָזן, ס'איז געווען קאַלט, קיינער איז נישט געווען צו־וואַרעם אָנגעטאָן, אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט. איינעם מיט טויזנטער אומבאַקאַנטע, האָב איך געזען צענדליקער באַקאַנטע. אָט קומט מיר אַנטקעגן דער הויכער בלאָנדער, כמעט רויטער אַנטעק מיט די גרויסע וואָנצעס, וואָס זעט טאַקע אויס ווי אַן אַנטעק. דערפאַר האָט ער געקענט זיך האַלטן אויף דער אַרישער זייט און אויפרייסן אַ דייטשן אָפיציר־קלוב און באַוויזן נאָך אַ סך העלדישקייטן. שוין אַכט יאָר זיך נישט געזען. ס'לעצטע מאָל גערעדט אין 1948 אויף אַן אָוונט לכבוד סוקעוועס „געהיימשטאָט". אַזוי לאַנג זיך נישט געזען. צביה לובעטקין וויל שמייכלען, קען נישט און איז זיך מנצח און גיט אַ שמייכל. פאָרט אַ פרוי.

— פאַרוואָס קומט איר נישט צו אונדז אויך אין אַן אַנדער צייט?

זי רופט מיך, ווייל איך האָב געשריבן וועגן די אַלע ביכער, וואָס שילדערן דעם אומקום און דעם קאַמף. יאָ, זיי זיינען אומגעקומען, האָבן געקעמפט און איך האָב געשריבן...

אָט איז זרובבל. זיין באָרד איז אין דער טונקעלער נאַכט נאָך ווייסער. אָט קומט בערל לאָקער מיטן קלוגן פנים. אים האָב איך אין יענעם

אָוונט צום ערשטן מאָל געזען אָן אַ שמייכל. איך קען אים באַלד זייט פיר צענדליק יאָר און צום ערשטן מאָל אָן אַ שמייכל.

אָט קומט אָן פון איין זייט יצחק גרינבוים און פון דער אַנדערער זייט דער קאָמוניקאַציע־מיניסטער משה כרמל, וועלכן איך האָב פריער מיט אַ צייט דערקענט אין אורוגוויי און אַרגענטינע. יצחק גרינבוים איז ווייס ווי אַ טויב, איז פול מיט טרויער, משה כרמל איז יוגנטלעך קרעפטיק, שטורמיש. מיר שיינט, אַז קיינער איז דאָ נישט אַזוי אויף דעם פּלאַץ ווי אָט די צוויי. יצחק גרינבוים רעפּרעזענטירט דאָס פאַרשניטענע פּוילישע ייִדנטום, וועלכעס ער האָט רעפּרעזענטירט אויך, ווען ס׳איז געווען יונג און ער אַליין איז געווען יונג און משה כרמל רעפּרעזענטירט דאָס יונגע מדינת ישראל.

מען האָט גערעדט. אַ סך האָבן גערעדט. עברית און ייִדיש האָט זיך געמישט. אייניקע פון די קיבוצניקעס, וואָס זיינען געווען געטאָ־קעמפער האָבן געלייענט יצחק קאַצענעלסאָנס דערמאָנט ליד. זיי האָבן געזאָגט דעם ספּעציעל אָנגעשריבענעם יזכור אויף ייִדיש און עברית. דורך דעם הויכרעדער האָט מען געמאָלדן ווער ס׳איז דאָ און ווער ס׳וועט ריידן. מען האָט מיין נאָמען אויך דערמאָנט אַ פּאָר מאָל. איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס קומט דאָס מיר. איך אַליין האָב דערמאָנט מרדכי אַנילעוויטש און אַנדערע נעמען, וואָס איך האָב געדענקט. איך האָב דערמאָנט מיין אומגעבראַכטע שוועסטער מאָמציע, די גוטע נשמה, איר מאַן, מיין אומגעקומענעם פעטער נח מיט זיין פרוי דער מומע חווה און זייער טאָכטער מאַניע, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. איך האָב דערמאָנט נאָך קרובים, יוגנט־חברים. קאַצענעלסאָנס ווערטער האָב איך געהערט, דעם יזכור האָב איך געהערט. די רעדעס האָב איך געהערט ווי אין חלום.

...און ס׳איז געקומען די טרויעריקסטע איבערלעבעניש פון מיין גאַנצן לעבן. מען האָט אַנטקעגן אויף דעם באַרג געזען דאָס הויז, אין וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן און פאַרענדיגט דער געטאָ־אויפשטאַנד. צוויי מאָל איבערגעלעבט די גרעסטע פרייד אין ישראל: די גרינדונג פון דער מדינה און דעם אַכטן יום העצמאות און איין מאָל איבערגעלעבט דעם שטורמישסטן טרויער — געזען דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, בפּועל ממש געזען. די קיבוצניקעס פון לוחמי הגיטאות האָבן זיך אַליין באַטייליקט אין יענעם אויפשטאַנד, זיי ווייסן ווי עס איז פאָרגעקומען און זיי האָבן דאָס געוויזן. באַטייליקט האָבן זיך אין יענער דעמאָנסטראַציע מס־

תמא אַ פּאָר הונדערט מענטשן, אויסגעזען האָט עס גלייך עס האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער. אין פייער פון הויז האָט מען געזען קעפּ, אָן אַ שיעור קעפּ. אַנטקעגן זייַנען געווען די נאַציס... אַלע זייַנען געווען ווי פּאַר־כישופט. ווען ס׳איז אויפגעהאנגען געוואָרן די ייִדישע פאָן אויף דעם אייבערשטן שטאָק, האָט קיינער נישט אַפּלאָדירט. עס איז נישט געווען קיין ספּעקטאַקל צום אַפּלאָדירן. ס׳איז געווען אַ ממשותדיק פייער מיט ממשותדיק בלוט... איך און אַלע האָבן מיר געזען דאָס דאָזיקע, וואָס אַן עד ראיה האָט דערציילט וועגן 42 טאָג פון אויפשטאַנד:

„די בלוי־ווייסע פאָן, וואָס אַ יונגער חלוץ האָט געטראָגן, איז אַריבער פון שטאָק צו שטאָק. שפּעט בייַנאַכט האָט די פאָן געפלאַטערט פון ה ע כ ס ט ן שטאָק... דער יונגער חלוץ, אייַנגעהילט אין בלוי־ווייסער פאָן, וועלכע ער האָט געהיט 42 טעג און נעכט, האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון אייבערשטן שטאָק און צו דער פאָן איז צוגעגעבן געוואָרן נאָך אַ פאַרב — רויט. פון דעם בלוט פון דעם לעצטן קעמפער פון געטאָ, וועלכער האָט אויסגעהויכט זייַן נשמה אין גבורה און אין קדושה“.

און איך האָב אויך געהערט אָט די ווערטער פון צביה לובעטקין און איך האָב בפועל ממש געזען, וואָס אין זיי זאָגט זיך:

„און דער סוף איז נישט געקומען. פלאַמען און רויך האָבן געסמאַליעט די הייזער פון געטאָ, אָבער אין די טיפענישן פון דער ערד, אין די בונקערס, איז נאָך דאָס גאַנצע לעבן נישט דערשטיקט געוואָרן און דער קאַמף האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט געענדיקט. אין די נעכט האָט נאָך פּולסירט אַ ייִדיש לעבן אין די גאַסן, אויף ברענענדיקע חורבות“.

...ווען טכאָרניצקי האָט מיט זייַן אויטאָ געשניטן מיט אומגעהייערער גיכקייט צענדליקער קילאָמעטער און שטיקער נאַכט צופוסנס פון די כרמל־בערג דורך חיפה קיין תל־אביב, האָב איך געוואַכט און נישט געוואַכט און פונקט ווי איך האָב אין אַן אַכט טעג אַרום, בעת איך האָב געזען דעם יום העצמאות פּאַראַד, געפילט, אַז אַלע ייִדן דאַרפן זען דעם פּאַראַד, האָב איך דעמאָלט געקלערט, אַז אַלע ייִדן דאַרפן זען דעם געטאָ־אויפשטאַנד־יזכור אין לוחמי הגיטאות.

...און קלאָר איז מיר נישט געווען, ווו איך געפין זיך — אויף די בערג און אין די טאָלן פון אויפגייענדיקן לעבן אין ישראל, צי אויף די

ברענענדיקע חורבות אין וואַרשע. ביידע זיינען אין מיין גאַנצן זיין גע־וואָרן איינס און איך בין געווען אויף די ברענענדיקע חורבות פון ייִדישן לעבן אין וואַרשע און אויף די פעלדער פון דעם אויפגייענדיקן לעבן אין ישראל...

פייערפליגן אין שרון

דער שרון (לייען: שאַראָן, מיטן אַקצענט אויף דעם לעצטן טראַף) הייסט אויף לאַטיין וויא מאַריס (דער ים־וועג) און אויף אַנדערע שפּראַכן איז אונדז אויסגעקומען צו לייענען וועגן מיליטער, וואָס האָט מאַרשירט אויף דעם וועג. דאָ אַרומעט האָט מאַרשירט אַלעקסאַנדער מוקדון, נאַפּאָלעאָן און דאָס ענגלישע מיליטער (ביים סוף פון ערשטן וועלט־קריג). אַ סברה, אַז איבער די אַלע מלחמות איז דער שרון געבליבן אין דער לעצטער צייט נישט באַזעצט. אויף אַ וועג פאַר מסחר איז ער. דער שרון, וואָס ציט זיך פון דרום, ביים טייך ירקון ביז קיין צפון ביי די כרמל־קאָרדיליערן און פון מזרח ביי די שומרון־בערג (הרי אפרים) ביז צום מערב ביים מיטללענדישן ים.

אויף לשון קודש וועקט דער נאָמען שוין אַ געפיל פון שיינקייט. ער רופט זיך אָפט „עמק השרון" — דער טאָל פון שרון — אָבער דעם אייב־דרוק האָט מען, אַז ער איז גלייך אַזוי ווי די רוסישע סטעפּעס, אָדער אַר־גענטינער פּאַמפּאַס. דער רבי אין חדר האָט פאַרטייטשט שרון נישט בלויז — שרון, נאָר אויך גלייכקייט. דאָס דאָזיקע וואָרט זאָל טאַקע שטאַ־מען פון דעם וואָרט ישר — גלייך. פון שיר השירים געדענקען מיר ווי דער רבי האָט מיט אונדז איינגעזונגען „אני חבצלת השרון, שושנת העמק" — איך בין די רויז פון שרון, די רויז פון די טאָלן. דער רבי האָט סיי חבצלת, סיי שושנה געטייטשט רויז. וואַרשיינלעך איז חבצלת אַ ליליע. ישעיה האָט געזאָגט: „הדר הכרמל והשרון, המה יראו כבוד ה'" — די פּראַכט פון כרמל און שרון זעען דעם כבוד פון גאָט.

אין די נײַנציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט מען אָנגעהויבן באַזעצן דעם שרון. שטאַרק באַזעצן האָט מען די דאָזיקע וווּנ־דערלעכע געגנט אָנגעהויבן ערשט אין די צוואַנציקער יאָרן. מיר שיינט, אַז די לעצטע נײַע התישבות אין שרון איז כפר סבא, וואָס איז היינט אַ היפּש שטעטל מיט עטלעכע טויזנט איינוווינער. אין כפר סבא האָב איך געטראָפן אַ בחור, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ שפּייז־קראָם (אַלמאַסען ביי אונדז) און ער פלעגט מיר ברענגען עסנוואַרג אַהיים. איך האָב אים

עטלעכע מאָל באַשריבן אונטערן נאָמען „דאָס יינגל פון אַלמאַסען". אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט אים אויך מ. ד. גיסער ע"ה באַשריבן אין אַ ליד. ער הייסט שמואל, אין קראָם האָט מען אים גערופן „אַדאָלפאָ" און ביי מיר אין שטוב האָט מען אים גאָר גערופן וועלוול. ער איז געלאָפן לעבן אין דער יידישער מדינה און איצטער וואָלט ער געוואָלט צוריקפאָרן. ער לויפט אַלעמאָל אין דער אַרגענטינער אַמבאַסאַדע און ער זאָגט דעם אַמבאַסאַדאָר „דו". אויך מיר האָט ער געזאָגט דו.

— פאַרוואָס ווילט איר צוריקפאָרן קיין אַרגענטינע? וועט אייך דען דאָרטן זיין בעסער?

— בעסער וועט נישט זיין, אָבער ס'וועט נישט זיין קיין פאַרדרוס, ס'איז נישט דאָס אייגענע לאַנד...

— וואָס זשע וואָלט איר געוואָלט ס'זאָל זיין אין אייגענעם לאַנד?

— איך האָב זיך עפּעס געריכט, אַז אין דער יידישער מדינה וועט מיר זיין אַזוי... אַזוי...

דאָס פּנים האָט ביי אים אויסגעזען אַזוי, אַז איך האָב נישט געוווסט, צי ער לאַכט, צי ער וויינט...

— וואָס איז אייך? — פרעג איך אים.

— דאָס פרעג איך דאָך אויך: מה יש? וואָס איז...

— ס'איז דאָך דאָ אַזאַ שיינע געגנט און ס'איז אַלץ אייגנס...

די קרוין פון שרון איז, דאַכט מיר, היינט נ ת נ י ה. דאָס איז אַ שטעטל ביים ברעג פון ים, וואָס וואַקסט ווי אויף הייוון. ס'האָט שוין מסתמא אַ פופצן טויזנט איינוווינער, אויב נישט מער. פאַראַן דאָרט אַן אָנהייב פון אַן אינדוסטריע און איבערהויפּט זיינען דאָרט פאַראַן בריליאַנטן־שלייפער. די קליינע בריליאַנטן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין נתניה האָבן אַ וועלט־נאָמען. די גרינדער פון נתניה זיינען געווען איתמר בן אבי ע"ה, דער זון פון אליעזר בן־יהודה, דער ערשטער ייִד פון אונדזער צייט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף העברעיִש און עובד בן־עמי, יבדל לחיים. דער לעצטער איז עד־היום דער בירגערמייסטער פון שטעטל. אַ שפּאַציר ביים ברעג ים, וווהין מען גייט אַראָפּ מיט טרעפּ, אין נתניה, איבערצייגט דיך, אַז מיר האָבן דאָרט אַ געגנט, וואָס קאָנקורירט אין שיינקייט מיט אונדזער מאַר דעל פּלאַטאַ און מיט דעם נאָרד־אַמעריקאַנער אַטלאַנטיק סיטי. פאַראַן אַ גאָרטן אין נתניה מיט ביימער און בלו־

מען־בייטן און אַן אַמפּיטעאַטער, וואָס מעגן איינשטיין אין אַ זומער־שטאָט מיט הונדערטער טויזנטער איינוווינער.

און שוין געפינט זיך די מושבה מגדיאל, ווו עס איז פאַראַן אַן אַג־ראַר־שול פאַר עולים פון די פאַרשידנסטע לענדער, וואָס די אַגענץ האָט אויסגעבויט. דו זעסט דאָרט יונגעליט פון אַלערליי אויסזענס, וואָס ריידן אַלערליי שפּראַכן און וואָס באַהעפטן זיך מיט דער פּרוכטיקער ערד פון יידישן לאַנד און פאַרייניקן דאָס לערנען ערד־אַרבעט מיטן לערנען העב־רעיש.

פאַראַן אַ סך דערפער און שטעטלעך אין שרון, וואָס בעטן זיך מען זאָל זיי באַשרייבן. זיי בלייבן דיר מיט זייער שיינקייט, מילדקייט און מיט זייער היימישקייט אין אויג און אין געמיט. אַ סך פון זיי געפינען זיךביים ברעג פון ים און דו ווייסט נישט, צי זיי שפּיגלען זיך אין ים, צי דער ים שפּיגלט זיך אין זיי. אין אייניקע דערפער ווערן קולטיווירט בלומען און זיי דערמאָנען טאַקע אין שיר השירים.

אין אַ קיבוץ פון שרון איז מיר איין מאָל אויסגעקומען צו בלייבן נעכטיקן. ס׳איז געווען אַביסל אומרויִק אין דער געגנט. ערגעץ נישט ווייט האָט מען פריער מיט אַ פּאָר נעכט געשאָסן און ס׳איז געבליבן, אַז מען בלייבט נעכטיקן.

נישט קיין גאָר אַלטער און נישט קיין שטאַרק נייער קיבוץ איז עס געווען. צו־באַשיידן איז דער אָונטבערויט נישט געווען. און כאָטש די לופט איז פול געווען מיט אַ געוויסער דערוואַרטונג פון אַ שיסעריי איז קיין מורא קיינעם נישט באַפאַלן. דער חדר האוכל (עסצימער) איז געווען פול מיט יונגנטלעכן טומל, קיין עלטערע מענטשן און קיין מיטליאַריקע זיינען אינגאַנצן נישט געווען. די עלצטע זיינען אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק. מען האָט געוויזן אַ פילם, צו וועלכן מען האָט געבראַכט אויך קינדער. עס איז געווען אַ פילם, אין וועלכן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויסלערנען ריידן אַ שטום קינד, וואָס האָט סוף כל סוף געקענט זאָגן דעם אייגענעם נאָמען: „ממו...ענדי“... די קינדער האָבן מיט פרייד נאָכגעזאָגט „מממ...ענדי“. מען האָט מיך געצוווּנגען צו דערציילן עפּעס וועגן אַרגענטינע און איך האָב געשאָסן צוויי האָזן אויף אַמאָל: איך האָב עפּעס דערציילט וועגן יידישן לעבן אין אַרגענטינע און איך האָב געשילדערט אונדזער פייערלאַנד (טיע־ראַ דעל פועגאָ). מען האָט בייביידע אויפגעשטעלט מויל און אויערן.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אין קיבוץ זיינען קיין דרום־אַמע־

ריקאַנער נישט פֿאַראַן, די מערסטע זיינען דאָרט געווען בעסאַראַבער און בוקאָווינער, אַ קליינער טייל אויך פֿון אַלט־רומעניע. צווישן זיך האָט מען זיך אָנגעשטרענגט צו ריידן העברעיִש, אָבער ווען מען האָט נאָכגעלאָזט די אָנשטרענגונג, האָט מען גערעדט ייִדיש, רומעניש און דאָ און דאָרט אויך דייטש (די בוקאָווינער) און רוסיש. דאָס ריידן מיינס צו זיי אָפּי־ציעל, ביים טיש, איז געווען אין העברעיִש. ווען זיי האָבן געשמועסט מיט מיר ביי דעם „קום זיץ", וואָס מען האָט געמאַכט, האָט מען שוין געמישט שפּראַכן. די חכמות, וואָס מען האָט געמאַכט, האָבן איבערהויפּט געמישט ייִדיש מיט העברעיִש. געזונגען האָט מען כמעט נאָר אין העברעיִש, דער איינציקער אויסנאַם איז געווען „זאַהראַי מעני, קאָזאַטשע", וואָס האָט שוין געהאַט אַרטיקע קאַלאַמבורן און רמזים, וועלכע מען האָט מיר גע־דאַרפֿט דערקלערן. אַ שוואַרצאויגיק ווייבל, וואָס האָט געהאַט אַ מאָדנע טרויער אין די לאַכנדיקע אויגן, האָט מיר געזאָגט:

— הילדים כבר מדברים עברית טהורה (די קינדער ריידן שוין אַ ריינעם העברעיִש).

האָבן אייניקע אונטערגעשמייכלט:

— וואָס פֿאַר אַ טהורה! זיי מישן אַריין אַראַבישע ווערטער און ייִדישע און רוסישע און רומענישע אַפֿילו.

אַ דריטער האָט באַמערקט, אַז פֿון רוסיש פּאַקן זיי אַריין די „פּסו־קים". זיי האָבן אַזאַ כּוח, די דאָזיקע ווערטער, ס'איז גענוג מען זאָל זיי איינמאָל הערן, אַז מען זאָל זיי נאָכזאָגן דאָס גאַנצע לעבן. מען הייבט זיי אָן מיט דעם העברעיִש „לך" און עס גייט שוין אַ גאַנג. און ער האָט געלאַכט דער יאַט:

— איוואַן האָט זיך מסתמא נישט געריכט, אַז מען זאָל זיין „פּסוק" אָנהייבן מיט אַ „לך לך". אַ לשון קודשדיקן תיקון געקראָגן איוואַנס „פּסוק".

איך האָב ביי זיך געקלערט, אַז מענטשן האָבן אַ נייגונג צו מישן שפּראַכן און אַז ביאַליק איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז העברעיִש האָט קאָנסערווירט די ריינקייט, ווייל מען האָט דאָס נישט גע־רעדט. איצטער, אַז מען רעדט דאָס אַזוי פֿיל און ווען קינדער ריידן דאָס שוין אַזוי זאַפּטיק און נאַטירלעך, ווי אַלע אַנדערע קינדער זייערע לשו־נות, שלעפּן זיך אַריין ווערטער פֿון אַלערליי שפּראַכן און אייניקע ווייסן אַפֿילו נישט, אַז זיי זיינען פֿרעמדע. פֿאַראַן תימנים, וואָס מיינען, אַז דאָס

ייִדישע וואָרט „אייזן" און אַ געוויסער רוסישער „פסוק" זיינען „אשכנזיש" (זיי זאָגן שיכנאַזיש) העברעיִש... און דאָס דאַזיקע, וואָס איך האָב גע־טראַכט, האָט אַ בחור געזאָגט אויף אַ קול. ער האָט געזאָגט:

— אין דער עפּאָכע פון מיזוג, פון צונויפשמעלץ, קומט פאָר אין העברעיִש אַ מין מיזוג הלשונות. עס שלעפּן זיך אין דעם אַריין ווערטער פון די אַלע שפּראַכן, וואָס מען האָט אַהער געבראַכט.

און ער האָט מיר גענומען נאָכמאַכן ווי תימנער ריידן. עס זיינען אין דעם געווען אַ סך אַראַבישע ווערטער, אָבער פּלוצים איז אַריינגעקראָכן אויך אַ וואָרט פון אַן אַנדער לשון.

פאַרענדיקט האָט מען מיט אַ הוירע. איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— שטענדיק טאַנצט מען?

— שטענדיק, ווען מען קומט זיך צונויף...

— סיידן...

— וואָס סיידן? — האָב איך געפרעגט.

— סיידן עס איז אַ פאַרזאַמלונג און אויף דעם סדר היום שטייט אַ פראַגע, וואָס צערודערט און ברענגט אַריין אַ ביסל אַ פירוד הלבבות...

— פּאָליטיק? — האָב איך געפרעגט.

— נישט שטענדיק פּאָליטק.

— עקאָנאָמיק?

— עקאָנאָמישע פראַגן — געוויס! אָבער איר זאָלט קיין טעות נישט מאַכן. עס האַנדלט זיך נישט אין דעם, וואָס עמיצער מיינט, אַז מען באַעוולהט אים חלילה. אַזעלכע מחלוקתן קומען קיינמאָל נישט פאָר. דער פערזענלעכער פינאַנציעלער אינטערעס האָט דאָ אינגאַנצן אויפגע־הערט. און ווען איינער איז אַ פוילער, רעדט מען זיך מיט אים דורך פער־זענלעך. עס האַנדלט זיך אין מיינונג־פאַרשידנקייטן.

— און וואָס פאַר אַ נאָך פראַגע?

מען האָט זיך דורכגעקוקט און מיט די בליקן האָט מען זיך איינ־פאַרשטאַנען, אַז מען מעג זאָגן:

— אַמאָל אויך סענטימענטאַלע...

— דהיינו?

— אַמאָל קלאָגט זיך אַ מיידל אויף אַ בחור, אַז ער האָט זי איבער־געלאָזט, שוין לאחר המעשה. אַמאָל קלאָגט זיך אַ נאַיִווער בחור, אַז אַן אַנדערער וויל אים צונעמען די בחורה. אַ קלוגער טוט דאָס נישט. ער גיט

זיך אַליין אַן עצה, אָדער ער מאַכט שלום מיטן גורל... „די דאָזיקע פּראָ־בלעמען האָבן מיר נישט געלייזט"...

— כאָטש אייניקע פון אונדז — האָט אַ קליינער, פעסטער יאָט צוגעגעבן, — האָבן געלייענט פרוידן און אַ פּאָר האָבן זיך דורך און דורך פּסיכאָאַנאַליזירט אַפילו.

— לאָמיר וויסן, — האָב איך געפרעגט מיט אַ שמייכל, — איר זייט מאַרקסיסטן, אָדער פרוידיאַניסטן?

— מ'קען נישט זיין ביידע? — האָט דער זעלביקער פעסטער יאָט געענטפערט מיט אַ קשיא אויף אַ קשיא.

אויף דער דאָזיקער קשיא זיינער האָב איך נישט געוואָלט ענטפערן, ווייל איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז ער ווייסט, אַז אָרטאָדאָקסישע מאַרק־סיסטן זיינען קעגן פרוידן. איך האָב בכלל דערקענט, אַז צווישן די יאָטן און יאָטעכעס, — די מערסטע פון זיי חתונה געהאַטע, וואָס האָבן אַ היפּש ביסל קינדער, — זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס וויסן אַ סך. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האַלט, אַז מ'קען זיין אין איין צייט מאַרקסיסטיש, אי אַ פרוידיאַניסט און מודה זיין, אַז מיט ביידע גדולים איניינעם קען מ'ען אַמאָל נישט פאַרענטפערן די קלענסטע האַרץ־פּראַגע.

עס איז שוין געווען שפּעטלעך אין דער נאַכט, ווען מיר זיינען זיך צעגאַנגען. מיר האָט זיך נישט געשלאָפן. איך האָב געפרעגט מיין באַ־גלייטער, צי מעג איך אַרויסגיין פון חדר און שפּאַצירן, און ער האָט גע־זאָגט אַז איך מעג, אָבער ער האָט דערביי געמאָלדן די פּאָר חברה, וואָס זיינען געשטאַנען אויף שמירה, אַז זיי זאָלן וויסן, אַז דער שאָטן, וואָס זיי וועלן זען איז פון אַן אייגענעם מענטשן. וואָרום די גרענעץ איז נישט צו־ווייט פון דאַנען. ווייניקער קילאָמעטער וויפל פינגער ס'האָט אויף איין איין האַנט איינער, וואָס האָט פאַרלוירן אַ פינגער ביי דער אַרבעט...

ווען איך האָב זיך אַזוי אַרומגעטראַכט אין דער שפּעטקייט פון דער וואַרעמער נאַכט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס אָפּקילן און איך האָב געטאַפּט מיט די אויגן און געזוכט די אפרים־בערג, וואָס האָבן דאָ ערגעץ געדאַרפט זיין נישט ווייט און איך האָב זיך געוואָלט דערמאָנען פאַרשי־דענע שטעלן פון תנ"ך און אין מוח ביי מיר האָבן זיך געמישט מאַרקס מיט פרוידן, די צוויי ייִדישע גאונים, וואָס האָבן פאַרמאָגט גענוג צעשטע־רערישקייט לגבי ייִדישקייט — דער ערשטער האָט געזאָטן מיט שנאה צו אַלע ייִדן, דער צווייטער האָט משה רבינו געוואָלט דווקא אַוועקגעבן די

מצרים — וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי ווייסן אַלץ און וועמענס טעאָ־ריעס זיינען נישט געווען גענוג צו פאַרענטפערן אַלע פּראָבלעמען פון קליינעם קיבוץ, וואָס איז אי סאָציאַליסטיש, אי אין אַ געוויסער מאָס פּרוידיאַ־ניסטיש — יעדנפאַלס האָט מען דאָרט אַ פרייען צוגאַנג צו פּראָבלעמען פון ליבע און סעקס —* און די דערמאָנטע שטעלן פון תנ״ך האָבן מיר געוויזן, אַז אויך דעמאָלט האָט מען נישט געקענט פאַרענטפערן אַלע פּראָ־בלעמען. און פאַר די אויגן האָט מיר געפינקלט. דאָס האָבן די פייערפליגן וואָס זיינען דאָ פאַראַן אַ סך, אַ סך, — אָדער, אפשר זיינען זיי באַזונדער געווען אַ סך אין יענער נאַכט, — געהאַלטן אין איין אויפבליצן און פאַר־שווינדן... עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זיינען פייערדיקע האַלבקלאַנגען, וואָס ווערן נישט פאַרענדיקט. ווען איך האָב זיך אַזוי־אַ אַרומגעדרייט, איז צו מיר צוגעקומען אַ בחור מיט אומרויִק ברענענדיקע אויגן, אַן איי־זערנעם קערפּער ממש און אַ צערייצט פּנים מיט פרישטשעקעס. ער האָט מיר לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן מיר צו דערקלערן, אַז ער איז פון קאָ־לאָמביע. ער איז דאָ און נישט אין קיין קיבוץ מיט לאַטיין־אַמעריקאַנער, ווייל ער האָט אַ שווערן קאָפּ צו העברעיִש.

— וואָס מיינט דאָס?

— ער איז שוין אין לאַנד אוודאי אַ יאָר זעקס און עס גייט מיר שווער מיט העברעיִש, האָב איך באַשלאָסן אַוועק פון יענעם קיבוץ, ווו מ׳רעדט אַזויפיל שפּאַניש און קומען אַהער.

— און עס העלפט?

— עס מוז העלפן. די אַלע אַנדערע לשונות, וואָס זיי ריידן, קען איך נישט און יידיש איז מיר נישט גרינגער ווי צו ריידן עברית. אַזוי, אַז איך וועל נאָך זיין אַ שטיק צייט אין אָט דעם „גלות״...

צו מיר איז ער געקומען, טאַקע, ווייל ער האָט געהערט, אַז איך בין פון אַרגענטינע.

— נאָר צוליב דעם?

— נו, צוליב איבערשמועסן זיך אויף שפּאַניש וועגן אַלערליי זאַכן...

ער איז געקומען אַ קינד קיין קאָלאָמביע. זיינע עלטערן האָבן זיך דאָרט באַזעצט צוריק מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר אין אַ געגנט, ווו מען האָט קוים צונויפגעשלעפּט אַ מנין. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קאָ־לאָמביאַנער, אָבער איין מאָל האָט ער זיך געפונען אין אַ מיסיע פון זיין טאַטנס געשעפט ערגעץ דאָרט אין די קאָרדיליערן און ער האָט געהאַט

אַ סיכסוך מיט איינעם אַן אָרטיקן, וואָס האָט רעכט קיין שפּאַניש נישט געקענט, אַן אינדיאַנער מיטן אויסזען און מיט דער שפּראַך, און יענער האָט אים געזאָגט אין אַ שלעכטן שפּאַניש: „וואָס טוסטו דאָ, דו פאַר־שאָלטענער פרעמדער?" און דאָס דאַזיקע האָט אים געמאַכט פאַר אַ ציר־ניסט פון עקסטרעמסטן מין, פאַר אַ רעוויזיאָניסט. אין ישראל איז ער געוואָרן אויס „איסט". ער האָט געזען, אַז דאָ דאַרף מען דאָס נישט. און אַזוי איז ער שוין דאָ דאָס זיבעטע יאָר און דער קאָמפּלעקס פון פרעמד־קייט איז פאַרשוווּנדן. דאָרט האָט ער געלעבט אַריבער צוואַנציק יאָר און ער האָט זיך געפילט אַ פרעמדער און דאָ האָט ער זיך דערפילט ווי אַן אייגענער דעם ערשטן טאָג. אין דעם דאַזיקן פּרט איז אים דאָ גוט ווי די וועלט.

— וואָס זשע דען?

איך האָב געפילט, אַז ער איז שווערלעך אויף דער שפּראַך און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך וועל ביי אים דאַרפן אַרויסציען דאָס דאַזיקע, וואָס ער וויל מיר זאָגן. און ער האָט מיר פונדעסטוועגן געזאָגט גרינג. אין אַנדערע פּרטים קומען אויף פּראָבלעמען און פּראָבלעמען. דער פאָטער וויל קומען אַהער זיך באַזעצן. זיי זיינען דאָרט נאָך פינף, דער טאַטע, די מאַמע, נאָך איין יינגל און צוויי מיידלעך. קומען ווילן די על־טערן, דער ברודער מיט די שוועסטער — נישט. די דעה האָבן די על־טערן, ווייל זיי האָבן דאָס געלט. און קומען ווילן זיי טאַקע צוליב אים, אָבער אויך צוליב די מיידלעך. די עלטערן האָבן מורא, אַז זיי וועלן קריגן נישט קיין יידישע חתנים. ווילן די עלטערן, אַז ער זאָל איבערלאָזן דעם קיבוץ און קומען לעבן מיט זיי אינאיינעם אין תל־אביב. דער פאָטער וועט שוין עפּעס אַ געשעפט. און ער וואָלט דווקא נישט געוואָלט זיך באַזעצן אין שטאָט. אים אַליין געפעלט אפשר די שטאָט מער ווי דער קיבוץ. ער איז פון דער נאַטור נישט קיין באַריידעוודיקער און אַ צוריקגעצויגענער און דאָ ווערט מען חבר, ווען מען קען ריידן און שווייגן אינאיינעם. ער קען בלויז שווייגן. די שטאָט אָבער געפעלט אים נישט, ווייל דאָרט זיינען פאַראַן דאגות. ער קען נישט פאַרטראָגן קיין דאגות. אַרבעטן קען ער וויפל מען דאַרף און מערער ווי דאָס, דאגות קען ער נישט פאַרטראָגן. און ווען דער פאָטער וועט אַהער קומען, וועלן זיך אָנהייבן די זעלביקע זאָרגן, וואָס אין קאָלאָמביע, טשעקן און וועקסלען... האָב איך אים געגעבן אַן עצה:

צוזאָגן דעם פאָטער, אַז ער וועט זיך אַרויסציען אין שטאָט און ווען ער וועט קומען, וועט ער אים דערקלערן, אַז ער קען דאָס נישט טאָן.

האָט ער אָבער נאָך אַ פּראָבלעם: ער קלייבט זיך נישט צו קיין חברים. די מערסטע בחורות דאָ זיינען באַריידעוודיקע און האָבן ליב באַריידעוודיקע. און ער איז אַ שווייגער. און ווען איין מיידל האָט זיך אַמאָל צו אים צוגערוקט און זי האָט אים מודה געווען, אַז ער געפעלט איר, איז זי אים נישט געפעלן:

— עמיצער טוט אין לעבן אויף צו־להכעיס...

אָבער דאָס שווערסטע פּראָבלעם איז ביי אים, וואָס ער פאַרשטייט נישט דאָס לעבן.

— וואָס אַזוינס דאַרפט איר פאַרשטיין? — האָב איך אים געפרעגט.

— דאָס גאַנצע לעבן. צוליב וואָס לעבט מען, אַז אין קאָלאָמביע זאָל דיר אַ גאָרנישט זאָגן, אַז דו ביסט אַ פרעמדער און דאָ זאָלסטו האָבן אַ טראַגעדיע מיט די עלטערן און זיין איינזאַם?

איך האָב געשמייכלט און איך האָב געמיינט, אַז איך פאַררייד אים די ציין, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס דאַזיקע פרעגט ער טאַקע, ווייל ער איז איינזאַם. אַז ער וואָלט חתונה געהאַט און געהאַט אַ פּאָר קינדערלעך, וואָלט ער שוין נישט געפרעגט צוליב וואָס מען לעבט. דאָס ווייב און די קינדער וואָלטן אים שוין נישט געגעבן קיין צייט צו טראַכטן אַזעלכע נאַרישקייטן. אים האָט דער דאָזיקער ענטפער איבערצייגט. און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווען ער שטייט אויף שמירה מיטן „סטען", טראַכט ער קיינמאָל נישט וועגן גאָרנישט, נאָר וועגן דעם, אַז ער דאַרף פון זיינע צוויי אויגן מאַכן צען אויגן און פון די צוויי אויערן — צען אויערן... און דעמאָלט איז אים גוט ווי די וועלט. ער קוקט און הערט אין דער נאַכט אַריין און אין דער ווייט אַריין. די פייערפליגן האַלטן אים אין איין טאַנצן פאַר די אויגן און ער זעט זיי און ער זעט זיי פאָרט נישט. ער קוקט אויף עפּעס אַנדערש. און ער האָט מיר געזאָגט:

— אַז מען איז אַריינגעטאָן אין עפּעס, וואָס פאַרכאַפּט דיר איבגאַנצן, טראַכסטו נישט...

די פייערפליגן האָבן שימערירט, ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער שרון איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין באַלעט פון פינטלען, וואָס שיינען אויף און פאַרשווינדן.

און מיר האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז די פייערפליגן זיינען אַזעלכע גע־דאַנקען, וואָס הייבן אָן אויפשיינען און פאַרשווינדן, אָט כאַפּסטו זיי און אָט זעסטו זיי נישט מער.

אַ האָן האָט זיך צעקרייט.

אַ גלאָק האָט זיך צעקלונגען און אויפגעוועקט אַ האַלבן אָרום. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז סיי דער האָן און סיי דער גלאָק האָבן אויפגעוועקט אויך בהמות און פייגל, וואָס זיינען געשלאָפן. און מענטשן האָבן באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן. לויט דער „טעאָריע” פון מיין קאָלאָמביאַנער מיט־שמועסער האָבן די אַלע מענטשן נישט געדאַרפט טראַכטן איצטער, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַ שווערן טאָג פון אַרבעט, אָבער די פייערפליגן האָבן אַלץ געמאַכט דעם איינדרוק פון באַלייכטונגען איבער מענטשלעכע פּראָ־בלעמען, וואָס באַווייזן זיך און פאַרשווינדן...

אַ קבֿר, וואָס רעהאַביליטירט די גבֿירים

אין די סאַמע כּרמל־בערג ליגט די אַלטע קאָלאָניע זכרון יעקבֿ, וואָס איז באַרימט מיט איר כּרמל־ווײַן און מיט דעם, וואָס זי האָט דעם קבֿר פֿון דעם באַראָן עדמאָנד ראָטשילד, דעם „הנדיב הידוע". די דאָזיקע קאָ־לאָניע איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1882 פֿון רומענישע ייִדן און עד־היום רעדט מען דאָרט אויסער העברעיִש אויך דאָס רומענישע ייִדיש. מען הערט דאָס וואָרט „פּאַרעס" אַנשטאָט געלט און נאָך אַ סך ווערטער, וואָס נאָר רומענישע ייִדן האָבן געברויכט. און אַמאָל, אַמאָל הערט מען דאָרטן נאָך אויך ריידן רומעניש.

די סטאַנציע פֿון זכרון יעקבֿ געפֿינט זיך אין אַ טאָל, וואָס האָט אַן אַראַבישן נאָמען. „עמק כּבּארה" (קאַבאַראַ) רופֿט מען אים. קומסטו אַהין צו, טרעפֿסטו אַ גרויסן אָריענטאַלישן רעסטאָראַן מיט אַלערליי אַראַבישע מאכלים, וואָס זײַנען שטאַרק געזאַלצן און געפֿעפֿערט. אייניקע פֿון די דאָזיקע מאכלים קען איך פֿון רומעניע. מען דאַרף צו זיי האָבן אַ סך ווײַן און אַ שטאַרקן מאָגן. די מערסטע, וואָס עסן אין יענעם רעסטאָראַן, זײַנען אָדער פֿאַרבײַפֿאָרער, אָדער אַזעלכע, וואָס אַרבעטן אין דער נאָענט. זיי זײַנען אַלע פֿאַרשטויבט און פֿאַרזאָמדיקט. אייניקע וואַשן זיך די הענט פֿאַר דעם עסן, אַנדערע טוען דאָס אויך נישט. דאָס פּנים וואַשט זיך קיי־נער נישט. זעט מען דאָ נישט קיין איין מענטשן, וואָס זעט אויס טאַקע ווי ער זעט אויס. עס גלייבט זיך עפּעס שווער, אַז זיי זײַנען ייִדן, כאָטש זיי ריידן עפּעס אַ מין העברעיִש. איך דערוויס זיך, אַז אַ סך פֿון זיי זײַנען מזרח־אייראָפּעיִשע. די זון ברענט דאָ אַזוי שטאַרק, אַז זי ענדערט דאָס אויסזען.

דער רעסטאָראַטאָר רופֿט מיר טעלעפֿאָניש אַרויס אַ טאַקסי, וואָס קומט גלײַך און ער פֿירט מיך אַרויף צו דער קאָלאָניע, וואָס ליגט גאַנץ הויך. דער טאָל זעט אויס וואָס אַמאָל שענער. וואָס העכער מיר זײַנען, אַלץ שענער זעט ער אויס. איך דערפֿיל אַ באַקאַנטן ריח. עס שמעקט מיט ווײַנטרויבן און מיט ווײַן. מיר הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז איך בין אין דער ווײַנגאָרטן־געגנט פֿון בעסאַראַביע. אפֿשר בין איך אין דער דרום־בעסאַ־

ראַבישער שטאָט אַקערמאַן, וואָס האָט אין דער נאָענט אַ קאָלאָניע, ווו עס ווערן קולטיווירט די בעסטע וויינטרויבן און אפשר בין איך אין דער געגנט פון צפון־בעסאַראַביע, וואָס הייסט „קאָדרעס" און ווו אויף בערג־לעך געפינען זיך טויזנטער וויינשטאָקן. ווההין איך זאָל נישט געבן אַ וואָרף די אויגן אויף די בערגלעך פון אַרום, זע איך וויינגערטנער. די קליינע ביימלעך, וואָס זייערע פלאַנצונגען דרייען זיך אַרום שטעקענעס און פלויטן, זיינען מיר אַזוי גוט באַקאַנט. די וויינשטאָקן מאַכן דעם איינדרוק פון פאַרליבטע שיכורים, וואָס שטרעקן די אָרעמס און ווילן רק עמ׳יצן אַרומנעמען.

איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אַ סך געלייענט וועגן זכרון יעקב. געוועזן דאָ קאָלטס און וואַרעמס. מען האָט דאָ געאַרבעט שווער און מען האָט אויך געפירט קאַמפן. פונקט ווי אין פתח תקווה און אין ראשון לציון האָט מען דאָ זיך אויך געדאַרפט שלאָגן פאַר דעם איינפירן ייִדישע אַר־בעט. די אַראַבער האָבן געאַרבעט פאַר ביליקער און מען האָט געדאַרפט שווער קעמפן, ביז מען האָט אַריינגעקלאַפּט אין די ייִדישע קעפּ, אַז באַ־לעבאָס איבער דער ערד איז דער דאָזיקער, וואָס באַאַרבעט זי. די באַלע־באַטים פון די וויינגערטנער, וואָס זיינען גיך רייך געוואָרן, האָבן זיך אויסגעלערנט די קונסט פון עקספּלואַטירן אַרבעטער. אָבער גרויסע נאַ־ציאָנאַליסטן זיינען זיי געווען און פאַר העברעיִש האָבן זיי געקעמפט. און מען האָט דערציילט, אַז אַרבעטער האָבן דאָ צוריק מיט 55 יאָר גע־שריען: „קיין פאַרעס (געלט) צאָלט ער נישט און לשון קודש וויל ער מען זאָל ריידן"...

זכרון יעקב איז אַ שיין שטעטל, וואָס האָט אַ געזונטע לופט און איז מאָדערן בלויז אין צענטער. עס האָט נאָך אַ סך ווינקלען, וואָס זעען אויס ווי געסלעך פון אַלטע אָריענטאַלישע דערפלעך. עפּעס פילסטו, אַז דאָ איז נאָך פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן אָרעם און רייך. שיר־נישט אַזאַ חילוק, ווי אין געוויסע דרום־אַמעריקאַנער לענדער.

בכלל איז זכרון יעקב שוין אַ שטעטל צו גאָט און צו לייט. עס האָט פּראָפּאָרציאָנעל אַ היפּש ביסל שולן צום דאַווענען און עס האָט אַן אָפּ־טיילונג פון דער הסתדרות און אירע קאָאָפּעראַטיוון, אַ פּאָר קינאָס, ווו מען שפּילט פון צייט צו צייט אויך טעאַטער. די ייִדישע טעאַטער־טרופּעס קומען זייער אָפּט אַהער און זיי האָבן דאָ אַ גרויסן עולם. אַ סך פון די אַלטע ייִדן פונדאַנען בענקען נאָך דעם גאָלדפאַדן־טעאַטער, וואָס זיי האָבן

געזען צוריק מיט פופציק און זעכציק יאָר אין יאַסי, באָטאָשאַן און גאַ־לאַץ. איינער פון די אַרטיקע אַלטע איינוווינער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט אַוועקגעגעבן אַ פּאַרמעגן, אַז ער זאָל קענען זען „בר כוכבא“, געשפּילט און געזונגען אַזוי ווי מען האָט אַמאָל דאָס געטאָן אין רומעניע.

דאָס פאַרבייגיין דעם בית־עולם פרישט אויף אין זכרון העראָישע מאָמענטן פון דעם נייעם ארץ־ישראל. דאָ ליגט דר. הלל יפה, איינער פון די געטרייסטע מעדיקער, וועלכער האָט באַקעמפט מיט אַ סך מסירת נפש די מאַלאַריע און דעם טראַכאָם. ער וואָלט געדאַרפט פאַרהייליקט ווערן אויך פון די אַראַבער. ער האָט פּאַקטיש פאַרטריבן פון דאַנען אָט די צוויי ביטערע קראַנקייטן, וואָס פלעגן דאָ זיין שטענדיקע עפּידעמיעס. אויף דעם זעלביקן בית־עולם ליגט שרה אַראָנסאָן, אַ באַוווּסטע העלדין פון ישוב. איר ברודער אַהרן אַראָנסאָן איז געווען אַ באַוווּסטער באָטאַניקער און אַגראָנאָם און ער איז אויך באַקאַנט, ווי איינער פון די קעמפער קעגן דעם אַלטן טערקישן רעזשים. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַ סך מסירת נפש צו אָט דעם קאַמף און ער איז געווען אַ שפּיאָן פאַר ענגלאַנד. עס איז דאָך געווען אַ צייט, ווען די יידן פון ארץ־ישראל זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט ענגלאַנד. צו שרה אַראָנסאָן גייט מען אַלע יאָר אין טאָג פון איר יאָרצייט, וואָס פאַלט אויס אום סוכות, אויף קבר אבות ווי צו אַ הייליקער.

אין זכרון יעקב געפינט זיך די ביבליאָטעק פון אַהרן אַראָנסאָן, וואָס האָט אַריבער 3.000 ביכער וועגן באָטאַניק און אַגראָנאָמיע און אַ קאָלעקציע פון אַריבער 12.000 גראָזן, וואָס וואַקסן אין יענער געגנט.

דער וויינקעלער פון זכרון יעקב איז דער צווייטער לויט דער גרויס אין לאַנד. דער גרעסטער געפינט זיך אין ראשון לציון. די ווייַנען פון דאַנען געהערן צו די בעסטע נישט נאָר אין לאַנד. די באַלעבאַטים פון די וויינגערטנער זיינען זייער גוט אָרגאַניזירט און זיי זיינען פּאַקטיש אַ טראָסט, וואָס פאַרהיט זיי פון ספּעקולאַציע סיי ביים איינקויף און סיי ביים פאַרקויף. דער קעלטער מאַכט אַ וווּנדערלעכן איינדרוק מיט זיין פּערפעקטער היגיענישקייט אין זעלטענער אָרגאַניזירטקייט. דו גייסט אין אָט דעם קעלטער ווי אין אַ לאַבירינט און ניכטערהייט ווערט דיר דער קאַפּ שיכור און דו ווילסט פאַרשטיין דעם זין פון משקה. ס'איז דער וויין, וואָס ברענגט אַ פרייד פאַר געזונטע, אַ טרייסט פאַר טרויעריקע און אַמאָל אויך אומגליק און פאַרלוירנקייט פאַר זיי.

דער באַראָן ראָטשילד האָט אָפּגעקויפט די קאָלאָניע, וואָס האָט גע־הייסן שמארין (אפשר שומרון) אין יאָר 1883. דריי מאָל איז ער דאָ געווען. דאָס ערשטע מאָל אין 1887, דאָס צווייטע מאָל אין 1889 און דאָס דריטע מאָל אין יאָר 1899. אין יאָר 1902 איז אין זכרון יעקב גע־גרינדעט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע פון העברעיִשע לערער פאַר דעם גאַנצן לאַנד.

מען האָט מיך געפירט זען דאָס אַלטע זכרון. נישט ווייט פון דעם גרויסן צענטער געפינט זיך אַן אַלטע שיל, וואָס איז געבויט פון ציגל, וווּ די ערשטע איינוווינער פון דער קאָלאָניע האָבן געדאַוונט. די איבעריקע עטלעכע שטיבלעך, וואָס געפינען זיך דאָרט זיינען פון ליים. דאָס איז אַ זכר פון דעם דלות, אין וועלכן די ערשטע זכרון יעקבער האָבן געלעבט. היינט לעבט דער אַרבעטער אין נישט צו פאַרגלייכן בעסערע וווינונגען און די קאָלאָניע וואַקסט נאָך אַלץ. אַלעמאָל קומט צו אַ נייע גאַס, אָדער געסל, וואָס ווערט פאַוואָליע באַבויט מיט מאָדערנע הייזער און ווערט אויך ברוקירט.

ווו מ'עך גייט און וווּ מען שטייט טרעפט מען עפּעס, וואָס איז פאַר־בונדן מיטן אָנדענק פון באַראָן ראָטשילד. דער נאָמען זכרון יעקב איז פאַרבונדן מיט דעם באַראָנס טאַטן, וואָס האָט געהייסן יעקב ראָטשילד. די הויפּט־שיל הייסט „אוהל יעקב“, אויך אויף דעם נאָמען פון דעם זעלביקן.

זכרון יעקב האָט אַ גאַנץ פיינעם סקווער צום שפּאַצירן און צוויי וואַסער־טורעמס. אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן די טורעמס גע־נוצט פאַר אָבסערוואַטאָריעס. מען האָט פון זיי געזען די באַוועגונגען פון די אַראַבישע סאָלדאַטן. נישט ווייט פון שטעטל איז פאַראַנען אַ סאָסנע־וואַלד, וואָס איז באַקאַנט אין גאַנצן לאַנד. אין דער נאָענט איז פאַראַן איינע פון די בעסטע סאַנאַטאָריעס אין ישראל, וווּ אויך געזונטע, אָבער אָפּגעשוואַכטע מענטשן קומען צוריק צו זייערע כוחות.

זכרון יעקב איז אַ גרויסע אַטראַקציע פאַר טוריסטן, נישט אַזוי צו־ליב דעם ווייַן־קעלטער, וואָס איז דער צווייטער אין לאַנד, ווי צוליב דעם קבר פון דעם באַראָן און דער באַראָנעסע, וואָס געפינען זיך דאָרט. מען האָט זייערע רעשטן נישט לאַנג אַריבערגעפירט אַהין.

און עס איז פאַראַן וואָס צו זען ביי אָט די קברים. זיי געפינען זיך אין אַ גרויסן פּאַרק, וואָס איז נאָך זייער יונג, אָבער האָט שוין פּרעכטיקע

בלומען. מען פאָרט מיט אַן אויטאָ אַ פופצן מינוט פון דעם שטעטל ביז מען קומט צו צו דעם דאָזיקן פאַרק, אָבער דער ריח פון די רויזן און די אַנדערע בלומען דערפילט מען אַ סך פריער איידער מען קומט אָן אַהין. דער פאַרק איז אַ שטיק זעלטנקייט. מען האָט אים איינגעאָרדנט אויף אַ גלייכן פלאַטאָ פון באַרג און די פאַרשידענע בלומען וואַקסן דאָ, ווי גע־טריבן פון מלאכים. די בייטן זיינען פיין קולטיווירט און מען זעט שוין איצטער אַזעלכע בלומען, וואָס מען טרעפט נאָר אין געציילטע בלומען־גערטנער. די אויטאָס פאָרן צו ביז דעם טויער. דער אַריינגאַנג איז אַ קאָנטראָלירטער און ער איז דערלויבט בלויז צוויי מאָל אין דער וואָך. עס זיינען, נאַטירלעך, פאַראַן שילדן, אַז מען טאָר נישט רייסן די בלו־מען. און עס זיינען פאַראַן בענק צום אָפרוען זיך. און כאָטש מען ווייסט, אַז דאָס איז אַ פאַרק, וואָס פאַראייביקט מענטשן, וועלכע לעבן שוין נישט, פילט מען דאָ לחלוטין נישט די אָנוועזנהייט פון טויט. אַפילו ווען אַרום איז שוין גוט הייס, איז דאָ קיל און פריש. און כאָטש עס זיינען דאָ שטענ־דיק פאַראַנען הונדערטער, אויב נישט טויזנטער טוריסטן, איז דאָ קיינ־מאָל נישט פאַראַן קיין גרויסער רעש. אַ סך טוריסטן קומען אַהער באַגלייט פון וועגווייזער, אָבער אויך די וועגווייזער שווייגן, ווייל זיי האָבן נישט וואָס צו דערקלערן. עס איז אַ פאַרק פון בלומען און דאָס איז עס. אָט איז פאַראַן אַ שוואַרצער מאַרמאָרנער טאָוול, אויף וועלכן עס זיינען פאַראַנען נעמען פון שטעט, שטעטלעך און דערפער. דאָס זיינען די נעמען פון די אַלע ישובים, וואָס דער באַראָן ראָטשילד האָט געבויט אין ארץ־ישראל. זייער צאָל גרייכט אין די צענדליקער. מען האָט געבראַכט זעקלעך ערד פון די אַלע ישובים און אין די אַלע ערדן האָט מען מקבר געווען די רעשטן פון דעם באַראָן און זיין פרוי.

די קברים געפינען זיך אין אַ הייל. די הייל איז, נאַטירלעך, אַ גע־מאַכטע. אָבער מען האָט אַלצדינג געטאָן, אַז זי זאָל מאַכן דעם איינדרוק פון אַזאַ, וואָס די נאַטור אַליין האָט געשאַפן. מסתמא האָט מען געוואָלט, אַז די דאָזיקע הייל זאָל דערמאָנען אין דער מערת המכפלה, אין דער טאָפּלטער הייל, ווו עס ליגן די אבות אברהם, יצחק, יעקב, אָבער דידאָ־זיקע הייל איז צו מאָדערן. זי האָט צופיל מאַרמאָר און זי מאַכט דערפאַר דעם איינדרוק פון אַ מאָדערנעם קונסט־שטיק, וואָס וויל אויסזען נאַטיר־לעך. די הייל איז אין גאַנצן ליידיק. נישט פאַראַן אין איר קיין סטאַ־טועס און קיין ביוסטן. פאַראַן בלויז אַ מצבה פון שוואַרצן מאַרמאָר, מיט

נישט צופיל ווערטער. עס ברענען דאָ שטענדיק ליכט און עס פילט זיך אַ לייכטער טשאַד פון זיי, בלויז אַ לייכטער. עס ווערט דאָ ווארשיינלעך אַזוי ווענטילירט, אַז דער טשאַד זאָל נישט בלייבן אינעווייניק.

און מענטשן קומען אַריין אין דער דאָזיקער הייל מיט יענעם דרך־ארץ, וואָס לעבן האָט פאַר טויט. אויך אַזעלכע מענער וואָס טראָגן נישט קיין היטלען, פאַרדעקן זיך די קעפּ מיט יאַרמעלקעס, אָדער מיט וואָס עס לאָזט זיך, אייניקע פאַרדעקן זיך די קעפּ מיט טיכלעך, אָדער פשוט מיט די הענט. די פרויען פאַרדעקן זיך אוודאי אַלע די קעפּ. און מען שטייט לעבן דער מצבה אַ רגע צוויי און ווער עס שווייגט און ווער עס זאָגט אַרויס אַ וואָרט פון באַוווּנדערונג, אָדער גאָר פון קנאה. די ייִדיש־ריידנ־דיקע זאָגן כמעט אַלע די באַקאַנטע חכמה: „אַט דאָס הייסט געלעבט״.

מען פילט זיך פאַרלייכטערט, ווען מען קומט אַרויס פון דער הייל אין דעם בלומען־פאַרק אַריין. די הייל פאַרמאָגט סטיל, געשמאַק און באַ־שיידן רייכע עלעגאַנץ. מען פילט רייכקייט אויך אין דער פשוטקייט, אָבער מען איז דאָ פאַרט צו נאָענט צום טויט. און ווידער גלוסט זיך נישט אַוועקגיין פון דעם שיינעם בלומען־פּלאַץ. נישט פאַראַן קיין איין מענטש וואָס זאָל נישט זאָגן, אַז עס איז גוט צו זיין אַ מיליאָנער אויך נאָך דעם טויט. ווער עס האָט מער שכל, זאָגט, אַז בעסער איז צו זיין אַ לעבע־דיקער קבצן, איידער אַ טויטער מיליאָנער. די בלומען פאַרשפּרייטן זייער ריח און זיי בלענדן מיט זייערע אַלערליי קאָלירן.

ווען דער אויטאָ מיינער איז שוין געלאָפן צוריק אין טאָל אַריין און די ריחות פון דעם בלומען־פאַרק האָבן מיר נאָכגעיאָגט, האָב איך גע־קלערט אַ מאָדנע קלערעניש: היסטאָרישע קברים פעלן נישט אין ארץ־ישראל, כאָטש די וויכטיקסטע פון זיי זיינען געבליבן ביי די אַראַבער, אין אַלט־ירושלים, אין שכם און אין חברון. פון די נייע קברים מאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק דער הערצל־קבר אויף דעם הר ציון ביי ירושלים, וואָס געפינט זיך נאָענט לעבן דעם מיליטערישן בית־עלמין, ווו עס ליגן טויזנטער העלדן, וועלכע זיינען געפאַלן אין קריג פאַר דער אומאָפּהענ־גיקייט פון לאַנד. דער דאָזיקער בית־עלמין מאַכט אפשר דעם שטאַרקסטן איינדרוק פון אַלע קברים־פּלעצער אין לאַנד. אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכט דער קבר פון חיים ווייצמאַן, דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, וואָס געפינט זיך אין דעם וויסנשאַפטלעכן צענטער רחובות. אַ בית־עולם אין דגניה, ווו עס ליגן רעשטן פון א. ד. גאָרדאָן, דער דיכטערן רחל, בערל

כצנלסאָן, דר. נחמן סירקין און נאָך און נאָך, דערציילט וועגן דער העב־ראַישער צווייטער עליה, וואָס האָט פאָרמירט דאָס נייע ארץ־ישראל און דאָס דערפירט עס זאָל ווערן מדינת ישראל. און דער קבר פון באַראָן ראָטשילד איז נאָענט אין דעם איינדרוק, וואָס ער מאַכט צו די דערמאָנטע קברים־פּלעצער. דער דאָזיקער קבר רעהאַביליטירט די יידישע קאַפּיטאַליסטן. קיינער האָט דאָך דעם מולטימיליאָנער עדמאָנד ראָטשילד נישט געצוווּנגען אויסצובויען אַזויפיל ישובים אין לאַנד. ער האָט דאָך דאָס געטאָן מיטן גוטן ווילן, ווייל ער האָט געפילט אַן אימפּולס דערצו און ער האָט געמאַכט, אַז אין אויפבוי פון ישראל זאָל לעבן די אידעאַליס־טישע חלוצים, מנהיגים און אינטעלעקטואַלן, האָבן אַ חלק אויך אַ קאַ־פּיטאַליסט. דער גרויסער בלומען־פּאַרק ביים ראָטשילד־קבר איז ווי אַ קרוין פון בלומען אויף אַ קאָפּ וואָס וואָלט געקענט זיין באַדעקט בלויז מיט שאַנד און דערנער...

אַ פֿאָלק באַוואָפֿנט זיך, אַרבעט, זינגט און טאַנצט

חיפה איז אַן אַלטע און נייע שטאָט. זי געפֿינט זיך אויף דעם שפּיץ פֿון די כרמל־בערג, אינמיטן פֿון אָט די בערג און צופֿוסנס פֿון זיי. נישט ווייט פֿון פֿאָרט, וווּ עס געפֿינט זיך דער עלטסטער טייל פֿון חיפה, איז פֿאַראַן אַ הייל, וווּ אליהו הנביא האָט זיך אויסבאַהאַלטן. היינט איז דאָרט פֿאַראַן אַ שילעכל, וווּ עס ברענט אַ נר־תמיד.

די אונטערשטע טייל פֿון חיפה איז די צענטראַלסטע אַרבעטער־געגנט פֿון גאַנץ ישׂראל. דער פֿאָרט איז דאָ שטענדיק אַ מוראַשניק. מען לאָדט אויס און מען לאָדט אויף שיפֿן. קלענערע און גרעסערע באַנען, טראַקס (קאַמיאָנען) לויפֿן אַהין און צוריק, ווי פֿאַרסמטע. עלעוואַטאָרס הייבן אויף און לאָזן אַראָפּ סחורות, תבואה, און פֿון דאַנען ציען זיך אַוועק אויף אַ גרויסן שטח פֿאַבריקן, פֿאַבריקלעך, גאָר גרויסע פֿאַבריקן. בוימל, צעמענט, אַלערליי כעמישע שטאָפֿן, אייזנגיסערייען, טעקסטיל. עס רוישט דאָ מיט דעם סאַמע היפּוך פֿון מנחם־מענדלען — האַרבע וואָר און פּראָ־דוקטיווע שטאָט פֿוסטע חלומות. שלום עליכם בשותפֿות מיט מנחם מענד־לען וואָלטן זיך דאָ „איבערגעמגן־דוד׳ט".

— ווער האָט דאָרט אַ געשריי געטאָן „הס" — שטיל זאָל ווערן און געווירקט און געמאַכט, אַז אַלע מאַשינען זאָלן בלייבן שטיין און אַלץ זאָל ווערן יום־טובדיק?

דער יום־העצמאות האָט עס געהייסן.

ס׳איז דער אַכטער יאָרטאָג זייט דער גרינדונג פֿון מדינת ישׂראל. לויט דעם אַלגעמיינעם קאַלענדאַר איז דער 16טער אַפּריל 1956, לויט דעם ייִדישן לוח איז ה׳ אייר ה׳תשט״ז. און אָט אין דער געגנט, וואָס איז שטענדיק דער סמבטיון פֿון אַרבעט, דאַרף פֿאַרקומען דער מיליטערי־שער פּאַראַד לכבוד דעם אַכטן יום־העצמאות און דערפֿאַר איז דאָ איצטער אַזוי יום־טובדיק.

...איך דערנענטער זיך צום פּלאַץ, וווּ דער פּאַראַד דאַרף פֿאָרקומען. עס זייַנען שוין פֿאַראַן מענטשן כחול הים און מען שטראָמט נאָך. אויבן, אַנטקעגן אויפֿן באַרג זעט מען הייזעריקן... הייזעריקן? ניין, דאָס זייַנען

מענטשן. זיי זיינען אַזויפיל און זיצן הויך אויף די כרמל־בערג, אַז זיי זעען אויס ווי הייסשעריקן...

ווער גייט עס דאָרט אַרויס פון דער הייל?

איז עס נישט אליהו־הנביא אַליין, וואָס קומט אַרויס פון דער הייל צו קוקן אויף דעם יום־העצמאות יום־טוב?

און דער הימל איז אַזוי גרויס און ברייט. ביאַליק האָט טאַקע געזאָגט, אַז יעדער פּאָלק האָט אַזויפיל הימל איבערן קאָפּ וויפל ערד אונטער די פיס, אָבער — דער הימל איז דאָרט פאַרט טויזנט־פאַכיק גרעסער ווי די ערד. דער יידישער הימל... און אַזוי אויסגעלייטערט איז ער, דער יידישער הימל... און מיר פאַלט איין, אַז דער הימל איז גאָט אַליין. דער הימל איז גאָט אַליין, די ערד גאָט אַליין, די מענטשן גאָט אַליין... און דער הימל גאָט אַליין קוקט אויף דעם יום־העצמאות.

— וויפל מענטשן זיינען דאָ איצטער פאַראַן?

— מען זאָגט אַז 400.000.

— איך פיל, אַז דאָ זיינען פאַראַן ששים רבוא, 600 טויזנט. אַזויפיל וויפל עס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

...און איך דערמאָן זיך: צוריק מיט 8 יאָר לויטן יידישן לוח און מיט 8 יאָר, ווייניקער 28 טעג, לויטן אַלגעמיינעם קאַלענדאַר, האָט מען אין אַ פאַרמאַכטן קליינעם זאַל, אין וועלכן עס זיינען קוים געווען פלעצער פאַר 300 נפשות, פּראָקלאַמירט מדינת ישראל. איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין איינער פון יענע 300. אין דער פאַרבעטונג האָט זיך געזאָגט, אַז איך טאָר קיינעם נישט אויסזאָגן... דעמאָלט איז עס געווען אַ סוד. שטאָט 300 זיינען פאַראַן 600.000. זיכער 600.000. אויף יעדן איינעם פון יענעם זאַל 2.000 נפשות. און דער שונא וועט באַלד אויך זען דעם גרויסן באַוואָפנטן כוח פון ישראל און ער וועט שווייגן. — — —

ווען האָט מיר געציטערט דאָס האַרץ? צוריק מיט 8 יאָר, צי איצטער? גיי ווייס... ווען ציטערט מער אַ פאָטערס האַרץ? ווען דאָס קינד ווערט אים געבוירן, צי ווען ער פירט עס צו דער חופה?

...און מענטשן שטראָמען. זיי זעצן זיך אויף די בערג, אויף די שיינעס. די דעכער זיינען פול מיט מענטשן. אפשר קוקט מען אַראָפּ פון הימל אַליין. פאַראַן צענדליקער טויזנטער נומערירטע זיצפלעצער אויף שטיינער. ס'איז דער גרעסטער אַמפיטעאַטער, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געזען. פּאָליציי גייט אַרום יום־טובדיק, ווייזט אָן יעדן, וואָס האָט אַ פּלאַץ,

וווהין צו גיין. קיין איין שטיקל קאָנפליקט נישט איבער אַ פּלאַץ. גאָר־נישט שטערט די יום־טובדיקייט.

כאָטש עס זיינען פאַראַן אַזויפיל מענטשן, דערזעען זיך און טרעפן זיך פריינט, באַקאַנטע. איך אַליין טרעף באַקאַנטע און פריינט, וואָס וווי־נען אין אַלע פינף קאָנטינענטן. אייניקע האָב איך שוין נישט געזען 40 יאָר. און איך האָב זיי געטראָפן דווקא ביים פּאַראַד פון יום־העצמאות. איז דאָס נישט אַ חלום?

און אַלץ גייט דאָ צו מיט אַזאַ זעלטענער אָרדענונג. און מיר האָבן זיך דאָך אַליין געמאַכט אַ שם אַלס אַ פּאָלק, וואָס ווייסט נישט פון קיין סדר. יעדער איז אויף זיין פּלאַץ. אין די צענטראַלע בלאָקן זיצן באַוווסטע ייִדישע און אויך נישט־ייִדישע מענטשן פון אַלע עקן וועלט, און דעפּו־טאַטן פון דער כנסת, און פּאַרטיי־מנהיגים אין סאַמע צענטער זיינען גע־זעסן מיניסטאָרן און העכערע מיליטערלייט, ווי אויך דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון די מערסטע לענדער אין דער וועלט. צווישן אָט די פאָר־שטייער זיינען געזעסן מיליטערישע אַטאַשעען, אייניקע פון זיי אָנגעטאָן אין זייערע מיליטערישע קליידער מיט דעם פולסטן גלאַנץ. אַלע מאָל האָט מען געהערט אַפּלאָדיסמענטן און הידד־געשרייען. דאָס האָט מען אָוואַציאָנירט מיניסטאָרן און ווען מען האָט געהערט גאָר שטורמישע אָוואַציעס, האָט מען געוווסט, אַז דאָס איז געקומען בן־גוריון, אָדער אפשר גאָר דער מיליטערישער הויפּט־קאָמאַנדאַנט משה דיין.

און דאָס אויסזען פון די מענטשן! נישט נאָר אַ קיבוץ־גלויות פון ייִדן, נאָר דאַכט זיך אַ צוזאַמענקום פון כמעט אַלע ראַסן אין דער וועלט. פאַראַן פון די העלסטע בלאָנדינען, ביז כמעט נעגער — און טאַקע נעגער ממש. מיר דאַכט זיך, אַז מען הערט דאָ מער שפּראַכן, ווי מען הערט אין וואָס פאַר אַ נישט איז ווינקל אין דער וועלט.

און אָט הערט מען אַפּלאָדירן און עס ווערט באַלד שטיל. אַלע האַלטן איין דעם אָטעם. מען פאַרשטייט, אַז דאָס קומט דער נשיא, דער פּרעזידענט פון לאַנד, יצחק בן־צבי. מען הייבט זיך אויף פון די ערטער און מען קוקט מיט די אייגענע אויגן און דורך גלעזער און מען זוכט. די שטילקייט געדויערט אַביסל צו לאַנג. מען ווערט אומרויִק. מען פרעגט זיך שוין אויף אַ קול, וואָס איז געשען. קיינער ווייסט נישט. יעדע מינוט געדויערט אַ יאָר. דער הימל איז באַדעקט מיט ייִדישע עראָפּלאַנען. אָבער עס איז צו לאַנג שטיל. און ענדלעך באַווייזט זיך דער אָפענער אויטאָ פון

דעם פּרעזידענט, אַרומגערינגלט פֿון אַ מיליטערישער און ציווילער באַ־גלייטונג. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז עס איז געשען אַ טעות, דער איינציקער טעות אין דעם גאַנצן פּאַראַד. אין דער לאָזשע, ווו דער פּרעזידענט האָט געדאַרפֿט זיצן, האָט אים געדאַרפֿט עמיצער אָפּוואַרטן, אים צו באַגריסן, ווען ער וועט אָנקומען, האָט מען דאָס פֿאַרזען, און ווען דער אויטאָ איז שוין געפֿאָרן, האָט מען באַמערקט אַז די לאָזשע איז ליי־דיק. האָט מען אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ און געשיקט זאָגן, אַז אַ מיניס־טער און אַ העכערער מיליטערמאַן זאָלן אָפּוואַרטן דעם פּרעזידענט. דאָס איז געווען דער איינציקער טעות אין דעם גרויסן פּאַראַד, וואָס איז אַדורך באמת מייסטערהאַפֿט האַרמאָניש. מען האָט זיך געחידושט: פֿון וואַנען האָט זיך גענומען צו ייִדן אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנעלע בריהשקייט?

דאָס דאָזיקע, וואָס מיר האָבן געזען דערנאָך, האָט אַרויסגערופֿן נאָך מער חידוש. עס האָבן גענומען מאַרשירן פֿאַר די ששים רבוא נפשות אַלער־ליי מיליטערישע אָפּטיילונגען מיט זייערע געווערן. עס האָט מאַרשירט די אינפֿאַנטעריע, די לייכטע אַרטילעריע, די שווערע. די לעצטע האָט געפֿירט מיט זיך אַזעלכע שווערע קאַנאָנען און טאַנקען, אַז זיי האָבן גע־מאַכט ציטערן די בערג פֿון אַרום, און דעם ים, און די אָפּיצירן, וואָס האָבן באַגלייט די דאָזיקע שווערע כלים, זיינען דווקא אַלע געווען לייכטע און שלאַנקע, זיי אַליין האָבן מיט זייערע שפּאַן קוים באַרירט די ערד. מען האָט זייער זעלטן געזען אַ דיקן און שווערן סאָלדאַט אָדער אָפּיציר.

און נאָך דעם, וואָס מען האָט געזען אויף דער ערד, האָט מען געזען נאָך גרעסערע וווּנדער אין הימל. אייניקע עראָפּלאַנען האָבן געמאַכט אַזעלכע געוואַגטע קונצן, וואָס מען זעט זייער זעלטן אין דער בעסטער אַוויאַציע. אַ מאָמענט האָט מען דערהערט אַ פּייפֿן פֿון ים. קריגס־שיפֿן האָבן געגעבן סיגנאַלן. און עס איז געוואָרן אַ האַרמאָנישער צוזאַמענגוס צווישן די געווער אויף דער ערד, אין הימל און אויפֿן ים. די אַוואַציעס זיינען געווען לאַנג־דויערנדיקע און מען האָט געפֿילט אַ התלהבות אין דעם אַפּלאָדירן. מענטשן זיינען טאַקע אַרויס פֿון די כלים.

און אָט איז געקומען אַ לעצטע דעמאָנסטראַציע. מען האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט מיט פּאַראַשוטן. די פּאַראַשוטיסטן טראָגן רויטע היטעלעך. אין אַלע מיליטערישע אָפּטיילונגען זיינען פֿאַראַן אַ סך פֿרויען. צווישן די פּאַראַשוטיסטן איז דער פּראָצענט פֿרויען גאָר אַ הויכער. מען האָט נישט געדאַרפֿט זיין קיין גרויסער ספּעציאַליסט צו זען, אַז די פּאַראַשוטיסטן

און פּאַראַשוטיסטקעס זיינען אומגעהייער פלינק. זיי האָבן זיך מיט דער לייכטקייט פון קעץ, געהאַלטן אויף דער ערד. איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, האָבן זיי שוין געהאַלטן די געווער אין די הענט. זיי האָבן זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון די פּאַראַשוטן מיט אַזאַ מין שנעלקייט, וואָס דערמאָנט אין די באַוועגונגען פון פידלער־ווירטואָזן. דער מאַקסימום פון עקסטאַז האָבן אַרויסגעוויזן די פּאַראַשוטיסטן. די אָוואַציעס האָבן זיך קיינמאָל נישט געענדיקט.

דער גאַנצער פּאַראַד האָט געדויערט עפּעס מער ווי אַ האַלבע שעה. עס איז אין יענער צייט געווען אומרויִק ביי אַ סך גרענעצן, און מען האָט נישט געקענט ברענגען אַלץ קיין חיפה. מען האָט אָבער גענוג געבראַכט און גענוג געוויזן. מען האָט געזען אַזאַ אָרגאַניזירטע אַרמיי, וואָס איז באַזאָרגט מיט דער מאָדערנסטער אויסריכטונג, וואָס האָט אַ גלייכן צו זיך בלויז אין אַלטע און באַפעסטיקטע מדינות. אין נאָענטן מזרח איז זיכער נישט פאַראַן נאָך אַזאַ אַרמיי.

נאָכדעם וואָס דער מיליטערישער פּאַראַד איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָבן זיך אָנגעהויבן טענץ. אויף דעם זעלביקן פּלאַץ, ווו מען האָט פריער געוויזן אַלע געווערן, האָט מ׳ען איצטער געטאַנצט. מיר האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט באַקאַנטע פון אַלע פינף קאָנטינענטן און זיבן ימען. און אָט דערזעט מיך דער אַמבאַסאַדאָר פון אַרגענטינע, ד״ר גרעגאָריאָ טאָפּאָלעווסקי. ער איז אַן עכטער אַרגענטינער פּאַטריאָט און דעמאָקראַט. ער האָט פאַר זיין דעמאָקראַטישקייט זיך אַ שפּאָר ביסל אָנגעליטן ביים אַראָפּגעזעצטן רעזשים. ער איז, קען מען זאָגן, געווען אַ מאַרטירער פון דער אַרגענטינער דעמאָקראַטיע. ער איז דערביי אויך אָ זייער געטרייער ייִד און ער געפינט נישט קיין סתירה צווישן זיין אַרגענטינישקייט און ייִדישקייט. ביידע לאָיאַליטעטן זיינען ביי אים האַרמאָניש צונויפגעגאָסן. ער איז אַ ליבנסווירדיקער מענטש און ער איז אין זיין דיפּלאָמאַטישן אַמט אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ. ער איז פון בארוף אַ מעדיקער, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געגרייט צו קיין דיפּלאָמאַטישער קאַריערע און ער האָט זיך דאָך אַרויסגעוויזן צו זיין איינער פון די פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער אין ישראל.

ד״ר גרעגאָריאָ טאָפּאָלעווסקי איז געווען צופרידן מיר צו קענען דערציילן אַ זייער אָנגענעמע זאַך. ער איז געזעסן, האָט ער מיר דערציילט, לעבן אַ מיליטערישן אַטאַשע פון אַ געוויסן לאַנד. ווען דער פּאַראַד האָט

זיך געענדיקט, האָט דער אַטאַשע אים געפרעגט, וואָס איז דאָס בעסטע, וואָס ער האָט דאָ געזען. טאָפּאָלעווסקי האָט געענטפערט, אַז אייגנטלעך וואָלט דער מיליטערמאַן אים געדאַרפט דערקלערן, וואָס דאָ איז דאָס בעסטע, אָבער ווייל ער האָט שוין געפרעגט, וועט ער אים ענטפערן. לויט זיין מיינונג איז דאָ דאָס בעסטע די אויגן פון די סאָלדאַטן און אָפיצירן. זיי האַלטן די אויגן אַזוי אָפן און זיי קוקן אַזוי דורכדרינגלעך, אַז גאָרנישט קען באַהאַלטן ווערן פאַר זייער בליק. דער מיליטערישער אַטאַשע האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז אַ גאַנץ ריכטיקע באַמערקונג, אָבער דאָס בעסטע זיינען דאָ די פּאַראַשוטיסטן. זיי זיינען, איז ער איבערצייגט, די בעסטע פּאַראַשוטיסטן אין דער וועלט.

— מיט וואָס?

— מיט דעם, וואָס באַלד ווי זיי פּלאָנטערן זיך אויס פון דעם שי־רעם, בלייבן זיי גלייך שטיין מיט דער ביקס, אָדער דער מאַשין אין די הענט. אַלע אַנדערע פּאַראַשוטיסטן אין דער גאַנצער וועלט פאַרזוימען אַ מינוט און אַפילו צוויי, ביז זיי האָבן דאָס געווער אין דער פּאָזיציע צום שיסן. זייער שנעלקייט איז ממש פאַנטאַסטיש.

איך האָב, הערנדיק די באַגייסטערטע רייד פון ד״ר טאָפּאָלעווסקי, געטראַכט, אַז די גוטע פּאַראַשוטיסטן פון מדינת ישראל זיינען אַ דער־זאַץ פאַר אַ מאַנגל אין אַנדערע גרויסע יידישע כוחות. און שפּעטער מיט אַ צייט, אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, האָב איך קיין גרויסע פּערזענלעכקייטן פון דעם שניט, וואָס עס זיינען געווען אַמאָליקע צייטן, נישט געזען. נישט געווען דאָרט קיין ווייצמאַנס און סאָקאָלאָווס. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין דער איצטיקער צייט זיינען מער נייטיק ווי אַלץ פאַר דער זאַך פון ציוניזם גוטע מיליטערלייט און גוטע פּאַראַ־שוטיסטן.

און דאָרטן, ווו מיר האָבן ערשט געזען די מאָדערנסטע געווער און די בעסטע פּאַראַשוטיסטן, האָט מען איצטער געטאַנצט. הונדערטער און הונ־דערטער יוגנטלעכע פון אַלע קאָלירן האָבן געטאַנצט. עס האָבן געטאַנצט אָפיצירן פוןביידע מינים, סאָלדאַטן, און עס האָבן געטאַנצט אויך קינ־דער פון שולע. עס האָט זיך געצויגן אַ שרענגע פון טענצער אויף אַ שטח פון מסתמא מער ווי אַ קילאָמעטער. מען האָט געזונגען און געטאַנצט. מען האָט געזונגען די אַלע הוירעס, וואָס מען זינגט שטענדיק אין ישראל

און מען קען זיי שוין אין אַלע תפוצות. און מען האָט אויך געזונגען סאָל־דאַטסקע לידער.

דאָס טאַנצן האָט זיך געצויגן, וואָס אַ מאָל מיט מער טעמפּאָ, שטור־מישער, און עס האָט געבראַכט מיט זיך אַ פרייד. די אויגן זיינען נישט מיד געוואָרן צו קוקן אויף די טענץ און די טענצער. מיר האָבן געמוזט איבערלאָזן דאָס פּלאַץ, ווו עס האָט זיך אונדז אַנטפּלעקט דער גרעסטער וווּנדער פון דער יידישער מדינה, און מיר האָבן זיך געלאָזט פאָרן צוריק קיין תל־אביב.

נישט אַזוי גרינג איז אונדז אויסגעקומען דאָס אַרויספאָרן פון חיפה. די עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס האָבן בייגעוווינט דעם פּאַ־ראַד, האָבן דאָך געדאַרפט אַהיימפאָרן. אַלע וועגן זיינען געווען פול מיט פּוסגייער, וואָס האָבן געבעטן, אַז מ׳זאָל זיי אַריינגעמען אין די דורכפאָרנ־דיקע אויטאָס, וועלכע האָבן זיך קוים געקענט רירן. דאָס אַרויספאָרן פון חיפה האָט געדויערט מער ווי צוויי שעה. און אומעטום, ווו מיר זיינען געפאָרן, האָבן מיר געהערט זינגען און געזען טאַנצן.

און ווען מיר זיינען שוין געווען אויף דעם שאָסיי, וואָס פירט קיין תל־אביב, האָבן מיר ערשט געמוזט זיך שלעפּן לאַנגזאַמער, ווי מ׳יט אָקסן. עס זיינען געפאָרן אַזויפיל אויטאָס און אויטאָבוסן, אַז מען האָט זיך גע־מוזט רוקן זייער פּאַוואָליע און מען האָט אויך געדאַרפט מער שטיין ווי פאָרן. ס׳איז שוין געווען גאַנץ הייס און דאָך האָבן מיר נישט געפילט קיין מידקייט פון דעם שווערן פאָרן. עס האָט געשוועבט אַ פרייד איבער אַלץ מיט אַן אַנדער. פון אַלע זייטן האָט מען געהערט זינגען. מען האָט געזונגען אין די אויטאָבוסן, מען האָט געזונגען אין די אויטאָס און מען האָט געזונגען אויף די פעלדער. עס האָט זיך דערטראָגן געזאַנג און מו־זיק פון אַלע שטעטלעך און דערפער, וואָס געפינען זיך אויף דעם וועג צווישן חיפה און תל־אביב.

און ווען מיר זיינען אָנגעקומען שויןביים טונקעלן אָוונטשיין קיין תל־אביב, האָט גאַנץ תל־אביב געטאַנצט. אַלע ככרים (סקווערן) און אַלע בולוואַרן זיינען געווען פול מיט יונג און אַלט. קינד און קייט, און אַלע האָבן געטאַנצט. עס האָבן געטאַנצט אַלטע לייט, און זעקס־יאָריקע קינ־דער האָבן מ׳יר אויך געזען טאַנצן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז הימל און ערד אוןביימער טאַנצן־מיט און אַז אַפילו די שטיבער טאַנצן אויך. מיר איז שוין אין משך פון מיין לעבן אויסגעקומען צו זען מאַסן־טענץ אין

פאַרשידענע לענדער. אין מיין געבוירן־שטעטל אין בעסאַראַביע האָט מען געטאַנצט אום שמחת־תורה, אַז די גאַסן זיינען געגאַנגען כאַדראַם. און שביעי של פסח פלעגט מען ביי אונדז גיסן רויטן ווייַן אין די גאַסן און מען האָט איבער דעם ווייַן געטאַנצט. עס האָט געהייסן, אַז מען גייט אַריבער דעם ים־סוף טאַנצנדיק. איך האָב געזען דעם קאַרנאַוואַל אין פראַנקרייך און אין פאַרשידענע דרום־אַמעריקאַנער לענדער. איבערהויפּט האָט דאָס טאַנצן אין קאַרנאַוואַל אָנגענומען אַ ווילדן כאַראַקטער אין בראַזיל. אין ריאָ דע זשאַנעיראָ און אין סאַן פּאַולאָ טאַנצן ממש מיליאָנען מענטשן און הונדערטער טויזנטער מיט מאַסקן. אָבער טאַנצן מיט אַזאַ שטורמישער פרייד, ווי איך האָב געזען דעם 16טן אַפּריל 1956 אין ישראל, האָב איך נאָך קיינמאָל אין ערגעץ נישט געזען.

מיר האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט בלויז תל־אביב. מיר זיינען געפאָרן אין נאָענטערע און ווייטערע דערפער, שטעט און שטעטלעך. מיר זיינען געווען פון איין זייט אין ראשון לציון און פון דער צווייטער זייט אין פתח־תקווה. מיר זיינען געפאָרן ביז רחובות, וואָס איז דער וויסנשאַפטלעכער צענטער פון לאַנד. אומעטום האָט מען געטאַנצט אויף גאַסן און סקווערן. מען האָט געטאַנצט פון פאָרנט פאַר אַלערליי געזעלשאַפטלעכע לאָקאַלן און אויך פאַר די קאַפע־הייזער און רעסטאָראַנען. אין אייניקע ערטער האָט מען געטאַנצט אויך ביי די סטאַנציעס, וווּ מען נעמט נאַפט פאַר אויטאָס.

אוודאי האָב איך נישט געקענט באַוויייזן זען דאָס גאַנצע לאַנד, אָבער איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך בין דאָך געווען אומעטום. מען האָט געטאַנצט ביזן ווייסן טאָג אַריין, און ביז עס איז נישט געוואָרן אינגאַנצן ליכטיק און די טענץ האָבן זיך געענדיקט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער טאָג, וואָס איז שוין געווען וואָכעדיק, בין איך נישט געגאַנגען שלאָפן. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די מענטשן, וואָס האָבן געפּפנט די געשעפטן, האָבן נאָך אויך געטאַנצט.

דער האָטעל, ווו איך האָב געוווינט אין תל־אביב, געפינט זיך אין דער נאָענט פון אַ סקווער, וואָס הייסט „ככר־צינה", אויף דעם נאָמען פון דער פרוי פון גרינדער פון תל־אביב, מאיר דיזענגאָף. נאָך אָט דעם סקווער גייט אַוועק די גרויסע דיזענגאָף־גאַס פון איין זייט, און אַ גאַנצע ריי צענטראַלע גאַסן אין דער צווייטער זייט. עס איז אַ גרויסער צענטער און איך האָב, שטייענדיק אויף די טרעפּלעך פון האָטעל געזען, ווי עס הייבט

זיך אָן די שטורמע אויטאָ־אויטאָבוסן באַוועגונג אין תּל־אביב, קוקנדיק אַזוי, האָט זיך פאַרבייגעטראָגן אַ גרויסער קאַמיאָן וואָס איז געווען אַזוי שווער, אַז דער מאָטאָר האָט געקרעכצט אים שלעפנדיק. און ווער האָט געפירט דעם דאָזיקן קאַמיאָן? אַ צאַרט מיידעלע ,וואָס האָט אויסגעזען אפשר פון אַ יאָר 19, אַ לייכטע און אַ קליינע. זי האָט מסתמא נישט געווויגן מער וויפל אַ רייטער ביי די פערד־געיעגן. זי האָט פאַרמאָגט דעם מאַקסימום פון סעקס־אַפיל. אין די פאַרייניקטע שטאַטן וואָלט זי זיכער געלאָפן קיין האָליווּד און געזוכט אַ פּלאַץ אין דער קינאָ־וועלט. דאָ איז זי געזעסן, אָנגעהאַלטן ביידע הענטלעך אויף דעם רעדל און איין קליין פּיסל האָט זי געהאַלטן אויף דער ברעמזע, און דער קאַמיאָן האָט געיאָגט. זי איז געווען אָנגעטאָן ישראלדיק. אַ פּאָר קורצע הייזלעך און אַ מענערישע בלוזקע. זי איז, נאַטירלעך, באַלד פאַרשוווּנדן, אָבער זי איז מיר פאַרבליבן אין די אויגן אַ לאַנגע צייט. איך זע זי נאָך איצטער אויך. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך האָב זי אין אַ צייט אַרום געזען אין נגב, ערגעץ אין אַ סטראַטעגישער זאָנע ביי אַ שווערן געווער.

אַזעלכע מיידלעך האָט מדינת ישראל אַ סך. זיי קענען זינגען און טאַנצן. זיי ריידן פליסיק העברעיִש און קומען דורך אויף אַראַביש און זיי ריידן לכל הפּחות נאָך אַ שפּראַך, אַמאָל איז דאָס ענגליש, אַמאָל איז דאָס פראַנצויזיש. און זיי קענען אויפהייבן אַ ביקס און אַ מאַשין־געווער, מיט דער לייכטקייט פון אַ פעדער און זיי קענען אומגיין ביי שווערע געווער און זיי קענען פירן די שווערסטע אויטאָס, און אַז זיי ווערן פאַר־ראַשוטיסטקעס, פאַלן זיי און בלייבן שטיין אויף די פיס. זיי בלייבן שטיין ווי קעץ און זיי האַלטן גלייך דאָס געווער אין דער האַנט. זייערע אייגלעך כאַפּן אויף דעם גאַנצן אַרום און עס בלייבט פאַר זיי קיין איין ווינקל נישט פאַרבאָרגן.

יאָ, דאָס ווונדערלעכסטע, וואָס איך האָב געזען אין משך פון די צוויי חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין מדינת ישראל, איז געווען דער יום־העצמאות.

שבת אין ישראל איז די כלה

שבת וויל מיך נעמען
איך וויל נעמען שבת.
(פון אַ פאָלקס־ליד)

אַ סך, זייער אַ סך שיינע, געשמאַקע, האַרציקע און טייערע שבתים האָט יעדער פון אונדז איבערגעלעבט, ואני — און איך — בתוכם — צווישן זיי. ביי מיין טאַטן אין הויז איז נישט געווען קיין גבירהשאַפט. זילבערנע בעכער זיינען געווען, אָבער די לייכטער זיינען געווען מעשענע. נאָר געשיינט האָבן די לייכטער ווי גילדענע, ווען די מאַמע האָט אָנגע־צונדן די ליכט אין זיי און געבענטשט איבער זיי און די פלעמלעך זייערע זיינען געווען ברענענדיק גאָלד, וואָס האָט געטאַנצט, און די טישטעכער אויף די טישן האָבן שימערירט ווי דער שניי אויף דעם שפּיץ־באַרג חרמון און די פאַרדעקטע חלה האָט געשמעקט מיט אַ גן־עדן־ריח. און דער ווייַן אין זילבערנעם בעכער האָט געצאַפּלט, אַזוי ווי די הערצער ביי די קינ־דער. ווען דער טאַטע האָט קידוש געמאַכט. און דער ניגון פון קידוש, דער באַטאַנטער יום הששי ויכולו השמים והארץ, האָט געקלונגען ווי אַ גע־זאַנג פון דער גאַנצער שיינער וועלט, וואָס גאָט ברוך הוא האָט פּרייטיק פאַרנאַכט פאַרענדיקט. און איך האָב אין קעשענעוו געהאַט שבתים ביי אַ ייִדן, וואָס האָט געהייסן „אלי קיליער״, אין וועלכע עס האָט זיך צונויפ־געגאָסן דאָס שענסטע פון גשמיות און רוחניות. די געשמאַקסטע מאכלים און משקאות זיינען געוואָרן איינס מיט ניגונים, וואָס זיינען דורך די רביים פון דער ריזשינער גזע געקומען דורך דעם בית המקדש פון גן־עדן אַליין. אָבער אַזאַ שבת־שיינקייט ווי איך האָב געזען און געפילט אין ישראל, האָב איך קיינמאָל אין ערגעץ נישט געפילט.

אין מיין זכרון, אין מיין געמיט און אין מיין גאַנצן זיין וועט שוין אויף אייביק פאַרבלייבן דער ערשטער שבת אין מדינת ישראל ווי עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳קען אַרויסהערן פון דעם מזמור שיר ליום השבת. באַלד ווי די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָט זיך יענער שבת אָנגעהויבן. דער פרייטיק־צו־נאַכטס איז אין אַ סך שטיבער צוגעגאַנגען אין דער פינצ־

טער, אָן שבת־ליכט אַפּילו. אין די דאָזיקע שטיבער, ווו מען האָט נישט געהאַט אַזאַ הערמעטישע פאַרמאַכטקייט, וואָס זאָל נישט דורכלאָזן דעם קלענסטן שימער פון שיין, האָט מען געמוזט זיצן אין דער פינצטער. מען האָט זיך געריכט אויף אַ באָמבאַרדירונג פון די שכנים די שוועסטער־קינדער. האָט מען זיי נישט געדאַרפט געבן קיין ליכטיקן צייכן, בכדי זיי זאָלן טאַפּן אין די פינצטערנישן פון די הימלען. מיינט איר, אַז עס האָט נישט געשיינט דער שבתדיקסטער שבת אין אַלע שטיבער און אין אַלע נשמות? די שיין איז געווען אַן אינעווייניקסטע, וואָס קומט ערגעץ פון אור הגנוז, פון דעם ליכט, וואָס איז באַהאַלטן פון סאַמע אָנהייב ביז אין דער סאַמע אייביקייט אַריין. אַך, יענע געזאַנגען, יענע זמירות... מיט ווערטער און אָן ווערטער, מיט אַ ניגון און אָן אַ ניגון, מיט ליפּן און אָן ליפּן... און דאָס דאַוונען אין די שילן דעם ערשטן שבת אין מדינת ישראל. דער „הנותן תשועה", וואָס האָט געהאַט שטאָט „את אדוננו הקיסר ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש" די ווערטער „מדינת ישראל", די שטומע רעדעס, וואָס מען האָט דאָרטן געהאַלטן... אַזיסט האָט איינער געהאַט ווערטער, מיט וועלכע מ'קען אויסדריקן די פרייד און דעם ציטער, דעם געמיט פון שמחת תורה מיט כל נדרי? מען האָט געהאַלטן רעדעס מיט אויגן צו אויגן און הערצער צו הערצער.

און נאָך אַ שבת איז מיר פאַרבליבן אין זכרון, געמיט און אין גאַנצן זיין. אַ שבת, וואָס איך האָב נישט געזען, נאָר געפילט. אַ שבת, פון וועלכן איך בין אַוועקגעפאָרן אין דער לעצטער שעה פון ערב שבת און וועלכער איז מיר נאָכגעפאָרן און ער פאָרט מיר נאָך שוין אַריבער אַ יאָר און איך פיל אים מיט אַלע מיינע רמ"ח איברים און שס"ה גידים און וואָס זינגט אין מיר עד־היום. דאָס איז אַ שבת אין דעם יונגן קיבוץ בחן (באַכאַן), וואָס באַשטייט בעיקר פון אַרגענטינער יונגעלייט מיט אַ צוגאָב פון יאַטן און יאַטעכעס פון אַ פּאָר אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. אין דעם וווּנדערלעכן עמק השרון געפינט ער זיך און באַנייטע שיר־השירים־קלאַנגען הערט מען דאָרט. אַנטקעגן דער גרויסער יאַרדאַנישער שטאָט טול כרם געפינט ער זיך (די דאָזיקע „גרויסע שטאָט" איז מסתּמא אַ דאָרף קעגן אַ רחובות און דערצו אַ שמוציקס) און מען אַרבעט דאָרט מיט איין האַנט, ווייל מיט דער צווייטער האַלט מען די ביקס. גרוי און וואַכעדיק איז דעמאָלט געווען דאָס לעבן דאָרטן, אַ לעבן פון שווערער אַרבעט, מאַנגל אין דעם מינימאַל־נייטיקסטן, אָן כלים פאַר דער אַרבעט און מען האָט

דערפאַר געדאַרפט טאָן מיט די הענט דאָס דאָזיקע, וואָס מאַשינען דאַרפן מאַכן. נישט וואָכעדיק איז דאָרט געווען בלויז דער הימל, וואָס האָט גע־קוקט מיט זעלטענער העלקייט אויף דעם בערגל איבער דעם קיבוץ, וואָס האָט שפורן פון עטלעכע ציוויליזאַציעס און איבער אַלע — יידישע איי־ביקייט. און נישט וואָכעדיק זיינען געווען די בליקן פון דער חברה, די יאַטן און די יאַטעכעס, וואָס האָבן געאַרבעט מיט דעם זעלביקן ברעז, מיט וועלכן זיי זיינען געווען פאַרליבט אין לאַנד, אין פאָלק און אין זיך אַליין. אַ סך זיינען שוין געווען מאַן און ווייב, אָבער אַזוי יונג, אַז אַלץ האָט אין זיי געשיינט, אַנדערע זיינען געווען חתן־כלה, אָדער זיי האָבן געדאַרפט ווערן חתן־כלה. איין ווייבעלע איז געלעגן אין קימפעט און אַלע האָבן אַרום איר געשיינט און געשטראַלט. און אַז דו האָסט סתם געבלאָנדזשעט איבער דעם קיבוץ און דיר איז פלוצים אַנטקעגנגעקומען אַ חנעוודיקע יאַטעכע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שרעטעלע אין אַ בלוזע און הויזן, האָבן דיר אַ שיין געטאָן אַנטקעגן אַ פּאָר שולמית־אויגן, וואָס האָבן דאַכט זיך געזונגען. זי האָט גערעדט שפּאַניש מיט אַ קאָרדאָבער צוזינג און די פּאָר העברעיִשע ווערטער האָט זי אויך אויסגעזונגען קאָרדאָבע־סיש... (1

אין יענעם־אָ קיבוץ בין איך געווען פרייטיק בייטאָג (איינייגעם מיט מיין פרוי, מיט יצחק רימון, לעאָן קיבריק און מיט אַלפרעדאָ קאָרן, וואָס האָט אונדז געפירט אַהין און וואָס איז דער אליהו הנביא פון יענעם קיבוץ, וואָס איז נישט צוגעטוליעט צו קיין שום פּאַרטיי...) און מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואָלט זען אַלצדינג, ביז וואַנען עס האָט אָנגעהויבן ווערן שפּעט. מיר האָבן געוואָלט זען אַלע שפּאַלטן אין דער ערד און אַלע קנייטשן אין הימל, מיר האָבן געוואָלט זען אַלע אויגן און אייגלעך און נישט נאָר אַלץ וואָס ס'איז דאָרט דאָ, נאָר אויך וואָס דאָרט פעלט... (פאַקטיש פעלט דאָרט מער ווי ס'איז דאָ. עס פעלט נאָר נישט דער גלויבן און דער גוטער ווילן) און פונקט ווי מיר האָבן זיך פריער נישט געאיילט, האָבן מיר זיך איצטער גענומען איילן. מיר האָבן נישט געוואָלט אַריינפאָרן אין אַ לאָקש אַריין און ס'איז סיי ווי געווען אַ צייט, ווען עס האָט נישט געלוינט אַרומצופאָרן אין אָוונט, ווייל דער שונא האָט געלויערט ווי אַ שלאַנג. און

---

1) אין דער אַרגענטינער פּראָווינץ, וואָס הייסט קאָרדאָבאַ, רעדט מען שפּאַניש זינגענדיק.

פאַר דעם אָוועקפאָרן, האָבן מיר נאָך געמוזט אַריינגיין אין חדר־האוכל (עסצימער) צו כאַפּן אַ לחיים פאַר בחן, פאַר דעם וואונדערלעכן באַשאַף פון אַרגענטינער ייִדנטום. צו גלעזלעך כרמל־ווײַן האָבן מיר געמוזט טרינקען. דעם איינדרוק האָב איך, אַז דער חדר־האוכל איז אונטן. אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל דער באַרג איבער דעם קיבוץ האָט אונדז אַזוי געלאָקט. און מיר איז פאַרבליבן די ווייסקייט פון די געדעקטע טישן אין יענעם באַשיידענעם צימער. די טישטעכער האָבן שימערירט אפשר נאָך ווייסער ווי מיין מאַמעס שבתדיקע טישטעכער. עס האָט דאָרט אַלץ געשיינט. עס האָט געשמעקט מיט דעם סאַמע ערשטן שבת, ווען מענטש האָט דערפילט, אַז ער קען זיין נישט קיין חיה און נישט קיין בהמה און ער מוז נישט אַרבעטן און איינשטעלן דאָס לעבן און ער קען רוען און הנאה האָבן פון דער לויטערקייט, וואָס איז געטלעכקייט. עס האָט זיך ממש נישט געגלוסט אַרויסגיין פון יענעם חדר־האוכל, אָבער עפּעס האָט געיאָגט. אַ סך זאַכן טוט מען אין לעבן, וועלכע מען וויל נישט. אפשר טוט מען טאַקע אין לעבן מער וויפל מען וויל נישט, איידער יאָ. האָבן מיר פאַרלאָזט בחן און נישט געוואָלט. נו, געשעט דאָך עפּעס, וואָס מאַכט רעאַלער דעם ווילן ווי דיווירקלעכקייט. אַז ייִדן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל, האָבן זיי דאָס אַמאָל אויפגעהערט צו זען? נו, האָב איך דעם גאַנצן שבת אין בחן געזען דעמאָלט און איך זע אים עד־היום. איך זע, ווי עס צינדן זיך אָן די ליכט אין יענעם שטראַלנדיקן עסצימער. אַ יונג ווייבעלע, אָדער גאָר אַ כלה, צינדט אָן די ליכט און זי ווייסט אַפילו נישט וואָס צו זאָגן דערביי און פון אַלע זייטן זינגט מען.

און עד־היום זע איך דעם שבת אין בחן, וואָס איך האָב נישט געזען, איך זע אים און איך הער אים. איך זע די יאָטן און די יאָטעכעס זיך אַליין באַדינען און עסן און זיך קוקן אין די אויגן אַריין און זעען זיך אַליין, די טאַטעס און די מאַמעס, די שוועסטער און די ברידער, גאַנץ ישראל און גאַנץ אַרגענטינע און איך הער דאָס שטומע העברעיִש זייערס, וואָס האָט געציילטע ווערטער און זייערע ארץ־ישראל־לידער געמישט מיט סאַמבאַס און טאַנגאָס און כ׳זע זיי טאַנצן אַ האָראַ איינעם מיט אַ „פּעריקאָן" 1) יאָ, אַ שבת, וואָס איך האָב נישט געזען און נישט געהערט און וואָס איז

1) אַן אַרגענטינער טאַנץ, בעת וועלכן מען אימפּראָוויזירט גראַמען.

מיר דאָך פאַרבליבן ווי איינער פון די שענסטע שבתים, וואָס איך האָב געהערט און געזען אין משך פון מיין לעבן.

נישט איין מאָל האָב איך זיך געפרעגט, זייענדיק אין ישראל: ווו איז דער שבת שענער, דאָרט — אין די פרומע געגנטן, צי אין די פרייע? איך האָב זיך דאָס דאָזיקע געפרעגט, ווייל אויך אין די געגנטן, ווו עס וווינען בלויז פרייע ייִדן, אויך אין די סאַמע לינקסטע קיבוצים, ווו משה און ישעיה ווערן אָפט אַריבערגעשריען פון מאַרקסן און פרוידן — כאָטש איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז אָט די ביידע זיינען צווישן זיך נישט שווה בשווה! — איז שבת עכט און גאַנץ און גרויס. אין די תפוצות האָבן ייִדן געהאַט שבת בלויז דעמאָלט, ווען זיי זיינען געווען פרום, פון דעם מאָמענט אָן, ווען מיר האָבן זיך דערלויבט צו מאַכן דעם זונטיק פאַר שבת, איז אַוועקגענומען געוואָרן פון אונדז די שיינקייט פון שבת. אַלע ייִדן פלעגן אום שבת ווערן פון פאַרשאָלטענע חיות — פּרינצן, ווען זיי האָבן געהיט שבת. פון דעם מאָמענט, וואָס זונטיק איז געוואָרן שבת, זיינען די פאַרשאָלטענע פאַרבליבן חיות, קיין פּרינצן זיינען מיר מער נישט געוואָרן. און אין ישראל וואַרפן אַלע אַראָפּ דעם יאָך פון וואָך, ווען עס קומט שבת און מען ווערט פּרינצן.

אויבנאויפיק קומט מיר דער ענטפער: אין די פרומע געגנטן איז דער שבת אַ גלותדיקער, אין די פרייע געגנטן איז דער שבת אַ מדינההדיקער. די פרומע פּראַווען דעם שבת הויך און טיף, די וועלטלעכע פּראַווען אים ברייט. ער איז אַרומנעמענדיק ביי די וועלטלעכע. ער כאַפּט אַריין נישט בלויז די שיל, דעם שילהויף און די היים, נאָר אויך די גאַס, דעם ככר (קיקאַר — פּלאַסאַ), דאָס פעלד. אָבער איניינעם מיט דעם פיל איך, אַז ביי די פרייע ייִדן פעלט נאָך אַביסל פּאַרטיפּטער איינהאַלט אין שבת. עס פעלט נאָך אַ זמירה. דאָס ליכט־בענטשן פון פרייטיק פאַרנאַכט האָבן די וועלטלעכע אויך אַריינגענומען. דער וואָגן, וואָס לויפט אַרום און זינגט אויס „הדליקו הנרות", ער איז פאַר אַלע, אויך די ווייסע חלה איז פאַר אַלע, זמירות איז נאָר טיילווייז. אין די מזרח־געגנטן און די קיבוצים פון „הפועל המזרחי" פאַרייניקט זיך גלות מיט ישראל, ייִדישע אייביקייט מיט ייִדישער פרייהייט און ריקוד מיט האָרא... דאָס נאַציאָנאַלע קריגט פעסטע פאָרמען דורך דער טראַדיציע און אירע צערעמאָניאַלן. אָבער אין גאַנצן גענומען איז שבת — שבת אין גאַנץ ישראל. ווו דו זאָלסט נישט זיין אום שבת פילסטו אַ רויִקייט, אַ פרייד און אַן אינערלעכע שיין.

זעסט די שבת־ליכט פון פרייטיק־צו־נאַכטס אַ גאַנצן שבת. ביי די פּרימי־טיוועסטע ייִדן, וועלכע מאַכן אָפּט אַ ביטערן איינדרוק, ווייל די פרוי איז ביי זיי נאָך אַ שקלאַף, וואָס ווערט ברוטאַליזירט (ביי די בוכאַרער למשל, וואָס קענען נישט ניצשעס כלל וועגן גיין צו דער פרוי מיט אַ בייטש און זיי האַלטן דאָך פון אים), ביי אַט די ייִדן פּילסטו זיך שבת בעסער. די פרוי רוט דעמאָלט און זי ווערט כמעט גלייך מיטן מאַן. שבת — — —

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ווו איך זאָל זיך נישט געפינען אום שבת אין ישראל, הער איך זינגען מזמור שיר ליום השבת. עס זינגט אים די ערד און דער הימל, יונג און אַלט, מאַמעס און טאַטעס, וואָס פירן קינ־דער־וועגעלעך מיט קינדער, זינגען אים. אין ישראל איז נישט קיין נאַ־ווינע, אַז אַ טאַטע זאָל פירן אַ קינדער־וועגעלע. אין רוסלאַנד האָט מען אַמאָל געלאַכט פון אַ וויגליד, וואָס איז געשריבן פאַר אַ מענעריש קול, אין ישראל וואָלט מען פון דעם נישט געלאַכט. איבערהויפּט זעט מען אַ סך מענער פירן קינדער־וועגעלעך אום שבת. און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז אַפילו די זויג־קינדער פילן דעם שבת. אויב עס פּאַסט זיך ערגעץ שטאַרק דער אויסדרוק „החזיר עטרה ליושנה״ — אומגעקערט די קרוין צו איר אַלטן פּלאַץ — איז עס שבת אין ישראל. אַ פאָלקס־לידל אַ ייִדישס, וואָס איך האָב געהערט זינגען פרומע ייִדן און רבנים, זינגט:

אוי, געוואַלד, שבת!
שבת, שבת, שבת,
שבת וויל מיך נעמען,
איך וויל נעמען שבת.

דער „אוי, געוואַלד, שבת״ פּאַסט זיך דאָ נישט, אָבער דער „שבת וויל מיך נעמען, איך וויל נעמען שבת״ פּאַסט זיך אַהער אומגעהייער. שבת ווערט פון שטענדיק אָן אָנגערופן די כלה. דאָס שענסטע שבת־גע־זאַנג איז דאָך „לך דודי לקראת כלה״. אין ישראל איז שבת אַ פאַרליבטע כלה און אַלע זיינען אירע פאַרליבטע חתנים. שבת וויל דאָרט נעמען יעדן איינעם און יעדער איינער וויל נעמען שבת...

און פונדעסטוועגן האָב איך געזען אויך שבת־פּיינלעכקייטן אין ישראל. פרומע ייִדן זיינען אַרויס פון די כלים און האָבן געוואָרפן שטיי־נער און געבראָכן און געלאָמעט אום שבת און געטאָן אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס מען טאָר אום שבת נישט טאָן, בכדי צו צווינגען די נישט־פרומע

ייִדן טאָן דאָס דאָזיקע, וואָס זיי האַלטן, אַז מען מעג זיי טאָן און דאָך נישט שטערן די מנוחהדיקייט פון שבת. איך וויל נישט זאָגן, אַז אין אַלע פיינלעכע פאַלן זיינען די וועלטלעכע די גערעכטע. עס פעלן נישט קיין פאַלן, ווען די וועלטלעכע האַלטן זיך אַביסל צו־פריי און עס קען מאַכן דעם איינדרוק, אַז זיי פּראָוואָצירן. איך האָב אַמאָל געזען אַ באַ־ווּסטן העברעיִשן שרייבער גיין אין אַ געגנט, ווו עס פעלן נישט קיין פרומע ייִדן, אום שבת בייטאָג מיט אַ פּאַפּיראָס אין אַ גרויסן ציגאַרשפּיץ און עס האָט עפּעס געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מאַניפעסטאַציע. און אַ פרומער ייִד האָט אים אַ זאָג געטאָן: „אינך יודע ששבת היום״ — דו ווייסט נישט, אַז היינט איז שבת? — און איך בין זיך מודה, אַז אין יענעם מאָמענט האָב איך געהאַלטן מיט דעם פרומען ייִדן. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז עס פעלן נישט אַזעלכע פרומע, וואָס האָבן הנאה פון די פּראָוואָקאַציעס און די געשלעגן און זיי זוכן זיי. פון די נטורי קרתאַני־קעס איז דאָך אָפּגערעדט. זיי זיינען שונאים דער מדינה. פאַראַן אַ שפּאָס אַזאַ, אַז עס איז געשטאַנען די פראַגע וועגן דעם, צי מען דאַרף זאָגן הלל אין דעם יום־העצמאות (יום־טוב, כידוע, זאָגט מען גאַנץ הלל, חול־המועד זאָגט מען האַלב הלל), האָבן די מזרחים געפּסקנט, אַז מען דאַרף אין טאָג פון דער גרינדונג פון דער מדינה זאָגן גאַנץ הלל. די אגודת־ישראלניקעס האָבן באַשלאָסן צו זאָגן האַלב הלל און די נטורי קרתאניקעס האָבן גע־זאָגט: „לא לנו״... די מדינה איז נישט פאַר זיי און ביי זיי איז רעכט אויך דורך שמירת שבת זי שטעלן אין סכנה פאַר דרויסן און איינפירן אַ בירגערקריג אינעווייניק...

מיר איז אויסגעקומען צו זען ווי מען טרייבט פּאַרטיי־פּאָליטיק אַרום שבת. עס האָט זיך געהאַנדלט אַרום אַן אויסשטעלונג אין חיפה, וואָס עס איז געווען בייטיק, אַז אַלע ישראלניקעס זאָלן זי זען. און מען איז טאַקע געפאָרן פון אַלע עקן ישראל זי זען. קיין בילעטן ביים אַריינגאַנג האָט מען נישט געדאַרפט קויפן און פונדעסטוועגן האָט אַ פּאַרטיי, וואָס איז לחלוטין נישט רעליגיעז, געהאָלפן די פרומע מאַכן אַ ליאַרם קעגן דעם, וואָס די אויסשטעלונג איז אָפן אום שבת. כאָטש די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען זי געגאַנגען זען אום שבת, האָבן פון איר הנאה געהאַט און זיך נישט געשטערט די מנוחהדיקייט און אויך נישט די הייליקייט פון שבת. און זייער אַ סך ישראלניקעס האָבן נישט געקענט זען די דאָזיקע אויסשטעלונג, אויב נישט אום שבת.

עס איז דאָך מער ווי קלאָר, אַז אַ גאַנצע מדינה קען נישט איינפירן אַזאַ פולן שבת, ווי עס האָבן געקענט האַלטן ייִדן אין גלות. דאָס ביי־טיקסטע מוז מען דאָך געבן אַלעמען. מען קען דאָך נישט לאָזן דאָס לאַנד אָן עלעקטריש ליכט, אָן טעלעגראַף און טעלעפאָן אום שבת. מ׳קען דאָך נישט אַזוי אָפּשטעלן דאָס לאַנד אויף שבת, אַז עס זאָל דערנאָך מוזן גע־דויערן אַ פּאָר טעג, ביז וואַנען מען וועט אַלץ שטעלן אין באַוועגונג. אין סדום, למשל, אַרבעטן אַזעלכע מאַשינען, וואָס מ׳קען זיי נישט אָפּשטעלן, אויב מען וויל, אַז זיי זאָלן אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך. איז וואָס זאָל מען טאָן? רעדוצירן די פּראָדוקציע צו אַ העלפט, אויב נישט נאָך ווייניקער?

אין ישראל אַרבעט מען. די גאַנצע אַרבעט ווערט געטאָן פון ייִדן. די הסתדרות האָט מיטגלידער נישט קיין סימפּאַטיזירער, ווי די ציוניס־טישע „אַרבעטער״־פּאַרטייען אין די תפוצות, נאָר בפועל ממש אַרבעטער. און אירע מיטגלידער זיינען די מערהייט אין לאַנד. שבת רוט מען. נו, זיינען פאַראַן אַזעלכע ייִדן, וואָס קענען זען די אייגענע בלויז אין אַ שבת. און גראַד ווינען די עלטערן אין איין ווינקל, איין קינד אין אַ צווייטן, אַ צווייט קינד אין אַ דריטן. און אַז מען איז נישט שטרענג פרום און דאָס פאָרן, וואָס איז אויך על פּי דין נישט קיין שטאַרק פאַרבאָטענע מלאכה, איז פאַר זיי אַ שבתדיקע הנאה, נישט קיין פאַרשוועכונג, ווייל זיי האָבן אַ געלעגנהייט זיך אַנצוזעטיקן מיט די עלטערן, אָדער מ׳ט ברידער און שוועסטער. איז וואָס פאַר אַן אומגליק איז, ווען אייגער, וואָס איז נישט פרום, פאָרט צו זען אַן אייגענעם, בכדי הנאה צו האָבן פון שבת? פאַרוואָס מוזן די פרומע אַריינקריכן אין סאַמע אינעווייניק אַריין פון די נישט־פרומע? און עס זיינען טאַקע פאַראַן אַזעלכע פרומע ייִדן, וואָס פאַרשטייען אַז אין אַ מדינה קען מען נישט אַזוי היטן שבת, ווי אין געטאָ פון גלות. און דערצו איז דאָך אין ישראל, „ברוך השם״, שטענדיק אַ סכנה נפשות, איבער דעם וואָס דער שונא לויערט און מען טאָר גאָר נישט אָפּהיטן דעם שבת דורכויס. אַ טייל ייִדן מוזן שטיין אויף דער וואָך און זיי מוזן אַר־בעטן. שבת־גויים וועלן דאָס נישט טאָן... אַ בוקאַרעשטער ייִד, וואָס איז אין דער הויפּטשטאָט פון רומעניע געווען אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט און אין ישראל מוטשעט ער זיך קוים דורך, האָט מיר געזאָגט, אַז ביז ער איז געקומען קיין ישראל, האָט ער קיינמאָל נישט געוווּסט דעם טעם פון אמתדיקן שבת־רו. קלומערשט האָט ער זונטיק נישט געאַרבעט, אָבער גערוט און זיך געפרייט האָט ער אויך נישט. ווען די פאַנאַטיקער, וואָס

וואָלטן גרייט געווען פאַרשאַפן דער מדינה נישט בלויז שאָדן, נאָר אויך חורבן דורך אַ צו־שטרענגן שמירת־שבת. וואָלטן געקענט זען דעם שבת אין ישראל מיט אויגן פון אַ ייִדן, וואָס קומט פון אַרגענטינע און ווייס באמת נישט, וואָס איז אַזוינס שבת, וואָלט ער דערפילט ווי גרויס ס׳איז דער שבת אין ישראל און אַז שבת איז דאָרט די כלה, וואָס איז באַגערט פון אַלע און וואָס איז פאַרליבט אין אַלע, ווייל מען היט זי אָפּ...

אוודאי זיינען פאַראַן הונדערטערליי שבתים אין ישראל. ייִדן פון פאַרשידענע לענדער און טאָקע וועלט־טיילן דאַווענען פאַרשידן אום שבת און זינגען פאַרשידן און פרייען זיך אַנדערש און זיינען אַנדערש געקליידט און עסן און טרינקען אַנדערש און טאַנצן אַנדערש. פאָלקלאָריסטן האָבן צו פאַרצייכענען שבת־מנהגים־קליידער־לידער־מאכלים אא״וו ממש אָן אַ שיעור. ישראל איז אַ קיבוץ־גלויות פון אַלערליי ייִדן און אַ קיבוץ־גלויות פון אַלערליי שבת־שטייגערן. אָבער עס איז דאָך פאַראַן איין שבת אין ישראל, אַ שבת, וואָס מאַכט דעם מענטשן פאַר אויס בהמה און חייה, וואָס דאַרף אַרבעטן און קעמפן און מאַכט אים פאַר אַ פרינץ. עס איז דאָך פאַראַן איין שבת אין ישראל, אַזאַ שבת, אין וועלכן אַלע זיינען פאַרליבט ווי אַ חתן אין אַ כלה און וואָס האָט אַלע ליב, ווי אַ פרומע כלה האָט ליב איר חתן. דאָס לידל, וואָס איך האָב דערמאָנט, ענדיקט זיך מיט אָט די ווערטער:

וואָלט איך געהאַט כוח,
וואָלט איך געלאָפן אין אַלע גאַסן
און געשריגן: שבת!
אוי, געוואַלד, שבת!

אין ישראל האָט מען גענוג כוח צו שרייען שבת, אָבער מען דאַרף נישט שרייען, מען זינגט. דער גאַנצער שבת זינגט דאָרט. מען זינגט צו אים ווי דער חתן צו דער כלה און ער זינגט, ווי די כלה צו דעם חתן:

שבת וויל מיך נעמען,
איך וויל נעמען שבת.

הייליקע קריסטלעכע ערטער

די קריסטלעכע פלעצער אין ישראל האָבן מער געוועקט מיין נייגע־ריקייט, ווי מיך צוגעצויגן. ווען מיר זיינען דורכגעפאָרן אַ פלאַץ, וואָס ווערט דערמאָנט אין תנ״ך, האָט אין מיר אַ צאַפּל געטאָן, אָבער ווען איך האָב געהערט אַ נאָמען, וואָס איז דערמאָנט אין ברית החדשה להבדיל, האָט דאָס בלויז געוועקט מיין נייגעריקייט.

דאָס אָרט, וואָס איז צום מיינסטן פאַרהייליקט פון די קריסטן, האָב איך בעת אַלע מיינע דריי מאָל זיין אין ישראל נישט געקענט זען. דאָס איז בית לחם, ווו ישו זאָל האָבן געבוירן געוואָרן. בית לחם געפינט זיך אין יאַרדאַניע, כאָטש אַפילו אין דער עוואַנגעליע זאָגט זיך, אַז עס גע־פינט זיך אין יהודה. אינגאַנצן אַכט קילאָמעטער פון ירושלים געפינט זיך די דאָזיקע שטאָט, וואָס איז אַזוי פיל מאָל דערמאָנט אין תנ״ך. דאָרט איז דאָך באַגראָבן געוואָרן די מוטער רחל, די שיינע, צאַרטע מאַמע אונ־דזערע. דער קבר פון רחלען געפינט זיך איין קילאָמעטער פון היינטיקן בית לחם, אָבער אין חומש ווערט דערציילט, אַז רחל איז באַגראָבן גע־וואָרן „אויפן וועג קיין אפרת, דאָס איז בית לחם״. די געשיכטע וועגן רות הייבט זיך דאָך אויך אָן אין בית לחם, פון וואַנען אלימלך און זיין ווייב נעמי, אינאיינעם מיט זייערע צוויי זין, האָבן אויסגעוואַנדערט, איבערן הונגער, אין די מואב־פעלדער. אין בית לחם איז דאָך געבוירן געוואָרן צוריק מיט קנאַפּע דריי טויזנט יאָר דוויד המלך. און אפנים דערפאַר טאָקע ווערט דערציילט, אַז ישו איז געבוירן געוואָרן אין בית לחם, ווייל משיח האָט דאָך געדאַרפט אַרויסקומען פון דוויד המלך...

אין בית לחם איז פאַראַן די „געבוירן־קירכע״, וואָס געפינט זיך אי־בער דער הייל, אין וועלכער ישו איז געבוירן געוואָרן, לויט דער קריסט־לעכער טראַדיציע. אָבער קיין פאַקטן, אַז ער איז טאָקע דאָרט געבוירן געוואָרן, זיינען נישט פאַראַן. די שרייבער פון דער עוואַנגעליע האָבן דאָך אַלע געלעבט אַ סך שפּעטער און זיי האָבן בלויז געקענט פאַרשרייבן לע־גענדעס. עס הערשט אַ מיינונג, אַז ישו איז געבוירן געוואָרן צוויי יאָר פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג, אָבער אין דער עוואַנגעליע פון לוקאַס

זאָגט זיך, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין דער צייט פון הורדוסן, וואָס איז געשטאָרבן פיר יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. אין דער זעלביקער עוואַנגעליע ווערט דערציילט, אַז ישו איז געווען אַ צייט־קאָ־לעגע פון שמעון הצדיק, וואָס האָט געלעבט קנאַפע דריי הונדערט יאָר פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג און אין „די טאַטן פון די אַפּאָסטאָלן" ווערט דערציילט, אַז שאול התרשי, דער אַפּאָסטאָל פּאָול, ישוס תלמיד, איז געווען דער תלמיד פון ר' גמליאל הזקן און דאָס דאַזיקע מיינט, אַז ישו האָט געלעבט לערך 170 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג.

אין הייליקן אָרט פון קריסטנטום בין איך, הייסט עס, נישט געווען. דאָס צווייטע הייליקע פּלאַץ איז נ צ ר ת (נאַצערעט — נאַזאַרעט אויף אַנדערע שפּראַכן), געפינט זיך אין ישראל. אויך דאָס דריטע פּלאַץ זיינס, כפר נחום (קאַפּערנאַום אויף שפּאַניש) און דער באַרג תבור (ווו ער זאָל האָבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלויזער געטלעכקייט), געפינען זיך אויך אין ישראל. בית לחם, ווי געזאָגט, איז אין יהודה, נצרת איז אין גליל. מרים, ישוס מוטער, שטאַמט פון נצרת און דאָרט איז זי פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט איר זון, וועלכן זי האָט געבוירן אין אַ שטאַל, פון וואַנען זי האָט געמוזט אַנטלויפן קיין מצרים, ווייל הורדוס האָט געהערט, אַז משיח איז געבוירן געוואָרן און ער האָט געשיקט שליחים אים אומצוברענגען. פון מצרים האָט זי זיך אומגעקערט קיין נצרת, ווו ישו איז רייף געוואָרן און ער האָט זיך געגומען באַווייזן מיט זיינע מאָדנע געדאַנקען, וועלכע די אַרומיקע האָבן נישט געוואָלט אויפנעמען און ער האָט דערפאַר געמוזט אַוועק קיין כפר נחום, וואָס געפינט זיך אויף דעם מערב־צפונדיקן ברעג פון ים כנרת, נישט ווייט פון דאָרף כנרת און פון דגניה, ווו עס איז אויפגעקומען דאָס ארץ־ישראל פון דער צווייטער עליה. אין נצרת, כפר נחום און אויף דעם שפּיץ באַרג תבור בין איך געווען.

...אָט פאָרן מיר קיין נצרת. מיר זיינען אין גליל, דער שאָסיי פירט קיין עפולה. מיר געפינען זיך אין דרום־ווינקל פון די לבנון־בערג. מיר פאָרן באַרג אַרויף. די גאַנצע געגנט איז זייט דורות און דורות אַ נישט־יידישע. צום מיינסטן האָבן אַהער געצויגן קריסטן. די מערסטע קריסטן זיינען דאָ אַראַבער, וואָס זיינען אַנדערש ווי די מוסולמענער און גלויבן, אָבער נישט אין דער שפּראַך און נישט אין שטייגער. פאָרן מיר באַרג אַרויף און מיר זעען בלויז אַראַבער און אַראַבערנס. די באַרגיקייט פון דער געגנט לאָזט זיך פילן אין האַלדז. פרויען טראָגן קרוגן וואַסער אויף

די קעפּ, אַזוי ווי אין די תנ״כישע צייטן. מאָדנע, כאָטש איך ווייס, אַז דאָ זיינען פאַראַן בלויז ישמעאלטעס, דאַכט זיך מיר נאָך אַלץ, אַז אָט באַלד וועל איך דאָ באַגעגענען די מוטער רחל מיט אַ קרוג וואַסער אויף דעם קאָפּ.

און אָט זיינען מיר אין נצרת גופא. פאַר יענער געגנט איז דאָס אַ היפּשע שטאָט. זי ליגט אין שויס פון די בערג און זי דראַפּעט זיך באַרג אַרויף. די גאַסן דרייען זיך ווי שלענג און זיי פאַרדרייען זיך אַזוי, אַז אָן דעם באַגלייטער קריגט מען מורא צו גיין, מ׳קען זיך פאַרדרייען אין אַ לאַבירינט אַריין און זיך נישט אַרויסדרייען. ערטערווייז זיינען אינ־גאַנצן קיין גאַסן נישט פאַראַן און די הייזער באַהאַלטן זיך סתם אין ווינקלען, שפּאַלטן און גריבער.

און אַ מוראדיקער רויש באַגעגנט אונדז אין דער דאָזיקער שטאָט. אין די גאַסן זיינען פּראָפּאָרציאָנעל פאַראַן מער מענטשן ווי עס זיינען פאַראַן אין די גרעסערע שטעט פון דער וועלט. עס איז בפועל ממש נישטאָ וווּ צו רירן זיך. מען געפינט קוים פּלאַץ ווו אַנידערצושטעלן דעם אויטאָ, וואָס האָט אונדז אַהין געבראַכט. און די מענטשן, וואָס באַוועגן זיך דאָ, זיינען טאַקע אייראָפּייער און אַמעריקאַנער. זיי זיינען טוריסטן. ישראל־ניקעס טרעפט מען דאָ זייער זעלטן, זיי זאָגן, אַז ס׳איז נישט פאַראַן וואָס צו זען. און די דאָזיקע, וואָס זעען אויס ווי אָרטיקע, באַפאַלן די טוריסטן מיט אַלערליי סחורות. זיי לייגן זיי פאָר געווירצטע מאכלים, פּיקאַנטע און זיסע. די אָריענטאַלע ריחות קיצלען אין די נעז און רופן אַרויס אַ ניסעכץ. נאָך קיינמאָל, דאַכט מיר, אין מ׳יין לעבן האָב איך נישט געהערט אַזאַ ניס־סימפאָניע ווי אין נצרת, די שטאָט ווו ישו האָט זיך געכאַוועט. און זיי לייגן פאָר אַלערליי בילדער און מעדאַליען, וואָס שטעלן פאָר היי־ליקע פּלעצער. אין באר־שבע, אָדער עכו, לייגן דיר אַראַבער פאָר אויך וועלטלעכע, אָדער אַפילו טריפהנע, בילדער, דאָ איז אַלץ הייליק. און מען הערט אַלע מאָל אַ געקלאַנג פון קלויסטער־גלאָקן. דער קאָפּ ווערט דיר פול מיט אַ מוראדיקן הייליקן טומל. די פאַרקויפער זיינען מער קליינוואַרג, ווי דערוואַקסענע. זיי זעען אויס ווי גרינע זשאַבקעלעך, דריי פערטל נאַ־קעטע און זיי קוואַקן אין אַלערליי שפּראַכן. זייער שפּראַך איז אַראַביש און אַביסל העברעיִש קענען זיי, נאַטירלעך, אויך, אָבער זיי האַלטן, אַז די טוריסטן קומען אַלע פון נאָרד־אַמעריקע און זיי פּלאַפּלען ענגליש.

אָבער ווען מען רעדט פראַנצויזיש, שפּאַניש און אַפילו רוסיש און רומע־ניש געפינען זיך אויך אַזעלכע, וואָס ענטפערן.

— וואָס קוקט מען דאָ?

— צו הערן איז דאָ מער פאַראַן ווי צו זען. די טוריסטן גייען זען קלויסטערס. די קריסטלעכע טוריסטן האָבן צעטלען פון קלויסטערס. די קאַטוילישע זוכן די קאַטוילישע געבעטהייזער, די פּראָטעסטאַנטן — די פּראָטעסטאַנטישע. פאַראַן, נאַטירלעך, אויך פּראַוואָסלאַווע קלויסטערס, אָבער אויף זיי פרעגט קיינער נישט. אפנים, אַז פון רוסלאַנד קומט אַהער קיינער נישט. כאָטש נעם און פאַרשטעל זיך פאַר אַ פּראַוואָסלאַוונעם און פרעג זיך נאָך אויף די רוסישע קלויסטערס...

...און מען שפּאַנט. גאַנצע מחנות שפּאַנען. עס געפינען זיך וועגוויי־זער, וואָס ריידן אין עטלעכע שפּראַכן אויף אַמאָל און זיי פאַרמירן פּיל־שפּראַכיקע גרופּעס, נעמען באַצאָלט פּראָ־קאָפּ, וואָס גייט טיילווייז פאַר די קלויסטערס, וואָס מען וועט זען און טיילווייז פאַר די פירער. און טאָ־מער געפינען זיך טוריסטן, וואָס פאַרשטייען נישט קיין איינע פון די שפּראַכן, אין וועלכע די וועגווייזער דערקלערן, געפינט זיך שוין עמיצער, וואָס זעצט איבער.

פון אַלץ וואָס איך האָב געזען אין נצרת, איז מיר פאַרבליבן אַ כאַאָס פון לאַבירינטישע גאַסן, גאַסנלאַזיקייטן, הייזער אויף בערג און אין שפּאַלטן, אַ געמיש פון זיסע און ביטערע געווירצטע ריחות, קלויסטער־גלאָקן־געקלאַנג, טשאַד פון ברענענדיקע קאַניצן און ליכט אין די קלויס־טערס, געטומל אין אַלע שפּראַכן, טונקלהויטיקע פאַרקויפער פון הייליקע זאַכן, שאַרפע מאכלים, עקזאָטישע געטראַנקען, וואָס זיינען אָדער גאָר אַלט, אָדער קינדער און אַ הויז, ווו מאַריאַ, גאָטס מאַמע, האָט זיך באַ־האַלטן איניינעם מיט אירע עלטערן. דאָס הויז זעט אויס ווי אַ גרוב, כאָטש עס איז אַרומגעקאַלכט און כאָטש עס גלייבט זיך נישט, אַז ס׳איז טאַקע אַלט אַ צוויי טויזנט יאָר, גיט דאָס דאָך אַ פאַרשטעלונג, ווי אַזוי מענטשלעכע דירות האָבן אויסגעזען אין יענער צייט. די געלעגערס זיינען אינעווייניק אין דער וואַנט און אין אַלץ איז פאַראַן שטימונג פון שרעק. דו פילסט, אַז נישט האָט מען דאָ געוווינט, נאָר מ׳ען האָט זיך דאָ באַ־האַלטן. די צימערן זעען אויס ווי לעכער. און סיי ווען דו גייסט אַראָפּ און סיי ווען דו גייסט אַרויף, פילסטו, אַז דו הערסט אַ קלאַנג פון נאָכיאָגער. פרומע קריסטן גלייבן באמונה שלימה, אַז דאָ האָט טאַקע געוווינט צוריק

מיט אַ 1955 יאָר מרים גאָטס מאַמע, אײנײנעם מיט אירע עלטערן, איר מאַן און איר צװײ־יאָריקן זון, װאָס האָט געדאַרפט װערן נישט װײניקער װי גאָט...

כאָטש נצרת איז פול מיט הייליקייט, האָט יעדער פון אונדז געפילט, אַז די קעשענעס דאַרף מען דאָ היטן. אָבער אָרדענונג איז דאָרט פּאָרט פאַראַן. מדינת ישראל האָט אויסגעלערנט די מלאכה פון אײנשטעלן דיסציפּלין. די פּאָליציי באַשטײט דאָ טאַקע פון אַראַבער, אָבער דאָס אויג װאָס גיט אַכטונג איז אַ ייִדישס. װען אין װאָס פאַר אַן אַנדער לאַנד, פון מיטל־אַזיע, אָדער אַפריקע, װאָלטן אויף אַזאַ קלײן פּלאַץ געװען אַזוי פיל טוריסטן אויף אײן מאָל, װאָלטן פאָרגעקומען שװינדלערייען און גניבות פון אויסערגעװײנלעכן פאַרנעם און אפשר אויך געשלעגן און פּאַרמעסטן צו פאַרברעכן. און דאָ איז בלויז אַ רויש, אָבער קײן אומאָרדענונגען זײנען נישט פאַראַן. הנה לא ינום ולא יישן. עס שלאָפט נישט און עס דרימלט נישט דער ייִד, װאָס היט די אָרדענונג אין דער שטאָט, װוּ ישו איז געװאַקסן און געהאַלטן זײנע ערשטע דרשות אין דער ייִדישער שיל... און מיר האָבן געהערט װי קריסטן האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי די גײסטלעכע, צי די ייִדן באַװוּלהן דאָ חלילה נישט די קריסטן און די הייליקע ערטער און דער ענטפער איז כסדר געװען, אַז הלװאַי װאָלטן די מאַכמעדאַנער אַזוי רעספּעקטירט יענעמס גלויבן, װי די ייִדן רעספּעקטירן. און אויף דעם געדאַנק איז געקומען דער גאַנג פון די צלם־טרעגער אַהער, אײן מאָל, צװײ מאָל און דרײ מאָל. איבער טײכן ייִדיש בלוט איז יענער גאַנג געװען. װער זשע װעט נעמען פירן אַלטע חשבונות? אָבער מאָדנע איז, װאָס קריסטלעכע גלײביקע קומען אַהער זען די אַלע פּלעצער, װאָס זײנען באַטראָטן געװאָרן פון די פיס פון זײער גאָט און די ייִדישע רעגירונג דערציט אַראַביש־קריסטלעכע פּאָליציי אַזוי, אַז זי זאָל האַלטן אָרדענונג און נישט לאָזן באַװוּלהן נישט דעם גלויבן און נישט די גלײביקע...

מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין טאָל און מיר װערן באַפרײט פון דעם צו־שטאַרקן טומל און פון די שאַרפע ריחות און דער כביש (שאָסיי) שלענגלט זיך דאָ שיפּועדיק און געפערלעך. אײן ריר אַ שלעכטן און דער אויטאָ װערט צעשמעטערט און די פאַרשװינען ברעכן רוק און לענד. אַרום און אַרום זײנען דאָ פאַראַן ייִדישע ישובים, װאָס בלענדן מיט זײער בליענדיקײט און דיסציפּלינירטקײט. לינקס אַהין שטײט אַ הױכער באַרג און אַ קײלעכדיקער, װי אַ ברויט. ער דערמאָנט טאַקע אַביסל אין דעם „צוקער־

היטל״ (פאַן דאָ אַסוקאַר), וואָס מען זעט אין ריאָ דע זשאַנעירא, די הויפּטשטאָט פון בראַזיל. דאָס איז דער באַרג תבור (טאַוואָר, אָדער טאַ־באָר), וואָס קוקט, דאַכט זיך, אויף דעם עמק מיט זיינע יידישע ישובים און ער האָט הנאה פון זיי, כאָטש ער אַליין האָט אַ ריזיקן קלויסטער מיט אַ קאָנווענט אויף דעם סאַמע שפּיץ.

אַ קלויסטער און אַ קאָנווענט אויף דעם שפּיץ תבור... שטיי, איך האָב שוין גאָרנישט צו זאָגן מיט אָט דעם באַרג, אויף וועלכן איך האָב אין משך פון מיינע דריי באַזוכן אין ישראל געקוקט הונדערטער מאָל? מיר דאַכט זיך, אַז ווי איך זאָל נישט געווען פאָרן, האָט דער דאָזיקער קיילעכדיקער באַרג געקוקט אויף מיר און איך האָב געקוקט אויף אים. יאָ, דבורה הנביאה האָט דאָך אויף דעם דאָזיקן באַרג געפירט מלחמה מיט סיסראַן, דעם קאָמאַנדאַנט פון יכינען, דעם קעניג פון כנען. יענער קעניג האָט געהאַט ניין הונדערט אייזערנע רייטוועגענער און ער האָט שטאַרק געפּלאָגט די ייִדן און דבורה, אַ פרוי אַ נביאה, די פרוי פון לפידות, וואָס האָט געמשפּט אין ישראל אין יענער צייט, האָט געשיקט צו ברק בן אבי־נועם, אַז ער זאָל גיין אין מלחמה אויף סיסראַן, ווייל גאָט האָט אים איבערגעגעבן אין זיינע הענט און ברק האָט געענטפערט, אַז אויב זי וועט גיין, וועט ער אויך גיין, אויב נישט, וועט ער נישט גיין און זי האָט אים געענטפערט, אַז זי וועט גיין, אָבער דער כבוד וועט נישט זיין זיינער, ווייל אין די הענט פון אַ פרוי וועט גאָט האָבן איבערגעגעבן סיסראַן.

און מיר פאָרן אַרויף אויף דעם באַרג תבור. דער באַרג איז נישט אַזוי הויך, ווי שיפּועדיק ס׳איז דער וועג צו אים. און כאָטש דער שאָפער איז אַן אומגעהייערער בריה און ער פאָרט פּאָרזיכטיק, האָבן מיר דעם געפיל, אַז מיר פאָרן אויף עפּעס אַ שאַרף און די פרוי מיינע קוקט אַלע־מאָל מיט שרעק אי אַרויף, אי אַראָפּ. עס איז אַ וועג וואָס דרייט זיך נישט אַרום און אַרום, נאָר וואָס קריכט גלייך אַרויף... און דער אויטאָ דראַפּעט זיך טאַקע, גלייך ער וואָלט געקראָכן איבער אַ גלייכער וואַנט. אונטן קוואַלט דאָ אַרויס דער טייך קישון, וואָס ציט זיך אַוועק איבער דעם עמק יזרעאל און ער פאַלט אַריין אין ים ביי עכו. „תבור״ מיינט אויף אַראַמיש אַ צעבראָכענער, אַזוי ווי „שבור״ אויף העברעיִש. אייניקע מיינען, אַז דאָס מיינט זיין איזאָלירטקייט, זיין אָפּגעבראָכנקייט. ער האָט נישט קיין פאַרבינדונג מיט קיין אַנדערע בערג, כאָטש נישט ווייט איז דער באַרג „מוריה״, אָבער ער איז נישט געקייטלט מיט אים. אַנדערע מיינען, אַז

דאָס וואָרט איז געשריבן פאַרגרייזט און עס האָט געדאַרפט זיין טבור (אַ פּופּיק), ווייל ער זעט אויס ווי אַ פּופּיק.

...און דער אויטאָ פאָרט אַרויף, אַרויף. נישט מער ווי עפּעס אַריבער 560 מעטער איבער דעם ים־ניוואָ האָט ער, אָבער עס דאַכט זיך, אַז מען פאָרט אָן אייביקייט. די שרעק האָט גרויסע אויגן און זי מאַכט די צייט לאַנג. פאָרנדיק אַזוי טויכט אין מיר אויף די גאַנצע געשיכטע ווי אַזוי גאָט האָט צעטומלט סיסראַן (ויהם ה׳ את סיסרא), וואָס האָט אַראָפּגעני־דערט פון זיין רייטוואָגן און ער איז אַנטלאָפן צופוס און ברק האָט נאָכ־געיאָגט די רייטוועגענער. איך האָב גענומען הערן דאָס געזאַנג פון דבורהן, פריער מיט מיין רבין דניאלס קול און דערנאָך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער דבורהן אַליין, איר קול קלינגט מיר דירעקט:

איר האָנט האָט זי אויסגעשטרעקט צום פּלעקל
און איר רעכטע האָנט צום אַרבעטס־האַמער
און געהאַמערט סיסראַן, צעקלאַפּט זיין קאָפּ,
און געלעכערט און דורכגעהאַקט זיין שלייף.
צו אירע פיס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט,
געפאַלן, געלעגן,
וו זיך אַראָפּגעלאָזט, דאָרט דערהרגעט געפאַלן.
דורכן פענצטער האָט געקוקט און געיאָמערט
דורך דער פאָרטקע, די מוטער פון סיסראַן,
וואָס זאַמט זיך זיין רייטוואָגן צו קומען?
וואָס שפּעטיקן זיך די טריט פון זיינע געשפּאַנען?
די קלוגע פון אירע שררהטעס ענטפערן,
יאָ, זי אַליין ענטפערט זיך:
פאַרוואָס, זיי געפינען, זיי טיילן דעם רויב,
אַ מיידל, צוויי מיידלעך פאַר יעדן מאַן,
רויב פון פאַרבן פאַר סיסראַן,
רויב פון פאַרבן געשטיקטע...
פאַרבשטיקערייען פאַרן רויבמאַכערס האַלדז.

און אַזוי ווי אַלעס זינגט אין מיר, דערמאָן איך זיך, אַז צוריק מיט אַכט יאָר, ווען איך בין געווען אין ישראל און אַלע אַראַבער האָבן פאַר־פירט מלחמה קעגן די יידן, האָבן זיי אויך אַרויסגעקוקט צו קריגן צווישן רויב די שיינע יידישע טעכטער, און דעמאָלט אין דבורהס צייט, פּונקט ווי אין גאָלדעס צייט, האָט זיך געענדיקט מיט אַ — כן יאבדו כל אויביך, ה׳. אַזוי זאָלן אונטערגיין אַלע דיינע פיינט, גאָט!

פאַראַן אַ שטימונג אַזאַ אין יענע געגנטן, אַז אויף די שפּיץ־בערג דאַרף מען מאַכן געבעט־הייזער. פאַראַן גמראס וועגן דעם. ווען גאָט האָט זיך געקליבן געבן די תורה אויף דעם באַרג סיני, זיינען געקומען די בערג כרמל און תבור און געבעטן, אַז מען זאָל אויף זיי געבן די תורה און גאָט האָט זיי צוגעזאָגט דאָס צו געדענקען. און אויף דעם באַרג תבור האָט ער דורך דבורהן געזאָגט „אנכי״ — דאָס וואָרט, מיט וועלכן עס הייבן זיך אָן די עשרת הדברות, די צען געבאָט... אָבער היינט איז דער תבור פאַרנומען מיט אַ קלויסטער און מיט אַ קאָנוועגט. און מען פירט אונדז זען די פאַרשידענע בילדער, וואָס ווייזן ווי אַזוי ישו האָט אויף דעם באַרג געקראָגן גילוי אליהו און למאַי זאָל איך לייקענען? עפּעס קלעפּט זיך ביי מיר נישט דער צוזאַמענבונד צווישן ביידע. איך האָב נישט נאָר שלום אַשן געלייענט, איך האָב אויך געלייענט דעם העברעישן שרייבער א. א. קאבאק, וואָס שילדערש ישון ווי אַ יידישן רבין. און ד״ר יוסף קלויזנער, דער אָביעקטיווער געלערנטער, דער גרעסטער היסטאָריקער פון קריסטנטום, וואָס איז אַ פרומער ייד און ווייזט דאָך ישון ווי אַ נביא, נישט אַזאַ גרויסן ווי ישעיה און עמוס, אָבער אַ נביא... און וואָלטער, דער גרויסער פראַנצויזישער שרייבער, וואָס האָט אַזוי פיינט יידן, אַז ער האָט פיינט דעם גוישן גאָט, וואָס איז אַ ייד, זאָגט, אַז ער איז אַ נביא און די גלחים האָבן אים אַרומגערינגלט מיט פאַנטאַסטישע מעשיות... אָבער אליהו הנביא איז פאַר מיר דער בשורה־ברענגער צו יידן אין די ערגסטע צייטן און אין נאָמען פון ישון, וואָס זיין באַרג־דרשה איז איינע פון די שענסטע און מענטשלעכסטע דרשות, האָט מען דורך דורות און דורות געקוילעט יידן... איך האָב פאַרצייכנט כמעט אַלץ, וואָס איך האָב געזען אין קלויסטער, כאָטש בכלל מאַך איך ווייניק פאַרצייכענונגען. דאָס דאַזיקע, וואָס איך דאַרף בלייבט ביי מיר אין געמיט לעולם ועד. אָבער איך געפין נישט פאַר נייטיק צו דערציילן די פרטים. אַ קלויסטער, וואָס ווייזט ווי אַזוי ישו איז געוואָרן גאָט און ווי אַזוי דער יידישער בשורה־ברענגער אליהו הנביא האָט זיך אים אַנטפּלעקט און... ניין. באַשרייבן קלויסטערס איז נישט מיין פאַך. איך בין פאַרבליבן יענקל אברהם שוחטס...

...און אָט זיינען מיר ביים צפון־מערב ברעג פון כנרת. ערגעץ אַהין איז כנרת, דער קבר פון דער דיכטערן רחל, פון בעדל קאַצענעלסאָן, מיר פאָרן אין דעם פלאַץ, וווהין יעזוס איז אַ פאַר מאָל אַנטלאָפן, ווען זיינע

רייד האָבן אויפגערעגט די צוהערער אין נצרת און מען האָט אים פון דאָרט פאַרטריבן. לויט יידישע מקורות איז כפר נחום געווען אַ דערפל. אין דער נאָענט דאָרט זיינען פאָרגעקומען בלוטיקע מלחמות. לויט די קריסטלעכע מקורים איז כפר נחום געווען אַ גרויסע שטאָט. דאָ האָט יעזוס געדאַוונט, דאָ האָט מען אים אַרומגערינגלט צו הערן גאָטס וואָרט. דאָ האָט ער געמאַכט, אַז אַ געליימטער זאָל זיך אויפהייבן און גיין. אין נצרת האָט ער דאָס דאָזיקע נישט באַוויזן, ווייל, האָט ער געזאָגט, קיינער איז נישט קיין נביא אין זיין שטאָט... דאָס אַמאָליקע כפר נחום איז אָפּגעווישט געוואָרן, מען האָט רעסטאַבילירט, אָדער פון ס׳ניי אויפגעבויט פון שטיינער, וואָס מען האָט געפונען... דאָ מישט זיך אויס יידישקייט מיט קריסטלעכקייט, דאָ איז פאַראַן אַ יידישע שיל, אָבער מיט צלמים...

דאָ איז נישט אַזוי שטיל ווי אויף דעם באַרג תבור, אָבער נישט אַזאַ טומל, ווי אין נצרת. דאָ איז אָרגאַניזירט. מען גייט אַריין אינעווייניק דורך אַ טויער. אַ גלח רעדט דאָ העברעיש און ער שמייכלט צו אַלע און ער האָט אַ כיטרען אויסזען, דריקט אויס צופרידנקייט מיט מלכות ישראל. און מענטשן שטראָמען אַהער, כחול הים... פון אַלע עקן וועלט מענטשן זעט מען דאָ...

נו, וועדליק יאַנקל אברהם שוחטס פון קיליע, וואָס האָט געלערנט אין שלום פערלמוטערס ישיבה אין קעשענעוו, האָב איך אייך שוין געגנוג „געקריסטלט". עס בלייבט איבער צו ווינטשן, אַז אַלע קריסטן זאָלן אַזוי טאָלעראַנט זיין צו אַנדערש גלייביקע, ווי מדינת ישראל איז טאָלעראַנט צו די קריסטן און ווי ערלעך זי האַלט די אַלע הייליקע קריסטלעכע פלעצער. מען זעט אין דער דאָזיקער געגנט ממש אַ מוסטער פון דעם שלום, וואָס ישעיה הנביא האָט אָנגעזאָגט.

די פונקען פון ירושלים

וויפל מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ירושלים בעת מיינע דריי באַזוכן אין ישראל — און געווען בין איך דאָרט אַ סך מאָל — אַזוי פיל מאָל האָב איך געפילט אַ שטאָך אין האַרצן:

ס׳איז דאָס נייע ירושלים.

נישט דאָס דאָזיקע ירושלים, וואָס איז אַלט אַריבער פיר טויזנט יאָר און האָט דעם פאַרהייליקטן כותל המערבי, דעם באַרג מוריה, אויף וועלכן עס זיינען געבויט געוואָרןביידע בתי־המקדש, און עס האָט נאָר דוויד המלכס קבר, די שיל פון יוחנן בן זכאי, וווּ עס ליגט אין אַ ווינקל אַ קריג בוימל און אַ שופר, וואָס מ׳זאָגט, אַז זיי זיינען ביידע פון בית המקדש און מ׳טאָר זיך צו זיי נישט צורירן. אויף דעם שופר, וואָס איז דאָרט באַ־האַלטן, וועט, זאָגט מען, בלאָזן משיח אַליין...

ס׳איז אַ ירושלים, וואָס מען האָט אָנגעהויבן בויען ערשט צוריק מיט 97 יאָר. אין יאָר 1860 האָט מען מיט דער הילף פון משה מאָנטעפיאָרע אָנגעהויבן בויען אַ קליין ישובל, ביים יפוער טויער פון אַלט ירושלים און דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן די גאַס יפו, וואָס איז דער הויפּט־אָדער פון נייעם ירושלים.

ס׳איז אַ ירושלים, וואָס געפינט זיך פון יענער זייט פון די דריי מויערן, וואָס רינגלען אַרום די אַלטע שטאָט און וואָס האָט ווייניק שייכות מ׳יט די אַלע פסוקים, מאמרים, מדרשים און לעגענדעס, וועלכע זיינען פול מיט ירושלים.

דאָס אַלטע ירושלים איז נישט שטענדיק געווען ביי יידן און איז נישט גרינג אָנגעקומען די יידן. ווען יהושוע האָט אַריינגעפירט די יידן קיין ארץ־ישראל, האָט ער, ווערט דערציילט אין פופצנטן קאַפּיטל פון „יהושוע״, נישט געקענט פאַרטרייבן דעם יבוסי, וואָס איז דאָרט געבליבן ווױנען. ערשט אין אָנהייב פון די שופטים האָבן די יידן איינגענומען די שטאָט און דאָס איז זיי דעמאָלט זייער שווער אָנגעקומען. זיי האָבן די שטאָט געדאַרפט אָנצינדן, פונקט ווי די רוסן, נעפּריטשקעם, האָבן דאָס געטאָן מיט מאָסקווע פאַר נאַפּאָלעאָנען. די מענטשן, ווערט דערציילט אין

„שופטים", האָבן זיי געשלאָגן מיט דעם שאַרף פון דער שווערד און „די שטאָט האָבן זיי אַוועקגעלאָזט מיט פייער". דוויד המלך האָט געבויט ירושלים און שלמה האָט דאָרט אויסגעבויט דאָס בית־המקדש און די שטאָט געמאַכט פאַר דעם צענטער פון יידישקייט און אַלע יידישע הערצער.

און עס זיינען געקומען חורבנות נאָך חורבנות. די רוימער האָבן דאָך שוין גערופן ירושלים מיט אַן אייגענעם, אַ לאַטייניש נאָמען פון זייער אַ גרויסן גאָט. און דאָך זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז קיין איין טאָג איז ירושלים נישט געבליבן אָן יידן. און די דאָזיקע יידן, וואָס זיינען נישט געווען דאָרטן, זיינען דאָך אויך געווען דאָרטן. אַז אַ ייד איז געשטאַנען שמונה עשרה אין גלות, האָט ער מכוון געווען קיין ארץ־ישראל, האָט אַ ייד זיך געפונען אין ארץ־ישראל, האָט ער מכוון געווען ביים שטיין שמונה־עשרה קיין ירושלים און עס איז אויסגעקומען, אַז אַלע יידן האָבן זיך געצויגן צו איין פּלאַץ. באַלד אין ערשטן גלות האָבן יידן געשוווירן: „אש אשכּך, ירושלים, תשכּח ימיני", אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָלסטו פאַרגעסן מיין רעכטע האַנט. די תפילות זיינען אַלע דורכגעוועבט מיט דער בענקשאַפט נאָך ירושלים. גאָט אַליין ווערט אָנגערופן „בונה ירושלים", דער בויער פון ירושלים. אויף אַלע לשונות האָבן יידן געזונגען מיט בענקשאַפט נאָך ירושלים — אויף לשון קודש, אַראַמיש, אַראַביש, אויף לאַטיין, אויף יידיש, רוסיש, פויליש, רומעניש.

און אַ מערקווירדיקע זאַך: דווקא זייט דער גרינדונג פון דער מדינת ישראל איז דאָס אַלטע ירושלים אויסגעליידיקט פון יידן. קנאַפּע ניין יאָר וויינען נישט יידן אום תשעה באב ביים כּותל המערבי און יידן דאַוונען נישט אין אליהו הנביאס חדר, ר' יוחנן בן זכּאיס שיל.

אויף דער דריטער וואָך נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל האָבן יידן פאַרלאָזט אַלט־ירושלים. אין אַ פּריוויט בייטאָג איז דאָס אומגליק געשען. אין תל־אביב בין איך דעמאָלט געווען און דורך ראַדיאָ האָב איך דעמאָלט געהערט בן־גוריונס רוף זיך נישט מיאש זיין. ווער האָט דעמאָלט נישט געוויינט? אָבער מייאש געווען האָט זיך אויך קיינער נישט.

און אפשר איז געווען אַ געדאַנק אין דער טראַגיק פון מוזן אַוועקגעבן אונדזער ירושלים די יאַרדאַניער! אַ מדרש זאָגט, אַז ירושלים וועט נישט אויפגעבויט ווערן, ביז וואַנען אַלע גלותן וועלן נישט צונויפגעזאַמלט ווערן. ווער עס וועט דיר זאָגן, אַז די גלותן זיינען זיך צונויפגעקומען און ירושלים איז נישט געבויט געוואָרן זאָלסטו נישט גלייבן. שרייט דער גורל,

אַז ס'איז נאָך נישט פאַרענדיקט. אַ סימן: אַט איז ירושלים נישט ביי אונדז. הייסט דער גורל, אַז די ייִדן פון ישראל זאָלן דאַרפן פונקט ווי אַלע ייִדן פון די תפוצות זאָגן אין די וויכטיקסטע מאָמענטן: „לשנה הבאה בירושלים"...

און דאָך — איז דאָס נייע ירושלים — ירושלים. און דאָך איז דאָס נייע ירושלים אַלט נישט בלויז אַזויפיל וויפל די הייזער זיינען דאָרט אַלט. מען פילט אויך דאָרט דעם אָטעם פון טויזנטער יאָרן. אין קאָרידאָר פון ירושלים, אויף די יהודה־בערג פון אַרום, הערט מען דעם אָפּקלאַנג פון די רייד פון די נביאים. און פונקט ווי דער נביא האָט געזאָגט וועגן דער מוטער רחלס קבר: קול ברמה נשמע, אַזוי דאַכט זיך, אַז דער זעל־ביקער נביא ווייזט אָן אויף דעם קול, וואָס מען הערט אויף דעם הערצל־באַרג. דאָס קול רופט. נישט אַלע פאָלגן, טאַקע כמעט אַלע פאָלגן נישט, אָבער דאָס קול רופט...

און דאָס נייע ירושלים אַליין איז שוין אויך געשיכטע. יעדער שפּאַן איז דאָ היסטאָריע. די נייסטע געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. עס איז גע־שיכטע דער פרומער קוואַרטאַל מאה שערים מיט די פרומע ייִדן פון אַלע עקן וועלט, וואָס צעחושן דיך מיט זייער פאַרשיידנקייט, אין שפּראַכן, מנהגים, קליידער, נוסחאות. עס איז געשיכטע דער הויף, וווּ עס געפינען זיך דער קרן־קימת, קרן־היסוד און די ייִדישע אַגענץ, וווּ דו הערסט בפועל ממש צענדליקער שפּראַכן. אַז דו הערסט דאָרט ענגליש, פראַנצויזיש, רוסיש, דייטש, פויליש, רומעניש, אַראַביש, חידושסטו זיך נישט. דו הערסט דאָרט אויך איטאַליעניש, שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש. און העברעיִש און ייִדיש זיינען דער צענטער און דער נערוו צווישן די אַלע שפּראַכן. דו טרעפסט דאָרט אָן אַ שיעור ספרדים, וואָס ריידן אַ זאַפטיקן ייִדיש, אַראָבער ממש, וואָס ריידן העברעיִש, אי ייִדיש. ס'איז געשיכטע דער בצלאל, די שול און מוזיי פאַר מאָלעריי, סקולפּטור, פּיראָגראַווור און אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט פּלאַסטישער קונסט. און עס איז געשיכטע די כנסת, דער פּאַרלאַמענט פון דער מדינה, וואָס געפינט זיך אין דער סאַמע מיט פון דעם עלטערן און נייערן טייל אין נייעם ירושלים און האָט ביי דער זייט אַ קליינע הייל, מיט אַ גרויסער מנורה, וואָס נאָרד־אַמעריקאַנער פּאַרלאַמענטאַריער האָבן געשיקט אַ מתנה זייערע ייִדישע קאָלעגן.

עס איז געשיכטע דער ירושלימער אוניווערסיטעט, וואָס איז געבויט געוואָרן אין דער מיט צווישן אַלט און ניי ירושלים און וואַנדערט עד־היום

און האָט נישט קיין פעסטן מקום מנוחה, אין וועלכן עס לערנען אויף העברעיִש פון איין זייט גרויסע קענער פון העברעיִש און פון דער אַנדע־רער זייט פּראָפעסאָרן, וואָס קענען עברית אויף דעם שפּיץ מעסער און זיי מוזן האָרעווען מיט אַלע איברים, בכדי צו קענען איבערצייגן די סטודענטן, צווישן וועלכע עס פעלן אויך נישט אַזעלכע, וואָס באַלד ווי זיי ענדיקן דאָס לערנען, נעמען זיי ריידן אין אַן אַנדער לשון.

עס איז געשיכטע דער „יד ושם" אויף דעם באַרג אַרויף, וואָס פאַר־אייביקט דעם הייליקן אומקום פון די זעקס מיליאָן ייִדן און די רשעות פון זייערע שכנים און עס איז געשיכטע דער מיליטערישער בית־עולם, וואָס פאַראייביקט אַלע אומגעקומענע אין קאַמף פאַר דעם לאַנד און באַ־זונדער אין אומאָפּהענגיקייט־מלחמה.

עס איז געשיכטע די גאַנצע סעריע בנינים, וואָס הייסן „בנייני האומה" (פאָלקס־בנינים), וואָס איז נאָך נישט פאַרענדיקט און ווו עס זיינען שוין פאָרגעקומען היסטאָרישע פאַרזאַמלונגען און דער 24טער ציוניסטישער קאָנגרעס.

עס איז געשיכטע דער הדסה־שפּיטאָל... עס איז געשיכטע יעדער שפּאַן אין די פאַרשיידענע שכונות־שטעטלעך, וואָס שטעלן צונויף דאָס נייע ירושלים, ווו עס געפינען זיך אויסער ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, די גאַנצע אַנפירערשאַפט מיטן ציוניזם און אַלע זיינע צווייגן און אָרגאַניזאַציעס. אין די אָרגאַניזאַציעס זיצן מענטשן, וואָס האָבן אַ שם אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט און ווען זיי קומען ערגעץ־ווו, ווערן זייערע נעמען צע־פּויקט און דאָרט זיינען זיי אַריינגעטאָן אין אַרבעט און זעען אויס גרוי און פאַרפּראָשעט און זיי דאַרפן יוצא זיין פאַר אַזויפיל געסט, אַז יעדער מוז האָבן טויזנט קעפּ. עס איז געשיכטע יעדעס הויז, ווו עס וווינט אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר, אַן אָנגעזעענער מיליטערמאַן...

עס איז געשיכטע דער נישט־ייִדישער טייל פון נייעם ירושלים. אויף דעם וועג צו דער פרומער געגנט מאה שערים, גייסטו דורך אַ גאַס, וואָס הייסט רחוב החבשים — כּאַוואַשים — אַביסיניער — ווו עס וווינען אַבי־סיניער קריסטן, וועלכע האָבן אַ סימבאָל אַ לייב, וואָס זאָל נאָך שטאַמען פון דער צייט, ווען די מלכה שבא האָט באַזוכט ירושלים און זיך פאַר־ליבט אין שלמה המלך.

און ס'איז שוין אוודאי און אוודאי געשיכטע דער קבר פון די סנהדרין, וואָס איז אַ הייל מיט אויסגעהאַקטע געוועלבן, אין וועלכע עס זיינען

אַריינגעשטעלט געוואָרן שטיינערנע קאַסטנס מיט די ביינער פון די נפטרים. דער טויער פון יענער הייל שטאַמט פון ערשטן יאָרהונדערט. מען זאָגט, אַז ס׳זיינען דאָרט פאַראַן 71 „כוכים״ (געוועלבן, „באָוועדאָס״) און דאָרט ליגן די רעשטן פון די 71 סנהדרין. פאַראַן דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן, אַז שוין אין יאָר 1225 זיינען ייִדן געגאַנגען אַהער אויף קבר אבות.

ס׳איז געשיכטע דער גאַנצער מאה שערים און דער אַרום. אָט ביסטו ביי בוכאַרער ייִדן, וואָס שטאַמען, דאַכט זיך, פון צוריק מיט טויזנט יאָר. זיי זיינען עקזאַלטירטע און ברוטאַלע. זיי טאַנצן מיט אַ סך ברען און שלאָגן מיט התלהבות די ווייבער. פאַראַן שולן פון קורדישע ייִדן, וואָס ריידן תרגום־לשון. שולן פון תימנער, אַפגאַנער און אין דער נאָענט — אַ שול פון באַפרייטע סאָלדאַטן, וואָס באַשטעטיקט, אַז די פרומע האָבן זיך שטאַרק באַטייליקט אין דער באַפרייאונגס־מלחמה.

און די שולן פון אונגאַרישע ייִדן, סלאָוואַקישע, בעסאַראַבישע, רומענישע, גאַליציאַנישע, רוסישע און אוקראַינישע ייִדן שמעקן אויך מיט געשיכטע און פאַרגאַנגענהייט. מען רעדט דאָ און מען זינגט און מען קלאָגט זיך און מען טאַנצט און מען דאַוונט, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. זעסט דאָ ייִדענעס מיט שייטלען, וואָס אַז דו קוקסט זיך צו צו זיי, זעען זיי אויס ווי קליינע מיידלעך און זיי זיינען דאָס טאַקע. זעסט שטערנטיכלעך, קליידער מיט זילבעראַפּוצונגען, מיט בראָקאַט... דיר דאַכט זיך, אַז דו ביסט אין אַ מוזיי... און אויך דאָ זיינען פאַראַן גאונים, אייזערנע קעפּ, חריפים און בקיאים, וואָס האָבן אַ שם אין דער וועלט.

און די לופט איז דאָ די זעלביקע, וואָס אין אַלט ירושלים. שטענדיק ציטערט דאָ עפּעס און פלאַטערט. אַ באַרג־לופט, וואָס איז פול מיט אַ שטימונג פון שרעק, טרויער און האָפענונג. און גיסטו אַ גיי אַרויס אויסער דער נייער שטאָט און דו גייסט איבער די בערג מיט די שטיינער און איבער די ימים מיט זאַמד, הערסטו די רייד פון די נביאים; רייד, וואָס געהערן צו די שענסטע און דערהויבנסטע, וואָס מענטשן האָבן אַמאָל געזאָגט און זיינען דער אויסדרוק פון די שענסטע חלומות, וואָס דער מענטש האָט ווען געזען און דיר גלוסט זיך זינגען פאַרשידענע קאַפּיטלען תהילים און בעטן און וויינען און זינגען און זיך פרייען און טאַנצן ביז משוגעת. דו ווערסט דאָרט אַלט ווי די וועלט. דיר הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז דו אַליין ביסט דאָ געווען מיט יהושוען און מיט דווידן און

מיט צדקיהון... און אַט ווי דו ווערסט אַלט, ווערסטו אויך יונג, דאָרט זייענדיק, דיר דאַכט זיך, אַז דו וועסט און מוזט דערלעבן די צייט, וואָס ישעיה האָט פאָרויסגעזען, ווען פאָלק צו פאָלק וועט נישט הייבן קיין שווערד און זיי וועלן צעשטויסן זייערע שווערדן אויף לאָפּעטעס. טאַקע, ווייל דו לעבסט אין דער אַטאָמישער עפּאָכע, טאַקע, ווייל עס גייט דאָרטן זעלטן אַריבער אַ האַלבע שעה, דו זאָלסט נישט הערן שיסן פון ערגעץ, גלייבסטו, אַז דו וועסט דערלעבן די פאַרווירקלעכונג פון דער גרעסטער שלום־וויזיע.

און דו פילסט די לופט פון ירושלים אין די האָטעלן עדן און אור־גיל, ווו עס געפינען זיך שטענדיק יידן פון אַלע עקן וועלט און אַז דו קומסט אַהין אַריין, פילסטו דעם ריח און דעם טעם פון קיבוץ־גלויות און מיזוג־גלויות (צונויפקום און צונויפשמעלץ פון גלותן), פילסט דעם ריח און דעם טעם פון אמתדיקן ארץ־ישראל אויף יעדן שפּאַן.

אַלע זיינען דאָ יידן. פון איין זייט האָסטו אין מאה שערים יידן, וואָס זעען אויס אַזוי ווי יידן האָבן אויסגעזען אין די לעצטע דריי הונ־דערט יאָר אין אַלע עקן וועלט. יידן מיט גאַנצע בערד, מיט לאַנגע פאות, מיט פאַרשידענערליי קאַפּאָטעס, זשופּעצעס, שטריימלעך, יידענעס מיט שייטלען, שטערנטיכלעך, קליינע יינגלעך מיט פאות כמעט ביז אין דער ערד. יידן, וואָס ריידן אַלע דיאַלעקטן פון אונדזער יידיש און וואָס ריידן אַלערליי אַנדערע יידישן. און פון דער צווייטער זייט האָסטו דאָ יידן, וואָס זעען לחלוטין נישט אויס ווי יידן. שוואַרצע, האַלב־שוואַרצע, עסן פרעמדע מאכלים, ריידן אַזעלכע עקזאָטישע שפּראַכן. האָבן עפּעס גויישע פרעמדקייט אין אויסדרוק. און זיי זיינען יידן. דו זעסט זיי שבת פאַר־נאַכט ביי די קינאָס און דו דערקענסט, אַז זיי זיינען שבתדיק אויסגערוט. דו דערמאָנסט זיך יענע מעשה וועגן אַ שליח פון ארץ־ישראל, וואָס קומט אין אַ שטעטל אַריין און דערציילט נסים וועגן יידישן לאַנד און ס׳קומט פאָר אַזאַ דיאַלאָג צווישן אים און אַ קינד:

— די גאַסן־פּאָליציסטן זיינען אויך יידן?

— אוודאי יידן.

— אָבער דער פּריסטאַוו (קאָמיסאַר)?

— אויך אַ ייד.

— און דער בירגערמייסטער?

— אויך אַ ייד.

— און די בריוװטרעגער, דער פּאָסטמייסטער?

— אויך ייִדן...

— און די גויים זיינען דאָרט אויך ייִדן?

יאָ, די גויים זיינען אויך ייִדן. אין ערגעץ, אין גאַנץ ישראל, זעט מען נישט אַזוי דעם קיבוץ־ און מיזוג־גלויות, ווי מען זעט דאָס אין אַ שבת פאַרנאַכט אין ירושלים. זיי זעען אויס ווי גויים און זיי זיינען שבתדיקע ייִדן...

די דיסקוסיעס אין כנסת, וואָס ווערן געפירט אין אַ העברעיִש, פון וועלכן מען הערט אַרויס דעם קלאַנג פון אַ סך שפּראַכן און דעם טעם און דעם הומאָר פון ייִדיש, האָבן אַ שייכות מיטן הײַנט און מיטן מאָרגן פון מדינת ישראל. דאָס זעלביקע איז מיט די דיסקוסיעס, וואָס דו הערסט אין די מאָדערנע שילן און בתי־מדרשים, אין קרן־קימת, קרן־היסוד, סוכנות, בצלאל, אַלערליי אויסשטעלונג־זאַלן און אין האָטעל עדן ביים טיש פון יוסף שפּרינצאַק. ער איז דאָך אַן אייגנאַרטיקע אינסטיטוציע, דער פּרע־זידענט פון כנסת און וויצע־פּרעזידענט פון לאַנד. ער איז דער היפוך פון בן־גוריונען אין געמיט. אויף וויפל דער פּרעמיער פון ישראל איז שטענ־דיק אַ מרוק, אויף וויפל ער איז שטענדיק עפּעס ווי אַן אָנגעצויגענע באָמבע, וואָס וועט אָט־אָט אויסשיסן, אויף אַזויפיל איז שפּרינצאַק אַ געמיטלעכער מענטש, וואָס זיין כוח איז פאַלקסטימלעכקייט און הומאָר. ער איז, וואָלט איך געזאָגט, דער פּרעזידענט, וואָס בתוך עמו הוא יושב — זיצט צווישן פאָלק. און איבערהויפּט זיצט ער צווישן דעם ייִדיש־ריידנדיקן ייִדן און מיט די אַרגענטינער איז ער שוין גאָר גאַש־בראַט, ער איז דאָך געווען אין אַרגענטינע. ער איז דער, וואָס פאַרגלעט אַלע רוגזן און מאַכט שלום צווישן ייִדן. דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט צו צביונען עליו השלום, איז דאָך — געניאַל. צביון איז געווען אַ בונדיסט, אַ זאַכלעכער קעגנער פון ציוניזם, וואָס האָט בשעתו געהאַט אָנגעשריבן אַ שאַרפע בראָשור קעגן ציוניזם. ער האָט נאָך באַוויזן צו זיין אויף דער עלטער אין ישראל. און מען דערציילט, אַז יוסף שפּרינצאַק, דער פּרעזי־דענט פון כנסת און וויצע־פּרעזידענט פון לאַנד, איז אים אַנטקעגנגעגאַנ־גען מיט אויסגעשטרעקטע הענט און מיטן זאָג:

— שלום עליכם, קעגנער...

מען דאַרף זיצן ביי שפּרינצאַקס אַ טיש אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט אין האָטעל „עדן”. וואָס ביי אָט דעם טיש ווערט אויסגערעדט און אויסדער־

ציילט. עס גייען דאָרטן פאַרביי ציוניסטישע מנהיגים פון אַלע לענדער און העברעיִשע שרייבער און ייִדישע שרייבער. עס ווערט גערעדט ערנסט און עס ווערן דערציילט אַנעקדאָטן. עס שפּרודלט מיט הומאָריסטישן ערנסט און מיט ערנסטן הומאָר. עס קומען אַרויס רכילותן, וואָס ברענגען אַרויס די כאַראַקטעריסטיק פון הונדערטער וואָרטזאָגער אין ייִדישן לעבן. און שפּרינצאַק האָט אומעטום עפּעס צוצוגעבן. ער איז דעמאָלט נישט קיין פּאָליטישער מנהיג, נאָר אַ חבר און אַ רבי, אָדער אַ חברישער רבי. געווען רביים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן שטענדיק אָנגעצויגן, ווי די פּוילישע רביים בכלל און באַזונדער ווי ר׳ מענדל קאָצקער און געווען רביים, וואָס האָבן זיך צוגעלאָזט צום פֿאָלק און האָבן גערעדט מיט אים, דערציילט אים מעשות און געהערט פון אים מעשות. אַזעלכע רביים זיינען איבערהויפּט געווען אין אוקראַינע. יוסף שפּרינצאַק איז אַזאַ מין סאָרט רבי, אַ חבר.

איך שרייב דאָ בכלל וועגן ירושלים און אין דעם כלל־בילד מוז אַריינקומען דער שטריך שפּרינצאַק ביי זיין טיש אין האָטעל. שפּרינצאַק אין כנסת איז אַ באַזונדער קאַפּיטל.

און דאָ קום איך צום שלאָג־פּונקט פון אָט דעם מאמר. דאָס נייע ירושלים איז עלטער ווי ס׳איז כראָנאָלאָגיש און ס׳איז, דאַכט זיך, דורך און דורך ציוניסטיש, אַזוי צו זאָגן, אין גייסט. מען האַלט דאָ די גרינדונג פון מדינת ישראל פאַר דער גרעסטער געשעעניש אין ייִדישן לעבן פאַר דער גאַנצער צייט פון גלות, כאָטש מען ווייסט וויפל סכנות עס לויערן נאָך אויף דער גרויסער געשעעניש און מען טראָגט פאַר דעם די גרויסע אחריות. און אין אָט דעם ירושלים איז פאַראַן איין שיכט, וואָס אָנערקענט נישט מדינת ישראל און האַלט די גרינדונג דערפון נישט נאָר נישט פאַר קיין גליקלעכער געשעעניש, נאָר טאַקע פאַר אַ גרויסן אומגליק. דאָס זיינען די נטורי קרתא, וואָס ציילן אַ פּאָר טויזנט.

נטורי קרתא הייסט אויף אַראַמיש „היטער פון שטאָט". אויף העברעיִש רופט מען זיי „שומרי החומות" — היטער פון די מויערן. זיי זיינען ירושלים־פאַנאַטיקער. זיי פלעגן אַרויסגיין פון יענער זייט מויערן פון אַלט־ירושלים בלויז בייטאָג. געגנעכטיקט האָבן זיי קיינמאָל נישט אויסער די מויערן. זיי זיינען, אַזוי צו זאָגן, נישט קיין ציוניסטן נאָר ירושלימ׳יסטן. און איבער דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן די מויערן. זיי האָבן נישט געקענט בלייבן ביי די אַראַבער, וואָס

האָבן פאַרנומען די אַלטע שטאָט, ווייל זיי וואָלטן זיי געווען אויסגע־הרגעט, כאָטש זיי האָבן זיך דערנאָך אַ סך מאָל געהנדלט צו זיי. קען זיין, אַז ווען אַבדאַלאַ, דער דעמאָלטיקער קעניג פון עבר־הירדן, וואָלט געווען מער דיפּלאָמאַט, וואָלט ער זיי געווען פאַרהאַלטן און ער וואָלט זיי אויסגענוצט אין קאַמף קעגן „ציוניזם" און דער מדינה. זיי וואָלטן אים געווען געמאַכט דערקלערונגען אין אַנטי־ציוניסטישן גייסט וויפל נאָר ער וואָלט אַליין געוואָלט...

קען זיין, אַז איינער פון די יסודות פון דער מוראדיקער שנאה פון די נטורי קרתא צו דער יידישער מדינה שטעקט אין דעם, וואָס זיי זיינען די קרבנות פון איר. אַדאַנק דער מדינה מוזן זיי שלאָפן פון יענער זייט מויערן... אוודאי זיינען צווישן זייערע פירער פאַראַן אויך כיטרע פוקסן און דיפּלאָמאַטן, פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס זיינען דורכויס געפיל־מענטשן און זיי שלאָפן אומרויק, ווייל זיי געפינען זיך פון יענער זייט מויערן. פון די עטלעכע שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט מיט אייניקע פון זיי — נישט קיין פירער, נייערט פשוטע יידן — האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי ליידן פון שלאָפלאָזיקייט איבער דעם, וואָס זיי דאַרפן שלאָפן פון יענער זייט מויערן און אַז זיי שלאָפן שוין יאָ, זעען זיי וויס־טע חלומות. אוודאי איז זייער רשעות־געפיל צו דער מדינה מוראדיק און זי רעגט אויף און דו דערפילסט, אַז די מערסטע פון זיי זיינען בכוח צו באַגיין נאַציאָנאַלע בגידות, אַזוי פאַרסמט זיינען זיי אין זייער שנאה, אָבער מען דאַרף זיי אָנעמען ווי היסטעריקער און ווען עס וואָלט מעג־לעך געווען זיי צו פּסיכאָאַנאַליזירן, וואָלט מען זיך דערגראָבן, אַז דער מקור פון זייער שנאה שטעקט נישט בלויז אין דעם, וואָס די יידישע מדינה ווערט געפירט פון אַפּיקורסים (עס האָבן אין איר פונדעסטוועגן אַ גרויסן חלק אויך פרומע. ווער עס האָט נישט געזען ווי אַזוי מען כשרט ערב פסח אַלערליי כלים אין אַ קאַזאַרמע, אונטער דער אויפזיכט פון אַ רב מיט אַ לאַנגער באָרד און לאַנגע פאות, פאַר וועלכן סאָלדאַטן — אויך מיט בערד און פאות — זיינען געשטאַנען געשטרעקט מיליטעריש און האָבן אים גערופן רב אלוף — גענעראַל — ווער ס'האָט דאָס אַלץ נישט געזען, ווייסט נישט ווי גרויס ס'איז דער חלק, וואָס פרומע האָבן אין דעם רעגירן פון מדינת ישראל...) נאָר זי שטעקט אויך, וואָס ומפּני המדינה, איבער דער מדינה גלו־מחומותיהם, זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן פון יענער זייט מויערן. די מדינה האָט זיי פאַרשיקט אין גלות...

איך האָב געפּרוווט ריידן מיט אַ סך פון די מאָסן־מענטשן פון די נטורי קרתא. איך גיי געוויינלעך שטענדיק אָן אַ היטל, און בכדי זיי זאָלן נישט דאַרפן ריידן מיט אַ בלויזקעפּיקן, וועמענס „גוישקייט" איז דאָך בולט, האָב איך מיר געקויפט אַ מין היטל. זיי האָבן פונדעסטוועגן מיט מיר נישט גערן גערעדט. קינדער אַפילו האָבן זיך אַביסל געהיט צו ריידן, כאָטש בכלל זיינען די קינדער אין מאה שערים באַריידעוודיק און זיי דער־ציילן דיר אין אַ זאַפטיקן יידיש, וואָס זיי לערנען. און אויב איר טרעפט דאָרט יינגלעך מיט לאַנגע פאות, וואָס שווייגן, ווייסט איר שוין, אַז דאָס זיינען נטורי קרתאניקעס. בכלל האָבן די קינדער פון מאה שערים די חכמה פון דער וועלט. אין דער גמרא ווערן דערציילט חכמות פון קינדער און פון די היינטיקע מאה־שערים־קינדער וואָלט מען געפונען חכמות, וואָס מעגן אַריינגעשטעלט ווערן אין דער גמרא אַריין. טאַקע די מעשה מיט דעם יידישן שרייבער, וואָס איז דאָרט געגאַנגען אָן אַ היטל און אַ יינגעלע האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט דאָס. ער האָט געענטפערט פּאַטעטיש:

— דער הימל איז מיין היטל.

און דאָס יאַטל מיט די פאות ווי פלעשלעך האָט גלייך געענטפערט:

— האָסטו אַ צו קליינעם קאָפּ פאַר אַזאַ גרויס היטל...

די נטורי־קרתא־קינדער שווייגן על פי רוב. און די דערוואַקסענע ווילן אויך נישט ריידן. זיי האַלטן, אַז זייערע מנהגים דאַרפן ריידן. איינעם האָב איך דאָך באַוויזן צו ריידן. ער האָט אויסגעזען צו זיין אַ מאַן פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, אויב נישט מיט אַ שמיץ און געזאָגט האָט ער מיר, אַז ער איז אַלט זיבן און צוואַנציק יאָר און ער איז שוין ניין יאָר אַ חתונה־געהאַטער און ער האָט געהאַט פינף קינדער, אָבער בחיים זיינען געבליבן בלויז דריי, בעוונותנו הרבים... ער האָט גערעדט דאָס אונגאַרי־שע יידיש און ער האָט געקרעכצט נישט מיט קיין „אוי", נאָר מיט אַ „יוי". דאָ און דאָרט האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט אַן אויסדרוק אין בעסאַראַביש־יידישן דיאַלעקט, מיט אַ קמץ שטאָט אַ פּתח. פון דער מאַ־מעס צד איז ער אַ בעסאַראַבער און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויס־ווייזן, האָבן מיר זיך אויסגערעכנט ,אַז איך האָב געקענט זיינעם אַן על־טער־זיידן, וואָס האָט געשטאַמט פון בעסאַראַבישן שטעטל בייראַמטשע, נישט ווייט פון אַקערמאַן.

איך האָב דעם בייזן יונגערמאַן געפּרוווט נעמען מיט געמיט. איך האָב אים געוואָלט מיט גוטן איבערצייגן, אַז מדינת ישראל איז אַ גליק

פאַר אַלע ייִדן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ גליק, ווען דער רבונו של עולם וואָלט געשיקט משיחן, אַז ער זאָל דאָס טאָן, נישט די אפיקורסישע ציוניסטן זאָלן דאָס מאַכן, די עוכרי ישראל, די... דאָס מויל איז אים געוואָרן פול מיט שוים, די פאות האָבן זיך געשאָקלט, ווי בלעטער אין אַ שטורעם און ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויס־ברענגען. איך האָב אים געפּרוווט נעמען מיט אַ ווייַץ. איך האָב אים דער־ציילט די מעשה מיט משיחן, וואָס איז אָנגעקומען און די ערשטע זייַנען אים נאָכגעלאָפן די אפיקורסים. טאַקע אפיקורסים, אָבער משיח האָט זיי דאָך צוגעצויגן. דאָ האָט אים דאָס פּנים אויפגעשייַנט... און איך האָב פאַרענדיקט די מעשה: די פרומע ייִדן האָבן אויך גענומען נאָכלויפן. פרו־מע ייִדן, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי ווי ער. און משיח האָט אַ פרעג גע־טאָן ביי די אפיקורסים:

— ווער זייַנען יענע, וואָס לויפן נאָך?

האָבן זיי אים געענטפערט:

— יענע זייַנען אויך ייִדן.

ניין, ער האָט נישט געלאַכט. ער איז בייז געוואָרן. „מיר — האָט ער געשריען — זייַנען אויך ייִדן און איר זענט ייִדן... און אַזאַ משיח איז עס, וואָס ווייסט נישט ווער עס זייַנען די אמתע ייִדן און ווער עס זייַנען אַפילו נישט קיין אויך ייִדן“...

צו קיין צופרידן זיך איז נישט געקומען. דווקא די ווערטער מיי־נע, וואָס האָבן אויסן געווען אים מילד מאַכן, האָבן אים צום מייַנסטן אויפגערעגט. אין גערדאַנק האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט מחשבות. מיר איז אייַנגעפאַלן, אַלערליי מאָדנע און אַפילו ווילדע פאַנטאַזיעס און מחשבות, אַז מען וואָלט אָט די ייִדן געדאַרפט אָפּטאָן אַ שפּיצל און זיי שיקן אַ משיח. נעמען אַ גוטן אַקטיאָר און אַ קלוגן און אים נישט פאַרגרימירן, נאָר טאַקע לאָזן וואַקסן אַ באָרד מיט פאות און אים אויסלערנען אַלץ, וואָס עס איז געזאָגט אין די הייליקע ספרים וועגן משיחן און ער זאָל זיי פּאַוואָליע איבערצייַגן, אַז ער איז משיח און זיי מתיר זייַן די דאָזיקע זאַכן, וואָס ווילן, לויט די לעגענדעס, מותר ווערן, ווען משיח וועט קומען און זיי פּאַוואָליע אַרייַנציען צום הייַנטיקן ייִדישן כלל. עס קומט דאָך פאָרט אויס, אַז משיח וועט אַ סך זאַכן מתיר זייַן און מאַכן די פאַנאַטיקער ווייַ־ניקער פאַנאַטיש... אָבער איך האָב אָנגעהויבן פילן, אַז דאָס איז מער טעאַטער, ווי רעאַליטעט. איך האָב זיך דערמאָנט משה נאַדירס אַ קאָמע־

דיע, אין וועלכער משיח איז געווען אַ פּוילישער (אָדער גאַליציאַנישער) ייִד אַ חלוש, וואָס האָט גערעדט אין פּוילישן דיאַלעקט און האָט אַלע מאָל געקראָגן חולשת הלב. מען האָט ערגעץ אויפגעפירט יענע קאָמעדיע און אַלע האָבן געלאַכט. און מער פון אַלע האָט געלאַכט למד שאַפּיראָ ע״ה און וואָס מער ער האָט געלאַכט, אַלץ מער האָט ער זיך געבייזערט. ער האָט נאָדירן געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אַריין, נישט פאַר ליבע, נאָר פאַר שנאה. ער האָט געשריען: „ער מאַכט דאָך חוזק פון הייליקסטן און שענסטן חלום פון אונדזערן. פאַר אַ געלעכטער אַרויסרופן וועט ער דאָך זיך שמדן, אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין...“

און מיר האָט זיך נישט געוואָלט לאַכן נישט נאָר פון משיחן, נאָר אויך נישט פון דעם 27־יאָריקן נטורי קרתאניק, וואָס זעט אויס ווי פון פינף און דרייסיק. די ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, האָבן גע־מאַכט ציטערן די ירושלימער לופט. שווידערלעכע געדאַנקען זאָגט ער אַרויס און ער גלייבט אין זיי. ער מיינט זיי ערנסט... און טאַקע דערפאַר איז די ישראל־רעגירונג אַזוי פאַרזיכטיק אין דער באַציִונג צו זיי. אוודאי וואָלט מען זיך געקענט אַ נעם טאָן צו זיי, אַזוי ווי די צאַרישע רעגירונג האָט זיך גענומען צו די אַלערליי סעקטעס פון „סובאָטניקעס“ (שבת־הי־טערס) און „מאָלאָטשניקעס“ (מילכניקעס, וואָס האָבן נישט געגעסן קיין פליישׂ, ווייל ס׳איז נישט כשר...) און זיי יאָגן און פאַריאָגן. און די ישראל־רעגירונג טוט דאָס נישט, מסתמא נישט בלויז, ווייל דורך אַ קאַמף קעגן זיי וואָלט מען זיי געשטאַרקט און טאַקע, ווייל מען באַקעמפט זיי נישט, פאַרלירן זיי באָדן. מען איז מילד צו זיי אויס הומאַניטאַרע טעמים, אויס ייִדישע טעמים. זיי זיינען דאָך מענטשן. זיי זיינען דאָך ייִדן. און סוף כל סוף האָבן דאָך אַלע ייִדן געדענקט אין משך פון הונדערטער און הונדערטער יאָרן אַזוי ווי זיי. בעצם איז אַ חידוש, וואָס בלויז אַ פאַר טויזנט זיינען געבליבן אַזוי קאָנסערוואַטיוו ווי זיי און די גרויסע מער־הייט אויך פון די פרומע ייִדן איז איינגעאָנגען, אַז מען דאַרף פאַרייניקן תורה מיט דרך־ארץ און מען דאַרף זיך פירן ווי די גאַנצע וועלט פירט זיך. יאָ, די גרויסע מערהייט פון די פרומע ייִדן בויט און באַשיצט ישראל אַלציינס ווי די אפיקורסים.

אַ סך טראַכטענישן האָט ביי מיר אַרויסגערופן יענער נטורי קרתא־ניק מיטן אויסגעדאַרטן פּנים, וואָס די אויגן האָבן ביי אים געברענט און שטענדיק געקוקט אין גרויסן ירושלימער הימל אַריין און מיר האָט זיך

געדאַכט, אַז ער זעט ווי משיח קומט פון דאָרט. איך שעם זיך אייך נישט צו דערציילן, אַז אייניקע פון די עקסטרעמסטע יידישיסטן האָבן אין מייַנע אויגן אָנגעהויבן אויסזען ווי די נטורי קרתאניקעס. אָבער — אָן זייער גרייטקייט צו גיין אויף קידוש השם און מסירת נפש, אָן זייער ברענענדיקן גלויבן.

— — — — — — — — — — — — — —

די שמועסן מיט די נטורי קרתא האָבן מיר בולט געמאַכט די מוראדיקע שווערקייט פון מיזוג־גלויות, וואָס די ישראל־רעגירונג האָט גענומען אויף זיך. שווער צונויפשמעלצן די פאַרשידענערליי יידן, וואָס ריידן אין אַלע שבעים לשונות, האָבן די פאַרשידנסטע מנהגים, די פאַרשידנסטע פאַרלאַנגען, חלומות און האָפענונגען. עס איז דאָך אַ ווייטער מהלך פון אַ רעוויזיאָניסט ביז אַ השומר הצעירניק און פוןביידן ביז אַן אגודת־ישראלניק. אָבער ווי קומען די אַלע ווייטקייטן צו דער ווייטקייט פון אַ געוויינלעכן אגודת־ישראלניק, אַ ייִד מיט אַ באָרד און פאות, וואָס אנערקענט מדינת ישראל, ביז אַ נטורי־קרתאניק...

דאָס נייע ירושלים, וואָס איז דאָך גענוג אַלט, איז נישט אַ מיניאַטור, נאָר אַ ברענגלאָז פון אַ גאַנץ ישראל און פון גאַנצן יידישן פאָלק און אין ברענגלאָז זיינען די פונקען נישט צונויפגעברענט, נאָר זיי ברענען זיך באַזונדער. און מיט באַזונדערקייט ברענט דאָ דער יידישער פונק פון די נטורי קרתא, וואָס איז פול מיט שנאה און וואָלט גרייט געווען צו פאַרברענען אַלץ, וואָס איז נישט נטורי־קרתאדיק. און מען דאַרף היטן דעם דאָזיקן פונק, אַז ער זאָל חלילה נישט פאַרברענען דעם גאַנצן „פלאַקס“, ווי דער פונק פון שמידערס בלאָזזאַק, וועגן וועלכן מיר האָבן אַמאָל געלערנט אין דער רש״י פון אַ ווינטערדיקער סדרה...

עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען אַלע יידישע פונקען וועלן נישט וועלן קיינעם פאַרברענען אין ירושלים, נאָר זיי וועלן שיינען און וואַרעמען. און שוין היינט זיינען פאַראַן אַזעלכע פונקען אין ירושלים. טאָקע נישט דאָס ירושלים פון חומש, פון תנ״ך, פון דער גמרא און די מדרשים און נישט פון סידור, אָבער דאָך דאָס אייביקע יידישע ירושלים, וואָס איז פול מיט פונקען, וואָס שיינען און וואַרעמען.

זיידע, האָק נישט קיין טשייניק

— וואָס איז דער זין פון לעבן?
— לויט קוהלת, צי לויט קאָנפוציוס?
— און איר זענט טאַקע גרייט מיר דערציילן, וואָס ביידע זאָגן?
— אמאַי האָט איר מוט מיר צו שטעלן אַזאַ פראַגע?
— איך פרעג, ווייל איך געפין נישט דעם זין.
— ווי אַלט זענט איר, ביז הונדערט און צוואַנציק?
— איך האַלט ביים סוף פון מיין 60טן „יאָרהונדערט".

אָט דער דיאַלאָג איז פאָרגעקומען צווישן מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן און מיר אַליין אין אַ קאַפע אין תל־אביב, וווהין דער אַלטער באַקאַנטער האָט מיך באַשטעלט. איך האָב אים שוין נישט געהאַט געזען אַריבער דרייסיק יאָר און באַקענט האָב איך זיך מ'ט אים, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר זעקס און צוואַנציק. פאַר די אויגן איצטער איז מיר געשטאַנען אַ צעבראָכענער אַלטער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען דיק און ער איז עס נישט געווען. ער איז, ווייזט אויס, געווען דיק און האָט אויף אַמאָל פאַרלוירן וואָג און דער בויך איז אים געוואָרן אַ ליידיקער זאַק און דאָס פנים האָט אויך געהאַט עטלעכע אויסגעליידיקטע זעקלעך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער הייבט זיך אַלעמאָל אויף די הויזן, וואָס פאַלן אים אַראָפּ, אָבער געהויבן האָט ער דעם בויך. און איך האָב אים געזען אַלס יונגערמאַן, וואָס האָט נישט לאַנג געענדיקט אויף אַדוואָקאַט און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּראָפעסיע, ווייל שולדיקע האָט ער נישט געוואָלט פאַרטיידיקן און אומשולדיקע זיינען צו אים נישט געקומען. ער האָט געלעבט אין אַ קליין שטעטל, ווו זיין טאַטע איז געווען אַ זייגערמאַכער און אַ ציוניסט און ער האָט זיך גענומען צום פאַטערס פאַך און אַ ציוניסט איז ער געווען נאָך מ'ער ווי דער טאַטע. ער איז געווען דער היציקסטער ציוניסט, וואָס איך האָב אַמאָל געטראָפן. און מיט די אַלע, וואָס האָבן אַפילו בלויז טיילווייז נישט מסכים געווען מיט אים, האָט ער זיך צעקריגט. איך האָב אים אויך געזען, ווי ער האָט אויסגעזען צוריק מיט אַריבער דרייסיק יאָר, אַ מאַן אין די סוף דרייסיקער, אַביסל אַ צעווירענער,

אָבער דאָך אַ פעסטער און מיט אַ מאָדנע פונק אין די אויגן. ער האָט מ'יך אָפּגעשטעלט אין מיטן בוקאַרעשט און געפרעגט:

— איר דערקענט נישט קיין מענטשן?

און איך האָב דעמאָלט געהערט פון אים מאָדנע רייד. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אים פעלט עפּעס אין לעבן. ער האָט געהאַט צוויי אידעאַלן אין לעבן: די ליבע צו זיין פרוי און דעם ציוניזם, זיינען ביידע פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט ער שוין נישט צו וואָס צו שטרעבן. איך האָב זיך געחידושט:

— דער ציוניזם איז שוין פאַרווירקלעכט?

— אויפן וועג — האָט ער געענטפערט — צו פאַרווירקלעכונג. אַלע יידן זיינען היינט ציוניסטן (אין רומעניע איז עס דעמאָלט אַזוי געווען). איך האָב זיך נישט מיט וועמען צו קריגן אַפילו...

— וואָס זשע טוט איר?

— איך גיב עצות...

— וועמען, זיך אַליין?

— ניין, זיך אַליין קען איך דווקא קיין עצה נישט געבן. נאָט, לייענט.

און ער האָט מיר געגעבן אַ גאַנצן פּאַק זיינע בראָשורעס, אין וועלכע איך האָב דערנאָך אַריינגעקוקט, כאָטש איך בין געווען זייער באַשעפּטיקט. די בראָשורן זיינען געווען וועגן דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. זיי זיינען געווען געשריבן מיט אַ היפּש ביסל באַהאַוונטקייט אין דעם ענין און עס איז זיי אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דאָס לאַנד גייט צו אומקום. דער אַרבעטער און פויער זיינען אַזוי באַרויבט, אַז זיי וועלן מוזן פאַרכאַפּט ווערן פון באַלשעוויזם. איך האָב זיך דערוווסט, אַז ער גייט פּערזענלעך צו מיניסטאָרן און אין די מערסטע פאַלן נעמט מען אים נישט אויף און אַז עס פּאַסירט אַמאָל, אַז אַ מ'יניסטער נעם אים יאָ אויף, זאָגט ער אים, אַז דאָס איז יידישע דיאַלעקטיק פון אַ... תלמודיסט.

און אָט איז ער אין ישראל. זעקס יאָר איז ער אין לאַנד. זיינע קינדער זיינען כמעט אַלע דאָ. איין טאָכטער איז געבליבן אין רומעניע, ווייל זי איז אַ קאָמוניסטקע און ווער ווייסט, וואָס מיט איר איז דאָרט פאָרגעקומען. זי איז געווען צו נאָענט צו אַנאַ פּאַוקער... די קינדער געפעלן אים אַלע נישט. זיי זיינען צו־פּראַקטיש. פינף זין האָט ער דאָ און אַ טאָכטער. צוויי זין זיינען אַדוואָקאַטן, וואָס נעמען זיך צו אַלע טריפהנע פּראָצעסן און די זין זיינען סוחרים. זיי זיינען אויך גרייט אויף אַלץ, נאָר

אַלץ איז נישט גרייט פאַר זיי. דער איידעם איז אַ שלימזל, אָבער בלויז, ווייל ער האָט נישט קיין מזל. די אייניקלעך אָבער זיינען יאָטן און יאַ־טעכעס איינס ווי איינס. און ער דערמאָנט מיר די פּיעסע „מנשה" פון רומעניש־יידישן שרייבער ראָנעטי ראָמאַן, אין וועלכער עס ווערן געוויזן דריי דורות רומענישע יידן און דער ערשטער און דער דריטער דור באַ־שטייען פון פּערזענלעכקייטן און דער מיטעלער דור איז מיטלמעסיק־פּראַקטיש און בענקט אַפילו נישט נאָך עפּעס רעכטס. די אייניקלעך גע־הערן צו אַלע דריי ריכטונגען פון פּראָלעטאַריאַט. פאַראַן צווישן זיי מפּא"יניקעס, „לאחדותניקעס" און „השומר הצעירניקעס".

— און איר אַליין, צו וועלכן צד געהערט איר?

— מיר געפעלט דער מין קיבוץ און ער געפעלט מיר דאָך נישט. עפּעס נעמט ער צו דעם חשק פאַר איניציאַטיווביים מענטשן. אָבער, אַז איך זע, ווי די פּראַקטישע מענטשן לעבן, געפעלט מיר שוין בעסער דער אידעאַליזם פון די קיבוצניקעס, כאָטש איך האָב מורא, אַז קיין איינשטיין און קיין פרויד און קיין אַלעקסאַנדער מאָיסי (פאַר אים איז ער געווען דער גרעסטער אַקטיאָר!) וועט פון קיין קיבוץ נישט אַרויסקומען, ווייל אַלע זיינען דאָ גלייך.

— פונדעסטוועגן זיינען פון די קיבוצים אַרויסגעקומען מענטשן, וואָס פאַרנעמען הויכע מלוכה־אַמטן און מיניסטאָרן.

— מיינט איר — קוקט ער אויף מיר מיט די אויסגעלאָשענע אויגן — אַז די אַנדערע מ'יינען נישט, אַז זיי וואָלטן דאָס אויך געקענט זיין און טאָקע נאָך בעסער?

— וואָס טוט איר? איר גיט אויך דאָ עצות די מיניסטאָרן?

ער האָט מיך אָנגעקוקט איראָניש און טרויעריק און ער האָט מיר געזאָגט:

— איך בין זיך מודה, אַז איך האַלט, אַז די היגע מיניסטאָרן פאַר־שטייען נישט ווייניקער ווי איך. זיי האָב איך אַ סך ווייניקער צו לער־נען, ווי די רומענישע מיניסטאָרן. אָבער אַמאָל, אַז עס גיט מיר אַ צו־שטאַרקן קלעם ביים האַרצן, אָדער, אַז עס גיט מיר אַ בליץ אַ שאַרפער געדאַנק, גיי איך צו זיי און איך קריג אוידיענצן און מען הערט מיך אויס און — אַמאָל, אַמאָל, דאַכט זיך מיר, אַז איינער פון זיי פאָלגט מיך.

— אָבער וואָס טוט איר?

— מיין ווייב לעבט שוין נישט, מיט די קינדער וויל איך נישט זיין.

בין איך אַמאָל ביי איין אייניקל אין אַ קיבוץ און אַמאָל ביי אַ צווייטן.

— און דאָרט וואָס טוט איר?

— דאָרט גיב איך אויך עצות, אָבער מען פאָלגט מיך גאָרנישט. ווייניקער ווי אין די מיניסטעריומס. פאַרריכט איך אַמאָל אַ זייגער און אַמאָל העלף איך צו ביי דער בוכהאַלטעריע.

— און מיט וואָס פאַר אַ צד האַלט איר דאָרט?

— אין קיבוץ אַליין איז נישטאָ קיין גרויסער חילוק צווישן איין ריכטונג און דער צווייטער. אַלע זיינען דאָך גלייך אינעווייניק. די חילוקי־דעותן זיינען וועגן דער אויסערן־פּאָליטיק פון דער רעגירונג און אויך וועגן דער אַרבעטער־פּאָליטיק. ווען די רעגירונג איז געווען אין קאָאַליציע מיט די אַלגעמיינע, זיינען געווען שאַרפע קאַמפן צווישן אָנהענגער פון דער רעגירונג און די קעגנער. איבערהויפּט האָט מען זיך געשלאָגן אין די קיבוצים, ווו עס זיינען געווען מפא״יניקעס און „לאחדותניקעס״. וואָס זיינען נאָך דעמאָלט געווען מפ״מניקעס. היינט, אַז אַלע דריי זיינען אין אַ קאָאַליציע־רעגירונג שלאָגט מען זיך שוין נישט.

— זענט איר נישט מסכים מיט קיינעם און אייך פאָלגט נישט קיי־בער?

— אַזוי איז עס.

— און דערפאַר זוכט איר דעם זין פון לעבן?

— נישט בלויז דערפאַר.

— פאַרוואָס זשע דען?

— הערט מיך אויס מיט קאָפּ! איך בין געווען אַ היציקער ציוניסט. מען האָט מיך גערופן „דער משוגענער ציוניסט״. אַנדערע זיינען נישט געווען היציק און נישט משוגע, אָבער איך אַליין קען עטלעכע הונדערט, וואָס האָבן, ווי איך, אָוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר דעם ציוניזם און דאָ זיינען זיי גאָרנישט.

— זיי זיינען אין אייערע יאָרן?

— אין מיינע.

— און וואָס זיינען זיי געווען אויסער ציוניסטן?

— אַדוואָקאַטן, בוכהאַלטערס, סוחרים, דאָקטורים.

— און דאָ זיינען זיי גאָרנישט? קיינער נישט?

— די דאָקטוירים אַרבעטן אין שפּיטאָלן, אין באַזונדערע קאַבינעטן.

— הייסט עס, אַז די דאַזיקע, וואָס קענען מיט עפּעס נוצלעך זיין, האָבן אַרבעט און זיי קריגן אַ פּלאַץ אין לעבן.

— אַ פּלאַץ, אָבער נישט די פּלעצער, וואָס זיי וואָלטן געוואָלט.

— זיי וואָלטן מסתמא געוואָלט זיין מיניסטאָרן. מיינט איר, אַז אַלע ציוניסטישע טוער, וואָס קומען אַהער, דאַרפן דאָ קריגן מיניסטער־פּאָסטנס?

— איך מיין נישט און מיין יאָ.

— וואָס מיינט איר יאָ? אַז איר אַליין וואָלט געוועזן אַ זייער גוטער מיניסטער?

— איר האָט געטראָפן!

— איך מוז אייך נישט באַליידיקן. איך בין גרייט צו דענקען, אַז ס'איז אַזוי. אָבער אַלע אַנדערע דענקען דאָך אויך וועגן זיך אַזוי.

— קען מען דאָך זען ווער איז ווער?

— העברעיִש קענט איר?

— אַזוי און אַזוי. אָפיציעלע בריוו קען איך שרייבן.

איך הייס אים מיר ווייזן זיינס אַ העברעיִש שרייבן און איך כאַפּ אַ קוק. איך זאָג אים, אַז ס'איז אַ „קאַזיאָנע" לשון און ער פאַרשטייט נישט דאָס רוסישע וואָרט „קאַזיאָנע" און איך דערקלער אים, אַז אין עסטרייך האָט מען דאָס גערופן „קייזערלעך־קעניגלעך". מען האָט דאָרט געשריבן אי דייטש, אי מלוכה־דייטש. איך בין מודה, אַז דאָס איז סוף כל סוף נאָך נישט דער גאַנצער עיקר. עס גייט נישט בלויז אין דער שפּראַך. אין לאַנד זיינען געווים פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן זיך פאַר מיניסטער־פעיִק און קענען גוט העברעיִש און פונדעסטוועגן זיינען זיי גאָרנישט און געפינען נישט קיין פּלאַץ און נישט קיין זין אין לעבן. און זיי זיינען אַלע אפשר געווען גוטע ציוניסטן. ווערט ער שטאַרק ערנסט און קוקט אויף מיר אָנגעשטרענגט און ער פרעגט מיך:

— האַלט איר, אַז פאַר דעם, וואָס מען איז געווען, קומט טאַקע גאָרנישט? האַלט איר נישט, אַז דער זאָג „פאַר דעם געוועזענעם צאָלט מען גאָרנישט", איז נישט־עטישער און נישט־יידישער, ער איז אַ מער־דעריש־דייטשער?

— איך קען אייך העלפן מיט אַ קרעכץ. דאָס גאַנצע לעבן איז נישט עטיש און ביי אונדז האָט מען אויך געוווסט פון כלל „כל דאלים גבר־

— ווער עס איז שטאַרקער, דער זיגט. אמאַי גייען מסתמא אייערע איי־ניקלעך שפּאַצירן מיט זייער שיינע מיידלעך און איר — נישט...

די אויגן האָבן זיך אים אָנגעצונדן:

— ווען מיין אייניקל גייט שפּאַצירן מיט אַ שיין מיידל, גייט ער נישט אַליין, איך גיי אויך מיט אים. ער איז ממשיך מיין לעבן, ער ציט ווייטער דעם פאָדים פון מיין לעבן, אָבער ווען מיין אייניקל וויל נישט וויסן פון דער לעבנס־עקספּעריענץ און פון דעם וויסן, וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט אין משך פון צענדליקער יאָרן פאַר אַ זייער טייערן פּרייז, דעמאָלט גייט ער אי קעגן מיר, אי קעגן זיך אַליין, אי קעגן דעם גאַנצן לעבן... דאָס איז נישט אַ פראַגע בלויז וועגן עלטער. בן־גוריון איז נישט יינגער פון מיר.

מיר האָבן זיך געזעגנט אַ סך היימישער ווי מיר האָבן זיך באַגעגנט. איך האָב דערפילט, אַז ער איז נישט בלויז אַ „טיפּ" און ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז איך האָב דאָס דערפילט. און ער האָט מיר געזאָגט ביים סאַמע לעצט:

— דאָ זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן געבויט דאָס לאַנד און מענטשן, וואָס האָבן אין אויסלאַנד צוגעגרייט יוגנט, וואָס זאָל אַהער קומען און בויען און אַרבעטן. די ערשטע זיינען דאָ אין דער היים און די צווייטע זיינען אויך אין דער היים, אָבער נאָר אויף אַזויפיל, אַז זיי זאָלן נישט מורא האָבן, אַז מען וועט זיי באַליידיקן אין גאַס אַלס יידן... בכלל אָבער דרייען זיי זיך עפּעס ווי ביי אַ שוועל פון אַ פאַרמאַכטער טיר.

און איך האָב דערנאָך געטראָפן אַ סך מענטשן, וואָס לעבן איבער די זעלביקע טראַגעדיע. נישט אַלע זיינען אַזעלכע „טיפּן" ווי ער, אָבער זיי זיינען נישט ווייניקער טראַגיש ווי זיי. איך האָב געטראָפן מיטליאָ־ריקע מענטשן מיט אַ סך, אַ סך וויסן אויף די געביטן פון יוריספּרודענץ און פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אייניקע פון זיי ווייסן אפשר מער ווי אייניקע מיניסטאָרן, הגם זיי זיינען קלענערע פּערזענלעכקייטן פון זיי. בכל אופן זיינען די מיניסטאָרן אין פראַנקרייך, למשל, נישט קיין גרעסערע מענטשן פון זיי — אין רומעניע האָב איך געקענט מיניסטאָרן, וואָס זיינען געווען סיי אין וויסן און סיי אין שכל אויף אַ סך אַ נידעריקערער מדרגה — און זיי זיינען פאַרביטערט... איינער האָט געהערט צו איין פּאָליטישער גרופּירונג, אַן אַנדערער צו אַ צווייטער. ווען יצחק גרינבוים וואָלט גע־וואָרן פּרעמיער, וואָלט ער געהאַט אַ גאַנצן מיניסטער־קאַבינעט פון זיינע

געוועזענע אָנהענגער, איז ער דאָך דאָס נישט, זיינען זיינע נאָכפאָלגער פריער בייז אויף אים און דערנאָך אויף דער גאַנצער מדינה. אייניקע ווילן נישט וויסן, אַז זייער אידעאָלאָגיע, וואָס וואָלט אפשר געפּאַסט פאַר רו־מעניע, אָדער פּוילן, פּאַסט נישט אַהער, ווייל די באַפעלקערונג באַשטייט דאָ אין דער מערהייט פון אַרבעטער. און דערצו זיינען די אַרבעטער דאָך פאַרייניקט, הגם זיי געהערן צו דריי, אָדער טאָקע פיר פּאַרטייען (הפּועל המזרחי איז דאָך אויך אַן אַרבעטער־פּאַרטיי). אין דער הסתדרות זיינען זיי דאָך פאַרט פאַראייניקט. בעת די קליינבירגער און דער מיטלשטאַנד זיינען צעטיילט אין אַ זעקס־זיבן פּאַרטייען און זיי זיינען אין ערגעץ נישט פאַרייניקט... זעען זיי אויס די אומצופרידענע מיניסטער־פּעיקע ווי קעניג לירס, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן די שליסלען, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט. און אַפילו צווישן די פּאַרטייאישע זיינען אויך פאַראַן אַ סך אַזעלכע. איז איינער נאָך נישט אויבן, שטרעבט ער צו ווערן דעפּו־טאַט, ווערט ער דעפּוטאַט, איז ער בייז, וואָס ער גייט נישט ווייטער. דאָס לעבן גייט און ער — נישט...

...פאַר דעם אַוועקפאָרן האָב איך מיין אַלטן באַקאַנטן פון רומעניע געטראָפן אין אַ קיבוץ, ווו ער האָט אויסגעזען ווייניקער האַפּערדיק, ווי אין תל־אביבער קאַפע, אָבער דאָך זיכערער. ער האָט זיך געפילט אין דער היים און ער האָט רק מיר געוואָלט עפּעס ווייזן, וואָס איך האָב נישט געזען. און ווייזן האָט ער מיר בפירוש געוואָלט רק גוטע זאַכן, וואָס וואַרפן אַ שיין ליכט אויף דעם לאַנד. איין מאָל פון צען האָט ער מיר אפשר געוויזן אַ זאַך, וואָס איז אים נישט געפעלן געוואָרן. און ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועקפאָרן פון קיבוץ, האָט ער מיך אַריינגע־שלעפּט אין דער קינדער־אָפּטיילונג, בכדי מיך צו באַקענען מיט אַן אור־אייניקל מיט זיינעם פון גאַנצע פיר יאָר. איין אוראייניקל, האָט ער זיך באַרימט, האָט ער פון זיין עלטסטן אייניקל, וואָס איז אַלט דריי און צוואַנציק יאָר און איז אַ גאָלדן ווייבעלע: איך האָב אים געמוסרט אויף דעם וועג צום אוראייניקל און אים געזאָגט:

— טאָ וואָס זשע דערציילט איר אַ מעשה, אַז איר האָט נישט גער־קראָגן קיין שום לוין דערפאַר, וואָס איר זענט געווען אַ טעטיקער ציר־ניסט? ווען איר וואָלט דאָס נישט געווען, וואָלטן אייערע קינדער זיך נישט געווען געראַטעוועט אַהער...

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויגן, וואָס האָבן געהאַט טרערן און האָבן אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט.

...און אָט באַקען איך זיך מיט זיין פּיריאָריק אוראייניקל, וואָס איז שוין איין מאָל אַ צבראַלע. עס שטייט נישט איין אויף אַ פּלאַץ, קוועקזילבער. און ס'רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער און ענטפערט אויף פראַגן, אָבער נישט צופיל. ס'האָט נישט ליב, מען זאָל דאָס „נודיען". דער עלטער־זיידע נודיעט צופיל... און איידער וואָס ווען גיט דאָס יאַטל אַ זאָג:

— סבא, אל תקשקש בקומקום... (זיידע, האַק נישט קיין טשייניק!).

און כ'האָב געקלערט, אַז דאָס אוראייניקל האָט געזאָגט דאָס ריכטיקע וואָרט. ישראל איז אַזאַ לאַנד, וווּ מ'קען זיך נישט אָפּגעבן מיט קיין פּערזענלעכע טראַגעדיעס און מ'קען נישט האַקן קיין טשייניק וועגן זיי! דאָס לעבן האָט דאָ נישט קיין צייט זיך אָפּצושטעלן ביי פּערזענלעכע טראַגעדיעס.

די טרוקענעביימער האָבן גערעדט

מיט „מקי"ניקעס — מקי מאַכט: „מפלגת קומוניסטים ישראלית" און אַ „מקיניק" מיינט אַ קאָמוניסט — האָב איך אויסגעמיטן צו ריידן. אויך אויסער ישראל מייד איך אויס שוין זייט זייער לאַנג צו דיסקוטירן מיט קאָמוניסטן. ווארום, ווען איך פלעג אַמאָל יאָ אַ דיסקוטיר טאָן מיט זיי, האָב איך דערפילט, אַז יעדער איינער פון זיי זאָגט דאָס זעלביקע. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שמועס נישט מיט קיין מענטשן, נאָר מיט גראַמאָפאָנען. איך האָב שוין דערציילט, אַז אין באר־שבע איז צו מיר געקומען אַ טאָכטער פון מיינעם אַ פאַרשטאָרבענעם יוגנט־פריינט, וואָס איז פאַרקראָכן לינק און זי האָט דווקא געוואָלט פאַרפירן אַ דיסקוסיע מיט מיר און איך האָב זי נישט־דזשענטלמעניש איבערגעלאָזט אינמיטן.

איין מאָל האָב איך זיך דאָך פאַרפלאָנטערט אין אַ שמועס מיט אַ מקיניק. עס איז געווען אַ זייער הייסער טאָג אין תל־אביב. עס איז געווען אַ „חמסין". איך האָב זיך פאַרגעסן, אַז אין אַזאַ טאָג איז אייגנטלעך אין גאַס נאָך שווערער ווי אין שטוב. און איך בין אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן. מאָדנע: באַלד ביים אַרויסגיין האָב איך געטראָפן אַ הונט מיט אַ לאַנגער צונג אין דרויסן. איך האָב אַמאָל געלייענט אַ וויסנשאַפטלעכע דערקלע־רונג פאַרוואָס די הינט האַלטן די צונגען אינדרויסן. אַז מען צווינגט אַ הונט צו האַלטן די צונג אינגאַנצן אינעווייניק בלויז איין האַלבע שעה, שטאַרבט ער. אין יענעם מאָמענט האָב איך די וויסנשאַפטלעכע דערקלע־רונג נישט געדענקט און אויסגעקומען איז מיר, אַז דער הונט האַלט דעם לעקער אינדרויסן, ווייל ס'איז הייס און מיר האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז אַלע באַשעפענישן און אַפילו אַלע מענטשן האַלטן די צונגען אינ־דרויסן... און אויך די ביימער און די גראָזן, האָט זיך מיר געדאַכט, האַלטן די צונגען אינדרויסן. אַז די געוויקסן ליידן נישט ווייניקער פון די לעבע־דיקע באַשעפענישן, האָב איך געזען בפועל ממש. זיי האָבן זיך געקנייטשט און געקאָרטשעט פאַר טריקעניש. ביי אונדז אין אַרגענטינע איז די היץ באַזונדער שווער ווען זי איז פייכט, אין ישראל באַשטייט די שווערקייט פון דעם חמסין (כאַמסין — פּופּציק אויף אַראַביש. מען זאָגט, אַז עס

זיינען פאַראַן פופציק אַזעלכע טעג אין יאָר) אין דעם, וואָס די היץ איז אַ טרוקענע. זי איז אַזוי טרוקן, אַז אין שטאַרק אָפענע צימערן קנייטשן זיך די טישן און די שאַפעס. ווען איך וואָלט געוווסט, אַז איר וועט נישט לאַכן פון מיר, וואָלט איך אייך געזאָגט, אַז מיר האָט זיך אין איינעם אַזאַ טאָג אין אַ האָטעל־צימער אין ירושלים געדאַכט, אַז די שאַפע, אַן אויסגעטרוקנטע, בייגט זיך איין און קרעכצט...

איך האָב נישט געהאַט קיין כוח לאַנג צו גיין און איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק אין די „שדרות רוטשילד" (ראָטשילד־אַלייע) וווּ עס איז שטענדיק, ווען ס'איז נישט קיין חמסין, פריש אַ מחיה, אַפילו, ווען אַרום איז גאָר אַ גרויסע היץ. קיין סך מענטשן זיינען דעמאָלט נישט געווען. די מערסטע תל־אביבער ווייסן, אַז אין אַזאַ טאָג איז בעסער צו בלייבן אין צימער און פאַרמאַכן טירן און פענצטער. דאָס ביסל מענטשן, וואָס איז דאָרט געווען, האָט געשוויגן. אַ קרעכץ האָט מען נאָך געהערט, קיין וואָרט נישט. און די ביימער און די גראָזן האָבן אויך געשוויגן און געקרעכצט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער אַ טרויעריקע סימפאָ־ניע פון לעכצעניש נאָך פייכטקייט און כ'קען זי נישט אויפכאַפּן, ווייל איך האָב נישט גענוג כוח דערצו. איך אַליין האָב קיין דורשט נישט גע־פילט, אָבער געדאַכט האָט זיך מיר, אַז די געוויקסן קומען אום פאַר דורשט. און איך האָב פלוצים גענומען זען פאַר די אויגן ישמעאלן, ווי ער קומ'ט שיעור־נישט אום פאַר דורשט און די מוטער הגר דרייט אַוועק דעם קאָפּ, ווייל זי האָט קיין האַרץ נישט צו קוקן אויף אים. און מיר איז שווער געווען צו קוקן אויף די ביימער און אויף די גראָזן און איך האָב אויפגעהערט צו זען און צו הערן. איך האָב נישט געחלשט, אָבער איך בין עפעס געווען אין אַ מין צושטאַנד פון יאָ און נישט זיין.

ווי לאַנג איז בין אַזוי געווען אין דעם חמסינישן נירוואַנאַ־צושטאַנד, ווייס איך נישט, אָבער ווען די חושים האָבן אַלע גענומען ביי מיר אַר־בעטן קלאָר, האָב איך דערפילט און דערזען אַ מענטשן זיצן לעבן מיר. און דער מענטש איז מיר אויסגעקומען קענטלעך. נאָך מער, ווי איך האָב דערקענט זיין אויסזען, האָב איך דערקענט זיין ריח. פאַראַן ביי מיר אַזאַ געפיל, אַז יעדער מענטש האָט אַן אַנדער ריח און איך דערקען זייער אָפט מענטשן לויט דעם ריח, וואָס בייט זיך אַ סך ווייניקער ווי דאָס אויסזען. ער מיך האָט געהאַט דערקענט נאָך פריער און ער האָט מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און געשמייכלט און געזאָגט:

— דו האָסט, אפנים, געדרימלט. האָב איך דיר נישט געוואָלט וועקן.

— איך ווייס נישט — האָב איך געענטפערט — צי געדרימלט, אָבער וואָס מיט מיר איז געשען, ווייס איך נישט.

מיר האָבן זיך אָנגערופן ביי די נעמען. ער האָט געוווסט, אַז איך בין אין ישראל. ער האָט געלייענט אין בלעטער, געהערט אין ראַדיאָ. און ער האָט מיך געזוכט מיט די אויגן אַ סך מאָל. און דערפאַר האָט ער מיך איצטער דערקענט. איך האָב נישט געהאַט פאַרוואָס אים צו זוכן, איך האָב נישט געוווסט, אַז ער וווינט אין ישראל. ער האָט זיך אַזש נישט געגלייבט, אַז דאָס בין טאַקע איך. עפּעס האָט ער דערוואַרט מיך געפּי־נען אַנדערש.

— אויב דו האָסט מיך געוואָלט זען, פאַרוואָס זשע ביסטו מיך נישט געקומען זוכן אין האָטעל?

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ שווערן און טונקעלן בליק און איך האָב געפילט, אַז ער וויל מיר עפּעס זאָגן אַ פיינלעכע זאַך און ער האָט אַרויסגעוואָרפן ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען טרוקן:

— איך בין פון אַן אַנדער לאַגער.

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט צו זאָגן, אַז ער איז אַ מקיניק, כאָטש לויט זיין אָפּשטאַם וואָלט ער נישט געדאַרפט האָבן קיין שייכות צום קאָמוניזם, אָבער איך האָב אומישנע זיך געמאַכט תמעוואַטע און איך האָב געפרעגט, אָפּרוקנדיק זיך אַביסל:

— זיך געשמדט?

ער האָט טרויעריק און מיט שווערער מי געשמייכלט און געענטפערט:

— פאַר דיר קען דאָס הייסן געשמדט.

לכתחילה האָב איך זיך נישט חשבון געגעבן, אַז מיר זיינען אַריבער פון עברית צו — רומעניש. און איך האָב זיך פונקט אַזוי נישט חשבון געגעבן, אַז אויך אויף רומעניש זאָגן מיר זיך „דו" — אויף העברעיש איז קיין „איר" נישט פאַראַן. צו קיין יחיד — כאָטש מיר זיינען אייגנט־לעך קיינמאָל נישט געווען שטאַרק היימיש. מיר זיינען בלויז געווען גוט באַקאַנט, אָבער די באַציִונגען זיינען קיינמאָל צווישן אונדז נישט געווען צו אינטים.

דער זכרון האָט מיר אויפגעמישט אַ בלעטל פון מיין לעבן צוריק מיט אַ סך יאָרן. איין און פערציק יאָר איז אַוועק פון דעם מאָמענט, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט אָט דעם מענטשן, וואָס האָט מיר איצ־

טער געזאָגט, אַז פאַר מיר איז ער ווי אַ משומד. בין איך דעם מאָמענט, וואָס ער האָט דאָס מיר געזאָגט, ערגעץ אין אַ רומענישער שטאָט, ביים ברעג פון דעם דוניי האָב איך אים דערקענט. ער איז געווען אַ באַוווּסטער יונגער ציוניסט און מען האָט אים פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע קאַריערע אַלס רעדנער. זיין פאָטער איז געווען אַן אַדוואָקאַט און ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַן אַסימילירטער סביבה און אין אַסימילאַטאָרישן גייסט. און ער איז פון דער העלער הויט געוואָרן אַ ציוניסט און איז געקומען אין דעם לאָקאַלן ציוניסטישן „צירקל" (טשערקול סיאָניסט — אויף רו־מעניש) און דערלאַנגט אַזאַ ציוניסטישע רעדע, וואָס האָט די גאַנצע ייִדי־שע יוגנט משוגע געמאַכט. ער איז געווען אַ קרעפּטיקער בחור, כמעט אַ הויכער, אַ בלאָנדער, אַ בלוי־אויגיקער. ער האָט פאַרמאָגט שקצישקייט אין גאַנצן אויסזען און אויסדרוק און ער איז געקומען און גערעדט גאָר ווי אַ ציוניסט. איך האָב אים אין יענעם קרייז געטראָפן שוין ווי אַ „גאַסט" און ער האָט מיר באַלד אַרויסגעוויזן אַ קעגנערשאַפט. ער האָט זיין ציו־ניזם געשעפּט פון דייטש, איך האָב מיין ציוניזם געשעפּט פון ייִדיש און העברעיִש. ער איז געווען בלויז אַ ציוניסט, איך בין געווען אַ ייִד און אַ ציוניסט. און איך האָב באַלד געקראַגן סימפּאַטיזירער. איך האָב ביי אים באַלד אַראָפּגענומען אַ שטיק קרוין. ער איז באמת געווען אַ גלענצנדיקער רעדנער .איך האָב אַזוי אָראַטאָריש ווי ער נישט געקענט ריידן, דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט מער וואָס צו זאָגן ווי ער. איך האָב געהאַלטן רע־פעראַטן אויף ליטעראַרישע טעמעס, בעת ער האָט געהאַט איין לידל. איין שרייבער, געדענק איך, פלעגט ער אָפט ציטירן: דעם דייטש־ייִדישן יאָרק שטיינער, פון וועמען ער האָט געשעפּט ליטעראַרישע פונקען. איך האָב געהאַט אין געמיט און זכרון מענדעלען, ביאַליקן, פרצן, שלום עליכמען, פרישמאַנען, טשערניכאָווסקין, פרוגן, בערדיטשעווסקין, קלויזנערן און נאָך און נאָך. און ווען איך האָב נאָך איין מאָל אַ זאַג געטאָן, אַז יאָרק־שטיינער איז אַ שרייבער פון היינט אויף מאָרגן און ביאַליק וועט לעבן אייביק, איז ער גאָר געוואָרן מלא חמה און אַ זאַג געטאָן:

— ווער קען אים דאָרט, אייער ביאַליקן?

דאָס לעבן האָט מיך אַוועקגעשלעפּט פון יענער שטאָט און ווען מיר איז דאָרט אַמאָל אויסגעקומען צו זיין אַלס גאַסט, איז ער שוין דאָרט נישט געווען. ער איז ערגעץ אַוועק און — ווי אין וואַסער אַריין. ער האָט געהאַט געלערנט אויף אַדוואָקאַט און איבערגעריסן דאָס לערנען און דאָס

האָט געפירט צו אַ שאַרפן קאָנפליקט צווישן אים און זיין פאָטער. עס איז אים געפעלן געווען דעם דאַזיקן בחור מיט די גרויסע אַראַטאַרישע פעיִקייטן, צו פירן אַ הפקר־לעבן. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ סך לייכטע פרויען. די דאָזיקע, וואָס זיינען פאַרבליבן מיט אַ גוט געפיל צו אים, האָבן געזאָגט, אַז ער האָט געליטן אַ דורכפאַל אין אַ גרויסער ליבע און דאָס האָט אים דערפירט צו הפקרות. דער פאָטער איז געווען אַ פאַר־מעגלעכער, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט אַזאַ לעבן, וועט ער אים גיך פטרן דאָס פאַרמעגן. דער פאָטער איז געשטאָרבן, קעגנער האָבן גע־זאָגט, אַז דער זון איז שולדיק געווען אין זיין פריצייטיקן טויט, חברים האָבן געהאַלטן, אַז דער פאָטער איז געשטאָרבן, ווייל ער האָט געדאַרפט שטאַרבן.

געדאַרפט האָט דער דאָזיקער בחור, וועלכן מיר וועלן רופן סילען, שטייגן אין זיין קאַריערע אַלס ציוניסטישער רעדנער און מיט דער צייט ווערן אַ פירער, אָבער זיין לעבן איז אים געשטאַנען אין וועג צו זיין קאַ־ריערע און ער איז אַוועק פון ציוניזם און פון זיין היים. פון צייט צו צייט איז ער אַרויפגעשווומען ערגעץ. אין אַ צייט פון פאַרלאַמענט־וואַלן האָט ער גערעדט אויף גאַסן־מיטינגען, איין מאָל פאַר איין פאַרטיי, איין מאָל פאַר אַ צווייטער... צענדליקער יאָרן זיינען אַוועק, ביז אין יענעם מאָמענט, ווען ער איז געזעסן לעבן מיר אויף דער באַנק אין שדרות־רוטשילד, האָב איך קיינמאָל מער נישט געטראַכט וועגן אים, כאָטש בכלל געדענק איך טויזנטער באַקאַנטע.

— סילען?

— יאָ, אַזוי הייס איך.

— וויפל יאָר?

— איך מיין, אַז אַ לעצט מאָל האָבן מיר זיך געזען אין 1921.

— זיינען שוין אויך אַוועק פינף און דרייסיק יאָר.

— קענסט גוט רעכענען...

— פון וואַנען קומסטו צו מק״י?

— פאַרוואָס עפּעס פון וואַנען?

— ווייל איך געדענק דיין טאַטן פאַר אַן אַריסטאָקראַט און דיך פאַר אַן אַריסטאָקראַט. אַז דו האָסט געדאַרפט האַלטן אַ רעדע, פלעגסטו צו־פּאַרן מיט אַ דראָשקע און טראָגן פלעגסטו אַ האַרטן קאַפעליוש.

— איך גיי אויך איצטער אָנגעטאָן קאָרעקט און ווען איך וואָלט פאַרדינט בעסער, וואָלט איך טראָגן נאָך מער עלעגאַנטע קליידער.

איך האָב אים אָנגעקוקט. די 35 יאָר האָבן זיך זייערס געטומען, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען אַ שייגער מאַן און ער האָט נאָך אַלץ געהאַט שקאַצעוואַטעקייט אין די בלאָנד־גרוילעכע האָר און אין די שמייכלענדיק־בלויע אויגן. ער איז געגאַנגען מיט אַ פאַרמאַכט, געפּרעסט העמד און מ׳יט אַ קראַוואַט. איך אַליין בין געגאַנגען מיט אַן אָפן ספּאָרט־העמדל און איך וואָלט געקענט שווערן, אַז אויף אַ מייל די ווייט אַרום און אַרום איז נישט געווען נאָך איינער מיט אַ געפּרעסט, פאַרמאַכט העמד און מיט אַ קראַ־וואַט...

מיין קוקן אויף אים האָט אים געמאַכט פילן מער אומבאַקוועם, ווי מיין פראַגע פון וואַנען ער קומט צום קאָמוניזם. און ער האָט מיר געזאָגט:

— אויב מ׳יין לעבן אינטערעסירט דיך, קען איך דיר עפּעס דערציילן.

— איך זע, אַז מיט העברעיִש האָלטסטו נאָך נישט שטאַרק גוט.

— ניין, רומעניש, דייטש און פראַנצויזיש קען איך בעסער.

— ווי לאַנג ביסטו אין לאַנד?

— אַ יאָר זעקס.

— און ביסט אַן אָנגעשטעלטער אין דער פּאַרטיי?

— פון וואַנען דערקענסטו דאָס?

— פון דעם, וואָס איך געדענק דיך און איך פאַרשטיי, אַז פאַר עולם הבא וועגן ווערסטו אין דער קאָמוניסטישע פּאַרטיי נישט אַרבעטן.

— דאָס ביסל גיפט וואָס דו האָסט דעמאָלט פאַרמאָגט, איז ביי דיר פאַרבליבן.

— פּונקט ווי ביי דיר איז פאַרבליבן דאָס ביסל פריצישקייט.

— איך דערוואַרט נאָך, אַז דו זאָלסט מיך פרעגן, צי איך לייען נאָך יאָרק שטיינער...

— ניין, איך וואָלט דיך גיכער געפרעגט, צו וואָס דאַרף דיך די פּאַרטיי דיינע, אַז דו קענסט נישט קיין העברעיִש.

— זי דאַרף מיך פאַר מיין רומעניש.

— אַהאַ... צווישן די נייע רומענישע עולים זיינען געווים פאַראַן אַ סך אַזעלכע ווי דו, וואָס וואָלטן געוואָלט אַ לייכטער לעבן, ווי זיי קענען קריגן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס מאָנט אַזויפיל אַרבעט און דו העלפסט זיי צו זיין מער ברוגז אויף דער רעגירונג...

— ווילסט זיך קריגן מיט מיר?

— שלום וויל איך אוודאי נישט זיין מיט דיר. איך קען נישט זיין שלום מיט אַזעלכע פון דיינע פּאַרטיי־חברים, וואָס זיינען אויפריכטיק — קיין 10 זיינען שוין אַזעלכע נישט פאַראַן — היינט נאָך מיט דיר, וואָס...

— פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין נישט אויפריכטיק?

— האָסט דאָך מיר פריער געוואָלט דערציילן וועגן דיין לעבן, נו, דאָס גאַנצע לעבן דיינס טרעפן קאָן איך נישט, אָבער דיין לעבן־געשיכטע אין ישראל קען איך טרעפן.

— לאָמיר הערן!

— וועסט קיין סך נישט האָבן צו הערן. דו ביסט געקומען אַהער אין דער צייט, ווען די מדינה האָט איבערגעלעבט אירע שווערסטע מאָמענטן און האָט די נייע עולים נישט געהאַט וואָס צו געבן, אויסערליידן. דו האָסט געמיינט, אַז מען וועט דיר דאָ אָנטאָן אַ קרוין פאַר די עטלעכע ציוניסטישע רעדעס, וואָס דו האָסט אַמאָל געהאַלטן און צום סוף האָט מען דיר נישט געשענקט קיין שום אויפמערקזאַמקייט. ביסטו אַוועק צו מק״י, ווו מ׳האָט באַלד געזען, אַז דו האָסט אַ געשליפן צינגל. שנאה צו ישראל פאַרמאָגסטו, גיסטו דאָס איבער די נייע רומענישע עולים.

— דיר האָט עמיצער אָנגערעדט אויף מיר.

— מ׳עז האָט נישט געדאַרפט אָנריידן. קיינער האָט מיר ביז איצטער דיין נאָמען נישט דערמאָנט. איך האָב, קוקנדיק אויף דיר און הערנדיק דיך, פאַרשטאַנען דאָס דאָזיקע, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. און איך האָב אַ באַווייז, אַז איך האָב ריכטיק פאַרשטאַנען.

— וואָס פאַר אַ באַווייז?

— וואָס דו ביסט אין ישראל, נישט אין רומעניע.

— איך בין אַהער נישט געקומען פון רומעניע.

— פון וואַנען דען?

— אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו מסתמא זאָגן, אַז איך בין געווען אַ „קאַפּאָ“.

— קומסט פון די לאַגערן?

— יאָ!

— ניין, איך וועל נישט זאָגן, אַז דו ביסט געווען אַ „קאַפּאָ“. דו ביסט פון דער נאַטור אַ לייכטזיניקער, נישט קיין פאַרעטער.

— אַ דאַנק פאַר דיין גוטער מיינונג!

— אָבער ווען אַפילו דו ביסט אַהער געקומען פון די לאַגערן, איז דיין פּלאַץ אין רומעניע, אויב דו ביסט אַ קאָמוניסט, נישט אין ישראל.

— מיך דאַרף מען דאָ האָבן.

איך האָב געקוקט אויף אים אָנגעשטרענגט און ער האָט שווער אויס־געהאַלטן מיין בליק. און איך האָב אים געזאָגט:

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך גלייב נישט אַז דו ביסט טאַקע אַ קאָמוניסט. דיין גאַנצער שטעל איז ווי פון איינעם, וואָס וויל לעבן בע־סער פון אַנדערע... דו ווילסט נישט פאָרן קיין רומעניע, ווייל דו אַליין גלייבסט נישט אין קאָמוניזם און ווייל דו האָסט מורא צו זיין אונטער אַ קאָמוניסטישן רעזשים...

— איך בין צו דיר צוגעגאַנגען — האָט ער געפּרוווט ריידן צו מיר מילד — ווייל איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן אַ שמועס טאָן חבריש, זיך דערמאָנען אין אונדזער פריער יוגנט, אין אייניקע חברים און חבר־טעס. אָך, וואָס פאַר אַ טייערע מיידלעך עס זיינען דעמאָלט געווען אין יענעם ציוניסטישן צירקל!

— אַז דו האָסט געוואָלט אַזוי ריידן פאַרוואָס האָסטו מיך נישט אויסגעזוכט ביז איצט? און דו האָסט דאָך מיר אַליין דערציילט, אַז דו האָסט דאָס נישט געטאָן, ווייל דו ביסט אין אַן אַנדער לאַגער.

ער האָט נאָך אַלץ געפּרוווט בייטן דעם טאָן און ער האָט מיר גע־זאָגט:

— לאָמיר גיין ערגעץ איניינעם. דאָ זיינען פאַראַן פּלעצער, וווּ ס׳איז פאַראַן פּונקט אַזאַ ביסל בראָנפן ווי אין רומעניע און פּונקט אַזאַ איקרע און פּונקט אַזאַ געבראָטן פליישׁ ווי דאָרטן.

— איך וואָלט דאָס מיט פאַרגעניגן געטאָן — האָב איך אים געענטפערט — ווען דו קומסט צו מיר און דו דערציילסט מיר נישט, אַז דו ביסט אין אַן אַנדער לאַגער און דו דערציילסט מיר וועגן דיין לעבן בכלל, אָבער דו אַליין פילסט דאָך, אַז דו ביסט אין אַן אַנדער לאַגער.

— קען מען נישט זיין פּאָליטישע קעגנער און...

— וואָס פאַר אַ פּאָליטישע קעגנער! די פּאַרטיי, צו וועלכער דו גע־הערסט, איז אַ שונא פון מדינת ישראל און פון יידישן פאָלק.

— מיט וואָס?

— דו רייצסט בלויז רומענישע יידן קעגן דער מדינה, דיינע חברים רייצן די אַראַבער...

— — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבן זיך געזעגנט מער ווי קאַלט. ער האָט מיך אָבער אַ שטאַרקן דריק געטאָן די האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— מיר זעען זיך געוויס צום לעצטן מאָל. ווען מיר האָבן זיך געזען צום ערשטן מאָל, איז מיר געווען בעסער...

די טרוקענע ביימער האָבן געקרעכצט.

שלום-משוגעת און שעפּעלע-קאָמפּלעקס

די ברית־שלומניקעס זיינען אולטראַ־פּאַציפיסטן, וואָס פּרעדיקן, אַז ישראל זאָל מאַכן שלום מיט די אַראַבער, כאָטש יענע הערן נישט אויף צו שיסן ביי די גרענעצן און אונטערלייגן באָמבעס אויך אינעווייניק אין לאַנד. ברית־שלומניקעס זיינען פאַראַן אין ישראל ווייניקער ווי נטורי־קרתא, וואָס ווילן אייגנטלעך, אַז מען זאָל אַזוי שטאַרק אָפּהיטן שבת אין ישראל, אַז מען זאָל דערנאָך אַ גאַנצע וואָך נישט קענען אַרבעטן, ווייל אַלץ וועט אַזוי שטאַרק אָפּגעשטעלט ווערן, אַז עס וועט געדויערן אַ וואָך, ביז מען וועט דאָס ווידער קענען שטעלן אין באַוועגונג. מען פילט די ברית־שלומניקעס אַ סך ווייניקער ווי די נטורי־קרתאניקעס. נישט בלויז ווייל זיי זיינען ווייניקער, נאָר ווייל די ערשטע זיינען צעזייט און צע־שפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און די צווייטע זיינען קאָנצענטרירט אין ירושלים.

אויסערלעך איז נישט פאַראַן קיין שום שייכות צווישן אָט די צוויי קאַטעגאָריעס. די ברית־שלומניקעס זיינען מאָדערנע מענטשן. די מערס־טע פון זיי זיינען היפּער־קולטורעלע. אַ סך פון זיי האָבן אוניווערסיטעט־בילדונג. די נטורי־קרתאניקעס זיינען פאַנאַטיקער פון אַלטפּרענקישסטן מין. זיי קענען, חוץ קליינע אויסנאַמען, נישט עפּעס אַנדערש ווי תלמוד און קבלה און זיי לעבן מיט די טויטע אותיות פון הונדערטער יאָרן צוריק. די ברית־שלומניקעס זיינען רויִקע מענטשן, געמיטלעכע. אַ סך פון זיי זיינען וועגעטאַריער, אָדער גאָר נאַטוריסטן און זיי פאַרמאָגן די קאַלט־בלוטיקייט פון אַזעלכע באַשעפענישן, וואָס עסן נישט קיין פלייש און זיי היטן אָפּ כבוד הבריות און אַ מענטש וואָס איז נישט מסכים מיט זיי, איז אויך אַ מענטש, אַ פאַרפירטער טאָקע, אָבער אַ מענטש. פאַר אַ נטורי־קרתאניק איז אַפילו אַן אגודת־ישראלניק, וואָס טראָגט אַ לאַנגע באָרד און געקרייזטע פּאות און אַ קאַפּאָטע, אויך אַן אפּיקורס ערגער ווי אַ געצנ־דינער און אַ „פאַסקודנער ציוניסט". דאָס ערגסטע זידל־וואָרט איז ביי זיי „אַ ציוניסט". אפשר ערגער נאָך ווי אַ כופר בעיקר.

און ווען איך האָב די דאָזיקע צוויי דאָך געגאַדלט אין איין נאָדל

אַריין, ווי עס זאָגט אַ תלמודישער אויסדרוק, איז דאָס ווייל עפּעס האָבן זיי זיך צונויפגעפּאָרט ביי מיר אין געדאַנק. עפּעס האָב איך אַ געפיל, אַז ביידע זיינען די ערגסטע סכנות פאַר דעם קיום פון מדינת ישראל. ווען מען פון זיי מען וואָלט נישט געפאָלגט, וואָלט גיך געוואָרן אויס מדינה. ווען מען פאָלגט די נטורי־קרתא, וואָלט ישראל געבליבן אָן יידישע אַרבעטער, אָן אַ יידישער ווירטשאַפט און אָן אַן אַרמיי און ווען מען פאָלגט די צווייטע, וואָלט ישראל געבליבן אָן אַן אַרמיי. אָן דער צבא הגנה לישראל גלוסט זיך אַזש נישט טראַכטן. און נישט נאָר די מדינה וואָלט נישט עקזיסטירט, נאָר קיין יידן וואָלטן דאָרט אויך נישט געבליבן...

איך האָב געהאַט שמועסן מיט עטלעכע ברית־שלומניקעס. צווישן מיינע מיטשמועסער זיינען געווען אי שפּיצן פון אָט דער באַוועגונג — אויב מ׳קען זי אַזוי אָנרופן — אי סתם נאָכגייער זייערע, וואָס לעבן ערגעץ פאַררוקט אין אַ מושב, צי אין קיבוץ, אָדער גאָר אין אַן אַלטמאָדיש פּיק״אַ־שטעטל, וואָס איז געבליבן פאַרשלאָפן און פאַרגליווערט, עפּעס ווי אין דער צייט פון פאַר דער גרינדונג פון מדינת ישראל. איך וועל קיין נעמען נישט אָנרופן, ווייל איך וויל נישט איבערגעבן בלויז איינעמס געדאַנקען, נאָר אַלעמענס. איך וויל איבערגעבן דאָס דאָזיקע, וואָס דער גאַנצער ברית־שלום זאָגט. איך וועל דערפאַר מאַכן פון עטלעכע מיטשמועסן איינעם און איך וועל אויסמאָלן אַ סימבאָל, וואָס וועט זיין אַ רעאַליטעט. טשעכאָוו, דער גרויסער רוסישער שרייבער, האָט געוויזן ווירקלעכקייטן, וואָס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סימבאָלן. איך וועל אייך ווייזן אַ סימבאָלישע פיגור, אין וועלכער איך גאַראַנטיר אייך אַ הונדערט פּראָצענטיקע רעאַליטעט.

שטעלט אייך פאָר אַ געבילדעטן מאַן. נישט רייך, אָבער נעט געקליידט, קאָרעקט. און ער פאַרמאָגט געמיטלעכקייט אין אויסדרוק. די נערוון רוען ביי אים, און זיי בלייבן רויק, אויך ווען דו ווערסט נערוועז פון זיינע רייד, אַזוי ווי דער סמבטיון אום שבת, און גייסט אַרויס פון די כלים. דער סמבטיון וואַרפט שטיינער, ווען מיר ווילן פאָרן אויף אים אום שבת, אַ ברית־שלומניק בלייבט שטענדיק רויק, ער פאַרמאָגט ערנסטקייט אין גאַנצן אויסדרוק, אָבער אויך אַ שאָטן פון אַ שמייכל. ער איז גרייט צו ריידן מיט דיר אין וואָס פאַר אַ לשון דו ווילסט, נאָר עברית — אדרבא, ואדרבא! דו פילסט, אַז עס איז נאָך אַ שטיקל פראַגע ביי אים, צי עברית אַליין איז גענוג... יידיש — מהיכי תיתא! אַמאָל קען ער טאָקע אַליין גוט

ייִדיש, אַמאָל אָבער קען ער דייטש און דורך דייטש רעדט ער ייִדיש — דייטשמעריש. אַמאָל האַלט ער פון ייִדיש אַן עולם ומלואה און אַמאָל איז ייִדיש פאַר אים דאָך אי עפּעס אַ פּעבל־שפּראַך, אי אַ „זשאַרגאָן״. אַמאָל איז ער אַ שטיק ייִדישיסט אויך און ער לייענט נישט בלויז „פרייליאַנד״ און אַ באַוווסטן ביולעטין, נאָר אויך די „פרייע אַרבעטער שטימע״. ווען דו רעדסט מיט אים דייטש איז גאָר גוט, אָבער רוסיש איז אויך נישקשה. ביי אַ געוויסער אַנשטרענגונג רעדט ער אויך פראַנצויזיש. רעאַליסטישע ליטעראַטור קען ער ווייניקער, בעסער קען ער די סימבאָלישע ליטעראַטור און די לעגענדעס, וואָס שילדערן דאָס שענערע אין מענטשן. די רעאַליטעט איז אייגנטלעך איבעריק, זי איז דאָס דאָזיקע, וואָס איז נישט מער ווי אָפּפאַל... דאָס דאָזיקע האָט געזאָגט אַ גרויסער סימבאָליסטישער שרייבער, טאָקע פון אונדזער צייט. ניין, נישט מאַרטין בובער, וואָס וואָלט געמעגט הייסן רבי מאַרטין האָט דאָס געזאָגט... ווער זשע האָט דאָס געזאָגט?

— נישט הערמאַן העסע, דער גרויסער שווייצאַריש־דייטשער שרייבער?

— יאָ, הערמאַן העסע... וואָרום שיין און גרויס איז בלויז דאָס דאָזיקע וואָס דער גרויסער מענטש האָט אויסגעטראַכט, אַפילו די קליינע קאַמפן פון מענטשן קעגן יצר־הרע זיינען נישט אינטערעסאַנט. שטאַרק אינטערעסאַנט איז פאַוסטס קאַמף מיט מעפיסטאָפעלן און אויך פרצעס ר׳ שלמה אין דער „גאָלדענער קייט״, וואָס וויל אייביקן שבת איז אינטערעסאַנט. אייביקער שבת מיינט דאָך אייביקן שלום... אויך ביי שלום אַשן אין „תהילים ייִד״ איז מענדל קאַצקער אינטערעסאַנט. ער וויל נישט זיין קיין פאַסטוך, וואָס באַזאָרגט מיט פאַשע די סטאַדע, ער וויל פירן דעם מענטשן צום העכערן... דער תהילים ייִד אַליין איז שוין ווייניקער אינטערעסאַנט. ער איז שוין יאָ אַ פאַסטוך, וואָס באַזאָרגט מיט פאַשע זיינע בהמות...

— אָבער מענטשן דאַרפן דאָך עסן?

— זיי דאַרפן... קיינער לייקנט דאָס נישט. אָבער בהמות דאַרפן אויך עסן. חיות דאַרפן אויך עסן, פייגל דאַרפן אויך עסן... איז פאַראַן ביי זיי אַ פּראָבלעם פון באַשפייזן זיך; מאַכן זיי אַזאַ וועזן דערפון, ווי מען מאַכט ביי מענטשן און מען האָט אַן אַגריקולטור און אַן עקאָנאָמיק און אַ כעמיע און אָרגאַניזירטע יאַגד...

— אָרגאַניזירטע יאַגד איז, מאָלט אייך, יאָ פֿאַראַן ביי זיי. גייט אין וואַלד אַריין, וועט איר זען, ווי די שטאַרקע חיות וואַרטן פּאַרנאַכט ביי די טייכן אויף די שוואַכערע חיות, וואָס מוזן אַהין קומען, ווייל דער דורשט טרייבט זיי. און פֿייגל פֿליען נישט איינציינעם, אינזעקטן פֿליען נישט איינציינעם?

— נו, איר ווילט מיר איינריידן, אַז איך בין אולטראַ אינדיווידואַליסטיש. איך בין פֿאַר אַ געוויסער אָרגאַניזירטקייט, אָבער נישט פֿאַר אַזאַ, וואָס זאָל איבערגעבן די גאַנצע מאַכט דער געזעלשאַפֿט און דער מלוכה.

— זענט איר קעגן שטאַטלעכקייט, קעגן מדינהשאַפֿט?

— נישט קעגן, אָבער נישט פֿאַר צופֿיל מלוכהשאַפֿט. עס דאַרף זיין אַ גרענעץ צו דער מאַכט פֿון דער מלוכה.

— און ווער זאָל איינשטעלן די גרענעץ?

— די פֿרייע געזעלשאַפֿט...

— זענט איר, הייסט עס, פֿאַר געזעלשאַפֿט, אָבער פֿאַר פֿרייער, איז ווי אַזוי באַשטימט מען, וועלכע געזעלשאַפֿט איז פֿריי און וועלכע נישט?

— איר שטעלט צופֿיל קשיות. דאָס קען מען איבערלאָזן פֿאַר דער צייט, ווען מען וועט האַלטן דערביי.

— און ווי איז אייער שטעלונג צו מדינת ישראל?

— וואָס הייסט ווי? זי איז אַ פֿאַקט... אָבער זי דאַרף נישט זיין אַזוי ווי זי איז.

— ווי אַזוי דאַרף זי זיין?

— זי דאַרף זיין פֿרייער און זי דאַרף געבן מער פֿרייהייטן דעם מענטשן.

— איך זע נישט, אַז די ישראל־רעגירונג זאָל צונעמען די פֿרייהייט ביי די מענטשן דאָ. איך פֿאָר און גיי דאָ אַרום וואָכן און וואָכן און מיך האָט קיינמאָל נאָך נישט אָפּגעשטעלט קיין שוטר (פּאָליציימאַן) און קיינער האָט מיך נישט געפֿרעגט ווער און וואָס איך בין.

— אַ נו, פּרוווט דאָס דאָזיקע, וואָס די רעגירונג וויל נישט מען זאָל טאָן, וועט איר זען, ווי מען וועט אייך שוין פֿרעגן.

— וואָס מיינט איר מיט דעם אויסדרוק „טאָן, וואָס די רעגירונג וויל נישט"? איר מ׳ינט — געזעצלעך, פּאָליטיש? לאָמיך פֿאַרשטיין.

— מיר מיינען אין אַלץ. זי איז צופֿיל רעגירונג. זי מישט זיך צופֿיל

אַריין אין יעדנס לעבן. זי מישט זיך אַריין אין דער אינדוסטריע, אין די געדאַנקען.

— זי מישט זיך אַריין און פונדעסטוועגן פעלן נישט קיין אָרימע און רייכע און איר וואָלט דאָך מסתמא געוואָלט, אַז דאָס זאָל נישט זיין.

— אַוודאי! און מיר זיינען איבערציינט, אַז ווען די רעגירונג מישט זיך דאָ נישט אַזוי עקאָנאָמיש, וואָלטן די מענטשן אַליין זיך איינגעשטעלט אַ בעסער לעבן און זיי וואָלטן נישט דערלאָזט מען זאָל זיי עקספּלואַטירן.

— אָט זיינען דאָך פאַראַן קיבוצים, וווּ עס איז נישט פאַראַן קיין עקספּלואַטאַציע.

— אָט, אָט, ווען די רעגירונג מישט זיך נישט, וואָלטן אַלע געלעבט ווי אין קיבוצים. יעדע פאַבריק וואָלט געווען אַ קיבוץ. און ערשט אַ פרייער קיבוץ. וואָרום די קיבוצים זיינען דאָ נישט פריי. פּרוּווט ריידן אין זיי קעגן מלחמה ,לאָזט מען דיך נישט.

— איך פאַרשטיי אַפילו נישט, ווי אַזוי אַלע אונטערנעמונגען וואָלטן געוואָרן קיבוצים ווען די רעגירונג מישט זיך נישט. ווער אַ שטייגער וואָלט זיי געמאַכט און ווער וואָלט אַכטונג געגעבן אויף דער אָרדענונג איז זיי? אָבער איך לאָז דאָס איבער. פאַרשטיין וויל איך טאַקע וועגן דעם, וואָס איר זאָגט, אַז מען לאָזט נישט ריידן קעגן מלחמה. ווער לאָזט נישט? פּאָליציי קומט און שטערט? איך האָב אַ סך מאָל געגעבעכטיקט אין קיבוצים און איך האָב נישט געזען קיין פּאָליציי.

— פאַראַן דאָרט באַוואָפנטע מאַכט.

—נו, אַזוי באַזוו ביז איך נישט צו מיינען, אַז אין אַ פּלאַץ, וווּ עס וווינען עטלעכע הונדערט מענטשן, אָדער גאָר אַ פּאָר טויזנט, זאָל קיינער נישט האָבן קיין מאַכט, אָבער איך האָב נישט געזען, אַז די דאָזיקע, וואָס האָבן די מאַכט, זאָלן זי דאַרפן נוצן.

— אַז מען דאַרף נישט אָנקומען דערצו. מען וויל דיך באַלד נישט אויסהערן, ווען דו נעמסט ריידן פאַר שלום און קעגן מלחמה. עס האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּסיכאָז פון מלחמה גאַנץ ישראל און די רעגירונג נעמט אין דעם פּרט נישט אָן קיין שום מיטלען. דעם פּסיכאָז רייך צו ווערן שטערט זי דאָך אַביסל, דעם פּסיכאָז פון מלחמה העלפט זי ווערן שטאַר־קער.

— וואָס מיינט איר מיט דעם פּסיכאָז פון מלחמה? די אַראַבער

טשעפּען נישט די ייִדן און די ייִדן מאַכן מיט זיי מלחמות און גרייטן זיך צו מלחמה?

— די אַראַבער טשעפּען יאָ. זיי פאַלן איבער ביי דער גרענעץ, אָבער ראשית האָט מען זיי אַרויסגעוואָרפן. והשנית איז אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז זיי זאָלן מורא קריגן, ווען זיי זעען, ווי מיר גרייטן זיך צו מלחמה און מיר זיינען באַוואָפנט.

— מיינט איר, אַז מדינת ישראל דאַרף זיך נישט באַוואָפענען?

— ניין!

— און מיט וואָס זענט איר זיכער, אַז ווען די אַראַבער וואָלטן זיך דערוווּסט, אַז די ייִדן זיינען אומבאַוואָפנט, וואָלטן זיי זיך נישט אַ לאָז געטאָן אויף זיי און זיי באַראַבעוועט און פאַרוויסט און די לעבנס פאַרשניטן?

— צו וואָס וואָלטן זיי דאָס געדאַרפט טאָן? זיי וואָלטן דאָך נישט געהאַט פאַרוואָס מורא צו האָבן פאַר די ייִדן. מען העצט זיי און מען רעדט זיי איין, אַז די ייִדן ווילן פאַרכאַפּן זייערע לענדער, אַזוי ווי זיי האָבן פאַרכאַפּט ארץ־ישראל. די פּשוטערע דערציילט מען איינפאַך, אַז די ייִדן ווילן אַלץ צונעמען, די מער פאַרשטענדלעכע רעדט מען איין, אַז די ייִדן זיינען געשיקט פון די קאַפּיטאַליסטישע אימפּעריאַליסטן, אַז זיי זאָלן פאַר זיי איינגעמען אַלע אַראַבישע לענדער און אַרויסטרייבן די אַראַבער פון זיי. און ווייל זיי זעען ווי די ייִדן באַוואָפענען זיך, גלייבן זיי אין דעם.

— און איר זענט איבערצייגט, אַז די אַראַבער וואָלטן לחלוטין נישט געטשעפּעט די ייִדן, ווען זיי באַוואָפענען זיך נישט?

— לחלוטין קען מ'ען נישט זאָגן. די ערשטע צייט אפשר יאָ אביסל, אָבער דאָס דאָזיקע וואָלט אונדז בשום אופן נישט געקאָסט אַזויפיל אין מענטשן און אין אָנשטרענגונג, וויפל עס קאָסט איצטער, ווען מיר באַוואָפענען זיך. און מיט דער צייט וואָלטן אינגאַנצן אויפגעהערט די אָנגריפן.

— די אַראַבער זיינען נישט באַוואָפנט?

— זיי זיינען יאָ באַוואָפנט, אָבער בלויז דערפאַר, ווייל מיר זיינען באַוואָפנט.

— ייִדן, הייסט עס, האָבן זיך באַוואָפנט די ערשטע?

— דאָס קען איך פּינקטלעך נישט זאָגן, אָבער זיכער בין איך, אַז

ווען זיי וואָלטן געזען, אַז די ייִדן באַוואָפֿענען זיך נישט, וואָלטן זיי אויך זיך אויפֿגעהערט צו באַוואָפֿענען.

— ווען דעם, וואָס ס׳איז געווען — האָב איך נאָך אַלץ געוואָלט פֿאַרשטיין זיין געדאַנקען־גאַנג — איז דאָך איבעריק צו ריידן, אָבער דערקלערט מיר, וואָס דאַרפֿן די ישראלניקעס טאָן אין איצטיקן מאָמענט.

— אָוועקנעמען די באַוואָפֿענונג פֿון דער גרענעץ. אָפּשטעלן דאָס פּראָדוצירן און קויפֿן געווער, ריידן פֿריידלעכע רייד צו די אַראַבער און עס וועט מיט דער צייט קומען צו אַ שלום.

— און ווי וועט זיין, אַז ווען די אַראַבער וועלן דערפֿילן, אַז די גרענעצן זיינען נישט באַוואָפֿנט און אַז ישראל האָט ווייניקער כלי זיין, וועלן זיי זיך אַ לאָז טאָן אויף ישראל און חרוב מאַכן עד חרמה און ראַבעווען און הרגענען און שענדן?

— אַזוי הפֿקר איז די וועלט?

— נאָך טרעבלינקע און מאַידאַנעק פֿרעגט איר, צי די וועלט איז הפֿקר?

— דאָס איז געווען אַ שווידערלעכע דערשיינונג, אָבער אַן איינמאָליקע און זי שטאַמט דערפֿון, וואָס מען האָט דערצויגן דעם מענטשן צו מלחמה...

— אָבער ווער וועט פֿאַרזיכערן, אַז די וועלט זאָל דאָ נישט ווערן הפֿקר און אַז מען זאָל נישט אָפּווישן דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן אינאיינעם מיט די בויער?

— נו, זאָג איך אייך, אַז די וועלט איז נישט הפֿקר. עס קומט דאָך פֿאָרט נישט צו קיין מלחמה אין דער וועלט.

— עס קומט נישט צו קיין מלחמה, ווייל ביידע צדדים זיינען אַזוי באַוואָפֿנט, אַז יעדער צוריר צו די וואָפֿן, וואָלט ביידע אומגעבראַכט. ווער וואָלט דאָ געשטערט צו מלחמה, ווען דער אַראַבישער צד וואָלט געוווסט, אַז די ישראלניקעס וועלן זיך נישט קעגנשטעלן מיט פֿייער קעגן פֿייער, נאָר זיי וועלן אייך שיקן ריידן צו זיי — ברית־שלום?

— איר רעדט אַזוי, ווייל איר גלייבט נישט אין מענטשן. איר גלייבט נישט, אַז דער מענטש וויל שלום. איר זענט אַ ייִד און דאָך קיין ייִד נישט. אַ ייִד דאַרף גלויבן אין ישעיה הנביאס גרויסער פֿרידן־וויזיע און דאַרף זיך מוסר־נפֿש זיין פֿאַר איר...

— איר האָט אַ פֿרוי מיט קינדער?

— אַ פרוי — יאָ, קינדער נישט.

— ווען איר וואָלט געהאַט קינדער און אייניקלעך, וואָלט איר זיי געלאָזט אין אַ קיבוץ, וואָס געפינט זיך ביי דער גרענעץ מיט עגיפּטן, סיריע, אָדער יאַרדאַניע, וועלכער איז כלל נישט באַוואָפנט?

— וואָס פאַר אַ פראַגע!

— איר זאָגט נישט דאָס דאָזיקע, ווייל איר האָט נישט קיין קינדער און קיין אייניקלעך?

— אַזאַ חשד איז שוין פאַקטיש אַ באַליידיקונג, אָבער אונדז גייט נישט אין קיין פערזענלעכע ערן־פאַרטיידיקונג. מיר רופן נישט אַרויס קיינעם אויף קיין דועלן, כאָטש מען באַליידיקט אונדז כסדר און נאָך ערגער ווי דאָס: מען איגנאָרירט אונדז.

— ביי די אַראַבער זיינען אויך פאַראַן ברית־שלומניקעס?

— מיר זיינען איבערצייגט, אַז עס זיינען פאַראַן.

— אָבער קיין קאָנטאַקט האָט איר נישט מיט זיי?

— ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט זיי, וואָלטן דאָס אַלע געוווּסט. ביי אונדז זיינען נישט פאַראַן קיין סודות.

— איר קומט צום אויסדרוק מיט אייערע געדאַנקען?

— נישט אין דער גרויסער פּרעסע. מיר גיבן דאָך אַ רייד. ר׳ בנימין גיט אַ שרייב אַמאָל. אין לאַנד, אין אויסלאַנד.

— אין אויסלאַנד — ווייס איך. נישט איין מאָל האָב איך געלייענט מאמרים פון אייערע אין דער פריילאַנדישער אויסגאַבע און אַמאָל אויך אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע". דערקלערט זשע מיר, פאַרוואָס האָבן מיר נישט געהערט קיינמאָל, אַז אַראַבער זאָלן אַרויסטרעטן קעגן דעם, וואָס זייערע רעגירונגען באַוואָפענען זיך און גרייטן זיך צו מלחמה?

— די אַראַבער קענען דאָס נישט טאָן, ווייל ביי זיי איז לחלוטין נישט פאַראַן קיין פרייהייט פון געדאַנק און פון וואָרט.

— הייסט עס, אַז אין ישראל איז יאָ פאַראַן אַזאַ פרייהייט.

— מער ווי אין די אַראַבישע לענדער, אָבער נישט גענוג.

— האַלט איר, אַז די ישראלניקעס וואָלטן געדאַרפט האָבן דעם מאַקסימום פון פרייהייט און זיי זאָלן איינפירן דעם מאַקסימום פון אַנטוואָפענונג?

— יאָ, אַזוי האַלטן מיר! אויב מיר האָבן זיך אומגעקערט נאָך טויזנ־

טער יאָרן אין ייִדישן לאַנד אַריין, דאַרפֿן מיר זײַן אַ מוסטער פֿאַר דער וועלט.

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווען מען זעצט אַריין אין אַ וואַלד מיט ווילדע חיות אַ געוויסע צאָל שעפּעלעך, אַז זיי זאָלן זײַן אַ מוסטער פֿאַר די דאָרטיקע אײַנוווינער, ווי לאַנג, מיינט איר, וואָלטן די שעפּעלעך דאָרט געדויערט?

— קיין נביא בין איך נישט. קען זײַן, אַז זיי וואָלטן אַלע אומגעקומען און קען זײַן, אַז מען וואָלט זיי אויפֿגעהערט צו טשעפּען. זיכער אָבער איז, אַז די שעפּעלעך וואָלטן דורך דעם נישט אויפֿגעהערט צו זײַן שעפּעלעך.

— זײַנען מיר דאָס שעפּעלע־פֿאָלק צווישן די פֿעלקער?

— מען האָט אונדז נישט איין מאָל פֿאַרגליכן צו אַ שעפּעלע.

— אָבער אונדזער געשיכטע דערציילט אויך וועגן פֿאַרטיידיקן זיך. אין די צײַטן פֿון ראַטעווען זיך דורך קידוש השם, זײַנען אויך געווען פֿאַלן, ווען מיר האָבן זיך פֿאַרטיידיקט. אונדזער אַמאַליק מלוכה־לעבן האָבן מיר פֿאַרטיידיקט מיט געווער און דאָס נישט איין מאָל געראַטעוועט מיטן כוח פֿון קאַמף. און דער דריטער חורבן אונדזערער אין דער ווסטער נאַצי־תקופֿה איז אויך פֿאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ פֿאַנטאַסטיש העראָישן געטאָ־אויפֿשטאַנד...

דער מאַן מיט די מילדע אויגן האָט מיך געלאָזט ריידן און ווען ער האָט זיך שוין איבערצייגט, אַז איך שווײַג, האָט ער גענומען ריידן. און ער האָט געזאָגט:

— אַ גאַנצע וועלט איז משוגע געוואָרן אויף מלחמה. יעדן טאָג, יעדע שעה קומען צו געווערן אַזעלכע, וואָס שטעלן אין סכנה אַלץ, וואָס לעבט אויף דער ערד־קויל. דאַרף דאָך זײַן כאָטש איינער, וואָס זאָל זיך אײַנשטעלן און אָפּשטעלן דעם מלחמה־פּסיכאָז און דער איינער מוז זײַן דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט ישעיהן. אפֿשר וועלן מיר די ערשטע צײַט לײַדן. כאָטש מיר לײַדן דאָך סײַ ווי. אונדזער מלחמה־משוגעת קאָסט דאָך אונדז קרבנות. אַז אַ מענטש וועט שלאָגן אַ צווייטן און יענער וועט זיך נישט קעגנשטעלן, וועט ער סוף כל סוף אויפֿהערן צו שלאָגן. און אַזוי וואָלט געשען, ווען מיר שטעלן אָפּ די באַוואָפֿענונג און די מלחמה־משוגעת. און אונדזער נאָמען וואָלט געוואָרן גרויס.

דווקא אין דעם ווינקל וווּ עס הערשט זייט יאָרן מלחמה, איז געקומען אַ סוף צו דער מלחמה־משוגעת...

דער מענטש האָט גערעדט און גערעדט. איך האָב אים נישט איבגאַנצן געהערט. איך האָב זיך אַוועקגערוקט און ער האָט ווייטער גערעדט. איך האָב געזען, אַז ער איז געווען צו ריידן אויך, ווען קיינער הערט אים נישט. אין געדאַנק האָב איך זיך געזאָגט: אָפּטער ווי אַלץ דערמאָנט ער די צוויי ווערטער „מלחמה־משוגעת", דאָס וואָרט מלחמה בייט זיך דאָ אַליין איבער אויף שלום. עס הערשט ביי אַ געוויסער צאָל ייִדן אין ישראל אַ שלום־משוגעת און — אַ שפּעלער־קאָמפּלעקס...

צווישן טויטע, וואָס זיינען לעבעדיק

ער איז נישט אַזוי אַלט דער אַלטער בית־עולם אין תל־אביב. דריי און פופציק יאָר ציילט ער. ווען ער איז געגרינדעט געוואָרן, איז נאָך קיין תל־אביב נישט געווען.

באַגייט געוואָרן איז אָט דער בית־עולם מיט פויק, טאַץ און טענץ. עס איז אַ מעשה דערביי. די טערקישע רעגירונג האָט פריער נישט גע־וואָלט געבן די ייִדן פון יפו קיין „טשאַרטער" פאַר קיין בית־עולם. האָט זי דערנאָך עס געמוזט. עס האָט אין יאָר 1903 אויסגעבראָכן אַ מגפה אין יפו און די רעגירונג האָט מורא געהאַט מקבר צו זיין די קרבנות אויף דעם אַלגעמיינעם בית־עולם, האָט זי ווייט פון שטאָט אָפּגעזונדערט אַ פּלאַץ אין די זאַמדן פאַר אַ ייִדישן בית־עולם. פאַראַן מקדמונים אַ סגולה אָפּ־צושטעלן אַ מגפה: מקבר זיין אַלטע און פסול געוואָרענע ספרים. האָט מען איניינעם מיט די ערשטע מתים וואָס מען האָט דאָרט געבראַכט צו קבורה, מקבר געווען ספרים. און נאָך אַ סגולה איז פאַראַן: שטעלן אַ חופה אויף דעם בית־עולם. האָט מען איניינעם מיט די ערשטע מתים גע־שטעלט צוויי חופות פון צוויי יונגע פּאָרלעך. די פּאָרלעך האָט מען גע־בראַכט אויף דעם נייעם בית־עולם מיט פויק, טאַץ און טאַנץ. דער טרויער־ריקער אָנהייב פון דעם אַלטן בית־הקברות אין תל־אביב איז געקומען מיט „פרייד"...

היינט געפינט זיך דער דאָזיקער בית־עולם דווקא אין סאַמע מיטן שטאָט. מען קען אין אים אַריינגיין דורך דער טרומפּעלדאָר־גאַס, אָדער דודך דער חברון־גאַס.ביידע געפינען זיך אין צענטער פון שטאָט. נישט ווייט פון דאָרט געפינט זיך אַ ישיבה אויף דעם נאָמען פון געוועזענעם רב הראשי פון תל־אביב, וואָס האָט געהייסן אַראָנסאָן. ביי דער זייט גע־פינט זיך אַ שיל וואָס היטלערס באָמבעס האָבן צעשטערט אין סעפּטעמ־בער פון יאָר 1940. אַלטע לייט זיינען דאָרט דערהרגעט געוואָרן אין מיטן דאַוונען, דערפאַר, אפנים, האָט מען דאָס ברענגען צו קבורה אויף דעם בית־עולם אָפּגעשטעלט אין יענער צייט. פון צייט צו צייט ברענגט מען נאָך דאָרט עמיצן צו קבורה, אָבער גאָר אַ חשובע פּערזענלעכקייט אַלס

אויסנאַם־פֿאַל. עס איז מערקווירדיק, וואָס דער דאָזיקער בית־עולם האָט פֿונקציאָנירט צוויי מאָל ח״י — 36 — יאָר.

אין כּלל געגומען איז אַ בית־עולם אַ טייל פֿון לעבן און מען דער־פֿילט דאָרט אַ סך מער דאָס לעבן, ווי דעם טויט. אויף דעם אַלטן בית־עולם אין תּל־אָבֿיבֿ דערפֿילט מען דאָס אוודאי. פֿאַראַן דאָרט קבֿרים פֿון מענטשן, וואָס זיינען עד־היום לעבעדיק און פֿון אַזעלכע, וואָס וועלן מסתּמא אייביק לעבן.

ביים סאַמע אַריינגאַנג פֿון דער אַלטער זייט טרעפֿט מען די קבֿרים פֿון די מגפֿה־קרבנות און פֿון די פּסולע ספֿרים. מען טרעפֿט דאָ אויף די מצבֿות די אַלטע און טיפּישע אויסדרוקן, ווי: „האבן הזאת תזעק מרה״ — דער דאָזיקער שטיין שרייט ביטער. און דיר דאַכט זיך, אַז אויך אָט די קרבנות זיינען נאָך אויך פֿאַראַן מיט עפּעס אין לעבן. מען איז דורך זיי דאָ געגאַנגען צום אויפֿבוי און צו דעם אויפֿלעב.

גייסט אַבֿישׂל ווייטער קומסטו איבער אַ ברודער־קבֿר פֿון שפּעטער מיט 18 יאָר. אויך דאָ ליגן קרבנות, אָבער נישט פֿון קיין מגפֿה, נאָר פֿון אַן אַראַבישן מערדערישן איבערפֿאַל. צווישן די קרבנות געפֿינט זיך דער היי־ליקער העברעיִשער שרייבער י. ח. ברענער, דאָס געשריי פֿון ייִדישן גע־וויסן. לעבן ברענערן ליגט זיין געטרייער באַגלייטער צבֿי שץ. דו בלייבסט שטיין לעבן אָט די קבֿרים און דו זעסט און הערסט ברענערן, אפֿשר דעם טראַגישסטן פֿון אַלע ייִדישע שרייבער אין אונדזער צייט. ברענער האָט שטענדיק עפּעס געוואָלט און שטענדיק עפּעס געמאָנט. וואָס? ער אַליין וואָלט מסתּמא אויך נישט געקענט קלאָר ענטפֿערן אויף אָט דער שאלה. ער האָט געוואָלט אַ געזונט, שטאָלץ און געראַכט ייִדיש און אַלגעמיין לעבן. פֿאַר זיך האָט ער געוואָלט אפֿשר נאָך ווייניקער ווי פּרצעס באַנטשע שווייג. פֿאַרוואָס אים איז געקומען צו דערהרגענען? דער הימל קוקט אַמאָל אַ לויטערער און אַמאָל אַ כמורנער אויף ברענערס קבֿר און ער שווייגט.

שטייענדיק ביי ברענערס קבֿר, האָב איך זיך דערמאָנט אין זיין יוגנט־חבֿר, דעם אייגנאַרטיקן ייִדישן שרייבער לאַמעד שאַפּיראָ, וועלכער האָט יאָרנלאַנג נישט אויפֿגעהערט חלומען וועגן אַ באַגעגעניש מיט ברענערן אויף יענער וועלט. מען האָט ברענערן דערציילט, אַז שאַפּיראָ איז נתעשר געוואָרן אין אַמעריקע, בעת באמת האָט דער מחבר פֿון „קוש״ און „צלם״ (לאַמעד שאַפּיראָס באַרימטסטע צוויי דערציילונגען) קיינמאָל קיין פּרנסה נישט געהאַט. שאַפּיראָ האָט אַוועקגעשיקט ברענערן די לעצטע 25 דאָ־

לאַרן, וואָס ער האָט פאַרמאַגט, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז זיין יוגנט־חבר איז געבליבן איבערצייגט, אַז ער איז אַ קמצן. איידער ער האָט דאָס אים באַוויזן צו באַווייזן, איז ברענער דערהרגעט געוואָרן און שאַפּיראָ האָט געחלומט וועגן אַ באַגעגעניש אויף יענער וועלט...

פאַראַן נאָך ברידער־קברים אויף דעם אַלטן בית־עולם אין תל־אביב. פאַראַן ברידער־קברים פון 1929, פון 1936 און 1939. דער מלאך המוות האָט דאָ געהאַט אַ גרויסן „זכות": מען האָט געטאָן פאַר אים די אַרבעט. מענטשן אַליין האָבן דאָ געבראַכט אַ סך מ'ער טויטע, ווי עס האָט גע־בראַכט דער מלאך המוות.

דער בליק פאַלט אַלעמאָל אויף אַן אַנדער קבר. אָט זע איך אַ מצבה אויף דעם קבר פון אַ ייִדן וואָס האָט געהייסן מנחם שיינקין. ער איז גע־ווען איינער פון די גרינדער פון תל־אביב און איינער פון די וויכטיקסטע בויער פון דעם נייעם ארץ־ישראל. ווען איך בין געווען אַ ייִנגל און גע־לערנט אין אָדעס, פלעגט ער אַלעמאָל קומען אין יענער שטאָט אַריין. איך געדענק, אַז ער פלעגט טראָגן אַ ווייסן אַנצוג און דאָס פּנים איז ביי אים געווען שוואַרץ ווי קויל. מען האָט געזאָגט, אַז ער ווערט אָפּגעברענט פון דער ארץ־ישראל־זון. ער פלעגט אָנקומען ווי אַ שטורעם און ער האָט גערעדט דריי שפּראַכן אויף אַמאָל: רוסיש, העבּרעיִש און ייִדיש. און ער האָט שוין דעמאָלט געבראַכט פון ארץ־ישראל אַזאַ מין פרייד, וואָס מיר האָבן אין אָדעס נישט געקענט. דאָס איז געווען פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג. דער שטורמישער שיינקין ליגט שוין זייט לאַנג לאַנג און לאַכט נישט און רעדט נישט אין דריי שפּראַכן און גיט נישט קיין עצות. און קיין אָדעס קומען מער נישט אַזעלכע ייִדן ווי ער.

איך באַמערק דעם קבר פון דעם, וואָס איז געווען דער הויפּט־גריב־דער פון תל־אביב — פון מאיר דיזענגאָף. אַ געזונטער בעסאַראַבער ייִד, מ'יט אָפּטימיזם און גלויבן. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, איז ער געווען בירגערמייסטער פון תל־אביב. ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז ער האָט נישט מורא פאַר דעם טויט. און פאַרוואָס האָט ער דען געדאַרפט מורא האָבן? איינע פון די סאַמע לעבעדיקסטע גאַסן אין תל־אביב, וואָס האָט די שענסטע געשעפטן און די קאַפע־הייזער, ווו עס זיצט די באָהעמיע און די אינטעליגענץ, טראָגט זיין נאָמען. דער מוזיי, ווו מען האָט אין 1948 פּראָקלאַמירט די מדינת ישראל, איז געווען זיין הויז און טראָגט זיין נאָמען. נישט ווייט פון אים געפינט זיך דער קבר פון דוב האָז, וואָס

איז יאָרנלאַנג געווען זיין וויצע־בירגערמייסטער. ער איז אומגעקומען פון אַן אויטאָ־אַקצידענט. איך דערמאָן זיך, אַז די יידישע שרייבער־היים, וואָס איז נישט לאַנג געעפנט געוואָרן אין תל־אביב, געפינט זיך אויף דער גאַס, וואָס הייסט דוב האָז. און אָט איז דער קבר פון ד״ר מטמן כהן. דער גרינ־דער פון דער ערשטער העברעיִשער גימנאַזיע אין ארץ־ישראל. די „הרצליה״. און אָט וואַרפט זיך מיר אין די אויגן אַריין אַ מצבה מיטן נאָמען יוסף אַראָנאָוויטש. ער איז געווען יאָרנלאַנג דער רעדאַקטאָר פון דעם העברעיִשן וואָכן־זשורנאַל „הפועל הצעיר״, וועלכן איך האָב געלייענט אין די יאָרן 1911־13 און האָב דורך אים זיך באַקענט מיט דעם העברעיִש, וואָס מען האָט דעמאָלט געשריבן און אָנגעהויבן ריידן אין ארץ־ישראל און טאַקע מיט ארץ־ישראל גופא. ער איז געווען דער מאַן פון דער גרויסער העברעיִשער שרייבערן דבורה באַראָן, וואָס האָט אים אַריבערגעלעבט מיט אַ סך יאָרן און איז שוין אויך אַ שוכנת עפר. און אָט זע איך דעם קבר פון שמעון רוקח, דער פאָטער פון ישראל רוקח, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען בירגערמייסטער פון תל־אביב, נאָך מאיר דיזענגאָפס פטירה. איך בין אָנגעקומען קיין רומעניע אויף די אָפּגעקילטע שפּורן פון אַ זייער אייגנאַרטיקן העברעיִש־יידישן שרייבער אליעזר רוקח, וועלכן מען האָט קיין מאָל נישט אָפּגעשאַצט. ער איז אין רומעניע געווען אַ לאַנגע צייט טעטיק אינאיינעם מיט אברהם גאָלדפאַדען און וועלוול זבאַרזשער און ער איז געווען דער מער געלערנטער צווישן זיי.

און עס וואַרפן זיך אין די אויגן פאַרשידענע מצבות מיט נעמ׳ען פון שרייבער. אָט זע איך דעם נאָמען פון ש. ל. גאָרדאָן, דער מחבר פון דעם „פירוש מדעי״ — וויסנשאַפטלעכער קאָמענטאַר אויף דער ביבל, וואָס האָט דעם גאַנצן דור מיינעם געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַנעמען דעם תנ״ך און זיך קענען דורכדרינגען מיט אים. און אָט איז דער קבר פון דעם העברעיִש־יידישן שרייבער א. דרויאַנאָוו, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען רע־דאַקטאָר פון ציוניסטישן אָפּיציאָז אין העברעיִש „העולם״. ער איז געווען איינער פון די געטרייסטע זאַמלער פון יידישן פאָלקלאָר בכלל און דעם יידישן אַנעקדאָט בפרט. ער איז געווען פערזענלעך, ווי איך געדענק אים פון אָדעס, פול מיט ערנסט און מיט פרייד. איך בלייב אַביסל לענגער שטיין ביי זיין קבר. איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך האָב נאָר וואָס אָנגע־הויבן שרייבן, האָב איך אים געשיקט אַ סקיצע אין העברעיִש און ער האָט זי מיר צוריקגעשיקט, אָבער די מאָטיוון פון צוריקשיקן, וואָס ער האָט

אָנגעגעבן אין בייגעלייגטן בריוו, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מיר דווקא געגעבן מוט צו שרייבן. נישט ווייט פון דרויאַנאָוון באַמערק איך דעם קבר פון דעם העברעיִשן שרייבער ש. בן ציון. ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע העברעיִשע שרייבער אין בעסאַראַביע. זיינע דערציי־לונגען האָבן געהאַט טיפֿן, וועלכע איך האָב געקענט דורך און דורך. ער איז געווען פון די ערשטע שרייבער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל און ער האָט דאָרט דורכגעמאַכט אַ טראַגיש לעבן, ווייל ער האָט געהאַט אַ שווערן כאַראַקטער. מען האָט אים געבראַכט ער זאָל רעדאַק־טירן אַ קינדער־זשורנאַל און ער האָט געמוזט באַזייטיקט ווערן און ער האָט דערפון אַ סך געליטן.

און אָט זע איך אַ מוזיקאַלישע מצבה, אונטער איר ליגט דער ייִדי־שער קאָמפּאָזיטאָר יואל ענגעל, איינער פון די גרעסטע מוזיקער ביי אונדז, וואָס איז נישט אַוועק צו דער ברייטער וועלט און איז געבליבן אין אונ־דזער מיט. זיינע מעלאָדיעס האָבן געגרייכט צו די מאַסן אויך ווי מוזיק־אילוסטראַציעס צו העברעיִשע און ייִדישע טעאַטער־אויפֿירונגען.

איך קום צום אַריינגאַנג אויף דעם בית־עולם פון דער אַנדערער זייט און איך באַמערק, אַז אויסערגעוויינלעך נאָענט זיינען די קברים פון אחד העם און מאַקס נאָרדאַו. זיי האָבן אַ גאַנץ לעבן זיך געקריגט. אחד העם איז געווען אפשר דער שאַרפסטער קריטיקער פון הערצלען, הגם ער האָט אַ לעבן־לאַנג געשריבן שטיל און ער האָט דאָס קול נישט אויפגעהויבן. מאַקס נאָרדאַו איז געווען הערצלס הייסטער פּאַרטיידיקער און ער איז געווען דער סאַמע היפוך פון אחד־העמען. ער האָט גערעדט און געשריבן שטורמיש און אַ סך מאָל טאַקע ווילד. ער האָט זיך געוואָרפן אויף זיין קרבן ממש ווי אַ לייב. ער האָט אין זיין בוך „דעגענערירטע" אַוועקגע־לייגט דריי פערטל פון די גרעסטע שרייבער אין דער וועלט און זיי צו־נישט געמאַכט. ער איז אין איינס און צוויי פּאַרטיק געוואָרן מיט טאָלס־טאָיען, איז ביים אים געווען אַ שווערע זאַך צו נעמען עפּעס אַ פּראָווינ־ציעלן רוסישן ייִדן, וואָס הייסט אשר גינזבורג און שרייבט זיך אונטער אחד־העם און אים מאַכן צונישט? אַז דער דאָזיקער ייִד האָט געהאַט אַ טיף וויסן אין דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע און ער האָט אַליין געהאַט אַזאַ אייזערנעם קאָפּ, מיט וועלכן אַפילו אַ סאָקראַט וואָלט זיך שווער אַן עצה געגעבן, איז אים נישט איינגעפאַלן. אחד־העם האָט אָנגעוויזן, אַז אין הערצלס אוטאָפּיע „אַלט־ניילאַנד" וואָס שטעלט פאָר, ווי אַזוי דאָס לעבן

וועט אויסזען אין דער ייִדישער מדינה, איז גאַרנישט פאַראַן וועגן ייִדישן לעבן־שטייגער און עס איז אַפילו נישט אָנגעוויזן, אַז מען רעדט העברעיִש. האָט מאַקס נאָרדאַו אים געענטפערט, אַז ער וויל, אַז אין אַ בוך, וואָס איז געשריבן אין דייטש, זאָלן די מענטשןריידן העברעיִש... נאָרדאַו האָט געגומען אחד־העמען ווי מען נעמט אַ קליין שטעטלדיקן בטלן. אויף דעם אַלטן בית־עולם אין תל־אביב ליגן אָט די ביידע, קבר ביי קבר און שווייגן. ביים ברעג פון תל־אביב איז פאַראַן די אחד־העם־גאַס און דאָס הויז, ווו אחד־העם האָט געוווינט און וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי. מאַקס נאָרדאַוס קערפּער האָט מען געבראַכט אַהערצו. אַ שטיק צייט נאָך זיין טויט. מיט אחד־העמען ראַנגלט מען זיך נאָך ביז היינט אין ישראל, מען לערנט אים און מען קריגט זיך מיט אים. ער האָט געלערנט, אַז ארץ־ישראל וועט ווערן נישט קיין עקאָנאָמישע און נישט קיין פּאָליטישע באַזע פאַר דעם ייִדישן פאָלק, נאָר אַ מרכז רוחני, אַ גייסטיקער צענטער און אָט ווערט ישראל דווקא אַן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַזע און קיין גייס־טיקער צענטער פאַר דעם גאַנצן ייִדנטום ווערט עס דערווייל נאָך נישט. עס איז גראָד איצטער געוואָרן הונדערט יאָר זייט אחד־העם איז געבוירן געוואָרן. 29 יאָר איז ער שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע און מען קריגט זיך מיט אים און מען קען מיט אים נישט שלום מאַכן און אים נישט פאַר־לייקענען. און מאַקס נאָרדאַו, וואָס איז צוויי צענדליק יאָר געווען אַ צענ־טראַלע פיגור אין דער גאַנצער קולטור־וועלט און איז אין ציוניזם געווען די צווייטע פיגור נאָך הערצלען, איז אַ פאַרגעסענער אין דער גאַנצער וועלט און זעלטן ווען מען דערמאָנט אים אין ארץ־ישראל. כאָטש ער האָט מער ווי אַלע פאַרויסגעזען די שוועריקייטן מיט די אַראַבער און צע־טרייסלט די וועלט בכלל און די ייִדישע וועלט בפרט פאַר דעם ציוניזם, האָט ער אויך זייער שטאַרק.

און אָט איז דער קבר פון אים אַליין, פון דעם גרעסטן העברעיִשן דיכטער אין משך פון אַ סך צענדליקער יאָרן, חיים נחמן ביאַליק. ער האָט אַ לעבן־לאַנג געלעבט אין ארץ־ישראל. די לעצטע יאָרן האָט ער דאָרט בפועל ממש געלעבט, אָבער אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן אָטעם האָט ער אין ווין און מען האָט אים אַהיים געבראַכט שוין נישט קיין לעבעדיקן. און עס גלייבט זיך אַזוי שווער, אַז ביאַליק קען זיין נישט קיין לעבעדיקער אויך. די בעסטע פון די שירים זיינע פאַרמאָגן אומרו און שטורעם. ער איז פער־זענלעך אויך געווען אַ ווולקאַן פון פאַטאָס און הומאָר. ער איז געווען אַ

מאַקסימאַלער אויסדרוק פון לעבן. און זיינע רעשטן ליגן דאָ שווייגנדיקע. ביאַליק שווייגט. ער לאַכט נישט, ער שרייט נישט, ער קריגט זיך נישט, ער דערציילט נישט קיין חכמות, ער זינגט נישט...

און אָט ליגט ביאַליקס אינטימסטער פריינט אין משך פון אַ לעבן־לאַנג, דער פּובליציסט, קריטיקער און רעדאַקטאָר י. ח. ראַווניצקי, מיט וועלכן ער האָט אינייינעם געזאַמלט און רעדאַקטירט די אגדתא׳ס און וואָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער פאָלקסטימלעכער ייִד, אַ העברעיִשער שרייבער און אַ קעמפער פאַר ייִדיש. ער האָט געהאַלטן, אַז מען הערט אויף ריידן ייִדיש, ווערט מען היפּשלעך אויס ייִד.

און אָט איז פאַראַן דער קבר פון שמריהו לעווין, וואָס איז געווען איינער פון די בעסטע ציוניסטישע בעל־דרשנס. ער איז געווען איינער פון די דינאַמישסטע ציוניסטישע פירער און ער האָט צערודערט גאַנצע וועלטן פאַר דעם ציוניזם אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. ער האָט געשריבן, גערעדט און אָרגאַניזירט. ווהין האָט דען זיין גייסטרייך און געפליגלט וואָרט נישט געגרייכט? מען דערציילט עד־היום זיינע חכמות און אַנעקדאָטן. ער איז מסתמא געווען דער שאַרפזיניקסטער ייִדישער רעדנער אין די ערשטע דריי צענדליק יאָר פון אונדזער יאָרהונדערט. ער האָט באַוויזן אויסגעקליבן צו ווערן אַלס דעפּוטאַט אין דער ערשטער דומע פון רוסלאַנד און דאָרט אַזוי צו האַנדלען מוטיק, אַז מען האָט אים „געדאַרפט" אַרעסטירן און ער איז אַוועק און געוואָרן פון איין זייט אַ וועלט־בירגער און פון דער צווייטער זייט אַ תושב אין ארץ־ישראל. ביי די ציוניסטישע קאָנגרעסן דערציילט מען נאָך עד־היום זיינע וויצן און זיינע אויפטוען. דאָ ליגט ער אין אַ סביבה פון נאָענטע און אייגענע און ער שווייגט אינייינעם מיט אַלע.

ווען די רוסישע קאַדעטן, וואָס זיינען געווען זייער ליבעראַל, האָבן אים געפרעגט למאַי ער קעמפט באַזונדער פאַר ייִדן און ער פאַרלאָזט זיך נישט אויף זיי, וואָס קעמפן פאַר ייִדישער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט ער זיי דערציילט שלום עליכמס מעשה וועגן אַ ייִדן, וואָס האָט געוואָלט ליכטיק מאַכן פּרייטיק־צו־נאַכטס. הייסן אַ גוי דירעקט אָנצינדן אַ ליכט טאָר מען נישט, האָט ער געבראַכט אַ גוי, אים געזאָגט אַז ער וויל אים געבן אַ ביסל בראָנפן, אָבער ס'איז פינצטער, האָט דער גוי באַלד פאַרשטאַנען, אָנגעצונדן דאָס ליכט, אויסגעטרונקען דאָס קעלישעקל בראָנפן און צוריק פאַרלאָשן דאָס ליכט. שמריהו לעווין האָט זיי געזאָגט: „איר

מאַכט ליכטיק פאַר זיך, ווען מיר דאַרפן די ליכטיקייט, פאַרלעשט איר דאָס ליכט...״

און שאול טשערניכאָווסקי, דער צווייטער גרעסטער העברעישער דיכטער פון אונדזער צייט, ליגט אויך דאָ, כאָטש איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק איז ער ערשט אין יאָר 1948, ניין יאָר נאָך דעם, וואָס דער דאָזיקער בית־עולם איז שוין געווען געשלאָסן. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך מער ערדישקייט, ווי הימלישקייט און אַ סך מער פרייד ווי טרויער. מען האָט געקענט אַרויספילן אין אייניקע שירים פון ביאַליקן, אַז ער איז מקנא טשערניכאָווסקיס פרייד און ער האָט מורא, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט נישט וועלן זיין צער און צאָרן און טשערניכאָווסקיס וועלט־לעכע געזאַנגען, וואָס זיינען אָפט מער גוייש ווי יידיש, וועלן ערשט דע־מאָלט ווערן באַליבט ביי אַלע. טשערניכאָווסקי האָט זיך פאַרכלינעט מיט געצנדינערישע געזאַנגען און דער תענוגימדיקער פאַרנאַס איז אים איי־גענער, ווי דער גייסטיקער סיני. טשערניכאָווסקיס לידער הערט מען שוין היינט מערער זינגען און דעקלאַמירן אין מדינת ישראל, ווי ביאַליקס, כאָטש אַזעלכע מעשות און לעגענדעס ווי מען דערציילט וועגן ביאַליקן, דערציילט מען וועגן אים נישט. ביאַליק איז פאַרבליבן די לעגענדע און טשערניכאָווסקי בלויז דער דיכטער. און ווען מען דערציילט וועגן טשער־ניכאָווסקין, איז עס נישט גינסטיק פאַר זיין געדעכעניש. מען דערציילט חלילה נישט וועגן קיין פאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען, אָבער מען דערציילט וועגן זיינע אַ סך לייכטזיניקייטן. און איבערהויפט איז טראַגי־קאָמיש געווען זיין חתונה מיט אַ קריסטלעכער פרוי, וואָס איז פאַרבליבן קריסטלעך־פרום. זי זאָל זיך עד־היום געפינען אין פּראַוואָסלאַוונעם מאָ־נאַסטיר. טשערניכאָווסקי איז צו איר געפאָרן אין יאָר 1948, שוין נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל אין קאָנוועגט אַריין און ער האָט דאָרט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. און מען זאָגט, אַז זיין איינציקע טאָכ־טער איז אויך פאַרבליבן אַ פרומע קריסטן און זי טראָגט אַ גרויסן צלם אויף דער ברוסט. טשערניכאָווסקי האָט צו זיין קריסטלעכער פרוי געהאַט אַ צאַרטע באַציִונג פון אַן עכטן, קאַוואַלירישן מאַן, און צו דער טאָכטער איז ער געווען אַ מילדער פאָטער, כאָטש זיי זיינען ביידע געווען קריסטן און דאָס האָט אים דאָך נישט געשטערט צו זיין אַ נאַציאָנאַלער יידישער דיכטער, וואָס רופט און מוטיקט צו יידישן קאַמף. ער, וואָס איז געווען אַ

לעבן־לאַנג פאַרליבטער מאַן, האָט כסדר געשאָפן אין אַ שפּראַך, וואָס זייַנע „פּאַסיעס״ האָבן נישט פאַרשטאַנען.

איך האָב נאָך לאַנג געבלאָנדזשעט אויף דעם אַלטן בית־עולם אין תל־אביב און ווען איך בין פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען און איך האָב געטראָפן הונדערטער און טויזנטער אומבאַקאַנטע מענטשן, האָב איך זיך געטראַכט, אַז זייער אַ סך פון די דאָזיקע טויטע וואָס ליגן אויף דעם „לעבעדיקן אָרט״, וועלן איבערלעבן מיט הונדערטער און אפשר מיט טויזנטער יאָרן די דאָזיקע לעבעדיקע, וואָס זייַנען מיר אַנטקעגנגעקומען. פאַראַן אַפּנים אַ לעבן, וואָס איז טיילווייז טויט און פאַראַן אַ טויט, וואָס איז דורכויס לעבן...

אַ װוּנדער, װאָס מען באַשרײַבט נישט

פֿאַראַן אַ װוּנדער אין ארץ־ישראל, װאָס קײנער באַשרײַבט נישט. דער דאָזיקער װוּנדער הײסט: תּל־אָבֿיבֿ. מען קומט צו פֿליען מיט אַן עראָ־פּלאַן קײן לוד, אָדער מען קומט צו פֿאָרן מיט אַ שיף קײן חיפֿה. אין ערשטן פֿאַל איז מען אין צען מינוט אַרום אין תּל־אָבֿיבֿ, אין צװײטן פֿאַל איז מען דאָרט אין צװײ שעה אַרום. מען פֿאַלט באַלד אַרײַן אין שטראָם פֿון אַ גרױסער שטאָט און עס װײַזט זיך אױס, אַז עס איז נאַטירלעך און עס איז נישטאָ װאָס צו קוקן באַזונדער און װאָס צו באַשרײַבן. דאַכט זיך, אַ שטאָט װי אַלע. אַ מיטעלע שטאָט פֿון אַריבער 300.000 אײַנ־װױנער, װאָס האָט אַנדערע געװיקסן און פֿלאַנצן און אַן אַנדער הימל װי ניו־יאָרק, אָבער די זעלביקע מאָדערנע בנינים. צומאָל דאַכט זיך דיר אױס, אַז דו זעסט אין תּל־אָבֿיבֿ אָט אַ װינקל פֿון ברוקלין, אָדער בראָנקס און אָט אַ װינקל פֿון ניו־יאָרק גופֿא. אמת, דאָ און דאָרט איז פֿאַראַן אַ געגנט װאָס זעט אױס אָריענטאַליש. דאָס איז דער „גאָרטן" פֿון די תּימנער, װו דו זעסט אַזיאַטישע מענטשן זיצן און גײן אױף אַן אַזיאַטישן שטײגער, אָדער דאָס פֿירטל װו עס װױנען די קורדיסטאַנער. נו, איז װאָס? איז דאָך אין ניו־יאָרק פֿאַראַן אַ גאַנצע כינעזישע שטאָט, װאָס זעט אױס װי אַ װינקל פֿון שאַנכײַ.

אָבער, אַז מען גיט פּלוצים אַ טראַכט, אַז תּל־אָבֿיבֿ איז נאָך קײן 48 יאָר נישט אַלט און אַז אין פֿינף יאָר נאָך דער גרינדונג פֿון דער שטאָט זײַנען די מערסטע מענטשן פֿון דאָרט אַנטלאָפֿן איבער דער ערשטער װעלט־מלחמה און דאָס בױען איז אָפּגעשטעלט געװאָרן אױף אַ משך פֿון אַריבער דרײַ יאָר און װיבאַלד אַזױ בױט זיך די שטאָט ערשט קאַרגע 45 יאָר, הײבסטו אָן שטױנען. צוריק מיט װײניקער װי 48 יאָר איז אױף דעם פּלאַץ, װו עס געפֿינען זיך די אַלע װוּנדערבאַרע גאַסן און אַװעניִדעס און פּאַרקן און שפּיל־פּלעצער און מוזײען און קינאָס און שפּיטאָלן און לאַ־באָראַטאָריעס און טעאַטערס און פֿאַבריקן, געװען בלױז זאַמד. פּאַסן זאַמד, װאָס געפֿינען זיך, אָדער גלײַך מיטן ניװאָ, אָדער העכסטנס 30 מעטער איבער דעם דאָזיקן ניװאָ. פּאַסן זאַמד, װאָס געפֿינען זיך צװישן דער

שטאָט יפו און דעם טייך ירקון, צווישן די געגנטן, וואָס הייסן אין תנ״ך שרון און שפלה. אַ מדבר געווען צוריק מיט ווייניקער פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט און היינט זיכער די מאָדערנסטע שטאָט אין גאַנצן נאָענטן מזרח. און אַז דו גיסט דערצו אַ קלער: אין ניו־יאָרק זיינען טאַקע פאַראַנען כי־נעזישע, יאַפּאַנישע און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ נאָך עקזאָטישע ווינקלען, אָבער דאָרטן זיינען די כינעזער — כינעזער, די יאַפּאַנער — יאַפּאַנער, און דאָ זיינען די תימנער — ייִדן, די קורדן — ייִדן, די אַפריקאַנער — ייִדן, ווערט שוין די גאַנצע זאַך מער ווי טשיקאַווע און דו הייבסט אָן פילן, אַז דו געפינסט זיך אין איינעם פון די וואונדער־ווינקלען אין דער וועלט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאַטור און וואָס איז די גרעסטע דע־מאָנסטראַציע פון דעם גרויסן כוח פון ייִדישן פאָלק.

אוודאַי האָט פּאַסירט, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט זיינען גרויסע שטעט פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט געוואָרן, אָבער דאָרטן זיינען געווען עקאָנאָמישע סיבות דערפאַר. די פּראָספּעריטעט האָט אַהין געבראַכט אי־מיגראַנטן און די אימיגראַנטן האָבן פיבערדיק געבויט. קיין תל־אביב האָט נישט צוגעצויגן קיין גאָלדענער פיבער. עס איז דאָך דאָרט אין יאָר 1909 גאָרנישט געווען אַזוינס, וואָס זאָל צוציען אַהין מענטשן. נישט געווען דאָרט קיין גאָלד, נישט קיין נאַפט, נישט קיין שום אַנדערע דערשיינונג, וואָס זאָל קענען רייך מאַכן. נישט געווען אויך קיין זכר פון קיין אינדוס־טריע. עס זיינען אַהין געפאָרן ייִדן בלויז צוליב אידעאַל. זיי האָבן גע־וואָלט אויפבויען דאָס חרובע ייִדישע לאַנד. זייער אַ סך ייִדן האָבן פון זיי חוזק געמאַכט. זייער אַ סך האָבן זיי דערוויזן מיט אותות און מופתים, אַז זייער חלום איז טאַקע נישט מער ווי אַ חלום און אַן אוטאָפּיע. דאָס זאַמד פון אַרום האָט געגעבן אַ סך אַרבעט, ווען מען האָט דאָס געדאַדפּט אָפּ־רייניקן. עס האָט אויך פאַרשאַפט אַ סך אומאנגענעמלעכקייטן. עס איז געקראָכן אין די אויגן אַריין און אין האַלדז אַריין. די מענטשן פון אַרום האָבן אויסגעזען קראַנק און זיי האָבן סוגערירט די ניי־געקומענע, אַז זיי קענען זיך פון זיי אָנשטעקן. נישט געווען אין גאַנצן אַרום עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל צוזאָגן אין דער נאָענטער צייט אַ פריידיק און גליקלעך לעבן. און דאָך איז מען געקראָכן אין זאַמד אַריין און מען האָט געבויט. מען איז געווען קראַנק אויף פיבער, מען האָט זיך אָנגעשטעקט מיט טראַכאָם און מען האָט געבויט. נאָך פינף יאָר בויען איז אָנגעקומען די ערשטע מלחמה. די טערקישע רעגירונג האָט גענומען זען אין יעדן ייִדן אַ שונא. די מנהי־

גים פון דעם ייִדישן ישוב האָבן געמוזט אַנטלויפן. אויך די מאַסן זיינען, אָדער דעפּאָרטירט געוואָרן, אָדער אַנטלאָפן. און אין דריי יאָר אַרום האָט מען זיך אומגעקערט אין מיליטערישע קליידער און מיט ביקסן אויף די אַקסלען. און מען האָט ווידער אַמאָל זיך געשטעלט בויען. און זייט דע־מאָלט אָן בויט מען. עס גייט נישט אַוועק קיין טאָג, אַז מען זאָל נישט בויען. די אַראַבער האָבן באַשאָסן די שטאָט אין משך פון חדשים און חדשים פון יפו אַרויס. אין דער צייט פון דעם קריג פאַר אומאָפּהענגיקייט האָט מען די שטאָט מערדערלעך באָמבאַרדירט פון אויבן. נישט געווען קיין ווינקל, וווּ עס האָבן נישט אויפגעריסן קיין באָמבעס. און אויך דע־מאָלט האָט מען אין תל־אביב געזען רישטאָוואַניעס און אויף די רישטאָ־וואַניעס מוליאַרעס, וואָס האָבן געאַרבעט.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל אָנגעקומען קיין תל־אביב אין מאַי 1948, איז שוין די שטאָט געווען שיין און צעוואַקסן. אָבער מען האָט נישט געקענט געבוג זען דעם וווּקס און די שיינקייט פון דער שטאָט. ווו מ'ען איז געשטאַנען, האָט מען געזען באַריערן פון זעק מיט זאַמד און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען גייט נישט איבער גאַסן, נאָר איבער שלאַכט־פעלדער. ווען ס'איז געקומען דער אָוונט, האָט אין גאַס געהערשט אַ פינצ־טערניש, ערגער ווי אין מצרים. עס האָט נישט געטאָרט אַרויסשפּאָרן דאָס קלענסטע שטראַמעלע שיין פון אַ הויז. די גרויסקייט און שיינקייט פון תל־אביב האָב איך דערזען און דערפילט ערשט איצטער, ווען איך בין דאָרט געווען אין יאָר 1956. די שטאָט איז טאַקע פאַר דער דאָזיקער צייט אויך פאַרגרעסערט און פאַרשענערט געוואָרן. מיר איז אויסגעקומען צו זיין, צוריק מיט אַ סך יאָרן, אין אייניקע שטעט פון מיטל־אַזיע. מיר איז אויך אויסגעקומען צו זיין אין אַ סך שטעט פון צפון־ און מערב־אַפריקע. איך האָב אין ערגעץ נישט געזען אַזאַ מאָדערנע און שוין אוודאי נישט אַזאַ דיינע שטאָט, ווי תל־אביב. שוין אָפּגערעדט, אַז איך האָב אין ערגעץ נישט געזען אַזוי פיל מאָדערנע און גוטע וווינונגען ווי אין דער דאָזי־קער שטאָט, וואָס ייִדן האָבן אויסגעבויט אין משך פון אַזאַ קורצער צייט. אין די אַנדערע לענדער האָב איך געזען דאָ און דאָרט אַזעלכע פּאַלאַצן, וואָס אין תל־אביב זעט מען זיי נישט, דערפאַר אָבער זעט מען איז תל־אביב אַזעלכע וווינונגען פאַר הונדערטער טויזנטער, וואָס מען זעט נישט אין די אַנדערע לענדער, וווּ די ברייטע מאַסן וווינען נישט קיין סך בעסער

ווי חיות אין די פעלדער, און זיכער ערגער ווי די בהמות אין די קיבוצים פון ישראל.

תל־אביב מיינט: דאָס בערגל פון פרילינג. די העברעיִשע איבערזעצונג פון הערצלס „אַלט־נײַלאַנד״ האָט נחום סאָקאָלאָוו אַ נאָמען געגעבן תל־אביב. אין תנ״ך, אין ספר יחזקאל, ווערט דערציילט, אַז גראָד אין בבל איז געווען אַ שטאָט מיט אַזאַ נאָמען. אָנגעהויבן בויען תל־אביב האָט אַ קליינע גרופּע מענטשן, וואָס האָט געאַרבעט אין יפו און האָט זיך געפּילט נישט זיכער דאָרט צו וווינען. נאָך איידער מען האָט גענומען בויען דאָס פאָרשטעטל פון יפו, האָט מען דאָרטן אויסגעבויט די ערשטע העברעיִשע גימנאַזיע אין לאַנד, וואָס הייסט „הרצליה״. דאָס דאָזיקע איז געווען אין יאָר 1906. און די ערשטע גאַס אין דעם דאָזיקן פאָרשטעטל האָט מען טאַקע אַ נאָמען געגעבן רחוב־הערצל. אַזוי אַרום, אַז עס איז אויסגעקומען, אַז דאָס שטעטל אַליין האָט געקראָגן דעם נאָמען פון הערצלס אוטאָפּיע וועגן דער צוקונפט פון יידישן לאַנד און די ערשטע גאַס דערפון האָט געקראָגן הערצלס נאָמען. די הערצל־גאַס געפינט זיך טאַקע ביי דער גרענעץ צווישן תל־אביב און יפו, כאָטש געננוי, ווו די דאָזיקע גרענעץ געפינט זיך, איז שוין היינט אַביסל שווער פעסטצושטעלן. די ענגלענדער האָבן פאַרצייכנט די דעמאַרקאַציע און זי אָפּגעהיט. אין יאָר 1948 זיינען צווישן יפו און תל־אביב געווען אַ סך צעשאָסענע הייזער. היינט האָט מען דאָרט אויסגעבויט נייע הייזער און אַזוי ווי דאָ זיינען יידן און דאָרט זיינען יידן, פאַרלירט זיך די גרענעץ־ליניע. דאָך ווייזט מען אויך אָן אויף דעם נומער 25 פון דער גאַס יהודה הלוי, ווו עס געפינט זיך דאָס ערשטע הויז, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין תל־אביב. באַלד ווי מען האָט געמאַכט אַ הערצל־גאַס אין פאַרשטעטל, האָט מען אויך געמאַכט אַ יהודה־הלוי־גאַס. איז דאָך דער דאָזיקער העברעיִשער פּאָעט און דענקער פון שפּאַניע געווען דער גרעסטער באַזינגער פון ציון און ער אַליין איז דאָך געקומען אין לאַנד אַריין און באַקלאָגט דעם חורבן פון דעם און באַזונגען די אייביקייט דערפון. די אַלטע געביידע פון דער הרצליה־גימנאַזיע האָט מען געבויט נאָך איידער עס האָט עקזיסטירט תל־אביב. דאָס הויז אויף יהודה הלוי 25 איז געווען דאָס ערשטע אין תל־אביב גופא.

ווען מען שפּאַצירט היינט דאָרט, ווו עס גיסט זיך צונויף די גרויסע נייע שטאָט תל־אביב מיט דער קליינער אַלטער שטאָט יפו, פילט מען, אַז

מען שפּאַנט אויף די ערשטע שפּורן פון אַ נייער און גרויסער תקופה אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. נישט ווייט פון דער הרצליה־גימנאַזיע געפינט זיך די גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם ציוניסטישן דענקער אחד העם, און אויך דאָס „בית אחד העם". אין אָט דעם הויז האָט דער גרינדער פון גייסטיקן ציוניזם געלעבט זיינע לעצטע יאָרן און מען האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ מוזיי, וווּ עס געפינען זיך אַלע דאָקומענטן פון און וועגן אים און עס געפינט זיך אויך זיין ביבליאָטעק, וואָס ווערט אַלץ פאַרגרעסערט און ציילט היינט איבער 25.000 ביכער אין העברעיש און אין אַנדערע שפּראַכן.

שפּאַנסט אין יענער געגנט און יעדער שטיין דערציילט דיר דאָרט, אַז צוריק מיט עטלעכע און פערציק יאָר איז דאָ געווען בלויז זאַמד און איצטער וווהין דו זאָלסט נישט ווענדן דיין אויג, זעסטו ישוב. וואָרום נישט בלויז די שטאָט תל־אביב זעסטו פון דאָרט, נאָר דו דערפילסט די אַלע ישובים, וואָס ציען זיך אַוועק פון איין זייט אין דער שפלה (שפּייַלאַ — נידער) ביז ראשון לציון און פון דער אַנדערער זייט שרון (שאַראָן) ביז פתח תקווה האָבן אַ שייכות אַהער. די אַלע ישובים וועלן אַמאָל אַריינגענומען ווערן קיין תל־אביב, וואָס וועט אין דער גאָר נישט ווייטער צוקונפט זיין אַ שטאָט פון אַ מיליאָן איינוווינער. אַמאָל האָט גאָט אַליין צוגעזאָגט דעם ערשטן פאָטער פון אונדזער פאָלק, אברהם אבינו, אַז די צאָל פון זיינע קינדער וועט זיין ווי שטערן אין הימל אָן ווי זאַמד אויף דעם ברעג פון דעם ים און היינט האַלט ביי פאַרווירקלעכט ווערן אַ שטאָט פון אַ מיליאָן איינוווינער־יידן ביים מיטללענדישן ים, אין אַ געגנט, וווּ צוריק מיט 80 יאָר איז נישט געווען קיין איין סטאַביל הויז און עס זיינען געווען בלויז צונויפגעשטעלט געצעלטן פון נאָמאַדן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז באַלד אין דעם אָנהייב פון תל־אביב זיינען פאַראַן די געדעכענישן פון יהודה הלוי, הערצל און אחד העם. נאָך אָט די דריי איז פאַראַן נאָך אַ מענטש, וואָס זיין נאָמען איז אומעטום פאַראייביקט אין תל־אביב. דאָס איז אַ מאַן, וועמענס נאָמען איז נישט ווייט אַריבער די גרענעצן פון לאַנד. ער איז מסתמא נישט געווען קיין גרויסער געלערנטער, ער איז אויך נישט געווען קיין דענקער, אָדער דיכטער. ער איז געווען אַ פּשוטער, קרעפטיקער בעסאַראַבישער ייד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עקשנות און אויסדויער. זיין נאָמען איז געווען מאיר דיזענגאָף. ער איז געווען דער איניציאַטאָר און דער הויפּט־בויער

פון שטאָט און ווען תל־אביב האָט געקראָגן אַ באַזונדער מוניציפּאַליטעט, איז ער איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דער בירגערמייסטער פון שטאָט און ער איז דאָס געווען ביז אין זיין לעצטן אָטעם. איינע פון די גרעסטע און שענסטע גאַסן טראָגט זיין נאָמען, איינער פון די גרעסטע און שענסטע סקווערן (פּלאַסעס) טראָגט זיין נאָמען. דער הויפּט־מוזיי פון תל־אביב, ווו מען האָט אין 1948 פּראָקלאַמירט מדינת ישראל, איז געווען זיין הויז און ער האָט דאָס אָוועקגעשענקט דער שטאָט.

נאָך אָט די פיר דערמאָנטע איז נאָך אַ נאָמען שטאַרק פאַרצייכנט אין תל־אביב. דאָס איז דער גרויסער העברעיִשער און אויך ייִדישער דיכטער חיים נחמן ביאַליק. די גאַס, וואָס טראָגט זיין נאָמען, געפינט זיך נישט אין דער גענעאַלאָגיע פון תל־אביב, נאָר אין דער סאַמע מיט־שטאָט. ביאַליק איז דאָך געקומען קיין ארץ־ישראל זיך באַזעצן ערשט אין די צוואַנציקער יאָרן. די גאַס, וואָס טראָגט ביאַליקס נאָמען, איז נישט קיין גרויסע. טאָקע אַ קליין געסל, וואָס באַשטייט פון אַ פּאָר קוואַרטאַלן. אָבער אויף דער דאָזיקער גאַס געפינט זיך דאָס הויז, ווו ביאַליק האָט געוווינט און וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי און טראָגט דעם נאָמען „בית ביאַליק". דאָס דאָזיקע הויז ווערט טעגלעך באַזוכט פון הונדערטער און הונדערטער מענטשן, טוריסטן און טאָקע ישראל־איינוווינער און איז אַ צענטראַלער פּונקט. די קליינע ביאַליק־גאַס האָט אויך דעם בניז פון דער ע י ר י ה (מוניציפּאַליטעט) און דאָס דאָזיקע מאַכט זי פּאָר נאָך מער צענטראַל.

די נעמען פון די גאַסן אין תל־אביב זיינען שטאָף אפשר פאַר אַ גאַנצן בוך. פאַראַן גאַסן, וואָס טראָגן די נעמען פון אַלע וויכטיקע ייִדישע פּערזענלעכקייטן אין ארץ־ישראל און אין אַלע גלותן, זייט אברהם אבינו ביז אין אונדזער צייט. די מערסטע העברעיִשע און ייִדישע שרייבער זיינען פאַראייביקט אין די גאַסן פון תל־אביב. פאַראַן דאָ גאַסן אויף די נעמען פון שלום עליכם, פּרץ, מענדעלע מוכר ספרים, דוויד פרישמאַן, ש. פרוג אאַ"וו. פאַראַן גאַסן וואָס טראָגן די נעמען פון אַלע ציוניסטישע מנהיגים. פאַראַן גאַסן וואָס טראָגן נעמען פון גרויסע ייִדישע געלערנטע אויף אַלע געביטן. ווען מען זאָל שאַפן אַ לעקסיקאָן מיט פּאָזיציעס וועגן די אַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס די תל־אביבער גאַסן טראָגן זייערע נעמען, וואָלטן מיר געזען אין אָט דעם לעקסיקאָן וואָס פאַר אַ גרויס פאָלק מיר זיינען.

עס פעלן נישט קיין גאַסן אין תל־אביב, וואָס טראָגן די נעמען פון

נישט קיין ייִדישע פּערזענלעכקייטן. אויפן ערשטן פּלאַץ קומען אַזעלכע נישט־ייִדן, וואָס זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע פריינט פון ייִדישע פאָלק. פאַראַן, נאַטירלעך, אַ באַלפור־גאַס. איינע פון די גרעסטע און שענסטע גאַסן, וואָס ציט זיך אין דער ברייט ביז אין ים אַריין, טראָגט דעם נאָמען פון אַ ל ע נ ב י, דעם ענגלישן קאָמאַנדאַנט, וואָס האָט אין 1917 איינגענומען ארץ־ישראל. פאַראַן אַ גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון ענגלישן קעניג דזשאָרדזש דעם 5טן, אָבער מיט אָט דעם נאָמען שטיקט מען זיך אַביסל און נישט אַלע רופן אָן די דאָזיקע גאַס „מלך דזשאָרדזש״.

פאַראַן נאָך אַ נאָמען, וואָס וואָרפט זיך אָפּט אין די אויגן אַריין. דאָס איז דער נאָמען ראָטשילד. האָט דאָך איינער פון די ראָטשילדס געהאָלפן בויען ארץ־ישראל ממש מיט פאַנטאַסטישע קאַפּיטאַלן. דער שענסטער און גרעסטער בולוואַר אין תל־אביב, וווּ מען טרעפט צו יעדער צייט עלטערע מענטשן און קינדער און אין באַשטימטע צייטן אויך יונגע און מיטליאָריקע מענטשן, הייסט „שדרות רוטשילד״.

ווען מען זאָל וועלן באַשרייבן תל־אביב פון דער סאַמע גרענעץ מיט יפו ביז צום ירקון, וואָלטן מיר געדאַרפט אָנשרייבן אַ בוך. יעדע גאַס און יעדעס געסל האָט עפּעס, וואָס צייכנט דאָס אויס. פאַראַן געגנטן, וווּ עס וווינען „ותיקים״ (אַלט־געזעסענע) און געגנטן, וווּ עס וווינען נייע עולים. עס זיינען נאָך פאַראַנען אַ פּאָר געגנטן, וואָס זיינען נישט אויסגעבויט און עס געפינען זיך דאָרטן הילצערנע הייזלעך פון די אַלטע „גוטע״ אַראַבישע צייטן. די דאָזיקע געגנטן האָבן פאַרשידענע נעמען און צוויי פון זיי הייסן „כאַפּ״ און „כאַפּ־לאַפּ״. דידאָזיקע געגנטן זיינען נישט איבערגעבויט געוואָרן, אי ווייל די אַראַבישע באַלעבאַטים דערלויבן נישט, אי ווייל די ייִדישע איינוווינער האָבן זיך נישט וווהין אַרויסצוציען. פאַראַן געגנטן וווּ עס וווינען מער דייטשע ייִדן און געגנטן, וווּ עס וווינען מער פּוילישע, רוסישע און רומענישע ייִדן. פאַראַן ווייניק שטעט איז דער וועלט, וווּ מען הערט אַזויפיל שפּראַכן וויפל מען הערט אין תל־אביב. און די אַלע שפּראַכן ריידן ייִדן, וואָס זיינען היפּש צעריסן צווישן זיך און דאָך פאַרייניקט מיט דעם ווילן צו ווערן איין גאַנץ פאָלק.

ווען מיר זאָלן וועלן באַשרייבן אַלע טעאַטערס און אַלע קינאָס אין תל־אביב, וואָלטן מיר געדאַרפט זיי ווידמען עטלעכע אַרטיקלען. שוין אָפּגערעדט, אַז ווען מיר זאָלן וועלן שילדערן די רעסטאָראַנען און די קאַפעען ביי טאָג און ביי נאַכט און אויך די קאַבאַרעטלעך (יאָ, פאַראַן אויך

אַזעלכע), וואָלטן מיר ווידער געדאַרפֿט האָבן אַ סעריע אַרטיקלען. מיר זוכן אָבער דאָ צו שאַפֿן די שטימונג פֿון דעם גאַנצן תל־אביב. פּרטים וועט אונדז נאָך אויסקומען צו שילדערן. און דאָס גאַנצע תל־אביב מאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ ריזיקער שטאָט. עס קען זיך אַמאָל אויסדאַכטן, אַז דאָרט איז שוין איצטער פֿאַראַן אַריבער אַ מיליאָן איינוווינער. וווהין דו גייסט, זעסטו מענטשן. אין די גאַסן, אין די סקווערן, אין די בולוואַרן, אין די האָטעלן, אין די רעסטאָראַנען און קאַפֿע־הייזער, אין די פֿאַרשידענע קלובן, אין די קינאָס און אין די טעאַטערס. אַ גאַנצע וואָך זיינען די מענטשן פֿאַרשמייעט, אָבער זיי פֿאַרמאָגן אין זייער אויסדרוק אַלץ מער רויִקייט, ווי עס פֿאַרמאָגן די ייִדן אין דער גאַנצער וועלט, אויך אין סאַמע ניו־יאָרק. שבת און יום־טוב זעען די מענטשן שוין אויס גאָר רויִק. פֿאַר מיר איז געווען איינע פֿון די שענסטע און בעסטע איבערלעבונגען אַרומצוגיין שבת אין די גאַסן און אין די בולוואַרן פֿון תל־אביב. כמעט אַלע פּנימער האָבן געשיינט און געשטראַלט. מען זעט אומעטום אָן אַ שיעור פּרויען און מענער שטופּן קינדער־וועגעלעך. די פּנימער פֿון די עלטערן און פֿון די קינדער שטראַלן. אַזאַ יום־טובדיקייט קומט נישט אויס אין ערגעץ אין דער וועלט צו זען ביי ייִדן.

ווען דו זאָלסט אָפּשטעלן די מענטשן אין די גאַסן פֿון תל־אביב און זיי פֿרעגן, צי זיי זיינען צופֿרידן, וועלן זייער אַ סך דיר זאָגן, אַז ניין. צענדליקער טויזנטער האָבן טענות אויף פֿאַרשידענע אופֿנים. ווען עס געפֿעלט נישט, וואָס ער דאַרף צאָלן שטייער, ווער עס האָט נישט אַזאַ דירה ווי ער וואָלט געוואָלט. ווען עס פֿעלט אַ פֿריזשידער. ווער עס האָט טענות פֿאַרוואָס בן־גוריון איז אַזוי נאָכגיביק די אַראַבער און ווער עס האָט טענות, פֿאַרוואָס ער פֿאַרנעמט נישט באַגדאַד און קאַירע. פֿאַר ווען ס'איז פֿאַראַן צופֿיל סאָציאַליזם און פֿאַר ווען עס איז פֿאַראַן צו ווייניק פֿון דעם מין. ווער עס האָט טענות למאַי מען גיט צופֿיל נאָך די רעליגיעזע און ווער עס האָט טענות למאַי דאָס לעבן איז פֿול מיט גוייִשקייט און אַפּיקורסות. ווער עס וויל חזיר־פֿלייש און ווער עס וויל מען זאָל אָפּהיטן שטרענג כשרות. ווער עס האָט טענות למאַי ס'הערשט פּראָטעקציאָניזם און ווער — למאַי מען רעספּעקטירט נישט מענטשן, וואָס האָבן גרויסע ציוניסטישע סטאַזשן אין גלות. אָבער כאָטש עס איז פֿאַראַן אַזויפֿיל אומצופֿרידנקייט, זינגט פֿון די פּנימער אַראָפּ אַ צופֿרידנקייט און רויִקייט. מיר שיינט, אַז דער הויפּט־סימן פֿון תל־אביב איז, וואָס מ ע ן

לעבט. אַלע מענטשן לעבן. ווען דו זאָלסט נישט גיין פאַרביי אַ קינאָ, זעסטו דאָרט שטיין אַ גרויסע ריי ביים קויפן בילעטן. אוודאי איז דאָס אויך אַ באַווייז, אַז עס זיינען נישט פאַראַנען געגוג קי־נאָס, עס איז אָבער אויך אַ באַווייז, אַז מען גייט אין קינאָ. אַלע מענטשן גייען, אַזוי צי אַנדערש, פאַרברענגען. אין משך פון די צוויי חדשים, וואָס איך בין געווען אין לאַנד, האָב איך זעלטן ווען געקענט קריגן אַ בילעט אין אַ קינאָ אַריין, ווען איך האָב געוואָלט זען אַ פילם. און געפינען אין אַוונט אַ פריי טישל אין איינעם פון די קאַפעען אויף דער דיזענגאָף־גאַס און אויף דער בן־יהודה־גאַס, איז אויך נישט פון די לייכטע זאַכן. לאָמיר שוין דאָ באַמערקן, אַז די בן־יהודה־גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם פאַנאַטישן אויפלעבער פון העברעיִש, ווי אַ גערעדטע שפּראַך, איז איינע פון די גרעסטע און אַז דער נאָמען אליעזר בן־יהודה איז איינער פון די פּאָפּולערסטע.

יאָ, דער סימן פון תל־אביב איז: מען לעבט און מען וויל לעבן. און דער דאָזיקער דראַנג צום לעבן העלפט פאַרגרעסערן, פאַרבעסערן און פאַרשענערן די גאַנצע שטאָט, וואָס איז אַזאַ גרויסער וווּנדער, אַז מען מיינט אַזש, אַז דאָס איז די נאַטירלעכקייט אַליין.

תל־אביב האָט אייגענעם קאָליר און עס הייבט אָן קריגן אייגענעם שטייגער. עס לעבן טאָקע מסתמא הונדערט יידישע פעלקער אין תל־אביב, וואָס ריידן הונדערט שפּראַכן, אָבער עס איז פאַראַן אַ געוויסע אחדות און שטייגער. איינס פון די כאַראַקטעריסטישסטע שטריכן אין תל־אביב און אין גאַנצן לאַנד, — איז דאָס ברענגען בלומען, ווען מען גייט אין געסט. פּראָפּאָרציאָנעל זיינען אין תל־אביב פאַראַן מער בלומען־געשעפטן, ווי אין אַלע שטעט פון דער וועלט. און ערשט פאַרקויפט מען אויך בלומען סתם אין די גאַסן. פאַראַן עטלעכע דערפער, וואָס לעבן פון בלומען־פּלאַנ־טאַציע. אויב איר גייט פּרייטיק פאַרנאַכט אין געסט, זאָלט איר קויפן בלומען גאַנץ פרי. פאַרנאַכט קענט איר אַמאָל אינגאַנצן קיין בלומען נישט געפינען און אויב שוין יאָ, וועט איר דאַרפן באַצאָלן דריי מאָל אַזויפיל.

אַז מען וויל פאַרשטיין מדינת ישראל, ווען מען וויל פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ יונג און קליין לאַנד האָט אַזאַ כוח צו קעמפן פאַר זיין קיום און אַרויסווייזן מער ווילן און קראַפט זיך צו אימפּאָנירן, ווי דאָס באַ־ווייזן אַלטע און גרויסע מדינות, דאַרף מען אַ קוק טאָן אויף תל־אביב. דאָ זעט מען דעם כוח פון יידישן פאָלק. דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס האָט אויס־

געבויט אויף זאַמדן איינע פון די שענסטע און מאָדערנסטע שטעט אין דער גאַנצער וועלט און די שענסטע און מאָדערנסטע שטאָט אין מיטעלן מזרח אין משך פון ווייניקער אַ האַלבן יאָרהונדערט. דאָס דאָזיקע פאָלק האָט געמוזט אויך קענען אויסבויען אין קאַרגע ניין יאָר אַן אַרמיי, וואָס שרעקט זיך נישט פאַר די אַרמייען פון זיבן אַלטע מדינות, וואָס רינגלען זי אַרום און האָבן אַ צוואַנציק־פאַכיקע באַפעלקערונג ווי ישראל. דער עמ־בלעם פון תל־אביב איז אַ טורעם מיט אַ טויער אין דער מיט און אַ שײַן אויבן. דער דאָזיקער עמבלעם וויל ווייזן, אַז די שטאָט איז אַ שײַן פאַר אַלע ייִדן פון דער גאַנצער וועלט און האָט אַן אָפענעם טויער פאַר זיי. יאָ, תל־אביב איז אַ וואונדער, וואָס מען באַשרייבט נישט, ווייל עס זעט אויס ווי די נאַטור אַליין. און עס איז פאַראַן דער סימן פון גרויסן ייִדישן כוח אין דעם, וואָס דאָס איבערנאַטירלעכע איז געוואָרן די נאַטור אַליין.

אַ שפּאַציר איבער יפו-דזשעבעליע

יפו איז מסתמא איינע פון די עלטסטע שטעט אין דער וועלט. אין תנ״ך ווערט זי דערמאָנט באַלד ביים אָנהייב אין ספר יהושוע, ווען די ייִדן זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד אַריין. אין נישט-ייִדישע דאָקומענטן ווערט זי דערמאָנט מיט 1.500 יאָר פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג. עס איז זיכער, אַז יפו איז אַלט אַריבער 4.000 יאָר. דער גרעסטער פּאָרט פון ארץ־ישראל איז יפו געוואָרן צוריק מיט קנאַפּע 3.000 יאָר, אין די צייטן פון שלמה המלך. טאַקע אָט דער קעניג האָט געמאַכט יפו פאַר דעם הויפּט־פּאָרט פון ארץ־ישראל און ער האָט דאָרט אַרומער געבראַכט האָלץ פון לבנון פאַר דעם בית המקדש אין ירושלים. די אַריבער זיבעציק קילאָ־מעטער פון יפו ביז צו דער הויפּטשטאָט האָט מען דאָס האָלץ שוין גע־פירט מיט קעמלען און מיט אייזלען. דערנאָך איז די דאָזיקע שטאָט שוין אַ צייט לאַנג געווען אַ וועלט־פּאָרט. ווען דער נביא יונה האָט געוואָלט אַנטלויפן פאַר גאָט, ווערט דערציילט, אַז ער האָט אָראָפּגענידערט קיין יפו און דאָרט גענומען אַ שיף, וואָס גייט קיין תרשיש. דאָ זיינען אויך פאָרגעקומען שווערע קאַמפן פון די ייִדן, סיי מיט די גריכן און סיי מיט די רוימער.

אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן דערנאָך אין יפו מער קיין ייִדן נישט געלעבט. אַ געוויסע צייט איז די שטאָט פאַררעכנט געוואָרן פאַר נישט קיין ארץ־ישראלדיקער. עס איז אַפילו געווען איינגעפירט, אַז דאָרט איז יום־טוב נישט בלויז איין טאָג, ווי אין ארץ־ישראל, נאָר צוויי טעג, ווי אין גלות. ווען דער רייזנדיקער בנימין פון טאָלעדאָ איז אין סוף פון 12טן יאָרהונדערט דאָרט געווען, האָט ער אין שטאָט געטראָפן קוים איין ייִדן. עס ווייזט אויס, אַז ערשט אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט איז אין יפו ווידער אויפגעקומען אַ ייִדישער ישוב. ייִדן, וואָס זיינען אָנגע־קומען מיט שיפן אין אָט דעם פּאָרט, האָבן נישט געהאַט אויף הוצאות קיין ירושלים און זיי זיינען דאָרט געבליבן. איין מאָל האָט אַ שיף געפירט ייִדן פון אַפריקע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און זי איז געבראָכן געוואָרן ביים ברעג פון יפו און די ייִדן זיינען שוין דאָרט געבליבן. אַ רייכער ספרדי־

שער באַנקיר האָט אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט אָפּגעקויפט ביי דער טערקישער רעגירונג פּלאַץ אין יפו און דאָרט באַזעצט יידן און פאַר זיי געבויט עטלעכע געבעט־הייזער.

אין דער צייט פון אָנהייב אויפבוי פון ארץ־ישראל אין סוף פון פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט איז יפו געווען מער אַ פּאָרט פאַר די אָנגעקומענע יידן, ווי אַ שטענדיקער זיץ־פּלאַץ. די שטאָט האָט דעמאָלט פאַרמאָגט אַ 60.000 איינוווינער, אַראַבער און אויך אַ ביסל גריכן און די יידן האָבן זיך דאָרט געפילט נישט זייער זיכער. ווי באַקאַנט איז יפו געוואָרן די מאַמע פון דער גרעסטער יידישער שטאָט אין נייעם ארץ־ישראל. — תל־אביב איז געגרינדעט געוואָרן אין 1909, ווי אַ פאָרשטעטל פון יפו —. היינט האָט די טאָכטער באַלד זעקס מאָל אַזויפיל איינוווינער וויפל די מאַמע.

די דאָזיקע שטאָט, וואָס איז געווען שלמה המלכס גרעסטער פּאָרט, איז פאַרבליבן אַ צוריקגעשטאַנען אָריענטאַליש ווינקל, כאָטש זי האָט גע־האַט פאַרבינדונגען מיט דער גאַנצער וועלט און האָט געקענט ווערן איינער פון די גרעסטע צענטערן אין נאָענטן מזרח. די שטאָט געפינט זיך דאָך ביים מיטללענדישן ים און קען האָבן קאָנטאַקט סיי מיט אייראָפּע, סיי מיט אַפריקע און סיי מיט אַזיע.

ווען מען שפּאַצירט היינט איבער דער שטאָט יפו, טרעפט מען דאָרט בלויז אַ פּאָר גרויסע גאַסן מיט מאָדערנע געשעפטן. אַרום און אַרום זיינען פאַראַן קליינע געסלעך און ליקלעך, וואָס זעען אויס, גלייך עמי־צער האָט זיי צופעליק פאַרלוירן. אין אָט די געסלעך און ליקלעך פילט מען די טיפּישע שאַרפע ריחות פון די אָריענטאַלישע געווירצן, וואָס קיצ־לען אין נאָז און מאַכן דיך ניסן. און דאָס דאָזיקע איז שוין דאָס בעסטע. מען פילט דאָרט אויך ערגערע ריחות. וויפל מדינת ישראל זאָל זיך נישט ראַנגלען מיט דער אַראַבישער נאכלעסיקייט און אַנטי־היגיענישקייט, קען זי דאָך נישט באַוויַיזן אויסצוראָטן דאָס גאַנצע שמוץ פון דאָרט. עד־היום זיינען דאָרט פאַראַן נעסטן פון מאַלאַריע און טראַכאָם און מען זעט טאָקע דאָרט אַ סך דערוואַקסענע מענטשן און קינדער מיט רויטע אויגן.

עס איז באַקאַנט, אַז יפו האָט זיך איבערגעגעבן צו די יידן, נאָך איידער די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן. מען האָט פון דער דאָזיקער שטאָט אַרויס געהאַלטן אין איין באַשיסן תל־אביב און דער אירגון איז אַהין אַריין און האָט די „העלדישע" אַראַבער שטיל געמאַכט. זיי האָבן

געשאָסן, אַזוי לאַנג מען האָט זיי געלאָזט. די ענגלענדער האָבן זייער שיסן מער ווי טאָלערירט. באַלד ווי מען האָט אָנגעשטעלט קעגן זיי אַ ביסל געווער, האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן. זיי האָבן דעמאָלט בלויז גע־שטעלט איין קאָנדיציע: זייער קאַפּיטולאַציע זאָל נישט אונטערגעשריבן ווערן פון דעם מיידל, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם יידישן מיליטערישן טייל, נאָר זי זאָל אונטערגעשריבן ווערן פון אַ מאַן. פאַר זיי, די אָריענ־טאַלער, איז געווען די גרעסטע דערנידערונג זיך אונטערצוגעבן אַ פרוי. פאַר זיי איז אַ פרוי נאָך אַלץ אַ באַשעפעניש פון אַ נידעריקערן מין.

נישט ווייט פון יפו, טאַקע אַ היפּשן טייל פון אַט דער שטאָט, אַ קילאָמעטער לאַנג ביים ברעג פון ים, האָט זיך געפונען אַן אַראַביש שטעטל מיטן נאָמען דזשעבעליע. דאָס דאָזיקע שטעטל געפינט זיך אויף אַ בערגל. דזשעבעליע מיינט אויף אַראַביש טאַקע אַ בערגל. פון אַט דעם שטעטל זיינען די אַראַבער אַנטלאָפן און דאָרט וווינען היינט בלויז יידן. די מיינס־טע פון די יידן, וואָס וווינען דאָרט, זיינען געקומען אין לאַנד אַריין אין די יאָרן 9־1948. יידן, וואָס זיינען געקומען פון די לאַגערן אין דייטש־לאַנד און איטאַליע און אויך פון די פאַרטיזאַנער־וועלדער אין מזרח־איי־ראָפּע, האָבן זיך דאָ באַזעצט. דזשעבעליע איז פאַריניקט מיט יפו און זי ווערט פאַקטיש היינט פאַררעכנט פאַר אַ טייל פון דער דאָזיקער האָפן־שטאָט, כאָטש זי ווערט טיילווייז באַזונדער אַדמיניסטרירט. די איינוווי־נער צאָלן דירה־געלט, וואָס ווערט רעגיסטרירט אויף דעם חשבון פון די אַראַבער, וואָס זיינען פון דאָרט אַנטלאָפן און געפינען זיך ווי פליטים אין די לאַגערן אין די אַראַבישע לענדער פון אַרום.

און כאָטש יפו האָט צוגעקראָגן אַזאַ לעבעדיק פירטל ווי דזשעבעליע, וואָס איז פול מיט דינאַמיק, האָט דאָס איר נישט גענוג געהאָלפן און זי איז געבליבן אַ פאַרוואָרפן ווינקל.

דעם פאַטאַלן קלאַפּ האָט פאַקטיש געקראָגן יפו אין יאָר 1936, ווען די אַראַבישע פּאָרט־אַרבעטער האָבן פאַרשטרייקט און האָבן פאַרשווערט דאָס אָנקומען פון די יידישע עולים אין לאַנד אַריין. דעמאָלט האָט מען אויף גיך אויפגעבויט אַ פּאָרט אין תל־אביב. ביים אָנהייב איז דער פּאָרט געווען בלויז פאַר משא־שיפן, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן צוגענגלעך אויך פאַר פּאַסאַזשיר־שיפן. דער יפוער פּאָרט איז זייט דעמאָלט אָפּגע־שטאָרבן און ער איז מער קיינמאָל צוריק נישט אויפגעלעבט געוואָרן.

פאַר מדינת ישראל האָט דזשעבעליע אַ גאַנץ היסטאָרישע באַדיי־

טונג, ווײַלט דאָרט האָט אַ שטיק צײַט געלעבט דער זײַער אײַגנאַרטיקער ישראלדיקער קאָמאַנדאַנט יצחק שדה, וואָס איז געווען, זאָגט מען, אַ מי־ליטערישער אויטאָדידאַקט און דאָך אַ גרויסער גענעראַל. אין דער צײַט, ווען די הגנה איז געווען פֿאַרבאָטן פֿון די ענגלענדער, האָט שדה זיך באַ־האַלטן אין אַ שול און זיך פֿאַרלאָזט אַ באָרד, אַז די ענגלענדער זאָלן אים נישט דערקענען און ער האָט שוין דערנאָך געטראָגן אַ בערדל, אויך ווען ער איז געווען קאָלאָנעל און גענעראַל אין דער אַרמיי פֿון מדינת ישראל. ער האָט אין דזשעבעליע געוווינט אין דער צײַט פֿון דער אומאָפּהענגי־קייט־מלחמה און דאָרטן האָט ער פֿאַרטראַכט זײַן געניאַלן פּלאַן צו פֿאַר־נעמען די אַראַבישע פֿעסטונג איראַק־סוידאַן. די דאָזיקע פֿעסטונג געפֿינט זיך אײַגנטלעך ביים אַרײַנגאַנג צום נגב. זי געפֿינט זיך אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פֿונעם העלדישסטן קיבוץ אין לאַנד, נגבה, ווו עס האָבן, אגב, געקעמפֿט אַ סך אַרגענטינער יונגע חברה. אין איראַק־סוידאַן האָבן די ענגלענדער געהאַט אַ פּאָליציי־סטאַנציע, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿעסטונג. די דאָזיקע פֿעסטונג געפֿינט זיך אויף אַ בערגל. די ענג־לענדער האָבן איראַק־סוידאַן, ווי אַלע אַנדערע באַפֿעסטיקטע פּאָזיציעס זייערע, איבערגעגעבן צו די אַראַבער דעם 13טן מאַי 1948, ווען זיי האָבן דאָס לאַנד פֿאַרלאָזט. די אָרטיקע אַראַבער האָבן זיך נישט געפֿילט בכוח צו דערהאַלטן יענע פּאָזיציע און זיי האָבן זי איבערגעגעבן צו די עגיפּ־טער און זי איז געוואָרן די שטאַרקסטע מצרישע פּאָזיציע אין יענער געגנט. מען זאָגט, אַז זיבן מאָל האָט די הגנה אַטאַקירט איראַק־סוידאַן און זי נישט געקאָנט באַזעצן. אין אַ שפּאַס זאָגט מען, אַז מען האָט אַרום יענעם פּלאַץ געמאַכט זיבן הקפֿות. יצחק שדה האָט ענדלעך אויסגעאַרבעט אַ גע־ניאַלן פּלאַן, וואָס איז דאָך געווען פּרימיטיוו און ער האָט איראַק־סוידאַן אײַנגענומען און האָט אַזוי אַרום אַרויסגענומען דעם דאָרן פֿון ייִדישן אויג און דער נגב איז געוואָרן ווײניקער באַדראָט פֿון די אַראַבער.

ווען אײנער פֿון אונדז מאַכט אין 1956 אַ שפּאַציר איבער יפֿו און דזשעבעליע (מען רופֿט דאָס היינט גבעת עליה), ווײַזט זיך אים אויס, אַז ער הערט און זעט אַ לעבן און אַ מלחמה, וואָס ציט זיך שוין אַריבער 4,000 יאָר. אָט דאַכט זיך אים, אַז ער זעט די שיפֿן, וואָס ברענגען האָלץ פֿון די לבנון־וועלדער פֿאַר דעם ערשטן און פֿאַר דעם צווייטן בית־המקדש. אָט דאַכט זיך אים, אַז ער זעט שלמה המלך אַליין אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פֿון דעם פּאָרט אין יפֿו. און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז אַן עדות פֿון

די שלאַכטן וואָס שמעון המכבי האָט דאָרט געפירט מיט די גריכן און אויך פון די שפּעטערדיקע מלחמות מיט די רוימער. און עס דאַכט זיך אים, אַז ער זעט נאָך די דזשיפּן פון דעם אירגון, וואָס נעמען איין יפו און די דזשיפּן פון פּלמ״ח, וואָס לויפן פון דזשעבעליע קיין איראַק־סוידאַן און ווערן געפירט פון דעם גענעראַל מיט דעם בערדל, דעם אייגנאַרטיקן מי־ליטערמאַן און קולטור־מענטש יצחק שדה, וועלכער האָט געפּרוווט זיינע כוחות אויך אַלס שרייבער און נישט אָן דערפאָלג.

אין יפו האָט אונדזערער אַ מענטש נישט צופיל צו זען, סיידן ער וויל זיך באַקענען אַביסל מער מיט דער אַראַבישער עקזאָטישקייט. מען קען דאָרט געפינען רעסטאָראַנדלעך, וווּ מען עסט שאַשליק און קעבאַב, אַזעלכע געבראָטענע פליישן, וואָס זיינען שטאַרק געווירצט. און מסתמא פעלן דאָרטן נישט קיין באַהאַלטענע לאָקאַלעכלעך, וווּ מען שמעקט אָפּיום.

איבער די צענטראַלע גאַסן פון יפו קענט איר שפּאַצירן גאַנץ זיכער און רויק. ווען איר גייט איבער די קלענערע געסלעך, דאַרפט איר שוין אַביסל אַכטונג געבן. קיין גרויסן העלדן זיינען דאָך אויך די אַראַבער נישט. דערצו גייען זיי אָנגעטאָן אין זייערע אַבאַיעס, אַזוי אַז זיי זעען אויס ווי בערג מיט שמאַטעס און ביי אַ געשלעג זיינען זיי נישט שטאַרק באַוועגלעך. זיי קענען דאָך אַמאָל איבערפאַלן הינטן־אַרום, אַמאָל מיטן ציל צו באַרויבן און אַמאָל אויס מורא, אַז מען וויל זיי באַפאַלן און אויפ־דעקן זייערע טריפהנע געשעפטן. עס איז בעסער צו גיין אַהין מיט אַ גרופּע, אָדער כאָטש האַלטן מיט זיך אַ מעסער, וואָס זיי זאָלן אָנזען.

כדאַי צו דערציילן, אַז וויפל מאָל איך האָב גערעדט צו אַן אַראַבער העברעיִש, האָט ער מ׳יר געענטפערט אין אָט דער שפּראַך און גערעדט נישט שלעכט און אָן גראַמאַטישע פעלערן. אויך קליינע קינדער, וועלכע גייען נאָך נישט אין שולע אַריין, ריידן שוין דאָרטן העברעיִש. איז די לאָקאַלן אין זייערע זיינען דאָרטן די אַראַבער זייער העפלעך צו אַלע געסט און זיינען גרייט צו יעדער צייט זיי צו באַדינען און צו לייזן געלט ביי זיי. איך האָב דאָרטן געטראָפן זייער אַ סך מאכלים, וועלכע איך האָב שוין געהאַט געגעסן אין אָדעס און נאָך מער אין בוקאַרעשט. איבערהויפּט זיינען דאָרטן פאַראַנען אַלערליי רויגן און פיש, וואָס זיינען פאַרפראַ־ווערט פונקט אויפן זעלביקן שטייגער, ווי אין רומעניע, אָבער זייער שורש איז נישט רומעניש.

דער אָריענט האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן באַלקאָן און איז אַוועק מיטן שוואַרצן ים ביז אָדעס.

דזשעבעליע איז קעגן די אַנדערע טיילן פון יפו, אַזוי ווי אַ מאָדערנער שטאָטישער קוואַרטאַל קעגן אַ בית־עולם. אוודאי איז דזשעבעליע נאָך נישט געבויט מאָדערן. אויסערלעך איז זי נישט אַנדערש, ווי די אַנדערע טיילן פון יפו. פאַראַנען דאָרטן געסלעך, וואָס זיינען קלענער ווי הייף אין אַנדערע לענדער. און די געסלעך גייען עפּעס באַרג אַראָפּ. זיי געפינען זיך נידעריק און נאָך מער נידעריק. און באַלד נאָך אַ רעגן זיינען דאָרטן פאַראַן וואַסערן און וואַסערלעך און זומפּן. פאַראַנען געסלעך און ליקלעך אין דזשעבעליע, וווהין אַן אויטאָ קען בשום אופן נישט צוקומען. דער שאָפער לאָזט אייך אַראָפּ אַ פּאָר צענדליק מעטער, אָדער טאָקע אַ פּאָר הונדערט מעטער ווייט פון דעם אַדרעס, וועלכן איר זוכט און ער מאָלט אייך אויס ווי אַזוי צו גיין. און ווי גוט ער זאָל אייך נישט אויסמאָלן, מוזט איר אַלץ פרעגן ביי דורכגייענדיקע, און איר בלאָנדזשעט ערשט דערנאָך.

די אויסערלעכקייט פון דזשעבעליע איז טאָקע די זעלביקע ווי אין די אַנדערע געגנטן פון יפו, אָבער די באַוועגונג איז גאָר אַן אַנדערע. פּאָקטיש איז דאָרט די באַוועגונג די זעלביקע, וואָס אין תל־אביב. עס לויפן אויטאָס און אויטאָבוסן און קיין אייזלען זעט מען נישט, קיין קעמלען אוודאי נישט. איך וואָלט נישט געזאָגט אַז די היגיענישקייט איז שוין אין דזשעבעליע אַ מוסטערהאַפטע, אָבער אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע צוויי ראַיאָנען פון יפו איז זי פילפאַכיק אויף אַ בעסערן ניוואָ. ווען מען גייט דאָ, דאַרף מען זיך נישט צוהאַלטן ביי דער נאָז און מ׳האָט נישט דעם איינדרוק, אַז די מענטשן וואָס גייען לעבן אייך פאַרביי, קענען אייך אַנשטעקן מיט עפּעס אַ קראַנקייט.

כאָטש דזשעבעליע געפינט זיך העכער איבער דעם ים־ניוואָ ווי תל־אביב, איז דאָרט אום זומער נישט קיין ווייניקער הייס ווי אין דער גרעסטער ייִדישער שטאָט, ווען עס קומט מיט חודש מאַי, ווערט דזשעבעליע פונקט אַזוי ברענענדיקער אָריענט, ווי די נידעריקע טיילן פון ישראל. העברעיִש הערסטו דאָ ריידן בלויז קינדער און יוגנטלעכע. אַביסל מער דערוואַקסענע מענטשן ריידן שוין דאָרט אַנדערע שפּראַכן. די דאָמינירנדיקע שפּראַך איז ייִדיש, אָבער מען הערט דאָרט אויך היפשלעך רוסיש, רומעניש, פּויליש און דייטש. איך קען אייך נישט גאַראַנטירן, אַז דאָס

דייטש איז טאַקע על פּי רוב פון דייטשע ייִדן. פאַראַן אויך רומעניש, גאַליציאַנישע און פּוילישע ייִדן אין ישראל, וואָס האַלטן, אַז עס איז שענער דאָרט צו ריידן „דייטש", ווי ייִדיש.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די מערהייט זיינען אין דזשעבעליע די רומענישע, בעסאַראַבישע און אוקראַינישע ייִדן. מען הערט דאָ מער ווי אַלץ דאָס בעסאַראַבישע ייִדיש מיט די „קמצן". אפשר האָט זיך מיר אַזוי אויסגעוויזן, ווייל די דאָזיקע ייִדן קען איך צום בעסטן; איך האָב דאָך מיט זיי און לעבן זיי דורכגעשטורעמט די גאַנצע יוגנט מיינע.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין דזשעבעליע ביי אַ ייִדישער טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ זומער־טעאַטער מיט אַ צוויי טויזנט פּלעצער. עס איז אַ ליידיק פּלאַץ, אַ נישט צוגעדעקטס, מיט פּראָסטע הילצערנע בענק. דאָס פּלאַץ גייט כסדר באַרג אַרויף. לעבן דער בינע געפינען זיך די בענק אונטן און וואָס ווייטער געפינען זיי זיך העכער און ביים סאַמע סוף געפינען זיי זיך עפּעס ווי אויף דעם שפּיץ פון אַ באַרג. אויך אין אָט דעם טעאַטער האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז די מערסטע ייִדן ריידן מיט „קמצן". מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך געפין זיך ביי אַ ייִדישער פאָרשטעלונג אין אָדעס, קעשענעוו, אָדער בוקאַרעשט. מיר האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז דאָס זיינען בפועל ממש די זעלביקע ייִדן. זיי לאַכן ביי די זעלביקע פּרימיטיווע און אַמאָל פּאַכאַבנע וויצן און חכמות און וויינען ביי די זעלביקע נישט־קלוג מעלאָדראַמאַטישע שטעלן. עס איז פאָרגעקומען איין וועלט־מלחמה און אַ צווייטע, אַלערליי רעוואָלוציעס און קאָנטררעוואָלוציעס, וועלטן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן און אַנדערע האָבן זיך אָנגעהויבן צו בויען און די דאָזיקע מענטשן זיינען געבליבן ביי די זעלביקע השגות און מיט די זעלביקע נישט־אַנטוויקלטע חושים פאַר פּראָסטן קאָמיזם און פּראָסטן סענטימענטאַליזם.

און נאָך דער פאָרשטעלונג איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אַ גאַנצער ריי רעסטאָראַנדלעך און קרעטשמעס, וואָס זיינען געווען איבערפולט מיט מענטשן. די זעלביקע צוויי טויזנט מענטשן, וואָס זיינען געווען אין דעם טעאַטער, זיינען דערנאָך געגאַנגען אין די קרעטשמעס און רעסטאָראַנען און זיי האָבן דאָרט געטרונקען אַ רומענישן פלוימען־בראַנפן, וואָס הייסט „צויקא" און רומענישן רויטן וויין און האָבן געגעסן פיש־רויג מיט ציבעלע, בוימל און עסיק און געבראָטענע פליישן מיט אַ סך פעפער און קנאָבל. מען האָט דאָרט געגעסן די געהאַקטע שטיקלעך פלייש, וואָס

אין רומעניע רופט מען זיי „מיטיטייעס“ און אין דער בוקאָווינע האָט מען זיי גערופן קאַרנאַצלעך. אויך אין נ. אַמעריקע, וווּ עס זיינען אַמאָל געווען זייער אַ סך רומענישע רעסטאָראַנען, רופט מען זיי אויך אַזוי און דאָס וואָרט ק אַ ר נ אַ צ ל איז געוואָרן לעגיטים־ייִדיש, כאָטש דער לאַטיינישער אָפּשטאַם פון דעם וואָרט „קאַרנע“ (פלייש) איז דאָ מער ווי בולט.

נישט נאָר די מאכלים זיינען אין יענע קרעטשמעס געווען די זעלביקע, וואָס אַמאָל אין בוקאַרעשט, נאָר אויך די רייד זיינען געווען די זעלביקע, און מערקווירדיק: אין אייניקע פון זיי האָט מען נאָך געגעבן „פּראָגראַם“, כאָטש מען האָט זיך, דאַכט זיך, אָנגעפּרעסן מיט געזאַנג ביי דער ייִדישער טעאַטער־פאָרשטעלונג.

זינגער און זינגערנס האָבן געזונגען לידער אין אַלערליי שפּראַכן, פאַר יוצא וועגן אויך אין העברעיִש, אָבער צום מערסטן אין ייִדיש. זיי זיינען זייער זעלטן געווען באַגלייט פון פּיאַנאָ, גאַנץ פשוט, ווייל קיין פּיאַנאָס זיינען דאָרט נישט געווען. מען האָט זיי באַגלייט, אָדער מיט אַ האַרמאָשקע, אָדער מיט אַ מין צימבל. אייניקע האָבן געזונגען טרויעריקע לידער, אַנדערע — פריילעכע. איינער אַ זינגער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ רומענישער ציגיינער, האָט געזונגען „מאַראַלישע“ לידער און נישט איין מאָל האָט ער אַרויסגערופן טרערן ביים עולם. איבערהויפּט האָבן מענטשן געוויינט, ווען ער האָט געזונגען אַ ליד „תכריכים האָבן נישט קיין קעשענעס“. ער האָט אויך געזונגען געשמאַקע ייִדישע פאָלקס־לידער. דאָס לידל „צו דיין מאַמען האָב איך גאָרנישט“, וואָס ברענגט אַרויס דעם צאָרן פון אַ מיידל, וואָס דעם חתנס משפחה האָט איר געשטערט אין איר ליבע און זי שעלט זיי מיט טויטע קללות, האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט זעלטענעם חן. אַפילו דער רומענישער דיאַלעקט זיינער האָט די געשמאַקע קללות צוגעגעבן אַ טעם. איך הער נאָך איצטער זיין קרעפּטיק־זאַפטיקע שטימע זינגען:

„צו דיין מאַמען האָב איך גאָרנישט, גאָרנישט,
זי איז דאָך נישט שולדיק אין דעם,
אָבער עסן זאָל זי ביי פרעמדע טישן
און וואַרפן זאָל עס איר פון טיר צו טיר,
ווייל אין אַ ליבע טאָר מען זיך נישט מישן,
וואָס האָט זי געוואָלט פון מיר?“

ביז אין ווייסן טאָג אַריין האָב איך געטראָפן אין דזשעבעליע אָפענע

שענקלעך און קיין איינס פון זיי איז נישט געווען ליידיק. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז עס פעלן נישט דאָרט קיין אונטערוועלטניקעס און איי־נער אַ זינגער האָט מיר טאָקע אָנגעוויזן אויף איינעם, וואָס איז געווען פון די גרעסטע גנבים אין דער וועלט, אָבער מען האָט אים קיינמאָל נישט געקענט פּאַקן. איבערהויפּט האָט ער „געמאַכט" אַ סך געלט אין איטאַליע און היינט פירט ער ר יי נ ע מסחרים און מען קען אים גאָרנישט טאָן.

ווען איך בין פאַרטאָג אַהיים געקומען, האָב איך זיך געפרעגט: ווו האָב איך פאַרבראַכט דעם טאָג און די נאַכט — אין יפו, דער שטאָט, וואָס איז אַלט אַריבער 4.000 יאָר און וואָס שלמה המלך האָט געמאַכט פאַר זיין גרעסטן פּאָרט, צי האָב איך פאַרבראַכט אויף דער מאָלדאַוואַנקע אין אָדעס, אין דער אַלטער שטאָט אין קעשענעוו, צי גאָר אין אונטערשטן טייל פון בוקאַרעשט?

קיין טראַגעדיע האָב איך נישט געזען אין דעם אַריבערפירן געגנטן פון אָדעס, קעשענעוו און בוקאַרעשט קיין ישראל. די יוגנט, וואָס וואַקסט דאָרט, איז שוין אַ ישראלדיקע און עס מאַכט נישט אויס, וואָס עס גע־פינט זיך אין סאַמע מיט ישראל אַ רעשט פון דעם דרום־מזרח־אייראָפּעישן יידישן לעבן. די דאָזיקע, וואָס זיינען באַרופן דערצו, קענען פאָרן קיין ישראל, און פאַרברענגען אַ לענגערע צייט אין יפו־דזשעבעליע און דאָרט שטודירן יידישע דיאַלעקטן און יידישן פאָלקלאָר. אפשר האָט דאָס אַ גע־וויסן זין פאַר דער יונגער יידישער מדינה? איך בין אַוועק פון יפו־דזשע־בעליע מיט געמישטע געפילן און אויף מאָרגן האָבן מיך שוין אויטאָס און דזשיפּן געפירט איבער דעם נייעם ישראל.

אין עקוועלט פון אַ קאַבאַרעטל אין רמת גן און אין מיט-וועלט

אַ פינף קילאָמעטער פון תל־אביב געפינט זיך רמת גן, וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ גאָרטן־שטאָט און אַ מקום יצירה ומנוחה (אַ שאַפונג און אָפּרו־פּלאַץ) פאַר קינסטלער און אינטעלעקטואַלן. מען האָט די דאָזיקע אייגנאַרטיקע שטאָט געוואָלט אָנהויבן בויען נאָך אין 1914, אינגאַנצן אַ יאָר זעקס נאָך דעם, וואָס מען האָט אָנגעהויבן בויען תל־אביב. עס האָט אָבער אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און מען האָט די גאָרטן־שטאָט אָנגעהויבן בויען ערשט אין 1921.

דו פאָרסט מיט דער אַרלאָזאָראָוו־גאַס פון תל־אביב, וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג און ווערט אַן עוועניו, וואָס דערמאָנט אין די שענסטע עווע־ניוס (אַווענידאָס) פון די גרויסע שטעט אין דער וועלט, און דו שניידסט דורך די רעלסן פון דער אייזנבאַן, וואָס גייט פון יפו קיין ירושלים און דו לאָזט איבער אין דער לינקער זייט די קאָלאָניע „שרונה" (סאַראָנאַ), וואָס איז אַמאָל געווען אַ דייטשע און איז באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער מדינה געוואָרן די שטאָט פון דער מלוכה און היינט זיינען נאָך דאָרט פאַראַן אייניקע מלוכה־אנשטאַלטן און ראַדיאָ־סטאַנציעס און דו לויפסט אַריבער אַ דאָרף, וואָס הייסט מאָנטעפיאָרע, ווו עס איז פאַרפלאַנצט געוואָרן דער ערשטער פּרדס פון יידישן ארץ־ישראל און ווו עס וווינען אַלערליי יידן, ספרדישע, אשכנזישע און אַפריקאַנישע. מען דערציילט דיר אַ געשיכטע, אַז משה מאָנטעפיאָרע האָט געוואָלט מאַכן דעם דאָזיקן פּרדס, אַן אָפּרו־ און אַרבעט־פּלאַץ פאַר תלמידי־חכמים און אַז דער משגיח פון יענעם גאָרטן איז געווען דער דייטש פּעטער קלאָסען, וואָס האָט זיך מגייר געווען און זיך אַ נאָמען געגעבן דוד. די יידישע פרוי, וואָס האָט חתונה־געהאַט פאַר אַט דעם פּעטער־דוד, האָט אים געגעבן נדן אַ — ספר תורה... ערגעץ אַהין איז פאַראַן אַ בריק איבער אַ טייך, וואָס הייסט מוצררה און ער פאַלט אַריין אין ירקון, אָבער מיר פאָרן נישט אַזוי ווייט, מיר פאַרבייגן רעכטס און מיר פאָרן אַריין קיין רמת גן, ווו עס וווינען

עטלעכע צענדליק פון מיינע באַקאַנטע, על פי רוב זשורנאַליסטן, וואָס אַרבעטן אין פאַרשידענע העברעיִשע צייטונגען.

...מיר טרעפן זיך ערגעץ ביי אַ הויז פון אַ זשורנאַליסט. עס איז דאָס דאַזיקע, וואָס מען פלעגט אין רוסלאַנד רופן אַן „אָסאָבניאַק", אין פּאַריז האָט מען דאָס גערופן אַ „ווילע" און אין אַרגענטינע רופט מען עס אַ „טשאַלעט". עס איז אַ שטיבל פאַר זיך, נישט צוגעקלעפּט מיט די ווענט צו קיין צווייט הויז און האָט אַ גערטנדל מיט בלומען און פּרוכטן. מען הייבט אָן ריידן עברית און מען געפינט באַלד אַ הכשר איבערצוגיין צו יִידיש. דעם תירוץ ליפער איך, ווייל איך קום דאָך פון חוץ לארץ. אייניקע פון די זשורנאַליסטן האָב איך געלייענט. זיי זיינען פאַכלייט, האָבן טעמפּעראַמענט, אָבער עפּעס פעלט ביי זיי. דער „עפּעס" איז די שפּראַך, וואָס איז ביי זיי נישט אָרגאַניש. זיי האָבן געשריבן יִידיש, אָדער פּויליש. אייניקע — מסתמא גאַליציאַנער — האָבן אויך געשריבן דייטש. און העברעיִש ביי זיי זיינען בעיקר נאָר די ווערטער, די פראַזן זיינען שוין נישט גאָר העברעיִש און דער ריח — אוודאי און אוודאי נישט. דאָס זיינען מענטשן, וואָס אָדער זיי האָבן געקענט אַביסל העברעיִש פון יִינגל־ווייז, אָדער זיי האָבן אויף גיך אויסגעלערנט און זיי האַלטן ביים שרייבן אַ ווערטערבוך, אָדער טאַקע צוויי, און זיי טראַכטן אין דער שפּראַך, וואָס זיי האָבן פריער געשריבן און זעצן זיך פּאַוואָליע איבער און אַז זיי ווייסן נישט אַ וואָרט, קוקן זיי אַריין אין ווערטערבוך. פּעסימיסטן זאָגן, אַז ס'איז פאַרקערט: ווען זיי ווייסן אַ וואָרט, קוקן זיי נישט אַריין אין ווערטערבוך... די שפּראַך פאַרבעסערט זיך פונדעסטוועגן ביי זיי אַלץ מער און מער און די דאַזיקע, וואָס האָבן טאַקע געלערנט אין דער יוגנט, הייבן אָן מיט דער צייט צו שרייבן אַ ריכטיקן העברעיִש.

די זשורנאַליסטן, וואָס וווינען אין רמת גן און האָבן דאָרט קליינע ווילעס, אַרבעטן אין פאַרשידענע צייטונגען, געהערן צו פאַרשידענע ריכטונגען, אָדער האָבן פאַרשידענע סימפּאַטיעס, דאָ זיינען זיי אויסגעטאָן פון עולם הפּאָליטיק און האָבן הנאה פון דער רויִקייט, וואָס שטראָמט דאָ עפּעס ווי פון די בערגלעך פון אַרום און טאַקע פון דעם הימל אַליין. יעדער וויל מיך באַשטאָטן מיט אינפאָרמאַציע. זיי ווילן נישט וויסן, אַז איך בין שוין צום דריטן מאָל אין ישראל און איך קען שוין באַלד אַליין ווערן אַ מורה־דרך. זיי דערציילן מיר, אַז ביים אָנהייב האָט מען רמת גן (די גאָרטן־הויכקייט) גערופן עיר־גנים (גאָרטן־שטאָט) און אַז אין דער נאָענט

איז פֿאַראַן אַ פּלאַץ, וואָס מען האָט גערופֿן „גנני" (גאַנאַני — גאָרטנ־דיקס), ווייל די גאַנצע געגנט איז אייגנטלעך באַשאַפֿן געוואָרן צו זיין גאָרטנדיק. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ געזעלשאַפֿט, אָדער פֿאַרבאַנד (אגודה), וואָס האָט גענומען בויען עיר־גנים — רמת גן, זי האָט געהאַט עטיש־עסטעטישע כללים. און האָט רעקאָמענדירט, אַז די מערסטע אַרבעט זאָל געטאָן ווערן דורך די איינוווינער אַליין און נישט דורך גדונגענע אַרבעטער. זי האָט אויך פֿאַרבאָטן צו איינאָרדענען פֿאַבריקן, וואָס ברענ־גען שאָדן.

דאָס אינטעלעקטואַליסטישע אין רמת גן פֿילט זיך אין אייניקע נעמען פֿון גאַסן און ככרים (פּלאַסעס). אָט איז אַ גאַס, וואָס הייסט „לאָן" (וווּ־הין), לכבוד דער דערציילונג מיטן זעלביקן נאָמען פֿון דעם העברעישן שרייבער מ. ז. פֿייערבערג, וועמענס העלד האָט אַזוי טראַגיש שאַרף גע־שטעלט די פֿראַגע פֿון דעם אפּיקורסיש־געוואָרענעם ישיבה־בחור. אָט איז אַ ככר, וואָס טראָגט דעם נאָמען רמב"ם און אַ גאָרטן, וואָס הייסט „גן הנשיאים", לכבוד די פּרעזידענטן (נשיאים) פֿון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע.

מען פֿירט מיך צו ווייזן מיר אייניקע סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־פּלעצ־צער, ווו עס אָטעמט זיך לייכט אַרום און אַרום. ערגעץ דאָרט אויף אַ בערגל איז פֿאַראַן אַ מאַרמאָרנער טאָוול, אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן, אַז ח. נ. ביאַליק פֿלעג דאָ ליב האָבן צו שפּאַצירן, ווען ער האָט געוווינט אין רמת גן. אונטן איז פֿאַראַן אויך אַ ביאַליק־גאַס. פֿאַראַן דאָרטן איי־ניקע אַנטיקיטעטן פֿון גאָר אַלטע צייטן. מען ווייזט מיר אַ קאָלירטע „פּסיפּאַסי"־פּלאַסטערונג פֿון די צייטן, ווען די רוימער זיינען געווען אין לאַנד און איך ברעך זיך דעם קאָפּ אויף דעם וואָרט „פּסיפּאַסי", ביז איך גיב זיך חשבון, אַז דאָס איז — מאָזאַיק. פֿאַראַן אַ היפּשער אַמפּיטעאַטער. מען דערציילט מיר ניסים וועגן דעם גרינדער און בירגערמייסטער (ראש העיריה) פֿון רמת גן, א. קריניצי, וואָס איז איינע פֿון די אינטערע־סאַנטסטע פּערזענלעכקייטן אין ישוב זייט צענדליקער יאָרן. מען וויל מיך פֿירן צו אים, אָבער איך וויל בעסער זען דעם אַנאַנים — איך וויל זיך באַקענען מיט זיין מאַיעסטעט דעם בירגער און מיט דעם לאַנד בכלל.

איך באַפֿריי זיך פֿון אַלע באַגלייטער מיינע, נאָך דעם, וואָס איך טו צוליב און איך טרינק מיט זיי לחיים איבער אַ פּרוכטזאַפֿט און איך

לאָז זיך אַליין איבער דער שיינער און אייגנאַרטיקער שטאָט, וואָס וואַקסט אין דער לענג, ברייט און אין דער פאַרשידנקייט.

און איך גיי אין די פּעריפּעריעס, וואָס טראָגן אַלערליי נעמען און זיינען שטעטלעך פאַר נייע עולים און קער זיך אום צוריק אין צענטער אַריין. איך רייד זיך דורך מיט מענטשן אויף עברית און אויף אַלערליי שפּראַכן. אָט מאַך איך זיך פאַר אַ רוסיש־ריידנדיקן און אָט פאַר אַ רומע־ניש־ריידנדיקן. איינעם זאָג איך גאָר, אַז איך קען בלויז שפּאַניאָליש און קוים אַביסל עברית און איך געפין באַלד אַ ספרדי, וואָס דערקענט טאַקע תיכף, אַז איך בין אַן אשכנזי און איך זאָג אים אויס, אַז איך בין פון אַרגענטינע און ער נעמט באַלד ביי מיר פרעגן אויף פריינט און באַקאַנ־טע פון בוענאָס־איירעס, וואָס וווינען אויף אַזקוענאַגאַ און לאַרעאַ גאַסן ווו ספרדישע ייִדן האָבן זייערע געשעפטן. אין דעם פּרט זיינען די ספרדים חלילה נישט אַנדערש ווי אונדזערע ייִדן. און צעזייט און צעשפּרייט זיי־נען זיי אוודאי גלייך מיט אונדז. דער ניי־באַקאַנטער מיינער קלאָגט זיך מיר, אַז אין רמת גן זיינען פאַראַן צופיל אַנגעפאַרענע.

— זייט ווען זענט איר דאָ?

— זייט 1925...

ער איז דאָ דער געלער און ער איז נישט צופרידן מיט די גרינע, וואָס מאַכט צופיל טומל. פונדעסטוועגן איז ער נישט קיין צו־שטאַרקער רוזקער, טאַקע ער אַליין, און קיין גרויסער צדיק אין פּעלץ איז ער אויך נישט. ער איז יעדנפאַלס אַ קונה הכול, אויב נאָר עס זאָל זיין אַ סחורה, וואָס מ׳קען עפּעס פאַרדינען דערביי.

— קאָנטראַבאַנד אַ שטייגער? — פרעג איך אים.

— מען דאַרף דאָס — ענטפערט ער — נישט אָנרופן אַזוי מיאוס.

— ליידער — האָב איך גאָרנישט געבראַכט און ערשט אַלץ דער־קלאָרירט, אויסער די געדאַנקען אין מוח און ערשט די זיינען אויך נישט קיין טריפהנע פאַר דער מדינה.

— וואָס זשע דען?

— גלאַט געוואָלט שמועסן.

— שלום!

— פאַרברענגען וואָלט איך יאָ געוואָלט ערגעץ.

ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער אַליין קען מיט מיר נישט גיין פאַר־

ברענגען, אָבער ער קען מיר רעקאָמענדירן איינעם, וואָס וועט מיך פירן אַפילו אין אַ קאַבאַרעט אַריין.

— זאָג מיר, ווו ס'איז, איך דאַרף נישט מען זאָל מיך פירן.

האָט ער מיר אָנגעוויזן און איך האָב געפונען אַ פּאָר. אין איינעם בין איך געגאַנגען אַרום עלף אַזייגער ביינאַכט, נאָך דעם, וואָס איך בין געווען אין אַ קינאָ און איך האָב געזען אַ פראַנצויזיש בילד מיט אַ סך פּיקאַנטע יונגע מיידלעך, וואָס ווייסן שוין אַלע סודות פון ליבע און זינד. טאַקע אונטער יענעם קינאָ איז געווען דער קאַבאַרעט. דעם אמת געזאָגט: אַ קאַבאַרעטל. געווען דאָרט פּלאַץ פאַר אַ זיבעציק מענטשן, אַז אַ סך איז אפשר נײַנציק. ס'איז דאָרט געווען ענג און ס'האָט געשמעקט מיט פראַנצויזישן און אָרטיקן קאָניאַק, מיט ווײַן, שווייס און קאָסמעטיק.

דאָס ליכט איז אין דעם גאַנצן קאַבאַרעטל, וואָס איז געווען איינגעטיילט אין צווייען — אַ פּלאַץ צום זיצן און אַ פּלאַץ צום טאַנצן — געווען געדעמפּט. רויט און טונקל, מען האָט געזען די הויפּטשטריכן, מען האָט נישט געזען די קנייטשן. און געווען זײַנען דאָרט מענטשן פון ביידע מינים, וואָס האָבן געהאַט מער געקנייטשטע ווי גלאַטע פּנימער. פרויען זײַנען דאָך געווען אייניקע יונגע, מענער כמעט גאָרנישט. אויסגעפּוצט איז מען דאָ געווען מער ווי אומעטום אין ישראל, אויסער אין אויסער־געוויינלעכע פאַלן. נאָר ביי אָפיציעלע אויפנאַמעס אין אַמבאַסאַדעס און קאָנסולאַטן זעט מען אין ישראל אַזעלכע אויסגעפּוצטע מענטשן און אַמאָל אויך ביי אַ פּרעמיערע אין „הבימה". דאָ איז אָבער די אויסגעפּוצטקייט געווען שרייענדיקער און מיט ווייניקער געשמאַק.

דער פּראָגראַם איז נישט געווען קיין פּילפּאַרביקער. אַ צוויי זינגערנס, אַ קונצנמאַכער און אַ טענצער־פּאָרל. צום מערסטן האָט אויסגענומען אַ זינגערן, וואָס איז קענטיק שוין געווען אין די יאָרן. זי האָט געטאָן אַלצדינג צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז זי האָט אַ יוגנטלעכע טאַליע און דאָס דאָזיקע איז איר אַביסל געראָטן, כאָטש פון צייט צו צייט האָט איר ברייטער ביוסט אַריבערגערונען די גרענעץ פון איר דעקאָלטע. דאָס פּנים איז ביי איר געווען היפּש אויסגעפּרעסט פון מאַסאַזשן און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז עס זײַנען אויף דעם דאָך געבליבן סימנים פון קנייטשן. די שטימע האָט נאָך פאַרמאָגט אַביסל מעטאַל, אָבער פון צייט צו צייט האָט זי געגעבן אַ כריפּ מיט הייזעריקייט. דאָס ערגסטע איז געווען מיט די אויגן, וואָס כאָטש זיי זײַנען געווען שטאַרק אונטער־

געפירט, האָבן זיי דאָך נישט געהאַט קיין שטיקל גלאַנץ און זיי האָבן געקוקט ווי אויסגעלאָשענע. זי האָט אַנגעהויבן מיט אַ העברעיִש ליד „לילה״ (נאַכט), וואָס האָט מער אַ צוגעפּאַסטע מעלאָדיע ווי ווערטער פּאַר אַזאַ לאָקאַל. זי האָט אַ זינג געטאָן אויך עפּעס אַ טאַנגאָ אין עברית און דערנאָך איז זי אַריבער צו אַנדערע שפּראַכן — בעיקר צו פראַנצויזיש און פּויליש. די פּוילישע לידער האָבן מער צעגומען דעם עולם, ווי די פראַנצויזישע. עמיצער האָט אַ מאָן געטאָן אַ דייטש ליד, איז געוואָרן אַ שש... דער עולם איז על פּי רוב באַשטאַנען פון פּוילישע ייִדן וואָס האָבן פריער געלעבט אין דייטשלאַנד, דערנאָך אַ שטיקל צייט אין פראַנקרייך. אויך קיין רומעניש האָבן נישט געפעלט. אייניקע האָבן געהאַט דעם טיפּיש־נערוועזן אויסדרוק פון לאַגערניקעס. געהערט האָט מען ריידן פּויליש, דייטש (שטאַרק געיידלט נאַטירלעך) און רומעניש. פראַנצויזיש האָט מען צום ווינציקסטן געהערט, אָבער דאָך אַביסל.

איך האָב געקוקט אויף דעם עולם מיט צו־אָנגעשטרענגטע אויגן. אייניקע האָבן מיר מוטיק צוריקגעקוקט, אַנדערע האָבן מיינע בליקן נישט געקענט אַריבערטראָגן. אַמאָל, אין דער עפּאָכע, ווען איך האָב געזוכט אַרויסברענגען אָריגינעלע געדאַנקען, האָב איך געזאָגט, אַז אויף דעם מענטשן קוקן צוויי־ערליי אויגן — פון שפּיאָן און פון — — — דיכטער. איך האָב אין יענער נאַכט געקוקט אויף די געסט אין קאַבאַרעט פון רמת גן מיט אויגן, וואָס האָבן אַרויסגערופן פּאַראַדאָכט, כאָטש איין גאָט ווייסט, אַז איך האָב בלויז פּאַר זיך אַליין געוואָלט וויסן ווער די דאָזיקע מענטשן זיינען. און מער, אָדער ווייניקער האָב איך זיך, מיין איך, דערוווסט. איך האָב אָנגעווענדט בערגסאָנס אינטואיציע־מעטאָד און איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין דער מענטאַליטעט פון די דאָזיקע, וואָס האָבן געטרונקען, מ׳טגעזונגען און געטאַנצט. זיי זיינען אַלע אין ישראל, ווייל זיי קענען נישט זיין ערגעץ אַנדערש. אייניקע וואָלטן געוואָלט ווערן ישראלניקעס און קענען נישט, אַנדערע ווילן דאָס אַפילו נישט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן אַ סך געלט און מאַכן נאָך איצטער טריפהנע געשעפטן און אַלערליי ספּעקולאַציעס און פאַראַן אַזעלכע, וואָס געבן דאָ אויס די לעצטע געלטער. דאָ און דאָרט האָב איך געזען אַ קינסטלער מסתמא אויך. איך האָב געזען צוויי מענטשן אין לייכטע סוועטערס — ס׳איז געווען עפּעס נאָך אָנהייב פרילינג — און זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון מאָלער. איין בחור, וואָס האָט געהאַט באַזונדער ברענענדיקע אויגן, האָט געהאַט

אַן אויסגעפוצט בערדל און פאות פאַרשאַרטע הינטער די אויערן. ער האָט ממש איינגעשלונגען דעם גאַנצן אַרום. און ווען ער האָט גענומען דאָס גלעזל קאָניאַק צום מויל, האָבן די ליפּן אַ שעפּטשע געטאָן ווי אַ ברכה, כאָטש ער איז געגאַנגען בלויז־קעפּיק. דאָס איז געוויס געווען פאַר גע־ווינהייט. מיר איז איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ ישיבה־בחור פון בני־ברק, וואָס געפינט זיך אינגאַנצן אַ קילאָמעטער, צוויי פון דאַנען. עס זאָל זיין דאָס זעלביקע בני־ברק פון דער פסחדיקער הגדה. דאָרט איז פאַראַן אַ גרויסע ישיבה און אַ סך גרויסע לומדים. ערגעץ דאָרט אין דער נאָענט איז פאַראַן אויך אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע. דעם בחור זיינען מיינע בליקן נישט געווען געפעלן און ער האָט גיך באַצאָלט און ער איז אַוועק־געגאַנגען. איך בין אים נאָכגעגאַנגען און איך האָב געפּרוווט פאַרבינדן אַ שמועס מיט אים. ער האָט זיך צופיל נישט געלאָזט. ער האָט צו מיר גע־רעדט עברית מיט אשכנזישע אָפּנייגן און געגנוצט קבלה־ווערטער. ער האָט געזאָגט, אַז אַפילו אין אַזאַ פּלאַץ קען מען אויך געפינען ניצוצין (פונקען)...

אויסער יענעם בחור איז מיין בליק געפאַלן אויף אַן אַנדער בחור, וואָס איז געזעסן ווי אויף אַ פרעמדער חתונה און ער האָט פון צייט צו צייט אונטערגעגעגעצט. ער האָט געהאַט דאָרפישע באַוועגונגען און ער האָט אויסגעזען ווי אַ קיבוצניק, וואָס האָט זיך אַביסל אויסגעפוצט. ער האָט לייכט געלאָזט פאַרפירן אַ שמועס. ער האָט דאָרט נישט געהאַט קיין איין באַקאַנטן. ער האָט באַלד דערציילט, אַז ער איז פון אַ קיבוץ און ער האָט חופש (וואַקאַציע) און ער איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויף אַזאַ פּלאַץ.

— וואָס האָט דיך געצויגן אַהער —

— סקרנות! (נייגעריקייט).

— טאַקע בלויז נייגעריקייט?

— פאַרוואָס קוקסטו אַזוי שטאַרק אויף מיר? ווער ביסטו?

איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין אַ שרייבער, וואָס קוקט אויף ישראל מיט אויגן פון אַ „שרייבערישן שפּיאָן" און ער האָט מיר מודה געווען, אַז ס'האָט אים אַ צי געטאָן אַהער, ווייל עפּעס פעלט אים אין לעבן.

— אַ חתונה־געהאַטער?

— ניין, געווען פאַרליבט, געהאַט אַ בחורה און אויפגעהערט. און כ'האָב געמיינט, אַז דאָ וועל איך עפּעס געפינען.

— און?

— גאָרנישט... די קאַבאַרעטן אין אויסלאַנד זיינען אויך אַזוי?

— די קאַבאַרעטן זיינען אומעטום אַזוי. די מענטשן זיינען אַנדערש.

איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב אַ סך נעכט פאַרבראַכט אין מיין יוגנט אין בוקאַרעשטער און ווינער קאַבאַרעטן און אויך אין פּאַריזער. אַ צייט האָב איך דאָרט, איניינעם מיט אַ חבר אַ דיכטער, געזוכט דאָס ביסל ייִדישקייט ביי ייִדן. מיר האָבן דאָרט נישט איין מאָל שפּעט ביינאַכט געזונגען דאָס ליד „אלף בית“ און געחלומט וועגן בר כוכבא, בוריונים, דעם חלוץ... מיר האָבן אין קאַבאַרעטן געזוכט טרויער פון גלות השכינה — נישט בלויז ייִדישע. מיר האָבן געוויינט אויף דעם, וואָס די שכינה איז פאַרטריבן געוואָרן פון מענטשן.

— און איך זוך — האָט ער זיך מודה געווען — דעם היפּוך פון אידעאַל און פון ייִדישן פּאַטריאָטיזם אין קאַבאַרעט... איך זוך עפּעס ס׳זאָל אַ צי טאָן... און איך זיץ און גענעץ. דאָס וואָרט „מפהק“ (גענעץ) האָט ער אויסגעצויגן טאַקע ווי אַ גענעץ...

אין צווייטן צימער האָט מען געטאַנצט. מען האָט זיך אַלעמאָל מער און מער צעוואָרעמט. די מוזיקאַנטן האָבן צוגעזונגען און דער עולם האָט טאַקע געזונגען אויף דער גאַנצער פּאַרע. מען האָט געשפּילט עפּעס אַ וואַרשעווער ייִדיש לידל און מען האָט געהערט ווערטער אין פּוילישן דיאַלעקט:

עיע האָט געצויגן די שווערד (שווערד)
און האָט אים דערשאָסן אויף טויט.

און מען האָט געלאַכט פון דער חכמה, וואָס ביים אָנהייב האָבן זיך נישט אַלע געכאַפּט: ער האָט מיט דער שווערד דערשאָסן...

מען האָט זיך צונויפגעפלאָנטערט אין אַ ראָד, אַביסל ווי ביי אַ שער און אַביסל ווי ביי אַ הורא. — — —

אָוועקגעגאַנגען בין איך פון קאַבאַרעט פאַרטאָג און מיטגענומען האָב איך נישט בלויז די פּוסטקייט פון די דאָזיקע, וואָס לעבן אין ישראל און דאָך נישט דאָרט, נאָר אויך די אומרויִקייט פון אַ ישיבה־בחור און אַ קיבוצניק.

צוריקגעפאָרן קיין תל־אביב בין איך מיט אַ טאַקסי, וואָס איך האָב אַרויסגערופן און דער שאָפער איז באַלד געוואָרן מיט מ׳יר חבר. ער האָט

גערעדט אי שפּאַניש, אי ייִדיש און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ ספרדישער ייִד פון בולגאַריע, וואָס איז שוין זייט לאַנד אין לאַנד און ער האָט אויסגעלערנט אויך ייִדיש. ער האָט מיר געוויזן ביי שרונה אַ דייטשן בית־הקברות מיט אַ מצבה צום אָנדענק פון דייטשע סאָלדאַטן, וואָס זיינען דאָרט געפאַלן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויך אַ קבר פון 17 הינדוישע מאַכמעדאַנער (פּאַקיסטאַנער וואַרשיינלעך), וואָס זיינען דאָרט געפאַלן, ווען די ענגלענדער האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד. פאַראַן דאָרט אויפשריפטן אין אַראַביש, הינדויש און ענגליש.

דאָס רמת גנער קאַבאַרעטל האָט מיר אויסגעוויזן ווי עקוועלט, אָבער די קברים אין שרונה האָבן מיר דערמאָנט, אַז ארץ־ישראל איז מיט וועלט — — — אַלע פעלקער האָבן דאָרט געפאַלענע... נישט נאָר אין גלות געפינען מיר זיך אין מיט וועלט, נאָר גאַנץ ארץ־ישראל איז מיט־וועלט...

„די ערד און דער הימל, די טייכן, די בערג און דער ים זיינען אונדזער לעבן"

ווען איך בין געווען אין ישראל, זיינען אין די שולן פון לאַנד געגאַנגען אַ דריי הונדערט פופציק טויזנט קינדער אין אַלע פאָלקס־ און מיטלשולן אַריין. די מערסטע האָבן געלערנט, ווי דער שטייגער איז, אין די עלעמענטאַרע שולן. אין די איבער־עלעמענטאַרע, מיטעלע שולן האָבן געלערנט לערך אַ דרייסיק טויזנט תלמידים. (איך גיב בלויז קיילעכדיקע ציפערן). די לערער־אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַריין לערער פון פאָלק־ און מיטלשולן און לערער־סעמינאַרס — נישט קיין פּראָפעסאָרן פון הויכשולן — האָט געהאַט ביי די זעכצן טויזנט מיטגלידער. ווערליק דעם גאַנג פון לעבן, האָבן שוין אין איצטיקן מאָמענט געוויס די שולן אַריבער פיר הונדערט טויזנט תלמידים און אינגיכן, ווען די היינטיקע עליה־פּלענער וועלן רעאַליזירט ווערן, וועט דאָס מסתמא האַלטן ביי אַ האַלבן מיליאָן תלמידים אין די שולן און ביי אַריבער צוואַנציק טויזנט מיטגלידער אין דער לערער־אָרגאַניזאַציע.

כאָטש איך האָב קיין ספּעציעלן אינטערוויו נישט געבעטן ביים בילדונג־מיניסטער, האָב איך דאָך געקראָגן אין בילדונג־מיניסטעריום אַ סך ציפערן, וועלכע איך וועל די לייענער נישט איבערגעבן, ווייל קיינער וועט זיי נישט געדענקען און זיי וועלן בלויז מיד מאַכן. ד"ר א. קאַראַלניק ע"ה האָט דערציילט, אַז זייענדיק אין ארץ־ישראל אין די צוואַנציקער יאָרן פון היינטיקן יאָר הונדערט, האָט ער געקראָגן בערג מיט ציפערן, וועלכע ער האָט אויף דעם צווייטן טאָג פאַרגעסן און געבליבן אין געמיט זיינען אים בלויז די בילדער. איך וויל בעצם איבערגעבן אויך בלויז די בילדער און די איינדרוקן. און מיט די פּאָר ציפערן, וואָס איך האָב געגעבן, בין איך אויסן געווען בלויז צו ווייזן ווי גרויס ס'איז דאָס שול־וועזן אין ישראל. אַ שול־וועזן, וואָס נעמט פּאַקטיש אַרום — אין דער עלעמענטאַר־שול, נאַטירלעך — אַלע קינדער. יאָ, אויך אַלע קינדער פון נישט־יידן. דאָס לערער־פּראָבלעם, וואָס איז אַ זייער שווערס, ווייל מען דאַרף אַלע

מאָל האָבן נייע טויזנטער דערציער, ווערט כסדר געלייזט לגבי אַראַבער אַלציינס ווי לגבי ייִדן.

פון די געבראַכטע פּאָר קיילעכדיקע ציפערן, ווער דער לייענער קענען באַמערקן, אַז בלויז צען פּראָצענט פון די קינדער, וואָס לערנען אין די פאָלקשולן גייען אַריבער אין די מיטלשולן. ניינציק פּראָצענט לערנט מער נישט. מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער פאַכמאַן אין די ענינים פון סטאַטיסטיק פון דערציִונג צו געבן זיך חשבון, אַז דער פּראָצענט, וואָס גייט אין דער מיטלשול, איז אַ קליינער. דער באַזוך אין פאָלקשול איז נישט נאָר אַ מאַקסימאַלער, נאָר טאַקע אַ פולער, דער באַזוך אין מיטלשול איז ווייניקער ווי אַ מינימאַלער.

לויט דעם, וואָס איך האָב זיך געקענט דערוויסן, איז פאַראַן נישט בלויז איין סיבה פאַר דעם מינימאַלן באַזוך אין די מיטלשולן. איינע פון די הויפּט־סיבות איז זיכער דער הויכער שכר־לימוד. די מיטלשולן דאַרפן קריגן צווישן פופציק און זעכציק פּראָצענט פון זייער ביודזשעט פון שכר־לימוד — דאָס רעשט איז העלפט פון מוניציפּאַלע און העלפט פון רעגירונג־סובסידיעס — און נישט אַלע עלטערן קענען באַצאָלן אַזאַ הויכן פּרייז. מסתמא איז דער מאַנגל אין מיטלשולן נאָך אַ גרעסערע סיבה פאַר דער קליינער צאָל מיטלשילער. אָפט געפינט זיך אַ מיטלשול צו־ווייט פון דעם אָרט ווו מען וווינט און די עלטערן קענען אַזוי ווייט נישט שיקן די קינדער. דער סיסטעם פון די שולן גופא האָט אויך אַ חלק אין דער גאַנצער זאַך. מען דאַרף גוט געדענקען, אַז די מיטעלע שולן אין ישראל זיינען נישט בעיקר גימנאַזיעס, נאָר זיי זיינען אין גרעסטן רוב פאַכשולן — אַגראַר־שולן און לערער־סעמינאַרן שלאָגן רעקאָרד־ציפערן — און עס איז מעגלעך, אַז מען וויל אין די פאַכשולן אויסאַרבעטן צו — פּולקאָמענע פאַכלייט. מען רעדט טאַקע וועגן האַלבע מיטלשולע, אין וועלכע מען זאָל זיך אויסלערנען געוויסע פאַכן געניוגנדיק, אָבער נישט צו־גרינטלעך. מען רעדט אויך וועגן אַזעלכע מיטל־שולן, אין וועלכע מען זאָל לערנען נישט אַ פולן זמן נאָר אַ פּאָר חדשים.

איך דערמאָן דאָ בלויז די מיטלשולע, ווייל מיט הויכשולן האַלט עס אין אַ נאָך מער שווערער לאַגע און דער מאַנגל אין אוניווערזיטעטן איז נאָך אַ גרעסערער, ווי דער מאַנגל אין לערער־סעמינאַרן, פאַכשולן און גימנאַזיעס... כאָטש איך קען אייך דאָ נישט געבן קיין ציפערן, ווערט איר אַליין פאַרשטיין, אַז אין משך פון אַכט יאָר — ווען איך בין געווען אין

דער מדינה, האָט מען געפייערט דעם 8טן יום־העצמאות — קען מען קיין פולשטענדיק היכשול־וועזן נישט אויסבויען. און חוץ דעם מוז דאָס לאַנד זיין מיליטעריש צוגעגרייט און אין דעם מאָמענט ווען מען גייט לערנען אין אוניווערזיטעט, דאַרף מען ווערן אַ סאָלדאַט... עס איז אָבער כדאַי צו באַמערקן, אַז די קאַזאַרמע איז אויך אַ שול. מען לערנט אין דער קאַזאַרמע אויסער העברעיש מיט די דאָזיקע, וואָס קענען נישט די שפּראַך, אויך לימודים פון מיטלשולן — און פאַלקשולן ווו ס'איז נייטיק — און פאַכן. ווען מען זאָל צורעכענען די קורסן פון די קאַזאַרמעס צו דער צאָל שולן, וואָלטן די ציפערן זיך געביטן.

עס איז מער ווי פאַרשטענדלעך, אַז דאָס בילדונג־מיניסטעריום מוז אויף דעם ערשטן פּלאַן זאָרגן פאַר דער עלעמענטאַרער שול. צום גליק זיינען פאַראַן אַ סך קיבוצים און „מושבים" אין לאַנד, אין וועלכע די אַר־בעט פאַר דעם בויען און אָרגאַניזירן די מיטלשול ווערט געטאָן פון די עלטערן. די צאָל עלטערן וואָס בויט און אָרגאַניזירט אַליין מיטלשולן, איז גאַנץ קליין. ביזודשעט פאַר דעם בויען מיטלשולן פעלט. מען האָט דע־מאָלט גערעדט וועגן דורכפירן אַ הלוואה, וואָס זאָל באַשטיין כאָטש אין אַ סומע, וואָס איז דער שכר־לימוד באַטרעף פון איין קינד אַ יאָר.

ביי אונדז קלאָגט מען זיך, אַז אַ סך אַבסאָלווענטן פון לערער־סעמי־נאַר און מכון ווערן לערער בלויז אויף אַ קורצער צייט. איז כדאַי צו באַ־מערקן, אַז אין מדינת ישראל ווערט אַ דריטל פון די אַבסאָלווענטן פון לערער־סעמינאַר אינגאַנצן קיין לערער נישט. ביי די לערערנס איז די סיבה אַ קלאָרע: פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. אַז מען איז אַ מאַמע פון צוויי קינ־דער, קען מען נאָך זיין אַ לערערן, אָבער אַז עס קומט צו אַ דריטס און מען איז נישט אין קיבוץ, מוז מען בלייבן אין דער היים מיט די קינדער. אָבער אויך די מענער, וואָס ענדיקן דעם לערער־סעמינאַר בלייבן נישט אַלע לערער און אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט זוכט און געפינט בעסערע באַשעפטיקונגען.

די מיטלשול האָט אָן אַ שיעור שווערע פּראָבלעמען. ביי וועלכע קינ־דער נעמט מען בלויז פופציק פּראָבענט שכר־לימוד און ביי וועלכע מע־רער? און וואָס פאַר אַ קינדער, וועלכע האָבן אינגאַנצן נישט צו צאָלן קיין שכר־לימוד, דאַרף מען דאָך אַריינגעמען אין די מיטלשולן אַריין? אין דער לעצטער צייט פאַרגרעסערט זיך אַלץ דער פּראָצענט קינדער פון די מזרח־עדות (תימנער, אַלזשירער, מאַראָקער, איראַקער אא"וו). פאַראַן

אַ מיינונג, אַז די דאָזיקע קינדער פאַרמאָגן ווייניקער פעיִקייטן ווי די קינדער פון אייראָפעיִש־אַמעריקאַנישע עדות, עס איז אָבער ראשית נאָך נישט קיין פעסטגעשטעלטער פאַקט און והשנית מוז מען דאָ האַנדלען פאָרזיכטיק און טאַקטיש, אַפילו, ווען עס זאָל זיין דורכויס פעסטגעשטעלט. עס עקזיסטירט סיי ווי אַ געוויסע שטימונג קעגן די אייראָפעער־אַמעריקאַנער, אָדער אשכנזים, אָדער גאָר „שיכנאַזים“, ווי די מערסטע ספרדים און תימנער רופן זיי — אַמאָל האָט מען אונדז דאָרט אינגאַנצן גערופן „מאָסקאָבס“ (מאָסקווער)... מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל זיך שאַפן אַ קורח־אָפאָזיציע, וואָס זאָל שרייען: „רב לכם“... פאַראַן גענוג אָפאָזיציעס אָן דעם! די צבראשע יוגנט, למשל, האַלט, אַז די עלטערע האָבן פאַרכאַפט די גאַנצע מאַכט אין דער רעגירונג, פאַרלאַמענט, אוניווערזיטעטן, פרעסע, ליטעראַטור און זיי ווילן זיי גאָרנישט אָפטרעטן.

נו, און קיין עקאָנאָמישע פראָבלעמען זיינען שוין נישט פאַראַן צווישן די לערער און דער רעגירונג? די רעגירונג וויל אוודאי — אַ ברירה האָט זי? — מערער שעה און קלענערע שכירות און די לערער ווילן דאָס פאַרקערטע. און וויפל מאָל האָט שוין געהאַלטן ביי שטרייקן? בעת איך בין געווען אין לאַנד איז מען געקומען צו אַ געוויסן הסכם מיט דער לערער־אָרגאַניזאַציע און ס׳איז כמעט געווען בסדר, אָבער — אויף ווי לאַנג?

איר וועט מיך אוודאי פרעגן פאַרוואָס איך דערצייל אייך דאָס אַלץ. איר פאַרשטייט געוויס אַליין, אַז אַ מדינה שאַפט זיך נישט אַזוי גרינג און אַז אַ שולוועזן פון די גרונטן ביז די שפּיצן איז אַזאַ קאָמפּליצירטער ענין, וואָס דאַרף האָבן דורות, בכדי דערפירט ווערן צו אַ טאָלק. אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, אין דעם רייכסטן לאַנד אין דער וועלט — נישט בלויז אין אונדזער אַרגענטינער ישוב — איז פאַראַן אַ כסדרדיקער מאַנגל אין לערער און אין שול־בנינים. איך האָב אַמאָל געמיינט, אַז איך מאַך אַ שפאַס, ווען איך האָב געזאָגט, אַז מען וועט מוזן איינפירן לימודים אין יידישע שולן דורך טעלעוויזיע, האָב איך זיך דערנאָך דערוווסט, אַז אין נאָרד־אַמעריקע ווערט די דאָזיקע זאַך פראַקטיצירט גאָרנישט אויף קיין שפאַס... און ווער ווייסט, צי ווען מען וועט פאַלגן גאָלדע מאיר און מען וועט איינפירן טעלעוויזיע אין ישראל, וועט מען דאָס דאָזיקע נישט טאָן אויך בכדי זיך אַרויסצוהעלפן אין די שולן מיט טעלעוויזיע.

נו, איך דערצייל דאָס דאָזיקע אייך, טאַקע בכדי איר זאָלט פאַר־

שטיין, אַז ווען אַ זשורנאַליסט, וואָס מוז נישט זיין קיין פאַכמאַן אויף קיין שום געביט און במילא אויך נישט אויף דעם געביט פון פעדאַגאָגיק בכלל און עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק פון שולוועזן בפרט, וויל דערקענען דורך און דורך דעם שולוועזן אין אַזאַ יונגער מדינה ווי ישראל, מוז ער זיך אָנשלאָגן אויף די אַלע שווערקייטן, וואָס די מדינה האָט אויף דעם געביט און קען אי דערזען חסרונות, וואָס זאָלן אים איבערשרעקן, אי אַזעלכע פאַנטאַסטישע אויפטוען, וואָס ס׳איז נישט צו פאַרשטיין ווי אַזוי מען האָט זיי באַוויזן... מ׳קען אין דעם פרט ווערן אי אַ מרגל, אי אַ באַזינגער אויף די העכסטע טענער.

איך האָב ביים וועלן זיך באַקענען מיטן שולוועזן פון ישראל זיך נישט געהאַלטן ביים אָנגענומענעם סיסטעם פון נעמען אַן אינטערוויו, פאַרצייכענען אַ פּאָר אָפיציעלע ציפערן און — שוין. איך האָב באַזוכט שולן. ווו איך האָב געזען אַ שול, האָב איך זעלטן באַהערשט דעם יצר־הרע נישט אַריינגיין אַ קוק טאָן. און למאַי זאָל איך לייקענען? דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט נישט אַזוי פון די ענטפערס פון די קינדער, ווי פון די ענטפערס פון די לערער און לערערנס. מען האָט טאַקע אָפּגעשאַפט די „זרמ׳ים", די פאַרשידענע שטרעמונגען אין די שולן, אָבער זייט זיכער, אַז אַנדערש לערנט מען אין אַ קיבוץ־שול פון מפ״ם, ס׳הייסט פון „השומר הצעיר", אַנדערש לערנט מען אין אַ קיבוץ פון מפא״י און אַנדערש אין קיבוץ פון „לאחדות העבודה" און שוין אַוודאי אַנדערש אין אַ קיבוץ פון פועלי מזרחי. און די רעוויזיאָניסטן האָבן דאָך אויך אַ פּאָר כמעט — קיבוצים, וואָס זיי רופן „מושב שיתופי" (קאָאָפּעראַטיווער מושב). און אין די שטעט און אין די דערפער זיינען פאַראַן פאַרשידענע געגנטן, ווו עס ווינען ייִדן פון פאַרשידענע לענדער, פאַרשידענע סאָציאַלע קלאַסן און פון פאַרשידענע איבערצייגונגען. און אויב איר מיינט, אַז די לערער אַקצעפּטירן אַלע דאָס פּראָגראַם פון בילדונג־מיניסטעריום און פאַסן זיך אינגאַנצן צו צו די שטימונגען און איבערצייגונגען פון די עלטערן, האָט איר אויך אַ טעות. יעדער לערער (רן) האָט אַן אייגענעם צוגאַנג. ווער ס׳איז בלויז שטרענג פעדאַגאָגיש, ווער ס׳איז מאַרקסיסטיש אויך דערצו, ווער ס׳איז אויך פּרווידיאַניסטיש, ווער ס׳איז בלויז נאַציאָנאַל, ווער אויך שאָוויניסטיש, ווער ס׳איז פאַר פּאַטריאָטיזם בעיקר און טראַדיציע, אָדער נאַציאָנאַליזם ווי אַ צוגאָב און ווער ס׳איז פאַר דעם, אַז נאַציאָנאַליזם און טראַדיציע זאָלן זיין אַזעלכע עיקרים ווי פּאַטריאָטיזם.

און אויב איר מיינט, אַז דער ווילן פון די לערער און די דירעקטאָרן איז געגוג, האָט איר אַ טעות. די תלמידים האָבן דאָ אויך אַ דעה. און אפשר די גרעסטע. אין קיין שום ווינקל אין דער וועלט ווייזן די קינדער נישט אַרויס אַזאַ מוראדיקע נייגונג צו זעלבסטשטענדיקייט, ווי אין יש־ראל. און די ניט־צבראַס און די כמו־צבראַס ווערן דאָ גיך צאַבריזירט.

און אויב לערער באַווייזן דאָך צו באַהערשן די יאָטן און יאַטעכעס אין די פאַלקשולן און מיטלשולן, געהערט דאָס צו די גרעסטע נסים. וואַרום מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז נישט אַלע לערער אין לאַנד זיינען ערשטראַנגיקע פעדאַגאָגן. מען דאַרף אַזויפיל לערער, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מען געזאָגט, אַז בכדי צו ווערן אַ לערער אין אַ שול אין ישראל, דאַרף מען האָבן בלויז איין דאָקומענט (מעטריקע)... מען מוז דערפאַר די לערער אַליין כסדר דערציִען און מען מוז זיי דערגאַנצן דאָס פעדאַגאָגישע וויסן דורך אַלערליי קורצטערמיניקע קורסן, קורצע סע־מינאַרן און לעקציעס פון אינספעקטאָרן.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין ישראל אויך אויף שבועות. אויסער חזנים אין שילן, אויסער מילכיקע בייגעלעך אין פריוואַטע הייזער און רעסטאָראַנען — אגב: די מאכלים זיינען צום מייסטן געבראַכטע פון אונדזער גלות און בלויז זייער טיילווייז אויך פון די מזרח־לענדער. די נעמען פון די שבועותדיקע מאכלים אויף העברעיִש געפינט איר כמעט אַלע אין י. ד. בערקאָוויטשעס איבערזעצונג פון שלום עליכמען — אויסער דעם אַלעמען האָב איך צום מייסטן געזען ערב שבועות די ביכורים־פייערונגען אין די שולן און די שילן. ביכורים מיינט: די ערשטע אַגראַרע פּראָדוקטן פון יאָר. שבועות פאַלט דאָך אויס אין דער סאַמע מיט פרילינג. מען פייערט ביכורים אַזוי פאַטריאָטיש־פּאָעטיש, אַז דיר דאַכט זיך, אַז די קינדער אַליין זיינען ביכורים... זיי זיינען פרישע זאַנגען און פרישע בלומען. דאָס גיין פון די קינדער, דאָס ברענגען די ביכורים, דאָס בלייבן שטיין, דאָס זינגען — אַלץ איז אַ געזאַנג פון אָנהייב, וואָס קומט אויך פון סוף ערגעץ און וואָס ציט זיך אין דער אייביקייט אַריין און וואָס באַהעפט פּאָעטיש־נאַציאָנאַל מיט דער ערד. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די ביכורים גיבן דאָס לאַנד אויף דעם געביט פון אומקערן זיך צו דער נאַטור נישט ווייניקער ווי אַ שטייגער די וווּנדערלעכע אַגראַר־שול אין מגדיאל. און פאַר מיר איז געווען אַ נס, וואָס כאָטש עס איז פאַראַן אַזוי פיל אינדיווידואַליזם אין שול, סיי ביי די לערער און סיי — און טאָקע

נאָך מער — ביי די קינדער, באַווייזט מען אַזוי האַרמאָניש צו פייערן דאָס ברענגען די ביכורים, וואָס מען מוז ערשט דורכפירן אַביסל פּאַרזיכטיק, בכדי נישט צו דערצערענען די גאָר פרומע, וואָס האַלטן, אַז די אמתדיקע ביכורים וועט מען ערשט דאַרפן ברענגען, ווען משיח וועט קומען און דאָס בית־המקדש וועט אויסגעבויט ווערן.

נישט זייענדיק קיין פאַכמאַן אין פּעדאַגאָגיק, בין איך גרייט צו באַהויפּטן, אַז וואָס שייך אַלגעמיינע לימודים קענען די תּלמידים אין די פאָלק־ און מיטלשולן מערער ווי אין זייער אַ סך אַנדערע לענדער. עס דאַרף צו דעם צוגעגעבן ווערן, אַז אַזוי ווי די אַלגעמיינע לימודים ווערן אַלע געלערנט אין העברעיִש, ווערט שוין געלערנט ייִדישקייט דורך דער שפּראַך אַליין אויך ביים לערנען אַלגעמיינע לימודים. וואָס שייך ייִדישקייט ספּעציעל — זיינען נישט אַלע שולן גלייך. אין אייניקע לערנט מען דאָס אין אַ פולער מאָס, אין אַנדערע גאָר ווייניק. דער דראַנג צו זיין „בכל הגויים" פעלט נישט. און עס פעלן נישט קיין שולן, וווּ מען לערנט אויך באַציִונג צו דעם, וואָס מען רופט גלות־ייִדישקייט. אַרויסגענומען האָב איך דאָס דאָזיקע נישט פון שמועסן מיט לערער — איך האָב דאָס דאָזיקע אויך געטאָן — נאָר איבערהויפּט פון שמועסן מיט קינדער. און איך מוז אייך באַמערקן, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין שווערערע זאַך ווי צו נעמען אויספרעגן די צבראלעך, וואָס זיינען פונקט ווי די פרוכט (פון קאַקטוס פּאַלמע), וועמנעס נאָמען זיי טראָגן, זיס און שטעכיק, אַ צבראלע האָט נישט ליב מען זאָל דאָ צופיל אויספרעגן. און ווען איך האָב ערגעץ אין אַ הויף פון אַ שול גענומען אויספרעגן אייניקע קינדער, האָט מען באַלד גענומען קוקן אויף מיר ווי אויף אַ נודניק. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ס'איז געקומען אַ „טרחן" (טאַרכאַן — דאָס העברעיִשע וואָרט פאַר נודניק, וואָס ווערט שוועלעך איינגעפירט) און אַנדערע האָבן גענוצט דעם סלענג „נמר" (נאמאַר — הייסט אַ טיגער, אָבער נמ'ר איז די ראשי־תיבות פון די ווערטער „נודניק מספר ראשון" — נודניק נומער איינס)...

אין דגניה האָט אַ יאַטל, אוודאי פון אַ יאָר ניין, מיט אייגלעך ווי פּייערלעך, מיר אַזוי לאַנג געענטפערט אויף מיינע שאלות, ביז ער האָט מיך גענומען פרעגן, וואָס איך וויל וויסן, ווייל ער האָט קיין צייט נישט. איך האָב זיך נישט געלאָזט און געפרעגט, וואָס אַזוינס ער האָט צו טאָן, האָט ער געענטפערט, אַז ער דאַרף זיך שפּילן און ער האָט דאָס געזאָגט אין אַזאַ טאָן, גלייך ער וואָלט געווען אַ דאָקטער, וואָס דאַרף שוין באַלד

גיין מאַכן אַן אָפּעראַציע, וואָס די קלענסטע פאַרשפּעטיקונג קען ברענגען אַ פאַטאַליטעט... די אייגלעך האָבן געקוקט אויף מיר ברענענדיק און דאָס קולכל האָט געקלונגען פעסט און זיכער.

— „מה אתה רוצה לדעת?״ — וואָס ווילסטו וויסן? —

די „ר״ פון דעם וואָרט „רוצה״ האָט געקלונגען אין זיין מיילכל אַזוי בראָדעריש, כמעט ווי אין פראַנקרייך.

איך האָב אים געענטפערט:

— אני רוצה לדעת מה אתה חושב ומה אתה מרגיש (איך וויל וויסן, וואָס דו טראַכסט און וואָס דו פילסט).

האָט ער מיר געגעבן אַזאַ שטעכיקן פרעג:

— אַני? (איך?).

האָב איך שוין געענטפערט, אַז נישט נאָר ער אַליין, נאָר אַלע קינ־דער... און ווייסט איר וואָס ער האָט מיר געענטפערט? ער האָט מיר געענטפערט:

— זעסט די ערד, דעם ירדן, דעם ים כנרת, די בערג, דעם הימל? מיר טראַכטן און מיר פילן, אַז מיר דאַרפן דאָס אַלץ פאַרטיידיקן, ווייל ס׳איז אונדזערס און אונדזער לעבן...

יידיש אין מדינת ישראל

איר וועט מיר דערלויבן צו באַהויפּטן באַלד ביים אָנהייב, אַז פאַר מיר איז ייִדיש אין ישראל קיין פּראָבלעם נישט. איך האָב, למשל, זייער שטאַרק געוואָלט דערגיין דעם טיפסטען אמת וועגן די קיבוצים און זיך דערוויסן, צי זיינען די קיבוצניקעס צופרידן מיט זייער ראַליע, צי ניין, אָדער ווי גרויס איז דער פּראָצענט, וואָס איז יאָ און נישט צופרידן, אָדער ריכטיקער נאָך: ווי גרויס איז דער פּראָצענט צופרידנקייט און אומצופרידנקייט ביי יעדן קיבוצניק. איך האָב געוואָלט נאָך מערער: איך האָב געוואָלט זיך דערוויסן בכלל, צי זיינען די ייִדן צופרידן מיט מדינת ישראל, אָדער נישט און ווי גרויס איז דער פּראָצענט יאָ און נישט־צופרידענע און ווי גרויס איז דער פּראָצענט צופרידנקייט און אומצופרידנקייט ביי די פאַרשידנסטע שיכטן. איך האָב זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס ייִדן אין ישראל טראַכטן וועגן דער לאַגע אין לאַנד אין שייכות מיט די ברוגזע שכנים, וואָס מען מאַכט זיי פון דרויסן אַלץ מער און מער ברוגז און צי זיי האָפן אויף פרידן און צי זיי שרעקן זיך נישט אויף דעם מוזן לעבן אויף קריגס־פוס. איך האָב זיך געוואָלט דערוויסן ווי גרויס עס איז דער אויטאָריטעט פון דער אויספיר־מאַכט און צי ייִדן אָנערקענען שוין די ייִדישע מלוכה נישט בלויז ווי אַ מוז, וואָס ווערט אַרויפגעצוווּנגען, נאָר טאָקע ווי אַן אינעווייניקסטע נויטווענדיקייט און ווי אַ — גליק. איך האָב געוואָלט וויסן, צי די מאַסן האַלטן, אַז די פּאָליציי איז גוט, אָדער שלעכט, צי טראַכטן די ייִדן אין ישראל אַנדערש וועגן דער פּאָליציי. ווי עס טראַכטן וועגן דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע מענטשן אין דער גאַנצער וועלט. איך האָב געוואָלט וויסן, ווי אַזוי פילן זיך אַלטע לייט אין ישראל און ווי אַזוי מען לייזט זייערע שווערע פּראָבלעמען און איך האָב געוואָלט וויסן, ווי אַזוי עס פילן זיך דאָרט קראַנקע. מיר איז געגאַנגען אין לעבן אַריין צו וויסן, ווי אַזוי עס פילן זיך דאָרט די שארית־הפליטהניקעס — בעסער ווי אין אַנדערע לענדער, אָדער ערגער? וואָס דאַרפט איר מערער? איך האָב געוואָלט וויסן, צי האָט די העברעיִשע ליטעראַטור אַ השפּעה אויף דעם לעבן, אָדער נישט. איך האָב געוואָלט וויסן, צי דאָס

העברעיִשע טעאַטער האָט געפונען אַ ריכטיקן וועג אָדער נישט. ווּארום בעצם איז דאָס העברעיִשע טעאַטער דאָס איינציקע אין לאַנד. דאָס ביסל ייִדיש טעאַטער, וואָס מען שפּילט דאָרט, ווערט בטל בשישים און עס האָט פון אַ קינסטלערישן און קולטורעלן קוקווינקל אַ קנאַפּן ווערט. אין בעסטן פאַל האָט עס דעם ווערט פון פאַרוויילונג און מען נעמט דאָס טאַקע אויף בלויז ווי אַזעלכעס. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס גאָר ראַפינירטע אינ־טעליגענץ צעגייסטערט זיך אַמאָל וועגן פאַרוויילנדיקן ייִדישן טעאַטער. עס גלוסט זיך אַ סך אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך אין דער „אַלטער היים" אויסגעלעבט אויף ייִדיש, פאַרברענגען לייכט אויף מאַמע־לשון, מעגן זיי קענען גרינטלעך העברעיִש. דערמיט דערקלערט זיך אפשר, וואָס די געסט פון דורכשניטלעכן ייִדישן טעאַטער האָבן דאָרט געקראָגן גרע־סערע שבחים אין דער העברעיִשער פרעסע ווי די געסט, וואָס שפּילן בע־סער ייִדיש טעאַטער... דאָס העברעיִשע טעאַטער איז דאָס איינציקע אין לאַנד און הכול מודים, אַז העברעיִש קענען בלויז פּערציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין ישראל און ערשט פעלן נישט צווישן אָט די פער־ציק פּראָצענט אַזעלכע, וואָס קענען נישט גרינטלעך די שפּראַך. איך האָב זיך אינטערעסירט צו וויסן ווי אַזוי מען באַשפּייזט זיך אין ישראל און וואָס פאַר אַ שאַנסן זיינען פאַראַן, אַז דאָס לאַנד זאָל זיך קענען דערנערן פון דער אייגענער ערד און נישט דאַרפן אייביק מאַכן די ברכה המוציא לחם מחוץ לארץ. איך האָב זיך אינטערעסירט צו וויסן, ווי אַזוי מען קליידט זיך אין מדינת ישראל און וואָס פאַר אַ באַגערן עס האָבן דאָרט די פרויען, וואָס חלומען מער פון אַ פּריזשידער, איידער פון צירונג. אָבער כ'האָב געטראָפן גענוג פרויען, וואָס חלומען צו האָבן צירונג פון ברי־ליאַנטן, אָדער כאָטש פון גאָלד, ווייל זיי ווייזט זיך אויס, אַז צירונג קען זיי העלפן האָבן מער דערפאָלג ביי די אייגענע מענער און ביי מענער בכלל.

דאָס פּראָבלעם וועגן ייִדיש אין ישראל האָב איך באַזונדער נישט שטודירט.

— סיבה?

— פאַר מיר איז ייִדיש מער פּראָבלעם אין ניו־יאָרק און אין בוע־נאָס־איירעס, ווי אין ישראל.

אוודאי איז ייִדיש אַליין אַ יש פאַר מיר. ייִדיש איז אַ יש אַן און פאַר זיך, ווי מען זאָגט, סיי פאַר שרייבער און סיי פאַר לייענער. דאָס

דאָזיקע וועט דאָך קיינער נישט לייקענען. אָבער יידיש איז אַ פּראָבלעם אין די תפוצות, ווייל פון דעם איז אָפּהענגיק צי מיר וועלן בלייבן אַ יידיש פאָלק אין גלות, אָדער נישט חלילה און וואָס פאַר אַ פאָלק מיר וועלן זיין. דער סאַמע עיקר איז פאַר מיר דאָס יידישע פאָלק און איך האַלט פון יידיש פאַר דעם פאָלק, נישט דאָס פאָלק פאַר יידיש. אָן יידיש וועט איבערגעריסן ווערן דער קשר צווישן יידן פון אַרגענטינע און נאָרד־אַמעריקע און אַפילו צווישן יידן פון בראַזיל און אַרגענטינע. אין בראַזיל פאַרשטייט מען בעסער שפּאַניש, ווי מען פאַרשטייט אין אַרגענטינע פּאָרטוגעזיש. און זייער אָפט פאַרלאַנגט מען אין בראַזיל ביי אַ יידישן אינטעליגענט פון אַרגענטינע, אַז ער זאָל האַלטן לעקציעס אין שפּאַניש און איך האָב געזען ווי עס זיצט די אוידיטאָריע אין בראַזיל ביי אַ שפּאַנישער לעקציע... אין דער גרעסטער טראָפּיקאַלער היץ ברענט אַ סיבירער פראָסט אין זאַל. אין ישראל וועט די שפּראַך זיין העברעיש און פּראָבלעמען וועט דאָרט האָבן דאָס העברעיִשע לשון. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דאָס העברעיש פון די צבראַס איז פאַרפּלייצט געוואָרן פון אַראַביש און דער פּראָצענט פון אַראַבישע ווערטער אין עברית האָט דעמאָלט געהאַלטן אין איין שטייגן. איצטער האָט זיך דאָס אָפּגעשטעלט אַביסל. עס האָט אַמאָל שוין געהאַלטן, אַז ביי געוויסע סנאָבן, וואָס זייער צאָל איז גאָרנישט געווען אַזוי קליין, אַז ענגליש האָט גענומען אַרויסשטויסן עברית און ענגליש איז נאָך היינט אויך אַ קאָנקורענץ צו העברעיִש אין מדינת ישראל, ווייל עס איז אַלץ מער און מער די וועלט־שפּראַך. און אַראַביש איז דאָך די שפּראַך פון דעם גאַנצן אַרומיקן אַראַבישן האַלב־אינדזל מיט די צענדליקער מיליאָנען איינוווינער, מיט וועלכע מען וועט נישט אייביק פירן קיין מלחמה. און מען ווייסט אין ישראל, אַז אין דער צייט ווען ארץ־ישראל איז נאָך געווען אַ יידישע מלוכה, האָבן יידן דאָרט אויפגעהערט ריידן העברעיִש און זיי האָבן זיך געכאַפּט צו גריכיש און צו אַראַמיש און עס איז געשען אַ מאָדנע געשעעניש: דורך אַראַמיש זיינען זיי געבליבן גוטע יידן, דורך גריכיש זיינען זיי אַוועק פון יידישקייט...

אוודאי זיינען פאַראַן יידיש־פּראָבלעמען אין ישראל. עס איז די פּראַגע, ווי אַזוי זאָל זיך די רעגירונג באַציִען צו די יידיש־שרייבער — זאָל זי זיי געבן די זעלביקע פּריווילעגיעס, וואָס די העברעיִשע שרייבער? און עס מוז דאָך דורך דעם אַרויסקומען דאָס פּראָבלעם וועגן אַזעלכע יידן־

שרייבער וואָס שרייבן דאָרט אין אַנדערע לשונות נישט קיין יידישע, אָבער די שרייבער זיינען דאָך יידן. און עס איז די פראַגע, ווי אַזוי זאָל זיך באַציען די רעגירונג צו די יידישע אויסגאַבן? וואָס זאָל מען ירשענען פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור און ווי אַזוי זאָל מען דאָס ירשענען? אויבנאויפיק קען מען זאָגן, אַז מען דאַרף איבערזעצן פון יידיש אויף העברעיִש און — שוין. ווייסט מען דאָך אָבער, אַז די בעסטע איבערזעצונגען זיינען נישט דער אָריגינאַל און אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך יידיש־נאַציאָנאַלע קנינים פון גרויסן ווערט אין יידיש, וואָס מ׳קען נאָך נישט איבערזעצן. און מ׳ען ווייסט דאָך אויך, אַז יידיש איז נאָך דער־ווייל ברוך השם אַ גרויסער כוח אין די תפוצות און אין די לענדער פון וואַנען מען דערוואַרט חלוצים, רעדט מען נאָך צום מערסטן יידיש און בכדי צו האָבן קאָנטאַקט מיט זיי, מוז מען קענען יידיש. און בכדי צו קע־נען דאַרף מען לערנען. און דאָ הייבט זיך אָן די טראַגעדיע. יידיש ריידן און לייענען אין ישראל איז היינט אַ געוויינלעכע און טאָקע נאָר אַ נאָר־מאַלע זאַך. פאַראַן יידיש־פּרעסער, וועלכע עס וואָלט זיך נאָך געגלוסט באַגייען דעם קאַמף קעגן יידיש און דאָ און דאָרט גיט אַ שפרונג אַרויס אַ שטראָם שנאה און באַליידיקונג אויף דעם חשבון פון יידיש, אָבער זייער צאָל ווערט אַלץ קלענער. יידיש ריידן און לייענען ווערט היינט פון קיי־נעם נישט באַקעמפט. פאַראַן אויסגאַבן אין יידיש אין לאַנד און ביבליאָ־טעקן, ווו מ׳ען קריגט אַלע יידישע ביכער און די הסתדרות אַליין גיט אַרויס „די גאָלדענע קייט", וואָס איז איינער פון די בעסטע זשורנאַלן אין מאַמע־לשון. אָבער ווען מען נעמט ריידן וועגן לערנען יידיש, ווערט די זאַך שוין אַביסל שווערער און אַנגעשטרענגטער. עס איז דאָך שוין, דאַכט זיך מער ווי זיכער, אַז עברית איז די שפּראַך פון לאַנד און אַז דער קומענדיקער דור קען פאַרשלעפּט ווערן צו ענגליש און אַראַביש. אָבער נישט צו יידיש און פונדעסטוועגן שרעקט מען זיך פאַר לערנען יידיש אין — לאָמיר זאָגן — אַ געוויסער צאָל מיטלשולן, ווי אַ לימוד. און די קאַטעדרע פאַר יידישער ליטעראַטור ביים העברעיִשן אוניווערזיטעט אין ירושלים האָט אַ זייער קליינע צאָל צוהערער, יאָ, פאַראַן געוויסע יידיש־פּראָבלעמען אין ישראל, אָבער אינגאַנצן גענומען איז דאָרט יידיש נישט קיין צענטראַלער פּראָבלעם.

און דאָך איז מיר נישט איין מאָל אויסגעקומען צו האָבן דיסקוסיעס וועגן יידיש און איך האָב זיך דערוווסט וועגן מאַמע־לשון אין יידישן לאַנד

אַ סך זאַכן, כאָטש איך האָב זיי נישט געפּאַרשט ספּעציעל. איך בין נישט געגאַנגען צו די ייִדיש־פּראָבלעמען, נאָר זיי זיינען געגאַנגען צו מיר.

זאָל דאָ קודם כל פעסטגעשטעלט ווערן אָט וואָס: מען רעדט מיט אייך ייִדיש אין אַלע מלוכה־אַנשטאַלטן. דער ענין פון נישט ריידן איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. עס איז געוווּנג, אַז איר זאָלט ריידן צו עמיצן ייִדיש, אַז ער זאָל נישט מאַכן קיין שאלות און אייך ענטפערן אויף מאַמע־לשון. און וואָס העכער דער באַאַמטער, אַלץ פריינטלעכער רעדט ער צו אייך ייִדיש. עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז יוסף שפּרינצאַק, דער פּרעזי־דענט פון כנסת און וויצע־פּרעזידענט פון לאַנד, רעדט כסדר ייִדיש נישט בלויז מיט געסט פון אויסלאַנד. ער ווינט אַ לעבן לאַנג אין ארץ־ישראל, ער איז איינער פון די גרינטלעכסטע קענער פון העברעיִש און ער האָט הנאה פון הערן און ריידן אַ זאַפטיקן ייִדיש. ער וויל נישט, אַז מען זאָל אויפשרויפן פּראָבלעמען וועגן ייִדיש. ער וויל נישט מען זאָל דיסקוטירן וועגן ייִדיש אין ישראל, אָבער ער רעדט, לייענט און האָט ליב ייִדיש. זיין טיש אין רעסטאָראַן פון האָטעל „עדן", וווּ ער ווינט אין ירושלים (זיין סטאַבילע דירה האָט ער אין תל־אביב), ווערט אָפט פאַרוואַנדלט אין אַ מין חסידישן טיש, וווּ מען זאָגט תורה און חכמה אויף ייִדיש. און אויך דער פּרעזידענט יצחק בן־צבי, וואָס ייִדיש איז ביי אים נישט אַזוי אָר־גאַניש, ווי ביי שפּרינצאַקן, ער האָט יונגערהייט גערעדט מער רוסיש און מאַמע־לשון האָט ער אָנגעהויבן ריידן רעכט אין ארץ־ישראל און אין ניו־יאָרק, אויך ער מאַכט נישט קיין שום פּראָבלעם וועגן ייִדיש ריידן. עס איז ביי אים די נאַטירלעכסטע זאַך אַז טאַקע אַלס נשיא מדינת ישראל דאַרף ער ריידן מיט ייִדן, וואָס ייִדיש איז זייער מאַמע־לשון אין אָט דעם לשון. און ער איז געוווּנט דזשענטלמען באַלד צו באַמערקן, איינעם, וואָס קען נישט געוווּנק העברעיִש און ער שטרענגט זיך אָן צו ריידן מיט אים עברית און ער איז דער, וואָס הייבט אָן צו ריידן ייִדיש. אַמאָל טוט ער דאָס אויך צוליב פּראַקטישע טעמים: ער האָט מורא שלעכט פאַרשטאַנען צו ווערן פון איינעם, וואָס קען נישט געוווּנג עברית. און דוד בן־גוריון, וואָס האָט נישט איינמאָל געהאַט אַרויסגעשפּרונגען קעגן ייִדיש און אייניקע מאָל האָט דאָס געפירט צו סקאַנדאַלן און וואָס איז מסתמא איינער פון די גרעסטע און לאַגישסטע פּאָליטישע מענער פון אונדזער צייט, אָבער אין שייכות צו פילאָזאָפיע און צו ייִדיש האָט ער אַ מאָדנע צוגאַנג און ער מאַכט אין אָט די צוויי פּרטים מער דעם איינדרוק פון אַ ווילדן עקשן.

ווי פון אַ בעל שכל הישר (פאַר אים איז פּלאַטאָן דער גרעסטער פילאָזאָף אין דער וועלט, הגם, ווען מען זאָל אָננעמען, אַז סאָקראַט איז נישט פּלאַטאָנס יצירה, נאָר ער איז טאַקע געווען אַזאַ פילאָזאָף ווי ער ווערט פאַרגעשטעלט אין די „דיאַלאָגן", איז ער דאָך מערער אַ סומירער פון אַ פרעמדער פילאָזאָפישער שיטה און אַ גרויסער שרייבער ווי אַ שאַפער פון אַן אייגענער שיטה. און ייִדיש איז פאַר בן־גוריונען גלות און ירמיהו אַפילו איז אויך גלות און וועגן משה רבינו דאַרף מען נאָך טראַכטן, צי ער איז נישט גלות...). און דאָך איז ביי בן־גוריונען אויך נישט פאַראַן קיין פּראָבלעם וועגן ריידן ייִדיש. ווען מען רעדט צו אים מאַמע־לשון, ענטפערט ער און ער דערשמעקט באַלד, צי אַן אויסלענדישער זשורנאַליסט קען געניג העברעיִש, אַז ער זאָל אים נישט שלעכט פאַרשטיין. ער ווייסט, דער פּרעמיער פון ישראל, אַז ייִדיש פאַרשטייט מען יעדעס וואָרט. נישט פאַראַן קיין איין מיניסטער אין ישראל, וועלכער קען ייִדיש, וואָס זאָל נישט ריידן קיין ייִדיש. משה שרת, דער געוועזענער פּרעמיער און אויסערן־מיניסטער, וועלכער וועט אין בעסערע צייטן נאָך צוריק ווערן אויסערן־מיניסטער, קען מער ווי אַ האַלב טוץ שפּראַכן בעסער ווי ייִדיש. ביי אים איז ייִדיש נישט אַזוי אָרגאַניש, ווי ס'איז ביי לוי אשכול און ביי אַלע אַנדערע מיניסטאָרן. ער אַליין קומט בעסער צום אויסדרוק אין אַנדערע לשונות — ער האָט מיר געזאָגט מיט אַ מילדן שמייכל: ווען איך בלייב כאָטש נאָך דריי וואָכן אין אַרגענטינע, וואָלט איך שוין גערעדט גאָר גוט ייִדיש. און ס'איז דאָך קלאָר, אַז ער קען נישט האָבן אַזאַ טיף־אינערלעכע באַציִונג צו ייִדיש, ווי עס האָבן די דאָזיקע, וואָס ייִדיש איז זייער מאַמע־לשון. אָבער אויך ביי משה שרת עקזיסטירט נישט קיין פּראָבלעם פון ריידן ייִדיש. ווען ער איז געווען אויסערן־מיניסטער, האָט ער צווישן די דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער פון פאַרשידענע לענדער געטראָפן אַ סך, מיט וועלכע עס איז אים צום בעסטן אָנגעקומען זיך צו פאַרשטענדיקן אויף ייִדיש.

אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט רעדט מען אין ישראל זייער אַ סך ייִדיש. דער דאָזיקער, וואָס באַווייזט דאָס מער פון אַלע, איז אונדזער אַרגענטינער אַמבאַסאַדאָר, ד"ר גרעגאָריאָ טאָפּאָלעווסקי, וואָס רעדט אַ מחייהדיקן ייִדיש„ איך האָב שוין אַמאָל דערציילט, אַז דער פּרעזידענט יצחק בן־צבי האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין דעם שכל פון ייִדיש ריידן מיטן אַרגענטינער אַמבאַסאַדאָר. דאָ נישט לאַנג האָבן צייטונגען דער־

ציילט, אַז ד״ר טאָפּאָלעווסקי רעדט מאַמע־לשון מיטן ענגלישן אַמבאַסאַדאָר אין מדינת ישראל, סער פּרענציס רענדאַל. דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר קען נישט קיין שפּאַניש און טאָפּאָלעווסקי קען נישט קיין ענגליש. סער פּרענציס רענדאַל איז נישט קיין ייִד, אָבער ער איז געווען געהילף־קאָנסול אין אַנטווערפּן און דאָרט געהאַט קאָנטאַקט מיט ייִדן, דייטש האָט ער געקענט, האָט ער זיך גיך אויסגעלערנט ייִדיש. דערנאָך איז דער זעלביקער געווען קאָנסול אין ניו־יאָרק און דאָרט האָט ער זיך נאָך פּערפעקציאָנירט אין ייִדיש. ריידן די אַמבאַסאַדאָרן פון ענגלאַנד אין אַרגענטינע אין מדינת ישראל אויף ייִדיש. טאָפּאָלעווסקי האָט בכלל געהאָלפן מאַכן ייִדיש פאַר אַ דיפּלאָמאַטישער שפּראַך אין לאַנד. די העברעיִשע צייטונגען האָבן דאָס דאָזיקע נישט איין מאָל דערציילט מיט אַ גדולה. די זעלביקע צייטונגען, וואָס קענען אַמאָל דערלאַנגען אַ שטאָך אויף דעם חשבון פון ייִדיש, וואָס זאָל גיין ביז אין דער זיבעטער ריפּ און וואָס קענען אַמאָל פּלוצים דערקלערן מיט פרייד, אַז „ייִדיש מתה״ (איז געשטאָרבן...), פּונקט ווי זיי קענען אויך פּלוצים זיך אָנעמען די קריוודע פון ייִדיש, אָט די זעלביקע צייטונגען האָבן נישט איין מאָל געמאָלדן מיט פרייד, אַז ייִדיש איז אַ הויפּט־דיפּלאָמאַטישע שפּראַך אין ישראל, אַדאַנק דעם אַרגענטינער אַמבאַסאַדאָר ד״ר ג. טאָפּאָלעווסקי.

אין די הויכע ספערן פון דער ישראל־רעגירונג איז ייִדיש אַ זייער ווילקומענדיק לשון און קיינער ווייזט נישט אַרויס צו די ייִדיש־רייִדנדיקע די דאָזיקע שנאה, וואָס עס פלעגן זיי אַרויסווייזן אַמאָל די גדוד מגיני השפהניקעס. אדרבא: דווקא ביי די גאָר קליינינקע באַאַמטע קענט איר אַמאָל אָנטרעפן אַזעלכע, וואָס זאָלן ריידן וועגן „זשאַרגאָן״ איז דער אַמאָליקער „שפּראַך״. און מערקווירדיק: גראָד נישט די ספרדים זיינען צווישן די קליינע באַאַמטע, וואָס ווייזן אַרויס אַן אומבאַציִונג צו ייִדיש. אדרבא: די דאָזיקע פון זיי, וואָס קענען אַביסל, אָדער מערער ייִדיש — און זייער צאָל איז נישט קליין — וועלן אַ בראַוויר טאָן מיט ייִדיש ריידן. ביי די באַאַמטע, וואָס זיינען „יעקים״ איז פאַראַן אַ נאַטירלעכע פאַראַכטונג צו ייִדיש, אָבער ווייל זיי פאַרשטייען זייער אָפט בעסער ייִדיש, ווי העברעיִש, טאָלערירן זיי מאַמע־לשון. עס שפּרינגען אַרויס קעגן מאַמע־לשון דווקא אַזעלכע, וואָס שטאַמען פון מזרח־אייראָפּע און עס דערפילט זיך ביי זיי דאָס דאָזיקע וואָס א. גאָלאָמב רופט עגאָפּאָביע...

און נישט בלויז ווערט ייִדיש טאָלערירט אַלס גערעדטע שפּראַך, נאָר

מען פילט זיך גוט מיט מאַמע־לשון. אין ישראל הערשט שטענדיק אַ שפּראַכן־פּראַגע. אַז מען קומט זיך ערגעץ צונויף אויף אַ פאַרווייַלונג, רעדט מען אָפיציעל העברעיִש. דערנאָך גייט מען איבער צו עטלעכע שפּראַכן און ס׳ווערט ממש אַ בבל. ווען אַלע, אָדער כאָטש די גרויסע מערהייט, קענען יידיש, גייט מען סוף כל סוף אַריבער צו מאַמע־לשון און מען ווערט אינטים און מען פילט זיך אייגן. דאָס דאָזיקע פּאַסירט אין הייזער פון מיניסטאָרן, פון העברעיִשע שרייבער און פון העברעיִשע שוישפּילער. די העברעיִשע שרייבער און העברעיִשע שוישפּילער געהערן אין ישראל נישט צו די דאָזיקע, וואָס האָבן די בעסטע באַציִונג צו יידיש. עס זייַנען נאַטירלעך פאַראַן אויסנאַמען, אָבער אין כלל גענומען ווייַזן די דאָזיקע צוויי שיכטן אַרויס צו אונדזער מאַמע־לשון עפּעס אַ שטענדיקן פאַרדרוס. די העברעיִשע ליטעראַטור האָט נאָך נישט צוגעטראָפן און איז נאָך נישט אַריין אין טראַנס. ס׳איז אין לאַנד נישט קיין צייט פאַר קיין ליטעראַטור. מ׳לעבט דאָרט מיט אַנדערע אינטערעסן. צוריק מיט דרייסיק יאָר זייַנען אין די תפוצות געווען הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס האָבן געאָטעמ׳ט מיט דער יידישער ליטעראַטור (אַ באַדייטנדיקער טייל האָט אויך געאָטעמ׳ט מיט דער העברעיִשער ליטעראַטור), אין ישראל איז איצט נישט געקומען דערצו. און מען מעג אַ קלער טאָן, אַז נישט בלויז דאָס לעבן איז שולדיק אין דעם, די העברעיִשע ליטעראַטור האָט מסתמא אויך איר חלק שולד... זייַנען העברעיִשע שרייבער פאַרביטערט. און נישט איין מאָל זעצט בייַ זיי אַרויס די פאַרביטערטקייט אין שייכות צו יידיש. אַז אליעזר שטיינמאַן, וואָס האָט זיך יאָרנלאַנג געראַנגלט מיט פּסיכאָלאָגיע אין זייַנע ראָמאַנען און ער איז זי נישט בייגעקומען, און ער האָט זיין נצחון אָפּגעהאַלטן ערשט ביים איבערדיכטן חסידישע מעשות און משלים, שרייבט קעגן נאַציאָנאַלער ליקווידאַציע בייַ משה נאַדיר און דוד בער־געלסאָן, גיט ער פּלוצעם אַ שיס אַרויס קעגן דער יידישער ליטעראַטור בכלל, גלייך מאָריס ראָזנפעלד וואָלט נישט געהאַט קיין נאַציאָנאַלע מאָ־טיוון און גלייך א. ליעסין און יהואש וואָלטן נישט געווען נאַציאָנאַלע יידישע דיכטער אין אונדזער אייביקן גייסט און גלייך די אויערבאַכס, גלאַטשטיינס, לייוויקס, לעיעלעסעס, צייטלינס אא״וו וואָלטן נישט געווען קיין דורכויס נאַציאָנאַלע יידישע דיכטער און גלייך משה לייב האַלפּערן וואָלט נישט געהאַט קיין נאַציאָנאַלע מאָטיוון פון אַן איבעררשאַנדיקער קראַפט. אוודאי זייַנען פאַראַן העברעיִשע שרייבער, וואָס דריקן אויס באַ־

גייסטערונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אָבער אין כלל געגומען איז יידיש אויך איינס פון די ענגע פלעצער, וואָס קוועטשן אָן היגעראַויגן ביי די העברעישע שרייבער. און ביי העברעישע שוישפילער איז פאַראַן פאַר־דרוס צום יידישן טעאַטער, וואָס איז דאָרט פון אַ נידעריקער מדרגה און גיט די געסט פאַנטאַסטישע פאַרדינסטן, בעת זיי אַליין, די גרעסטע פון די העברעישע שוישפילער מאַכן קוים אַ לעבן... יאָ, אויך אין די היימען פון העברעישע שרייבער און שוישפילער ווערט ביי פאַרווײלונגען סוף כל סוף יידיש די הויפט־גערעדטע שפּראַך, כאָטש די עלטערע „הבימה"־שוי־שפּילערריידן עד־היום צווישן זיך צום מייגסטן רוסיש און זיי ריידן אויך עברית מיט אַ רוסישן אַקצענט.

מען לייקנט נישט אין די אָפיציעלע רעגירונג־קרייזן און נישט אין די קרייזן פון די העברעישע שרייבער און זשורנאַליסטן דעם ווערט פון דער יידישער ליטעראַטור אין ישראל. מען ווייסט און מען אנערקענט דאָרט, אַז עס זיינען זייט דער גרינדונג פון מדינת ישראל געשאַפן גע־וואָרן ווערק אין יידיש — אין פּראָזע און אין פּאָעזיע — וואָס האָבן אַ גרויסן ווערט אין לאַנד גופא און זיי דערשיינען טאַקע אין העברעישער איבערזעצונג און זיי העלפן, אַז די יידן פון די תפוצות זאָלן דערקענען ישראל. אָבער מען רעדט אין אַלע קרייזן מער גערן וועגן די שרייבער און די ווערק, ווי וועגן דער שפּראַך גופא. עס קומט אויס אַזוי: די יידי־שע שרייבער זיינען אייגענע, כמעט אַזעלכע אייגענע ווי די העברעישע, אָבער יידיש גופא איז פאָרט אַ... פרעמדע שפּראַך. אין בעסטן פאַל איז בעסער נישט צו ריידן וועגן דעם, וואָס יידיש איז. עס קומט אויס, גלייך ווי מען בעט זיך ביי אייך:

„די יידישע ווערק און די שרייבער פון אָט די ווערק אָנערקענען מיר, וואָס ווילט איר נאָך?"

איין העברעישער גדול האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז „וועגן יידיש רעדט מען נישט". ער האָט געגעבן אַ משל: אַ מיידל האָט אַ קינד. רעדט מען נישט וועגן דעם...

— דאָס מיידל און דאָס קינד — האָב איך געשמייכלט — האָט מען ליב?

— יאָ — האָט ער מודה געווען — אָבער ריידן רעדט מען נישט וועגן דעם...

איך האָב אים באַמערקט, אַז איך וועל דאָס שרייבן, האָט ער מיך

אַזוי געבעטן, אַז איך זאָל דאָס נישט טאָן, אַז איך האָב אים סוף כל סוף געגעבן די האַנט, אַז איך וועל קיינעם נישט אויסזאָגן זיין נאָמען. ער האָט נישט געוואָלט ווערן קיין העלד פון קיין סקאַנדאַל.

איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז טויזנט יאָרן ריידן שוין ייִדן נישט אַראַמיש און פונדעסטוועגן לערנט מען אין אָט דער שפּראַך טיילן פון תנ״ך, ריזיקע טיילן פון תלמוד, דעם זוהר און מען זאָגט אַ סך וויכטיקע תפילות אין אָט דער שפּראַך, צווישן זיי כל נדרי און קדיש. און מען דרוקט עד־היום חומש מיט תרגום. האָט ער געענטפערט דעם באַקאַנטן תירוץ, אַז אַראַמיש איז אַ סעמיטישע שפּראַך. איך האָב אים געפּרוווט דערוויזן, אַז צוליב דעם, וואָס ס׳איז אַ סעמיטישע שפּראַך, פאַרשטייען זי דערפאַר נישט די צבראַס בעסער. איך האָב אים דערמאָנט די צוויי ווערטער, וואָס יעקב אבינו האָט זיי געזאָגט אויף עברית און לבן האָט זיי געזאָגט אויף אַראַמיש און זיי זיינען פאַראַן אין חומש — „גל עד״ און „יגר סהדותא״ זיינען צווישן זיך נישט מער ענלעך ווי ייִדיש מיט העברעיִש... דער סוף איז געווען, אַז ער האָט מיר געזאָגט:

„פאָלגט מיך, בעסער צו ריידן ייִדיש און וועגן דער ייִדישער ליטע־ראַטור, איידער וועגן ייִדיש״.

יידיש האָט נישט בלויז פאַרוויינטע אויגן אין ישראל

אומצייליקע מענטשן האָבן מיך ביים ריידן וועגן מאַמע־לשון אין ישראל דערמאָנט די באַקאַנטע ווערטער פון חיים גרינבערג, אַז „יידיש איז געקומען קיין ישראל מיט פאַרוויינטע אויגן".

און נישט איין מאָל האָב איך געענטפערט אָט וואָס:

— חיים גרינבערג האָט שטאַרקע עטלעכע און פערציק יאָר פון זיינע אַ פאָר און זעכציק יאָר לעבן אָפּגעגעבן ארץ־ישראל. און אפשר האָט ער טאַקע אַלע פאָר און זעכציק יאָר אָפּגעגעבן דער זאַך פון ציון. ער האָט אין משך פון זיין לעבן געזאָגט זייער אַ סך וווּנדערלעכע ווערטער וועגן ארץ־ישראל, דעם יידישן פאָלק, וועגן די גרויסע יידישע גייסטער און קיין שום וואָרט זיינס, אויסער דאָס דערמאָנטע וועגן יידיש, זאָגט מען נישט נאָך...

עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווען איך האָב דאָס דאָזיקע געזאָגט. זיי האָבן אין אַ געוויסער מאָס מודה געווען, אַז עס ווערט געטאָן אַן עוולה חיים גרינבערגס אָנדענק אין ישראל. אייגנטלעך קען מען גאָר נישט ריידן וועגן „אָנדענק" און דאָס וואָרט „פאַרגעס' וואָלט זיך בעסער געפּאַסט. אָבער אויך די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך געשעמט, האָבן מיר דאָך געזאָגט:

— צו דער אמתדיקייט פון דעם וואָרט זיינעם קער זיך דאָס נישט אָן...

האָב איך געענטפערט:

— חיים גרינבערג האָט דאָס וואָרט אַרויסגעשפּילט לויט דעם באַקאַנטן פאָלקסליד, אין וועלכן עס זאָגט זיך: „פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל מיט פאַרוויינטע אויגן". הייסט עס, אַז די ערשטע יידן זיינען אַהער געקומען מיט פאַרוויינטע אויגן. פאַרוואָס? מסתמא ווייל ארץ־ישראל איז דעמאָלט געווען וויסט, אפשר אויך, ווייל יידן זיינען דעמאָלט געקומען קיין ארץ־ישראל שטאַרבן און אפשר אויך פאַר פרייד...

— וועגן יידיש — האָט מען מיר געענטפערט — האָט חיים גרינבערג געמיינט אַנדערש מיט די פאַרוויינטע אויגן. ער האָט געמיינט. אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל יידיש האָט דאָ קיין צוקונפט נישט.

— אַוודאי האָט ער דאָס דאָזיקע געמיינט — האָב איך צוגעגעבן — און עס איז כדאַי צו באַטאָנען, אַז כאָטש ער איז אין דעם געווען איבער־צייגט, האָט ער דאָס נישט געזאָגט לייכט און עס קען זיין, אַז ער אַליין האָט בעת דעם זאָגן זיין וואָרט געהאַט פאַרוויינטע אויגן. עס איז דאָך כדאַי צו געדענקען, אַז חיים גרינבערג איז אין רוסלאַנד, ווי ער האָט אַליין דערקלערט, געווען אַ „יידיש־פּרעסער" און אין נאָרד־אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ וויכטיקער יידישער שרייבער. ער האָט גערעדט און גע־שריבן אָן שוועריקייטן אין עטלעכע שפּראַכן, אָבער זיין תיקון האָט ער געקראָגן אין יידיש. און ער איז אַליין געוואָרן אַ וויכטיקער יידישער שריי־בער און ער איז געוואָרן באַפריינדעט מיט אַ סך יידישע שרייבער און ער האָט זיך באַטייליקט אין שפּראַך־צער אין אונדזער אַלעמענס און ער האָט געוואָלט עפּעס צוזאָגן די יידישע שרייבער אין ישראל און ער האָט נישט געקענט און געזען אין ירושלים די מאַמע יידיש מיט פאַרוויינטע אויגן...

האָט מען מיר מודה געווען, אַז ער האָט גערעדט מיט אַ סך איידל־קייט וועגן יידיש, אַז קיינער פון די ציוניסטישע גדולים האָט, אויסער חיים ווייצמאַן, נישט גערעדט מיט אַזאַ איידלקייט, ווי ער און מען האָט אויסגעפירט, אַז די עצם זאַך ווערט דורך דעם נישט געביטן. און מען האָט מיר חוץ דעם געזונגען דאָס אייביקע ליד וועגן דעם, אַז די יידישע ליטעראַטור איז געווען בלויז אין גלות און פאַר גלות, קיין ארץ־ישראל האָט די יידישע ליטעראַטור ערשט אָנגעהויבן קומען ווען ס'איז געוואָרן מדינת ישראל...

אַט אויף דער טענה האָב איך געהאַט אַ סך צו ענטפערן און די לייע־נער ווייסן שוין, אַז איך האָב אָנגעוויזן, אַז יהואש, ליעסין און — שלום עליכם, וואָס האָבן עפּעס צו זאָגן אין דער יידישער ליטעראַטור, זיינען געווען פאַר ארץ־ישראל איידער ס'איז געוואָרן די מדינה. אָבער איך האָב אָנגעוויזן אויף אַ גאַנצער ריי ווערק אין יידיש, וואָס זיינען געשאַפן גע־וואָרן אין ארץ־ישראל גופא און איך האָב אָנגערופן נעמען פון יידישע שרייבער, וואָס ווינען זייט צענדליקער יאָרן אין ארץ־ישראל און האָבן דאָרטן געשאַפן דווקא נישט מיט פאַרוויינטע אויגן. איך האָב דערמאָנט י. פּאַפּיערניקאָווס אַ סך לידער און זיין פּאָעמע „מרחביה", וואָס שיל־דערט דעם טרויער פון נישט האָבן וואַסער און די פרייד פון קריגן וואַ־סער פאַר דעם פּרייז פון שווערער מי.

וואָס קען העלפֿן דער כּוח פֿון הענט?
איז קיין וואַסער נישטאָ — דעמאָלט ברענט.
אַז אַ ברונעם טריקנט, טריקנט אַלץ —
אי דער עמער, אי די שטריק און קייט,
אי דער גומען, אי די צונג אין האַלדז
אי די שטים אַפֿילו אין די רייד.

און מען האָט געפֿונען וואַסער. ווען מען האָט געגראָבן לאַנג און שווער. און ס'איז געוואָרן אַ גרויסע פֿרייד און מען האָט געגרייט אַ וואַ־סער־פֿייערונג.

יונגען, מיידן, פֿיס אַנטבלויזטע, קניען,
הענט פֿאַרקאַשערטע פֿון ווייסן לייוונט, סיץ.
ברוין ציגיינעריש די אויגן גליען —
ווען עמען אַרט עס אַזאַ פֿייער, אַזאַ היץ?

און מרחביה האָט שוין לאַנג אַזאַ „נשף" (אָוונט) נישט געהאַט. מען האָט אַ נאַכט זיך געגאָסן מיט וואַסער ווי מיט ווײַן „און אַרײַנגעטאַנצט מיט אַלע הוירעס אין טאָג אַרײַן".

איך האָב ציטירט לידער פֿון לעווין, פֿון שמרין, פֿון ש. קושניר. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז צווישן די מאַסן האָבן די אַלע דיכטער לייענער עד־היום, ביז צו די הויכע פֿענצטער האָבן זייערע לידער נישט געגרייכט. אָבער איך האָב זיך געקענט איבערצייגן, אַז געוויס העברעיִשע דיכטער זײַנען נישט באַקאַנט אין די הויכע פֿענצטער. געווען אַ צייט, ווען מיר זײַנען געווען אַ „ליטעראַריש פֿאָלק" און אונדזער עיקר האָט געשטעקט אין דער ליטעראַטור. אין ישׂראל זײַנען פֿאַראַן אַנדערע פּראָבלעמען... די ישׂראל־מיניסטאָרן שטייען פֿאַר אַזעלכע עקאָנאָמישע, אַדמיניסטראַטיווע, מיליטערישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, אַז מ'קען צו זיי נישט האָבן קיין טענות למאַי זיי זײַנען נישט ענג צונויפֿגעקניפּט מיט דער ליטעראַ־טור. מסתמא קענען די ישׂראל־מיניסטאָרן בכלל מער ליטעראַטור, ווי עס קענען מיניסטאָרן און פּאָליטישע מענער בײַ אַנדערע פֿעלקער.

מיר איז נישט געגאַנגען צו איבערצייגן עמיצן, אַז מען דאַרף אָנער־קענען די ייִדישע ליטעראַטור דערפֿאַר, ווײַל זי האָט זיך באַטייליקט אין אַגיטאַציע פֿאַר דעם ציוניזם און אין דעם אויפֿבוי פֿון ארץ־ישׂראל. מיר איז געגאַנגען אין דעם וועלן איבערצייגן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור און ייִדיש בכלל זײַנען אַ וויכטיקער טייל פֿון דער שעפֿערישקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק. און עס איז נישט די פֿראַגע ווי לאַנג ייִדיש וועט לעבן אין די

תפוצות און אין ישראל. אַט לעבט א. סוצקעווער, אַ גרויס אנערקענטער יידישער דיכטער, אַריבער ניין יאָר אין ישראל און ער איז זייער אָפּטי־מיסטיש וועגן דער צוקונפט פון יידיש דאָרט. אין אַ ליד „יידיש", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין ישראל, זאָגט ער:

וואָס פאַר אַ קאַטאָווועסדיקע וויצן
דרשנט מיין פּאָעזיע־ברודער מיט די באַקנבאַרדן
אַז מיין מאַמע־לשון גייט באַלד אונטער?
מיר וועלן נאָך אין הונדערט יאָר אַרום דאָ קענטיק זיצן
און פירן אַ דיסקוסיע ביי דעם ירדן.

עס גייט אָבער נישט אין חשבון פון יאָרן. אַלע זייגען מודה, אַז אין ישראל איז פאַראַן דער יינגסטער לייענער, רעדער און — שרייבער פון יידיש. אַזאַ גרויסע צאָל יונגע יידישע שרייבער, ווי עס איז פאַראַן פּראָ־פּאָרציאָנעל אין ישראל, איז אין ערגעץ נישט פאַראַן. און עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין ישראל מאַכט מען פון יידיש שרייבן מער אַ לעבן, ווי אין אַנדערע לענדער. אויסער דעם, וואָס מ. צאַנינס טעגלעכע יידישע צייטונג „היינטיקע (און „לעצטע") נייס" באַשעפטיקט אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע שרייבער, אויסער דעם, וואָס אין דער העברעיִשער פּרעסע אַר־בעטן אַ סך יידישע שרייבער, ווען מען זעצט איבער — אָדער זיי אַליין זעצן זיך איבער שריפטלעך, צי אין געדאַנק — אויסער דעם, וואָס אין די „גאָלדענע קייט", וואָס די הסתדרות גיט אַרויס, זיינען באַשעפטיקט עטלעכע יידישע שרייבער, אויסער דעם, וואָס די ראַדיאָס „קול ציון לגולה" און „קול ישראל לעולה", וועלכע ווערן געפירט אין יידיש, באַשעפטיקן אַ היפּש ביסל יידישע שרייבער, זיינען פאַראַן אַלער־ליי אָפיציעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אויסגאַבן אין יידיש פאַר די תפו־צות, אין וועלכע עס אַרבעטן אַ סך, אַ סך יידישע שרייבער. „פאָלק און ציון", דער אָרגאַן פון דער יידישער אַגענץ, וואָס דערשיינט אין ירושלים, באַשעפטיקט יידישע שרייבער און אין קרן־קימת און אין קרן־היסוד זיצן גאַנצע און האַלבע יידישע שרייבער, וואָס זייערע מאמרים ווערן צעשיקט לכל קצוי תבל.

יידישע שרייבער האָבן אויך אין ישראל לייענער, וואָס זיינען מיט זיי אָרגאַניש באַהעפט און זיי זיינען גרייט זיי צו העלפן אַרויסגעבן זייע־רע ביכער און זיי העלפן זיי טאַקע און עס דערשיינען דאָרט יידישע ביכער און מען ווייסט וועגן זיי און מען רעדט וועגן זיי און מען איז מודה,

אַז אייניקע פון די ייִדישע ביכער וועגן לעבן אין מדינת ישראל האָבן איבערגעשטיגן אין כוח אַ געוויסע צאָל העברעיִשע שאַפונגען. און עס ווערט קעגן דעם נישט געפירט קיין שום קאַמף און אוודאי נישט קיין שום דיסקרימינאַציע. אָפיציעל איז אָפּגערעדט, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום דיסקרימינאַציע קעגן ייִדיש, אָבער נישט־אָפיציעל איז אויך נישט פאַראַן. מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין תל־אביב בעת דאָרט איז פאָרגעקומען דער חנוכת־הבית פון ייִדישן שרייבער־קלוב און אויב עס איז אין קרייזן פון העברעיִשע שרייבער נישט געווען קיין גרויסע באַגייסטערונג דערפאַר, איז אָבער אויך נישט געווען קיין שום אָנפאַל, נישט שריפטלעך און נישט עפנטלעך. עס גיט זיך אַ כאַפּ אַרויס אַמאָל אין אַ העברעיִשער צייטונג אַן אָנפאַל אויף ייִדיש, אָבער נישט איין מאָל קומט דאָרט אויך אַ לויבגעזאַנג צו ייִדיש. די אַקטיווע שנאה צו ייִדיש איז אין ישראל אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

מיר איז נישט איין מאָל אויסגעקומען צו טרעפן אַלטע ישראל־תושבים, וואָס האָבן מיר אַליין דערציילט, אַז עס כאַפּט זיי פּלוצים אָן אַ בענקשאַפט נאָך ייִדיש און זיי כאַפּן זיך צו צו ייִדישע ביכער, ווי אַ רויכערער, וואָס האָט אויפגעהערט רייכערן און אַ שיכור, וואָס האָט אויפגעהערט טרינקען, כאַפּן זיך פּלוצים צו צום רייכערן און טרינקען...

מען בענקט נאָך ייִדיש, ווי מען בענקט נאָך דער קינדהייט און נאָך דער יוגנט. מען בענקט נאָך דער אינטימיטעט פון ייִדיש. און דערפאַר פּאַסירט נישט איין מאָל, אַז מען פירט דורך אַן אָוונט פאַר ייִדישע שרייבער אין פּריוואַטע היימען און טאַקע אין הייזער פון ערשטראַנגיקע פּאָליטישע מענער אין לאַנד, צווישן זיי מיניסטאָרן, געוועזענע און צוקונפטיקע מיניסטאָרן, קומען פאַר אָוונטן פאַר ייִדישע שרייבער און מען לייענט פאָר זייערע ווערק און מ׳באַלעקט זיך פון זיי און מען האָט הנאה פון דער היימישקייט... און מבינים זיינען דאָרטן פאַראַן און אַ ייִדיש ליד פאַרמאָגט פאָרט אַזאַ אינטימקייט, וואָס אַ העברעיִש ליד קען דאָס נאָך נישט האָבן (ביי ביאַליקן און ביי די העברעיִשע דיכטער פון זיין דור איז געווען אינטימיטעט, ביי די הייַנטיקע העברעיִשע דיכטער — דערוויל נאָך נישט). עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ביי אייניקע העברעיִשע דיכטער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט אַזעלכע שאַרפע ווערטער קעגן ייִדיש,

ווייל עס האָט זיי אין העברעיִש געפעלט די אינטימיטעט און די קנאה האָט גערעדט פון זייערע העלדזער. דער אייגנאַרטיקער העברעיִשער דיכ־טער אַביגדור המאירי (פייערשטיין) האָט אַמאָל געזאָגט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז ער האָט „נישט מטמא געווען" זיין פעדער מיט „זשאַרגאָן" און שפּעטער מיט צענדליקער יאָרן, האָט ער אין אַן אַרטיקל אין „די גאָלדענע קייט" דערציילט, אַז ער האָט געלייענט ביי שלום עליכמען אויסדרוקן, וואָס האָבן ביי אים אַרויסגערופן ממש אַ ווילדע קנאה צו יִדיש... עס איז קיין חידוש נישט, וואָס אייניקע יִדישע לידער און דערציילונגען רופן אַרויס אויפרודער אין קרייזן פון מבינים. מ׳קען דאָך נישט בלייבן קאַלט צו אַזאַ מין ליד, וואָס הייסט „דער טרויערס שוועסטער", אין וועלכן עס ווערט געזאָגט:

איין טרער קען צודעקן דאָס גרעסטע געלעכטער
און שלאָג זיך נאָר פאַר גרויסער פרייד,
וואָס איז דעם טרויערס שוועסטער
און ווינט מיט אים צוזאַמען
אין די טיפע פלאַמען
פון יעדנס האַרץ.

די דאָזיקע ווערטער זיינען פון אריה שמרי, וואָס איז אַ שומר הצעיר־ניק, האָט זיך דעם נאָמען צוגעפּאַסט צו זיין פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט און וואָס דער השומר הצעיר אַליין האָט אים אַרויסגעגעבן אַ באַנד לידער, וואָס הייסט „אין וואָכיקן ליכט". אין זיין שיר „אַזוי זאָגט דאָס ליד", ווערט געזונגען:

אַ שוואַלב אויף גראַטעס בין איך,
און דער צוויט אויפן האַלץ.
אַן אביון אין שמאַטעס בין איך,
מיט אַ שליסל צו גאָלד.

— איז וואָס זשע בין איך אויסן צו אויספירן?

— די פאַקטן אַליין זיינען פאַר זיך אינטערעסאַנט. איך האָב טאַקע פּשוט געוואָלט דערציילן, אַז ווי איך האָב נישט געוואָלט פאָרשן וועגן יִדיש אין ישראל, ווייל דאָס איז פאַר מיר נישט קיין פּראָבלעם און אוודאי נישט ד אָ ס פּראָבלעם, האָב איך דאָך געמוזט שמועסן און טראַכטן וועגן יִדיש און איך האָב, מיין איך, געוויזן דיווירקלעכקייט. פאַרשטייט זיך,

אַז נישט יעדער לייענט אַלציינס אַ בריוול און נישט יעדער זעט אַלציינס די ווירקלעכקייט.

און איך וועל פאַרענדיקן מיט אַ שמועס, וואָס איך האָב געהאַט מיט אַ באַוווסטן העברעיִשן דיכטער אין אַ פאַרנאַכט, וואָס איז פול געווען מיט דער טיפּישער ארץ־ישראל־פרייד, וואָס איז די שוועסטער פון טרויער. ער האָט מיר גערעדט מיט אַ סך ליבע וועגן יידיש און ער האָט מיר פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— איר קענט שעקספּירס „סאָנעטן"?

איך האָב אים אָנגעקוקט מאָדנע און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך ענטפער אים:

— אפשר קען נאָך נישט קענען אָט די סאָנעטן איינער, וואָס שרייבט לידער, אָבער איינער וואָס שרייבט ליטעראַטור־קריטיק, מוז זיי קענען.

האָט ער מיר געזאָגט:

— איך מוז אייך דערמאָנען דעם 22טן סאָנעט, אין וועלכן דער דיכטער רעדט צום שפּיגל און אפשר צו זיך אַליין.

איך האָב אָנגעשטרענגט דעם זכרון זיך צו דערמאָנען און ער האָט מיר ציטירט אייניקע שורות אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג. איך האָב שפּעטער אויסגעזוכט די דאָזיקע שורות אין דער יידישער איבערזעצונג פון ב. לאַפּין, אָט ווי זיי לייענען זיך אין מאַמע־לשון:

ווייל גאָר דיין שיינקייט פּראַכט, וואָס הילט דיך איין
איז פאַר מיין האַרץ בלויז שיינער קלייד־באַציר,
וואָס לעבט אין דיר, ווי האַרץ דיינס לעבט אין מיר.

און ער האָט מיר געזאָגט: העדט אַ וואָרט פון אַ מענטשן, וואָס לעבט מיט עברית און פאַר עברית! דאָס האַרץ פון העברעיִש לעבט אין יידיש און דאָס האַרץ פון יידיש לעבט אין העברעיִש. און קיינס פון אָט דיביידע הערצער טאָר נישט שטאַרבן, ביז וואַנען ביידע הערצער וועלן נישט ווערן איינס. אַוודאַי האַלט איך, אַז די כלי פאַר אָט די ביידע הערצער, וואָס זיינען איינס, וועט זיין עברית, אָבער דערווייל קען מען נישט און מען טאָר נישט צעברעכן די כלי פון יידיש, ווייל מען וואָלט דורכדעם צעבראָכן אַ גרויסן טייל פון יידישן האַרץ. דערלויבט מיר אייך צו ציטירן דעם שלוס פון דערמאָנטן שעקספּיר־סאָנעט (איך גיב עס אין יידיש):

ניט טראַכט, דיין האַרץ פאַרבלייבט, ווען מיינס שטאַרבט אָפּ,
דיין האַרץ געשענקט — און קריגסט ניט קריק דיין גאָב.

דער העברעיִשער דיכטער האָט מיך אָנגעקוקט מיט מילדע אויגן, אין וועלכע עס זיינען געווען טרערן און ער האָט מיר געזאָגט:

— איך ווייס נישט, וואָס מען האָט אייך דאָ געזאָגט וועגן ייִדיש און וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, געדענקט זשע, וואָס איך האָב געזאָגט און דערמאָנט דווקא נישט מיין נאָמען, נישט, ווייל איך האָב נישט קיין מוט דערצו, נאָר ווייל איך האַלט, אַז איך האָב אַרויסגעבראַכט אַלע־מענס געפילן, כאָטש אַ סך ריידן און טראַכטן אַפילו היינט אַנדערש. איך האַלט, אַז טיף אינעווייניק ביי זיך ווייסן אַלע, אַז דאָס האַרץ פון אונדזער פאָלק איז היינט צו טאָג אין העברעיִש און אין ייִדיש און אַ מעכאַנישע איבערזעצונג וועט נישט גאַנץ מאַכן דאָס האַרץ פון אונדזער פאָלק. דאָס דאָזיקע וועט געטאָן ווערן פון לעבן אַליין דורך דורות. און ייִדיש דאַרף נאָך אין ישראל נישט וויינען, עס דאַרף זינגען!

דער 24סטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין ירושלים

נחום סאָקאָלאָוו — דער צעשטורעמטער ים

מיך האָט פאַרכאַפּט דעם 24סטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין ירו־שלים, ס'הייסט: ער איז פאָרגעקומען בעת מיין דריטער רייזע איבער ישראל און אַ סינטעטיש בילד פון אים איז אַ סינטעטיש בילד פון יידן־פּראָבלעם בכלל.

ער האָט זיך אָנגעהויבן, דער דאָזיקער קאָנגרעס, מיט דעם ברענגען נ ח ו ם ס אָ ק אָ ל אָ ו ו צו זיין אייביקער רו אויף די יהודה־בערג. צוואָנציק יאָר איז שוין דעמאָלט דער אַמאָליקער א ו ר ח ל ש ב ת פון „הצפירה" און שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע נישט געווען צווישן די לעבעדיקע און דריי יאָר האָט געפעלט ס'זאָל ווערן 100 יאָר זייט ער איז געבוירן געוואָרן אין ווישעגראָד פּוילן. צוואָנציק יאָר האָבן זיינע ביינער גערוט צייטווייליק אין לאָנדאָן און איצ־טער קומט ער צו דער אייביקער רו אין ירושלים, אויף די יהודה־בערג, נישט ווייט פון דעם צענטראַלן פּלאַץ, וווּ עס רוען הערצלס רעשטן. 77 יאָר האָט ער געלעבט אויף גאָטס וועלט, דער פענאָמענאַלסטער פון די העברעיִשע זשורנאַליסטן, וואָס האָט געקענט און געוווּסט מער ווי איי־נער, וואָס וואָלט געלעבט משותלחס יאָרן. ער האָט געקענט אָן אַ שיעור שפּראַכן און אין העברעיִש גופא האָט ער געשריבן אין עטלעכע לשונות. ער האָט געשריבן אָט אַ ריינעם תנ"ך־העברעיִש, אָט אַראַמעיִש גמרא און זוהר־לשון, אָט אין לשון פון אַלע תרגומס, אָט אין דער שפּראַך פון רבנים און רביים... און אַליין איז ער געווען אי אַ קליינשטעטלדיקער יידישער פּיקח, אי אַ גרויסשטאָטישער ייד, און אַ וועלט־מענטש. צו ווערן פּרעזי־דענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דאַרף מען דאָך זיין אַ דיפּלאָ־מאַט, אַ וועלט־מענטש. און ער איז עס געווען. נאָך הערצל האָט באַ־מערקט סאָקאָלאָווס דיפּלאָמאַטישע פעיִקייטן און אים געשיקט אין די־פּלאָמאַטישע שליחותן. ער האָט אַזוי לאַנג געשריבן וועגן פּאָליטיק, ביז ער האָט זי דערקענט דורך און דורך.

ירושלים איז אין יענעם טאָג, ערב קאָנגרעס־עפענונג געווען פול

מיט נחום סאָקאָלאָוון. מען האָט נאָכדערציילט זיינע מאמרים, פּיקחותן, שאַרפזיניקייטן, חריפותן. פאַרצייכענען אַלע, וואָלט מען געדאַרפט שרייבן אַ ספר אַ גאַנצן. דערציילט אַ ייִד, אַז ר׳ נחום אַליין האָט אָפט זיך געקוויקט מיט אָט דער מעשה:

ווען ער איז צוריק מיט אַ יאָר פופציק געקומען צום ערשטן מאָל קיין לאָנדאָן און דאָרט געדאַרפט האַלטן אַ דרשה אין ווייטשעפּל פאַר „עמך"־ייִדן, איז ער אַרויף אויף דער טריבונע און געזאָגט:

— ייִדן, אין וואָס פאַר אַ שפּראַך זאָל איך אייך ריידן — ענגליש, צי ייִדיש?

איז געקומען אַ תשובה:

— ענגליש! ייִדיש קענען מיר אַליין...

און דורך אָט דער פּשוטער מעשה־חכמה האָט אַרויסגעקוקט סאָקאָלאָווס פּרצוף. ער אַליין האָט קיינמאָל זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט שוין געקענט, ער האָט געוואָלט קענען נאָך און נאָך... און ער האָט געשווומען אין ימים פון קענטענישן און ער איז אַליין געווען אַ ים. און קומענדיק איצטער צו זיין אייביקער רו, איז ער נאָך אַלץ אַ צעשטורעמטער ים.

דער בנין

דאָרט, ווו ניי־ירושלים האַלט היינט ביי געענדיקט ווערן און דער וועג ציט זיך דורך די יהודה־בערג און דורך פאַרשידענע ישובים אין „קאָרעדאָר" פון ירושלים קיין מערב און תל־אביב, געפינען זיך אַ ריי נישט־פאַרענדיקטע בנינים, וואָס הייסן „בניני האומה" — (פאָלקס־בנינים). אין אָט די בנינים וועט זיין אַ גרויסער קאָנצערט־זאַל און אַ טעאַטער, גאַלעריעס פאַר אויסשטעלונגען, זאַלן פאַר לעקציעס אאַז״וו. זיי שטייען שוין אַזוי לאַנג נישט אויסגעבויעט, אַז דער ראַדיאָ פון דמשק האָט זיי גערופן „דער חורבן פון פאָלק"...

עס איז אַ סברא, אַז די דאָזיקע בנינים וועלן קאָסטן אַ צען מיליאָן ישראל־פונט (אַ צוויי הונדערט מיליאָן אַרגענטינער פּעזעס). אַריינגעלייגט האָט מען געהאַט בלויז אַ האַלבן מיליאָן פונט. און אין דער סאַמע לעצטער צייט האָט מען אַריינגעלייגט נאָך אַ האַלבן מיליאָן בכדי מען זאָל דאָרט קענען דורכפירן דעם 24סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. און מען

האָט דאָרט געאַרבעט ביז אין לעצטן מאָמענט איידער דער קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן און מען האָט געטאָן אַלצדינג, אַז דער גרויסער זאַל, וואָס נעמט אַריין פיר טויזנט מענטשן, זאָל זיין לערך פאַרטיק, אַז ס׳זאָלן זיין ריכטיקע אַריינ־ און אַרויסגאַנגען, אַז ס׳זאָלן זיין צוגעפּאַסטע צי־מערן פאַר די זיצונגען פון די פאַרשידענע קאָמיסיעס, אַ האַל פאַר אַ בופעט און פאַר ביוראָען פון פאַרשידענע ציוניסטישע אינסטיטוציעס, פאַר ישראלישער אַוויאַציע־געזעלשאַפט „אל על״, דער שיפסגעזעלשאַפט „צים״ אאַז״וו. און מען האָט דאָרט נאָך געקלאַפּט מיט האַמערס ביז אַ שעה פאַר דער עפענונג פון קאָנגרעס און מען האָט נאָך געררוימט און געוואַשן די פּאַדלאָגעס ממש, ווען מען האָט שוין געהאַלטן אין עפענען די ערשטע פייערלעכע זיצונג. דערציילט האָט מען, אַז די אַרבעטער האָבן געזאָגט צו די אָנגעשטעלטע פון דער יידישער אַגענץ, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם קאָנגרעס:

— ברוך השם. מ׳ר האָבן געענדיקט. איצט הייבט איר אָן...

און ס׳איז אַ סברא, אַז דאָס אַנדערע אָנהייבן איז אויך נישט גע־ווען גרייט. דער קאָנגרעס איז פאַרגעקומען שפּעטער ווי ער האָט גע־דאַרפט פאַרקומען. אָבער פ ר י ע ר ווי מען וואָלט אים געקענט מאַכן. ישראל געפינט זיך אין דער סאַמע מיט פון אַן אומקלאָרער סיטואַציע. פאַראַן טעג, ווען מען מיינט, אַז אָט־אָט וועט אויסברעכן אַ קריג און פאַראַן טעג, ווען מען מיינט, אַז דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט און די גרויסמאַכטן האָבן באַהערשט די לאַגע אין מיטעלן מזרח און זיי האָבן באַוויזן צו ראַטעווען דעם פרידן. און אין אַזאַ אומקלאָרן מאָמענט קען אַ ציוניסטישער קאָנגרעס נישט אָננעמען קיין קאַטעגאָרישע שטעלונג לגבי דער אויסערן־פּאָליטיק פון דער מלוכה. אמת, דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז טאַקע נישט דער דאָזיקער, וואָס דאַרף דעצידירן אין אָט דעם פּרט און דאָס ערשטע און לעצטע וואָרט מוז דאָ זאָגן די רעגירונג און די כנסת, אָבער דער קאָנגרעס רעפּרעזענטירט דאָך דעם גרויסן אַק־טיוו פון יידישן פאָלק אין די תפוצות און צו זיין מיינונג דאַרף מען זיך אויך צוהערן. אָבער דער בנין איז קוים פאַרטיק; די אָרגאַניזאַציע איז קוים פאַרטיק, די שטימונג איז אַ נישט־קלאָרע און דער קאָנגרעס דאַרף באַלד אָנהייבן. עס שטראָמען צו די „בניני האומה״, וואָס זעען אויס מער ווי רעשטאָוואַניעס, איידער ווי שוין טאַקע הייזער, טויזנטער מענטשן: דע־לעגאַטן, געסט, זשורנאַליסטן, סתם ירושלימער יידן. אייניקע האָבן שוין

אַריינגאַנג־בילעטן, אַנדערע האָפן צו קריגן. כאָטש מען זאָגט שוין זייט דריי וואָכן, אַז עס זענען קיין בילעטן נישטאָ. דער צוגאַנג צום אַריינגאַנג איז אַ שווערער, מען דאַרף גיין איבער בערג און איבער טאָלן פון שטיינער, זאַמד און ווער ווייסט, וואָס נאָך. דער אָוונט איז אַ קילבלעכער און די פרויען פון חוץ־לארץ גייען אויסגעפּוצט אין פוטערס — עסיק און אין האָניק, און די הויכע קנאַפּל שטערן זיי צו גיין. אייניקע פאַלן און שאַפן ספּעקטאַקלען און לאָזן הערן געשרייען.

די עטלעכע אַריינגאַנגען זענען שמאָלע און עס איז פאַראַן אַ פולע מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן און נישט אַריינלאָזן אָן בילעטן. און אַז מען גייט אַריין אינעווייניק, ווערט מען צעחושט. אַ ריזיקער חצי־קאָרידאָר, חצי־האָל איז פול מיט ביוראָען און אַ צווייטער נאָך גרעסערער האָל האָט אַ בופעט און טישן און בענקלעך און ביידע האָלן זענען פול מיט מענטשן. מען שטייט ביי אַלע ביוראָען, מען שטייט ביים בופעט, מען זיצט ביי די טישלעך, מען שטייט אין אַלע ווינקלען און אין מיטן. מען הערט אָן אַ שיעור שפּראַכן. און מען הערט אַ סך... שטום־לשון. מער ווי ווערטער הערט מען אַ „הע... הע...״ די אָנגעשטעלטע און די קעלנער און קעלנערשעס ריידן אַלע שפּראַכן און ס׳איז דאָך נישט גענוג... ד אָ ס י י ד י ש ע פ אָ ל ק ר ע ד ט מ ע ר ו ו י אַ ל ע ש פּ ר אַ כ ן... און מען זעט אומאַרומגעגן און מען הערט קושן. עס טרעפן זיך דאָ מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין נישט געזען זייט יאָרן און זייט צענדליקער יאָרן. עס טרעפן זיך פריינד, קרובים און טאַקע גאָר אייגענע שוועסטער, ברידער, עלטערן מיט קינדער! עס טרעפן זיך דאָ אַזעלכע קרובים, וואָס האָבן זיך געקענט מער פון הערן, ווי פון זען...

...און מען דאַרף שוין גיין צו דער עפענונג. ווהין זשע גייט מען? אַלצדינג זעט דאָך אויס ווי אַ לאַבירינט. מען דאַרף גיין אַרויף אויף ברייטע טרעפּ. דריי, פיר רייען ברייטע שטיינערנע טרעפּ. דערנאָך דאַרף מען ערשט גיין אויף הילצערנע שטיגן, וואָס זענען געשטעלט, ניכר, פּראָוויזאָריש. פרויען און מענער קרעכצן. זיי האָבן הויכע בלוט־דרוקן און זיי קענען נישט גיין אויף אַזויפיל טרעפּ. מען רעדט טאַקע וועגן דעם, אַז להבא וועט מען די קאָנגרעסן דאַרפן מאַכן אין אַן אונטערשטן זאַל. זאָגן אַנדערע:

— ווער אַנדערע קאָנגרעסן? דאָס איז דער לעצטער ציוניסטישער קאָנגרעס...

— אַזוי פיל גוטע יאָרן זאָל איך האָבן — ענטפערט מען פון פאַרשידענע זייטן — וויפל קאָנגרעסן עס וועלן זיין...

— און דער פינף און צוואַנציקסטער קאָנגרעס, דער יובילײ פון אַ פערטל מאה, וועט דאָך מוזן פאַרקומען...

— וועלן מיר דאָך זיין נאָך עלטער, ווי אַזוי זשע וועלן מיר גיין אויף די טרעפּ?

— עס וועלן שוין זיין מיטלען צו אַ הויכן בלוט־דרוק... עס וועלן קומען יינגערע דעלעגאַטן...

— מען וועט דעם קאָנגרעס מאַכן אויף דעם אונטערשטן שטאָק...

— מען וועט אים מאַכן גאָר אונטן, ביים כותל המערבי...

און אַז מען איז שוין אויבן און נאָך העכער, הייבט זיך ערשט אָן אַ פּרעגעניש וווהין צו גיין. דעלעגאַטן גייען דורך אַנדערע אַריינגענג, זשורנאַליסטן דורך אַנדערע, חשובע געסט דורך גאָר דריטע און „נישט־חשובע" געסט אויך ערגעץ אַנדערש. מען הערט ענטפערן אויף אַלע לשונות:

— ימינה, שמאלה, רעכטס, לינקס, לעפט דראָאַטע, אַגאָש, דרעאָפּטאַ, סטינגאַ, נאַ פּראַוואָ, נאַ ליעוואָ... דער טומל איז גרויס. אייניקע פּראָטעסטירן. די יונגקישע דעלעגאַטן האַלטן זיך מער תקיפדיק ווי אַלע. אייניקע דראָען אַז אויב מען וועט זיי נישט אַריינלאָזן די פרויען לעבן זיי, וועלן זיי אינגאַנצן פאַרלאָזן דעם קאָנגרעס און דאָס לאַנד... דאָס הייסן זיי די ווייבער אַזוי דראָען, און זיי ווייסן פאַרוואָס. זיי טראָגן וווּנדערלעכע פּאַלערינעס פון דעם טייערסטן פוטער פון די פעלד־מייז, וואָס אַמעריקאַנער רופן „מינק" און רייכע צירונג־שטיקער און דאָ וועט מען זיי אַרויפּרוקן אויף דער גאַלעריע, וווּ קיינער וועט גאָרנישט זען און די פּראָסט־אָנגעטוענע צבראָס און חלוצים וועלן נאָך אפשר קוקן מיט חוזק... און הערנדיק ווי מען קריגט זיך דאָ אַזוי אונטער, האָב איך דערזען, אַז דאָ זענען פאַראַן אויסער מענטשן פון פאַרשידענע לענדער, וואָס געהערן צו פאַרשידענע וועלטן, אויך צוויי אויסגעשפּראָכענע קאָנטראַסטן: מענטשן ביי וועלכע די אויסערלעכקייט איז דער סאַמע עיקר און מענטשן — חלוצים און צבראָס — ביי וועלכע דער עיקר איז די אַרבעט.

און ענדלעך זענען מיר שוין אין זאַל. עס געלינגט מיר צו אַרויפּקריגן זיך אויף אַזאַ פּלאַץ, פון וואַנען מען זעט אַלץ מיט אַן אַנדער. דער גרויסער זאַל האָט טיילווייז די פאָרם פון אַן אַמפיטעאַטער. מען זיצט אונטן, העכער, נאָך העכער. מען זיצט ממש אונטער דער סטעליע.

שטיין קען בלויז אַ גאָר נידעריקער, אַ מיטלוואוקסיקער שפּאַרט שוין אונ־טער מיטן קאָפּ דעם באַלקן. איבער דער טריבונע, וואָס האָט עטלעכע שטאָק, זיצן נאָך אויך מענטשן. און אויך דאָ, אינעווייניק שוין, זעט מען אומאַרמונגען און מען הערט קושן און יעדער קען זען און ווערן אַ סענ־סאַציע...

די טריבונע

און אָט זע איך די טריבונע פון קאָנגרעס. זי איז שוין פול מיט אַ סך מיטגלידער. איך זע ייִדן פון אַלע עקן וועלט. און אָט ווערט אַ שוש־קעריי און עס הערן זיך אַפּלויזן. עס קומט אַריין דוד בן־גוריון און ער שמייכלט פייערלעך און ער שאָקלט מיטן לייבן־קאָפּ אין אַלע זייטן. נאָך אים — משה שרת, דער אויסערן־מיניסטער, וואָס שמייכלט ממש קינ־דיש. דערנאָך אַנדערע מיניסטאָרן, דער ריכטער פון העכסטן געריכט, דער פּרעזידענט פון כנסת יוסף שפּרינצאַק, די פּרעזידענטן פון דער אַגענץ נחום גאָלדמאַן און בערל לאָקער. אָט גייען די הויפּט־רבנים הערצאָג — פון די אשכנזים און נסים — פון די ספרדים. דער ערשטער, גאָר ווייס, טראָגט אַ צילינדער, דער צווייטער אַביסל ווייניקער ווייס, טראָגט אַ מין שוואַרצע און הויכע פּעסקע. מען אַפּלאָדירט אַלע. עס קומען אַריין די דריי וויצע־פּרעזידענטן פון קאָנגרעס, וואָס זיינען מסתמא די עלטסטע דעלעגאַטן — הרב י. ל. מימון, ד״ר י. קלויזנער און יצחק גרינבוים. די ערשטע צוויי זיינען שוין אַריבער שמונים, דער דריטער האָט שוין אויך אָפּגעציילט דריי פערטל מאה יאָרן. דריי פאַרשידענע מענטשן. דער ער־שטער אַן אָרטאָדאָקסישער רב, אַ גרויסער געלערנטער, אַ ציוניסטישער פּאָליטיקער זייט זעקס צענדליק יאָר, דער צווייטער אַ גרויסער געלערנ־טער אין וועלט־מאַסשטאַב, אַן אָרטאָדאָקסישער ייִד מיט נייגונגען צום רעוויזיאָניזם, וואָס איז דער גרעסטער היסטאָריקער פון קריסנטום, ווע־מענס ווערק עס געפינען זיך אויף דעם טיש פון פּויפּסט אַליין, דער דריטער — אַ ציוניסטישער פּאָליטיקער זייט מער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, וואָס האָט אַ ביאָגראַפיע פון אַ שעקספּיר־העלד... אין זאַל זיינען אויך פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן לעגענדאַרישע ביאָגראַפיעס. פאַראַן אַן אַל־טע, צעקנייטשטע פרוי מיט אַ ווייסן קאָפּ, וואָס הערט נישט אויף ווייי־נען. זי איז די טאָכטער פון סאַמועל פינעלעס פון גאַלאַץ. איר טאַטע איז

געווען איינער פון די פּרעזידענטן פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. איך האָב זיך מיט איר טאַטן באַגעגנט און באַפריינדעט צוריק מיט 44 יאָר אין גאַלאַץ. ער האָט אויסגעזען ווי אַ באָדלערישער אַל־טיטשקער, געהאַט אַ קיילעכיק ווייס בערדל און אַ זילבערנעם קאָפּ. ער האָט דעמאָלט נישט אויסגעזען אַזוי אַלט, ווי איצטער זעט אויס זיין טאָכ־טער. און הרב מימון און פּראָפעסאָר קלויזנער, וועלכע איך האָב געקענט אַלס יינגל, ווען זיי זיינען נאָך געווען יונגעלייט, זעען אויס ווי אַרויס־גענומענע פון אַלבומען. זיי קענען שוין נישט גיין אָן אַן אונטערשפּאָר פון צוויי באַגלייטער. יעדער קריגט אַנדערע אַפּלויזן. אייניקע ווערן אַפּלאָ־דירט פון יונגע, שטאַרקע הענט. אַנדערע, פון אַלטע, שוואַכע הענט... דוד בן־גוריון איז אָנגעטאָן אין אַ טונקעלן אָנצוג, טראָגט אַ ווייס העמד און אַ קראַוואַט. מען קאָמענטירט אַז פאַר די אָרטיקע פּוצט ער זיך קיינ־מאָל נישט אַזוי אויס. אַפילו אין כנסת און צום פּאַראַד פון יום העצמאות פּוצט ער זיך אַזוי נישט אויס און ער דערשיינט אין אַ כאַקי העמד און כאַקי הויזן.

און אָט דערשיינט דער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, יצחק בן צבי. ער דערשיינט אין דער באַגלייטונג פון צוויי ציווילע און איין מיליטער־מאַן. ער זעצט זיך אַנידער אויף דער טריבונע, לעבן קלויזנערן און גאָלד־מאַנען. (ביי די ווייטערדיקע זיצונגען איז ער שוין געזעסן אין אַ באַזונ־דער לאָזשע, אויף דעם אייבערשטן שטאָק). דער גאַנצער קאָנגרעס הייבט זיך אויף און באַגריסט דעם נשיא פון מדינת ישראל. שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז איין נאָרד־אַמעריקאַנער דעלעגאַט האָט זיך נישט אויפגע־הויבן און ער האָט דערקלערט, אַז זיין פּרעזידענט איז נישט בן צבי, נאָר „אייק" (אייזענהאַוער). מען פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַ פאַקט, אָבער גאַראַנטירן דערפאַר קען איך נישט... אָבער די דאָזיקע מעשה גיט צו פילן, אַז מ'וועט זיך דאָ קריגן און מען גרייט זיך דערצו. אויפהייבנדיק זיך, האָבן אַלע דערזען אַ ריזן־בילד פון הערצלען. אַלע האָבן נישט בלויז געקוקט אויף הערצלען, נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער קוקט אויף אַלע און ער וויל אַלע פאַרייניקן.

מען איז מזכיר די טויטע, מען באַגריסט די לעבעדיקע

און אָט דערהערן זיך די דריי טראַדיציאָנעלע קלעפּ מיטן הילצערנעם האַמער. בערל לאָקער, איינער פון די עלטסטע פּועלי־ציון־פירער, קלאַפּט

מיטן האַמער. ער האָט אַ קלוג פּנים און אַ הייזעריקלעכע שטימע. ער באַ־ באַמיט זיך אויסצוזען און ריידן פייערלעך. די דריי האַמער־קלעפּ ווירקן, אַז ס׳זאָל ווערן שטיל. בערל לאָקער רופט צו באַערן דעם אָנדענק פון הערצלען, דעם וויזיאָנער פון דער מדינה... דער עולם שטייט אויף ווי איין מענטש און מען הערט דערנאָך די באַערונג פון חיים וויצמאַן, דעם „אַרכיטעקט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע" און נחום סאָקאָלאָוו, וועמענס רעשטן מען האָט ערשט געבראַכט צו קבורה אויף דעם הערצל־באַרג אין ירושלים. בדחילו ורחימו דערקלערט לאָקער פאַר געעפנט דעם ציוניס־טישן קאָנגרעס, וואָס פאַרזאַמלט זיך שוין צום צווייטן מאָל אויף דער ירושלימ׳ער ערד אין דער יידישער מדינה. ער דערמאָנט די אומגעבראַכטע אין געטאָ, די געפאַלענע אין דער באַפרייאונג־בלחמה... מען דערפילט דעם וואַרעמען אָטעם פון די דאָזיקע, וואָס זיינען שוין קאַלט... דער פאַ־דעם איז נישט איבערגעריסן געוואָרן. פון די, וואָס זיינען שוין אַוועק, גייט לאָקער איבער צו די לעבעדיקע. ער באַגריסט דעם נשיא, די רעגי־רונג־לייט, די דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער פון פאַרשידענע לענדער. אַלע ווערן אָוואַציאָנירט. דער אַמבאַסאַדאָר פון גוואַטעמאַלאַ, ד״ר גראַנאַדאָס, וועלכער האָט אַריבערגעפירט קיין ירושלים די אַמבאַסאַדע פון זיין לאַנד, ווערט באַזונדערס אָוואַציאָנירט. די אַמבאַסאַדאָרן פון אַרגענטינע, בראַ־זיל, טשילע און אורוגוויי ווערן אויך זייער אָוואַציאָנירט. און די שטי־מונג וואַקסט. מען דערפילט, אַז אַ גרויסער חלום איז געוואָרן אַ ווירק־לעכקייט און פון די ערשטע רעדעס דערפילט מען, אַז עס זיינען נייטיק ריזיקע אָנשטרענגונגען, אַז די ווירקלעכקייט זאָל ווערן אַ זיכערקייט...

איז נישטאָ קיין ציוניזם?

און דורך די באַגריסונגען האָט מען דערפילט, אַז ס׳איז אַ קאָנגרעס פון אַ באַוועגונג, וואָס האַלט אין רעאַליזירן איר הויפּטציל. אַ ציוניס־טישער קאָנגרעס, וואָס ווערט באַגריסט פון פּרעזידענט און פּרעמיער פון מדינת ישראל.

דער אשכנזישער רב און דער ספרדישער רב האָבן מיט זייערע באַ־גריסונגען געבראַכט אַ פראַגמענט פון קיבוץ־גלויות, דער פּרעזידענט און דער פּרעמיער האָבן געבראַכט עפּעס מער.

די רבנים האָבן גערעדט רבניש, יצחק בן צבי האָט גערעדט פּרעזי־

דענטיש, נשיאיש. ער האָט אַ פּעסט, מילד און האַרציק אויסזען, ער איז אַ טאַטע, אַ זיידע צו אַלע קינדער און אייניקלעך. בן־גוריון האָט אַרויס־גערופן אַ שטילן שטורעם. ער איז געקומען דווקא יום־טובדיקער ווי שטענדיק. אין לאַנד, האָט מען געזאָגט, פּוצט ער זיך קיינמאָל נישט אַזוי אויס. געזאָגט האָט ער אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן און וואָס ער זאָגט שטענדיק. דער טעמפּעראַמענט האָט אים אַ רגע נישט פאַרראַטן. כמעט אַ בן־שבעים שוין געווען דעמאָלט און געברענט. און דער עיקר גערעדט ל ש י ט ת ו. קיין איינמאָל נישט דערמאָנט דאָס וואָרט צ י ו נ י ז ם. ער האַלט, אַז ציוניסטן דאַרפן זיך באַזעצן אין דער מדינה און אַז זיי טוען דאָס נישט, זיינען זיי קיין ציוניסטן נישט... מען האָט די אומצופרידנקייט געשטיקט אין זיך און מען האָט געשוויגן. די אומצופרידנקייט האָט נישט געשטערט די פייערלעכקייט.

אָנגעהויבן יום־טובדיק, געוואָרן וואָכעדיק, געענדיקט ווידער יום־טובדיק

די פולע יום־טובדיקייט האָט נישט אויסגעהאַלטן דער ערשטער אָוונט. און שולדיק איז געווען אין דעם דער שפּראַך־בבל.

די ערשטע גרויסע רעדע האָט געהאַלטן נ ח ו ם ג אָ ל ד מ אַ ן, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען איינער פון די צוויי פּרעזידענטן פון דער יידישער אַגענץ, ס׳הייסט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע, אָבער מען האָט געוווסט, אַז ער וועט ביים שלוס פון קאָנגרעס ווערן דער איינציקער פּרעזידענט. ער וועט פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון הערצל, וואָלפסאָן, סאָקאָלאָוו, ווייצמאַן... נו, זעט ער נישט אויס גענוג אימפּאָזאַנט פאַר אָט דעם אַמט, איז ער אָבער אַ קלוגער, אימפּאָנירט ער זיך מיט זיין היימישקייט, רירעוודיקייט און חכמה געמישט מיט פּיקחות.

געדאַרפט האָט נחום גאָלדמאַן האַלטן אַן אָפיציעלע רעדע. איז גע־ווען כמעט נאַטירלעך, אַז ער זאָל זי האַלטן אין ענגליש. די גרעסטע דע־לעגאַציע איז די נאָרד־אַמעריקאַנער, וואָס איר שפּראַך איז שוין מער ענגליש, ווי יידיש. ענגליש איז היינט די גרעסטע וועלט־שפּראַך און די־פּלאָמאַטן פאַרשטייען זי מערער ווי יעדע אַנדערע שפּראַך. אָבער אַן אָפּי־ציעלע רעדע טאָר נישט געדויערן מער ווי אַ צוואַנציק מינוט. האָט גאָלד־מאַן גערעדט צוויי שעה. ער האָט שוין געהאַלטן אויך אַ פאָלקס־רעדע

און דאָס פֿאָלק, װאָס איז דאָרט געװען, האָט קײן ענגליש נישט פֿאַרשטאַנען. זשורנאַליסטן און דעלעגאַטן האָבן געהאַט טרײבלעך, דורך װעלכע מ׳קען הערן אין עטלעכע שפּראַכן. פּונקט װי דאָס לעגענדאַרע טישטעכל, װאָס אַז מען לײגט עס פֿון אײן זײט, עסט מען מילכיקס און פֿון דער צװײטער זײט פֿלײשיקס, אַזױ איז דאָס דאָזיקע טרײבל. גיסט אײן דרײ, הערסטו פֿראַנצױזיש, אַ צװײטן דרײ — שפּאַניש, אַ דריטן — ייִדיש. דער עולם האָט די טרײבלעך נישט געהאַט. די איבערזעצונגען זײנען אױך נישט געװען קײן צו־װאַזשנע. זײ װערן געמאַכט אױף גיך און אָפֿט טרעפֿט דער איבערזעצער מיטן פֿינגער אין הימל אַרײַן. צום ערגסטן איז געװען די ייִדישע איבערזעצונג. עפּעס נישט ייִדיש און נישט דײַטש און — רעטענישן.

און נחום גאָלדמאַן, װאָס איז בלי שום ספק געװען אײנער פֿון די בעסטע רעדנער פֿון קאָנגרעס, האָט אָנגעהױבן זײַן רעדע פֿאַר אַ פֿיר טױזנט צוהערער און געענדיקט האָט ער זי פֿאַר װײניקער װי פֿיר הונדערט. די יום־טובדיקײט פֿון דעם ערשטן אָװנט, די פֿײערלעכקײט, איז צעפּטרט געװאָרן און ס׳איז געבליבן אַ װאָרנונג, אַז צו די דיפּלאָמאַטן דאַרף מען רײדן ענגליש, צום פֿאָלק — ייִדיש...

דאָך האָט נישט געפֿעלט נאָך קײן יום־טובדיקײט אין יענער נאַכט. אין פּריװאַטע הײזער האָבן זיך געטראָפֿן פֿאַרשידענע גרופּעס און פֿאַרבראַכט און מען איז אַריבער פֿון אַמעריקע צוריק אין די אַלטע הײמען, פּױלישע מיט פּױלישע, בעסאַראַבער מיט בעסאַראַבער און מען איז צוריק געקומען אין די נײַע הײמען — אַרגענטינער מיט אַרגענטינער, מיט לאַטײַן־אַמעריקאַנער, דרום־אַפֿריקאַנער מ׳ט דרום־אַפֿריקאַנער... דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן האָט געשײַנט. און בײַם גײן אַהײם, זײַנען די הימלען און די יהודה־בערג געװען יום־טובדיק. זײ האָבן זיך צוגעהערט צו אונדזערע טריט און צו אונדזערע געזאַנגען. דער 24סטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין נײַ־ירושלים, װאָס איז די הױפּטשטאָט פֿון מדינת ישראל, װעלכע איז אַלט געװאָרן 8 יאָר...

אַ סקאַנדאַל, װאָס װערט געראַטעװעט דורך דיקדוק

דעם סקאַנדאַל האָט געבראַכט דער מפּ״ם־השומר הצעיר־מנהיג י. ח ז ן. געקומען איז ער נאָך מנחם בעגינס אַ קאָרעפּעראַט.

— אַ קאָרדעפעראַט צו וואָס?

— אפשר צו בן־גוריונס באַגריסונג. אפשר צו דעם רעפעראַט, וואָס מ. שרת — דעמאָלט אויסערן־מיניסטער — האָט געדאַרפט האַלטן.

אַלע רעדנער האָבן געהאַט 15 מינוט. מנחם בעגין האָט גערעדט אַריבער אַ שעה. אָדער אַנדערע פּאַרטיי־חברים זיינע, וואָס זיינען געווען פאַרשריבן צום וואָרט, האָבן אים געשענקט זייער צייט, אָדער מען האָט אים נישט געוואָלט טשעפּען.

מ. בעגין, דער פירער פון דער חרות (רעוויזיאָניסטישער) באַוועגונג, האָט גערעדט לשיטתו און געזאָגט דאָס דאָזיקע, וואָס ער זאָגט שטענדיק. ער האָט גערעדט אין אַ געזונטן יידיש און מיט אַ סך ברען. אַ ר אָ ט אָ־ ר י ש איז זיין רעדע געווען דאָס בעסטע שטיקל אַרבעט. זי האָט אָבער פונקט אַזוי געקענט זיין אַ וואַל־רעדע ביי אַ גאַסן־מיטינג, ווי אַ קאָרדע־ פעראַט.

און געזאָגט האָט ער בעיקר צוויי זאַכן: 1) מען פאַרשווייגט מצד דער ישראל־רעגירונג דאָס יידישע בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן ביי די גרענעצן און 2) מען דערקלערט, אַז ישראל האָט שוין מער נישט קיין טעריטאָריעלע פּרעטענזיעס. מען דאַרף, לויט בעגינען, פירן אַ מער אַק־ טיווע אויסערן־פּאָליטיק, מען דאַרף דערקלערן אַלע פעלקער בקול רם, אַז זייט דער מלחמה מיט די רוימער זיינען יידן שוין נישט געווען אַזוי שטאַרק ווי זיי זיינען איצטער און אַז זיי קענען באַזיגן די אַראַבער. און די פעלקער מוזן אַבסאָלוט גאַראַנטירן, אַז קיין יידיש בלוט וועט שוין מער נישט פאַרגאָסן ווערן און אויב זיי וועלן דאָס נישט טאָן, וועט ישראל זיך פאַרטיידיקן אויף אַזאַ אופן, אַז דער גאַנצער וועלט־פרידן וועט זיין אין סכנה. מען טאָר בשום אופן נישט דערלאָזן צו דער מיינונג, אַז דאָ קען פאָרקומען בלויז אַ מלחמה צווישן יידן און אַראַבער, ווי די ישראל־ פּאָליטיקער טוען דאָס. מען מוז כסדר, השכם וערב, באַטאָנען, אַז אַ מלחמה וועט זיך בלויז אָנהייבן דאָ. ענדיקן וועט זי זיך אומעטום... און בעגין האָט ציטירט טשורטשילס אַ וואָרט, אַז אויב מען וויל, אַז ישראל זאָל אָפּהיטן דעם פרידן, מוז מען גאַראַנטירן די לעבנס פון די ישראלים. דאָס איז ראשית, והשנית טאָר מען נישט זאָגן, אַז ישראל האָט מער נישט קיין טעריטאָריעלע פּרעטענזיעס. די גרענעצן זיינען היינט צו טאָג צופעליקע. מיר קענען נישט איינגיין מסכים צו זיין, אַז אַלט־ירושלים זאָל נישט געהערן צו ישראל, אָדער חברון און בית לחם. דער צופאַל האָט

געמאַכט, אַז די קריסטלעכע שטאָט נצרת זאָל געהערן צו ישראל און אַלט־ירושלים נישט. דאָס איז נישט געשען, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט אָנהאַלטן ירושלים, נאָר ווייל מיר האָבן נישט געקענט. הייַנט קענען מיר צוריק אָפּנעמען ירושלים...

דאָס איז דער תמצית. עס האָבן נישט געפעלט דאָס דאָזיקע, וואָס הייסט טעאַטראַליש שוועבעלעך. זייַן גוט־אָרגאַניזירטע פּראַקציע האָט אים איבערגעריסן מיט אָוואַציעס. פון צייט צו צייט האָבן אים אַפּלאָדירט אויך אַלגעמיינע ציונים. רבנים האָבן אים היפּש אַפּלאָדירט. נחום גאָלדמאַן, וואָס האָט פּרעזידירט די זיצונג, האָט זיך געדרייט נערוועז אויפן שטול. דער סאַמע עיקר געדאַנק בעגינס איז געווען: ישראל זאָל פירן די זעלביקע פּאָליטיק, וואָס נאַסערס מצרים: אויב מצרים מאָנט שטענדיק טעריטאָריעלע ענדערונגען צום שאָדן פון ישראל, זאָל ישראל מאָנען אַזעלכע ענדערונגען לטובת זיך און זאָל זי זייַן אַזוי אַקטיוו־אַגרעסיוו, ווי די אַראַבישע שכנים־מלוכות זייַנען.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז באַלד נאָך מנחם בעגין זאָל באַקומען דאָס וואָרט דעם מפּ״ם־פירער, דער השומר הצעירניק י. חזן. ער איז אַרויף סאָליד און זיכער. ער האָט אויסגעזען נישט אייראָפּעיִש, ווי זייַן פאַר־רעדנער, נאָר קיבוציש. ער האָט גערעדט עברית. ער האָט באַלד לכתחילה דערלאַנגט אַ וואָרט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין די רעוויזיאָניסטישע רייען. ער האָט געזאָגט, אַז ווער עס רייצט צו קריג, איז אַ פּושעי־ישראל. דאָס דאָזיקע וואָרט מיינט בכלל: אַ פאַרעטער. ווען מען זאָגט אויף איינעם, אַז ער איז אַ פּושעי־ישראל, וויל מען באַהויפּטן, אַז מען דאַרף אים מוצא־זייַן פון דעם כלל־ישראל. האָבן די רעוויזיאָניסטן פּראָטעסטירט און נישט געלאָזט חזנען ריידן. דערווייל איז געוואָרן שפּעט און גאָלדמאַן האָט געשלאָסן די זיצונג, גלייבנדיק, אַז מען וועט אין צווישן קומען צו אַ געוויסן אויסגלייך און ווען די זיצונג וועט באַנייט ווערן, וועט חזן פאַרענדיקן זייַן וואָרט. עס איז אָבער נישט אַזוי געשען. מען איז צו קיין הסכם נישט געקומען היבטער די קוליסן. עס איז געווען אַן אָוונט, ווען דער אויסערן־מיניסטער משה שרת האָט געדאַרפט האַלטן זייַן רעפעראַט וועגן דער אויסערן־לאַגע פון ישראל. די דאָזיקע טעמע אינטערעסירט די ישראלניקעס מער ווי אַלע אַנדערע טעמעס. האָט זיך דער זאַל ווידער אויסגעפילט און טאַקע איבערפילט. עס איז געקומען דער גאַנצער מיניסטאָרן־ראַט בראש

מיט בן־גוריונען, וואָס איז שוין איצטער נישט געקומען אַזוי „גאַלאַ" ווי ער איז געקומען צו דער עפענונג. ווידער האָט דער עולם אַפּלאָדירט באַזונדערע מיניסטאָרן און דעם פּרעמיער. עס איז אָנגעקומען דער נשיא בן־צבי, באַגלייט פון אַ קליינער סוויטע און זיין פרוי. ער איז געקומען, בכדי צוצוגעבן וויכטיקייט דעם רעפעראַט פון אויסערן־מיניסטער. עס איז געקומען אַ באַדייטנדיקער טייל פון דעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, וואָס האָט געוואָלט אַרויסווייזן באַציאונג צו ישראלס מ ע ס י ק ן אויסערן־מיניסטער, וועלכער איז ביי די מיינסטע דיפּלאָמאַטן אַ פּערסאָנאַ גראַטאַ, טאַקע, ווייל ער איז אַזוי מעסיק.

דאָס וואָרט האָט נאָך געדאַרפט פאַרענדיקן י. חזן און ס'איז געקומען די קאַנצן־מוזיק. די גרעסטע קאַנצן־מוזיק פון 24סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך נישט גערעכנט מיט דעם, וואָס אין זאַל געפינט זיך דער פּרעזידענט פון לאַנד און מיטגלידער פון דיפּלאָמאַטן־קאָרפּוס. די חרותניקעס האָבן איינגעלייגט וועלטן און ס'איז געווען אוממעגלעך צו הערן, וואָס דער רעדנער זאָגט. נחום גאָלדמאַן, וועלכער האָט פּרעזידירט די זיצונג, האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע בריהשקייטן פון אַ געניטן זיצונג־פירער. ער האָט צוגעזאָגט, אַז דער רעדנער וועט ביים שלוס פון זיין וואָרט מאַכן אַ דערקלערונג, אַז ער האָט נישט געמיינט דאָס דאָזיקע, וואָס מען מיינט... עס האָט נישט געהאָלפן. גאָלדמאַנען האָט מען געלאָזט מאַכן אַלערליי דערקלערונגען, מען האָט אים דערלויבט דראָען, אַז ער וועט איבעררייסן די זיצונג. דער גאַנצער קאָנגרעס, אויסער די רעוויזיאָניסטן, און אַ סך געסט האָבן גאָלדמאַנען אַפּלאָדירט, אָבער ווען חזן האָט גענומען ריידן, האָט מען נישט געלאָזט. עס איז באַלד געפאַלן דאָס שפּיל־וואָרט: „מען לאָזט דעם חזן נישט דאַוונען"...

עס האָבן זיך געשאַפן צוויי גרופּן. ווער סע האָט געהאַלטן מיט מפ"ם, ווער מיט די רעוויזיאָניסטן. דער ספּעקטאַקל איז נישט געווען קיין שיינער: אויבן אין אַ לאָזשע זיצט דער פּרעזידענט פון לאַנד און עס זיצן אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן און מען טומלט. צוויי שעה דורכאַנאַנד האָט געדויערט דער סקאַנדאַל און דער פּרעזידענט און די דיפּלאָמאַטן זיינען אַהיימגעפאָרן.

און צוויי טעג האָט דער קאָנגרעס געשטאַקט צוליב דעם. און צוגעהאָלפן האָט סוף־כל־סוף דער דיקדוק! י. ח ז ן האָט דערקלערט, אַז ער האָט גענוצט דאָס וואָרט פּ ו ש ע י ־ י ש ר א ל אין אַן אַנדער זין.

פאַקטיש איז דאָ געגעבן געוואָרן דער סיגנאַל צו דעם, אַז די רעווי־זיאָניסטן זאָל נישט אַריינגענומען ווערן אין עקזעקוטיוו.

דער רעפּעראַט פון אויסערן־מיניסטער — דער אָנזאָג פון אַ טראַגעדיע

ווידער איז געווען פייערלעך. ווידער איז געקומען דער פּרעזידענט, כמעט אַלע מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער. דער בנעימותדי־קער אויסערן־מיניסטער מ ש ה ש ר ת האָט גערעדט שטיל, זאַכ־לעך און האַרציק. ער האָט געשמייכלט מיט זיינע מילדע אויגן און זעלטן ווען אויפגעהויבן זיין קול. ער האָט דערקלערט, אַז דער ציוניסטי־שער קאָנגרעס איז נישט קיין פּאַראַלעל צו דער כנסת און נישט קיין טרי־בונאַל צו משפּטן געשעענישן. דאָס עיקרדיקע וואָרט וועט ער זאָגן צו דער כנסת, אָבער ציוניסטן דאַרף מען אויך עפּעס זאָגן.

און ער האָט געפּרוּווט געבן אַ געוויסן וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו דער זאַך פון דער היינטיקער מדינת ישראל, וואָס ער האָט גערופן ישראל פון ב י ת ש ל י ש י. פּונקט ווי דאָס ארץ־ישראל פון בית ראשון און בית שני האָבן געהאַט אייגענע היסטאָרישע באַגריפן, האָט שוין דאָס ישראל פון דריטן בית אויך אייגענע היסטאָרישע באַגריפן. ישראל איז אויסגעבויט און פאַרפעסטיקט געוואָרן פאַרן פּרייז פון די אָנשטרענגונגען, וואָס די מלוכה־מענטשן אירע האָבן געמאַכט. די דאָזיקע האָבן נישט פאַר־לוירן קיין איין געלעגנהייט צו טאָן דאָס נייטיקע און צו באַזייטיקן אַלע שוועריקייטן. די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער צייט פון „אָטאָמאַנישן רייך", פון דער טערקישער אימפּעריע, און איז געגאַנ־גען דורך דעם קאַמף פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ביז צו דער רעזאָ־לוציע פון דער „יו־ען" און דער מדינה. און איצטער שטייט די פראַגע ווי אַזוי מען מאַכט, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן, זאָל כסדר פאַרבעסערט ווערן און זאָל קיינמאָל נישט געשטעלט ווערן אין סכנה.

און דאָ איז געקומען דאָס צענטראַלסטע וואָרט פון משה שרת: מ י ר ד אַ ר פ ן ט אָ ן אַ ל צ ד י נ ג, אַ ז א ו י ב ע ס ו ו ע ט ח ל י ל ה ק ו מ ע ן צ ו אַ ב ל ו ט ־ ס י כ ס ו ך, ז אָ ל ן מ י ר ז י י ן ד י ג ע ר ע כ ט ע. מען זאָגט, אַז אויך איצטער קומט פאָר אַ מלחמה ביי די גרענעצן פון ישראל, פאַרלאַנגט משה שרת, אַז מען זאָל

זיך אַריינטראַכטן אין חילוק צווישן דעם איצטיקן צושטאַנד און טאַקע אַ מלחמה. מיר ברענגען קרבנות אויך איצטער. א ב ע ר ב ע ת א מ ל ח מ ה ק ע נ ע ן מ י ר ד אַ ר פ ן אַ מ אָ ל ב ר ע נ ג ע ן א י ן א י י ן ט אָ ג מ ע ר ק ר ב נ ו ת ו י פ ל מ י ר ה אָ ב ן א י ן מ ש ך פ ו ן ד ע ר ג אַ נ צ ע ר צ י י ט, ו אָ ס מ י ר ד ב ו י ע ן ד אָ ס ל אַ נ ד און קעמפן פאַר דער זיכערקייט פון ישוב און דער מדינה.

אַוודאי, האָט ווייטער ש ר ת געזאָגט, איז דאָס בלאָקירן דעם סועץ־קאַנאַל פאַר אונדז, אַ שווערער און האַרבער ענין. און מצרים האָט טאַקע דערקלערט, אַז זי טוט דאָס, ווייל זי געפינט זיך אין אַ מלחמה־צושטאַנד מיט אונדז. אָבער עס איז נאָך פאַראַן אַ וועלט און אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע און מ׳קען אויף דעם דיפּלאָמאַטישן וועג דערגרייכן עפּעס פאַר נישט אַזוי טייער, ווי עס וואָלט געקאָסט אַ מלחמה. און — האָט דער אויסערן־מיניסטער שטאַרק באַטאָנט — מיר האָבן נאָך פריינד צווישן די פאַרשטייער פון די פעלקער און וואָס פרידלעכער מיר וועלן זיין אין אונדזערע האַנדלונגען, אַלץ זיכערער וועלן מיר זיין מיט דער שטיצע פון אונדזערע פריינד. שרת האָט דערביי ג ו ט אונטערגעשטראָכן, אַז ישראל האָט דעם פולן כוח צו באַזיגן אירע שונאים, אָבער ש ל ו ם א י ז אַ ס ך מ ע ר ו ע ר ט ו י נ צ ח ו ן און מען דאַרף שטרעבן צום שלום און זיך דערציען פאַר שלום.

אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו שרתס לאַנגן רעפעראַט מיט דעם פולן ערנסט, כאָטש ער איז געהאַלטן געוואָרן אין שטילן טאָן, אָן פּאַטאָס, אָן אָראַטאָרישע פליטערלעך, אָן קיין שום רעדנערישע קונצן. און מיר האָבן זיך אַלע חשבון געגעבן, אַז שרתס צוזאָג האָט ווייניק שאַנסן אויף דערפאָלג. ב ן ־ ג ו ר י ו ן אַליין איז אויך נישט מסכים מיט אים. אין אַט דעם רעפעראַט האָט שוין געשטעקט דער אָנהייב פון שרתס טראַגעדיע, פון זיין ווערן געוועזענער אויסערן־מיניסטער.

עס האָבן געענטפערט שרתן אַ סך רעדנער, ערשטע מענער אין זייערע פאַרטייען. גאָלדע מאַירסאָן האָט דעמאָלט שוין אפשר גערעדט אַלס קאַנדידאַטקע אויף אויסערן־מיניסטער. זי האָט געזאָגט לערך: מ י ר ה אָ ב ן ק י י ן א י י ן מ אָ ל נ י ש ט אָ נ ג ע ג ר י פ ן ד י ע ר ש ט ע. מיר האָבן באַצאָלט פאַר אָנגרייפן, אָבער נישט אָנגעגריפן די ערשטע. און די אַראַבער וואָלטן געקענט שלום מאַכן מיט אונדז, ווען

זיי וואָלטן געוואָלט. צווישן אונדז זיינען נישט פאַראַן קיין גרויסע חלוקי דעותן און קיין מאָטיוון פאַר קאָנפליקטן, ווי צווישן מזרח און מערב־בלאָקן. ביי אונדז האַנדלט זיך נישט אין קיין פאַרשידענע וועלט־אַנשוי־אונגען און אין קיין גרויסע אינטערעסן־קאַמפן. אַלץ וואָס מיר ווילן טאָן, איז אויך לטובת די אַראַבער. אַז מיר רייניקן זיך פון פעסט, העלפט עס אויך זיי זיין געזונט, אַז מיר שאַפן וואַסער־ווערק, האָבן אויך זיי גרויסע נוצן דערפון. זיי ווילן בדאַי זיך שלעכטס טאָן, אָבי אונדז זאָל נישט זיין גוט. זיי דאַרפן נאָר וועלן נישט אָנגרייפן און עס וועט זיין שלום צווישן אונדז, אָבער זיי ווילן נישט. און די מענטשהייט איז צעטיילט אויף צוויי בלאָקן און איבער דעם, וואָס זיי זיינען גרויס אין צאָל, חנפעט מען זיך פוןביידע זייטן צו זיי. אָבער מיר זיינען נישט אַליין. פאַראַן אין דער וועלט נאָך אַזעלכע כוחות, וואָס קענען טראַכטן נישט מיט די קאַטעגאָ־ריעס פון אינטערעסן, נאָר פון יושר. די נאָרד־אַמעריקאַנער אַרבעטער־שאַפט איז אינגאַנצן מיט אונדז. איז דער וועג אַט דער: שטרעבן צו שלום, שטענדיק האָבן מיט זיך דעם מאַקסימום פון די דאָזיקע וועלט־כוחות, וואָס מיר קענען האָבן און זיין גרייט צו מלחמה. שטאַרק זיין און גרייט זיין.

עס האָבן אין יענער דיסקוסיע זיך באַטייליקט דער פירער פון די ישראלדיקע אַלגעמ׳יינע ציונים פ ר ץ ב ע ר נ ש ט יי ן, דער מפ״ם־לידער י. ח ז ן, דער וועטעראַן י צ ח ק ג ר י נ ב ו י ם. ווער עס האָט געערעדט פאַר אַ מערב־ליניע, ווער פאַר אַ נייטראַלער.

יצחק גרינבוים האָט זיך געבעטן נישט טשעפּען רוסלאַנד, כאָטש מען האָט דאָרט דערשטיקט דאָס יידישע לעבן און אומגעבראַכט יידישע שרייבער. אַלע האָבן געגעבן צו פילן, אַז ישראל מוז אַ ל יי ן זיך היטן... עס איז אין יענער דיסקוסיע געווען מער ווי אָנזאָג אויף אַ פּער־זענלעכער טראַגעדיע אין דער פאָרם פון שרתס דעמיסיע...

אַרום און לעבן קאָנגרעס

אַרום און לעבן קאָנגרעס זיינען פאָרגעקומען אינטערעסאַנטע אַלער־לייען.

דער אַרום הייבט זיך אָן אין די קולואַרן, ווו מען באַקענט זיך מיט פאַרשידענע מענטשן. די אַמאָליקע ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן זיינען

פאַרשווונדן. צווישן די פּאַראַשוטיסטן פון דער הגנה זיינען פאַראַן גרע־סערע ווירטואָזן, ווי צווישן די ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן. די גרעסטע דעלעגאַציע איז נאַטירלעך, פון נאָרד־אַמעריקע, אָבער די אַמאָליקע קאַרפּן־קעפּ זיינען שוין נישט פאַראַן. צווישן די פּאָפּולערסטע ביי אונדזערע ייִדן זיינען ב ר ו ך צ ו ק ע ר מ אַ ן און ל ו א י ס ס י ג אַ ל — דער ערשטער מער דער מענטש פון געדאַנק, דער צווייטער — דער מענטש פון טאַט. פון די אַמערקאַניזירטע ייִדן זיינען דאָ די מערסטע פּאָפּולערע די „הדסה"־פירערין ר אָ ו ז ה אַ ל פ ע ר ן און ע. נ י ו מ אַ ן. ראָוז האַלפּערן איז אַ זייער ענערגישע טוערין און אַ פרוי מיט ווילן און כאַראַקטער, אָבער זי איז שוין נישט קיין אוניווערסאַל־ייִדישער מענטש, זי איז אַן אַמעריקאַנערין און אַ ציוניסטקע. און זי איז מסתמא אַ סך ווייניקער ציוניסטקע ווי אַמעריקאַנערין. צווישן די אַלגעמיינע ציונים דרייט זיך דער אַלטער זשורנאַליסט ד"ר ש. מאַרגאָשעס, וואָס איז נאָענט צו דער ייִדישער ליטעראַטור און וואָס פרייט זיך, ווען מען דערמאָנט אַ ייִדישן שרייבער. די דרום־אַמעריקאַנער דעלעגאַציע באַשטייט פון אַ סך ווילע ייִדן און איבערגעגעבענע טוער פון פאַרשידענע ריכטונגען, אָבער קיין פּערזענלעכקייטן וואָס זאָלן שפּילן אַן ערשטראַנגיקע ראָלע זיינען צווישן זיי נישט פאַראַן. און דאָס זעלביקע קען מען זאָגן וועגן די דעלע־גאַציעס פון אַפריקע, אויסטראַליע, מערב־אייראָפּעיִשע לענדער. ווילע ייִדן, געטרייע, נישקשהדיקע טוער, אָבער נישט קיין פּערזענלעכקייטן, וואָס זאָלן בליצן און מאַכן אַ באַזונדערן איינדרוק. זיינען אָבער פאַראַן אַזעלכע, וואָס מיינען, אַז היינט איז נישט קיין צייט, ווען מען קען בליצן, רעדעס, מעגן זיי זיין די בעסטע, איבעראַשן נישט און מאַכן אַפילו נישט קיין איינדרוק. דער עיקר איז היינט די טאַט. מיט די בעסטע רעדעס שאַפט מען נישט קיין פינאַנצן און מען ברענגט נישט קיין עליה. אייני־קע גיבן אַ רעכן אויס אַ סך גרויסע ציוניסטישע נעמען און זיי זאָגן:

— אַט די אַלע וואָלטן נישט געשאַפן די מיליאָנען דאָלאַרן, וואָס מען דאַרף און וואָלטן נישט געבראַכט קיין צענדליקער טויזנטער יוגנט־לעכע אַהער.

אין די קולואַרן טרעפט מען אויך דיפּלאָמאַטן, אייניקע פון זיי ייִדן און געטרייע ייִדן. געטריי זייערע לענדער און געטריי ישראל און די צוויי לאָיאַליטעטן שטערן זיך נישט.

אַ רירנדיקער מאָמענט אַרום קאָנגרעס איז געווען דאָס גיין צו

הערצלס קבר דורך דעם מיליטערישן בית־עולם, וואָס פאַרייביקט די קעמ־פער פאַר ישראל און דורך יד ושם, וואָס פאַרייביקט די קדושים פאַר יידישקייט.

אַט קומט מען אָן צום הערצל־באַרג, וווּ עס געפינט זיך הערצלס קבר. עס איז אַ האַלבער טויער, אַ קרייז בלומען, וווּ עס איז אָנגעשריבן, אַז דאָ וועט אויפגעשטעלט ווערן די מצבה פאַר הערצלען. קיין מער צו־געפּאַסט פּלאַץ פאַר דעם הערצל־קבר וואָלט מען טאַקע נישט געפונען. אין די סאַמע יהודה־בערג, וווּ מען הערט שטענדיק דאָס קול פון יידישן גאָט... ווער קען נישט הערצלס בילד, ווי ער שטייט ביים ריין און ער חלומט? צו אַט דעם בילד קומט צו הערצלס בלומען־קבר אויף די בערג פון יהודה אין מדינת ישראל. צוויי פאָנען פלאַטערן דאָ, די פאָן פון מדינת ישראל און די פאָן פון הערצלען. הערצלס פאָן: אַ יונגער לייב, אַרומגערינגלט מיט זיבן שטערן, אינמיטן אַ בלויער מגן־דוד. דער ווינט לייגט איין וועלטן, ער שאָקלט מיט די פאָנען אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אַראָפּרייסן, אָבער זיי זיינען שטאַרקער פון אים.

מיר קוקן זיך אַרום. הערצלס עלטערן ליגן דאָ אויך. מען האָט גע־בראַכט א ו י ך זייערע רעשטן אַהער. הערצלס פרוי און הערצלס קינ־דער זיינען דאָ נישט פאַראַן. די פרוי, דערקלערט מען, איז נישט געווען מיט אים אין געדאַנק. צי איז עס ריכטיק? איך ווייס נישט. דער ערשטער קרבן פון הערצלס ציוניזם איז דאָך געווען די פרוי. די קינדער? מען ווייסט מסתמא נישט וווּ זיי זיינען. און אויב מען ווייסט יאָ, וווּ עס זיי־נען די רעשטן פון זיין בן יחיד האַנס, איז פאַראַן אַ מאָטיוו זיי נישט צו ברענגען אַהער. עס ווערט מער ווי קאַלט, ווען מען קוקט, ווי הערצל איז דאָ בלויז מיט די עלטערן און אָן דער פרוי און די קינדער.

פּאָליציי באַגלייט דעם גאַנג פון דעלעגאַטן צו הערצלס קבר. פּאָלי־ציי פון מדינת ישראל. און דו קוקסט אויף דער יונגער פּאָליציי און אויף די אַלטע דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען דעלעגאַטן צום ערשטן ציוניס־טישן קאָנגרעס. ווייס ווי די טויבן זיינען זיי, די דאָזיקע דעלעגאַטן. פון זיך אַליין האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ צערעמאָניאַל: די פּאָליציי האָט אויפ־געהויבן די שווערדן. דער חזן לייבעלע גלאַנץ האָט געמאַכט די מלא נאָר ווי אַזוי ער קען, דער רב טכורש האָט געזאָגט קדיש, מען האָט געזונגען התקוה און די דעלעגאַטן האָבן געמאַכט אַ טרויער־הקפה אַרום דעם קבר פון דעם גרויסן וויזיאָנער פון שיבת־ציון.

אַ קורץ שטיקל צייט פאַר הערצלס 52סטן יאָרצייט איז דאָס געשען.

און אַ טרויעריק־וויכטיקער מאָמענט איז געווען דער באַזוך פון קאָנגרעס אין „יד ושם". נישט דער גאַנצער קאָנגרעס ממש איז געגאַנגען זען די אויסשטעלונג פון יד ושם צום אָנדענק פון דעם גרויל, וואָס אונדזער פאָלק האָט איבערגעלעבט. געווען מסתמא דעלעגאַטן, וואָס דער דאָזיקער ענין איז פאַר זיי שוין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, אָדער ער איז אפשר צו טרויעריק; אָבער עס איז געגאַנגען אַ גענוג גרויסער עולם צו דעם „הר הזכרון" — דער באַרג פון געדענקען — וווּ עס געפינט זיך דער שוין דערמאָנטער בנין פון „יד ושם" — אַן אינסטיטוציע וואָס פאַרייביקט די זעקס מיליאָן קדושים אונדזערע אויף אַזאַ אופן, אַז זייער זכר זאָל קיינמאָל נישט קענען אָפּגעווישט ווערן. ווי געזאָגט, איז דער דאָזיקער בנין נאָך נישט פאַרענדיקט און דער ריזיקער מאַטעריאַל פון „יד ושם" געפינט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אין אים. אַ באַדייטנדיקער טייל געפינט זיך ערגעץ אין ירושלים, אויף דער בן יהודה־גאַס, אָבער פאַר די דעלעגאַטן און געסט פון קאָנגרעס איז געווען צוגעגרייט אַ מין אויסשטעלונג, אַז זיי זאָלן זיך באַקענען גרינטלעך מיט דעם אַנשטאַלט, וואָס באַשטייט פון קרן היסוד, וועלט־קאָנגרעס, ייִוואָ און דער ישראל־רעגירונג און מיט זייַנע מאַטעריאַלן.

און מיר האָבן געזען... מיר האָבן געזען דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס האָט אַ שייכות צום טאָג־טעגלעכן „לעבן" אין געטאָ. מיר האָבן אויך געזען דעם העץ־מאַטעריאַל קעגן די אומגעבראַכטע ייִדן. מען האָט דאָך געדאַרפט האָבן אַ מאָטיוו צו פּייניקן און אומברענגען די ייִדן, האָט מען זיי פאַרגעשטעלט ווי די ערגסטע פון די ערגסטע. פאַראַן דאָ אַן אַ שיעור העץ־שריפטן, פּעריאָדישע און צופעליקע. פאַראַן „וויסנשאַפטלעכע" ווערק, וואָס דערווייזן „שטורמעריש" און „ראַזענבערגיש", אַז ייִדן זייַנען ערגער פון ערגער און מיאוסער פון מיאוסער; און פאַראַן אַ סך גראַפישער מאַטעריאַל — בילדער, צייכענונגען, קאַריקאַטורן. דאָס איז אַזאַ מין דייטשער „הומאָר". די פעלשונג איז ניכּר אויף שריט און טריט. מען זעט, אַז מען האָט געצוווּנגען די געפּייניקטע, פאַרפּייניקטע און מיט שרעק דורכגעדרונגענע ייִדן צו לאַכן, זינגען און טאַנצן... אָבער עס זעצט אַרויס די נאַצישע רציחה. מען זעט, אַז די דייטשן זייַנען רויבער און מערדער. זיי ווילן דאָס נישט ווייזן און זיי ווייזן דאָס.

און מיר האָבן געזען די געלע לאַטע מיטן מגן דוד און מיט דעם

אויפשריפט „ייִד" אויף אַלע לשונות — „יודע", „זשיד", „זשידאָן" און „יעווריי". אויף אַלע לשונות האָט די גאַלע לאַטע דערציילט, אַז איר טרעגער איז דער ערגסטער פון ערגסטן — ער איז אַ ייִד.

מיר האָבן געזען טאַקע אויך דאָס ערגסטע. מיר האָבן געזען אַ סך מאַטעריאַל וועגן די „יודענראַטן" און בילדער פון די יודענראַטן. אַ שטיק „מלוכה" זיינען די דאָזיקע ראַטן געווען. זיי האָבן געשאַלטעט און גע־וואַלטעט און אַפילו צייטונגען האָבן זיי אַרויסגעגעבן. אין ייִדיש, דייטש, פויליש.

און וויפל דערהויבנדיקס איז פאַראַן אין דעם שטאָף וועגן דעם קול־טור־לעבן אין געטאָ. הערט און שטויגט! מען האָט דורכגעפירט אַ ווונ־דערלעכן קולטור־יום־טוב צו דער געלעגנהייט, וואָס מען האָט געליִען דאָס 100.000טע (הונדערט טויזנטע) בוך פון דער געטאָ־ביבליאָטעק... זונטיק דעם 13 דעצעמבער 1941, 12 אַזייגער בייטאָג, איז די פייערונג פאָרגעע־קומען און עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט שוישפּילער פון געטאָ. און בילדער, וואָס מאָלער האָבן געמאָלן אין געטאָ האָבן מיר געזען. און נישט בלויז טרויער איז פאַראַן אין זיי.

מיר קוקן אויף דעם נר־תמיד, וואָס געפינט זיך אין דער סאַמע מיט פון די דאָקומענטן און עקספּאָנאַטן וועגן אומקום און אויפשטאַנד. די שפּעט־געקומענע גבורה וואַקסט אַרויס פון טרויער. דער מאַטעריאַל וועגן די „יודענראַטן" ווערט פאַרשאָטנט דורך דעם מאַטעריאַל וועגן אויפ־שטאַנד און גבורה. ייִדישע פּאַרטיזאַנער זעען מיר ביי דער רוסיש־סאָ־וויעטישער אַרמיי, אין דער יוגאָסלאַווישער אַרמיי ביי טיטאָ. רינגל־בלומס אַרכיוו. דאָ זעען מיר צייטונגען פון אַלע פּאַרטייען. מעגן די קאָ־מוניסטן וועלן דערציילן דעם מיטאָס, אַז בלויז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד, ווייזט דער פאַקטישער מאַטעריאַל, אַז אַלע האָבן זיך באַטייליקט — פּרומע, השומר הצעירניקעס, רעוויזיאָניסטן, פּועלי־ציון אַלגעמיינע...

דער „יד ושם" גרייט אַ פּנקס פון אַלע אומגעבראַכטע קהילות און מוסטערן פון דער אָנגעהויבענער אַרבעט האָט מען שוין געקענט זען. אַלערליי אַרכיוון, מיקראָ־פילמען, פּלאַטן, וואָס אַנטהאַלטן געזאַנג פון געטאָ... פאַראַן דאָ אַזויפיל שטאָף, אַז קיינמאָל וועט שוין נישט קענען אָפּגעמעקט ווערן דער זכר פון די אומגעבראַכטע און קיינמאָל וועט נישט קענען אָפּגעווישט ווערן דער זכר פון דער חרפּה פון די מערדער.

טראָפן באַקאַנטע מענטשן. צווישן זיי ד״ר י. קערמיש, דער פאַרוואַלטער

צווישן די אָנפירער מיט דער אַרבעט פון „יד ושם״ האָבן מיר גע־ פון אַרכיוו, וואָס איז דער מחבר פון אַ בוך, וואָס איז דערשינען אין דער סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום״, וואָס מ. טורקאָוו און א. מיטלבערג געבן אַרויס אין בוענאָס־איירעס און די שרייבערין ר ח ל א ו י ע ר ב אַ ך, וואָס פאַרוואַלטעט די דאָקומענטאַציע־אָפּטיילונג. מיט דעם וויסנשאַפט־לעכן אָפּטייל פון „יד ושם״ פירט אָן פּראָפ׳ ב. צ. דינור, געוועזענער ביל־דונגס־מיניסטער פון ישראל, וועלכער האָט צוהילף פאַרשידענע אויטאָ־ריטעטן אין ישראל און אין די תפוצות. די ביבליאָטעק פון „יד ושם״ האָט פערציק טויזנט עקזעמפּלאַרן.

ווער דער בנין וועט פאַרטיק ווערן און דער גאַנצער מאַטעריאַל וועט איינגעאָרדנט ווערן, וועט דער „יד ושם״ זיין אַ מאָנומענט אַן אוניקום, אַ מאָנומענט פאַר אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן ייִדן אין די יהודה־בערג. און ס׳וועט זיין אַ מאָדנע דריילינג:

אַ מאָנומענט פון זעקס מיליאָן קדושים.

דער מיליטערישער בית־עולם פון באַפרייאונג־קריג.

דער הערצל־מאָנומענט.

און אַ מאָמענט פון אַן אַנדער כאַראַקטער איז כדאַי צו פאַרצייכע־נען: דער מאָמענט ווען דער גאַנצער קאָנגרעס איז געגאַנגען באַגריסן דעם נשיא פון מדינת ישראל, יצחק בן־צבי אין דעם גאָרטן פון דער קריה (קי־ריאַ — שטאָט) אין ירושלים. די לייענער אונדזערע ווייסן געוויס, אַז פריער איז די רעגירונג פון ישראל געווען ביי תל־אביב, אין דער געווע־זענער דייטשער קאָלאָניע ש ר ו נ ה. היינט געפינט זיך די רעגירונג אין ירושלים און עס ווערט דאָרט געבויעט אַ קריה, אַ רעגירונג־שטאָט. אָט די רעגירונג האָט אַ גאָרטן (אַ בולוואַר, אַ פּאַרק), וואָס האַלט זיך ערשט אין פונאַנדערבליִען. דער דאָזיקער גאָרטן געפינט זיך אויף אַ בערגל, פון וואַנען מען זעט ג אַ נ ץ ירושלים — דאָס נייע און דאָס אַלטע — און מען זעט די מערסטע יהודה־בערג. און אין אָט דעם גאָרטן האָט דער פּרעזידענט פון ישראל אויפגענומען די דעלעגאַטן און געסט פון 24סטן ציוניסטישן קאָנגרעס. אויטאָבוסן און פּריוואַטע אויטאָס האָבן אַרויסגעפירט עטלעכע טויזנט מענטשן, וואָס האָבן פאַרביימאַרשירט דעם פּרעזידענט, זיין פרוי און זיין סוויטע און זיי באַגריסט.

וווּנדערלעך איז געווען דאָס בילד. די יהודה־בערג זיינען געווען באַ־

גאָסן מיטן רויטן שיין פון דער זון, וואָס האָט שוין גענויגט צום פאַרגיין און מענטשן האָבן געשטראָמט.

דאַכט זיך סאַמע ייִדן, אָבער פון די פאַרשידנסטע קאָלירן. פון כמעט נעגערס, וואָסריידן כאַרכלענדיקע אָריענטאַלישע לשונות ביז העל־בלאָנדע און מילך־ווייסע מענטשן, וואָס ריידן אַן אָקספאָרדער, אָדער יענקישן ענגליש. אָט גייט פאַר מיר אַ קליין, שוואַרץ מיידעלע, וואָס שרפעט מיט די אייגלעך און די האָר ביי איר זיינען בלויז קרויזן און אָט גייען נעבן מיר צוויי בלאָנדע מיידלעך, קענטיק שוועסטער, וואָס זייערע פּנימער זיינען ווייס ווי שניי און זייערע האָר זיינען העל גאָלד, כאָטש זיי זיינען הויך, טראָגן זיי הויכע קנאָפּל און זיי גייען ווי אויף שטאָלצן.

עס גייען ייִדן גילוחים, ייִדן מיט שטיקלעך בערד, ייִדן מיט לאַנגע בערד, וואָס ציען זיך זיי ביז אין די קני. עס גייען רבנים מיט אונדזערע שטריימלעך און רבנים מיט מזרחישע שטריימלעך. און עס גייען נישט בלויז ייִדן. עס גייען מוסולמענער אין ווייסע און שוואַרצע כאַלאַטן. דאָס זיינען דרוזינער און טאָקע אַראַבער, וואָס גייען אינייינעם מיט ישראל־בירגער און ייִדן־ציוניסטן באַגריסן דעם פּרעזידענט פון מדינת ישראל. און גלחים גייען אויך באַגריסן דעם ייִדישן פּרעזידענט. קאַטוילישע גלחים, פּראָטעסטאַנטישע, קאָפּטישע, קאַפּוצינער מיט לאַנגע בערד.

טויזנטער ייִדן און צענדליקער נישט־ייִדן באַגריסן דעם נשיא פון מדינת ישראל. און אַלץ באַגריסט אים — דער הימל, די בערג, דער ווינט, די זון — — —

דער גרעסטער מאָמענט אַרום קאָנגרעס איז בלי שום ספק געווען דער פאָר פון קאָנגרעס צו די גרענעצן און בעיקר צום נגב, וווּ מען האָט געוויזן, ווי ישראל איז גרייט זיך צו פאַרטיידיקן. וואָס אַ קליינע מדינה דאַרף האָבן זיך צו קענען פאַרטיידיקן! וואָס מיר האָבן דעמאָלט געזען, האָבן מיר דערנאָך, בעת דער סיני־אַקציע, געהערט. פון די טיפסטע טיפענישן אונטער דער ערד ביז צום הימל האָבן מיר געזען די שמירה פון ישראל און ביים צוריקפאָרן האָבן די רעדער געקלאַפּט און געזונגען „לא ינום ולא יישן שומר ישראל".

די פּרעזידענט־רעדע און דער אָנזאָג אויף אַן אינעווייניקסטן קאַמף

אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז נחום גאָלדמאַן וועט ווערן דער אייננצי־

קער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיין רעפעראַט וועגן די „רעפאָרמען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג", וואָס ער האָט געהאַלטן שוין אויף יידיש, איז פאַקטיש שוין געווען אַ פּרעזידענט־רעדע. גאָלדמאַנס רעדע האָט אייגנטלעך געדאַרפט פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון די רעדעס, וואָס מאַקס נאָרדוי האָט געהאַלטן ביי די ציוניסטישע קאָנגרעסן. נישט געווען אין איר נאָרדויס אימפּאָזאַנטער פּאַטאָס, איז געווען אין איר — יידישע פאָלקסטימלעכקייט און הומאָר.

גאָלדמאַנס רעדע האָט געדאַרפט האָבן צוויי טיילן: 1) אַ באַריכט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט; 2) אַ פּראָגראַם פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע. און עס דאַרף דאָ באַלד געזאָגט ווערן, אַז דער ערשטער טייל איז געווען אַ סך שטאַרקער ווי דער צווייטער טייל. דער באַריכט איז געווען אַ גענוגנדיקער, הגם נישט זייער קיין פּינקטלעכער. דער פּראָגראַם איז געווען אַ נישט גענוג באַגרינדעטער און אייגנטלעך גאָר קיין פּראָגראַם נישט, נאָר אַן אויסדרוק פון גוטע ווונטשן און פון איין עיקרדיקן ווונטש, אַז דער ציוניזם זאָל זיך אָפּגעבן מיטן יידישן לעבן פון אומעטום נישט ווייניקער ווי מיט מדינת ישראל.

נישט געווען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל עמיצן זיין אומבאַקאַנט אין גאָלדמאַנס באַריכט וועגן דער יידישער לאַגע. דער רעדנער האָט אָנגעוויזן, אַז עלף יאָר נאָך דעם סוף פון קריג, פעלט נישט קיין אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט און עס פעלן נישט קיין אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציעס, אָבער דאָס ערגסטע געשעט מיט די יידן אין די סאָוועטישע לענדער. מען לאָזט זיי נישט זיין קיין יידן אויף די פּלעצער און מען לאָזט זיי נישט עולה זיין קיין ישראל. דער רעדנער האָט אָנגעוויזן, אַז די קאָמוניסטן האָבן איינגעפירט אין דער דיפּלאָמאַטיע אַ נישט דיפּלאָמאַטישע שפּראַך. זיי ריידן אָפנהאַרציק. האַלט ער, אַז מען דאַרף פון דער קאָנגרעס־טריבונע ריידן צו די סאָוועטישע רעגירער אין זייער שפּראַך. און ער האָט אַן שום קונצן אויסגערעכנט די עוולות, וואָס ווערן געטאָן די סאָוועטישע יידן. זיי האָבן נישט קיין אָרגאַניזירטע קהילות, קיין שולן, קיין צייטונגסוועזן, קיין טעאַטער, ווייל מען באַטראַכט אַז דאָס אַלץ וואָלט געווען קאָנטררעוואָלוציע, אָבער אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע האָבן דאָס די רוסישע יידן געהאַט און דאָס איז נישט געקומען צו קיין קאַמף מיט די הויפּט־פּרינציפּן פון קאָמוניסטישן רעזשים. און די

סאָוועטישע לענדער זיינען די איינציקע וואָס לאָזן נישט ייִדן עולה זיין קיין ישראל.

און אָט קומט די צווייטע זייט פון דער מטבע: אין די מערב־לענדער דערלויבט מען ייִדן צו לעבן ווי ייִדן און מען דערלויבט זיי צו פאָרן קיין ישראל, אָבער עס איז נישט גוט מיט דעם ייִדישן לעבן אויף די ערטער און נישט מיט דעם עולה זיין קיין ישראל. און דער רעדנער האָט גע־בראַכט אַביסל ציפערן, וואָס ווייזן, אַז דער נייער דור ווערט נישט גענוג דערצויגן ייִדיש. ייִדישע דערציאונג באַקומט אַ קליינער טייל פון נייעם דור און דער גרעסטער טייל פון דעם וואָס באַקומט ייִדישע דערציאונג, באַקומט זי נישט גענוגנדיק.

נחום גאָלדמאַן האָט געוואָרפן אַ וואָרט, וואָס איז שוין אַביסל באַ־קאַנט: אין די לענדער, וווּ עס גייט ייִדן גוט, דראָעט עס, אַז זיי זאָלן שטאַרבן „בנשיקה". מיר האָבן שוין געהערט אַמאָל פון אַ מפ"מניק, אַז דעם ייִדישן פאָלק דראָעט צו שטאַרבן פון אַ קוש פון אַ שיקסע. גאָלדמאַן האָט דאָס געמאַכט ווייניקער גראָטעסק. ער האָט דערמאָנט די טעאָריע פון ענגלישן היסטאָריקער ט ו י נ ב י, אַז פעלקער זיינען שטאַרק, ווען זייער קיום איז אין סכנה און זיי דאַרפן פירן מלחמה, ווען די סכנה גייט פאַרביי, ווערן זיי שלאַבערדיק. וואָס זשע איז דאָס מיטל, אַז אין די לענדער, וווּ עס איז נישט פאַראַן קיין אַנטיסעמיטיזם זאָלן ייִדן נישט אויסגיין בנשיקה?

אין דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע שטעקט אייגנטלעך דער פּראָ־גראַם פון דעם רעפערענט, וואָס איז געוואָרן דער איינציקער פּרעזידענט פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע פון ציוניזם. דער רעדנער האַלט, אַז מדינת ישראל איז און קען ווערן אַ יסוד פאַר באַנייאונג פון ייִדישן לעבן אין די תפוצות און פאַר אַ פאַרשטאַרקונג פון אָט דעם לעבן. קיין פּרטים האָט גאָלדמאַן נישט אָנגעגעבן, אָבער ער האָט באַהויפּטעט, אַז ישראל קען און דאַרף העלפן די תפוצות. מען דאַרף אין ישראל אָרגאַניזירן סעמינאַרן פאַר דער יוגנט פון די תפוצות, שיקן לערער אַהין, אָרגאַניזירן סעמינאַרן אויף די פּלעצער. און בכדי דאָס דאָזיקע דורכצופירן, דאַרף מען קומען אין קאָנטאַקט אויך מיט נישט־ציוניסטן. פּונקט ווי אויך נישט־ציוניסטן העלפן מדינת ישראל פינאַנציעל און פּאָליטיש, פּונקט אַזוי דאַרף מדינת ישראל העלפן קולטורעל דעם ייִדישן לעבן אין די תפוצות. און דערפאַר לייגט דער רעדנער פאַר דעם קאָנגרעס צו פאַרבעטן נישט־ציוניסטן אין

דער פאַרוואַלטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז זיי זאָלן איינגיין מען זאָל נוצן געזאַמלטע ציוניסטישע געלטער אויך פאַר בכלל יידישער און נישט דווקא ציוניסטישער דער־ציאונג.

און אָט אַ דאָ שטעקט דער פּרינציפּ פון גאָלדמאַנס נייעם פּראָ־גראַם פון ציוניזם: דער ציוניזם זאָל באַוועגן די מדינת ישראל, וועלכע געפינט זיך טאַקע שטענדיק אין אַ שווערער פינאַנציעלער און מיליטע־רישער לאַגע, אַז זי זאָל דאָך געפינען כוח און מיטלען צו העלפן דעם רי־זיקן רעזערוואַר פון יידן אין די תפוצות, וואָס האָבן נאָך אַ סך יידישן באַוווּסטזיין, אַז זיי זאָלן ממשיך זיין דעם קיום פון יידישן פאָלק.

פאַקטיש איז גאָלדמאַנס נישט געווען באַגרינדעטער פּראָגראַם גע־וואָרן די באַזע פאַר אַ סך דיסקוסיעס און באַזונדער פאַרן גרויסן וויכוח מיט אַ גאַנץ יאָר שפּעטער, ביים אידעאָלאָגישן קאָנגרעס אין ירושלים. בן־גוריון איז בלויז פאַר ישראל. ער אָנערקענט נישט דעם היינט אין יידישן לעבן פון גלות, נאָר אויך נישט די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

די פאַרווירקלעכטע באַלאַדע

מיט דער דיסקוסיע אַרום נחום גאָלדמאַנס רעפעראַט איז פאַקטיש דער קאָנגרעס פאַרענדיקט געוואָרן. די דיסקוסיע איז געווען מער אַ בער־נאַר שאָו פּיעסע ווי אַ שעקספּיר־טראַגעדיע. מער דיאַלאָג ווי אַקציע. דאָ און דאָרט אַ שאַרפערער קאָנפליקט. די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך פאַר־טשעפּעט מיט גאָלדע מאיִרסאָן. איינער פון זייערע פאַרשטייער האָט גע־קראָגן דאָס וואָרט צו דער דיסקוסיע, ווען גאָלדע איז געווען פאָרזיצער און ער האָט גערעדט לאַנג און זי האָט אים אָפּגעשטעלט אויך, ווייל ער האָט, לויט איר איינזען, נישט גערעדט צו דער זאַך. האָט זי אים גע־הייסן, אַז ער זאָל פאָדערן איר צוריקציען זיך, ווייל זי פּרעזידירט פאַר־טייאיש, האָט ער איר געפאָלגט און אַריינגעבראַכט אַזאַ פאָרשלאָג און שפּרינצאַק האָט איבערגענומען דעם פאָרזיץ און געשטעלט די פראַגע צוטרוי און אומצוטרוי און גאָלדע האָט געקראָגן מאַניפעסטאַציעס. אַ פרוי און נאָך אַזאַ חנוודיקע ווי גאָלדע מאיִרסאָן, באַזיגט מען נישט אַזוי גרינג...

בעת דער דיסקוסיע האָט מען געזען און געהערט פאָרשטייער פון לערך אַכט ציוניסטישע פּאַרטייען: קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע אַלגעמיינע ציונים, מפא״י, לאחדות העבודה, און מפ״ם, רעוויזיאָניסטן, פּועלי מזרחי און מזרחי. און פאַרשידענערליי ייִדן האָט מען געזען. דורכ־אויסיקע ייִדן און אָפּגעפּרעמדטע ייִדן, ייִדיש ריידנדיקע, ענגליש רעדנ־דיקע, איטאַליעניש, פראַנצויזיש ריידנדיקע. די פאַרשטאַנענסטע שפּראַך איז נאָך אַלץ געווען ייִדיש. אַ באַווייז: אייניקע, וואָס זיינען באַרימט מיט זייער ייִדיש־פּרעסערייַ האָבן גערעדט ייִדיש, ווייל זיי האָבן געוואָלט פאַר־שטאַנען ווערן.

יעדע פּאַרטיי האָט געזוכט איבערצייגן אין אירע פּרינציפּן און אויס־קעמפן פאַר זיך פּריווילעגיעס. צוויי מאָמענטן זיינען אַריבער די סתם־פּאַרטיי־אינטערעסן: 1) די פראַגע ייִדיש לעבן אין די תפוצות און 2) די פראַגע באַציאונג צו ראַטנפאַרבאַנד. קיינער, אָבער טאַקע קיינער האָט נישט דערמאָנט, אַז ייִדיש וואָלט אויך געקענט העלפן דערהאַלטן ייִדן ביי ייִדישקייט. די ייִדישע שרייבער און קולטור־טוער זיינען אין ציוניזם די באַנציע שווייגס.

מיט דעם פאַרענדיקן די דערמאָנטע דיסקוסיע איז דער קאָנגרעס אַוועק אין קיך אַריין, ווו מען קאָכט רעזאָלוציעס און אַ צוזאַמענשטעל פון צענטראַל־קאָמיטעט און עקזעקוטיוו. זשורנאַליסטן האָבן זיך אַרומ־געדרייט כצאן בלי רועה. בן־גוריונען האָט מען אַלץ ווייניקער געזען און נחום גאָלדמאַנען האָט מען שטענדיק געזען. און דער שטענדיק שמייכ־לענדיקער גאָלדמאַן איז געווען מער ווי ערנסט. ער האָט שוין אַפילו קיין וויצן נישט דערציילט. געוווסט האָט מען, אַז נחומקע — ער דערציילט אַליין, אַז וויצמאַן פלעג אים אַזוי רופן — וועט זיין פּרעזידענט און מען האָט זיך געפרעגט: און וואָס וועט זיין בערל לאָקער? גאָלדמאַנס קעגנער האָבן זיך געטרייסט דערמיט, וואָס פּרעזידענט פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע איז היינט נישט דאָס דאַזיקע, וואָס אַמאָל. די קרוין נעמט צו דער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, דעם כוח נעמט צו דער פּרעמיער... איך פּערזענלעך האָב זיך איבערצייגט, אַז ווי שווער ס'איז נישט צו זיין פּרעמיער פון ישראל, איז שווערער צו זיין פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. שווערער צו דערהאַלטן ייִדן ביי ייִדיש־קייט אין די תפוצות, אַפילו ווי צו שלעפּן די ייִדישע מדינה דורך אַלע פייערן.

אין דער צייט, ווען מען האָט „געקאָכט" די רעזאָלוציעס און די צעט־לען און זיך געקריגט וועגן דעם, צי מען זאָל יאָ, אָדער נישט אַריינגעמען די רעוויזיאָניסטן אין עקזעקוטיוו אַריין, האָט דער פּרעזידענט פון ירד־שלימער זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד, ב. קאָראַלניק, אַ ברודער פון עסייאיסט א. קאָראַלניק, וואָס זעט אויס פּונקט ווי דער ברודער ע״ה, גערעדט וועגן אַן אַלוועלטלעכן יידישן זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד. גערעדט... מען האָט בכלל צייט געהאַט צו ריידן. עס זיינען געקומען יידישע שרייבער נישט ווייניקער ווי העברעישע אַ קוק צו טאָן אויף דעם קאָנגרעס און זיי האָבן זיך געדרייט אין דעם מין אויבערשטן זאַל, וואָס זעט אויס ווי אַ דעק פון אַ שיף און ווען מען קוקט אַרויס אינדרויסן, זעט מען די יהודה־בערג, וואָס זעען אויס ווי כוואַליעס פון אַ ים. איך האָב געזאָגט צוויי דיכטער — א. סוצקעווער און מלך ראַוויטש — אַז דער גאַנצער קאָנגרעס איז אַ מין באַלאַדע, האָבן זיי ביידע מיך געפרעגט פון וואַנען איך ווייס דאָס. ביידע האָבן זיך אָפּנים געקליבן צו שרייבן קאָנגרעס־באַלאַדן...

יידישע שרייבער זיינען אָהער געקומען זוכן טעמעס נישט בלויז פּובליציסטישע, נאָר אויך ליטעראַרישע. און ס׳האָבן זיך באַוויזן פון צייט צו צייט מענטשן, וואָס זיינען העלדן פון דער גרויסער לעבן־טראַגעדיע אונדזערער און וועלן אַמאָל זיין העלדן פון דער געשריבענער טראַגעדיע. ס׳האָט זיך פּלוצים באַוויזן די אויסערלעך געמיטלעכע און אינערלעך סימ־פּאַטיש־האַרציקע און ווייבלעכע צ ב י ה ל ו ב ע ט ק י ן, וואָס לאָזט גאָרנישט פילן מיט איר אויסערלעכקייט, אַז זי איז אַ העלדין נו־מער איינס. און אָט זעט מען אַנטעק־צוקערמאַן, וואָס איז הויך, בלאָנד און סוגערירט שוין דווקא יאָ מיט זיין אויסערלעכקייט זיין לעבן־איב־האַלט און מהות...

אין אַ שבת בייטאָג זיינען מיר פאַרבעטן געוואָרן צום דעמאָלטיקן אויסער־מיניסטער משה שרת אויף אַ טיי. מיר, מיין איך, אַרגענטינער יידישע זשורנאַליסטן, אָבער עס זיינען געווען פאַרבעטן אויך באַווּסטע ציון־טוער פון נאָרד־אַמעריקע, קאַנאַדע, מעקסיקע. די דירה איז ווי גע־בוירן פאַר אַן אויסערן־מיניסטער. קלענערע זאַלן, אַ ריזן־זאַל, אַ הויף, אַ גאָרטן, קאָלאָניאַלער סטיל, אַ סך בלומען, פיינע בילדער. צוויי ישראל־פּייזאַזשן שיינען מיט מיין פריינד ראובנס העלע פאַרבן. צווישן די געסט אויך אַ ראַביי מיט אַ סימן פון אַ בערדל. מען רעדט ענגליש מיט עברית אויף דעם שפּיץ מעסער און מען רעדט אויך יידיש. די „יענקיס" ריידן

אָבער יידיש מיט האַרטע ענגלישע „לאַמעדן" און אַ סך ענגלישע ווערטער, אָבער עס ווערט היימישלעך און די פרעמדקייט פאַרשווינדט. משה שרת און די פרוי נעמען אויף די געסט. איין העלפערן איז פאַראַן. ביי אַן אַנדער אויסערן־מיניסטער אויף אַזאַ „רעסעפּשאַן" וואָלט שוין געווימלט מיט דינערשאַפט און דאָ איז פאַראַן בלויז אַ שטיקל דינסט. העלפן טאַקע די פרויען־געסט צו צו באַדינען. מיין מרים ווייזט די ערשטע דעם ביישפּיל פון נעמען אַ טעלער און צוטראָגן צו די געסט און אַלע פרויען טוען נאָך.

...און איך בלייב אַ רגע זיצן אין אַ זייט, קוק אויף די שיינע בלומען פון גאָרטן און איך פרעג זיך.

ווו בין איך?

אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס?

און דאָך שוין צוגאַסט ביים אויסערן־מיניסטער פון דער ישראל־רעגירונג. און צוריק מיט דריי טעג בין איך געווען דער גאַסט פון נשיא מדינת ישראל — דעם פּרעזידענט פון דער ישראל־רעפּובליק.

און ערשט דער 24סטער קאָנגרעס.

ווען מען וואָלט געווען געזאָגט ביים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אַז דער 24סטער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט פאָרקומען אין ירושלים און די גאַסט־געבער וועלן זיין די מיניסטאָרן און דער נ ש י א, וואָלט מען געלאַכט און געזאָגט, אַז ס'איז אַ פאַנטאַזיע. איז עס טאַקע אַ פאַרווירקלעכטע פאַנטאַזיע, אַ באַלאַדע, וואָס איז געוואָרן אַ רעאַליטעט.

ע ר ב נ ע י ל ה

און אַט האַלט עס שוין ביים שלוס. מען גרייט זיך צו דער שלום־זיצונג, וואָס דאַרף פאָרקומען זונטיק דעם 6טן מאַי אין אָוונט. פון די צוויי זשורנאַליסטן וואָס זיצן אין דער נאָענט צו מיר, איז איינער זייער אַ מילדער און איינער זייער אַ בייזער. דער מילדער רעדט די גאַנצע צייט יידיש צו מיר, כאָטש ער איז אַ העברעישער זשורנאַליסט, דער בייזער רעדט צו מיר בלויז עברית, כאָטש ער שרייבט פאַר יידישע צייטונגען אין חוץ לארץ. יידיש שרייבט ער פאַר פּרנסה, אָבער עברית איז זיין פּרינציפּ. דער ערשטער זאָגט מיר, אַז די שלוס־זיצונג וועט זיין די אַכצנטע און ער גיט צו — „חי" צום לעבן". דער צווייטער רעדט צו מיר פלוצים

ייִדיש, אָבער זיין פּנים בלייבט פּונקט אַזוי בייז ווי ווען ער רעדט עברית און ווען איך הער, וואָס ער זאָגט מיר, גיב איך זיך חשבון פאַרוואָס ער האָט פּלוצעם זיך צערעדט ייִדיש. דאָס בייזע וואָרט, וואָס ער האָט גע־האַט צו זאָגן וועגן קאָנגרעס בכלל, וואָלט ער נישט געקענט אַרויסברענ־גען אין עברית. ער האָט געזאָגט: „אויך אַ בהמה האָט אַן עק"... אויף עברית וואָלט עס געווען „גם לבהמה יש זנב" און עס וואָלט קיין שום זין נישט געהאַט. האָב איך אים שוין געפרעגט, וואָס ער האָט צום קאָנ־גרעס, און ער האָט קוים אַ שמייכל געטאָן און שוין ווידער גערעדט עברית און געזאָגט, אַז די 18 זיצונגען זיינען פאַר אים געווען אַ שווערע אָנ־שטרענגונג. ער האָט געדאַרפט הערן רעדעס אין עטלעכע שפּראַכן און אַרויסנעמען דעם תמצית פון זיי און ער וועט מוזן נעמען אַביסל אורלויב נאָך דעם, וואָס ער וועט פאַרענדיקן דאָס שרייבן די באַריכטן, אַזיסט וועט ער פאַלן אינמיטן גאַס. און ער האָט צוגעגעבן:

— אייניקע האַלטן, אַז דאָס דאַרף זיין דער לעצטער קאָנגרעס, איך האָב גאָרנישט קעגן דעם ס'זאָל זיין אַזוי.

איך האָב אים געענטפערט:

— דער איצטיקער קאָנגרעס האָט דערוויזן, אַז דער ציוניזם האַלט נישט ביים שלוס, נאָר דווקא ביים אָנהייב. און חוץ דעם וואָלט געווען אַ גרויסע נאַרישקייט, אַז מען זאָל נישט דורכפירן דעם 25סטן קאָנגרעס. דאָס קען דאָך זיין אַ יובילײ־קאָנגרעס פון אויסערגעוויינלעכן פאַרנעם.

און צו זיך אַליין האָב איך געזאָגט, אַז די דאָזיקע, וואָס האַלטן, אַז ייִדיש לעבן אויף די פּלעצער איז אין אַלע פּרטים אַ מוז פאַר דעם קיום פון אונדזער פאָלק, דאַרפן אַריינטרעטן אינעווייניק אין די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס און זיי וועלן דאָרטן קענען טאָן פּרוכטבאַרע אַר־בעט. און אויך פאַר ייִדיש קען דאָ געטאָן ווערן זייער אַ סך.

אין ישראל איז פאַר אַ סך ציוניסטן דאָס ייִדישע לשון שעטנז, אין די תפוצות אָבער זיינען פאַראַן אַ סך גרעסערע שאַנסן פאַר דער אָנער־קענונג פון ייִדיש. נחום גאָלדמאַן, דער שוין זיכערער איינציקער פּרעזי־דענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע רעדט אין איין אָטעם וועגן העברעיש און ייִדיש.

לייענענדיק די רעזאָלוציעס, אין וועלכע גאָלדמאַן האָט אַ גרויסן חלק, וואַרפט זיך מיר אין די אויגן אַריין דער אויסדרוק פון דער האָפ־נונג, אַז אין רוסלאַנד וועט זיך בעסערן די באַציאונג צו ישראל און איך

דערפיל, אַז נחום גאָלדמאַן ווערט נישט בלויז פּרעזידענט, נאָר אויך מנחם מענדל נומער איינס. ער מיינט, אַז ער וועט שלום מאַכן מיט די רוסן און מיט די אַראַבער...

ס'איז ערב נעילה. מען ריכט זיך, אַז מען וועט שליסן דעם קאָנגרעס פרי אין אָוונט. אָבער הינטער די קוליסן פאַרשלעפּט זיך און פאַרשלעפּט זיך. אַכט מיט 30 דאַרף זיך אָנהייבן די שלוס־זיצונג, אָבער זי הייבט זיך נישט אָן. מען דאַרף אָנהייבן זינגען „יתגדל ויתקדש", אָבער מען זינגט נישט. מען דערציילט, אַז אַ דעלעגאַציע איז געשיקט געוואָרן צו ווייצ־מאַנס קבר, אַ פאַרשידנאַרטיקע דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון צביה לובעטקין, הרב נוראָק, אבא קאָוונער, יוסף באַראַץ, רבקה שולמאַן אאַז"וו. די דעלעגאַציע האָט אָוועקגעלייגט אַ קראַנץ בלומען אויף דעם קבר, הרב נוראָק האָט געזאָגט קדיש. מאיר ווייסגאַל און די אלמנה ווייצ־מאַן האָבן אָפּגעוואַרט די דעלעגאַציע.

און די דעלעגאַציע איז שוין צוריקגעקומען און קיין נעילה זאָגט מען נאָך אויך נישט. דער זאַל איז פול אַלציינס ווי ביי דער זיצונג. קיין פּלאַץ פאַר אַ שפּילקע־קעפּל נישט פאַראַן. אָט באַווייזן זיך בן־גוריון באַ־גלייט פון זיין פלונית פּאַליאַ. ער איז שוין נישט אָנגעטאָן אַזוי יום־טוב־דיק, ווי צו דער עפענונג. ער טראָגט אַ מין קורצן מאַנטל מיט אַ פוטער־נעם קאָלנער, וואָס זעט אויס ווי אַ רוסישע „פּאַדיאָווקע". דער עולם אַפּלאָדירט אים. מען זעט אַ סך מיניסטאָרן. מען זעט די דריי עלטסטע דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען דעלעגאַטן אויך צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס: ד"ר יוסף קלויזנער, הרב י. ל. מיימון און יצחק גרינבוים. זייער בלענדן מיט זייער ווייסקייט. מען זעט די רבנים, דעם ספרדישן חכם.

ס'איז נאָך אַלץ ערב נעילה.

אהנטן האָט מען געזונגען, אויבן — זיך געדונגען

ווען ס'איז געוואָרן שטאַרק שפּעט און אויבן האָט מען נאָך זיך אַלץ געדונגען, בין איך אַוועק אין בופעט אַריין און דאָרט האָט מען געזונגען. היימישע לידער געזונגען. אַ סך פון זיי פלעג שמערקע קאַטשערגינסקי ע"ה איינזינגען מיטן עולם אין פּאַריז, ב. איירעס, ריאָ דע זשאַניירא. מער ווי אַלץ הער איך „זאָל זיין שבת". איך קום צו נעענטער. אין מיטן בופעט זיצט אַ גרויסער עולם דעלעגאַטן און געסט און זינגט. שמערקע

פּעלט... איך הער מיין נאָמען. דאָרט, ווו מען זינגט יידיש, קען מען מיך. איך זינג מיט. שמערקע וואָלט עס אַוודאי בעסער געמאַכט. עס איז אַ מאָדנע „קום זיך". דווקא בעת דער פּייערלעכער שלום־זיצונג קומט ער פּאָר. און ער איז פּייערלעכער ווי די זיצונג... איך טרעף מלך ראַוויטש. ער זוכט אַלץ די באַלאַדע. איך באַמערק אים, אַז מען זינגט גלות־לידער דווקא אין ירושלים, ער זאָגט מיר, אַז די לידער פּילן זיך דאָ אין גלות. איך ענטפער אים, אַז זיי פּילן זיך דאָ אין דער היים, אַ סימן: איך אַליין פּיל זיך דאָ אויך אין דער היים.

דריי מאָל זייבען מיר אַרויף אין זאַל מיט געזאַנג און דאָרט האָט מען זיך אַלץ געדונגען.

מיר האָבן ווייטער געזונגען יידיש און העברעיִש און מיר האָבן געהאַט אַ געפיל, אַז מיר האָבן אַלע געפּראַוועט אַ וואַכנאַכט, אַ וווּנדערלעכע וואַכנאַכט אין ירושלים. עס איז געווען צייט פּאַר געזאַנג, טאַנץ, קיבעץ, ערנסטע דיסקוסיעס, חלומען. מאָמענטנווייז בין איך אַרויס אין הויף אַריין און איך האָב געקוקט אויף די גרויסע שטערן, אויף די בערג. איך האָב געשמועסט מיט די נביאים, מיט פּרצן...

— פון וואַנען פּרץ קומט אַהער?

— ער איז דאָ...

ער זאָגט מיר, אַז ער האָט מורא געהאַט פּאַר שלום אימת מוות, אָבער פּאַר צופיל מלחמה האָט ער אויך מורא...

די יהודה־בערג האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ

יוסף שפּרינצאַק עפנט די זיצונג פּונקט 6.30 פאַרטאָג און ער דריקט אויס די האָפענונג, אַז זי איז די לעצטע פון היינטיקן קאָנגרעס און ער מעלדעט, אַז ס׳איז נאָך פאַראַן אויסצוהערן אַ באַריכט פון דער קולטור־ און דערציאונג־קאָמיסיע און עס ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאָג איבערצוגעבן, צוליב דער שפּעטער שעה, דעם גאַנצן ענין צו דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט.

ראָוז האַלפּערן, פּאָרזיצערין פון פּערמאַנענטן קאָמיטעט, דערקלערט, אַז זייט ווייצמאַן איז געשטאָנען אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג, האָט אַ קאָנגרעס נישט אויסגעוויילט קיין פּאָרזיצער, איצטער ווערט פּאָרגעלייגט צו וויילן ד״ר נחום גאָלדמאַן אַלס פּרעזידענט פון דער ציר־

ניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס הערן זיך לאַנג־דויערנדיקע אָוואַציעס און הידד־רופן. אַלע, אויסער די רעוויזיאָניסטן, אָוואַציאָנירן. איינער פון חרות לייגט פאָר ד״ר יוסף שעכטמאַן אַלס פאָרזיצער. עס איז בלויז אַ מאַניפעסטאַציע צו ווייזן, אַז גאָלדמאַן ווערט נישט דערוויילט איינשטימיק. ראָוז האַלפּערן מעלדעט, נאָך דעם ציילן די שטימען, אַז גאָלדמאַן איז דערוויילט. ווידער לאַנג־דויערנדיקע אָוואַציעס. די רעוויזיאָניסטן מאַכן אַ שאַרפע דערקלערונג, אין נאָמען פון מזרחי און פועלי מזרחי און פון דער ציוניסטישער קאָנפעדעראַציע זיינען געמאַכט געוואָרן מילדע דערקלערונגען, וואָס באַדויערן למאַי עס איז נישט געשאַפן געוואָרן קיין עקזעקוטיווו, וואָס זאָל זיך ציִען פון וואַנט צו וואַנט, ס׳הייסט: פון מפ״ם ביז חרות. שפּרינצאַק מעלדעט, אַז מען גייט וויילן דעם ציוניסטישן וועד הפועל און די אַנדערע קאָמיסיעס. ד״ר געלערנטער לייענט די נעמען פון די קאַנדידאַטן. אויסרעכענען זיי איז נישט מיין אויפגאַבע.

ד״ר נ. גאָלדמאַן, וואָס ווערט ווידער אויפגענומען מיט אָוואַציעס, האַלט זיין פּרעזידענץ־וואָרט. ער איז מיד און עמאָציאָנירט. ער דערקלערט, אַז ער האָט לאַנג זיך געראַנגלט מיט ספיקות איידער ער האָט באַשלאָסן אָנצונעמען די פּרעזידענץ. עס קען זיין, אַז פון דער קומענדיקער אַרבעט איז אָפּהענגיק דער גורל פון אונדזער מדינה און פאָלק. די אחריות איז אַ גרויסע. ער דאַנקט זיין שותף בערל לאָקער און דעם פאַרוואַלטונג־מיטגליד ברוך צוקערמאַן, וואָס פאַרלאָזן ביידע זייערע אַמטן. ער דריקט אויס צוטרוי צו זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער. ער פאַרופט זיך אויף דער רעזאָלוציע פון די רעוויזיאָניסטן און ער זאָגט: זיין אין אָפּאָזיציע איז זייער רעכט, אָבער ער בעט זיי זיין אַ לאָיאַלע אָפּאָזיציע. ער ווייזט אָן, אַז די סכנה איז נישט קלענער געוואָרן. און אויך אינעווייניק איז פאַראַן אַ סכנה, נישט מצד די נישט־ציוניסטן און נישט מצד אַנטי־ציוניסטן, נאָר מצד זיך אַליין. מיר טאָרן זיך נישט באַגנוגענען מיטן זאָג „ס׳זאָל זיין גוט״, נאָר מיר דאַרפן טאָן ס׳זאָל זיין גוט.

און שפּרינצאַק שליסט די זיצונג. ער רעדט וועגן די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וואָס זיינען געווען צייכנס פאַר דעם פאָלק. ער ווייזט אָן, אַז דער איצטיקער קאָנגרעס האָט פאַר זיך געהאַט אַ נייע ווירקלעכקייט און ער איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו איר. ער בענטשט ד״ר נ. גאָלדמאַן און דריקט אויס די האָפנונג פון אַלע אויף זיין ריכטיקער הנהגה. ער דריקט אויס אַ דאַנק צו אַלע, וואָס האָבן אָרגאַניזירט און דורכגעפירט דעם קאָנ־

גרעס, וואָס וועט האָבן אַ גרויסן אָפּקלאַנג. מען האָט זיך געקלאָגט, אַז דער זאַל האָט נישט קיין גוטע אַקוסטיק. דער קאָנגרעס אָבער, זאָגט שפּרינצאַק, וועט האָבן אַ ריכטיקע ציוניסטישע אַקוסטיק און לויט דעם אָנגענומענעם נוסח זאָגט דער פאָרזיצער:

„ס׳איז געווען אַ שווערער קאָנגרעס, אָבער אַ גוטער.״

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען דער פאָרזיצער האָט אויסגערופן: „זאָל לעבן מדינת ישראל, זאָל לעבן דער ציוניזם, זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק און זיין דערלייזונג״. דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און אָוואַציאָנירט און געזונגען די התקוה.

עס האָט נאָך גערעדט הרב נוראָק און געבראַכט אַ ציטאַט פון תלמוד איבער דעם עדות־זאָגן וועגן דעם מולד פון דער לבנה, ווען מען האָט אויף דעם באַרג אָנגעצונדן אַ פייער, וואָס אַלע האָבן געזען. דער ציוניסטישער קאָנגרעס, האָט ער אויסגעפירט, האָט אָנגעצונדן אַ פייער וואָס אַלע יידן וועלן זען.

...אַלע זיינען געווען מיד און עמאַציאָנירט. עס האָט זיך געקלערט מיט אַ מידן קאָפּ. אין נאָרד־אַמעריקע זיינען פאַראַן דערפאָלגרייכע פּרעזידענטן פון לאַנד און נישט קיין דערפאָלגרייכע. עס גייען אַוועק יאָרן ביז מען באַשליסט, צי אַ פּרעזידענט איז געווען דערפאָלגרייך. דער קלוגער שפּרינצאַק האָט שוין געזאָגט, אַז דער קאָנגרעס איז געווען אַ גוטער. ער האָט אויסגעדריקט מער אַ ווונטש, ווי אַ מיינונג. צי דער קאָנגרעס איז געווען אַ גוטער, וועט די טעטיקייט פון די קומענדיקע יאָרן דערציילן...

אַרום האָט מען געזונגען און געטאַנצט.

עלף יאָר נאָך דעם ימח שמוס מפלה זינגען יידן און טאַנצן אין דער אייגענער מדינה, אין ירושלים, נאָך דעם 24סטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

און מיר האָבן אַלע געפילט, אַז דער זייער שווערער קאָנגרעס האָט זיך געענדיקט, אָבער די אַרבעט, וואָס דער ציוניזם — און יידן בכלל — דאַרפן ערשט אָנהייבן איז אַ סך שווערער. די יהודה־בערג האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, וואָס זיינען באַדעקט געוואָרן מיט דער אויפגייענדיקער זון.

תם ונשלם.

ביכער פון זעלבן מחבר

נאָך דער פאָרשטעלונג — (גראָטעסקן און בילדער פון יידישן טעאַטער־לעבן) 173 זייטן. ב. איירעס 1926.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער — (טראַגיקאָמעדיע אין 3 אַקטן) 42 זייטן. בוענאָס איירעס 1928. (אויספאַרקויפט).

פוןביידע זייטן ים — (נאָוועלן, גראָטעסקן און בילדער) 126 זייטן. בוענאָס איירעס 1929.

משה לייב האַלפּערן — (אַ קליין קרענצל אויפן קבר פון אַ גרויסן דיכטער) 56 זייטן. בוענאָס איירעס 1932.

פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער — 277 זייטן. וואַרשע 1932. פאַר־לאַג „ליטעראַרישע בלעטער״. (אויספאַרקויפט).

דראַמען — (ר׳ בער ליעווער; צווישן רעוואָלוציאָנערן; הערשעלע אָס־טראָפּאָליער). 186 זייטן. בוענאָס איירעס 1932.

די לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט — מעמואַרן.

ערשטער באַנד. 398 זייטן. ב. איירעס 1942.
צווייטער באַנד. 414 זייטן. ב. איירעס 1942. } (אויספאַרקויפט).
דריטער באַנד. 444 זייטן. ב. איירעס 1942.

מיר ווילן לעבן — (ראָמאַן אין 4 טיילן). פאַרלאַג „יידיש״. 522 זייטן. בוענאָס איירעס 1944. (אויספאַרקויפט).

בראשית פון מדינת ישראל — (רעפּאָרטאַזשן וועגן דער גרינדונג פון מדינת ישראל), 2 בענד. 536 זייטן. ב. איירעס 1948. (אויספאַר־קויפט).

מאַמע יידיש — (עסייען און לעקציעס), 276 זייטן. פאַרלאַג „דוד לער־מאַן״. בוענאָס איירעס 1949.

פשט — (פירושים אויף יידישע שרייבער), 400 זייטן. בוענאָס איירעס 1952. (אויספאַרקויפט).

Este libro se terminó de imprimir el día 12 de diciembre de 1957, en los Talleres Gráficos de JULIO KAUFMAN, S.R.L., Av. Corrientes Nº 1976, Buenos Aires